This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש
2
1972
היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

2

פעווראַל

1972

אינהאַלט

זײַט

די שוועע פון די פעלקער איז הייליק! (דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן וועגן די היטלערישע רעציכעס און דעם ווידערשטאַנד פונעם ייִדישן פאָלק אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. צונויפגעשטעלט — א. בראָדסקי, אַרײַנפיר — י. טשיטשעלניצקי) 3

יאַנקעוו שטערנבערג. מאַנאַלאָגן (פונעם לידערבוך „אין קרײַז פון יאָרן”) 17

יויסעף ראַבין. מײַן טײַערער צעדרייטער (ראָמאַן. סאָף). צייכענונגען פון ה. אינגער 24

אווראָם גאָנטאַר. געמיט. — די קאַטאָרשאַנקע און אַנד. לידער 78

מאָזי קאָבריאַנסקי. וויפל האַלט דער זייגער (דערציילונג) 81

דאָוויד בראָמבערג. פאַרשיידענע לידער 90

מייער יעלין. איין טאָג און אַ נאַכט (דערציילונג) . . 94

שיקע דריז. פון דער דיכטערישער ירושע (לידער) . 118

פונעם ליטעראַטור־אויצער. יויסעף אָפּאַטאָשו. פונעם בוך „קלאַסנקאַמף” 122

זיכרוינעס. ראָכל פעפער. אַזאַ איז ער פאַרבליבן אין מײַן זיכּאָרן 135

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליִאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק. מענדעלע מויכער־ספאָרים און שאָלעם־אַלייכעם 140

אַרן ווערגעליס. שײַלעס און טשוּווּעס 152

אַמשײ ניורענבערג. דער קינסטלער כאַײַם סוטין . 160

ליטעראַרישער טאָגבוך. וולאַדימיר אָגניעוו. קריטיק און קריטיקער 163

מיר ענטפערן אַף פראַגעס פון אונדזערע לייענער. נ. ריכטער. „אויסלייזער” פונעם ייִדישן פאָלק 166

די שטים פון די סאָוועטישע ייִדן 173

אונדזער רעפּליק. סאָניע פרײַ. ניין, ניט אַלפּי־טאָעס 174

אווראָם רובינשטיין. צום יובילײ פונעם וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער 176

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. שאָול טשערניכאָווסקי און זײַן פרוי. — דער דיכטער יעהויִעש אַלס מענטש . 176

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע 178

פאַרשיידנס 180

ביבליִאָגראַפיע. מ. ראָזנהויז. ווערק אין „סאָוועטיש היימלאַנד” פאַרן פעריִאָד יול־אויגוסט 1961 — יול 1971 183

כראָניק 139, 159, 177, 179, 182, 192

באָטיצן אַפן קאַלענדאַר 191

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

אי. באָרוכאָוויטש,
א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן,
נאָטע לוריע, מ. לעוו,
כ. מאַלטינסקי, ב. מילער,
כ. מעלאַמוד, ס. פרײַ.

די שוועבע פֿון די פֿעלקער אין הײליק!

קימאַט אין איינער און דער זעלבער צײַט האָבן אין דער ייִדישער פּרעסע פֿון אויסלאַנד זיך באַוויזן צוויי מיטיילונגען. איינע האָט דערציילט וועגן דעם שאַרפֿן פּראָטעסט, וואָס עס האָט אַרויסגערופֿן בײַ דער פּראָגרעסיווער עפֿנטלעכקײַט אַ דערקלערונג פֿונעם אויסערן־מיניסטער פֿון ייִשׂראָעל אַבאַ עבאַן אין זײַנער אַן אַרויסטרעטונג אויף דער טעלעוויזיע אין ניו־יאָרק. אַבאַ עבאַן האָט געמאָלדן, אַז ווײַטערדיקע מישפּאָטים אויף די נאַצי־פֿאַרברעכערס זײַנען שוין איצט ניט וויכטיק. די צווייטע מיטיילונג איז געווען אַזאַ: אין דער שטאָט עסען פֿון דער דײַטשישער פֿעדעראַטיווער רעפּובליק זײַנען פֿאַרשפּאַרט געוואָרן אין טורמע צוויי ייִדישע יונגעלײַט פֿון פֿראַנקרײַך — פֿראַנסיס לענטשנער און ראַפֿאַעל מאַרטיאַנאָ — פֿאַר דעם, וואָס זיי האָבן דורכגעפֿירט אַ זיץ־שטרײַק אין דער אַדוואָקאַטן־קאָנטאָר פֿון דעם נאַצי־פֿאַרברעכער ערנסט אַכענבאַך.

ווער איז אָט דער אַכענבאַך? בײַם פֿראַנקרײַך איז געווען אָקופּירט, האָט דער דאָזיקער נאַציסט אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיטן עסעס־גענעראַל האַגען, וועלכער האָט דירעקט אָנגעפֿירט מיט דער דעפּאָרטאַציע פֿון העכער הונדערט טויזנט פֿראַנצויזישע ייִדן אין די אויסראָטונגס־לאַגערן. אַכענבאַך האָט ניט נאָר אויסגעמיטן די פֿאַרדינטע שטראָף, נאָר ער איז אַפֿילו געוואָרן, מאָלט אײַך אויס, אַ דעפּוטאַט פֿונעם בונדעסטאַג!

די צוויי יונגעלײַט, וועמענס עלטערן האָבן דורך אַ נס זיך געראַטעוועט פֿון די טויט־לאַגערן, האָבן בײַ אַכענבאַכס הויז אויפֿגעקלעפּט בלעטלעך מיט דער פֿאָדערונג: „וואַרפֿט אַרויס אַכענבאַכן פֿונעם בונדעסטאַג! די נאַצי־פֿאַרברעכער דאַרפֿן געמישפּטעט און פֿאַרורטיילט ווערן!"

דער ייִשׂראָעל־מיניסטער פֿריידיקט, מע זאָל מוחל זײַן די נאַצי־מערדער, וועלכע האָבן ביז איצט אויסגעמיטן די גערעכטיקע שטראָף; די מײַרעוו־דײַטשישע פּאָליציי, גלײַך זי וואָלט „אונטערהערן" עבאַנס געדאַנקען, וואַרפֿט אַרײַן אין טורמע די, וואָס וואַגן צו מאָנען אַ מישפּעט אויף די ייִדן־מערדער!

די אַרויסטרעטונג פֿונעם הויכגעשטעלטן ייִשׂראָעלדיקן מעלוכע־מאַן איז מיצאַד דער עפֿנטלעכקײַט אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי אַן אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע. קעגן דעם איז שווער צו דערווידערן. אויב ריידן מיטן פֿולן מויל, איז דער רוף צו מוחל זײַן די נאַצי־פֿאַרברעכער, וועלכע שפּאַצירן נאָך אַרום, אין די טויזנטער, פֿראַנק־און־פֿרײַ, אַ שענדלעכע פֿאַרשוועכונג פֿונעם הײליקן אָנדענק פֿון די מיליאָנען קאָרבאָנעס פֿונעם פֿאַשיזם, אַ פֿאַרשוועכונג פֿון דער שבֿועה, וואָס די פֿעלקער האָבן געגעבן: „ניט פֿאַרגעסן, ניט מוחל זײַן, ניט באַרויִקן זיך, קאָלזמאַן כאָטש איין נאַצי־מערדער וועט פֿאַרבלײַבן אומבאַשטראָפֿט!".

די דרײַ יאָרצענדליקער, וואָס זײַנען פֿאַריבער, זינט ס'האָט אויפֿגעפֿלאַקערט דער צווייטער וועלט־קריג, זײַנען ניט מעסוגל געווען צו שטילן אין אונדז דעם צאַר און ווייטעק, אויסצולעשן אין אונדזערע הערצער דעם צאָרן און האַס צו די נאַציסטישע ראָצכים. עס שטייט קעסיידער פֿאַר די אויגן דער באַבי יאַר, וווּ דאָס בלוט שפּאַרט אַרויס פֿון דער ערד, ווײַל מערער קאָן זי שוין ניט אײַנזאַפּן אין זיך; און אָט זײַנען פּעק מיט מענטשישע האָר, הויפֿנס מאַלבושים בײַ די טירן פֿון די גאַז־קאַמערס; און אָט ליגן אויף די פּאָליצעס פֿון די קראָמען אין דריטן רײַך בונטע שאַכטלעך זייף, געמאַכט פֿון מענטשן־פֿעטס, און „עלעגאַנטע" רידיקולן, געמאַכט פֿון מענטשן־הויט...

קאָן מען אַזוינס פֿאַרגעסן? מעג מען אַזעלעכס פֿאַרגעסן?

אין די אויערן שטייט נאָך היטלערס ווילדער געבריל: „מיר דאַרפֿן אַנטוויקלען די טעכניק פֿון מענטשן־אויסראָטונג. אויב איר וועט בא מיר פֿרעגן, וואָס איך פֿאַרשטיי אונטער מענטשן־אויסראָטונג, וועל איך זאָגן, אַז איך מיין דערמיט דאָס ליקווידירן גאַנצע ראַסעס. און אָט דאָס האָב איך בעדייע צו פֿאַרווירקלעכן״.

אויך הײַנט פֿאַרמאָגט די מענטשנפֿרעסערישע ראַסיסטישע אידעאָלאָגיע אירע אָנהענגער און נאָכפֿאָלגער. עס דערקלערן דאָך ציניש־אָפֿן די בערטשיסטן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אַז דאָס ערשטע, וואָס זיי וואָלטן געטאָן, קומענדיק צו דער מאַכט, איז — פֿאַרניכטן די ייִדן און די „רויטע״, און די נעאָנאַציסטן אין דער דײַטשישער פֿעדעראַטיווער רעפּובליק באַהאַלטן דאָך ניט אויס, אַז זייער גײַסטיקער פֿאָטער איז היטלער און אַז זייער „ביבל״ איז „מײַן קאַמף״.

מוחל זײַן די נאַצי־פֿאַרברעכער הייסט דעריבער ניט נאָר פֿאַרשוועכן דעם אָנדענק פֿון די קדושים, נאָר אויך שאַפֿן א געפֿערלעכע אַטמאָספֿער פֿון אומבאַשטראָפֿטקײַט פֿאַר די קאָ־לערליי מאָדערנע ראַסיסטן.

אָט פֿאַרוואָס אונדזער ליטעראַטור, וועגן וועלכער מע זאָגט מיט רעכט, אַז זי איז דער זיקאָרן פֿונעם פֿאָלק, ווערט ניט מיד צו שילדערן דעם גרויליקן עמעס פֿון יענער צײַט, ווען די טויט־געפֿאַר איז געהאַנגען איבער גאַנצע פֿעלקער און ראַסעס, ווען די ברוינע כּײַע האָט געשענדט גופֿע דעם באַגריף פֿון מענטשן־רעכט און מענטשן־ווירדע. און אָט פֿאַרוואָס אונדזער ליטעראַטור, א הומאַניסטישע לויט איר גײַסט, ווערט אויך ניט מיד צו פֿלאַנצן אין דעם מענטשנס האַרץ דעם נאָבעלן געפֿיל פֿון פֿעלקער־פֿרײַנטשאַפֿט און פֿאַראַכטונג צו יעטווידער אַנטפּלעקונג פֿון ראַסיזם און שאָוויניזם.

באַנאַנד מיט די פֿילצאָליקע קינסטלערישע ווערק וועגן די פֿאַשיסטישע גזירעס איז אויך געשאַפֿן געוואָרן א היפּשע דאָקומענטאַלע ליטעראַטור. איר באַדײַטונג איז ניט איבערצושאַצן.

צו אָט דעם ליטעראַרישן זשאַנער געהערט אויך די סעריע מאַטעריאַלן, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד״ טרעט צו צו פּובליקירן פֿונעם הײַנטיקן נומער אָן.

דאָס זײַנען דאָקומענטן, באַשרײַבונגען, שריפֿטלעכע גוויִעס־אייִדעס, פֿאָטאָ־דאָקומענטן, וועלכע שטאַמען פֿון פֿאַרשיידענע מעקוירעס און וואָס שטעלן אויף דאָס גרויזאַמע בילד פֿון די נאַציסטישע גזירעס, די פּײַנפֿולע טראַגעדיע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק און פֿון אַנדערע פֿעלקער אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע.

א באַזונדער ווערט האָבן יענע מאַטעריאַלן פֿון דער פּובליקאַציע, וועלכע שילדערן די אַנטינאַציסטישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג, אין וועלכער עס האָט האַנט־בא־האַנט מיט אַלע פֿעל־קער זיך העלדיש באַטייליקט אויך דאָס ייִדישע פֿאָלק. פֿאַקטן און דאָקומענטן באַווײַזן איבער־צײַגעוודיק און בולעט, אַז דער דאָזיקער קאַמף האָט געהאַט אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער, אַז בעראָש פֿון דעם קאַמף זײַנען אין די סאַמע שווערסטע אומשטענדן געשטאַנען קאָמוניסטן — די טרײַע זין און טעכטער פֿונעם אַרבעטס־פֿאָלק.

עס פֿאַרדינט אָפּגעמערקט צו ווערן דער באַלערעוודיקער פֿאַקט, וואָס די מאַטעריאַלן פֿאַר דער דאָזיקער פּובליקאַציע האָט צונויפֿגעשטעלט און צוגעשיקט אין רעדאַקציע ניט קיין פּראָ־פֿעסיאָנעלער היסטאָריקער אָדער ליטעראַטאָר, נאָר א געוויינלעכער לאַנגיאָריקער לייענער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד״, דער טוישעוו פֿון דער סיבירער שטאָט טאָמסק אַלעקסאַנדער יאַקאָוו־לעוויטש בראָדסקי.

א. בראָדסקיס אופֿטו, ווי די לייענער וועלן דאָס זען, פֿאַרדינט אונדזער אַנערקענונג. מיר שפּירן אין זײַן אופֿטו סײַ בירגערלעכע אַכרײַעס, סײַ שעפֿערישע רײַפֿקײַט. דעם שלאַל פֿאַק־טישן מאַטעריאַל האָט מען באַדאַרפֿט גרופּירן לויט די לענדער, ווו די גרויזאַמע פֿאַשיסטישע פֿאַרברעכנס זײַנען באַגאַנגען געוואָרן, אויסשטעלן אים אין א געוויסן כראָנאָלאָגישן סיידער, קאָ־מענטירן די פֿאָטאָ־דאָקומענטן אאַז.

וועגן זײַן קאַוואָנע שרײַבט א. בראָדסקי אין זײַנעם א בריוו: „איך וויל, אַז מיר אַלע זאָלן נאָכאַמאָל באַזיניקן דעם גאַנצן שוידער פֿון דעם, וואָס די נאַצי־מערדער האָבן געטאָן מיטן ייִדישן פֿאָלק און מיט אַנדערע פֿעלקער, מיר זאָלן נאָך שטאַרקער דערשפּירן, ווי אומענדלעך עס דאַרף זײַן אונדזער ליבע צו דער רומפֿולער סאָוועטישער אַרמיי, וועלכע האָט איבערגע־בראָכן דעם רוקן דער ברוינער כּײַע און גערעטעוועט אונדז פֿון פֿולשטענדיקער אויסראָטונג; אין אונדזערע הערצער זאָל אייביק ברענען דער הייליקער האַס צו די פֿעלקער־מערדער״.

אָט דאָס, אייגנטלעך, איז אויך די קאַוואָנע פֿון דער פּובליקאַציע, וואָס „סאָוועטיש היימ־לאַנד״ הייבט אָן פֿון דעם הײַנטיקן נומער.

יעכיִעל טשיטשעלניצקי



פיר מיליאָן דערמאָרדעטע אין אַשווענטשים. איין מיליאָן דרײַ הונדערט אכציק טויזנט — אין מײַדאַנעק. הונדערט צוויי און צוואַנציק טויזנט — אין מאַוטהאַוזען. הונדערט טויזנט — אין זאַקסענהאַוזען...
דאָס בלוט ווערט פאַרקילט אין די אָדערן, ווען דו טוסט א קוק אויף דער נאַציסטישער מאַפּע פון אײראָפּע.

> „...דאָס אײנציקע, וואָס איר וועט קאָנען טאָן פאַר אונדזערטוועגן, — איז נעקאָמע נעמען אין די מערדער... ווי גאָט איז ליב, צאָלט זיי אָפּ אין דער פולער מאָס פאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן געטאָן מיט אונדז...״
> (פון א בריוו, וואָס עס האָט איבערגעלאָזט פאַרן טויט זלאַטע ווישניצקאַיאַ פונעם שטעטל ביטען, ווײַסרוסלאַנד)

די ערשטע קאָרבאָנעס פונעם פאַשיזם

ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, האָבן אין דײַטשלאַנד געלעבט קאַרעוו פינף הונדערט טויזנט ייִדן. אין עסטרײַך האָבן נאָכן „אַנשלוס״ פונעם 11 מאַרט 1938 געלעבט 250 טויזנט ייִדן. די ייִדן פון דײַטשלאַנד און עסטרײַך זײַנען געווען די ערשטע, אויף וועמענס קאָפּ עס איז געפאַלן די פאַשיסטישע האַק.

די הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער אימפּעריִשער געפּאַרלאַזיקײַט אין בערלין האָט אויסגעאַרבעט א פּלאַן פון אַן אָפּעראַציע, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען „דער רויטער האָן״.

אין עסעקעם מיט אָט דעם פּלאַן האָט דער שעף פונעם צווייטן אָפּטייל פון דער געסטאַפּאָ הענריך מיולער פאַנאַנדערגעשיקט איבערן גאַנצן לאַנד פאָלגנדע דירעקטיוו:

„אין די נאָענטסטע עטלעכע שאָ וועלן איבער גאַנץ דײַטשלאַנד פאָרקומען אַרויסטרעטונגען קעגן די ייִדן. אויב עס וועלן אונטערגעצונדן ווערן די סינאַגאָגעס, — זאָל קײן שטערונג דערצו ניט אַרויסגעוויזן ווערן.

צוגרייטן זיך צום אַרעסטירן ניט ווייניקער פון 20 — 30 טויזנט ייִדן.

די ווײַטערדיקע אָנווײַזונגען וועט איר באַקומען אין פאַרלויף פון דער נאַכט״.

די טײַוואָלאָנישע אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער אַכזאָריעס.

דעם 20 אויגוסט האָט דער נאַציסטישער גאַולײַטער אין עסטרײַך ביורקעל אונטערגעשריבן א פאַראָרדענונג וועגן שאַפן „א צענטראַלע ביוראָ פאַר דיסקאָנט און אויסוואַנדערונג פון די ייִדן״, און דעם 12 נאָיאַבער האָט גײדריך מיטגעטײלט גערינגען: „פאַר די אַכט כאָדאָשים

פונעם אַנשלוס זײַנען אַרויסגעשיקט געוואָרן 45 טויזנט ייִדן".

דעם 9 — 10 נאָיאַבער 1938 זײַנען אין דײַטשלאַנד אָרגאַניזירט געוואָרן ייִדישע פּאָגראָמען.

די אָרגאַניזאַטאָרס פון דער „קרישטאָל־נאַכט" האָבן פאַרברענט 815 אונטערנעמונגען, וועמענס באַלעבאַטים זײַנען געווען ייִדן, און 171 וווינהײַזער, עס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן 20 טויזנט ייִדן, מער פון הונדערט האָט מען אָפן אָרט דערהאַרגעט.

באַנאַכט דעם 13 נאָיאַבער זײַנען ווידער אָרגאַניזירט געוואָרן גרויזאַמע פּאָגראָמען, בײַ וועלכע עס זײַנען אונטערגעצונדן און פאַרברענט געוואָרן אַ סך סינאַגאָגעס, הונדערטער אונטערנעמונגען און הײַזער. די נאַציסטן האָבן דערמאָרדעט מער פון דרײַ טויזנט און דעפּאָרטירט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן 12 טויזנט ייִדן. אין דער זעלבער נאַכט איז צערויבט געוואָרן דאָס פאַרמעגן פון פיל ייִדן, קונסט־ווערק, אוניקאַלע ביבליאָטעקן.

די ערשטע מאַסעווע דעפּאָרטאַציעס פון די ייִדן פון דײַטשלאַנד, עסטרײַך און פון דעם „פּראָטעקטאָראַט באָהעמיע און מאָראַוויע" האָבן זיך אָנגעהויבן טייקעף, ווי נאָר דאָס היטלער־דײַטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אַף פּוילן.

דעם 1 אָקטיאַבער 1939 זײַנען פונעם „אַלט־רײַך" דעפּאָרטירט געוואָרן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון פּוילן אַכט טויזנט ייִדן. יעדן טאָג, אין מעשעך פון אָקטיאַבער 1939 — פעברואַר 1940, זײַנען 11 200 ייִדן פון עסטרײַך דעפּאָרטירט געוואָרן אין די טראַנזיט־לאַגערן ליובלין און ניסקאָ. דאָ האָבן די עסעסאָווצעס דורכגעפירט אַ סעלעקציע — אַלטע לײַט, פרויען און קינדער האָט מען אָפּגעשיקט אין דעם טויט־לאַגער אין בעלזשעץ.

סאָף 1939 זײַנען פון ווין אַרויסגעפירט געוואָרן העכער הונדערט טויזנט עסטרײַכישע ייִדן.

אין אָנהייב מאַרט 1940 זײַנען פון שטעטין אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין ליובלין 1200 ייִדן. אַפן וועג קיין ליובלין — אין פּיאַסקע — זײַנען זיי אַלע דערשאָסן געוואָרן.

פון בערלין, האַמבורג, האַנאָווער, דאָרטמונד, מינסטער, דיסעלדאָרף, פראַנקפורט־אַף־מײַן, קאַסעל, נירנבערג, שטוטגאַרט, מינכען, ווין, ברעסלאַו האָבן אָן אויפהער זיך געצויגן עשעלאָנען מיט ייִדן. פון די פופציק טויזנט ייִדן, וואָס זײַנען געבראַכט געוואָרן אין ראַיאָן פון ריגע און מינסק, זײַנען צום סאָף נאָיאַבער 1941 פאַרבליבן בלויז 15 טויזנט. די איבעריקע זײַנען דערמאָרדעט געוואָרן. פונעם 10 ביזן 14 דעקאַבער 1941 זײַנען ניט ווײַט פון קאָוונאַס דערשאָסן געוואָרן 4 טויזנט ייִדן, וועלכע זײַנען דעפּאָרטירט געוואָרן פון דײַטשלאַנד. צענדליקער טויזנטער דײַטשישע און עסטרײַכישע ייִדן זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן אין די וועלדער פון מינסק און ריגע.

דעם 4, 5 און 13 מאַרט 1942 זײַנען אין דער ריכטונג פון אָשווענטשים אַרויסגעגאַנגען דרײַ טראַנספּאָרטן מיט ייִדן פון בערלין. דער ערשטער טראַנספּאָרט איז באַשטאַנען בלויז פון פרויען און קינדער — 1750 מענטשן. 918 פון זיי זײַנען געטייט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערס.

סאָף אַפּרעל 1943 האָט מען הימלערן מיטגעטיילט:

„אינגיכן וועט דער לעבנס־רוים פון גרויס־דײַטשלאַנד זײַן פרײַ פון ייִדן. מיר האָבן נאָך באַ אַ 32 טויזנט ייִדן. דאָס איז אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן אין דײַטשלאַנד".

און אָט דאָס, וואָס ס'איז פאַרבליבן, — העכער 30 טויזנט ייִדן, זײַנען אין דער ערשטער העלפט 1943 דעפּאָרטירט געוואָרן קיין פּוילן, ריגע און מינסק.

פאַר פיר יאָר האָבן די נאַצישע ראָצכים אויסגעראָטן קימאַט אַלע ייִדן פונעם דריטן רײַך.

דער ראַווענסבריוקער טויט־לאַגער

אין צענטער פון דעם מאַקלענבורגער פּלאַטאָ, ניט ווײַט פון דער פינסטענבערגער אָזערע, אַ קילאָמעטער 75 — 80 פון בערלין, איז אין סענטיאַבער 1939 געשאַפן געוואָרן דער קאָנצענטראַציע־לאַגער ראַווענסבריוק. דאָס איז געווען אַ לאַגער פאַר פרויען. אהער האָבן די פאַשיסטן

דער איידעס אַפן נירנבערגער פּראָצעס דזידאָ, איבער וועלכער דער נאַציסט שידלאָווסקי האָט דורכגעפירט זײַנע פאַרברעכערישע עקספּערימענטן.

דעפּאָרטירט מער פון 120 טויזנט פרויען פון אכצן לענדער פון אייראָפּע.

דער קאָמענדאַנט פונעם לאַגער פריץ סוריי, זײַן געהילף שווארצהובער, די הויפּט־אופזעערן דאַראָטעיאַ בינץ און די עלטערע מעדיצינישע שוועסטער עליזאַבעט מאַרשאַל האָבן פאַרוואַנדלט דעם לאַגער אין אַ גהענעם. די עסעסאָווקע דאַראָטעיאַ בינץ האָט אכזאָריעסדיק זיך איזדיעקוועט איבער די פאַרורטיילטע. זי פלעגט אָנרייצן אַף זיי איר הונט, פאַרטרײַבן אין די בונקערס און אין מעשעך פון עטלעכע מעסלעס נאָכאַנאַנד ניט לאָזן זיי אַף אַ רעגע זיך צוזעצן. אַ געוויינלעכע זאַך איז בא איר געווען שמײַסן די אומגליקלעכע מיט ריטער איבערן הוילן לײַב, זי פלעגט מיט גוואַלד צונעמען בא די מאַמעס די קינדער און פאַרניכטן זיי אין די גאַז־קאַמערס.

די מעדיצינישע שוועסטער עליזאַבעט מאַרשאַל פלעגט פערזענלעך אָפּקלײַבן אינעם לאַגער־שפּיטאָל די שוואַך־קראַנקע און אוועקפירן זיי אין די גאַז־קאַמערס. אין נאָיאַבער 1944 האָט די דאָזיקע מערדערן דורכגעפירט אין לאַגער אַן אָרדנטלעכע סעלעקציע, בייס וועלכער 800 פרויען זײַנען אוועקגעפירט געוואָרן קיין כעלמיאָ און דערמאָרדעט געוואָרן.

דער הויפּט־דאָקטער פונעם לאַגער, דער נאַציסט שידלאָווסקי האָט סיסטעמאַטיש דורכגעפירט עקספּערימענטן אַף לעבעדיקע מענטשן. קעדיי פעסטשטעלן די ווירקונג פון די סולפּאַמיד־פּרעפּאַראַטן אַף אָנקאָלאָגישע קראַנקײַטן, פלעגט ער מאַכן בא די פרויען טיפע רעזעקציעס אַף די מוסקולן פון די פיס און אַרײַנשפּריצן אין זיי אינפעקציעס. שידלאָווסקיס אַסיסטענט איז געווען עליזאַבעט מאַרשאַל.

אינעם ראַווענסבריוקער לאַגער זײַנען דערמאָרדעט געוואָרן 92 טויזנט פרויען.

דאָ איז אומגעבראַכט געוואָרן אַנאַ פראַנק

ניט ווײַט פונעם דאָרף בערגען, וואָס ליגט אַף דעם מאַגיסטראַל־וועג קיין האַמבורג, איז לויט הימלערס באַפעל אויסגעבויט געוואָרן דער קאָנצענטראַציע־לאַגער בעלזען. דאָ זײַנען ניט געווען קיין גאַז־קאַמערס. מענטשן זײַנען געפאַלן אין די טויזנטער פון הונגער און קרענק. די טויטע קערפּערס פלעגט מען ניט באַערדיקן.

אין איינעם אַ מאַרט־טאָג פון 1945 איז אין בערגען־בעלזען אומגעבראַכט געוואָרן אַנאַ פראַנק. עטלעכע טעג פאַר דעם איז דאָ אומגעקומען איר שוועסטער מאַרגאָ פראַנק.

די קינדער האָבן ניט געוווּסט, אַז זייער מוטער איז אומגעקומען אין אָשווענטשים. די רויטע אַרמיי האָט באַפרײַט זייער פאָטער אָטאָ פראַנק, וועלכער האָט זיך אויך געפונען אין אָשווענטשים. ער איז רעפּאַטריִירט געוואָרן אַהיים קיין אַמסטערדאַם, ווו ער האָט געפונען דעם בארימטן טאָגבוך פון זײַן טאָכטער.

ווען די ענגלישע סאָלדאַטן האָבן באַפרײַט בערגען־בעלזען, האָבן זיי באַם אַרײַנגאַנג אינעם לאַגער אוועקגעשטעלט אַ טאָוול מיט אַן אויפשריפט: „די טעריטאָריע פונעם בעלזענער קאָנצענטראַציע־לאַגער איז באַפרײַט געוואָרן דעם פופצעטן אַפּרעל 1945. מיר האָבן דאָ געפונען 10 טויזנט ניט קיין באַערדיקטע מייסים... דאָס זײַנען קאָרבאָנעס פון דער דײַטשישער „נײַער אָרדענונג" אין אייראָפּע..."

אָט איז ער, דער נאַצי־סאַדיסט

דער עסעסאָווועץ גערהאַרד מאַרטין סאָמער האָט אין בוכענוואַלד מיט די אייגענע הענט דערשטיקט און דערשאָסן 187 מענטשן און פיר הונדערט געמאַכט פאַר קאַליקעס. דער נאַצי־סאַדיסט פלעגט אַרײַנשפּריצן אינעם בלוט פון די געפאַנגענע דעם גיפטיקן עוויפאַן און דערנאָך זיי הארגענען. עס איז געווען שוידערהאַפט זײַן סאַדיסטישע רעציכע. פאַכנדיק מיט זײַן קאַנטשיק, האָט ער געצוווּנגען די ייִדן פויזען אַף אַלע פיר, האַווקען ווי הינט, ציפּען מיט די ציין דאָס גראָז.

דאָס האָט ער, סאָמער, צוגעטראַכט אַ נײַעם אויפן פון אופהענגען זײַנע קאָרבאָנעס אַף ביימער. דערבײַ פלעגט ער שרײַען: „איר וועט דאָ הענגען און שטאַרבן ניט אַזוי, ווי די איבעריקע. דער טויט וועט זיך לאַנג מיט אײַך שפּילן"...

בעראָש פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג — די קאָמוניסטן

אין די פינצטערע טעג פונעם צעיושעטן היטלער־טעראָר האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דײַטשלאַנד פאַרלוירן טויזנטער און טויזנטער אירע אַקטיווע טוער.

דעם 3 מאַרט 1933 האָט די געסטאַפּאָ אַרע־סטירט ערנסט טעלמאַנען. עס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן קימאַט אַלע מיטגלידער פֿונעם צק פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, 180 טויזנט פּאַר־טיי־אַקטיוויסטן. זיי זײַנען פֿאַרפּײַניקט געוואָרן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אין די קאַ־זעמאַטן פֿון געסטאַפּאָ.

טראָץ די גרויסע פֿאַרלוסטן, האָט דער אונ־טערערדישער צק פֿון דער קאָמפּאַרטיי דורכגע־פֿירט אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט אויף צו פֿאַרייניקן אַלע ווידערשטאַנד־קויכעס אין לאַנד.

איינע פֿון די סאַמע גרעסטע אַנטיפֿאַשיסטישע ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס אין בערלין איז געווען די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע „אינער־לעכער פֿראָנט”. זי האָט אײַנגעשטעלט אַ קאָנ־טאַקט מיט דער אונטערערדישער אַנטיהיטלע־רישער אָרגאַניזאַציע בראָש מיט באַראָ־שולץ בויזען, וועלכער האָט געאַרבעט אין איינעם פֿון די אָפּטיילן פֿון דעם אוויִאַציע־מיניסטעריום.

אין 1939 האָט שולץ בויזענס גרופּע זיך פֿאַ־רייניקט מיט אַ צווייטער מעכטיקער ווידער־שטאַנד־גרופּע, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפֿירט דער דאָקטאָר פֿון פֿילאָסאָפֿיע אַרוויד כאַרנאַק.

אָן אָנגעזעענע ראָליע אין אָט דער פֿאַרייניק־טער אַנטינאַציִשער ווידערשטאַנד־גרופּע האָבן געשפּילט אַדאַם קוקראָף, איזאָן זיג, וואַלטער גו־זעמאַן, דזשאָן גראַודענץ, ווילהעלם גודאָרף.

די פֿאַרייניקטע גרופּע האָט אײַנגעשטעלט אַן ענגן קאָנטאַקט מיט די ייִדישע יוגנטלעכע ווי־דערשטאַנד־גרופּעס, בראָש פֿון וועלכע עס זײַ־נען געשטאַנען הערבערט באַום, האַנס פּרוקע און יאָאַכים פֿראַנק.

אָט די און פֿיל אַנדערע אומלעגאַלע ווידער־שטאַנד־אָרגאַניזאַציעס האָבן אַקטיוויזירט זייער טעטיקייט נאָכן אָנפֿאַל פֿונעם היטלער־דײַטש־לאַנד אויפֿן סאָוועטנפֿאַרבאַנד. זיי האָבן פֿאַריי־ניקט די באַמיִונגען פֿון די ווידערשטאַנד־קויכעס מיט דעם קאַמף פֿון דער רויטער אַרמיי.

הערבערט באַום און זײַנע שלאַכט־כאַווייִרים

דער אַרבעטער פֿונעם סימענס־זאַוואָד אין בערלין, דער יונגער קאָמוניסט הערבערט באַום איז געוואָרן דער אָרגאַניזאַטאָר און אָנפֿירער פֿון אַ גרויסער ייִדישער אַנטיפֿאַשיסטישער ווי־דערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין דײַטשלאַנד. ווי געזאָגט, איז די אָרגאַניזאַציע שפּעטער אַרײַן אין באַשטאַנד פֿון דער בויזען־כאַרנאַק־גרופּע.

באַום און זײַנע כאַווייִרים האָבן געדרוקט און פֿאַרשפּרייט פֿלוגבלעטלעך, אין וועלכע ס׳איז באַוויזן געוואָרן דער כײַישער פּאַרצוף פֿון די פֿאַשיסטישע פֿירער — היטלער, גערינג, הימ־לער, ריבענטראָפּ, געבעלס, — און געוויזן אַראָפּצושלײַדערן די רעגירונג, וואָס באַשטייט פֿון מערדער און סאַדיסטן.

אין מאַרט 1942 האָט באַומס גרופּע זיך צע־טיילט אויף עטלעכע פּיליאַלן מיט אַ שטרענג־קאָנספּיראַטיווער דיסציפּלין.

הערבערט באַום מיט זײַנע נאָענטע שלאַכט־פֿרײַנט — מאַרטין קאָכמאַן, סוזאַנע וועסע און אירענע וואַלטער — האָבן אָנגעבונדן אַ קאָנ־טאַקט מיט צוויי אַנדערע ייִדישע ווידערשטאַנד־גרופּעס, בראָש מיטן אינזשעניער יאָאַכים פֿראַנק און מיט האַנס פּרוקע. זיי האָבן אַרויס־געוויזן איינע דער אַנדערער קעגנזײַטיקע הילף, קאָאָרדינירנדיק זייער טעטיקייט.

ווען די היטלעראָווצעס האָבן אײַנגעאָרדנט אין בערלין, אין לוסטגאַרטען, אַן אַנטיסאָוועט־טישע אויסשטעלונג, קעדיי מיט דעם אָפּציִען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿונעם דײַטשישן פֿאָלק פֿון די מאַפּאָלעס, וואָס די היטלער־אַרמיי האָט געליטן אונטער מאָסקווע, האָט הערבערט באַומס אָרגאַ־ניזאַציע באַשלאָסן זי פֿאַרניכטן.

דעם 15 מאַרט 1942 איז די אויסשטעלונג אונ־טערגעצונדן געוואָרן אין פֿאַרשיידענע ערטער. דאָס איז געווען אַ געוואַגטע ווידערשטאַנד־אַק־ציע קעגן פֿאַשיזם.

אין מעשעך פֿון יוני 1942 האָט די געסטאַפּאָ אַרעסטירט קימאַט אַלע מיטגלידער פֿון באַומס קאַמפּס־פֿאַרייניקונג, און כאָטש זיי — מער פֿון פֿינף הונדערט ייִדן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין שײַכעס צום אונטערצינדן די פֿאַשיסטישע אויסשטעלונג. צוויי הונדערט פֿופֿציק פֿון זיי זײַנען דערשאָסן געוואָרן אין הויף פֿון די עסעס־קאַזאַרמעס, די איבעריקע האָט מען פֿאַרפּײַניקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

זיבן און צוואַנציק יונגעלײַט און מיידלעך פֿון באַומס גרופּע זײַנען פֿאַרמישפּעט געוואָרן צו טויט־שטראָף.

הערבערט באַומען האָט געמישפּעט אַ ספּעצי־עלער געריכט. ער איז פֿאַרמישפּעט געוואָרן צו טויט־שטראָף דורך אָפּהאַקן דעם קאָפּ.

דער טויט־אורטייל איז אויסגעפילט געוואָרן אין טורמע־הויף אין פלאַטצענזייע דעם 4 מארט 1943. גייענדיק אין זייער לעצטן וועג, האָבן די יונגע מארטירער געזונגען ייִדישע קאמפס־לי־דער און דעם אינטערנאציאָנאל.

אין בערלין, אַף דעם ווײַסענזייע־פּלאַץ, האָבן די מאכט־אָרגאנען פון דער דײַטשישער דעמאָק־ראטישער רעפּובליק אוועקגעשטעלט א דענק־מאָל די ווידערשטאנד־קעמפער פון הערבערט באומס גרופּע.

העלדן פונעם אנטיפאשיסטישן ווידערשטאנד

רודי ארנדט

רודי ארנדט איז אלט געווען אכצן יאָר, ווען ער איז געוואָרן א מיטגליד פון דעם קאָמוניסטישן יוגנט־פארבאנד, און צו צוואנציק יאָר איז ער ארײַנגעטראָטן אין דער דײַטשישער קאָמוניסטישער פארטיי.

אין 1932 ווערט ער אויסגע־ווײלט אלס מיטגליד פונעם צענט־ראל־קאָמיטעט פונעם דײַטשישן קאָמיוג.

ווען היטלער האָט פארכאפּט די מאכט, איז רודי ארנדט, ווי טויזנ־טער אנדערע קאָמוניסטן און קאָ־מיוגיסטן, ארעסטירט געוואָרן. מער פון דרײַ יאָר האָט מען אים אָפּגע־האלטן אין דער בראנדענבורגער טורמע, פון דאָרט איז ער ארי־בערגעפירט געוואָרן צוערשט אין דאכאו, זאקסענהאוזען, און שפּע־טער — אין בוכענוואלד.

רודי ארנדט אָרגאניזירט אין לאגער א ייִדישן ווידערשטאנד־קאָמיטעט, שאפט אינעם בלאָק נום. 22 א קאָמוניסטיש קעמערל און פירט רעגולער דורך געהיימע פארטיי־באראטונגען.

אין הארבסט 1939 זײַנען קיין בוכענוואלד דעפּאָרטירט געוואָרן ייִדן פון פּוילן, וועלכע מע האָט ארײַנגעוואָרפן אין דעם אזויגערו־פענעם „קליינעם לאגער", ווּ זיי זײַנען געווען פארורטיילט אַף א לאנגזאמען הונגער־טויט. רודי ארנדט האָט אײַנגעשטעלט מיט זיי א קאָנטאקט, געקראָגן און איבערגעגעבן פאר־זייערטוועגן פּראָדוקטן און מעדיקאמענטן.

אין בלאָק נום. 22 האָט רודי ארנדט דורכגעפירט פּאָליטישע און ליטערארישע פאָרלעזונגען, אָרגא־ניזירט קרײַזלעך פאר זעלבסטבילד־דונג.

די, וואָס האָבן זיך געראטעוועט פונעם לאגער, וועלן קיינמאָל ניט פארגעסן, ווי‌אזוי רודי ארנדט פלעגט נאָך דער קאטאָרזשנער האָרעוואניע פארן טאָג, אָפט א צעמאזיקטער, שמועסן מיט די פארפּײַניקטע, פארצווייפלטע מענטשן און פלאנצן אין זיי מוט און גלויבן אינעם ניצחון.

דעם דריטן מײַ 1943 האָבן די נאציסטן זיך דערוווּסט וועגן זײַן טעטיקײַט. מ׳האָט באפוילן, ער זאָל זיך יאווען צו די לאגער־טויערן. דאָרט האָט אַף אים שוין געווארט דער האופּטשטורעמפירער שאָ־בערט, וועלכער האָט היסטעריש אויסגערופן:

— א, ביסט געקומען, ייִדישער קיניג!

רודי ארנדט האָט פארשטאנען, אז דאָס איז זײַן סאָף. דעם 4 מײַ האָט מען אים, א פארקאָוועטן אין האנט־קייטן, אָפּגעשוואכטן פון די אכזאָריעסדיקע פּײַניקונגען, אוועקגעפירט צו די שטיין־קארי־ערן. ער האָט מיט פאראכטונג גע־קוקט זײַנע הענקער גלײַך אין די אויגן.

— מיר וועלן זיגן! ס׳וועט אײַך פאר אלץ אָפּגעצאָלט ווערן!.. — דאָס זײַנען געווען רודי ארנדטס לעצטע ווערטער...

אָלגע בענאריאָ־פּרעסטעס

אָלגע איז געבוירן געוואָרן אין מינכען דעם 12 פעווראל 1908. איר פאָטער, לעאָ בענאריאָ, איז געווען א ייִד, די מוטער — א דײַ־טשקע.

נאָך גאָר א יונגע פארלאָזט אָל־גע איר היים און פאָרט אוועק קיין

בערלין. אין 1926, ווען זי איז אלט געווען אכצן יאָר, ווײלט מען זי אויס אין נײַ־קעלנער ראיקאָם פון קאָמיוג אלס פארוואלטער פונעם אגיטאציע־ און פּראָפּאגאנדע־אָפּ־טייל. אינגיכן ווערט זי סעקרעטאר פונעם ראיאָנעם קאָמיוג־קאָמיטעט, און אין צוויי יאָר ארום — מיט־גליד פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון קאָמיוג פון דײַטשלאנד.

ווען דער נאציאָנאלער העלד פון בראזיליע, דער פירער פון די בראזיליער קאָמוניסטן לויִס קאר־לאָס פּרעסטעס האָט געווײַלט אין דײַטשלאנד און שוין באדארפט זיך אומקערן אהיים, האָט דער צענט־ראל־קאָמיטעט פון דער דײַטשי־שער קאָמוניסטישער פארטיי באופטראָגט אָלגען אים באגלייטן אין זײַן רײַזע.

אָלגע בענאריאָ איז געוואָרן פּרעסטעסעס לעבנס־פרײַנט. טאקע

אין אַט דער צײַט איז זי, א שוואַנגערע, אַרעסטירט געוואָרן, די פאַשיסטן האָבן זי אַרײַנגעוואָרפן אין דער בערלינער פרויען-טורמע אַף דער באַטנימשטראַסע, נומ. 10.

אין טורמע האָט אָלגע געבוירן א טאָכטער. אדאַנק די באַמיִונגען פון אירע פרײַנט-אנטיפאַשיסטן איז געלונגען ארויסרײַסן דאָס קינד פון די פאַשיסטישע נעגל און אוועקפירן עס קיין מעקסיקע, ווו ס'האָט געלעבט די מוטער פון לויִס קאַרלאָס פּרעסטעס.

פון דער בערלינער פרויען-טורמע האָבן די נאַציסטן אוועקגעפירט אָלגען אינעם ליכטענבורגער קאָנצלאַגער, און פון דאָרטן — אינעם ראַווענסברוקער טויט-לאַגער.

אָלגע בענאַריאָ איז געוואָרן דער ליבלינג אינעם 11-טן בלאָק, ווו זי האָט זיך געפונען. טראָץ דעם טעראָר-רעזשים, האָט זי אײַנגעאָרדנט ליטעראַרישע פאַרלעזונגען, געפירט פּאָליטישע שמועסן מיט די דעפּאָרטירטע, געטרייסט זיי און דערמוטיקט.

אינעם 11-טן בלאָק זײַנען געווען א סאַך יידישע פרויען. זיי פלעגן זאָגן צו בענאַריאָ:

— איר קאָנט זיך ראַטעווען, איר זײַט דאָך ניט קיין פולע יידישקע.

אַף דעם פלעגט זי ענטפערן:

— ניין, איך בין א יידישקע, און דער גורל פון מײַן טאַטנס פאָלק דאַרף זײַן אויך מײַן גורל.

איינמאָל האָט אָלגע צוגערייט א טעאַטראַלע פאַרשטעלונג — א בײַסיקע פּאַראָדיע אַף דער פאַשיסטישער ראַסן-טעאָריע. מע האָט זי אַרײַנגעזעצט אַף זעקס כאַדאָשים אין א פינצטערן קאַרצער.

דעם 30 אַפּרעל 1942 איז זי צוזאַמען מיט א סאַך אַנדערע אנטיפאַשיסטן אוועקגעפירט געוואָרן אינעם בארענבורגער לאַגער, ווו זי איז געטייט געוואָרן אין דער גאַז-קאַמער.

ראָזע מענצער

זי איז געבוירן געוואָרן אין דער ליטע אינעם שטעטל פּלוגאַני. אין 1910 האָט זי עמיגרירט קיין דײַטשלאַנד. געלעבט אין בערלין.

בײַס דער ערשטער וועלט-מילכאָמע איז ראָזע מענצער אריבערגעפאָרן קיין דרעזדען. דאָרט טרעט זי אַרײַן אינעם „פאַרבאַנד פון די ספּאַרטאַקאַוצעס", וועלכער איז, ווי באַוווסט, געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער מאַרקסיסטיש-לענינישער פּאַרטיי פונעם דײַטשישן פּראָלעטאַריאַט. מענצער איז געווען צווישן אירע גרינדער.

אין 1934 איז ראָזע מענצער אַרעסטירט געוואָרן און אױך אָפּגעזעסן אין טורמע 18 כאַדאָשים. ארויס אַף דער פרײַ, האָט זי מיט לײַב און לעבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער טעטיקײַט, איז געוואָרן איינע פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אנטינאַציזשער ווידערשטאַנד-באַוועגונג אין דײַטשלאַנד.

אין 1939 האָט מען ראָזע מענצער ווידער אַרעסטירט. נאָך גרויזאַמע פּײַניקונגען אין געסטאַפּאָ איז זי דעפּאָרטירט געוואָרן אינעם אָשווענטשימער טויט-לאַגער.

אין מאַרט 1944 האָבן די נאַציסטישע מערדער זי אומגעבראַכט.

מאַריאַנא יאָאַכים

מאַריאַנא יאָאַכים איז געווען א מיטגליד פון דער אנטינאַציסטישער ווידערשטאַנד-גרופּע, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט הערבערט באַום. זי האָט אַקטיוו זיך באַטייליקט אינעם פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע אנטיפאַשיסטישע ליטעראַטור, געדרוקט אַף א העקטאָגראַף פלוגבלעטלעך און זיי פאַנאַנדערגעקלעפּט אַף די ווענט פון די פאַבריק-זאַוואָדישע מױרען.

איינעם מיט נאָך זיבן און צוואַנציק יונגע אנטינאַציסטישע קעמפער פון באַומס גרופּע איז מאַריאַנא יאָאַכים פאַרמישפּעט געוואָרן צום טויט.

אין א צעטעלע, וואָס זי האָט איבערגעגעבן פון דער טויט-קאַמערע, האָט מאַריאַנא געשריבן:

„איך פאַרליר ניט דעם מוט. איך גיב זיך ניט אונטער דעם געפיל פון פאַרצווייפלונג..."

און זי גיט צו לעניִנס ווערטער:

„געדולד — איז דער לאָזונג פון א רעוואָליוציאָנער".

הילדע מאַנטע

אין דער יידישער ווידערשטאַנד-אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט האַנס פּרוקע, האָט הילדע מאַנטע אויסגעפילט די שליכעס פון א פאַרבינדלערן מיט אַנדערע צוויי ווידערשטאַנד-גרופּעס, בעראָש מיט הערבערט באַום און יאָאַכים פראַנק. גלײַכצײַטיק האָט זי פאַרשפּרייט אומלעגאַלע ליטעראַטור און געפירט אָן אנטיפאַשיסטישע אגיטאַציע צווישן די אויסלענדישע אַרבעטער.

ס'איז פּינקטלעך ניט באַוווסט, באַ וועלכע אומשטענדן עס איז אומגעקומען אָט די יונגע העלדין. ס'איז פאַראַן א האַשאָרע, אַז הילדע מאַנטע איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ אין פּעריאָד, ווען ס'איז צעגראָמירט געוואָרן די אונטערערדישע אנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע אין בערלין, לעערעך אין פעוורואַל 1942.

דער אופשטאַנד אין בוכענוואַלד

דעם 3 אַפּרעל 1945 איז אין לאַגער דורך דער ראַדיאָ אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל: „אַלע ייִדן דאַרפן זיך אויסשטעלן אַף דעם פּלאַץ לעבן טויער, קעדיי עוואַקויִרט צו ווערן...״

די היטלעריסטן האָבן זיך געגרייט פאַרניכטן דעם לאַגער. דער אונטערערדישער אַנטיפאַשיסטישער צענטער אין בוכענוואַלד האָט אָנגענומען אַ באַשלוס: די ייִדן ניט אַרויספירן. מ׳האָט אַלעמען געוואָרנט, עס זאָל אויסבאַהאַלטן ווערן דער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַם. די סאָוועטישע אונטערערדלער האָבן, לויט דער אָנווײַזונג פונעם צענטער, פאַרגרייט פון רויטן צײַג הונדערטער דרײַעקיקע בענדלעך מיטן בוכשטאַב „ר״. די ייִדן האָבן אַראָפּגעריסן פון זיך די מאָגנדאָווידן און צוגענייט די דאָזיקע בענדלעך, וואָס עס האָבן געטראָגן די רוסישע קאַצעטלער.

לויט היטלערס באַפעל האָט דער לאַגער אין בוכענוואַלד געדאַרפט פולשטענדיק פאַרניכטעט ווערן דעם 11 אַפּרעל ביז פינף אַזייגער באַטאָג. מע האָט ניט געטאָרט פאַרלירן קיין רעגע. דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנטיפאַשיסטישער צענטער האָט באַשלאָסן אָנצוהייבן אַ באַוואָפנטן אופשטאַנד. אינעם אופשטאַנד האָבן זיך באַטייליקט מער פון 20 טויזנט מאַן. פינף טויזנט סאָוועטישע געפאַנגענע, באַוואָפנטע מיט געווער פון די געהיימע סקלאַדן, האָבן גענומען שטורמעווען די היפּט־טויערן, מ׳האָט געריסן די דראָט־פאַרצוימונגען מיט וואָס נאָר ס׳האָט זיך געטראָפן אונטער די הענט — מיט לאָפּעטעס, קירקעס, לאָמען. מער פון 700 עסעס־לײַט זײַנען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין די באַראַקן. דער אופשטאַנד, אין וועלכן ס׳האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אויך די ייִדן, האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ זיג. אין בוכענוואַלד איז געשאַפן געוואָרן אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג.

דעם 19 אַפּרעל 1945 האָבן די אופשטענדלער זיך פאַרזאַמלט אַף דעם אַפּעל־פּלאַץ, קעדיי צו באַערן דעם אָנדענק פון די 51 טויזנט מענטשן, וואָס זײַנען ראַצכיש אומגעבראַכט געוואָרן אין בוכענוואַלד. זיי האָבן געשווירן ניט אופהערן דעם קאַמף, ביזוואַנען דער לעצטער פאַשיסטישער פאַרברעכער וועט ניט געשטעלט ווערן פאַרן מישפּעט און וועט ניט באַקומען די פאַרדינטע שטראָף.

די טראַגעדיע פון די טשעכישע ייִדן

אין מאַרט 1938 האָט היטלער פּראָקלאַמירט דאָס שאַפן דעם פּראָטעקטאָראַט „באָהעמיע און מאָראַוויע״. אין סלאָוואַקיע איז צו דער מאַכט געקומען די עקסטרעם־רעכטע בורזשואַזע גלינקע־פּאַרטיי מיט אַן אויסגעשפּראָכענער פּראָפאַשיסטישער אָריִענטאַציע.

אַפן צוזאַמענפאָר פון דער דאָזיקער פּאַרטיי, אין אָקטיאַבער 1939, האָט דער פּרעזידענט פון סלאָוואַקיע טיסאָ — אַ קאַטויִלישער קסיאָנדז — דערקלערט: „מיר האָבן אויסגעקליבן פאַר זיך די דײַטשישע אָריִענטאַציע... איך האָב פאַרזיכערט היטלערן, אַז ער וועט קיינמאָל זיך ניט אַנטוישן אין דער סלאָוואַקישער מעלוכע״...

אין סלאָוואַקיע, מיט דער הילף פון האַנס גלאָבקע, זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַנטיסעמיטישע געזעצן. איבער גאַנץ סלאָוואַקיע האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן און דעפּאָרטאַציעס פון ייִדן.

אין מעשעך פון יאַנוואַר — פעוורואַל 1942 זײַנען 55 טויזנט ייִדן און ציגײַנער — בירגער פון טשעכאָסלאָוואַקיע דעפּאָרטירט געוואָרן אַף מיזרעך. זיי זײַנען דערמאָרדעט געוואָרן אין די וועלדער פון מינסק און ריגע.

אין מאַרט 1942 איז קיין בראַטיסלאַוו געקומען צו פאָרן אײַכמאַן, און אײַנגיכן זײַנען נאָך צוואַנציק טויזנט ייִדן (אונטערן אויסרייד, אַז דאָס ווערט פון סלאָוואַקיע אויסגעטיילט אַרבעטס־קראַפט פאַרן דריטן רײַך) אַרויסגעפירט געוואָרן אַף מיזרעך אין די פאַרניכטונג־לאַגערן. אין דעם זעלבן כוידעש מאַרט זײַנען פון „באָהעמיע און מאָראַוויע״ דעפּאָרטירט געוואָרן קיין כעלמנע 56 טויזנט ייִדן, דערין 11 טויזנט ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס זײַנען נאָך קיין אַכצן יאָר ניט אַלט געווען.

אין יול 1942 איז אײַכמאַן ווידער געקומען קיין בראַטיסלאַוו, און נאָך 25 טויזנט ייִדן זײַנען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אָשווענטשים.

און אָט איז דער בלוטיקער סאַכאַקל: 280 טויזנט טשעכאָסלאָוואַקישע ייִדן זײַנען געפאַלן אַ קאָרבן פון די נאַציסטישע מערדער — פאַרניכטעט געוואָרן אין די טויט־לאַגערן פון אָשווענטשים, מײַדאַנעק, טרעבלינקע, סאָביבאָר, כעלמנע און אין אַנדערע ערטער.

לידיצע

אַלס נעקאָמע פאַרן דערשיסן דעם נאַצי־מערדער ריינהאַרדט גיידריך האָבן די היטלעריסטן אָפּגעווישט פון דער ערד דעם טשעכישן שאַכטאָרן־ייִשעוו לידיצע. די גאַנצע באַפעלקערונג איז פאַרניכטעט געוואָרן.

שפּעט אָפּדערנאַכט דעם 9 יוני 1942 האָבן די מערדער זיך אַרײַנגעריסן אינעם ייִשעוו און גענומען אַרויסטרײַבן די אײַנוווינער פון זייערע הײַזער. אַלע לידיצער טוישווים זײַנען פאַר־

טריבן געוואָרן צו דעם קלויסטער־פּלאַץ. די פרויען און קינדער האָט מען אָפּגעטיילט פון די מאַנצבלען און אוועקגעפירט אין דער אָרטיקער שול. די מאַנצבלען האָט מען פאַרשפּאַרט אין די סטאַדאָלעס, וווּ זיי האָבן זיך געפונען די גאַנצע נאַכט אונטער אַ פאַרשטאַרקטער וואַך.

פאַרטאָג דעם 10 יוּן האָט מען די מאַנצבלען, גרופּעסווײַז צו צען מענטשן, אוועקגעפירט צום עק ייִשעוו און דערשאָסן. די צעשיסונג האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז עס זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן אַלע 172 מאַנצבלען פונעם ייִשעוו.

195 פרויען פון לידיצע האָבן די היטלעריסטן דעפּאָרטירט אינעם ראַווענסבריקער טויט־לאַגער. די קינדער זײַנען אוועקגעפירט געוואָרן אין דעם לאַגער גנייזענהאַרץ, און קיינער ווייסט ניט, וווּהין ס'איז אהינגעקומען זייער געביין.

די טשעכישע ייִדן אינעם ווידערשטאַנד־קאַמף

אין 1939 איז אין פראַנקרײַך געשאַפן געוואָרן אַ טשעכאָסלאָוואַקישע דיוויזיע, וועלכע האָט אָנגעציילט קאַרעוו 10 טויזנט סאָלדאַטן און אָפיצערן. מער פון אַנדערהאַלבן טויזנט שלאַכטלײַט פון דער דאָזיקער דיוויזיע זײַנען געווען ייִדן, וואָס זײַנען אין 1938 — 1939 געלאָפן פון טשעכאָסלאָוואַקיע. די מערהײַט פון זיי האָבן זיך באַטייליקט אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס אין שפּאַניע.

זומער 1940 זײַנען אין ענגלאַנד פאָרמירט געוואָרן צוויי טשעכישע אוויִא־עסקאַדריליעס. צוערשט האָבן זיי פּאַטרולירט די בריטאַנישע אינדזלען, און אין 1941 — 1942 אַקטיוו זיך באַטייליקט אינעם באָמבאַרדירן די דײַטשישע מיליטער־אָביעקטן. צווישן די פּילאָטן זײַנען אויך געווען טשעכישע ייִדן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער העלדנמוטיקייט. פיל פון זיי זײַנען העלדיש אומגעקומען אין די שלאַכטן קעגן די נאַציסטישע מערדערס.

היפּשע טשעכאָסלאָוואַקישע מיליטער־טיילן זײַנען אין 1942 געשאַפן געוואָרן אויף דער טעריטאָריע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. צוערשט איז דאָס געווען אַ באַטאַליאָן פון אַן ערך טויזנט סאָלדאַטן און אָפיצערן. דערנאָך, צום אָנהייב 1944 איז דער באַטאַליאָן אויסגעוואַקסן ביז אַ שיסער־קאָרפּוס אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון לודוויג סוואָבאָדאַ. אין זײַנע שלאַכט־רייען האָבן העלדיש געקעמפט אויך ייִדן פון טשעכיע און סלאָוואַקיע.

באַזונדערס ברייט האָט די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין טשעכאָסלאָוואַקיע זיך פאַנאַנדערגעוויקלט פרילינג 1944. אַרום די קאַמפּס־גרופּעס, וועלכע זײַנען אַריבערגעוואָרפן געוואָרן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, האָבן זיך פאָרמירט פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון סלאָוואַקיע האָט געגרייט אַן אופשטאַנד. אין מיזרעך־סלאָוואַקיע, אין דער ווערכניע ניטרע, אין לאַפּטאַוו, טורעצע, האָבן די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס אופגעריסן די בריקן און טונעלן.

דעם 24 אויגוסט 1944 האָבן די פּאַרטיזאַנער אָנגעהויבן אַ מאַסן־אָפּעראַציע אין פּאַגראָניע. די דײַטשן האָבן קאָנצענטרירט איבערוועגנדיקע קויכעס און פאַרכאַפּט די וויכטיקסטע שטיץ־פּונקטן און דעם צענטער פונעם אופשטאַנד — באַנסקאַ־ביסטריצאַ.

דערווײַל האָט די רויטע אַרמיי זיך אַלץ מער דערנענטערט צו די גרענעצן פון טשעכאָסלאָוואַקיע. ס'האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַנטשיידנדיקע שלאַכטן קעגן דעם היטלערישן מיליטער.

דעם 5 מײַ 1945 האָט אין פּראָג זיך אָנגעהויבן דער באַוואָפנטער אופשטאַנד קעגן די אָקופּאַנטן. צוהילף די אופשטענדלער האָבן געאײַלט די טיילן פון דער רויטער אַרמיי. זיי האָבן פאַר אַ קורצער צײַט דורכגעמאַכט אַ ווײַטן מאַרש און צוזאַמען מיטן טשעכאָסלאָוואַקישן קאָרפּוס פולשטענדיק באַפרײַט טשעכאָסלאָוואַקיע.

די געשעענישן אין בולגאַריע

אין דער צאַריסטישער בולגאַריע, וועלכע איז געווען אַ וואַסאַל פונעם נאַציסטישן דײַטשלאַנד, האָבן צום אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע געלעבט מער פון פופציק טויזנט ייִדן.

דער געוועזענער היטלערישער געזאַנדטער אין בולגאַריע דער עסעס־אָבערגרופּענפירער אַדאָלף בעקערלע און דער טשינאָווניק פונעם אויזגערופענעם „ייִדישן רעפעראַט" (דריטער אָפּטייל פונעם פאַשיסטישן אויסערן־מיניסטעריום) פריץ פאָן כאַן זײַנען פון דער הויט געקראָכן, קעדיי צו פאַרווירקלעכן אַ טאָטאַלע דעפּאָרטאַציע פון די בולגאַרישע ייִדן. בעקערלע האָט אײַנגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט דער בולגאַרישער רעגירונג, געוואָלט זיך דערשלאָגן איר האַסקאָמע אויף דורכצופירן דעם דאָזיקן ראַצכישן אַקט.

די פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע עפנטלעכקײַט פונעם לאַנד, דאָס גאַנצע בולגאַרישע פאָלק האָט אַנטשיידן זיך קעגנגעשטעלט דער דעפּאָרטאַציע פון זייערע ייִדישע לאַנדסלײַט. די צאַריסטישע רעגירונג איז געצוווּנגען געווען זיך אָפּהאַלטן פון געבן דערויף איר האַסקאָמע.

און דאָך איז דעם דיפּלאָמאַט — דעם מענטשן־מערדער געלונגען צו פאַרשליסן אין די לאַגערן פאַר „אַרבעט־פליכט" אַרום עלף מיט אַ האַלבן טויזנט ייִדן און אין מאַרט 1943 דעפּאָרטירן זיי

אין די טויט־לאַגערן פון אַשווענטשים און טרעבלינקע.

ווי נאָר דאָס פאַשיסטישע דײַטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אפן סאָוועטנפאַרבאַנד, האָבן אין בולגאַריע זיך גענומען פאַרמירן די ווידערשטאַנד־קויכעס. ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער פאַטערלענדישער פראָנט, די קאָמוניסטישע פאַרטיי איז צוגעטראָטן צו פאַרמירן פאַרטיזאַנישע אָטריאַדן. אין 1942 איז אונטער דער אָנפירונג פונעם מיטגליד פון צק פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי טאָדאָר זשיווקאָוו געשאַפן געוואָרן די בריגאַדע „טשאַוודאַר", שפעטער איז דאָס געוואָרן די גרעסטע פאַרטיזאַנישע פאַרייניקונג, וועלכע האָט דערפאָלגרײַך אָפּערירט צאַפנדיקער פון סאָפיע און נאָוואָסעליץ (איצט יעלין־פעלין). א צווייטע פאַרטיזאַנישע בריגאַדע „טשעפּינייעץ" האָט אָפּערירט אין ראַיאָן פון וועלינגראַד. פאַרטיזאַנישע אָטריאַדן זײַנען געשאַפן געוואָרן און האָבן געפירט דערפאָלגרײַכע שלאַכטן לעבן טירנאָוו, פלאָוודיוו, טאַבראָוו.

ווען די נאַציסטישע מערדער האָבן אין 1943 דעפּאָרטירט א טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג קיין אַשווענטשים און טרעבלינקע, זײַנען פיל יידן אַנטלאָפן אין די בערג, זיך אײַנגעשלאָסן אין די פאַרטיזאַנישע אָטריאַדן און מעסירעסנעפעשדיק געקעמפט קעגן דעם בלוטיקן סוינע.

דעם 8 סענטיאַבער 1944 איז די רויטע ארמיי ארופגעטראָטן אף דער טעריטאָריע פון בולגאַריע. אויך די פאַרטיזאַנישע אָטריאַדן האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט אן אנטשיידנדיקן אָנגריף. די בריגאַדע „טשעפּינייעץ" האָט פאַרנומען אַלנאַווגראַד, טירנאָוו, פלאָוודיוו, וועלינגראַד. די בריגאַדע „טשאַוודאַר" און די 4־טע סאָפיער בריגאַדע זײַנען ארײַן אין סאָפיע.

די בעסטע זין פונעם בולגאַרישן פאָלק האָבן מאַקריוו געווען דאָס לעבן אין קאַמף קעגן פאַשיזם, און צווישן זיי — די העלדן פונעם ווידערשטאַנד־קאַמף, די קאָמוניסטן ניקאָלאַ וואַנדאַראָוו, אנטאָן איוואַנאָוו, כריסטאָ מיכײַלאָוו, יאָרדאַנקא ניקעלאָווא, אווראַם נאַטשעוו, לייליאַנא דימיטראָווא, אלעקסאַנדער דימיטראָוו, וולאַדימיר זיימאָוו.

זייערע נעמען וועלן לעבן אין די דורעס, ווי א סימבאָל פון מעסירעסנעפעשדיקײַט און געטרײַשאַפט דעם פאָלק.

אייכמאַן — קאַסטנער

די טראַגעדיע פון די אונגאַרישע יידן האָט זיך אָנגעהויבן, ווען דאָס לאַנד איז אין מאַרט כוידעש 1944 אָקופּירט געוואָרן, און אַדאָלף אייכמאַן, צוזאַמען מיט דעם עסעס־אָבערשטורמפיורער הערמאַן קרומיי און דער עסעס־קאַפּיטאַן וויסליצעני זײַנען געקומען קיין בודאַפּעשט.

אין ערשטן טאָג פון זײַן קומען האָט אייכמאַן ארויסגעגעבן א באַפעל „וועגן דער רעגיסטראַציע און אויסוואַנדערונג פון די יידן". די ספּעציעלע „אײַנזאַטץ־קאָמאַנדאָס", וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן, זײַנען גלײַך צוגעטראָטן צו זייער שוואַרצער ארבעט. פון סאָף אַפּרעל ביז יוני 1944 האָבן די פאַשיסטישע ראָצכים טאָגטעגלעך אָפּגעשיקט קיין אַשווענטשים צו 10 — 12 עשעלאָנען מיט אונגאַרישע יידן. מ׳האָט זיי מיט קויעך ארײַנגעוואָרפן אין די פראַכט־וואַגאָנעס, צו 120 — 150 מענטשן אין א וואַגאָן. שוין אין וועג זײַנען אומגעקומען טויזנטער מענטשן. אין די וואַגאָנעס האָט מען געקאָנט נאָר שטיין. די לעבעדיקע האָבן אונטערגעשפּאַרט די טויטע קערפּערס, ווײַל פאַלן איז ניט געווען וווהין...

קעדיי צו פאַרלײַכטערן די דעפּאָרטאַציע און די אויסראָטונג פון אַלע אונגאַרישע יידן, האָט אייכמאַן זיך פאַרבונדן מיט די אָנפירער פונעם ציעניזם אין לאַנד — מיט רודאָלף קאַסטנערן און יויעל בראַנדן, דעם באַפולמעכטיקטן פון דער צענטראַלער יידישער געמיינדע.

אייכמאַן האָט פאָרגעלייגט בראַנדן: „איך בין גרייט צו פאַרקויפן אײַך איין מיליאָן יידן. וועמען ווילט איר — פרויען, קינדער, זקיינים? זאָגט. איך וועל אײַך פאַרקויפן איין מיליאָן יידן פאַר 10 טויזנט לאַסטמאַשינעס מיט וועגענער צו זיי, פאַר טויזנט טאָן קאַפע און א ביסל זייף... די סכוירעס וועט איר צונויפנעמען אין די לענדער, ווו יידן לעבן נאָך"...

יויעל בראַנדן, אין דער באַגלייטונג פונעם עסעס־שטאַנדאַרטענפיורער קורט בעכער, האָבן די נאַציסטן אריבערגעפירט דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין פּאַלעסטינע, ער זאָל איבערגעבן אייכמאַנס פאָרשלאָג דעם בריטאַנישן מעלוכע־מיניסטער לאָרד מוינא, וועלכער האָט זיך באַשעפטיקט מיט די איניאָנים פונעם נאָענטן און מיטעלן מיזרעך.

לאָרד מוינא האָט אָפּגעוואָרפן אייכמאַנס פאָרשלאָג. ער האָט אויסגערופן: „א מיליאָן יידן! וווהין וועל איך זיי אהינטאָן!"

דער „קאָנטראַקט" איז ניט געשלאָסן געוואָרן. און דאַן האָט אייכמאַן פאָרגעלייגט קאַסטנערן: פאַר דעם, וואָס די ציִעניסטישע מאַנהיגים וועלן העלפן דעפּאָרטירן אַלע יידן פון אונגאַרן, וועט ער, אייכמאַן, דערלויבן טויזנט זיבן הונדערט אײַנפלוסרײַכע יידישע קאַפּיטאַליסטן מיט זייערע מישפּאָכעס ארויסצופאָרן אין דער שווייץ...

קאַסטנער האָט דעם פאָרשלאָג אָנגענומען.

...אין 1955 האָט דער עמיגראַנט פון אונגאַרן מאַלקיִעל גרינוואַלד דעמאַסקירט רודאָלף

קאסטנערן. גריונוואלד האָט צונויפגעזאמלט פיל דאָקומענטן, וואָס האָבן באוויזן, אז קאסטנער איז געקומען צו אן אויסגלײַך מיט דעם ייִדן־מערדער אייכמאן, ער האָט איבערגעגעבן אין די הענט פון די הענקער 500 טויזנט ייִדן און מיט דער פרײַז פון זייער בלוט ארויסגעפירט פון אונגארן 1700 רײַכע ייִדישע מישפאָכעס, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען קאסטנערס קרויווים, די אָנפירער פון דער אונגארישער ציִעניסטישער קאָנפעדעראציע און גרויסע קאפיטאליסטן.

אפן סמאך פון די מאטעריאלן, וועלכע עס האָט צוגעשטעלט גריונוואלד, איז רודאָלף קאסטנער געמישפעט געוואָרן. דער ייִסראָעלדיקער געריכט האָט אים אָבער ניט פארמישפעט, ער איז פארבליבן אָף דער פרײַ. די ציִעניסטן האָט ניט געלוינט, קאסטנער זאָל דעמאסקירט ווערן, און זיי האָבן אָנגענומען געהעריקע מיטלען: דעם 3 מארט 1957 איז ער דערשאָסן געוואָרן אָף דער גאס אין טעל־אוויוו.

די אויסראָטונג אין „טראנסניסטריע“

נאָך לאנג ביז דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט דער הערשנדיקער קלאס אין רומעניע און זײַן פאשיסטישע „אײַזערנע גווארדיע“ זיך אויסגעטיילט מיט דער זאָאָלאָגישער סינע צו די ייִדן.

אין סענטיאבער 1940 איז אין רומעניע אײַנגעשטעלט געוואָרן א מיליטעריש־פאשיסטישע דיקטאטור אין שפיץ מיטן גענעראל יאָן אנטאָנעסקו. טראָץ דעם ווילן פונעם רומענישן פאָלק, איז דאָס לאנד ארײַנגעצויגן געוואָרן אין דער מילכאָמע קעגן סאָוועטנפארבאנד.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די פארפאָלגונג פון ייִדן. אנטאָנעסקוס רעגירונג האָט ארויסגעגעבן אן אוקאז, לויט וועלכן די ייִדישע באפעלקערונג ווערט קאָנצענטרירט אין אָפגעזונדערטע געטאָ־ראיאָנען און אין לאגערן פון צוואנג־ארבעט.

אָף דעם טייל סאָוועטישער טעריטאָריע פון דער לינקער זײַט דניעסטער, וואָס רומעניע האָט פארכאפט און אָנגערופן „טראנסניסטריע“, איז אײַנגיכן דעפאָרטירט געוואָרן קימאט די גאנצע ייִדישע באפעלקערונג פון בוקאָווינע און בעסאראביע.

אין אויגוסט 1941 איז קיין רומעניע אראָפגעקומען דער אויטאָר און קאָמענטאטאָר פון די אזויגערופענע נירנבערגער ראסן־געזעצן האנס גלאָבקע, מיטן ציל צו פארגיכערן „די ענדגילטיקע לייזונג פון דער ייִדישער פראגע“ אין רומעניע.

אין רעזולטאט פון גלאָבקעס וויזיט זײַנען צענדליקער טויזנטער רומענישע ייִדן דעפאָרטירט געוואָרן אין די דאָרעם־ראיאָנען פון אוקראִינע, וועלכע די נאציסטן האָבן אָקופירט. אין עטלעכע כאדאָשים ארום האָט מען די דעפאָרטירטע אָף אן אכזאָריעסדיקן אויפן דערמאָרדעט.

אין דער זעלבער צײַט זײַנען קיין יאס געבראכט געוואָרן אין פראכט־וואגאָנעס קאָרעוו 25 טויזנט ייִדן פון בוקאָווינע און בעסאראביע. אין וועג האָבן זיי פיל מעסלעסן ניט באקומען ניט קיין שפּײַז און ניט קיין וואסער. אין די וואגאָנעס איז ניט ארײַנגעדרונגען קיין פרישע לופט. ווען מ׳האָט אָף דער סטאנציע יאס אופגעעפנט די וואגאָנעס, זײַנען די מענטשן געווען טויט.

ביז אויגוסט 1942 האָט די צאָל דעפאָרטירטע רומענישע ייִדן שוין באטראָפן דרײַ הונדערט טויזנט. אָבער פאר דעם מערדער אדאָלף אייכמאן איז עס אלץ געווען קארג. ער פירט אונטערהאנדלונגען מיט יאָן אנטאָנעסקו וועגן דעפאָרטירן נאָך צוויי הונדערט טויזנט ייִדן קיין ליובלין.

אָף דעם איז די רומענישע רעגירונג ניט גערן אײַנגעגאנגען, האָבנדיק דערבײַ אירע אייגענע פלענער. פארזונקען אין קאָרופציע, האָט זי פאר גרויסע געלט־סומעס גענומען ארויסלאָזן ייִדן קיין אויסלאנד. אָף אזא אויפן האָבן עטלעכע צענדליק טויזנט רומענישע ייִדן זיך געראטעוועט פון אומקום.

ווען דער בלוטיקער אנטאָנעסקו־רעזשים איז אין אויגוסט 1944 אראָפגעשלײַדערט געוואָרן און די נײַע רומענישע רעגירונג איז ארײַנגעטראָטן אין דער אנטיהיטלערישער קאָאליציע, איז אייכמאן מיט ווילדער אכזאָריעס צוגעטראָטן צו פארניכטן די ייִדן פון טראנסילוואניע, וועלכע איז לויט דעם אזויגערופענעם ווינער ארביטראזש אריבערגעגאנגען פון רומעניע צו אונגארן. העכער 400 טויזנט ייִדן פון טראנסילוואניע, רומענישע בירגער, זײַנען דערמאָרדעט געוואָרן אין די טויט־לאגערן.

האנט־בא־האנט מיט די איטאליענישע אנטיפאשיסטן

צום אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָבן אין איטאליע געלעבט בא 40 טויזנט ייִדן. טראָץ די אנטיסעמיטישע געזעצן, וואָס די מוסאָליני־רעגירונג האָט ארויסגעגעבן, און די אומופהערלעכע פאָדערונגען פון אייכמאנס עמיסארן צו דעפאָרטירן אלע ייִדן פון לאנד אין די קאָנצענטראציע־לאגערן, האָט דאָס איטאליענישע פאָלק ארויסגעוויזן א ווידערשטאנד און ניט דערלאָזט צו פארווירקלעכן די ראָצכישע פלענער. אדאנק דעם האָבן די ייִדן אין איטאליע זיך

געפונען פאַרהעלטעניסמעסיק אין אַ בעסערער לאַגע, איידער די ייִדן אין די אָקופּירטע לענדער פון אייראָפּע. קיין איטאַליע זײַנען געלאָפן זיך ראַטעווען פיל ייִדן פון יוגאָסלאַוויע, עסטרײַך און פראַנקרײַך.

ווען דער פאַראַכטעטער מוסאָליני־רעזשים איז געפאַלן און דאָס לאַנד איז אַרײַנגעטראָטן אין דער מילכאָמע אַף דער זײַט פון דער אַנטי־היטלערישער קאָאַליציע, האָט די דײַטשישע אַרמיי, ווי באַוווּסט, אָקופּירט אַ ריי ראַיאָנען פון איטאַליע און אײַנגעשטעלט דאָרטן אַן אָקופּאַציע־רעזשים. עס האָט זיך טייקעף אָנגעהויבן אַ גרויזאַמער פאַשיסטישער טעראָר. אומעטום זײַנען דורכגעפירט געוואָרן אָבלאַוועס אַף ייִדן. פון ליוואָרנע און פיל אַנדערע אַרומיקע ערטער זײַנען אַרויסגעפירט געוואָרן אין די אויסראָטונגס־לאַגערן מער פון דרײַ טויזנט ייִדן.

אַכט טויזנט ייִדן האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן אַף צאָפן און אין דעם צענטראַלן טייל פונעם לאַנד. אַ סאַך פון זיי זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן און האָבן האַנט־באַהאַנט מיט די איטאַליענישע און סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען געקעמפט קעגן בלוטיקן סוינע.

די פאַרפאָלגונגען אַף די אָקופּירטע טעריטאָריעס פון איטאַליע זײַנען פאַרגרעסערט געוואָרן. טאָג און נאַכט זײַנען געגאַנגען עשעלאָנען מיט ייִדן קיין מאַוטהאַוזען, אָשווענטשים, בירקענאַו, סאָביבאָר.

אין אָקטיאַבער 1943 האָבן די מערדער זיך געגרייט צו דעפּאָרטירן אין די טויט־לאַגערס צען טויזנט ייִדן. די באַפעלקערונג פון רוים, בעראָש מיט די איטאַליענישע אַנטיפאַשיסטן, האָט אַרונטערגעריסן די דעפּאָרטאַציע. אַ סאַך ייִדן זײַנען אַוועק אין די בערג, וווּ זיי האָבן אײנײנעם מיט די איטאַליענישע און סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען געקעמפט פאַר דער פרײַהײַט פון איטאַליע. אַ סאַך פון זיי זײַנען העלדיש געפאַלן אין די שלאַכטן קעגן די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן.

און דאָך האָבן די ייִדן פון די אָקופּירטע איטאַליענישע טעריטאָריעס ניט אויסגעמיטן דעם טראַגישן שיקזאַל. 15 טויזנט ייִדן פון איטאַליע און פיר טויזנט ייִדן — בירגער פון יוגאָסלאַוויע זײַנען געפאַלן אַ קאָרבן פון דעם נאַציסטישן גענאָציד.

ווידער — אייכמאַן...

אין אַפּרעל 1941 זײַנען יוגאָסלאַוויע און גריכנלאַנד אָקופּירט געוואָרן דורך די היטלעריסטן. אין סערביע און כאָרוואַטיע זײַנען געשאַפן געוואָרן פאַשיסטישע מאַריאָנעטן־רעגירונגען.

אין סערביע האָט מען געשאַפן געטאָ־ראַיאָנען פאַר 25 טויזנט ייִדן. זייער לעבן איז דאָרט געווען אומדערטרעגלעך. טויזנטער מענטשן זײַנען אומגעקומען פון הונגער, קעלט, עפּידעמיעס.

אייכמאַנס באַפולמעכטיקטע אין סערביע — דער עסעס־אָבערשטורעמבאַנפירער שעפער און דער עסעס־שטאַנדאַרטענפירער פוקס — האָבן אָנגעפירט מיט דער דעפּאָרטאַציע פון די ייִדן אין די טויט־לאַגערן. זיי האָבן פאַרניכטעט טויזנטער פרויען, קינדער און אַלטע לײַט אין די דושעגובקעס.

אין מײַ 1942 האָט שעפער ראַפּאָרטירט אייכמאַנען: „סערביע איז פרײַ פון ייִדן“.

אין כאָרוואַטיע האָבן געווילדעוועט די אוסטאַשן בעראָש מיט אַנטאָן פּאַוועליטשן. דאָס האָט ער, פּאַוועליטש, אײַנגעפירט אין לאַנד די אַנטיסעמיטישע געזעצן. קיין זאַגרעב איז געקומען אייכמאַנס באַפולמעכטיקטער אַבראַמייט, וועלכער האָט מיט דער הילף פון די אוסטאַשן אָפּגעשיקט קיין אָשווענטשים 33 עשעלאָנען — 14 טויזנט כאָרוואַטן, ייִדן, ציגײַנער, סלאָווענער און גײַסטיק־קראַנקע.

אַכוץ ייִדן, זײַנען אין כאָרוואַטיע געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ אויך אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן, וועלכע זײַנען, פּונקט ווי די ייִדן, דעפּאָרטירט געוואָרן קיין פּוילן אַף פאַרניכטעט צו ווערן.

פון די 71 טויזנט יוגאָסלאַווישע ייִדן זײַנען מער פון 60 טויזנט אומגעקומען.

קאָרעוו פינף טויזנט ייִדן פון כאָרוואַטיע זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן און האָבן מעסירעסנעפעשדיק געקעמפט קעגן די היטלערישע מערדער.

טראַגיש איז געווען דער גוירל פון די ייִדן אין גריכנלאַנד. פון די 70 טויזנט ייִדן פון אָט דעם לאַנד האָבן פופציק טויזנט געלעבט אין סאַלאָניקי. דאָס זײַנען געווען ספאַרדן — שפּאַנישע און פּאָרטוגאַלישע ייִדן, וואָס האָבן נאָך מיט יאָרהונדערטער צוריק אַרײַנגעוואַנדערט קיין גריכנלאַנד.

אין פעווראַל 1943 האָט אייכמאַן אינסטרוקטירט אַף אַ באַראַטונג די עסעס־לײַט בריונער און וויסליצעני, ווי אַזוי ענדגילטיק לייזן „די ייִדישע פראַגע“ אין גריכנלאַנד, און געפאָדערט פון זיי טייקעף צו אָרגאַניזירן די ערשטע טראַנספּאָרטן מיט ייִדן אַף אָפּצושיקן זיי קיין אָשווענטשים.

בריונער און וויסליצעני זײַנען גלײַך צוגעטראָטן צום אַרויסשיקן די ייִדן פון די שטעט און יישווים אין די אין אײַלעניש אויסגעבויטע לאַגערן, ניט ווײַט פון די אײַזנבאַן־סטאַנציעס, ס'זאָל לייכטער זיין צו דעפּאָרטירן זיי פון לאַנד.

אין מעשעך פונעם גאַנצן 1943 זײַנען קיין אָשווענטשים אומופּהערלעך געגאַנגען עשעלאָנען

מיט פאַרורטייליטע. גלייך פון די וואַגאָנעס האָט מען זיי געטריבן אין די גאַז־קאַמערס.

פיזיש קרעפטיקע יונגע מאַנצבלען האָט מען אָפּגעקליבן אין ספּעציעלע קאָמאַנדעס אָף צו באַדינען די גאַז־קאַמערס און פאַרברענען די אומגעבראַכטע. דערנאָך, בייסן ליקווידירן דעם לאַגער, זיינען די דאָזיקע מענטשן אויך פאַרניכטעט געוואָרן.

מיט געפאַר פאַרן אייגענעם לעבן

אייכמאַנס עמיסאַרן זיינען אָנגעקומען קיין דענעמאַרק טייקעף, ווי נאָר דאָס היטלער־מיליטער האָט אָקופּירט דאָס לאַנד.

אונטער דעם דרוק פון דער עפנטלעכקייט האָט די רעגירונג פון אָט דעם קליינינקן לאַנד דערקלערט, אַז זי וועט ניט דערלאָזן צו דעפּאָרטירן די יידן, און דאָס פאָלק האָט אָנגענומען ענערגישע מיטלען אָף צו באַשיצן די יידישע באַפעלקערונג.

שטעלנדיק אונטער א געפאַר דאָס אייגענע לעבן, האָבן די דענישע בירגער אָרגאַניזירט געהיים די רעטונגס־אָפּעראַציע. מאַמעש אונטער דער נאָז בא דער אָקופּאַציע־מאַכט האָבן זיי אוועקגעזעצט די יידן אָף פישער־שיפלעך און אַרויסגעפירט זיי קיין שוועדן. אַכט טויזנט יידן זיינען אָף אַזאַ אויפן געראַטעוועט געוואָרן.

אייכמאַנס עסעס־יונגען איז דאָך געלונגען צו פאַרכאַפּן און דעפּאָרטירן עטוואָס מער פון פינף הונדערט יידן פון דענעמאַרק. א סאַך דענישע בירגער האָבן אַלס פּראָטעסט קעגן דעם דאָזיקן פאַרברעכן און אַלס אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט מיט זייערע פאַרפאָלגטע יידישע לאַנדסלייט אָנגעגעטאָן געלע לאַטעס.

בלויז דרייצן האָבן זיך געראַטעוועט

די פאַרעטערישע קוויסלינג־רעגירונג אין דער אָקופּירטער נאָרוועגיע, וועלכע האָט מיטגעאַרבעט מיט דעם היטלערישן דייטשלאַנד, האָט געגעבן איר האַסקאַמע אָף דעפּאָרטירן די יידן פון לאַנד. די נאָרוועגישע פּאַטריאָטן, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דער גרויזאַמער אויסראָטונג פון זייערע לאַנדסלייט, זיינען פאַרפּייניקט געוואָרן.

דעם 25 נאָיאַבער 1942 זיינען 7900 יידן אַרויסגעפירט געוואָרן פון אָסלאָ אָף א מיליטערישער שיף דורך שטעטין קיין אָשווענטשים. די אַלגעמיינע צאָל אומגעבראַכטע יידן פון נאָרוועגיע באַטרעפט קאָרעוו 10 טויזנט. בלויז דרייצן פון די דעפּאָרטירטע האָבן זיך געראַטעוועט.

(פאָרזעצונג קומט)

יאנקעוו שטערנבערג

מאַנאַלאָגן

אין 1970 איז אין בוקארעשט (רומעניש סאָציאַליסטישע רעפּובליק) אין פאַרלאַג פאַר אויסלענדישער ליטעראַטור „קריטעריאָן" דערשינען יאַנקעוו שטערנבערגס בוך „אין קרייז פון יאָרן", וואָס כאַפּט אַרום זיין דיכטערישע שאַפונג פאַר העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט.

האַגאַס אין בוך זיינע אַרײַן ניט אַלע לידער, פּאָעמעס און באַלאַדעס פונעם דיכטער, קאָן מען „אין קרייז פון יאָרן" באַטראַכטן — ווי אַ געוויסן שעפערישן סאַכאַקל.

מיר פּובליקירן דאָ דעם ליריש־פילאָסאָפישן ציקל „מאַנאַלאָגן", וועלכער איז אייגנטימלעך פאַר יאַנקעוו שטערנבערגן דעם דיכטער און דענקער, פאַר דער אייגנאַרטיקייט פון זיין דיכטערישער שפּראַך און פאַר דער סטרוקטור פון זיין ליד.

עס ריידן:

1. דער איינזאַמער

קוקט אײַך צו, איך בעט אײַך, צו דעם אָפּגעזונדערטן מעטורעף,
וואָס, ווי דאָס שיפל פונעם ברעג,
זיך אָפּגעריסן האָט ער פון געזעלשאַפט,
און אין זיין גרויסער פינצטערניש אַזוי־אַהעל שאַפט!

ער איז ניט קיינעם און אויך זיך אַליין פאַר גאָרניט אַרעוו —
אַפילו פאַרן שאַרפן בליץ
פון אופגערעגט און צוקנדיק־פאַרזשמורעט אייגל.
אַ באָרוועסער — ער טרעט אַף אייז און גלאָז
און דערנער, ווי די פייגל.

ער כאַווערט זיך מיט הונגעריקע הינט, מיט קרומע, בלינדע ליקן,
און שלאָפט אַף טרעפּ צעוואַלגערטע —
אַליין אַ כאַרעווער, דער כורווע גיט אַ טיקן.

קוקט אײַך צו, איך בעט אײַך, צו דעם באַרוועסן מעטורעף,
וואָס קיינמאָל זיין נעשאָמע־פלאַקער ער ניט שפּאָרט,
און בינדט ניט קיינעם אָן זיין טײַערסט פאַרביק וואָרט.
כאָטש אָנגעוואָרן זיך אַליין — ער פרײַ באַוועגט זיך
אַף אַליינענדיקע וועגן און אומוועגן.
אַ טיף־דערשראָקענער — ער גייט אָן שרעק
אַף אַלע זיינע בלויז קאַפּויערדיקע שטעגן,

אונטער די רייד פון די מאַנאָלאָגן שטייט ניט דער אויטאָר, נאָר די אין זיי אַרויסגעבראַכטע פּערסאָנאַזשן. — י. שטערנבערג.

און אַפּגעשיידט מיט לײַב און זעל פון ווײַב און קינד און פרײַנט —
ער טראַגיש זוכט אַף רעכטס און לינקס אַ קאַרעוו.

צום מעטורעף
אַפּגעזונדערטן, איך בעט אײַך, קוקט,
און פאַר זײַן גוטסקײַט — הייליקער און עלנטער — זיך בוקט!

2. דער סקעפּטיקער

אי גאָט, אי דער אשמעדײַ איבער אונדז הערשן אַף גלײַך,
מיט אַלץ, וואָס זיי ביידע פאַרמאָגן, באַשענקען אונדז רײַך.
אין גלײַכער מאָס שאָטן, אין גלײַכער מאָס ליכט —
דאָס זעט מען אויך טייקעף אַף אונדזער געזיכט.
און אויך, ווען מיר קוקן צו זיך טיף אין האַרץ, —
האַלב ווײַס נאָר מיר זײַנען, די צווייטע העלפט שוואַרץ,
ווי אונדזערע מעסלעסן פון טעג און פון נעכט,
זיך פלאָנטערן שטענדיק אין ווירבל פון גוט און פון שלעכט,
און ס׳שטראָפט אונדז דערפאַר אי דער טײַוול, אי גאָט —
פאַר יעטווידן אָפּנייג פון זיי, וואָס דערלויבט זיך מע האָט
אַף רײַסן די הייליקע נעצן פון סטירעס־געפלעכט,
וואָס איז דער יעסאָד פון דער צווייִקער מאַכט...

פון סאַמע געבוירן
(דערפאַר מיר האָבן ניט קיינמאָל פאַרלוירן)
פאַרשפּילט איז מיט איר אונדזער שלאַכט!

3. דער ווידערשפּעניקער זאַקן

פונקט ווי דער בוים, וואָס אים די וועלקונג האָט געטראָפן,
איך פיל די עלטער־דאַרונג שוין אין אַלע צעלן פון מײַן גוף.
נאָר כ׳וויל ניט זײַן, ווי יענע קאַץ,
וואָס האַרכט זיך אײַן אין אייגענעם ראַכמאָנעס־רוף.

איך בין אַ מענטש, אַ פּראָסטער כײַוועקײַעם, און מיט די אויגן אָפן,
איך קוק און פרעג: פאַרוואָס באַאוולט האָט מיך די נאַטור?
זי האָט באַשאַפן מיך צו גיין דאָך אין איר שפּור
געזונט אַף אַלע אייוורים... וואָס זשע בלאָזט דער ווינט שוין אַזוי קיל
אין מײַנע ביינער און פאַרלעשט אין מיר דאָס אייביקײַט־געפיל,
מיט וועלכן כ׳בין אַף וועלט געקומען פון געבורט?

איך זאָג דעריבער איר אַלמעכטיקײַט, אַז איך — אַ מילב,
וואָס איז נאָך מינדער אין איר ריזן־סײפער פון אַ זילב,
בין מיט מערידע אָנגעגורט,
צערײַס מיט איר מײַן בונד,
און מיט איר פינצטערן מעכאַבל טויט, וואָס קלוימערשט, ווי אַ טרײַער הונט,
פון הינטער מיר און פאַרנט לויפט, צי ליגט בא מײַנע פיס
צונויפגעקנורט, —
מײַן קאַמף וועט זײַן פאַראַקשנט און פאַרביטערט־האַרט,
ביז צווינגען כ׳וועל דאָס לעבן זײַן צו מיר נאָך צאַרט.

4. די פרוי אין די מיטעלעיאָרן

ווען שלאָגן די שאָ וועט פון טויט־גזאַר דעם האַרבן,
געשיקט זיך, מיט מיר וועט דאָס לעבן אויך שטאַרבן?
דאָס לעבן, וואָס האָט מײַנע בלוטן געצונדן,
צום ליכטיקן אָנהייב דעם סאָף צוגעבונדן,

מיט גאָלדענער רוט מיך פון כאַאָס געטריבן,
באַשטאַט מיר אַן אוודע — אַ לעבן לאַנג ליבן,
אין ווייען פון קימפעט פאַרהאַרטעוועט האָט מיך,
מײַן צאַרטקייט געפורעמט
באַגלײַך מיט די זעמדלעך אין וויסטעניש־שטורעם
און שטערן־געווירבל — באַשטענדיקן כוימער —
דער אייביקייטס יויצער, דער אייביקייטס שוימער!
ווען שלאָגן די שאָ וועט פון טויט־גזאַר דעם האַרבן,
געשיקט זיך, מיט מיר וועט מײַן לעבן אויך שטאַרבן?
מײַן מאַלאָכישע קינדהײַט און טײַוולשע יוגנט,
מײַן רייץ און מײַן אייפער,
מײַן אוראַלטע זינדיקייט שווערע און ריינקייט, אַזוי ווי
אַ הייליקער סייפער,
מײַן פּרוכטיקע מוטערשאַפט, ווײַבלעכקייט זיסע —
די צײַטיקע פרוייִשע יאָרן
מיט אַלץ, וואָס עס איז שוין פאַריבער, נאָר בלײַבט אין זיקאָרן
באַהאַלטן, אַזוי ווי די פלאַנצן,
וואָס לעבן אַף יאַמישע גרונטן
אין ליכטיקייט בונטער, אין דעמערונג גרויער,
אין גרין־בלויען גליק פון אַקוואַרישן טרויער,
און זײַנען אין ספּעקטרישע פאַרבן געצונדן.

ווען שלאָגן די שאָ וועט פון טויט־גזאַר דעם האַרבן,
מײַן גלויבן אין אומענדלעך גליק, אינעם זיג פון די פאַרבן
פון לעבנס־בוים איבער דעם צער פון פאַרדאַרבן —
דאָס נאָך ניט דערליבטע — מיט מיר וועט אויך שטאַרבן?
דאָס נאָך ניט דערלעבטע, נאָר שטענדיק באַגערטע,
דאָס נאָך ניט דערטרוימטע, דאָס נאָך ניט דערקלערטע,
דער שויס פונעם העמשעך, דאָס אייביקע אַרבן —
צי קאָן עס דען שטאַרבן?..

5. דאָס צעווייטעקטע יינגל

געוויסן,
כ׳בין רײַף, זאָלסט מיך שטראָפן,
באַרויב מיך פון שלאָפן,
און וואָס כ׳האָב פאַרזייט —
צו שנײַדן כ׳בין גרייט.

אין אַלץ כ׳וועל דיך פאָלגן.
אַפילע אַ שטיין אַפן האַלדז כ׳וועל זיך אָנטאָן —
דו דאַרפסט נאָר אַ מאָן טאָן.
דאָך העלף מיר אַפּריִער אויך וויסן
די טיף דײַנע גאָרע,
דאָס טאַכיקע, וואָרע,
אין דײַנע צעבייזערטע רייד.

אַלס קינד נאָך מײַן יידישער פאָטער
מיט שנײַדיקן בליק און נאָך שנײַדיקער באָרד
וואָס גוט איז, וואָס שלעכט איז —
ער האָט מיך געלערנט,
און ס׳האָבן אין מיר זיך געלאָשן די ליכטיקסטע שטערן.

פון אָט אָ־דעם שרעק־געפיל האַרבן,
וואָס איבערגעלאָזט אין געמיט

עס האָט זײַנע שניט,
ווי פון די רעצועס אױף אָרעם
עס בלײַבן די קאַרבן, —

באַפרײַ מיך, געוויסן,
און לערן מיך אויכעט דײַן שרעקלאָזיקייט,
נאָר ניט בלויז אַ־די, וואָס קעסיידער איז טריב, —
דײַן ליכטיקן שליסל פון העכערער פרײַהייט מיר גיב!
געוויסן,
כ׳בין רײַף, זאָלסט מיך שטראָפן,
באַרויב מיך פון שלאָפן,
נאָר העלף מיר אָפּרײַער אויך וויסן
די טיף דײַנע גאָרע,
דאָס טאָכיקע, וואָרע,
אין דײַנע ציינקריציקע רייד.

6. דער בכירעדאָרשטנדיקער

וויפל מאָל אין מײַנע נעכט —
עלעהיי א קלויסטער־מויד —
כ׳לייג די הענט צונויף, ווי צו א טפילע;
וויפל מאָל — האגאם אין פענצטער הימל בלויט
און עס בלאָזן ווינטלעך לינדע, קילע —
כ׳פיל זיך, ווי מע וואָלט פאַרוווּנדעט מיך אױף טויט;

וויפל מאָל איך וואָרף מיך אױף די קני פאַר מײַן געוויסן,
כ׳זאָל פון אים מײַן אורטייל זיך דערוויסן,
נאָר איך הער דעם זעלבן ענטפער בלויז, וואָס מיך דערשיטערט:
— גיי ביז לעצטן טראָט דײַן וועג געצייכנטן און פאָלג זײַן רוף,
ווען אפילע דײַן נעשאָמע, ווי אין פיבער, ציטערט.
וואָרעם נאָר אזוי דעם שווערן פּרווו
מיט דײַן מאָס דײַן אייגענער וועסט מעסטן,
וואָרעם נאָר אזוי מיט דײַנע אויגן
וועסט דערזען פון גוט און שלעכט די נעסטן;
וואָרעם נאָר אזוי דײַן גאַנצע קראַפט באַפרײַען
וועסט פון אירע יאָכן;
וואָרעם נאָר אזוי אנטפלעקן וועסט אין דיר דײַן קלאָלע
און דײַן בראָכע...

7. דער פּסיכאָאַנאַליטיקער

דער זעקסטער כוש —
זאָל געזאָגט זײַן וועגן אים אין וואָכער, שפּעטער
שאָ פון נאכט,
ווען די שויבן פונעם וועלטאל זײַנען, גלייבט מען,
אופגעמאכט,
און דיר אַלצדינג קלאָר, פאַרשטענדלעך דאכט.

אָפּט — כ׳בין גרייט אים אונטערגעבן זיך און האָרכן
(טויב פאַר אַלע פּאַסעלע און כאָשעדע שאָרכן),
זײַן פון הויכע, ריינע שטערן־ספערן קומענדיק געזאַנג;
אָפּט — א שרײַ טאָן ווילט זיך ווי געביסן פון א שלאַנג;
בין איך לויטער־גליקלעך,
ווען זײַן בלאַנקער פליגל מיך באַהעלט,
כ׳זינק אין מאָרעשכוירע,

ווען זײַן שוואַרצער פֿליגל מיר די זון פֿאַרשטעלט,
אָדער ווי דער מוילוואָרף,
ער צעגראָבט מײַן טיף, צעשטערט מײַן לעבנס־האָפּט,
און כימערעס און קאָשמאַרן מיר באַשאַפֿט...
ווײַל איך דעמלט שוין דאָס קאַרגע ליכט פֿון מײַן פֿאַרשטאַנד,
וואָס געטרײַ מיר דינט, ווי אַ לאַמטערן אין דער האַנט.
און איך זאָג, ווי כ׳וואָלט באַשווירן אַלע ווײַטן:
אין זײַן שוועבן —
זאָל דער זעקסטער כוש פֿאַר מיר קיין אַנדער
אָנגעבאָטן לעבן
קיינמאָל ווערן — ניט קיין שוואַרצע מאַכט!
מײַנע לויטערע פֿינף כושים ניט מיט זיך פֿאַרבײַטן,
ווי דעם העלן טאָג אַף טאָמיד צו פֿאַרצוקן,
אין איר איוון אים פֿאַרוקן —
ניט אימשטאַנד איז אויך נישט
די אַלמעכטיקע מאַכעשייפֿע־נאַכט...

8. דער דיכטער

האַסטו ווען אַמאָל אין עכטן בלי פֿון זומער,
איינע אין דער מיט פֿון וועלטס אַרום, אַרום, אַרומער,
שפּעט באַנאַכט דורך פֿענצטער ברייט־צעפּראַלטן,
ווען די שטילקײַט איז פֿיל העכער פֿון געוואַלדן —
האַסטו ווען דערפֿילט (דערמאָן זיך גוט!), ווי דיך אַרומגענומען
(רויִק, ווי די כוואַליעס אין אַ טײַך אַ שטילן קומען)
האָט דאָס פּעטע כאַשכעס מיט דער נאַכטיש־שאַרפֿער לופֿט,
און די גראָזן־פֿײַכטקייט פֿונעם אומגעהייערן גאָרטן־גוף,
און דעם נאַכטיגאַלס פֿאַרגיין זיך אין אַ טרעל אַלץ מער געדיכטערן,
און דער גרילס פֿאַראַקשנטן אַרײַנמיש — קנאַקיק־ניכטערן,
און די אַלע קלאַנגען, וואָס זיך הערן און ניט הערן,
מיט דעם ווידער אָנגעפּלייצטן שווײַגן שווערן,
און פֿון אַלעם דעם דיר אומגעריכט עס קומען טרערן,
וואָס דו ניט בעקויעך ביסט צו פֿליסן זיי פֿאַרווערן,
האַסטו ווען אַמאָל דערפֿילט עס אומגערן צי גערן?...

יאָ? אַט האָרך זיך אײַן אין טיפֿן־טיפֿן ברונעם פֿון דער סיבע,
און דו הערן ווערסט דאָס ברייִשיסדיקע באַסקאָל:
ליבע... ליבע...

9. דער וואַגאַבונד

מיט קויטיקע פּלעקן פֿון פֿײַער די שױבן די צווײ
אין הינטערוואַנט בלינדער — כ׳פֿאַרנייג זיך פֿאַר זיי!

ווי לאַנג און ווי נאָענט זיי זײַנען מײַן וואָגלער־נעשאָמע באַקאַנט.
לאַנד־אײַן און לאַנד־אויס און שטאָט־אײַן און שטאָט־אויס נאָכאַנאַנד
זיי וואַנדערן מיר נאָך אָן אַ מאַרע צעשײַנט,
ווי צעשמירט און צעקריצט,
מיט קרענקלעכער געלקײַט פֿון בוידעמער־עלנט צעבליצט.

זאָל זײַן, אַז אין זיי איז מײַן גוירל, מײַן מידע אַקשאָנעס צעגליט?
צי עפּשער ס׳צעבלוטיקטע אויג פֿון געוויסן, וואָס היט מײַנע טריט,

דערמאָנט מיר, פונוואַנען איך קום און וווּהין איך דאַרף גיין?
צי, מעגלעך, ס'איז פּאַשעטער אַלץ, ווי איך מיין?
אַזעלכע צוויי פענצטער פאַראַן אַף דער וועלט גאָר אַ סך —
זיי זײַנען די בראַנדיקע קרעץ פון איטעווידן קראַך.
און דאָך בין איך דאַנקבאַר, וואָס אָפּגעזוכט האָט מיך אויך דאָ זייער ליכט —
די קויטיקע שײַן, וואָס פאַראַרעמט דעם בלינצל־נעאָן
פון דער שטאָטס פאַלש געזיכט...

10. איוואַן קאַראַמאַזאָוו[1]

אַזוי האָט געזאָגט קאַראַמאַזאָוו:
נאָר דרײַסיק יאָר רעכט איז צו לעבן,
און ווײַטער — דעם כּעזשבן צי אונטער,
זײַ גרייט אַלץ צוריק אָפּצוגעבן.

און ניט בלויז די בראָכן, וואָס זײַנען
נאָך דרײַסיק יאָר אָן — ניט צו מײַדן,
נאָר אויך פונעם פרילינג די שײַנען,
דעם הימל פון טכיילעסדיק זײַדנס;

מיט זאַפּט־קליי די בלעטעלעך גרינע
אַף בוים, אויך די קנאָספּן, די בליטן;
אַפילו פון פייגעלעך־צוויטשער —
אין האַרצן דעם רייץ פריש־צעצוויטן,

וואָס טכילעס געוועבט איז פון רײנקײַט,
גייט איבער אין בענקשאַפט — הויל שטורעם —
נאָך פרוײַשער טײַוולשער שיינקײַט,
אַזוי ווי אַ מאַלעך געפורעמט.

גיב פרײַוויליק אָפּ, קער אום אַלצדינג,
וואָס שטאַמט פונעם שלאַנג ליסטיק־קלוגן —
פון יעיצער רא... פון יעיצער טאָוו אויך...
אַליין דו צעברעך אַלע קרוגן,

און אונטער די פיס טו צעגיסן
דעם ווײַן מיטן סאַם פונעם בעכער...
אַזוי האָט געזאָגט קאַראַמאַזאָוו:
נאָר דרײַסיק יאָר לעבן — ניט העכער!

11. דער גלויביקער

ווען ס'זאָל זײַן אין מיר אַליין געווענדט,
וואָלט מיסטאָם ניט שווער געווען פאַר מײַנע הענט
פון דער וועלט־נעסט מיך אַרויסצוּוואַרפן.
(ווי באַלעבאַטים יוסטע פלעגן לײַכט דערלויבן זיך
אַרויסצושלײַדערן אַן אָרעמאַן אַ שייגעץ פון דער קלויז...)
אָבער, טראַכטנדיק אין זעלבן נוסעך,
ווידער איבערקלערן מוז איך:
עפּשער וועט מיך פאַרט
אונדזער שיינע וועלט באַדאַרפן?
ווײַל אַפילו אינעם פעלד אַ מויז
פון איר נאָרקע קריכט אַרויס,

[1] זע „די ברידער קאַראַמאַזאָוו" פון דאָסטאָיעווסקין.

קוקט צום בארג־שפּיץ און צום טאָלן־טיף,
ווי א פעלד־האר... נעם כאַטש גיב איר א שפּאקטיוו!

לערנען מיר דערפון דעם פּשאַט:
אַפן רײַכן לעבנס־בוים איז יעדער בלאט
אָפּגעציילט און אף זײַן אָרט.
וואָס זשע אונדז צומאָל עס פּאַנגט
אויף דער רעגנבויגנדיקער טויט־געדאנק?
ניט אוואדע,
ווײַל ער איז א מאדים
אויסצוהעפטן שיינע רייד?
נאָר דער איקער, ווײַל מיט אונדזער גאַנצן אײַנגעווייד
פילן מיר און גלייבן טאַקע,
אַז עס איז ניטאָ קיין וואַקום —
ס׳גלײַען וועלטן אָן א שיר,
און פון איין וועלט אין דער צווייטער גייען איבער מיר,
פונעם אייביק־דעמערן צום אייביק־טאָגן...

ערגאַ, ווי עס האָבן ליב די דענקער זאָגן:
ווען מיר גליטשן זיך אראָפּ
פונעם דאך פון אונדזער וועלט, — מיר פאַלן,
ווי די נארישע, נאָר פלינקע קאַץ,
צי דער אקראַבאַט, וואָס רײַסט זיך פונעם קופּאָל אָפּ
און פאלט אף א מאַטראַץ...

אָבער אין דער זעלבער צײַט אונדז דאכט, אַז עפּשער פּאָרט
ווערט די וועלט, אין וועלכער מיר הײַנט לעבן, אונדז באדאַרפן
צוליב טײַמים, וואָס ניט טאָמיד מאַסיג זײַנען מיר,
ווײַל זיי קומען, פלייצן פון אן אומדערוואַרטעט־אופגעפּראַלטער
בלענדנדיקער לעבנס־טיר.

ס׳איז דעריבער ניט קיין סתם מעליצע־וואָרט:
ווען ס׳זאָל זײַן אין מיר אליין געוועבט,
וואָלט ניט עפּשער שווער געווען פאַר מײַנע הענט
פון דער וועלט־נעסט מיך ארויסצוואַרפן,
הערנדיק דערבײַ די שטראָלן־סטרונעס־שפּיל
פון אלע זונען־האַרפן...

יוסעף ראַבין

מײַן טײַערע צעדרײטע

ראָמאַן

דריטער טייל

1.

דאָ בין איך געבאָרן,
דאָ וועל איך אַמאָל ניט ווערן,
דאָ פאַרפלאַנצט האָב איך אַ קערן
אויך אַף שפּעטערדיקע יאָרן.

ש. האַלקין

נאָטקעגן און סענדערס מיידל, אסנען, האָט אָפּגעגליקט. עטלעכע קילאָמעטער נאָך ווילנע האָבן זיי אײַנגעבעטן אַ שאָפער, ער זאָל זיי מיטנעמען אין זײַן אווטאָמאָביל. אין אַ שאָ דרײַ ארום זײַנען זיי שוין געווען אין מינסק. און פון מינסק איז לײַכטער געווען אָנצוקומען קיין מאָסקווע. אין דער הויפּטשטאָט האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן. דעם ווײַטערדיקן וועג קיין ביראָבידזשאַן האָבן זיי פאַרגעזעצט מיט אַ צוג, וואָס פירט עוואַקויִרטע קיין סיביר. און אָט אין דעם צוג איז קיין סיביר אויך געפאָרן איצע דער בראַקער.

איצע דעם וואַלד־בראַקער, איצע שולמאַנען, איז פאַר דער מילכאָמע שוין געווען אַריבער פופציק. אויסגעזען האָט ער ייִנגער פון זײַנע יאָרן. ער איז העכער פון מיטעלן וווּקס, ניט קיין פולער, מיט אַ געדיכטן קאָפּ האָר, קימאַט אָן איין קנייטש אַפן פּאָנעם. די באַקן ייִנגלש רויטלעך, די אויגן פול מיט מאַנצבלשער קראַפט. איז ער ראַזירט, שאַצט מען אים זעקס און דרײַסיק,

סאָף. זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 1.

ניט ראַזירט — פערציק. ניט מער. זײַן פרוי מיכליע איז ייִנגער פון אים. זי זעט אָבער אויס עלטער. נאָך פאַר דער מילכאָמע האָט זי שוין גענומען פילן, אַז איר פרויען־גלאַנץ גייט פון איר אַוועק און וועט זיך שוין מער ניט אומקערן. דאָך האָט זי זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. אַמאָל האָט זי זיך פאַרגינט האַלטן אַ פּאָר שיינע טופל אין אַלמער, ווײַל סײַוויי געפעלט זי. דאָס שענסטע קלייד זעלטן אָנטאָן, ווײַל איר פיגור איז אַזוי אויך אָנגענעם. דערנאָך אָבער האָט זי שוין גענומען אינמיטן מיטוואָך טראָגן די בעסטע טופל און די שענסטע קליידער. זי וויל אומקערן צוריק כאָטש איר פינף־און־דרײַסיקיאָריקן אויסזען. און זי האָט געטראַכט, אַפּאָנעם, ווי עס טראַכטן אַ סאַך פרויען אין אַזאַ עלטער: ווען איז עס געשען? זי געדענקט זיך גאָר אַן אַנדערע. צי וועט זי נאָך זײַן אַזאַ, ווי זי איז געווען? זי קעמפט נאָך, זי וויל זיך ניט אונטערגעבן. איצטן איז זי אָבער סײַווי געפעלן. ניט אומזיסט האָט זי אַף אים געוואַרט.

ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע איז איצע געווען אַ סאָלדאַט. פאַרן גיין אין סאָלדאַטן האָבן זיך איצע מיט מיכליען געגעבן דאָס וואָרט: וואַרטן. עמעס, די מאַמע האָט איר וויפל מאָל געזאָגט, אַז זי האָט געגעבן דאָס וואָרט, ניט וויסנדיק, אַז עס וועט זײַן אַ מילכאָמע. און פאַר אַ מיידל איז אַ מילכאָמע דער גרעסטער קוילער. אי מע קאָן איבערזיצן, אי מע קאָן בלײַבן צום נאַר.

— וויבאַלד דו האָסט ניט געוווסט, אַז עס וועט זײַן מילכאָמע, ביסטו פּאַטער. פרעג באַם ראָוו, פרעג באַם טאַטן, פרעג באַ לײַט.

מיכליע האָט באַ קיינעם ניט געפרעגט. אַפן האַרצן איז איר געווען גענוג שווער, ווײַל עס איז געגאַנגען אַ יאָר נאָך אַ יאָר און קיין סאָף האָט מען אַלץ ניט געזען. גערעדט האָט מען איר שידוכים, און זי האָט ניט געוואָלט הערן, מע האָט איר געמאַכט שווער אַפן האַרצן, און זי האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. אַפן זיבעטן יאָר איז איצע געקומען אַהיים. אַף מאָרגן האָט מען געשפילט די כאַסענע. געווען איז עס אין רוישיקן אַכצנטן יאָר, און אין שטעטל איז עס געווען די ערשטע כאַסענע אָן אַ ראָוו, נאָר מיט די זעלבע קלעזמער.

און אָט... שוין באַלד פינף און צוואַנציק יאָר רעוואָליוציע. און איצע פאַלט נאָך אַלץ אַרײַן אין היספּײַלעס, ווען ער טראַכט וועגן זײַן זון דעם סטודענט, וואָס וועט אינגיכן ווערן אַן אינזשעניער. די קינדער־יאָרן קומען אויף פאַר איצען אומגעבעטן. זײַן זיידע דער שוסטער און זײַן טאַטע דער סטאָליער האָבן אַ גאַנץ לעבן געוואָלט, אַז עמעצער פון זייערע קינדער זאָל זיך דורכרײַסן דורכן קרײַז שוסטער און סטאָליער און זאָל כאָטש מיט עפּעס באַשיינען די מישפּאָכע, כאָטש דורך איינעם זאָל פאַרגעדענקט ווערן די פּאַמיליע. געמיינט האָט מען, אַז דאָס איז אין איצעס קויעך. איצע איז געוואָרן אַ בראַקער. צי וואָלט עס באַפרידיקט זײַן טאַטן? איצען אַליין — ניט. זײַן האָפענונג ליגט אינעם זון. ער גלייבט אין זײַן האָפענונג. דער זון וועט בויען בריקן, שיינע, גרויסע. און פאַרן טאַטנס אויגן וואַקסט אויס אַפן ראַנד אַ בריק, וואָס הייבט זיך אָן פון יענער זײַט און גייט אַריבער אַהערצו. די זון לײַכט פון אויבן. איבער דער דאָזיקער ראַכוועסדיקער ליכטנדיקער בריק גייען מענטשן אָן אַ שיר. דעם טאַטנס האַרץ וואַקסט.

באַ איצען קאָן מען אָפט טרעפן אַ פולע שטוב באַקאַנטע, שכיינים, פרײַנט. מענטשן ווייסן שוין אַפילע, אַז מע טרעפט עמעצן ניט אין שטוב, איז יענער געוויס צוגאַסט באַ איצע שולמאַנען. אַרום איצעס הויז איז פאַראַן אַ סעדל פון קאַרשן־ביימער און מאַלענע־קוסטעס. די שטוב איז אַ גרויסע, די וועראַנדע אַ געראַמע, און מע איז שטענדיק גערן, ווען באַקאַנטע און פרײַנט קומען אַהער. נאָך מער: מע באַליידיקט זיך גאָר, אַז מע קומט ניט. עס טרעפט אין אַן ערשטן מײַ, אין אַ זיבעטן נאָיאַבער, ווען מענטשן גייען אין געסט און נעמען אויף געסט, אַז אין איינער אַ שטוב זאָל מען שוין וועלן מאַכן אויס יאָמטעוו, נאָר מע פילט אָבער, עפּעס פעלט נאָך, עפּעס האָט מען ניט דערטאָן... ביז מע דערמאָנט זיך: ניט געווען נאָך צוגאַסט באַ איצען. איצע שולמאַן איז אַן אַקטיוויסט אין שטאָט־ראַט און ווייסט אַרטיקע נײַס. ער לייענט צײַטונגען און פאַרשטייט, וואָס אין לאַנד טוט זיך און וואָס אַף דער וועלט הערט זיך. בויט עמעצער אַ שטוב, קומט ער איצען פרעגן מעווינעס אַף געהילץ. דערצו האָט איצע אַ זון אַ סטודענט. און פאַראַן אין שטעטל נאָך טאַטעס, וואָס האָבן קינדער אין הויכשולן. צווישן עלטערן, וואָס האָבן קינדער סטודענטן און סטודענטקעס, איז אַ באַזונדער מין פרײַנטשאַפט. צוויי מאַמעס האָבן זיך געקענט פונדערווײַטן אָדער זיך אינגאַנצן ניט געקענט. זייערע קינדער זײַנען געוואָרן סטודענטן. די מאַמעס באַגעגענען זיך אין גאַס און שטעלן זיך אָפּ.

— אײַערער, דוכט זיך, איז אין מאָסקווע... אַפן מעדיציניש?

— און אײַערע, זאָגט מען, איז אויך אין מאָסקווע. אַף וועלכן איז זי?

— אַפן היסטאָריש.

דער שמועס ענדיקט זיך מיט דעם, וואָס ביידע מאַמעס האָבן טײַנעס:

— פאַרוואָס קומט איר קיינמאָל ניט אַרײַן?

און מע ווערט גרויסע גוטעפֿרײַנט. אַזאַ פֿרײַנטשאַפֿט קומט פּאָר צווישן „מאָסקווער", „לענינגראַדער", „מינסקער"... דאָס הייסט, אַז זייערע קינדער לערנען זיך אין מאָסקווע, לע־נינגראַד, מינסק. צוזאַמען גייט מען באַגעגענען די קינדער, וואָס קומען אָף קאַניקולן, צוזאַמען באַגלייט מען זיי צום נײַעם לערניאָר.

שכיינים האָבן געוווּסט, אַז איצע באַקומט לעצטנס ניט קיין בריוו פֿון דעם זון, דער טאַטע איז שטאַרק אומרויִק. אָף באַרויִקן אים האָבן אַנדערע טאַטעס געזאָגט, אַז זיי באַקומען אויך ניט קיין אײַנגעטונקטע פֿען.

— עקזאַמענעס. קינדער זײַנען פֿאַרנומען. און פֿאַדערן פֿאָדערט מען בא זיי א סאַך.

הײַנט האָט מען זיך אויך געגומען קלײַבן צו שולמאַנען אהיים. דער ערשטער איז געקומען דער נאָענטסטער שאָכן פֿון דער צווייטער שטוב — איסער פֿײַנשטיין מיט דער פֿרוי. איסער איז אויך א בראַקער און אַרבעט מיט איצען אין איין אונטערנעמונג. נאָכדעם איז געקומען מענדל גינזבורג דער שטעפּער, איינער פֿון די בעסטע אַרבעטער אָף דער שוך־פֿאַבריק. דער מעכאַניקער פֿונעם געהילץ־זאַוואָד איליא סאַפּראָ איז געקומען מיט דער פֿרוי. די לעצטע זײַנען געקומען צוויי בוכהאַלטערס. איינער פֿון זיי איז זימל כייפעץ — א הויכער און פֿאַרזיכטיקער. זײַן טראָט שטעלט ער ניט אָף גיין, נאָר אָף אָנטאַפּן די ערד. אים פֿעלט א ביסל הייסקײַט, א ביסל היציקײַט. אָף אים איז צו זען, אַז ער ציילט שטענדיק פֿרעמדע ציפֿערן, ניט קיין איי־גענע. צוזאַמען מיט אים איז געקומען דער צווייטער בוכהאַלטער — דער נידעריקער און זשוואַווער מענדל שענדעלעוויטש. וועגן כייפעצן זאָגט ער: „א הויכער וווּקס איז דאָך מעכײַעוו אָף קורצן סייכל. אַדרעבע, באַווײַזט מיר איין געניאַלן מענטשן, וואָס זאָל זײַן פֿון אַזאַ הויכן וווּקס. ווי קומט סייכל צו א סטיבון?". פֿאַראַן טעג, וואָס קאָסטן שענדעלעוויטשן א סאַך גע־זונט. דאָס קומט פֿאָר אין די טעג, ווען דער קאַסיר אין זײַן אַנשטאַלט צאָלט געלט. קומט א מענטש אַרײַן באַקומען, וואָס אים קומט, אײַלט אים שענדעלעוויטש אַנטקעגן און בעט אַרײַנ־קומען שפּעטער. געלט איז פֿאַראַן, דער קאַסיר איז פֿרײַ, נאָר דער בוכהאַלטער פֿילט א גרויס פֿאַרגעניגן, אַז ער קאָן עס אָפּלייגן אָף א שאָ שפּעטער. יעדן רובל, וואָס דער קאַסיר צאָלט אויס, איז ווי פֿון זײַן, שענדעלעוויטשעס, אייגענער קעשענע מיט גוואַלד געגומען.

קלײַבט מען זיך צונויף בא איצען אין שטוב, ווערן די געסט אויס בראַקערס, אויס שטע־פּערס, אויס בוכהאַלטערס. זיי ווערן טאַטעס, וואָס האָבן קינדער סטודענטן. די ווײַבער זיצן פֿון אָנהייב אָפּגעזונדערט, ווי זיי וואָלטן דאַרפֿן באַטראַכטן א ווײַבערישן איניען. דעם מע־כאַניקערס פֿרוי איז א קאָמוניסטקע, זי פֿירט אָן מיט א פּאָליטקרײַז און האָט פֿײַנט צו זיצן אָפּגעזונדערט פֿון אַלעמען. אַלע ריידן צוזאַמען. מע רעכנט אויס, ווען עס ענדיקן זיך די עקזאַ־מענעס, ווען מע דאַרף גיין די קינדער באַגעגענען. און אַז מע האָט זיך שוין יאָ צונויפֿגעקליבן, כאַלעשן די טאַטעס מיט די מאַמעס צו זאָגן עפּעס גוטס וועגן זייערע קינדער. יעדער פֿאַר־שטייט דאָך, אַז עס פּאַסט ניט צו לויבן זײַן קינד צווישן אַזויפֿיל עלטערן. אָבער גאָרניט זאָגן איז איבער די קויכעס. זאָגט מען וועגן די קינדער אַזוינס און מיט אַזאַ טאָן, וואָס זאָל קלינגען גאָר ניט ווי קיין מײַלע, נאָר וואָס האָט דאָך דעם זיבעטן כיין:

— די טאָכטער איז אָן אקשן און א קאַפּריזוליע. דער טאַטע האָט זי קאַליע געמאַכט מיט זאָגן איר דעם עמעס, אַז זי איז א שיינע.

— דער זון איז אָן אָנשיקעניש, קוקט אין ביכל און ניט אין טעלער. וואָס קומט אַרויס, אויב די פּראָפֿעסאָרן זאָגן יאָ, אַז ער האָט אָן אָפּענעם מויעך?

דאָ האָט זיך אָבער צונויפֿגעקליבן אַזאַ אוילעם, וואָס בענעגייע קינדער דאַרף מען אים קיין פֿינגער אין מויל ניט לייגן. מע פֿאַרשטייט זיך אָפּן ווונק. יעדער ווייסט, וואָס מע דאַרף אָנעמען און וואָס מע דאַרף אָפּוואַרפֿן.

אַלע לייענען צײַטונגען. אָף דער וועלט איז מילכאָמע. וואָס מע ווינטשט היטלערן — זאָל עס אים אָנקומען. יעדער פֿאַרשטייט, ווי וויכטיק עס איז פֿאַר אונדזער לאַנד וואָס לענגער אײַנצוהיטן דעם שאָלעם.

דערנאָך רעדט מען ווידער וועגן די קינדער, און מע זאָגט אַרײַן איצען א פּאָר שטעכווער־טער, פֿאַרוואָס ער איז אַזוי נערוועז און האָט ניט קיין געדולד זיך דערוואַרטן אָף א בריוו פֿון זון.

איצע שמייכלט און ענטפֿערט ניט.

מער פֿאַר אַלעמען שמייכלט איסער פֿײַנשטיינס פֿרוי, פּעשע. פּעשע איז א לײַביקע, א גוטמוטיקע, האָט ליב זײַן פֿרײַנטלעך מיט מענטשן. זי ווייסט, פֿאַרוואָס שולמאַנס זון שיקט לעצטנס זעלטן בריוו און פֿאַרוואָס ער איז אַזוי פֿאַרנומען. הײַנט האָט זי באַקומען א בריוו פֿון דער טאָכטער, וועלכע שרײַבט, אַז זי גרייט זיך צו די עקזאַמענעס, אַז צו איר קומט אָפּט אַרײַן

שולמאַנס זון און העלפֿט איר. ער איז אַ גוטער און אינטערעסאַנטער באָכער. ער האָרעוועט איצט אַ סאַך, ער דאַרף איבערגיין אַפּן לעצטן קורס. מעגלעך, אַז אַף די קאַניקולן וועלן זיי קומען צוזאַמען.

פּעשע שמייכלט. איר ווילט זיך גוואַלדיק עמעצן דערציילן דעם סאָד, וועלכן זי ווייסט. זי וועט עס ניט טאָן, אָבער שמייכלען פֿון צופֿרידנקייט מוז זי. פֿאַר הײַנטיקן אָוונט איז איר צו־געקומען אַ פֿוד געזונט. דערבײַ טראַכט זי: אַ פֿולע שטוב מיט קלוגע מענטשן, און זאָל זיך כאָטש איינער אָנשטויסן, אַז זי ווייסט אַזוינס, וואָס זיי ווייסן ניט.

עס ווערט שפּעט. די געסט קלײַבן זיך אַהיים.

איצע דערפֿילט, אַז באַלד בלײַבט ער ווידער אַליין, קיין יעדיע פֿון זון איז ניטאָ... און עס רײַסט זיך בא אים אַרויס אַ זיפֿץ.

די געסט נעמען אים זידלען. ווי פּאַסט עס? ווי קומט עס צו אים? פּעשע קריגט אַף אים ראַכמאָנעס. זי ווייסט דאָך דעם עמעס. פֿאַרשטייט זיך, אַז דערציילן קאָן זי גאָרניט, אָבער טרייסטן מוז זי דאָך.

— הערט נאָר, איצע, אײַער פֿערעץ איז אַ יונגער און שיינער באָכער... עפּשער האָט ער זיך פֿאַרדרייט...

— וואָס?! — גיט אַ פֿרעג איצע מיט אַזאַ היץ און רוגזע, ווי ער וואָלט מיט דער שטים אַליין געוואָלט עמעצן דערהאַרגענען. — פֿאַרדרייט זיך? וואָס הייסט פֿאַרדרייט זיך?

מיט גוטן קאָן מען באַ פּעשען אַלץ פּוילען, נאָר מיט געשריי גאָרניט. שוין צוליב דעם אַליין, וואָס פֿון אַ געשריי פֿאַלט אָפּ באַ איר דאָס לאַשן. נאָר דער זעלבער איצע, וואָס האָט נאַרוואַס געוואָלט מיט זײַן קאָל עמעצן טויב מאַכן, שטייט איצט און בעט ראַכמים, מע זאָל אים זאָגן, וואָס הייסט „פֿאַרדרייט זיך".

אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש, וויבאַלד ער בעט — וועט זי זאָגן:

— מיט אַ מיידל.

— מיט אַ מיידל?

— מיט אַ שיין מיידל.

אַלע דערזעען, אַז איצען נעמט וואָרפֿן, ווי אין קאַדאָכעס.

ווי קאָן זיך עס אין זײַן קאָפּ אויסלייגן אַזוינס? ער באַנעמט עס ניט. זײַן זון? זײַן פֿערעץ? צי קאָן ער זײַן מיט אַן אַנדערן און ניט מיטן טאַטן? אַ מיידל? וואָס הייסט אַ מיידל? אים איז קיינמאָל ניט אײַנגעפֿאַלן, אַז צווישן אים מיט זײַן זון קאָן זיך שטעלן אַ דריטער. ער גלייבט ניט. אַ ליגן. באַבעמײַסעס. זײַן פֿערעץ?

אין אַ טאָג צען־צוועלף אַרום, שוין אָנהייב מילכאָמע, האָט דער זון געשיקט איצען אַ טעל־עגראַמע: ער איז אַרײַנגעטראָטן אין דער אַרמיי און גייט אַפּן פֿראָנט.

די טעלעגראַמע אָבער האָט שוין ניט געהאַט וווהין אָנצוקומען. אין שטעטל זײַנען די דײַטשן.

2.

אַזאַ ליבשאַפֿט, פֿאָטערלאַנד.

ע. פֿ י נ י נ ב ע ר ג

די פֿענצטער זײַנען שוין ניט נאָר אַרומגעקלעפּט פֿון ווינקל צו ווינקל מיט פּאַסן פּאַפּיר, קעדיי די שויבן זאָלן ניט פּלאַצן, נאָר זײַנען אויך פֿאַרהאַנגען מיט טיכער און קאָלדרעס, מיט קאַרטאָן — די באַנאַכטיקע ליכטיקע שויבן זאָלן ניט אויסזאָגן דעם סוינע, ווו די שטאָט גע־פֿינט זיך. די גרויסע מאָסקווע, וואָס האָט זיך ביז ניט לאַנג אַזוי געבויט און געפּוצט און מיט מיליאָנען פֿײַערן באַלויכטן אירע האַרציקע אָוונטן, האָט איצט גענומען שיסן מיט פֿינצטערניש אין דעם סוינע. און אַפֿילע די מאָסקוועער לעוואָנע, וועלכע זעט אויס, שווימענדיק איבער די מויערן, מער ערדיש ווי הימלדיק, וועלכע מאַכט אַמאָל דעם אײַנדרוק, אַז דאָס לײַכט אין הימל אַ לאַמטערן פֿון פּושקין־פּלאַץ אָדער פֿון סווערדלאָוו־פּלאַץ, אַפֿילע זי, די מאָסקוועער מילכאָמע־לעוואָנע, האָט סייכל זיך אײַנצוטוליען אין וואָלקנדלעך און אַרויסקוקן נאָר מיט אַ שמאָלן ליכ־טיקן ראַנד.

די פֿאַרטונקלטע שטאָט איז אין דער נאַכט וואַך מיט דעזשורנעס אין די הויפֿן, אַף די דעכ־כער, באַ די טירן — דער סוינע קאָן אומגעריכט זיך באַווײַזן איבערן מאָסקוועער הימל.

אין גרויסן צימער באַם לערער ניסן גאָלאַנד איז פֿינצטער. אַלע שלאָפֿן. ניסן אַליין האָט שוין אויך געדרעמלט. ער האָט זיך פּלוצלינג אופֿגעכאַפּט. די אויגן וויל ער ניט עפֿענען, אָבער אײַנשלאָפֿן ווידער קאָן ער אויך ניט. אים נעמט דוכטן, אַז אין שטוב פֿעלט עפּעס. ער עפֿנט די אויגן און וויל וויסן, וואָס עס פֿעלט.

די פֿינצטערניש זאָגט אָבער גאָרניט אויס. ניסן קאָן זיך נאָר פֿאָרשטעלן די טונקל־העלע שאַפֿע מיטן געשליפֿענעם שפּיגל, דעם קײַלעכדיקן טיש מיטן געבלומטן טישטעך, די לאַנגע און ווייכע קאַנאַפּע, וועלכע ער אַליין האָט שוין דרײַ מאָל פֿאַריכט און איבערגעבונדן די פּרוזשי־נעס. ער פֿילט אויך די לעבעדיקע מענטשן אין צימער.

שלאָפֿן קאָן ער ניט. און אַז ער שלאָפֿט ניט, קומט דער געדאַנק, וואָס לאָזט אים די לעצטע טעג ניט אָפּ. זיי זײַנען צוויי מאַנצבלען — ער און זײַן אַכצניאָריקער זון באָריס. צי קענען זיי ביידע זיצן אין אַזאַ צײַט אין שטוב? צי דאַרף איינער פֿון זיי ניט גיין אויפֿן פֿראָנט? זײַן יאָר איז נאָך דערווײַל צו אַלט פֿאַר די יאָרן, וואָס מע רופֿט אין דער אַרמיי. דער זון איז נאָך צו יונג. קאָן ער דען, ניסן, זיצן און וואַרטן?

אין נײַנצנטן יאָר האָט ער ניט געוואַרט, ער איז אַליין אַוועק. ער געדענקט, אַז ווען ער איז אָנגעקומען אין זײַן טייל, האָט אים דער קאָמיסאַר געזאָגט: ער זעט דאָס ערשטע מאָל אַ מענטשן, וואָס איז אין דער פֿאַרטיי אַרײַנגעטראָטן פֿריִער, ווי אין קאָמיוג.

דער זון איז נאָך יונג, ער האָט נאָרוואָס געענדיקט די מיטלשול, ער איז דער בכור — אַ שיין באָכערל מיט אַ געדיכטער שוואַרצקײַט באַם מויל, מיטן טאַטנס אויגן, וואָס לויכטן אַרויס מיט פֿאַרשטאַנד. דער טאַטע טראַכט, אַז ער אַליין וועט זײַן דער איינער פֿון די צוויי. מאָרגן גייט ער אין מיליטער־קאָמיסאַריאַט. און ווי נאָר דאָס ווערט פֿאַר אים אײַנגאַנצן קלאָר, אַזוי דערפֿילט ער גלײַך די גרינגקײַט פֿון זיך נעמען צוגרייטן אין וועג. ער וויל זיך אָנטאָן. ניסן לאָזט אַראָפּ די פֿיס אויפֿן דיל און דערמאָנט זיך: עס איז נאַכט. וווּהין אײַלט ער זיך? ער זוכט אויף אַ פּאַפּיראָס און פֿאַררייכערט. ער וועט ליגן אין בעט און אַ ביסל טראַכטן.

— טאַטע, באַנאַכט האָסטו קיינמאָל ניט גערייכערט.

— דו שלאָפֿסט ניט, באָריס?

ניסן גייט צו צום זונס בעט און זעצט זיך. אין דעם פֿינצטערן צימער דוכט ביידן, אַז זיי זעען גוט איינער דעם אַנדערן. און דעריקער, טראַכט ניסן, איצט קאָן ער וויפֿל ער וויל קוקן אויפֿן זון. ווען עס איז ליכטיק, פּאַסט ניט פֿאַרן טאַטן און עס איז ניט אָנגענעם פֿאַרן זון, ווען דער טאַטע שטעלט זיך אַוועק אויף אים קוקן, ווי אויף אַ דרײַיאָריקן.

— פֿאַרוואָס שלאָפֿסטו ניט, באָריס?

ניט דאָס האָט ניסן געוואָלט פֿרעגן. ער איז גאָר צופֿרידן, וואָס דער זון שלאָפֿט ניט. זײַן פֿראַגע איז נאָר אַן אַרײַנפֿיר אין אַ שמועס, וואָס ער וויל פֿאַרפֿירן מיטן זון. ער וויל אים געבן צו פֿאַרשטיין, וואָס אויפֿן פֿראָנט טוט זיך, כאָטש ער איז נאָך ניט צוגעוווינט צו ריידן מיטן זון וועגן ערנסטע זאַכן. דער זון ענטפֿערט:

— פֿאַרשטייסט, טאַטע, איך וויל מיט דיר ריידן. מיר זײַנען צוויי מאַנצבלען אין שטוב. איינער פֿון אונדז דאַרף גיין אויפֿן פֿראָנט. איך גיי...

ניסן ענטפֿערט ניט, כאָטש ער דאַרף עפּעס זאָגן זייער וויכטיקס. ער זאָגט ניט, ווײַל אין האַלדז דערפֿילט ער אַן אומרו. דער פֿראָנט איז געפֿערלעך. אָבער ניט אַזוי געפֿערלעך, ווען ער אַליין, ניסן, גייט אַהין, נאָר ווײַבאַלד דער זון גייט, ווערט דער פֿראָנט צופֿיל געפֿערלעך. ער וויל פֿאַרלויפֿן דעם זון דעם וועג, נאָר ער מוז עטוואָס אויסוואַרטן. זיך באַרויִקן. דערנאָך זאָגט ער:

— ביסט גערעכט. איינער דאַרף גיין. פֿאַרוואָס ווילסטו אויך... איך גיי דאָך שוין.

— דו? איך בין ייִנגער פֿאַר דיר, טאַטע.

— דערפֿאַר אָבער וועט דער מאַמען זײַן גרינגער, ווען דו וועסט בלײַבן.

דער זון קאָן אויף דעם ניט אײַנגיין, נאָר ער ווייסט, אַז עס וועט ניט העלפֿן. ער שלאָפֿט אײַן.

דער טאַטע גייט צו זיך. עס שלאָפֿט זיך אָבער אַלץ ניט. ער האָט זיך לײַכט אָנגעטאָן, פֿאַרהויבן אַ ווינקל פֿונעם טוך, וואָס איבערן פֿענצטער, און אין צימער איז אָנשטאָט פֿינצטער געוואָרן גרוי. דער זומערדיקער פֿריִער פֿאַרטאָג האָט שוין גענומען אַרײַנקוקן אין דער שטאָט. אַלעמאָל, ווען ניסן גאָלאַנד קוקט אַרויס דורך זײַן פֿענצטער אין זומערדיקן דרויסן, זעט ער די עטלעכע טאָפּאָלן אין זײַן הויף, דערנאָך פֿילגאָרנדיקע הײַזער, ווײַטער זעט ער קוימענס, דעכער, גרינע שפּיצן פֿוןביימער. און צולעצט די גרויסע מאַסיווע און פֿעסטע געבײַדע פֿונעם טעאַטער פֿאַר דער רויטער אַרמיי, מיט אַ רויטער פֿאָן אויפֿן הויכן טורעם. איצט, אין גאָר פֿריִען

פאַרטאָג, אַז ער קוקט אַרויס דורכן שטיקל אָפּגעדעקטן פענצטער, באַוויַיזט זיך גאָר זיַין היימ־שטאָט אַף דער גרענעץ פון ליטע און וויַיסרוסלאַנד. ער דערזעט דעם טאַטן פונקט אַזאַ, ווי אין יענעם 1919, ווען דער טאַטע האָט אים פאַרן גיין אין דער רויטער אַרמיי געזאָגט:

— ניסל, איך שטיי דיר ניט אין וועג. מיסטאַמע דאַרף מען גיין. נאָר הער מיך אויס, עפּ־שער וועסטו מיך שוין ניט טרעפן. קיין ירושה לאָז איך ניט. אָפן אַלמער ליגט אָבער אַ ירושה, וואָס גייט איבער פון דאָר צו דאָר, אַ ירושה פון מענדעלע דובראָווער, זיַין סידער. כ׳ווייס, אַז קאָמוניסטן דאַרפן קיין סידער ניט. ס׳איז אָבער ניט אַף דאַוונען. ס׳איז... וועסט קומען צוריק — זאָל ער איבערגיין צו דיר. זיַי געזונט, מיַין זון, זיַי מאַצליַיעך אין וועג, קום אַ געזונטער.

באַ אים, באַ ניסענען, ליגט דער דאָזיקער סידער אַף דער פּאָליצע צווישן אַ סאַך ביכער. ער געדענקט די שכיינים פונעם סידער. פון איין זיַיט טאָלסטאָי, פון דער צווייטער — פּערעץ.

ניסן דערהערט, ווי די פּאַראַד־טיר אין שטוב עפנט זיך און פאַרמאַכט זיך. ער דערקענט די טריט פון זיַין זעכציאָריקער טאָכטער ליובע, וואָס קערט זיך אום פון דער דעזשורסטוואָ אָפן דאַך פון זייער הויז.

— טאַטע, דו שלאָפסט ניט? איך כאַלעש שלאָפן...

ליובע איז אַ שילערן פון אַכטן קלאַס. אויסערלעך איז זי געראָטן אין דער מאַמען. ווי די מאַמע, איז זי פון מיטעלן וווּקס, נאָר צוליב דער שטאַלטנעקייט פון דער פיגור זעט זי אויס וווּקסיקער. ליובע איז אַ באַוועגלעכע און אַן אומרויִקע. וואָס זי פאַרטראַכט און פאַרלאַנגט, וויל זי, אַז דאָס זאָל טייקעף מעקויִעם ווערן. איר פעלט געדולד. זי האָט ליב טשיקאַווע זאַכן און איז שטענדיק גרייט זיך אופצוהייבן און לאָזן זיך אין אַ וויַיטער רייַזע, זען די וועלט. און כאָטש זי האָט ליב אירע עלטערן, איז זי שטאַרק מיט זיי אומצופרידן, ווען זיי נעמען זיך נאָכפרעגן וועגן אירע כאַווערטעס, ווילן וויסן, וווהין זי קליַיבט זיך גיין אָדער ווו זי איז געווען.

זי וויל שוין זיַין אינגאַנצן אַ גרויסע, אַ זעלבשטענדיקע, כאָטש דערפאַר אַליין, אַז מע זאָל באַ איר מער ניט דאַרפן פרעגן און אויספרעגן. וואָס איז זי — אַ קינד?

מיטן אויסברוך פון דער מילכאָמע איז איר צוגעקומען דאָס געפיל, אַז מער איז זי טאַקע קיין קינד ניט. מיטן גיין אַף דעזשורסטוואָ האָט זי זיך דערפילט אַ דערוואַקסענע. דעזשורירן — איז איר אָנטייל אין דער מילכאָמע.

איצט קליַיבט זיך ליובע שלאָפן. זי איז מיד. זי קאָן זיך ניט איַינהאַלטן פון זאָגן:

— אַן אומזיסטע דעזשורסטווע...

— אַן אומזיסטע?

— יאָ.

— וואָס מיינסטו מיט דעם צו זאָגן?

ליובע ענטפערט ניט, זי דעקט זיך איַין איבערן קאָפּ, מע זאָל באַ איר מער גאָרניט דאַרפן פרעגן. זי האָט זיך שוין אַליין געכאַפּט: „אַן אומזיסטע” באַטיַיט... געוווּן אַ שטילע נאַכט. זי פאַרשעמט זיך. זי שלאָפט איַין.

דער פריִער פאַרטאָג אין מאָסקווע פּילט, אַז אַט־אַט וועט אַ שפּריץ טאָן מיט אַן ערשטן שטראַל, וועלכן מע זעט נאָך ניט, נאָר וועלכן מע פילט שוין. ניסן גאָלאַנד דעקט אוף דאָס גאַנצע פענצטער. ער באַמערקט ניט, אַז צוליבן אופגעדעקטן פענצטער האָט זיַין פרוי געעפנט די אויגן. זי קוקט אַף אים אַ וויַילע און טוט פּלוצלינג אַ פרעג מיט פאַרוווּנדערונג:

— דו שלאָפסט ניט? ביסט היַינט דעזשורנע? וואָס איז געשען?

— גאָרניט געשען. — נאָך אַ ביסל שוויַיגן זאָגט ער צו איר: — איך וויל מיט דיר וועגן עפּעס ריידן, זשעניע.

די פרוי דערפילט, אַז דער מאַן וויל ריידן מיט איר וועגן אַן ערנסטער זאַך. זי זעצט זיך אוף.

— היַינט גיי איך אין וואָיענקאָמאַט...

— מע רופט דיַין יאָר?

— איך האָב ניט קיין רעכט צו וואַרטן, ביז מע וועט רופן. מיר זיַינען צוויי מאַנצבלען. איינער דאַרף גיין.

— צוויי? באָריס איז נאָך אַ יינגל.

— אפילע אַ קינד. פאַר מיר איז ער נאָך אַ קינד. און דאָך...

זשעניע קליַיבט זיך אים ניט אָפּצוריידן. אָפן הערצן איז איר, עמעס, שווער. איר מאַן, מיט וועלכן זי האָט אָפּגעלעבט העכער צוואַנציק יאָר, גייט אַף מילכאָמע, זי בליַיבט אַליין. זי ווייסט זייער גוט, אַז די לאַגע אָפן פראָנט איז אַ שווערע. די דיַיטשן האָבן פאַרכאַפּט ליטע, מיַירעווד

ווײַסרוסלאַנד, מײַרעוו־אוקראַינע... פאַר יעדן אָרנטלעכן מענטשן איז פאַראַן איין וועג: זיך שלאָגן קעגן סווינע.

— איך קאָן דיך ניט אָפּריידן, ניסן, ווי שווער דאָס זאָל ניט זײַן...

אינדערפרי איז ניסן אוועק אין ראַיאָנעם מיליטער־קאָמיסאַריאַט. זשעניע האָט אים באַגלייט.

אָף סרעטענקע, באַם ראָג קאָלאָקאָלניקאָוו־גאַסל, ווו עס געפינט זיך דער קאָמיסאַריאַט, איז געווען א גרויסער אוילעם. און מיט יעדער רעגע זײַנען אַלץ צוגעקומען נײַע און נײַע מענטשן. אין קאָמיסאַריאַט גופע איז געווען טומלדיק, די טיר האָט זיך אָן אופהער געעפנט און פאַרמאַכט. ס'איז געווען אָנגערייכערט. א גרויסע ריי איז געשטאַנען באַ די פענצטערלעך.

ניסן האָט דאָ געטראָפן שכיינים פון זײַן הויז: דעם זעצער סאָלאָוויאָוו, דעם אײַנבינדער קוראָנאָס, דעם כימיקער קאַלינין. אַלע האָבן זיך געגריסט. עמעצער הינטער אים האָט אָנגערופן ניסענען באַם נאָמען.

— כאַוווער גאַלאַנד, אַלע וועגן פירן הײַנט אין וואָיענקאָמאַט.

ניסן האָט דערזען א באַקאַנטן, מיט וועמען ער האָט זיך געלערנט אין דער יידישער אָפּטײלונג פון מאָסקווער פעדאַגאָגישן אינסטיטוט. מיט דעם דאָזיקן באַקאַנטן האָט ער זיך שוין לאַנג ניט באַגעגנט און אַפילע ניט געוווּסט, אַז ער וווינט אין מאָסקווע. זײַן פאַמיליע איז שאַגור. ניסן האָט זיך מיט אים דערפרייט.

אָפּן אויסזען איז שאַגור שטאַרק קליינשטעטלדיק. זײַנע ברילן, וועלכע ער טראָגט, מע קאָן זאָגן, פון וויגעלע אָן, זיצן ניט פעסט, האַלטן אין איין אַראָפּפאַלן. ער רעדט גיך. אַמאָל ווערט אים אַליין שווער צו פאַרשטיין, וואָס אַזוינס ער האָט געזאָגט. דעמלט נעמט ער פינטלען מיט די אויגן. אין אינסטיטוט איז ער געווען נאָך גאָר א יונגער, אָבער שטאַרק אָן אָנגעלייענטער.

מע זאָל אים דעמלט געוווּן אינגמיטן דער נאַכט אופוועקן פון שלאָף, וואָלט ער געקאָנט גלײַך נעמען און אַלץ אויסדערציילן וועגן שפּינאָזען און קאַנטן.

אין זײַן וויסן איז געווען א געמיש פון הײַנטצײַטיקייט און פון זײַן טאַטנס אַלטמאָדישער ספאָרים־קענטעניש. אַלץ איז נאָך דעמלט געלעגן, ווי אָנגעוואָרפן אין זיקאָרן, ניט פאַרטיפט און ניט אויסגעפורעמט. אָף א סעמינאַר פון יידישער געשיכטע פלעגט גאַלאַנדן אויסקומען צו שטרײַטן מיט שאַגורן. גאַלאַנד איז נאָך דעמלט ניט געווען אַזוי אָנגעלייענט, דערפאַר אָבער האָט ער אַלץ אײַנגעזאַפּט און אופגעכאַפּט ניט צו פאַרגעסן. ער האָט פאַרמאָגט א געזונטע לאָגיק און האָט טויפעס געווען געשיכטלעכע פּראָצעסן.

שאַגור, ווידער, האָט געקענט דערציילן א סאַך פאַקטן, געשעענישן, צופאַלן, ברענגען פאַרשיידענע מיינונגען פון געלערנטע, נאָר די געשיכטע פלעגט באַ אים באַקומען דעם כאַראַקטער פון אָן אומפאַרשטענדלעכן קישעף, וואָס שטייט אויסערן געזעץ און פאַרשטאַנד. דערבײַ האָט שאַגור געקאָנט ריידן וועגן זאַכן, וואָס האָבן קיין שום שײַכעס ניט צום איניען. וויבאַלד ער ווייסט — דערציילט ער.

אָפּט האָט מען זיי ביידן גערופן: בייס־הילעל און בייס־שאַמײַ.

איצט האָבן זיך ביידע דערפרייט איינער מיטן אַנדערן. זיי האָבן זיך דערמאָנט די סטודענטישע יאָרן, די פּראָפעסאָרן, כאַווײרים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שאַגור איז שוין א קאַנדידאַט פון וויסנשאַפטן. זײַן ריע איז געוואָרן נאָך מער קאַליע פון לייענען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— זאָג נאָר, שאַגור... מיט דײַנע אויגן וועט מען דיך סײַווי ניט נעמען. וואָס ביסטו געקומען אַזוי פרי?

— ש־ש־ש... — האָט שאַגור גענומען ריידן שטיל, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן. — וואָס דאַרפסטו אונטערזאָגן, זיי וויסן אַליין ניט?

— אונטערזאָגן?

— כאַוווער גאַלאַנד, — האָט מיט האַרץ, רויט ווערנדיק, געזאָגט שאַגור, — איך גיי שוין אַזוי אויך דאָס דריטע מאָל. — עס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז באַלד קאָנען זיך באַווײַזן באַ אים טרערן אין די אויגן. — איך נעם דען צו דײַן אָרט, וואָס?

גאַלאַנד האָט זיך פאַרשעמט. ער האָט גאָרניט געמיינט באַליידיקן און ניט קאַליע מאַכן.

אָפּן ראָג פון קאָלאָקאָלניקאָוו־גאַסל, אַנטקעגן דעם קאָמיסאַריאַט, האָט זיך צונויפגעקליבן א גרויסער אוילעם יונגוואַרג. געווען זײַנען עס ייִנגלעך און מיידלעך פון פאַרשיידענעם עלטער, וועמענס טאַטעס זײַנען אינוויינעק אין דער געבײַדע פון קאָמיסאַריאַט געשטאַנען אין דער ריי באַ די פענצטערלעך. די עלטערע ייִנגלעך, וועלכע, געוויינלעך, ווילן זיי אַרויסווײַזן זייער אומאָפּהענגיקייט פון די עלטערן, פילן זיך הײַנט שטאַרק נאָענט מיט זייערע טאַטעס. איינער



וויסט, אַז זײַן פֿאָטער איז אַ גוטער שיסער, אַ וואָראָשילאָווער, באַם צווייטן איז דער טאַטע געווען אין דער פֿינער קאָמפּאַניע. באָריס נעמט אויך אָנטייל אינעם געשפּרעך.

מיט די מיידלעך שטייט ליובע.

ווען ניסן גאָלאַנד איז ארויס צוריק פֿון קאָמיסאַריאַט, האָבן אים באָריס און ליובע גענומען פֿון ביידע זײַטן אונטער די הענט און זײַנען צוזאַמען ארויס אַף סרעטענקע. דאָ איז ניסן געבליבן שטיין, וואַרטן אַף שאַגורן. אינגיכן האָט זיך יענער באַוויזן. ער איז געווען רויט און פֿון אויפֿרעגונג נערוועז געפֿינטלט מיט די אויגן. די ברילן האָבן זיך באַוועגט אַף דער נאָז. ער האָט קיינעם ארום זיך ניט געזען.

— נו? — האָט אים ניסן געפֿרעגט.

— מ׳וועט מוזן גיין אַ פֿערט מאָל, — האָט שאַגור אומצופֿרידן געענטפֿערט.

אין עטלעכע טעג ארום האָבן זשעניע מיט די קינדער באַגלייט ניסענען צום צוג. אַהיים זײַנען זיי געקומען פֿאַרנאַכט מידע און הונגעריקע. זיי האָבן אָפּגעגעסן און זיך געלייגט אָפּרוען. אינגיכן זײַנען אַלע אײַנגעשלאָפֿן אין די זאַכן.

שפּעטער, ווען זשעניע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז שוין געווען פֿינצטער. זי האָט פֿאַרהאַנ־גען די פֿענצטער און אָנגעצונדן פֿײַער. דערנאָך האָט זי אויפֿגעוועקט די קינדער, געהייסן זיך אויסטאָן און לייגן שלאָפֿן. זשעניען אַליין האָט זיך שלאָפֿן מער ניט געוואָלט. דאָס ליכט לעשט זי אויס. זי טראַכט וועגן ניסענען. ווו איז ער איצט? ער שלאָפֿט? זי וויל פֿאַרשטיין: ווי קאָן דאָס זײַן, וואָס די רויטע אַרמיי טרעט אָפּ? דײַטשן גייען פֿאָרויס און פֿאַרנעמען סאָוועטישע שטעט. וואָס איז אַזוינס געשען?

עמעצער קלאַפּט אין טיר. עס קומט אַרײַן אַ פֿאַרשטויבטער און מידער איצע שולמאַן. ער פֿרעגט:

— דאָ וווינט ניסן גאָלאַנד?

— דאָ.

— מע קאָן אים זען?

— אַפֿן פֿראָנט. און ווער זײַט איר?

— אַ קאָרעוו.

— אַ קאָרעוו. פֿונוואַנען קומט איר?

— איך לויף פֿון די דײַטשן... און מײַן פֿרוי איז דען ניט באַ אײַך?

מע זעצט איצען צום טיש, מע גיט אים עסן. זשעניע גאָלאַנד נעמט אים אויספֿרעגן אַלץ גענוי, וואָס און ווען. דערנאָך טרייסטן אים אַלע, אַז די פֿרוי וועט נאָך קומען, זיי האָבן זיך פּאַשעט אויסגעמיטן. עס גייט ניט דורך קיין האַלבע שאָ, דערהערט מען אין ראַדיאָ די שטים פֿון דיקטאָר:

— בירגער, בירגער, אַן אַליאַרעם!

קיינער האָט ניט באַמערקט, וויאַזוי מע איז פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען אויף די פיס. שכיי־נים האָבן געקלאַפּט איינער דעם אַנדערן אין די טירן. פון אַלע צימערן טראָגט זיך דער זעלבער רוף:

— בירגער, אַן אַליאַרעם!

איבער די טרעפּ איילט מען זיך פון אַלע דירעס. אַלע לאָזן זיך אַראָפּ צום קעלער.

אַ קינד וויינט.

אַ קראַנקער קרעכצט.

אַ צעטראָטן נאָזטיכל וואַלגערט זיך אונטער די פיס.

פון עמעצנס אַ קעשענע פאַלט אַרויס אַ זילבערנע מאַטבייע און קייקלט זיך קלינגענדיק איבער די טרעפּ.

עס דערהערט זיך אַן אופּטרייסלענדיקער, דונערדיקער אויפרייס. אַלע בלייבן שטיין. אַלע ווערן שטיל. אַ באָמבע פאַלט ערגעץ נאָענט. דער איינדרוק איז, אַז עס ציטערן און טרייסלען זיך די טרעפּ און עס פאַלן שטיקער אויפגעריסענע הימל איבער דער ערד.

3.

— איך בין אַ רוסישער סאָלדאַט, אַ ייד פון יענער זייט סיביר!

א. וערגעליס. „יוסעף בומאגין"

די קריוועשאַפט צווישן איצע שולמאַן און ניסן גאַלאַנד איז געווען אַ ווייטלעכע. נאָר אַזוי ווי די שולמאַנס האָבן ליב קרובֿים, בפֿרט נאָך אין אַ גרויסער שטאָט, און באַזונדערס אין מאָסקווע, האָט מען וועגן ניסן גאַלאַנד געדענקט און דערמאָנט. סאָפּקאָלסאָף איז עס צוניץ געקומען. ווען איצע שולמאַנס איינציקער זון, פּערעץ, האָט געדאַרפט פאָרן קיין מאָסקווע אָנקומען אין אינסטיטוט, האָט איצע אָנגעשריבן צו ניסן גאַלאַנדן אַ בריוו און אָפּגעשיקט צו אים דעם זון אויף דער צייט פון די עקזאַמענעס — מע זאָל אים ווייזן, ווו עס עפנט זיך אַ טיר אין מאָסקווע. געקומען איז פּערעץ צו ניסן גאַלאַנד נאָך די עקזאַמענעס, נאָכדעם, ווי ער איז אָנגענומען געוואָרן אַלס סטודענט און האָט שוין געוווּסט, ווו אין מאָסקווע עפנט זיך אַ טיר. ער איז זיך געקומען פאָרשטעלן און אָפּגעבן אַ גרוס.

פּערעץ שולמאַן איז פון די באָכערים, וואָס ניט נאָר זיי עפענען טירן, נאָר וואָס די טירן עפענען זיך אָפט אַליין פאַר זיי. זיין אויסזען רופט אַרויס סימפּאַטיע. אין אים איז פאַראַן אַ סאַך אָנגענעמס פאַרן אויג: דער איינדרוק פון ליכטיקייט, באַוועגלעכקייט, סייכל. דאָס פילט זיך סיי אין די גרויסע לויכטנדיקע אויגן, סיי אין דער העלקייט פונעם לענגלעכן געזיכט, סיי אין די האָר, וואָס קרייזלען זיך און פאַרענדיקן זיך פון פאָרנט מיט אַ טשוביקל, וואָס איז פול מיט יונגן אומרו.

גלייך ווי ער איז, פאָרנדיק קיין מאָסקווע, אַריין אין וואַגאָן און פאַרנומען אַן אָרט, האָט ער זיך באַלד באַקאַנט מיט אַ גרופּע באָכערים און מיידלעך, וואָס פאָרן אויך קיין מאָסקווע אָנקומען אין אַ הויכשול. אין אַ צען־פופצן מינוט אַרום האָט ער זיך שוין מיט אַלעמען באַקאַנט, און אין אַ האַלבער שאָ אַרום האָבן די מיידלעך אים מכבד געווען מיט עפּל. זיי האָבן געוווּסט, אַז ער הייסט פּערעץ שולמאַן. און ער האָט געוווּסט, ווי מע רופט זיי: טאַטיאַנאַ סילינאַ, לידיאַ קאָפּצעוואַ, דימיטרי דאַלין, סערגיי זאַריצקי...

עס גייען דורך די ערשטע פאָר שאָ, מע לויפט אַראָפּ אויף אַ סטאַנציע אַ קוק טאָן, אַ שפּאַציר טאָן, עפּעס קויפן. אַלע גייען צוזאַמען, לאַכן צוזאַמען, אַלעמען איז פריילעך. און אַז מע קערט זיך אום צוריק אין וואַגאָן, הייסן זיי שוין:

— פּערעץ,

— טאַניע,

— מיטיע,

— סעריאָזשע.

פון דער זײַט קאָן מען מיינען, אַז זיי האָבן זיך צוזאַמען געלערנט אין איין שול, אין איין קלאַס, שטענדיק זיך געכאַווערט. איצט האָבן זיי זיך ווידער באַגעגנט און זעצן פאָר זייער פרײַנטשאַפט. זיי זײַנען אַלע פאַרשיקערט פון דעם, וואָס זיי פאָרן קיין מאָסקווע. זיי ציט צו אַן אומבאַוווּסט לעבן, צו דער הויכשול, צו זעלבשטענדיקײַט. דאָס רעגט און פרייט. יעדער פאַנטאַזירט, איז פול מיט גרויסע און גוטע פאַרלאַנגען. אַלע זײַנען יונג.

צוזאַמען מיט זײַנע נײַע באַקאַנטע איז פערעץ אָנגעקומען קיין מאָסקווע, אָפּגעגעבן עקזאַמען, געוואָרן אַ סטודענט און דעמלט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף אָפּגעבן אַ בריוו צו אַ קאָרעוו.

בא ניסן גאָלאַנד אין שטוב האָט ער שטאַרק אויסגענומען, מע האָט אים געבעטן אָפּט אַרײַנקומען. געקומען איז ער אין אַ יאָר אַרום. און נאָך איין מאָל איז ער געווען צוגאַסט בא ניסן גאָלאַנד. דערפאַר איז זיי באַשערט געווען איצט, מילכאָמע־צײַט, צו באַגעגענען זיך אין איין וואַגאָן, כאָטש ביידע זײַנען פון צוויי באַזונדערע מיליטערישע קאָמאַנדעס.

דער צוג מיט די מאָביליזירטע איז אַוועק. פרײַנט און באַקאַנטע שטייען נאָך אַף דער פּלאַטפאָרמע. פון די וואַגאָן־טירן טרעט מען ניט אָפּ, מע וויל זען אַ פרוי, אַ זון. עס דערנענטערט זיך די ערשטע סטאַנציע, כאַפּן זיך אַלע שרײַבן קאַרטלעך — די ערשטע ידיעה פון וועג. נאָך דער ערשטער סטאַנציע פאַרווילט זיך עמעצן עסן. און ווי נאָר דער „עמעצער" בינדט פאַנאַנדער זײַן זעקל מיט עסנוואַרג, אַזוי דערפילן אַלע אַנדערע, אַז זיי זײַנען הונגעריק, עס צעשפּילט זיך דער אַפּעטיט, און אַלע נעמען זיך פאַר די אייגענע זעקלעך. דער גאַנצער וואַגאָן עסט, רעדט, רייכערט.

בא אַ סאָלדאַט, וואָס איז די ערשטע טעג פון דער היים, קאָן מען לויט זײַן זעקל דערקענען, צי איז ער אַ באָכער, צי אַ באַווײַבטער: האָט אים אַרויסבאַגלייט אַ פרוי אָדער אַ קאַלע, און עפּשער האָט אים בכלל קיינער ניט אַרויסבאַגלייט. לויט פערעצעס זעקל קאָן מען דערקענען, אַז ער איז אַ באָכער, ער האָט זיך אַליין געגרייט אין וועג אַרײַן, און נאָר די סאַמע לעצטע מינוט איז עמעצער געקומען צום צוג זיך געזעגענען.

אין זײַן זעקל האָט ער מיטגענומען אַזוינס, וואָס ער האָט ניט געהאַט ווו איבערצולאָזן, אָדער ווײַל אים איז געווען אַ שאָד מיט דעם זיך צו שיידן. ער האָט מיטגענומען אַ העפט מיט קאָנספּעקטן. אינעם העפט זײַנען פאַראַן אַ ריי באַמערקונגען צו זײַן דיפּלאָם־אַרבעט. אין זעקל איז אויך געלעגן אַ נײַ־ינקער ספּאָרט־קאָסטיום. דאָס עסנוואַרג איז באַשטאַנען נאָר פון דעם, וואָס מע קאָן קריגן פאַרטיקערהייט אין קראָם.

אין קעשענע בא אים איז געלעגן אַ פלעשל גוטער אָדעקאָלאָן. דאָס האָט מען אים געבראַכט צום צוג אַ מאַטאָנע פון אַ מיידל. דאָס מיידל וואָלט ער געוואָלט זען, זיך געזעגענען און זאָגן עפּעס זייער האַרציקס. דאָס מיידל אָבער, וואָס ער האָט געוואָלט זען, איז נעכטן אין דער זעלבער צײַט אָפּגעפאָרן אויך מיט אַ מיליטערישער קאָמאַנדע. דאָס איז דעם שאָכן פײַנשטיינס טאָכטער — מיליע.

מיט מיליען איז ער געוואָקסן אַף איין גאַס, אַ הויז קעגן אַ הויז, זיך געשפּילט צוזאַמען, געווען אָפּט בא איר אין שטוב, און גאָרניט... קינדער. נאָר אָט טרעפט הײַנטיקן אָנהייב פרילינג, אַז דער אָוונט אין מאָסקווע איז דורכזיכטיק לײַכט, מיט אַ גרינעם הימל און מיט דער וואַרעמקײַט פון אָנהייב שפּראָצן, וואָס שפּרייט זיך פון דיביימער אַף די בולוואַרן און סקווערן. די לופט איז אָנגעפילט ווי מיט ווײַן, וואָס דרינגט אַרײַן אין מענטשנס קערפּער. אַלע דערפילן זיך גרינג, די פיס בעטן זיך טאַנצן. אָט אין אַזאַ אָנהייב־פרילינגדיקן אָוונט האָט פערעץ יונג און פאַרשײַט זיך געטראָגן איבער די מאָסקווער גאַסן. און אַ צווייטער פערעץ, וואָס איז אין אים אינווייניק געזעסן און אַליין ניט געוווּסט, וואָס ער וויל און פאַרלאַנגט, האָט אים קיין רו ניט געגעבן, געיאָגט פאָרויס איבער דער נאָרוואָס אָפּגעטריקנטער ערד, אונטערן גרינלעך־אומרויִקן הימל, פאַרבײַ די מאָסקווער פריש־געוואַשענע געעפנטע פענצטער.

אַ יאָמטעוודיק־עקזאַלטירטער, אַ דערהויבענער און אומרויִקער, קומט ער אַרײַן אין איינער אַ סטאַנציע פון מעטראָ. די סטאַנציע איז העל באַלויכטן. סײַ דער סופיט, סײַ די ווענט שײַנען. דורך די אָן אופהער באַוועגלעכע טירן זאַפּט זיך אַרײַן דער פרישער לופטיקער דרויסן. דאָ זעט אַלץ אויס, ווי אין אַ פריילעכן און פײַערלעכן פּאַלאַץ. בא אַלעמען זײַנען די פּנעמער גוטע, שײַנענדיקע, דאָ וואָלט מען זיך געדאַרפט מיט יעדערן באַגריסן. פערעץ שטעלט זיך אַפּן עסקאַלאַטאָר, ער פאָרט אַראָפּ און באַקוקט אַלע די, וואָס קומען אים אַנטקעגן, פאָרנדיק אַרוף. און דאָ קומט אים אַנטקעגן דעם שאָכן פײַנשטיינס טאָכטער, מיליע, וואָס באַטראַכט אַלץ מיט אַזוינע טיף־האַרציקע אויגן, ווי זי וואָלט איצט, אַ צוואַנציקיאָריקע, גאָר ערשט געבאָרן געוואָרן און אַלץ איז פאַר איר נײַ און איבעראַשנדיק. דעריבער, געוויס, איז אַזוי אָנגענעם ראָזלעך איר פּאָנעם, און עס טיילן זיך אויס די שוואַרצע ברעמען. באַזונדערס לאָזט זיך אָנזען

דאָס זײַדענע ווײַסע קעלנערל, וואָס קוקט אַרויס פונעם צעשפּיליעטן לײַכטן מאַנטל. פּערעץ דערזעט מיליען, און באַ אים כאַפּט זיך אַרויס צו זיך אַליין:

— טאַכטערקע...

אַזוי פלעגט זאָגן דער טאַטע צו דער מאַמען, ווען ער פלעגט קומען פון דער אַרבעט אַ שמעקנדיקער מיט וואַלד־רייכעס, אַ גוט אופגעלייגטער. און זי, די מאַמע, אַן אויסגעפּוצטע, פלעגט אים באַגעגענען באַ דער טיר.

מיליע דערזעט אים אויך און דערפרייט זיך. אַנשטאָט באַגריסן רעדט פּערעץ צו איר מיט די הענט און מיט די אויגן, זי זאָל אַף אים וואַרטן, ער קערט זיך טייקעף אום צוריק. זי שאָקלט צופרידן מיטן קאָפּ, וואָס לאָזט זיך טײַטשן: ער זאָל אַפילע ניט געוועגן זאָגן, האָט זי דען קיין ספק ניט צו פאַרשטיין, אַז מע דאַרף וואַרטן אַף אים, אַז ער וועט קומען.

זיי זײַנען צוזאַמען אוועק איבער די גאַסן. געדעדט האָבן זיי וועגן אַלץ און וועגן גאָרניט. ער האָט זי באַגלייט צופוס איבער גאַנץ מאָסקווע צו איר צוזאַמענוווינונג. שפּעטער איז ער עטלעכע מאָל געקומען צו איר זיך זען.

נאָר אַט איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע... לאָזט זיך אויס, זי האָט זיך געמיט צו דערוויסן, ווען פּערעץ פאָרט אַפּ, און דורך אַ כאַווערטע שיקן אים צום צוג אַ מיידלש־פאַרליבטע מאַ־טאָנע — אַדעקאָלאָן. באַם געזעגענען זיך האָט ער געקושט די כאַווערטע, ווי ער וואָלט עס גע־קושט מיליען.

אין וואַגאָן האָט פּערעץ דערפילט, אַז ער איז אַרײַן אין דער מילכאָמע. מיט יעדער שאָ קומט ער אַלץ נעענטער צו איר. עס לאָזן זיך אָבער ניט איבערהאַקן די פעדעם, וואָס גייען פון דער היים. זיי באַגלייטן אים. אָט גייט אים נאָך פון איין זײַט מיליע, וואָס זייער כאַווער־שאַפט איז דאָך, אייגנטלעך, באַשטאַנען נאָר פון אַנדײַטונגען און אַנצוהערענישן. זיי האָבן נאָך איינער דעם אַנדערן גאָרניט געזאָגט. און פון דער צווייטער זײַט — די עלטערן. לעצטנס האָט ער צו זיי ניט אָפּט געשריבן. איצט פאַרדריסט עס אים. צו אים איז געקומען די זאָרג: אין יענע קאָנטן קאָנען שוין זײַן די דײַטשן. צי האָבן די עלטערן באַוויזן אוועקגיין?

אַ שאָכן אין וואַגאָן פרעגט פּערעצן:

— אַלץ וועגן יענעם מיידעלע?

— ניין.

— ניין?

— וועגן איר כאַווערטע.

און דאָס איז גענוג, אַז בײדע זאָלן זיך דערפילן נאָענטע פרײַנט.

— אַלע עסן, און דו קאָנסט אַלץ דײַן זעקל ניט אָפּבינדן, — זאָגט דער שאָכן. — איך בין אַמאָל אויך געווען פאַרליבט. נאָך איצט ווערט מיר גוט, ווען איך דערמאָן זיך.

דער שאָכן, קוקנדיק אַף פּערעצן, וויל דערציילן וועגן זײַן יוגנט. ער פילט, אַז אָט דער סימפּאַטישער באָכער וועט אים גוט פאַרשטיין.

פּערעץ בינדט אָפּ זײַן זעקל און נעמט אַרויס באָכערישן ווורשט. דער שאָכן איז אים מעכאַבעד מיט אַ גוט געבראָטענעם קאָטלעט פון אַ מישפּאָכע־מאַן. דעם שאָכן רופט מען שאַוו־רילאָוו. ער געהערט צו די מענטשן, וואָס אַפן פּאָנעם זעען זיי אויס שטרענג, אַפילע בייז. קלוימערשטע מעווינים אַף מענטשלעכע געזיכטער נעמען אַזוינעם אָן פאַר אַ קײַסן, פאַר אַ שלעכטן. מיט אַזוינעם איז זיך בעסער ניט צו פאַרטשעפּען. און דאַפקע באַ אַזוינע לײַט טרעפט מען אָפּטמאָל צופיל נאָכגיביקײַט און, באַזונדערס, אַ גרויס געפיל פאַר כאַווערשאַפט, זיי זײַנען אַפילע סענטימענטאַל. דערפאַר אַז מע ברענגט זיי אַרויס פון געדולד, זאָגן זיי אַרײַן דעם גאַנצן עמעס, ניט איבערלאָזנדיק קיין שום ווינקעלע פאַר דיפּלאָמאַטיע.

שאַווריילאָוו איז פון די מענטשן, וואָס האָבן פײַנט צו זײַן אַליין. ער קאָן עס ניט פאַרלײַדן, ער מוז האָבן אַ כאַווער. אַ כאַווער אַף ריידן, אַף עסן צוזאַמען, אַף אָנטרויען די אינטימסטע געפילן און געדאַנקען. שאַווריילאָוו איז סאָליד מיט זײַן וווקס, מיט זײַן נייגונג צו פולקײַט, מיט די גרויסע אויסדריקלעכע שטריכן פון געזיכט. ער ווערט אומבאַהאָלפן, ווי אַ קינד, און אומעטיק, ווי אַ בענקענדיק מיידל, ווען ער האָט ניט קיין כאַווער מיט זיך, און דאַפקע אַ כאַווער, פאַר וועמען ער זאָל קאָנען עפּעס אופטאָן.

פּערעץ דערפילט, אַז די באַקאַנטשאַפט מיט דעם דאָזיקן מענטשן איז ניט אַף קיין ווײַלע, און פרעגט זײַן נאָמען.

— פּאַשע.

אַנרופן מיט אַ ייִנגלשן נאָמען אַ מענטשן, וואָס קען אים לויטן עלטער קימאַט זײַן אַ טאַטע, קאָן ניט פּערעץ.

— פאָוועל אַנטאָנאָוויטש, — האָט שאַווריליאָוו צוגעגעבן און האָט אַף פּערעצעס פּאָנעם באַמערקט דעם זעלבן געדאַנקענגאַנג, ווי עס האָט שוין געטראָפן בא אַנדערע, ווען ער רופט אָן זײַן נאָמען און פאַטערס נאָמען. בא פּערעצן איז בליצשנעל דורכגעלאָפן דער געדאַנק: „פאָוועל אַנטאָנאָוויטש... פּונקט פאַרקערט, ווי בא טשעכאָוון".

ביידע האָבן זיך דערפילט היימיש. זיי האָבן צורעכט געמאַכט די זעקלעך אין די צוקאָפּנס, קעדיי זיי זאָלן נעענטער און באַקוועמער ליגן איינער לעבן אַנדערן.

אומעטום אַף די סטאַנציעס, וואָס זיי פאָרן פאַרבײַ, פילט זיך די מילכאָמע. אין דער לופט טראָגט זיך אַן אומרו. די סטאַנציעס זײַנען טומלדיקע, רוישיקע. א סאַך, זייער א סאַך סאָלדאַטן. וואַגאָנעס מיט האַרמאַטן, מאַשינעס און קעסטלעך אײַנגעהילט אין ברעזענט. דער צוג גייט ווײַטער, ער קומט אַרײַן צווישן פעלדער און וועלדער, דעמלט טרעט די מילכאָמע אָפּ, און מע דאַרף זי שוין אָניאָגן. נאָר אָט באַווײַזט זיך ווידער א סטאַנציע, און די מילכאָמע איז אָנגעיאָגט.

שאַווריליאָוו גיט איבער פּערעצן זײַנע געדאַנקען, אין וועלכע ער לייגט אַרײַן א סאַך געפיל. זײַנע רייד זײַנען ניט נאָר א שליסל צו זיך אַליין, זיי דערלאַנגען אויך צו פּערעצן. פּערעצן דערמאָנט עס אָן אַזוינס, וואָס לעצטנס זעט עס אים אויס באַזונדערס וויכטיק. ביז איצט האָט ער ניט געהאַט וואָס צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס ער איז א ייִד. וועגן נאַטירלעכע זאַכן טראַכט דער מענטש ווייניקער פאַר אַלץ. איצט, אין טעג פון מילכאָמע...

פריִער, ווען ער האָט געלייענט שאָלעם־אַלייכעמען, האָט ער, ווי אַלע, האַרציק געלאַכט. ער האָט שוין אָבער עפּעס פאַרזען און עפּעס אופגענומען אַנדערש אין פאַרגלײַך מיט זײַן טאַטן. ער האָט שוין קימאַט ניט געפילט, אַז אין די דאָזיקע ווערק רעדט זיך וועגן זײַן זיידן. ער האָט עס ערטערווײַז אופגענומען, ווי אַן אויסגעטראַכטע פריילעכע מײַסע, ווי קינדער נעמען אוף די מײַסע וועגן דאָן־קיכאָטן.

און איצט... אין אייראָפּע, וואָס איז פון אונדז ווײַט אָפּגעשיידט, קוילעט מען ייִדן, דער פאַשיסט קוילעט. פּערעצן טוט עס ווי. ער ווייסט ניט: צי אים איז געקומען א נײַ געפיל, אָדער דאָס אַלטע געפיל איז אַרויס פון אויבן.

און פּערעץ ענטפערט שאַווריליאָוון:

— ריכטיק, ריכטיק... בא א סאָוועטישן מענטשן איז די נאַציאָנאַליטעט ניט אַף אָפּטיילן, נאָר אַף פאַרייניקן!

אין דעם זעלבן וואַגאָן האָט זיך געפונען ניסן גאַלאַנד.

דער צוג איז אַוועק, און ניסן האָט נאָך א היפּשע ווײַלע געזען פאַר זײַנע אויגן זײַן פרוי מיט די קינדער.

מיט אים פלעגט אָפט טרעפן, אַז נאָך א פאַרזאַמלונג פון לערער אָדער נאָך א זיצונג פון פּעדאַגאָגישן ראָט אין שול, וווּ ער איז לערער, דערפילט ער ערשט, אַז אין זײַן אַרויסטרעטונג האָט ער געזאָגט ניט אַלץ, וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגן. ווען ער קומט אַהיים צו זיך, דערזעט ער אַלץ גענויער און בעסער. און אויך איצט, זיצנדיק אין וואַגאָן, דוכט אים, אַז מיטן זון האָט ער דאָס סאַמע וויכטיקסטע ניט געזאָגט, דער פרוי האָט ער אַנדערש געדאַרפט אויסלייגן זײַנע געדאַנקען. גראַדע איצט קומען אוף יענע נייטיקע ווערטער. צו שפּעט...

סאָף טאָג. אין וואַגאָן איז דושנע, מע עפנט ביידע אַנטקעגנדיקע טירן פונעם פראַכט־וואַגאָן, עס זאָל זיך דורכלופטערן. אייניקע דרעמלען אַף די נאַרעס, אַנדערע שמועסן. ווער עס זיצט מיט די פיס צום דרויסן און קילט זיך אָפּ, ווער עס שטייט בא די טירן און קוקט אַרויס צום ווײַטן פעלד.

4.

פאַר אונדזער ערד, פאַר אונדזער הימל,
פאַר אַלץ, וואָס איז און וועט נאָך זײַן...

ש. ראַסין

וואָס געווען — געשען אין יענעם אָטען —
מיר איז אויסגעפאַלן צו דערציילן,
הייב איך אָן פון דיר די ווונדן ציילן,
כאָוואַר מײַנער, דיכטער שמואל ראַסין.

א. קושניראָוו

פון מאָסקווע האָט מען אין דער ערשטער ריי עוואַקוירט קינדער און עלטערע לײַט. אַלע טאָג זײַנען געגאַנגען צוגן אַף מיזרעך. איצע האָט געוואַרט אַף מיכליען. ער האָט געהאָפּט, אַז

אַט באַלד וועט זיך די טיר עפֿענען און זײַן פּרוי וועט אַרײַנקומען. מיכליע איז אָבער אַלץ ניט געקומען, און איצע איז געוואָרן אומרויִקער. גראָווע האָר האָבן זיך בײַ אים באַוויזן. באַנאַכט שלאָפֿט ער שלעכט. ער איז געקומען צום אויספֿיר, אַז מיכליע האָט אויסגעמיטן מאָסקווע און איז צוזאַמען מיט אַנדערע אַוועקגעפֿאָרן אין די ווײַטערע געגנטן. און איצע האָט זיך געגומען קלײַבן אין וועג אַרײַן.

פֿון ניסן גאַלאַנד איז אָנגעקומען אַ בריוו. אינעם בריוו איז אויך געשריבן: „אַגעווו, האָב איך זיך אין וועג באַגעגנט מיט פּערעץ שולמאַנען, גאָר אַ ווילער באָכער". אין יענעם טאָג איז איצע געוווען ענלעך צו אַ קליין קינד. פֿון גרויס פֿרייד מאַמעש געטאַנצט.

לויט אַלע כעזשבוינעס, וועלכע ער אַליין האָט געמאַכט און וואָס אַנדערע האָבן אים געהאָלפֿן מאַכן, האָט זיך באַקומען, אַז זײַן פּרוי האָט, גיכער פֿאַר אַלץ, זיך געלאָזט אַפֿן וועג קיין סיביר. דעם זעלבן וועג אויך האָט איצע אויסגעקליבן.

דער וועג איז געוווען אַ לאַנגער. די ערשטע טעג האָט איצען געדוכט, אַז דער צוג פֿירט אַרויס פֿון דער מילכאָמע, פֿירט אַוועק אַזוי ווײַט, אַז די אַלע אופּגעריסענע באָמבעס זעען גאָר אויס ווי אַ געשעעניש פֿון דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהײַט. איצעס שאָכן האָט אַפֿילע געזאָגט:

— דאָ פֿילט זיך קיין מילכאָמע ניט.

— ראַסיי, — האָט געענטפֿערט איצע און מיט דעם געוואָלט זאָגן, אַז סאָוועטנלאַנד איז, קיין אײַנהאָרע ניט, אַזוי גרויס... דאָרט איז מילכאָמע, און דאָ ניט.

— ראַסיי? — האָט אים דער שאָכן איבערגעפֿרעגט, כאָטש ער האָט גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען, וואָס איצע מיינט. ערשט שפּעטער, אַף איינער פֿון די ווײַטערדיקע סטאַנציעס, ווו מע האָט באַגעגנט עשעלאָנען מאָביליזירטע, וואָס זײַנען געגאַנגען אַף מײַרעוו, האָט אים דער שאָכן, ווײַזנדיק אַף די עשעלאָנען, ווידער איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע וואָרט, נאָר שוין מיט אַן אַנדער באַפּאַרבונג:

— ראַסיי! — און דאָס האָט באַטײַט: די מילכאָמע איז אומעטום. דאָס גאַנצע לאַנד האַלט מילכאָמע.

מיט די שכיינים אין וואַגאָן איז איצע שוין באַקאַנט. מיטן נאָענטן שאָכן איז ער זיך צונויפֿגעגאַנגען, קאָן מען זאָגן, פֿון דער ערשטער מינוט אָן. אין מאָסקווע, אַף דער אײַזנבאַן־סטאַנציע, איז דער קומענדיקער שאָכן אַרײַן אין וואַגאָן, אַוועקגעשטעלט זײַנע זאַכן, און געזאָגט צו איצען:

— גיט אַכטונג. — און אַליין איז ער טייקעף אַרויס. אַוועק און פֿאַרפֿאַלן געוואָרן.

ערשט די לעצטע רעגע פֿאַרן אָפּגיין פֿון צוג איז ער אַרײַנגעלאָפֿן אין וואַגאָן. ער האָט זיך געשטעלט בײַם פֿענצטער און איז לאַנג פֿון דאָרט ניט אָפּגעטראָטן. פֿאַרנאַכט, נאָך היפּשע שאָען פֿאָרן, האָט ער זיך אָפּגעקערט פֿון פֿענצטער און געפֿרעגט בײַ איצען:

— איר פֿאָרט אויך?

איצען האָט עס אויסגעזען ווילד. און דעריבער האָט ער געענטפֿערט מיט אַ פֿראַגע אַף אַ פֿראַגע:

— און איר?

— איך? איר זעט ניט, אַז איך פֿאָר?

— און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איר פֿאָרט ניט, נאָר איר קוקט אין פֿענצטער...

דער שאָכן האָט מיט זײַן פֿאַרהאָרעוועטן און פֿאַרדײַגעטן אויסזען אָנגעקוקט איצען. ביסלעכווײַז האָט יענעמס פּאָנעם געגומען ווערן ליכטיקער און אַפֿילע זיך צעשמייכלט.

— כ׳מוז אויסזען געגוג נאַריש, האַ? פֿאַרוואָס איז מיר אײַנגעפֿאַלן צו פֿאַרגעבן אַזאַ פֿראַגע. איך זע דען ניט, אַז איר פֿאָרט. איך בין זיך געלאָפֿן געזעגענען מיטן זון און אים ניט געטראָפֿן. אַרויסגערופֿן אין וואָיענקאָמאַט... ווי איז אײַער נאָמען, כאַווער? איך הייס נאָכעם לאַסקעוויטש. אַפֿן זאַוואָד האָט מען מיך גערופֿן נאָום איסאַקאָוויטש. אַ שלאָסער. די לעצטע יאָרן אַ מײַסטער. נאָכעם לאַסקעוויטש האָט זיך ביסלעכווײַז געגומען באַרויִקן. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז ער איז גאָרניט קיין צעטראָגענער, ווי עס האָט געקענט דוכטן אין דער ערשטער שאָ. פֿאַרקערט, ער איז אַ מענטש אָן אָרגאַניזירטער און האָט פֿײַנט אומאָרדענונג. ער איז שוין ניט קיין יונגער, צו זעכציק איז אים געבליבן דרײַ אָדער פֿיר יאָר. בײַ די שלייפֿן זײַנען די האָר בײַ אים שוין גראָוו, אין פֿאַרקעמטן האַרטן יאַזשיק אַפֿן קאָפּ זײַנען די האָר מער שוואַרץ, ווי גראָוו. דערפֿאַר אָבער זײַנען די קורץ־געשאָרענע וואָנצעס נאָך אינגאַנצן טונקעלע. דאָס פּאָנעם בײַ לאַסקעוויטשן איז אַ ביינערדיקס, די קינען טיילן זיך שאַרף אויס. זײַן קערפּער איז אַ פֿעסטער. ער האָט אַ שאַרפֿע צונג און קאָן אַרײַנזאָגן דעם עמעס אין די אויגן. און אַפֿילע דעמלט, ווען ער

באשליסט פון פריִער צו זײַן א „דיפּלאָמאַט" און ניט זאָגן דעם עמעס, האַלט ער סײַווי ניט אויס. דער עמעס כאַפּט זיך ארויס פון זיך אליין.

צו פופציק יאָר, ווען זײַן עלטערער זון איז שוין געווען אן אינזשעניער, איז נאָכעם אָנגעקומען לערנען אין א טעכניקום. באַטאָג האָט ער געאַרבעט אפן זאַוואָד און אין אָוונט געלערנט. די יעדיִעס, וועלכע ער האָט זיך דערוווּסט אין טעכניקום, האָבן אים דעמלט שטאַרק איבערראַשט. ער האָט זיי מיט גרויס דאָרשט אײַנגעזאַפּט אין זיך. נאָכן ענדיקן דעם טעכניקום איז ער געוואָרן מײַסטער אפן זאַוואָד. געוועזן איז עס אין יענעם יאָר, ווען זײַן זון האָט שוין באַקומען דעם טיטל קאַנדידאַט פאַר וויסנשאַפטן.

איצט איז ער פאַרבליבן אליין. די פרוי מיטן אייניקל איז נאָך פריִער ארויסגעפאָרן פון מאָסקווע. און עוואַקויִרן זיך צוזאַמען מיט זײַן זאַוואָד איז אים ניט אויסגעקומען.

דער פאַרנאַכט יאָגט אַלץ מער אָן דעם צוג. פון איין זײַט וועג ווערן די וועלדער אַלץ געדיכטער און טינקעלער, זיי נעמען זיך אָנגיסן מיט נאַכט־פינצטערניש. פון דער צווייטער זײַט פאַלט אַלץ נידעריקער דער זוניקער אָפּגלאַנץ און לייגט זיך אויס אף דער ערד. אין וואַגאָן האָט מען נאָך דערווײַל קיין ליכט ניט אָנגעצונדן. דאָ איז שטיל. יעדער טראַכט אָפּגעזונדערט פאַר זיך. און אין אַלעמענס געדאַנק: „פאַרלאָזט מאָסקווע... דער צוג טראָגט צו ווײַטע קאַנטן".

דורך די פענצטער פאַלן פון דרויסן ארײַן גרויע פלעקן אין אָוונטיקן וואַגאָן. די בענק זײַנען אײַנגעהילט אין טונקל, די ווינקלען פאַרוועבט מיט שוואַרץ, די פּיס שטעקן אין פינצטערניש. זאַכן און מענטשן פאַרלירן זייער פאָרם און זייער אויסזען. סײַ פאַר די פרויען, סײַ פאַר די מאַנצבלען אין צוג קומט אוף פאַר די אויגן מאָסקווע.

מיט א גרוי טיכל איבערגעבונדן דעם קאָפּ, זיצט אין א ווינקל ווארוואַרא סטאַנאָווא פון דער רויטער פּרעסניע, אן אײַנבינדערן אין א דרוקערײַ. ווארוואַרא איז א מוטער פון דרײַ־וואָקסענע קינדער. ארום זיך זעט זי איצט גאָרניט, זי דערזעט נאָר קלאָר און דײַטלעך אן ערשטן מײַ־יאָמטעוו אין מאָסקווע. פון דזערזשינסקי־פּלאַץ לאָזן זיך באַרג־אַראָפּ צום סווערדלאָוו־פּלאַץ פיזקולטורניקעס. אַלע אין קאָלירטע מײַקעס און מיט רויטע פענדלעך אין די הענט. באָכערים און מיידלעך שטראָמען כוואַליעסווײַז פון דער הייך צו דער נידער און פאַרפלייצן דעם גאַנצן ארום. אין דעם דאָזיקן יוגנט־יאַם וויל ווארוואַרא סטאַנאָווא דערקענען א זון, א טאָכטער. נאָר אַלע מיידלעך זײַנען ענלעך צו איר טאָכטער, אַלע באָכערים — צו איר זון.

דאָס יונגע מיידל טאַניע קעדרינא, א שילערן פון א טעכניקום, דערזעט די זײַלן פון דער מאיאַקאָווסקי־סטאַנציע אין מעטראָ. דאָ האָט זי זיך מיט „אים" דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט.

אַלעקסאַנדער דודין, א פידלער, א פּענסיאָנער, א מענטש, וואָס איז אין זײַן לעבן פון מאָסקווע קיינמאָל ניט ארויסגעפאָרן, דערמאָנט זיך אָן סאָקאָלניקי, אָן א ליבע מיט א סך יאָרן צוריק. האַרבסטיקע בלעטער, ווי אף לעוויטאַנס בילד. די בלעטער שורשען, באַוועגן זיך פון ווינט, הייבן זיך אוף און ווילן פליִען. איינעם אזא געל־רויטן בלאַט האָט ער לאַנג געהיט, ווי אן אָנדענק פון זײַן ליבע.

אַלע דאָ אין וואַגאָן זעען איצט מאָסקווע. און אַלע ווילן גלייבן, אז מיט מאָסקווע קאָן קיין שלעכטס ניט געשען.

א שטילן געשפּרעך פירן צווישן זיך איצע שולמאַן און נאָכעם לאַסקעוויטש. ביידע זיצן איינער קעגן אַנדערן אף דער אונטערשטער באַנק באַם פאַרמאַכטן פענצטער און ריידן זיך דורך וועגן מאָסקווע.

— אָט זיצן מיר מיט אײַך אין וואַגאָן, — זאָגט לאַסקעוויטש, — און אפן האַרצן איז אונדז גוט פאַסקודנע. מע קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי דער דײַטש באַרימט זיך, זײַן יאָמטעוו איז גרויס. ער וועט דעם קאָפּ ברעכן! ער מוז! אָבער דערווײַל איז מיר זײַן יאָמטעוו א מעסער אין האַרצן.

פּלוצלינג האָט זיך פונעם סאַמע אויבן, פון דער דריטער באַנק, זייער פּאַרזיכטיק אַראָפּגעלאָזט א מענטש אף די שפּיץ פינגער און איז געבליבן שטיין אנטקעגן איצען און נאָכעמען.

— אנטשולדיקט... — האָט ער געזאָגט, — איך קען מער ניט...

— ניט פאַרשטענדלעך... וואָס קענט איר ניט?

— ליגן אויבן איינער אליין און הערן, ווי אונטן רעדט מען יִדיש. עס ציט!

אין וואַגאָן האָט מען שוין געקענט דעם פּוילישן ייִדן מאַקס אבראַמאָוויטש בוכשרײַבער. א פעסטער און ברייטפּלייציקער, מיט א הוילן און שטאַרקן שאַרבן, וואָס נאָר באַם סאַמע נאַקן וואַקסט א געמיש פון רויטע און גראָווע האָר. ער האָט א גרויס מויל מיט שטאַרקע בײַסנדיקע ציין. זײַנע אויגן זײַנען בלאָע, קינדערשע און שמייכלען אָפּט. לויט זײַן דערציילן — איז ער אויסגעוועזן א וועלט. ער האַלט פון זיך און פון זײַן סייכל. אינדערעמעסן איז טאַקע דער געדאַנק בא בוכשרײַבערן זייער א באַוועגלעכער. ער פאַלט גיך אף אן אײַנפאַל, און ער האָט ליב אן

אײַנפּאַל. בוכשרײַבער רעדט שלעכט אױף אַ סאַך שפּראַכן. די שפּראַכן גיבן זיך אים לײַכט, דאָס הײסט ער לערנט זיך גיך אױס ריידן מיט אַ מענטשן, נאָר פון די שפּראַכן גופא מאַכט ער אױסצודרייען, מאַמעש בלוט רינט פון זײ. מאַקס אַבראַמאָוויטש איז אַן ענערגישער, אַ באַוועג־לעכער, ער קען אַ סאַך מעלאָכעס: מאַכן וואָרשט, רייכערן פיש, האַנדלען. ער האָט אַ „סעקרעט" צו מאַכן אָריגינעלע האַר־שפּילקעס. ער איז אַ קוכער און אַ בעקער.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער הײַנט געשמייכלט צו די קליינע קינדער אין וואַגאָן. געשפּילט מיט זײ, געטשמאָקעט מיט דער צונג, געמאַכט האָוויעס, געהאַלטן אױף די הענט. ווי אַ געניטער דאָק־טער האָט ער געגעבן אײַצעס די עלטערן, ווי זיך באַגיין מיטן קליינוואַרג. אין וואַגאָן האָט מען זיך צוגעוווינט צו זײַן פּוילישן אַקצענט, צו זײַן אָריגינעלער גראַמאַטיק, צו זײַן אָפּטן לאַכן.

אָבער ווען דער אָוונט איז אָנגעקומען, קינדער שלאָפֿן שוין, שכיינים טראַכטן פֿאַר זיך, און ער בלײַבט ליגן אױפֿן דריטן שטאָק אײנער אַליין מיט זײַנע פּיל פּראָפּעסיעס, וועלכע ער קען לײַכט פֿאַרגעסן, מיט די אַלע שפּראַכן, וועלכע ער ווייסט ניט, מיט אַלע שטעט, וווּ ער איז אױסגעוווען, — ווערט ער איבעריק פֿאַר זיך אַליין. עס העלפֿט ניט. וואָס ער וואַרפֿט זיך פון איין זײַט אױף דער צווייטער און זוכט אַ טרייסט פֿאַר זיך, וויִאַזוי זיך אַליין אָפּצונאַרן. אים ווערט שווער אױפֿן האַרצן: „מאַקס אַבראַמאָוויטש, ווער און וואָס ביסטו?". ער ווערט אומרויִק, ציִ האָט עמעצער ניט געהערט זײַנע געדאַנקען. ער וויל אין אַלעמענס אױגן אױסזען שיין און גוט.

נאָר אָט דערהערט ער, ווי מע רעדט ייִדיש אױף דער אונטערשטער באַנק. ניט קיין פּוילישן ייִדיש, נאָר ייִדיש. ער בלײַבט ליגן שטיל, ער הערט אױף צו אָטעמען, קעדיי צו אים זאָל עס בעסער דערגיין.

פֿאַר ביידן, פֿאַר איצע שולמאַן, דעם ייִדן פֿון ווײַסרוסלאַנד, און נאָכעם לאַסקאָוויטש, דעם געבאָרענעם אין אוקראַיִנע, איז מאַקס בוכשרײַבער אַ פּוילישער איטשע־מייער. ביידן איז געווען ניט צום האַרצן זײַן טשמאָקען צו אַלע קינדער, זײַן שטענדיק אַרײַנמישן זיך אין פֿרעמדע גע־שפּרעכן, זײַן לאַכן איבערן גאַנצן וואַגאָן. מעגלעך, אַז בוכשרײַבער האָט עס דערפֿילט, און דעריי־בער זײ אױסגעמיטן. איצט שטייט ער פֿאַר זײ מיט אַ בעטנדיקן שמייכל:

— עס ציט!

— ווערט איר זײַן אַ דריטער, — ענטפֿערט דער וויכער איצע.

דער האַרטער נאָכעם זאָגט גאָרניט. און מער האָט מען שוין צווישן זיך ניט גערעדט. איצע מיט נאָכעמען זיצן, ווי פֿריִער, אױף דער אונטערשטער באַנק באַם פֿענצטער און שווייגן. לעבן זײ שטייט מאַקס אַבראַמאָוויטש מיט אַן אױסגעלאָשענעם שמייכל: „עס ציט".

אין וואַגאָן איז ליכטיק געוואָרן. אַלע האָבן זיך געגומען אַרומקוקן. מאַקס אַבראַמאָוויטשן פֿאַרדריסט, פֿאַרוואָס איצע מיט נאָכעמען זײַנען אַנשוויגן געוואָרן, ווען ער האָט זיך געשטעלט לעבן זײ.

— אַ קאַפּריזער שאָכן באַ אײַך, — זאָגט ער צו איצען.

— פֿאַרוואָס?

— מע שעמט זיך מיט אַ ייִדן...

— מיט אַ ייִדן?

— אַנשוויגן געוואָרן...

ס'איז געווען קענטיק, אַז לאַסקאָוויטש האָט באַשלאָסן צו שווײַגן, ניט אַרײַנמישן זיך. ער האָט אַרױסגעקוקט דורכן פֿענצטער, כאָטש ער האָט גאָרניט געזוכט אין פֿינצטערן דרויסן. בוכשרײַבער האָט זיך דאַפֿקע געוואָנדט צו אים:

— אַ וועלט בין איך אױסגעוווען, געזען מענטשן אין מײַן לעבן. אַ ייִד גייט צו אַ ייִדן... וואָס לאָזט זיך אױס...

דער „דיפּלאָמאַט" אין נאָכעמען האָט געפּלאַצט. ער האָט שנעל אָפּגעקערט זײַן קאָפּ פֿון פֿענצטער.

— אַ גרויסע מעציִע! אַ מעציִע־גדוילע! ער איז אױסגעוווען אַ וועלט, ער האָט געזען מענטשן. ער איז אַ ייִד. אַ ייִד איז פֿאַר מיר קיין באַווײַז ניט. פֿאַרשיידענע ייִדן זײַנען פֿאַראַן אױף דער וועלט.

— אַזוי גאָר?

— און וואָס האָט איר אױף דער וועלט אױפֿגעטאָן? ער איז געפֿאָרן זען מענטשן...

— אַזוי גאָר? איר זײַט ניט קיין פֿאַרגינער!

אַ באַרויִגעזער האָט זיך מאַקס אַבראַמאָוויטש גענומען אױפֿהייבן צו דער דריטער באַנק, וווּ ער איז געלעגן.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף אַ גרויסער סטאַנציע. דאָס ליכט אַף דער פּלאַטפאָרמע איז געווען שפּאַרעוודיק אײַנגעהילט אין טונקלקײַט. אין וואַגאָן, ווו פריִער האָט אויסגעדוכט, אַז מע שלאָפט שוין, זײַנען איצט אַלע מיטאַמאָל וואַך געוואָרן און זיך געײַלט צום אַרויסגאַנג. אייניקע האָבן געטראָגן טשײַניקעס אין די הענט אַף אָנעמען טיי, אַנדערע האָבן געהאַלטן רענצלעך אַף עפּעס אײַנקויפן. אַ גרויסער טייל איז געלאָפן הערן נײַס אַף דער סטאַנציע. עפּשער וועט מען קריגן אַ צײַטונג? אַלע ווילן וויסן די לעצטע נײַס פון פראָנט.

— נו? — דאָס איז געווען די ערשטע פראַגע, מיט וועלכער מע האָט באַגעגנט די צוריקגעקומענע אין וואַגאָן. — נו? — דער „נו?" האָט קלאָר באַטײַט: עפּשער גוטע נײַעס? עפּשער טרײַבט מען דעם סוינע צוריק?

— ער שפּאַרט, — דאָס איז געווען דער קורצער ענטפער. באַ אַלעמען אין די אויערן האָט עס אָפּגעקלונגען: מע דאַרף אים אונטערהאַקן אַזוי די פיס, אַז ער זאָל אַפילע קיין קויכעס ניט האָבן צו גיין, ניט נאָר צו שפּאַרן...

דער צוג איז אוועק ווײַטער.

אַף מאָרגן אינדערפרי האָט מען אין וואַגאָן דערציילט אַ נײַס: אין צוג פאָרט אַ דירעקטאָר, וואָס זוכט אַרבעטער פאַר אַ זאַוואָד. דערוויַל איז ער אַ דירעקטאָר אָן אַ זאַוואָד און אָן אַרבעטער.

— טשיקאַווע... — האָט געזאָגט לאַסקעוויטש.

— זייער... — האָט איצע געענטפערט.

מער פאַר אַלעמען האָט עס אינטערעסירט מאַקס אַבראַמאָוויטש. ער האָט וועגן דעם גערעדט מיט באַקאַנטע אין וואַגאָן, אַרויסגעזאָגט פאַרשיידענע השערות, געווען פאַרכאַפּט פון דער אומבאַוווּסטקײַט. אַזוינס האָט ער ליב.

אַזייגער צוועלף איז אין וואַגאָן אַרײַן אַ מענטש. אַ הויכער, אַ ברייטער, אַ פולבלעכער. דער שטערן אַ ווײַסער און גרויסער. אָנגעטאָן אין אַ ווייכן גוטן אָנצוג מיט אַ שיינעם שניפּס. אין אים האָט זיך געפילט רויִקײַט און זיכערקײַט. באַ דער טיר האָט ער הויך, אַפן גאַנצן קאָל אַלעמען באַגריסט.

ניט ער אַליין, ניט קיין אַנדערער האָט נאָך קיין וואָרט ניט געזאָגט, נאָר מענטשן אין וואַגאָן האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געוויס דער דירעקטאָר. עמעצער האָט אַ פרעג געטאָן:

— איר זײַט דער דירעקטאָר?

— איך.

— איר וועט צו אונדז ריידן?

— איך וועל ריידן.

אין וואַגאָן איז געוואָרן שטיל.

— איך הייס גראַמאָוו... אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש. איך בין אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָט איז מײַן כאַראַקטעריסטיק. עמעס, ניט אינגאַנצן... איך בין אַ דירעקטאָר פון אַ זאַוואָד, וואָס עקזיסטירט נאָך ניט. יאָ, דערווײַל עקזיסטירט ער ניט. זיבן אינדערפרי האָט מען געקלונגען צו מיר, אַז אַכט זאָל איך זײַן באַם פּאָלקסקאָמיסאַר. אַכט בין איך געווען באַ אים אין קאַבינעט.

„איר ווייסט, אַז עס איז מילכאָמע?" — האָט ער מיך געפרעגט.

„ווי דען?"

„האָב איך מער קיין פראַגן ניט. איך וויל אײַך נאָר געבן אַ דירעקטיוו. לויט דער אָנווײַזונג פון דער רעגירונג פאָרט איר קיין סיביר אָרגאַניזירן אַ שוץ־זאַוואָד. אַלץ, וואָס איר באַקומט אַף דער האַנט, איז נאָר אַ באַשטימונג, אַז איר זײַט דער דירעקטאָר. דאָס איבעריקע דאַרף אָרגאַניזירט ווערן אַף אָן אָרט. דאָרט ווייסט מען שוין, מע וואַרט אַף אײַך. פּאַרטיקע פּראָדוקציע דאַרפט איר געבן צו דער און דער דאַטע. אַרויספאָרן הײַנט".

מע קאָן אַף זיכער זאָגן, אַז אין דער מינוט האָבן מענטשן פאַרגעסן וועגן דעם, אַז זיי זיצן אין אַ צוג, אַז דער צוג אײַלט דורך וועלדער און פעלדער, אַז דער לאָקאָמאָטיוו פײַפט און אָטעמט מיט רויך און פונקען. אַלע זײַנען געזעסן מיט אָפענע אויערן און געהערט דעם וווּקסיקן און גוטמוטיקן מענטשן מיט די רויִקע און שטײַפע הענט, וואָס פאָרט בויען אין סיביר אַ שוץ־זאַוואָד. ער נאָר איינער האָט איצט פאַר זיי עקזיסטירט.

— די ערשטע שאָען אין באַן האָב איך אַלץ געטראַכט וועגן סיביר. ווי קומט מען גיכער אַהינצו אָן. דערנאָך איז מיר אָנגעקומען אַ געדאַנק: און דאָ? אין צוג? פאָרן דען ניט קיין סאָוועטישע מענטשן, וואָס ווייסן, אַז ס'איז מילכאָמע, אַז דער סוינע פאַרנעמט אונדזערע שטעט? מיר מוזן אים בײַקומען! איר פאַרשטייט דאָך זייער גוט, אַז קיין שפּילצײַג וועט אונדזער זאַוואָד

ניט אויסאַרבעטן. כאַווײרים, קומט צו אונדז אַפן זאַוואָד. מיר דאַרפן אַרבעטער פון פאַרשיי־דענע פאַכן.

ווען ער האָט געענדיקט ריידן, זײַנען נאָך אַלע געזעסן שטיל און געוואָלט הערן, וואָס ער וועט נאָך זאָגן. ער האָט אַרויסגענומען אַ ביכעלע און אַ בלײַער.

— איך פאַרשרײַב, כאַווײרים.

— וועלכע פאַכן דאַרפט איר?

— אַלע.

ווידער איז געוואָרן שטיל. דערנאָך האָט מען גענומען ריידן צווישן זיך, זיך באַראַטן. גראַמאַוו איז געדולדיק געשטאַנען באַם פענצטער מיטן ביכעלע און בלײַער אין דער האַנט.

— פאַרשרײַבט! — האָט געזאָגט סטאַגנאַווא.

— פאַרשרײַבט! — האָט זיך אָפּגערופן טאַניע קעדרינא.

— כאַווער דירעקטאָר, — נאָכעם לאַסקעוויטש האָט זיך אויפגעשטעלט. — איך בין אַ שלאָ־סער. די לעצטע צײַט — אַ מײַסטער אַף אַ מאָסקווער זאַוואָד. אויב איך טויג פאַר אײַך — פאַרשרײַבט.

— טײַערער, וואָס פרעגט איר? וואָס הייסט... איר טויגט? אָן אײַך קען איך ניט אויסקומען. איך פאַרשרײַב.

— פאַרשרײַבט. און וועגן דעם, אַז איצט איז מילכאָמע, ווייס איך. אַ זון איז אַוועק אַפן פראָנט.

— און אַ וואַלד־בראַקער דאַרפט איר?

— ווער איז דאָ אַ בראַקער?

— איך.

— איר פרעגט, צי איך דאַרף אײַך? אָן אײַך קען איך ניט אויסקומען. סיביר. וואַלד. גע־הילץ. איך זוך דאָך אַ בראַקער.

ווען דער דירעקטאָר איז אַוועק, האָבן אַלע אים געוווּנטשן, אַז אין די איבעריקע וואַגאָנעס זאָל ער אויך האָבן דערפאָלג. גערופן האָט מען אים שוין איצט:

— אונדזער דירעקטאָר.

און וועגן זאַוואָד:

— אונדזער זאַוואָד.

פאַרנאַכט איז אַרײַן אַ מענטש און געמאָלדן, אַז אין וואַגאָן נומער זעקס וועט פאָרקומען אַ באַראַטונג פון די כאַווײרים, וואָס וועלן אַרבעטן אַפן זאַוואָד.

אַף מאָרגן איז אין וואַגאָן אַרײַנגעקומען מאַקס בוכשרײַבער אין אַ ווײַסן פאַרטעך און אין אַ בלאַנקענדיקן קוכער־מיצל אַפן קאָפּ. זײַן פּאָנעם איז געווען פול מיט שמייכל, און אַלעמען האָט געדוכט, אַז ער וועט ניט ריידן, נאָר לאַכן. אין נאָמען פון דער זאַוואָד־דירעקציע האָט ער געגעבן צו וויסן, אַז אינעם וואַגאָן נומער צוועלף עפנט זיך די ערשטע זאַוואָדישע קיך, וווּ מע וועט באַקומען וואַרעמע מיטיקן. פאַר קינדער וועט זײַן מילך.

ווי פריִער, לויפט מען אויך איצט אַף די גרויסע סטאַנציעס קויפן צײַטונגען און זיך דער־וויסן נײַעס פון פראָנט. און אויך איצט איז די ערשטע פראַגע, מיט וועלכער מע באַגעגנט די צוריקגעקומענע אין וואַגאָן:

— נו?

איצט האָט עס אַן אַנדער מיין, איצט באַטײַט עס: צי דען פילט ניט דער דאָזיקער פאַשיסט, אַז ער וועט מ׳עס אָפּשנײַדן? צי דען פאַרשטייט ער ניט, אַז מיט יעדער נײַער שטאָט וועט ער גיכער דערוואַרגן ווערן?

און דער זעלבער פריִערדיקער ענטפער „ער שפּאַרט״ — באַטײַט איצט: ניין, ער פאַרשטייט ניט. ביז מע וועט ניט געבן איבערן קאָפּ — וועט ער ניט פאַרשטיין.

5.

כ׳האָב געוואָלט, פאַר זיך דאָס האַרץ זאָל לעבן,
האָט זיך עס פאַרליבט, זיך אָפּגעגעבן.
איטשע באָרוכאָוויטש

אין דעם זעלבן וואַגאָן, צוזאַמען מיט איצע שולמאַן און נאָכעם לאַסקעוויטש, פאָרן קיין בירָאָבידזשאַן נאָטקע נוסבוים און אַסנע.

זיי פֿאָרן צוזאַמען, עסן צוזאַמען, שפּאַצירן זיך ביידע דורך אויף דער פּלאַטפֿאָרמע, ווען דער צוג קומט אָן צו א גרעסערער סטאַנציע. קיינער אָבער קאָן ניט זאָגן, ווער זיינען זיי צווישן זיך: א ברודער מיט א שוועסטער, א כאָסן מיט א קאַלע, גלאַט גוטע באַקאַנטע? ווער?

קיינער ווייסט ניט.

נאַטקע נוסבוים, וועמען אַלץ איז געווען קלאָר און פֿאַרשטענדלעך, פֿאַרנדיק קיין ווילנע (ער רעדט באַשטימט און איינדייַטיק, אָן שום שפּעלטעלע אויף אַנדערש דענקען, ווי יודקע האָט געטראַכט) און וועלכער איז געווען זיכער אין זייַן גערעכטיקייט (לויט דער מומען פֿון פּאַניע־וועזש: ניט באַשיידן, זייַן זיכערקייַט ניט לויט די יאָרן), האָט, פֿאַרנדיק צוריק קיין ביראָביד־זשאַן, דערפֿילט, אַז ניט אַלעמאָל קאָן ער גאָר ענטפֿערן אויף די פֿראַגן, וואָס אין פֿראָסט־פּאַ־שעטקייַט פֿאַרגיט אים אסנע.

באַ דער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט מיט דעם מיידל האָט דער געניטער און פּראַקטישער נאַטקע נוסבוים אין זיך געשמייכלט פֿון אסנעס נאַיוּוקייַט, קינדערישן באַנעמען דאָס אַרומיקע לעבן. זי גלייבט נאָך אין גאָט, זי האָט מוירע פֿאַרן טאַטן, זי האָט גרויס דרעכצערעץ פֿאַר דער מומען פֿון פּאַניעוועזש. איר קינדערישקייַט, שעמעוודיקייַט, פֿראָסט־פּאַשעטקייַט האָט צוגע־געבן א סאַך כיין איר יונגקייַט, און דאָס איז געווען נאַטקען צום האַרצן. אָבער... ער אַליין האָט עס אופֿגענומען צו פּאַשעט און פֿראָסט. ער האָט אין אסנען ניט דערזען קיין געוויקס, וואָס איז נאָך דערוויַיל אין זיך און וועט ערשט מיט דער צייַט באַווייַזן דער וועלט איר צייַטי־קייַט, איר פֿאַרב און רייעך. ער האָט זי אופֿגענומען, ווי שוין א פֿאַרענדיקט געשטאַלט, וואָס ענדערט זיך ניט.

אין ווילנע האָט זי מיט אים ווינציק גערעדט, גאָרניט געפֿרעגט, גאָרניט פֿאַרלאַנגט. ניט זי איז געווען די דייעזאָגערן איבער זיך. איר מאַזל איז געלעגן אין די הענט פֿון דער מומע ריווקע. זי, אסנע, האָט געדאַרפֿט נאָר פֿאָלגן. אָבער איידער איר גוירל איז נאָך באַשטימט גע־וואָרן, איידער די מומע האָט געזאָגט, ווער געפֿעלט און ווער ניט, זייַנען די דייַטשן באַפֿאַלן. אין יענעם פֿאַרטאָג האָט נאַטקע זי גאָרניט געפֿרעגט, ער האָט זי גענומען פֿאַר דער האַנט און איז צוזאַמען מיט איר אַוועק. זי האָט אים אויך גאָרניט געזאָגט, זי איז געווען דערשראָקן און אים געפֿאָלגט. דערבייַ האָט זי מיטן האַרצן געגלייבט, אַז דער דאָזיקער נאַטקע נוסבוים וועט זי ראַטעווען.

זי האָט זיך געראַטעוועט.

און וואָס מער זי ווערט זיכערער אין איר אייגענער רעטונג, אַלץ מער וויל זי וויסן, וואָס איז מיט איר טאַטן, מיט דער מומען, מיט די שכיינים. וואָס איז מיט זיי?

אסנע געפֿינט אויס א פּאַסיקע מינוט, ווען צו פֿאַרגעבן נאַטקען א פֿראַגע. זי טוט עס שטיל, אַז צו אַנדערע זאָל עס ניט דערגיין. און נאַטקע נעמט שוין צווייפֿלען: זי טוט עס, ווייַל זי איז באַשיידן און שעמעוודיק, צי ווייַל איר פֿראָסט־פּאַשעטקייַט איז גאָר קליגער, ווי אים האָט עס געדוכט.

אַזאַ פּאַסיקע שאָ איז אויך איצט. אַנהייב אָוונט. א גאַנצן טאָג האָט דער ווינט שטאַרק געהודזשעט אין די טעלעפֿאָן־דראָטן, נאָכגעיאָגט דעם צוג, געפּייַפֿט אין די פֿענצטער, באַשאָטן זיי מיט שטויב און אויסגעקלאַפּט אויף די בלעכענע דעכער פֿון די וואַגאָנעס א שיידים־טאַנץ. די וועלדער האָבן גרויזאַם־רוישיק געשאָקלט די קרוינען פֿון די ביימער, זייערע בלעטער און נאָדלען זייַנען אַרום די שטאַמען פֿון די ביימער אַרומגעפֿלויגן אין א ווילדן וויכער־קאַראַ־האָד. אויף די פֿעלדער האָבן די טוווּס און גראָזן זיך געכוואַליעט, ווי כוואַליעס אין יאַם בייַס א שטורעם.

אין די וואַגאָנעס האָט מען זיך אומהיימלעך געטוליעט אין וואַרעמע קליידער. אַלעמען האָט זיך געוואָלט שלאָפֿן. און פֿאַרנאַכטלעך, אַנהייב אָוונט, איז שטיל געוואָרן. די אָנגעקומענע גרויסע שטילקייַט האָט מיט זיך פֿאַרצויגן דעם גאַנצן אַרום פֿון ביידע זייַטן צוג. און דאָ דער־זעט מען, ווי פֿון אַריבער די ביימער־שפּיצן אין אָוונטיקן וואַלד גייט אויף, באַגלייט מיט א דורכזיכטיק געהאַפֿטן וואָלקנדל, א ליכטיקער ראַנד פֿון דער שטילער און פֿריילעכער לעוואָנע.

— נאַטקע, — אסנע האָט זיך צו אים צוגערוקט, ווי זיך צוגעטוליעט, — זאָגט מיר, פֿאַר־וואָס... — נאָר זי כאַפּט זיך באַלד, אַז זי האָט אָפּגערעדט מיט נאַטקען צו זאָגן אים „דו״. — און איך פֿאַרגעס אַלץ. זאָג מיר, נאַטקע, וואָס טוען איצט אונדזערע אין ווילנע? וואָס איז מיט זיי? שלעכט?

נאַטקע פֿאַרשטייט, אַז אין ווילנע איז שלעכט, ביטער. ער קאָן אָבער אַזוינס מיטאַמאָל ניט זאָגן אסנען. זי וועט זיך איבערשרעקן.

— אַלנפֿאַלס... ניט גוט.

צווישן „ניט גוט״ און „שלעכט״ איז דער אונטערשייד ניט קיין גרויסער. עס קאָן זיך אפּי־לע מאַכן, אַז עס איז גאָר קיין אונטערשייד ניט פֿאַראַן. און דאָך... „ניט גוט״ גיט נאָך אַ האָפֿ־נונג. „שלעכט״ נעמט די לעצטע האָפֿענונג אַוועק.

— נאָטקעָ, איך פֿאַרשטיי, אַז איר ווילט... אוי, איך פֿאַרגעס אַלץ. דו ווילסט ניט זאָגן דעם גאַנצן עמעס. טרייסט מיך. די פּאַשיסטן זײַנען דען גוטע געוואָרן? עס פּאַסט איצט צו דערמאָנען די מומע ריווקעס אַ ווערטל: אַ וואָלף פֿאַרלירט זײַנע האָר, אָבער ניט זײַן נאַטור. און ווילנע קער איצט זײַן זייער שרעקלעך.

פֿון אַריבער די ביימער האָט זיך די לעוואָנע אַרויסגעצויגן, אויפֿגעהויבן און באַלויכטן דעם אײַנגעוויידפֿון וואַלד, די דורכזיכטיקע וואָלקנדלעך, דעם וועג, און כאָטש די לעוואָנע באַגלייט פֿרײַלעך און גוטהאַרציק דעם צוג, ווערט פֿון איר ליכטיקער שײַן, וואָס פֿאַלט אַרײַן אין וואַגאָן, אומעטיקלעך, אומרויִק. דאָס האַרץ ציטערט אויף פֿונעם דינעם זילבער־פּאָדעם. אַסנען ווערט אַפֿילע קאַלט.

— איך פֿאַרשטיי אָבער ניט... פֿאַרוואָס צאַרנט היטלער אַזויפֿיל אױף ייִדן? וואָס האָבן זיי אים געטאָן? זאָל דאָס זײַן גאָטס שטראָף?

— רעדסט נאָך, ווי אַ קינד, אַסנע.

— ווײַל איך גלייב אין גאָט? איך גלייב שוין ניט אַזוי ווי פֿריִער. אָבער אַז איך גלייב, איז מיר לײַכטער. איך האָב אַ האָפֿענונג: דער טאַטע לעבט, די מומע לעבט, אַלע באַקאַנטע לעבן. איך קאָן דעמלט טראַכטן, אַז גאָט זאָל ווען — קאָן ער טאָן אַ נעס מיט די ווילנער ייִדן. דו שמייכלסט, ווײַל איך רייד, ווי אַ קינד. גוט, גוט... אָבער דערקלער מיר דו, ווי אַ דערוואַקסענער.

אַסנע פֿאַרגיט אים הײַנט אַזויפֿיל פֿראַגן, אַז זי האָט זיך שוין צוגעוווינט צו זאָגן נאָטקען „דו״.

דער צוג איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו אַ סטאַנציע און געבליבן שטיין. די לעוואָנע איז אויך געבליבן שטיין. דערנאָך האָט דער צוג זיך גוט אויסגעהוסט מיט רויך פֿון קוימען, זיך אויסגעפּײַפֿט, אַרײַנגעשריִען אין דער נאַכט אַרײַן און איז אַוועק ווײַטער. ווען דער צוג האָט פֿאַרגיכערט זײַן גאַנג, האָט אַסנע דערפֿילט, אַז הײַנט איז אַזאַ אָוונט, ווען פֿראַגן קומען פֿון זיך אַליין. זי וויל נאָך עפּעס וויסן. אַסנע האַלט, אַז זי מעג עס טאָן איצט, ווײַל זי זעט נאָטקעס גינציקײַט, גוטסקײַט און איידלקײַט צו איר. און דעריבער טאַקע, ווען זי פֿאַרגיט נאָך אַ פֿראַגע, כאַפּט זיך בא איר אַרויס:

— זאָג מיר, נאָטקעלע... — זי פֿאַרשעמט זיך פֿאַר זיך אַליין. זי לאָזט אַראָפּ די אויגן. ווי קומט עס צו איר? נאָטקע איז צופֿרידן. ער נעמט אָן איר האַנט און דריקט פֿרײַנטלעך.

— זאָל זײַן אַזוי, — זאָגט זי נאָך אַ ביסל שווײַגן, — נאָטקעלע... גוט?

— גוט.

און ביידע קוקן אַרויס דורכן פֿענצטער פֿון וואַגאָן, האַלטן זיך פֿאַר די הענט און זעען, ווי די צופֿרידענע לעוואָנע שמייכלט צו זיי. אָדער... זיי שמייכלען צו איר.

און דערנאָך זאָגט ווידער אַסנע:

— ווייסט, נאָטקעלע, פֿריִער איז עס מיר גאָרניט אויסגעקומען צו זען. אָדער איך האָב עס פּשוט ניט פֿאַרשטאַנען. אָט זע, אונדזערע שכנים אין וואַגאָן... איצטע דער בראָקער, נאָכעם דער מײַסטער, מאַקס דער קוכער. פֿאַרוואָס זײַנען זיי מיט מאַקסן קידער־ווידער? דרײַ ייִדן, און קאָנען ניט אויסקומען צווישן זיך. פֿאַרוואָס? די מומע ריווקע וואָלט אין אַזאַ פֿאַל געוועזן באַרויִקט. איר וואָלט עס ניט געפֿעלן. ווי מיינסטו?

אַסנע שווײַגט. זי טראַכט, זי רעדט עפּעס מיט זיך אַליין.

— דער טאַטע איז אָפּט מיט ייִדן געווען אומצופֿרידן. „אַ מאָדנע פֿאָלק, איך פֿאַרשטיי עס אָפּט ניט״, — פֿלעגט ער זאָגן. די מומע ריווקע פֿאַרקערט: „אַ גוט פֿאָלק. איך פֿאַרשטיי עס אַלעמאָל״. ווער איז פֿון זיי גערעכט?

אין אַ ווײַלע אַרום גיט אַסנע אַרויס אַ זיפֿץ און זאָגט:

— ווער ווייסט, וואָס מיט זיי איז איצט? צי לעבן זיי?

עטלעכע מאָל איז הײַנט דער פֿאָרשטייער פֿון דער זאַוואָד־דירעקציע געגאַנגען איבער די וואַגאָנעס און אַלעמען אָנגעזאָגט:

— מאָרגן פֿאַרטאָג קומט אָן דער צוג צו דער זאַוואָד־סטאַנציע.

די לעצטע נאַכט אין וואַגאָן. עס שלאָפֿט זיך ניט. אַפֿילע מיט פֿאַרמאַכטע אויגן שלאָפֿט זיך ניט. די פּאַסאַזשירן, סײַ די, וואָס פֿאָרן ביז דער זאַוואָד־סטאַנציע, סײַ די, וואָס פֿאָרן ווײַטער, דערזעען איצט זייער היים, וועלכע מע האָט אין אײַלעניש פֿאַרלאָזט.

אָבער מאָרגן? וואָס וועט זײַן מאָרגן?

שווער זיך פֿאָרצושטעלן, וואָס מאָרגן וועט זײַן. און יעדערן דאָ אין וואַגאָן ווילט זיך מיט עמעצן דורכרײדן, דאָס האַרץ אויסרײדן, פֿרעגן אַן אײצע, דערצײלן אַ כאַלעם. דערצו זײַנען אַלע אין דער הײַנטיקער שלאָפֿלאָזער נאַכט גוטע, צוגעלאָזטע, פֿרײַנטלעכע. אײנער דעם אַנ־דערן איז מויכל אַ באַליידיקונג, פֿאַרגיט אַ שלעכט וואָרט.

איצט מיט נאָכטעמען קענען זיך באַהערשן מער, ווי אַנדערע. זײ שווײַגן, קוקן אַרײַן אין זײער פֿאַרגאַנגען לעבן און ווילן ניט ווינציקער, ווי אַנדערע, וויסן: וואָס ווײַטער? מאָרגן, איבערמאָרגן?

מאַקס בוכשרײַבער געפֿינט זיך קײן אָרט ניט. ניט זיצן, ניט שטײן. אסנע קאָן עס ניט צוזען, זי פֿילט אים מיט, זי האָט מיטלײַד. ער איז אַן אײנזאַמער, אַן עלנטער. זי אַלײן ווייסט דאָך נאָך אויך ניט, וואָס מיט איר וועט זײַן. אָט פֿאָרט זי מיט נאַטקען קײן ביראָבידזשאַן, ער־געץ עק וועלט. מע פֿאָרט, מע פֿאָרט, און מע איז נאָך אַלץ ניט געקומען. זײ האָבן שוין אָפּגע־רעדט, אַז גלײַך, ווי זײ קומען אָן, גײט נאַטקע אין דער אַרמײ. און זי... זי וועט אַרבעטן און וועט פֿאַרבלײַבן בײַ זײַן שוועסטער. צו נאַטקען האָט זי שוין צוטרוי. ער איז אַן אָרנטלעכער און אַ דעליקאַטער. דערבײַ ניט קײן פֿאַרשלאָפֿענער, אַ זאַכלעכער, אַ בעריע, וואָס קאָן באַשטײן פֿאַר זיך און אויך פֿאַר איר. ווער איז אָבער זײַן שוועסטער? און וואָס איז זײַן שוועסטער?

זי איז געווען אַ יעסוימע בײַ איר טאַטן אין ווילנע. זײַן נאָך אַ יעסוימע בײַ נאַטקעס שווע־סטער אין ביראָבידזשאַן — וויל זי ניט.

דער טומלדיקער און באַוועגלעכער מאַקס בוכשרײַבער, וואָס ביכלאַל איז ער אומעטום פֿול, איז שטענדיק צופֿרידן, לאַכט אָדער שמײכלט, ווי פֿאַר זיך וואָלט ער שוין אַלץ דער־גרײכט, זײַן לעבן באַזאָרגט, — דערפֿילט איצט, ווי אָט דאָס ווילנער יונגע מײדעלע האָט אַ גוט האַרץ, פֿילט מיט אַ מענטשן און קאָן זאָגן אַ טרײסט־וואָרט. און דאָס טאַקע פֿעלט אים זײער, כאָטש ער ווײַזט עס פֿאַר קײנעם ניט אַרויס. ער קוקט אױף אסנען מיט אַ שמײכל, אָבער מיט אַזאַ אומעטיקן, אַזאַ דערשלאָגענעם, אַז זי קאָן מער ניט שווײַגן און הײבט אָן די ער־שטע צו רײדן:

— באַרויִקט זיך, כאַווער מאַקס. עס וועט גוט זײַן. גאָט וועט העלפֿן.

— אַ דאַנק, מײדעלע, אַ דאַנק. פֿאַרשטײסט, טײַערע, עס איז גוט צו זײַן רויִק, ווען מע ווייסט ווו צו שטעלן אַ פֿוס. אָבער אומבאַוווסטערהײט — בין איך בלינד. אוודאי זײַנען מײַנע שכײנים קלוגע מענטשן. געוויס! קעדײ פֿאַרשטײן אָבער אַ צווײטן, איז ווינציק קלוגשאַפֿט. מע דאַרף וועלן מיטפֿילן און זײַן אַ גוטער.

— עמעס. די מומע פֿון פּאָניעוועזש האָט אויך אַזוי געזאָגט.

— איך גײ אַ בלינדער אין מאָרגן אַרײַן. קײן געהעריקע מעלאָכע האָב איך ניט. די שכײ־נים... דער איז אַ בראַקער, דער איז אַ מײַסטער. זײ דאַרף מען, בײַ זײ האָט זיך דער דירעקטאָר געבעטן. איך... איך קאָן אַלץ און קאָן גאָרניט. דער עמעס איז דאָך, אַז איך פֿאַרשלאָג זיך דעם קאָפּ מיט דעם, וואָס איך רײד, טשמאָקע, מיש זיך אומעטום. אָט... און דיר, מײדעלע, אַ דאַנק פֿאַר דײַן גוט האַרץ. ווער ביסטו זײַנע (ער ווײַזט אױף נאַטקען)? אַ קאַלע, אַ פֿרוי, אַ שווע־סטער, אַ באַקאַנטע?

— אַ קאַלע.

— אַ גוטער באָכער, אַ זיכערער, אַ רויִקער, אַ באַגלײבטער...

— אַ דאַנק אײַך פֿאַר די גוטע ווערטער.

— אַך, קינד מײַנס, קינד מײַנס, איך האָב אַ טאָכטער אין דײַן עלטער. און ווער ווייסט, ווו זי איז איצט? עפּשער צו די ראָצכים אַרײַנגעפֿאַלן. דאָס לאָזט מיך ניט רוען, איך שלאָף קײן נעכט ניט.

פֿאַרטאָג זײַנען שוין אַלע געשטאַנען אויסגעשטעלט מיט זײערע קלומקעס און טשעמאָ־דאַנעס צום אַרויסגאַנג. דער צוג האָט פֿאַרלאַנגזאַמט זײַן גאַנג. און די הערצער בײַ אַלעמען האָבן גענומען אומרויִק קלאַפּן.

— זײַט געזונט!

— פֿאַרבלײַבט געזונט!

און אָט איז דער וואַגאָן געוואָרן קימאַט פּוסט, לײדיק. די בענק זײַנען פֿרײַ. עס איז אומהײמלעך. געווען אַזויפֿיל באַקאַנטע...

שפּעטער זײַנען צוגעקומען אַנדערע פּאַסאַזשירן. אָבער דאָס זײַנען שוין געווען פֿרעמדע מענטשן. אױף אײן סטאַנציע אַרײַן, אױף דער צווײטער — אַרויס. אַזוי זײַנען נאַטקע מיט אסנען דערפֿאָרן קײן ביראָבידזשאַן.

מיט עטלעכע שאָ פאַרן אָנקומען אַף דער סטאַנציע האָט אסנע געזאָגט צו נאַטקען:

— שטעל זיך פאָר א שיינע מײַסע. דו ביסט דאָך דער מומע ריווקען ניט געפעלן געוווען. בא איר האָט אויסגעזען כאָימקע מילגרוים. בא מיר ניט... ער איז א גוטער, און איך בין א גוטע. וואָס וועט זיך באקומען? שמירן פּוטער אַף פּוטער. מיר איז געפעלן גאָר אַן אַנדערער...— דערבײַ האָט זי אַף נאַטקען אזוי ליבלעך א קוק געטאָן, אז אלץ איז געוווען פארשטענדלעך.

אין דער לעצטער מינוט, ווען דער צוג האָט שוין געגומען צוקומען צו דער סטאַנציע ביראָבידזשאַן, האָט זי האַרציק א פרעג געטאָן:

— נאַטקעלע, זאָג מיר, דײַן שוועסטער איז א גוטע?

און ווען אסנע איז ארויס אַף דער פּלאַטפאָרמע און דערזען דעם אופשריפט „ביראָבידזשאַן" מיט ייִדישע אויסיעס, האָט זי זיך פארבענקט אהיים. צו דעם טאַטן, צו דער מומען, אהיים — קיין ווילנע.

זי פארשטייט, אז ווילנע איז פונדאנען ווײַט, ווײַט. נײַן טויזנט קילאָמעטער. אָבער וואָס מאַכן זיי? דער טאַטע, די מומע, די שכיינים? כאָיִם מיט דווירקען, רייזל מיט לייבקען? אלע, אלע שכיינים און באַקאַנטע!

.6

ניין, ניט אלץ, ווי אָפּגעשניטן גראָז,
פארוועלקט, וואָס היים פארפלאַנצט...
א. קושניראָוו

די סאָפּזומערדיקע ביראָבידזשאַנער זון האָט מיט איר שטילער רויִקײַט באַשײַנט די בלוי־ געפארבטע דעכער פון די וואַגאָנעס און מיט דער זעלבער שטילער וואַרעמקײַט באַגלייט דעם צוג ווײַטער קיין כאַבאַראָווסק.

אַף דער סטאַנציע זײַנען געוווען ווינציק מענטשן, און ס'איז לײַכט געוווען גלײַך צו דער־ זען, אז נאַטקען און אסנען איז קיינער ניט געקומען באַגעגענען. נאַטקען האָט עס ניט גע־ וווּנדערט. אסנען אָבער האָט עס קימאַט פארדראָסן. זי האָט וואָס גיכער געוואָלט זען נאַטקעס שוועסטער.

זיי זײַנען צופֿוס אוועק אהיים. די טיר פֿון דער דירע איז געווען פֿאַרשלאָסן. אויך דאָס האָט נאַטקע אופֿגענומען גלײַכגילטיק. פֿאַרוווּנדערט האָט ער זיך ערשט דאַן, ווען ער האָט אַרײַנגעשטעלט דעם שליסל אין שלאָס צו עפֿענען די טיר, און דערהערט א בילערײַ פֿון א הונט, וואָס בייזערט זיך. א הונט? צי האָט ער א טאָעס און דערקענט ניט זײַן דירע? אין שטוב בא זיי איז קיין הונט ניט פֿאַראַן. נאָר ניין, קיין טאָעס האָט ער ניט. ער עפֿנט די טיר. בא דער שוועל שטייט אָף לײַכטע אומרויִקע פֿיס א וווּקסיקער שאַרער קורצהאָריקער הונט מיט אַן אויסגעבויגן פֿילבאַרן רוקן. דער הונט קוקט אָן מיט זײַנע קלוגע און שטרענג־פֿרעגנדיקע אויגן דעם אומבאַקאַנטן, וואָס וויל אַריבער די שוועל. ער וועט ניט לאָזן. ער עפֿנט זײַן פּיסק און באַווײַזט זײַנע ציין.

— פֿונוואַנען קומסטו אַהער? — ווונדערט זיך נאַטקע.

דער הונט קוקט אים אָן און באַוועגט זיך ניט.

— לאָז מיך, נאַטקע, — בעט אים אסנע. — מיך וועלן הינט ניט טשעפּען. — זי איז אַריבער די שוועל. דער הונט האָט זי באַשמעקט, באַטראַכט און איז אָפּגעטראָטן אָף צוריק. אסנע האָט אַרופֿגעלייגט איר האַנט דעם הונט צווישן די אויערן און געגלעט.

עטלעכע מינוט איז זיי דער הונט נאָכגעגאַנגען, נאָכגעפּאָרשט, באַטראַכט. דערנאָך האָט ער זיך באַרויִקט און זיך אוועקגעלייגט אין א ווינקל אָף א ווייכן אונטערבעט.

נאַטקע האָט שוין דערווײַל געפֿונען באַלעבאַטעווען אין שטוב.

שפּעטער איז אָנגעקומען נאַטקעס שוועסטער פֿון דער אַרבעט. וועגן אסנען האָט זי גע־ווּוסט. און איידער נאָך זי האָט אָף איר גוט א קוק געטאָן, איידער זי האָט נאָך באַוויזן א וואָרט אויסצורײדן, האָט זי מיטביידע הענט פֿעסט אַרומגעכאַפּט אסנען, געקושט און געהאַלדזט, ניט געוואָלט זי פֿון אירע אָרעמס אַרויסלאָזן.

— און איצט, אסנעלע, לאָמיר דיך אָנקוקן, זען, ווער ביסטו און וואָס ביסטו? טײַערינקע, ביסט מיר געפֿעלן, שטאַרק געפֿעלן. אָף נאַטקען קאָן מען זיך פֿאַרלאָזן. מיך רופֿט מען איטע. זי האָט גענומען גרייטן צום טיש.

— איך האָב נאָך נעכטן אָף אײַך געוואָרט.

באַם עסן האָט זי דערציילט:

איר מאַן, מאָטל, אַן אַרבעטער אַפֿן וועגענער־זאַוואָד, איז גלײַך אָנהייב מילכאָמע מאָ־ביליזירט געוואָרן. איטע איז געבליבן מיטן קינד. זי אַרבעט אָף דער ניי־פֿאַבריק, דאָס קינד געפֿינט זיך אין קינדערגאָרטן.

וועגן דעם דערציילט איטע אין געציילטע ווערטער, ווײַל פֿון איר מאַן האָט זי לעצטנס קיין ידיִעס ניט, איז איר שווער וועגן דעם צו ריידן.

איטע איז א יונגע, אײַנגאַנצן מיט עטלעכע יאָר עלטער פֿון נאַטקען. אין בירעבידזשאַן איז זי אָנגעקומען אין יענעם יאָר, ווען דער ראַיאָן איז דערקלערט געוואָרן פֿאַר אַן אווטאָנאָמער געגנט. דעמלט, אַן אכצניאָריקע, מיט א שוואַרצן צאָפּ, גאָרניט לויט דער דעמלטיקער מאָדע, אין א ראָז ציצן קליידל און אין ייִנגלשע שוואַרצע שיך מיט שנירלעך, איז זי, נאָך פֿאַרנדיק אין וואַגאָן, געפֿעלן געוואָרן מאָטלען. טאַקע אין וואַגאָן האָט זיך אָנגעהויבן זייער ליבע. אַלץ, וואָס פֿריִער איז געווען, האָט זיך געלאָזט גיך פֿאַרגעסן, און בא איטען איז געווען דער אײַנדרוק, אַז דאָ, אין בירעבידזשאַן, איז זי געבאָרן געוואָרן. דאָ הייבט זיך אָן איר לעבן. און מער פֿון דעם, וואָס זי האָט פֿאַרמאָגט, האָט זי ניט פֿאַרלאַנגט. און אַלץ, וואָס זי האָט פֿאַרמאָגט, איז געווען נאָענט אַרום איר, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען: מאָטל, דער אַרטעל „די ראָד פֿון דער רעוואָליוציע", ווו מאָטל אַרבעט. דערנאָך דער וועגענער־זאַוואָד, ווו ער איז אַריבער אַרבעטן. שפּעטער: דאָס קינד, א מיידעלע מיטן נאָמען מײַע. אַלץ איז געווען צוזאַמען, נאָענט און אייגנס. זינט מאָטל איז מאָביליזירט געוואָרן, איז פֿאַר איטען די וועלט פֿאַרברייטערט גע־וואָרן, עס איז צוגעקומען נאָך א געאָגראַפֿישער פּונקט, א ווײַטלעכער און זייער אַן אומרויִקער: פֿראָנט, דערצו נאָך מיט א נומער פֿון פֿעלד־פּאָסט.

ביז דער מילכאָמע האָט זי באַזונדערס געפֿילט די פֿרייד באַם באַגעגענען דעם מאַן פֿון דער אַרבעט, פֿון דערהערן זײַנע טריט און אַרויסגיין אים אַנטקעגן מיטן קינד אָף דער האַנט. איצט לעבט זי איבער אַזאַ פֿריידיקע און פֿריילעכע שאָ, ווען פֿון אים קומט אָן א בריוו. זי נעמט דאַן גרייטן צום טיש, ווי אַליין מאָטל וואָלט געקומען און זיי וועלן באַלד צוזאַמען פֿראַוועט א מאָלצײַט. די סימכע דויערט אָבער ניט לאַנג, און אויך אַלע טאָג טרעפֿט עס. די בענקעניש און די זאָרג הייבט זיך אָן נאָך אין דעם זעלבן טאָג, ווען דער בריוו קומט אָן.

ניט וועגן זיך, ניט וועגן מאָטלען, ניט וועגן איר קינד ווילט זיך איצט איטען ריידן. דער־פֿאַר אָבער נעמט זי געגנוי דערציילן וועגן דעם קלוגן און שיינעם הונט, וואָס ליגט אין ווינקל

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און וואָס שטעלט אָן די אויערן, ווי נאָר עס דערהערן זיך טריט אַרום שטוב.

עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז צוזאַמען מיט מאָטלען איז קיין ביראָבידזשאַן געקומען אויך זײַן כאַווער זאַלמען. אַ שעמעוודיקער און איידעלער באָכער. אַ שווײַגער, וואָס רעדט געציילטע ווערטער, כאַווערט זיך מיט קיינעם ניט, נאָר לייענט ביכער, שלינגט זיי. דער איינציקער, מיט וועמען ער האָט גערעדט און פאַרטרויט זײַנע געדאַנקען און פאַרלאַנגען, איז געווען מאָטל. ער האָט צוזאַמען מיט מאָטלען געאַרבעט אין איין צעך אַפֿן וואַגאָנער־זאַוואָד. אַמאָל פֿלעגט ער אַרײַנקומען צו אים אין געסט.

אָט דער זאַלמען האָט נאָך באַ זיך אין שטעטל ליב געהאַט אַ מיידל, נאָר געשעמט זיך וועגן דעם איר זאָגן. אַלע האָבן עס געוווּסט. דאָס מיידל האָט עס געוווּסט. דער באָכער אָבער שווײַגט. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז דערפֿאַר טאַקע איז זאַלמען אַוועקגעפֿאָרן פֿון שטעטל. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט ער דאָס מיידל אומגעריכט באַגעגנט אין ביראָבידזשאַן אויף דער גאַס. די אומדערוואַרטע באַגעגעניש האָט אים געגעבן לאַשן און דרייסטקייט, ער האָט זי אַרומגע־כאַפּט און געזאָגט, אַז ער האָט זי ליב, שטאַרק ליב. האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז קיין ביראָבידזשאַן איז דאָס מיידל שוין געקומען מיט אַ מאַן.

— אָט דעמלט, — זאָגט איטע, — האָט ער זיך איין מאָל אין זײַן לעבן ניט געשעמט. ער איז אַרײַן צו אונדז אין שטוב און זיך צעוויינט. מיר האָבן אים געטרייסט, אָבער פֿאַרשטאַנען האָבן מיר, אַז ער וועט עס קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן, עס בלײַבט אַ וווּנד.

אין אַ כאָדאָשים דרײַ אַרום איז ער געקומען צו מאָטלען אַהיים מיט אַ הינטעלע, אַ קליינס און אַ שיינס.

— ווי רופֿט מען עס? — האָבן מיר געפֿרעגט.

— ווי רופֿט מען...

זאַלמען האָט שוין דעמלט אויף זיך גענומען קוקן, ווי אויף אַ שלימאַזל, אַ טויגעניכטס, וואָס אין לעבן איז אים קיין פֿרייד ניט באַשערט. און ווי אויף אָפּצולאַכן פֿון זיך אַליין, אָפּשפּאָטן און זיך שטראָפֿן, האָט ער דאָס הינטל אַ נאָמען געגעבן...

— זאַלמענקע.

אין אָט דעם זאַלמענקע האָט ער אַרײַנגעלייגט זײַן פֿרייד, זײַן האַרץ, זײַן ליבע. מע פֿלעגט זיי קימאַט שטענדיק זען צוזאַמען. די מילכאָמע איז אויסגעבראָכן. זאַלמענען האָט מען מאָבי־ליזירט. וואָס טוט מען מיט זאַלמענקען?

— איר האָט געדאַרפֿט זען, ווי זאַלמען האָט זיך געזעגנט מיט זאַלמענקען. זאַלמענען זײַנען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. און מיר דוכט, איך מעג שווערן, זאַלמענקע האָט אויך געוויינט. אוי, — האָט איטע אויסגעשריִען, — דער בריוונטרעגער! צו אונדז?

איטע איז צוגעלאָפֿן צו דער טיר און געעפֿנט.

— אַ בריוו?

— אַ בריוו!

איטע איז אויפֿגעלעבט געוואָרן. זי איז געוואָרן שענער און יינגער. מיטן מאַנס בריוו אין דער האַנט האָט זי געטאַנצט. זי איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און איבערגעלייענט. דערנאָך אַ פֿריילעכע און שײַנענדיקע געזאָגט:

— איך לויף צו מײַלען איבערגעבן אַ גרוס פֿון טאַטן. באַלד קום איך.

פֿאַרנאַכט זײַנען נאַטקע מיט אָסנען אַרויס אין גאַס שפּאַצירן, זען די שטאָט. די רויִקייט און שטילקייט פֿון די גאַסן, דער גלאַסענער טראָט פֿון מענטשן האָט אויך אָסנען באַרויִקט. די קילקייט פֿונעם פֿאַרנאַכט און דער פֿײַערדיקער זון־אונטערגאַנג האָט אָסנען אײַנגאַנצן אַרײַנ־געפֿירט אין אַן אַנדער וועלט. טאַקע מילכאָמע, אָבער ווײַט פֿונדאַנען. ניט קיין שיסערײַען, ניט קיין באָמבעס. נאָכן לאַנגן וועג — פֿון מאָסקווע קיין ביראָבידזשאַן — נעמט זי קומען צו־זיך. זי פֿילט די שיינקייט פֿון האַרבסטיקן פֿאַרנאַכט, זי גייט אַ צופֿרידענע איבער די גאַסן, זעט אַלץ און באַטראַכט אַלץ. אינמיטן אָבער דער רויִקער געמיטלעכקייט איז ערגעץ פֿון דער אָנקומענדיקער נאַכט אַרויסגעשווומען ווילנע, דײַטשן וואָרפֿן באָמבעס, הײַזער ברענען, מענטשן קומען אום. און אַלע, אַלע לויפֿן זיך ראַטעווען. אָסנע ציטערט אויף.

— קום אַהיים, נאַטקע, מיר איז קאַלט.

אָסנע, קאָן מען זאָגן, האָט אפֿילע ניט באַמערקט, ווי שוין אין דעם ערשטן טאָג, אין דעם ערשטן אָוונט, האָט זי זיך צוגעוווינט צו דער נײַער שטוב און ווי אייגן און נאָענט איר איז געוואָרן נאַטקעס שוועסטער — איטע.

3*

ס'איז געוואָרן אָפּגערעדט, אַז מאָרגן גייט אסנע צוזאַמען מיט איטען אין דער ניי־פאַבריק אַרבעטן. נייען אַף אַ מאַשין קען זי. נאָטקע גייט מאָרגן גאַנצפרי זיך מעלדן אין מיליטער־קאָמיסאַריאַט. און ערשט דעמלט, ווען וועגן אַלץ איז געוואָרן אָפּגערעדט, האָט זיך אסנע ווידער דערמאָנט אָן ווילנע, אָן דעם טאַטן מיט דער מומען. וואָס מאַכן זיי, ווי לעבן זיי? און וואָס מאַכן די שכיינים: רעפאָעל מיט כאַנען, רייזל מיט לייבקען, כאַים מיט דווירקען, פריידל מיט בעלאָטשקען? זי בענקט. זי וויל זיי זען.

7.

קיין אַנדער מעסער
שאַרף איך ניט,
קיין אַנדער מעסער
דאַרף איך ניט.

ש. דריז

מיט גרויס אומגעדולד און האַרצקלאַפּעניש האָבן רייזל און לייבקע געוואַרט אַף כאַימען און נאַטאַשען. די צײַט איז געגאַנגען, זיך געצויגן... און קיינער קומט ניט. וואָס זאָל דאָס באַטײַטן? רייזל און לייבקע גייען מאַמעש אויס. צי איז מיט זיי ניט קיין אומגליק געשען? כאַים און נאַטאַשע, וואָס זײַנען געגאַנגען צו דער „אַרבעט", ווי העלדן און די „אַרבעט" גופא העלדיש אָפּגעטאָן, זײַנען צוריק געגאַנגען, ווי מע גייט פון אַ לעוויע. זיי האָבן דעם גאַנצן צוריקוועגס געשוויגן. און שווײַגנדיק איז יעדער פון זיי צו זיך אַהיים אַוועק.

רייזל און לייבקע האָבן זיך דערוווּסט פון נאַטאַשעס מוטער, ווערא איוואַנאָווע, אַז די טאָכטער איז געקומען פון שפּאַציר אַ מידע און זיך געלייגט גלײַך אין בעט אַרײַן שלאָפן. זי האָט אפילו גענומען אַ פּראָשעק אַף אײַנצושלאָפן.

כאַים איז געגאַנגען אַהיים צו זיך מיט די לעצטע קויכעס. אַן אינוווייניקסטער ציטער איז אַרומגעלאָפן אין זײַן קערפּער. די פינגער פון די פיס זײַנען געוואָרן קאַלטע, די פינגער פון די הענט האָבן ניט געפאָלגט. און געוואָלט האָט זיך אים ביז ווייטעק נאָר איינס: וואַשן די הענט, וואַשן זיי, רײַבן זיי, אַראָפּצי׳ען פון זיי די הויט.

טראַכטן און באַטראַכטן, וואָס מיט אים איז הײַנט געשען, קאָן איצט ניט כאַים. ער לייגט עס אָפּ אַף מאָרגן. ער דערלאָזט דעריבער ניט צו זיך דעם געדאַנק, וואָס וויל זיך דורכרײַסן און אָנקומען צו זײַן באַוווּסטזײַן. ער דערלאָזט ניט, אָבער ער ווייסט, וואָס דער געדאַנק וויל אים זאָגן:

— ער, כאַימקע פון דיסנע, האָט אַ מענטשן דערהאַרגעט. כאַימקע מילגרוים? ער וואָלט עס קיינמאָל ניט געגלייבט.

צוקומענדיק נאָענט צו זײַן שטוב, טרייסלט ער פון זיך אַלץ אָפּ און קומט אַרײַן קימאַט אַ רויִקער און זיכערער, וואָס דאָס קאָסט אים אָבער אַ סאַך אָנשטרענגונג. ווי נאָר ער איז אַרײַן, האָט אים מוישעלע צאַדיק באַגעגנט אַ שטאַרק אויפגערעגטער:

— געקומען?

— געקומען.

— זאָג נאָר, סטודענט, האָסט ערגעץ ניט געזען שימעלען?

— ניין.

— פאַרפאַלן געוואָרן, אין זײַן צעפּאַטשקעטן טאַטן.

— ער וועט קומען. ער איז, דוכט זיך, פון די, וואָס ווערן ניט פאַרפאַלן.

כאַים, וואָס האָט גאָר קיינמאָל קיין כיישעק ניט געהאַט צו ריידן מיט אָט דעם מוישעלען, וויל איצט דאַפקע זיך פאַרהאַלטן, מיט אים שמועסן. ער וויל זײַן מיט עמעצן צוזאַמען, ניט זײַן אַליין, ניט אַליין...

— ער וועט קומען, — באַרויִקט אים כאַים.

— ער וועט קומען, וועט ער שוין אַליין ניט אַוועקגיין, דער הונט מיט אויערן... אין אַ לײַלעך אַרויסטראָגן... ער זאָל געדענקען!

— פאַרוואָס?

— ווײַן טרינקסטו?

— א ביסעלע...

— א ביסעלע אין א פול שיסעלע. קום. איך וועל דיך מעכאבעד זײַן. אליין טרינקט זיך ניט. און איך מוז! פארשטייסט...

בײדע זײַנען ארײַן צו מוישעלען אין צימער. כאִים האָט טײקעף באמערקט, אז דאָס טישקעסטל איז אָפן. א פלעשל ווײַן און קעלישקעס שטײען אפן טיש. מוישעלע איז צופרידן, וואָס ער איז ניט אליין. ער פארלײַדט ניט קײן אײנזאמקייט. ער גיסט אָן ווײַן, און בײדע טרינקען אויס. כאִימען ווערט ווארעמער, ער ווערט רויִקער. היינט איז דאָך דער טאָג, ווען ער האָט דערפילט זײַן קויעך. ער קען זיך אײַנשטעלן... מוישעלע ווידער באקומט כײשעק צו רײדן. ער האָט צו וועמען.

— קײנמאָל איז מײַן טישקעסטל ניט געשטאנען אָפן. זעסט... אָפן!

כאִים האָט מיט זיך אָפגעמאכט: הערן און שווײַגן.

— ביסט נאָך א קעצל, סטודענט, פארשטײסט גארניט. איך זאָג דיר, אז מײַן טישקעסטל איז קײנמאָל ניט געשטאנען אָפן... און דו שווײַגסט. פרעג: פארוואָס?

כאִימען ווערט עס טשיקאווע. ער פרעגט:

— פארוואָס?

— פארוואָס? ווײַל אָט דער גאנעוו און גאזלען שימעלע, אָט די שווארצע קאָרט, האָט מיך געקוילעט. אף טויט געקוילעט.

כאִים שווײַגט.

— פרעג: פארוואָס?

— פארוואָס?

— ער האָט מיך אָפגענארט, דער ניוועזניק. געזאָגט, אז מײַן טאָכטער איז עוואקויִרט, און זי איז גאָר פארבליבן בא די דײַטשן. מענטשן האָבן זי געזען. האָט ער, דער שימעלע, מוירע, בויטשע האָט ער, אז איך זאָל ניט אָפלײגן אף קאלט. האָט ער מיך ווידער אָפגענארט... געקוילעט...

כאִים שווײַגט.

— ביסט דאָך א דזשיקער מענטש. קענסט מיט א מענטשן ניט שמועסן. איך קאָן דאָך ניט די גאנצע צײַט אליין רײדן. איך דארף א שוטעף. רײד, פרעג...

— פארוואָס אָפגענארט? מיט וואָס געקוילעט?

— זע נאָר, אז דו ווילסט — קענסט. ער האָט דאָס מעסער ארויסגעגאנוועט פון מײַן טיש־קעסטל. פוסט געבליבן...

כאִים האָט דערפילט, אז ער דארף טײקעף עפּעס זאָגן.

— ער האָט דען ניט מיט וואָס צו שנײַדן קײן ברויט?

מוישעלע האָט זיך צעלאכט.

— אָך, קיזשיקל, קיזשיקל... ברויט? ס'איז א מעסער ניט אף ברויט שנײַדן. ס'איז א מעסער, וואָס א זעץ — און אף יענער־וועלט!

כאִים שווײַגט.

— ווידער האָסטו אָנגענומען א פול מויל מיט שווײַגעניש. גוט, לאָמיר אויסטרינקען. — זײ טרינקען. — פרעג! רײד! זײַ ניט קײן שטומער.

— שימעלע האָט דאָס מעסער ניט גענומען.

— אָט האָסטו דיר! דאָס מעסער איז אליין אוועק. אוועק אפן מארק קויפן א גאנדז אף קוילענען. ביסט נאָך א קעצל. פארשטײסט גאָרניט.

— פארוואָס?

— ווידער „פארוואָס?" פרעג ניט, רײד.

— שימעלע איז א ליגנער. דאָס איז עמעס. א בארימער. א גאנעוו און א רעצייעך. אוואדע. אלץ, וואָס אין דער קאָרט שטײט. פאר א מעסער אָבער האָט ער מוירע. ער וועט זיך צו דעם אפילע ניט צורירן.

— פונוואַנען ווייסטו?

— איך האָב אויך מוירע פאר א מעסער. איך בין ניט קײן קאצעוו, ניט קײן שויכעט.

— וועגן דיר רעדט מען ניט. שימעלע האָט גענומען. ווער דען אנדערש?

— עפּשער פארלאָרן...

— רעדסט שוין ניט, ווי קײן קעצל, נאָר ווי א מײַזל... א סטודענט זאָל אזוי רײדן. וואָס הײסט פארלירן א מעסער? די נעשאָמע קאָן מען גיכער פארלירן.

פאר כאִימען איז עס שוין גענוג. גענוג צו רײדן וועגן מעסער (צײַט אוועקגײן) און איבער־

גענוג צו ריידן מיט מוישעלען. „ער שפילט מיט מיר, ווי מיט א פילקע. איך בין דאָך ניט שימעלע". דערצו האָט ער ווײַן געטרונקען. ער שטעלט זיך אוף.

— איך גיי שלאָפן! איך כאַלעש.

— נאַ, נאַ... איך וועל ניט לאָזן. איך קאָן ניט זײַן אײנער אליין. זיץ!

אליין זײַן איז טאקע מוישעלען שטענדיק אומעטיק. הײַנטיקס מאָל אָבער פילט ער אפילע שרעק. ער איז אָן זײַן שטענדיקער שוץ, אָן זײַן מעסער. אָט אפילע דער זעלבער שימעלע איז פיזיש שטארקער פון אים. שימעלע קאָן הארגענען א מענטשן מיט פארשיידענע מ׳עסע מײַסים, ער קאָן אָבער ניט ארײַנשטעכן קיין מעסער אין יענעמס לײַב. מוישעלע קאָן עס. דערפאַר איז ער שטארקער.

— זיץ!

כאַים הערט אים ניט. מוישעלע וויל אים אָנכאַפּן פאר דער האנט און זעצן צוריק אַף זײַן אָרט. כאַימקע לאָזט ניט. און דאָס גיט שוין אין מוישעלען א ברען, זײַן קאס און רוגזע, וואָס האָט זיך געלאָזט א ביסל אײַנשטילן, איז ווידער ארויס אפן אויבערפלאַך. הער נאַר,— זאָגט ער צו זיך,— אָט דאָס גאַרנישטל, דאָס קיזשיקל פאָלגט ניט... ער וועט אים באלד לערנען דערעכערעץ, גוט אָנשרעקן, ער זאָל זיך אזש נעמען טרייסלען. און מוישעלע גיט א געשריי פול מיט בייזקײַט:

— זאָג נאַר, שפּילפויגל, צי ניט דו ביסט עס געקראָכן צו מײַן טישקעסטל?

כאַים קוקט אים אָן און שווײַגט.

— דו יאָלד אײנער, איך פרעג דיך, האָסט ניט געזען מײַן מעסער? בא מיר וועסטו ריידן! מיט בלוט וועסטו שפּײַען, צאַצע אײנער!

הײַנט ריידן אזוי מיט כאַימקען, הײַנט, ווען דאָס מעסער ליגט בא אים אין בוזעם־קעשענע. אָט דער מוישעלע אַף די דארע פיסלעך איז אים דערעסן. גענוג!

— הער אויס, מוישעלע צאַדיק, בא מיר ביסטו א ראָשע און ניט קיין צאַדיק.

— וואָס? — פאר מוישעלען איז אזוינס שטארק אומדערוואַרט. — מיט וועמען רעדסטו עס, קיזשיק, שמיגענע אײנער, צעדרייטער יאָלד, אין טאַטנס טאַטן...

— האָסט, מוישעלע, קײנמאָל ניט געזען, ווי א יונגער קיזשיק בריקעט אָן אלטע קליאַטשע? ניט געזען?

מוישעלען האָט עס אזוי אופגעבראַכט, אזוי אופגעקאָכט, אז ער האָט גאָר פארגעסן, ווו ער האלט אין דער וועלט — ער האָט א שפרונג געטאָן צום טישקעסטל און ארײַנגעשטעקט די האַנט, געזוכט...

אין דער רעגע האָט כאַימס האַנט אליין פון זיך אָנגערירט מיט צוויי פינגער די בוזעם־קעשענע. און דערבײַ רויק און שטרענג געזאָגט:

— ווי איך זע, מוישעלע, פארשטייסטו ניט קיין פּאַשעטע ווערטער, וועל איך מיט דיר ריידן, ווי אַף דער פארשיווער רעמיזע: טרעט אָפּ, קריך ניט, אז ניט, כאַפּסטו א סבענק אין שנוק ארײַן, אז דו אָביושעסט זיך!

מוישעלע איז, אומדערוואַרט פאר זיך אליין, געבליבן אָפּהענטיק, קימאַט פארלאָרן. זע נאָר א פּיסקו! ווי קומט עס? לאַכן ווילט זיך. וואָלט עמעצער געווען דערבײַ, וואָלט עס אים געשטויסן ביז בלוט זיך שלאָגן, אבי באשטיין אַף זײַנס.

דאָס מעסער איז ניט פאַראַן.

ער איז דאָ אויג־אַף־אויג מיטן גאַרנישטדיקן סטודענטל... סײַכל וועט ער אים לערנען פאר איידעס אין די אויגן.

— גוט. גיי שלאָפן.

א גאַנצע נאַכט האָבן ביידע קימאַט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. יעדער איז געווען וואַך און זיך געהיט פארן צווייטן.

כאַים איז וואַך, כאַטש פון צײַט־צו־צײַט כאַפּט ער זיך, אז ער איז אײַנגעשלאָפן. דעמלט גיט ער טייקעף א רוק די האַנט אונטערן קישן — דאָס מעסער איז פאַראַן. מער וועט ער ניט אײַנשלאָפן, מע טאָר ניט. אָבער די מידקײַט און דער ווײַן טוען זיך זייערס, זיי ציִען אים ארײַן אין דרעמל. און ווידער כאַפּט ער זיך אוף, ווי עמעצער וואָלט אים א שטויס געטאָן. ער טרײַבט פון זיך די מידקײַט. ער וויל עפּעס טראַכטן, ער וויל זיך קלאָר מאַכן אזוינס, וואָס אפילע אין שלאָף קומט עס שוין צו אים.

כאַים פילט, אז די הענט זײַנע זײַנען ניט ענלעך אַף זײַנע הענט פון נעכטן. ער אליין איז געוואָרן אַן אנדערער — שוין ניט כאַים מילגרוים פון דיסנע מיט יאַנקעווו־אָווינוס כומעש־הענט. קעדיי באַווײַזן דעם טאַטן יִיצכאָק שטאַרקע הענט פון זײַן ברודער אייסעוו, האָט

ער זיי געדאַרפט אַרומוויקלען מיט פעל פון אַ ציגעלע. כאַים דערזעט פאַר זײַנע אויגן די שורע אין כומעש: „הקול קול יעקב, והידים ידי עשו". דאָס קאָל איז יאַנקעווס, און די הענט — אייסעווס. הײַנט האָט ער אַנדערע הענט, זיי קענען זיך קעגנשטעלן און נעקאָמע נעמען.

דאָס מעסער, וואָס איז בײַ זײַן טאַטע־מאַמע און בײַ אַלע זייערע שכיינים געווען אַ קליי־זײַען אַף שנײַדן ברויט און שאָבן פיש, איז איצט געוואָרן אַ קלייזײַען פון שוץ און זיכערקײַט. און ווי וואָלט טאַקע זײַן, ווען מע קריגט דעם רעוואָלווער, וואָס לייבקע האָט געבעטן? ניט איינעם, נאָר אַ סאַך.

אין כאַימס לײַב גייט דורך אַ שטראָם וואַרעמקײַט. ער דערפילט מיטן גאַנצן קערפּער, אַז ווען אַט דער געדאַנק זאָל ווערן אַווירקלעכקײַט, וואָלט זיך אַלץ געענדערט. פון דער גוטער אופרעגונג זעצט ער זיך אוף. ניין, הײַנט וועט ער שוין מער ניט שלאָפן. אַ רעוואָלווער, אַ ביקס... ווו נעמט מען?

ער גיט אַ טאַפּ דאָס מעסער אונטערן קישן. לייגט זיך ווידער. דעקט זיך אײַן. ערשט איצט באַמערקט ער, אַז עס טאָגט.

אינדערפרי איז מיט אַ טומל אַרײַנגעקומען שימעלע, ער האָט געפירט פאַר דער האַנט אַליען.

— אַט איז דײַן טאַכטער. נעם זי!

ער האָט אַפילע מוישעלען ניט געלאָזט קומען צו־זיך און גלײַך צוגעגעבן:

— די געטאָ איז גרייט. הײַנט אָדער מאָרגן, עפּשער איבערמאָרגן וועט מען ווילנער ייִדן טרײַבן אין געטאָ.

8.

וואָס איז דאָס מאָרגן — אַזאַ צײַט און אָרט,
ווו דו ביסט קיינמאָל ניט געווען נאָך דאָרט?

ש. האלקין

דערהערנדיק די נײַס, וואָס שימעלע האָט געבראַכט, איז כאַים אַראָפּגעשפּרונגען פון זײַן געלעגער. ער האָט זיך לאַנג געוואַשן מיט קאַלטער וואַסער, פון דער שלאָפלאָזער נאַכט זאָל קיין סימען ניט פאַרבלײַבן. שימעלעס נײַס האָט אופגערעגט. עמעס, מע איז שוין צוגעוווינט צו הערן יעדן טאָג שלעכטע נײַס. איין צאָרע יאָגט אָן די צווייטע. און יעדעס מאָל איז עס שווער אַריבערצוטראָגן. וויפל איז דער שיר? דערפאַר האָט שימעלעס נײַס אינגאַנצן אַרויס־געשטויסן די מײַסע מיט מיקאָלען. ניט געווען גאָר אַזוינס, און אויב געווען — איז ניט פאַראַן וואָס צו דערמאָנען. אַ געוויינלעכע זאַך, אַ צופאַל, וואָס מע דאַרף שנעלער פאַרגעסן.

רייזל און לייבקע וואַרטן אַף אים מיט אומגעדולד. נאַטאַשע איז צו זיי אַרײַן. וואַרטן זיי אַף אים זאַלבעדריט. זיי לעבן נאָך מיטן נעכטן (מיקאָלע), כאַים איז שוין פאַרנומען מיטן מאָרגן — מיט דער געטאָ.

דער אָנהייב־האַרבסטיקער אינדערפרי איז אַ רויִקער און שטילער. די זון שײַנט שוין אַרײַן אין אַלע פענצטער. כאַים באַמערקט גאָרניט דעם שיינעם אינדערפרי, ער אײַלט זיך אָנצוזאָגן די נײַס, וואָס ער האָט געהערט פון שימעלען. ווי נאָר ער האָט געעפנט די טיר און אַרײַנגעשטעלט אַ פוס צו די קאָרנבלאַטס אין שטוב, אַזוי זײַנען אַלע דרײַ — רייזל, נאַטאַשע און לייבקע — אים געלאָפן אנטקעגן, אים אַרומגענומען און געקושט. דערנאָך האָבן זיי מיט גרויס נײַגעריקײַט אים אָנגעקוקט און באַטראַכט פון אַלע זײַטן, ווי ער וואָלט עפּעס גאָרניט געווען דער פריִערדיקער כאַים.

— כאַימקע, — האָט רייזל געבעטן, האַלטנדיק אים פאַר דער האַנט, — כאַימקע, כאָטש עט־לעכע ווערטער זאָג... — דאָס האָט זי געבעטן דערציילן וועגן מיקאָלען.

— די געטאָ איז פאַרטיק. מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט מען די ייִדן טרײַבן אין געטאָ, — איז געווען כאַימס ענטפער.

די סימכע און פרייד פון די דרײַען, וואָס האָט נאָרוואָס דערמאָנט די קימאַט פאַרמילכאָמע־צײַט, איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן. זיי זײַנען געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. בײַ

רייזלען האָט זיך אין די שיינע אויגן ווידער באוויזן די שרעק. בא לייבקען און נאטאשען — דער אומרו.

אין גרויסן צימער פון רעפאַעל קאַרנבלאַטס געוועזענער פריילעכער שטוב איז פון אלע ווינקלען ארויסגעקראָכן א געמיש פון טרויער און שרעק, עס האָט זיך ווידער באוויזן די זאָרג פארן אומבאוווּסטן, וואָס איז דאָ אָף עטלעכע שאָ אָפּגעטראָטן און געשוויגן. דער אומגליק, וואָס איז געווען אויסבאהאלטן הינטער די גארדינען פון די זוניקע פענצטער, איז אריַין אינמיטן צימער און זיך צעשפרייט ביז די ווענט. אלע דריַי זיַינען געשטאנען הילפלאָז און מיד, זיי האָבן זיך דערפילט, ווי זיי וואָלטן אין א גרויסן פראָסט זיך געפונען אינמיטן פעלד, ווען ארום און ארום טראָגט און יאָגט און דרייט א שניַידנדיקער זאווי, וואָס לאָזט דעם אָטעם ניט איבערכאפּן.

— געטאָ!

ס'איז סיַי שלעכט, סיַי בלינד. וויאזוי וועט עס זיַין? און ווי וועט מען לעבן? באוווּסט איז נאָר איינס: דער אומגליק שטייט הינטער דער טיר. ווי גרויס איז ער?

— געטאָ?

דער ערשטער איז צו־זיך געקומען לייבקע. און דעמלט האָט כאַזמקע דערציילט, וואָס ער האָט געהערט פון שימעלע דריידל. ער האָט שוין אויך דערציילט וועגן מוישעלעס טאָכטער — אַליע. און אפילע אויסגעמאָלט זיַין נעכטיקע באגעגעניש מיט מוישעלע צאדיק. דאָס האָט א ביסעלע בארויִקט, און דאָס האָט אויך געגעבן די מעגלעכקיַיט צו באטראכטן, וואָס די געטאָ קאָן מיט זיך פאָרשטעלן. זיי זיַינען שוין ניט געשטאנען, נאָר געזעסן אין א ווינקל, עס זאָל זיַין געמיטלעכער. געזעסן, ווער אָף א שטול, ווער אָף א טאבורעט ארום א קליין טישל. די פיר ארום טישל, וואָס זיַינען צווישן זיך איצט שטארק פארבונדן, זיַינען לויט זייערע האסאָ־געס פיר באזונדערע וועלטן.

רייזלס גוטסקיַיט און ווייכהארציקייט קאָן גאָר ניט באנעמען, צוליב וואָס האָבן מענטשן אויסגעטראכט מילכאָמע? פארוואָס דיַיטשישע היטלעריסטן קוילענען יידן? זי דארף א שטילע און רויִקע וועלט, ווו מע זאָל אָנזען איר שיינקיַיט, ווו מע זאָל קענען האנאָע האָבן פונעם לעבן, ליב האָבן עלטערן און אכטן עלטערע. זי קאָן ניט פארליַידן ניט נאָר, ווען איר אליין טוט וויי א פינגער, נאָר ווען א נאָענטן, א באקאנטן, אן אומבאקאנטן טוט עפּעס וויי. בא איר איז דאָס געפיל שטארקער פונעם געדאנק. זי האָט מוירע פאר ענדערונגען. זי האָט ליב קינדער, און קינדער האָבן זי ליב. זי וויל הערן גוטע נײַס און פארליַידט ניט קיין שלעכטע. זי וויל גלייבן אין גוטע מענטשן, זי בייטיקט זיך אין אן אָנשפאר. דערביַי ווייסט זי, אז זי איז א קנאפער מייוון אין געזעלשאפטלעכע פראגן. זי לייקנט עס ניט און נעמט זיך פון דעם ניט צום הארצן. און דאָ איז אָנגעקומען אזא ציַיט, ווען אלץ גייט מיטן קאָפּ אראָפּ. קיינער איז גאָרניט ווערט. קיין זאך איז ניט טיַיער. ניין, ניט פאר דער שיינער און גוטער רייזל איז צו־געפאסט אזא ציַיט.

געטאָ?

פון דעם געדאנק אליין ציטערט זי אוף. וואָס וועט עס זיַין?

קאָלזמאן זי איז בא זיך אין דער שטוב, ווו זי איז געבאָרן און אויסגעוואָקסן, ווילט זיך איר גלייבן, אז דער טאטע מיט דער מאמען, פריידל מיט בעלאָטשקען לעבן און וועלן אהיימ־קומען. גייט זי אָבער פונדאנען אוועק, רײַסט זי זיך אָפּ פון איר וואָרצל, פארלירט זי די האָפענונג צו זען אירע עלטערן.

זי זיצט באם קליינעם טישל און איז גרייט צו הערן, וואָס אנדערע וועלן זאָגן. זי אליין וועט שוויַיגן. וואָס קאָן זי זאָגן?

נאטאשע אידלסאָן איז גאָר אן אנדערע.

נאטאשעס שיינקיַיט איז ניט קיין רויִקע, ניט קיין שטילע. איר אויסערלעכקיַיט איז א דרייסטע, איר בליק א ליכטיקער, וואָס קאָן באפעלן און קאָן אויסלאכן. זי פילט זיך גוט צווישן מענטשן, אין ראש און באוועגונג. זי האָט ליב שווימען אין טײַך און זיך טוקן אונטערן וואַ־סער. זי וויל דערביַי זיַין די ערשטע. מיט כאוועריִם און כאווערטעס איז זי ניט איין מאָל געגאנגען אין וויַיטע שפּאצירן, געוועזן די אָנפירערן. און כאָטש איצט איז זי געבונדן מיט יידן און קאָן אפילע לויט די דיַיטשן פארעכנט ווערן פאר א ייִדישקע, האָט זי אין איר לעבן קיינמאָל ניט געהאט דעם געפיל פון זיַין אין עמעצנס אויגן א בײַשפּיל פון שלעכטס, פון פארעכנט ווערן צו א נאציע, וואָס איז לויט דער פאָרשטעלונג פון די מאכטהאָבער א מינדער־ווערטיקע.

מיט ייִנגלעך איז זי אַ גלײַכע און אָפּטער העכער פֿון זיי. זי האָט אירע אייגענע מיינונגען און קען זיי פֿאַרטיידיקן. אויך איצט באַם קײַלעכדיקן טיש וועט זי אַרויסזאָגן אירס, אָבער ניט די ערשטע. זי פֿאַרשטייט גוט, אַז ניט אַלץ באַנעמט זי נאָך אין די „ייִדישע" פֿראַגן. זי וויל אָבער וויסן:

— כאַיִמקאַ, דערקלער מיר, ייִדן זײַנען פֿריִער אין קיין געטאָס ניט געווען?

מיסטאַמע האָט זי שוין וועגן דעם עפּעס געהערט. זי פֿרעגט באַ כאַיִמען, ווײַל זי ווייסט, אַז ער פֿאַרשטייט אין ייִדישער געשיכטע מער פֿון לייבקען. און דערצו האָט זי מיט כאַיִמען אַ שוטפֿעס — די נעכטיקע אַרבעט. ס'איז אָבער צו באַוווּנדערן, ווי גיך דער נעכטן איז אָפּגעטראָטן, ווי דער הײַנט האָט אים אַרויסגעשטויסן. די צײַט איז אַ בערייִע צו פֿאַרשטעלן איין שויב מיט דער צווייטער.

— געווען.

— דערצייל.

לייבקע און רייזל ווילן אויך וועגן דעם הערן. כאַיִם דערציילט, וואָס ער האָט געלייענט און ווייסט: אין פֿאַרשיידענע לענדער, אין פֿאַרשיידענע צײַטן האָבן זיך ייִדן געפֿונען פֿאַרשטיקט אין געטאָס. אָבער דאָך אַנדערע, ווי באַ היטלערן. אַן אַנדער צײַט און אַנדערע באַדינגונגען. געווען זײַנען זיי אין איטאַליע, דײַטשלאַנד, שפּאַניע, פּאָרטוגאַליע, פּוילן אאַ. ווי עס איז באַשריבן אין ביכער, האָבן די געטאָס אין פֿאַרשיידענע לענדער געטראָגן אַנדערע נעמען. אין איטאַליע — געטאָ. אין דײַטשלאַנד — סײַ געטאָ, סײַ יודנגאַס, אין פּוילן — אוליצאַ זשידאָווסקאַ... באַ אונדז אין ווילנע איז די געטאָ געווען די ייִדישע גאַס.

אין גרעסטן טייל זײַנען די געטאָס געווען אַרומגעצאַמט מיט ווענט, מיט מויערן. די ייִדן זאָלן ניט לעבן צוזאַמען מיט די פּריווילעגירטע, מיט מענטשן פֿון אַנדערע גלויבנס. (אַפֿילע גיין צוזאַמען אין איין באָד האָט מען ניט געטאָרט.) דאָס האָט אָבער אין דער זעלבער צײַט אָפּגעהיט פֿון אָנפֿאַלן אויף ייִדן.

אין אַ בוך האָט ער געלייענט, — זעצט פֿאָר כאַיִם, — אַז אין אייניקע ערטער פֿלעגט מען צו די קריסטלעכע כאַגעס האַלטן אַ גאַנצן טאָג פֿאַרשלאָסן די טויערן פֿון געטאָ, קעדיי די אָרטיקע באַפֿעלקערונג זאָל ניט באַפֿאַלן די ייִדן. פֿאַרשליסן די טויערן פֿלעגן די שטאָט־וועכטער פֿון אויסן.

געווען פֿאַלן, ווען ייִדן האָבן אַליין געוואָלט זײַן אָפּגעזונדערט. אין גרעסטן טייל האָט מען זיי געניייט צו דעם. אָבער מיט דער צײַט האָבן זיי שוין אַליין געוואָלט וווינען אין געטאָ. דאָ זײַנען זיי געווען מער באַשיצט. דאָ זײַנען געווען די ייִדישע אַנשטאַלטן, ווי די שול, ישיוועס, טאַלמוד־טוירע, שעכט־הויז אאַ. אין דער געטאָ האָט מען געהאַט אַן אילוזיע פֿון אייגנס, פֿון זײַן באַ זיך, פֿון האָבן אַ שאַכן, וואָס וועט דיך ניט זידלען, ניט אָנרייצן קיין הונט, ניט טשעפּען דײַן באָרד און דײַנע פּייעס. דאָ האָט מען זיך ניט געפֿילט איינזאַם, צוואָרפֿן אין באַזונדערע ערטער. דאָ איז געווען גילטיק דער רוסישער אויסדרוק „טשוווסטוואָ לאָקטיאַ". דאָ האָט מען פֿרײַ שפּאַצירט, געפּראַוועט כאַסענעס מיט מוזיק און טענץ. ס'איז קימאַט געווען אַ שטיקל אייגענע מעלוכע. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָ זײַנען אויך געווען אָרעמע און רײַכע. גאַבאָיִם, רעדלפֿירער און פּראָסטע באַלמעלאָכעס. ווי אַלעמאָל און ווי אומעטום.

די טויערן פֿלעגן די שטאָט־וועכטער פֿאַרמאַכן צו אַ באַשטימטער צײַט. האָט עמעצער פֿאַרשפּעטיקט — האָט ער געצאָלט שטראָף אָדער באַקומען שמיץ. דאָס איז געווען אַמאָל. טאַקע אַ געטאָ... טאַקע דערנידעריקט... אָבער דאָך... צום לעבן.

וואָס וועט איצט זײַן?

אַ געטאָ — אויף אומקום, אויף אומברענגען. היטלער דאַרף די ייִדן האָבן אונטער דער האַנט אויף איין אָרט, קעדיי זיי קענען לײַכטער פֿאַרניכטן, פֿאַרדאַרבן.

ווען כאַיִם האָט געענדיקט רײדן, האָבן אַלע דרײַ געשוויגן, ווי זיי וואָלטן וואַרטן, אַז ער וועט נאָך עפּעס זאָגן. אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען אַ נײַס פֿאַר נאַטאַשען, פֿאַר לייבקען און אויך פֿאַר רייזלען. רייזלען איז אין שטוב און אין שול אויסגעקומען צו הערן וועגן אַזוינס, וואָס כאַיִם האָט דערציילט, אָבער עס איז פֿאַרבײַגעגאַנגען און קיין סימנען ניט געלאָזט.

סײַ אין שטוב, סײַ אין דער שול אַפֿילע האָט מען וועגן רייזלען געטראַכט: פֿאַר איר איז געגנוג, וואָס זי איז אַ שיינע. ס'וועט קלעקן פֿון־אירטוועגן...

אויסהערנדיק כאַיִמס דערציילונג, טראַכט זי: ער איז אַ קלוגער... דער טײַערער צעדרייטער. דאָס, וואָס לייבקע ווייסט ניט די געשיכטע פֿון זײַן פֿאָלק, האָט נאַטאַשען ניט נאָר געוווּנדערט, נאָר פּאַשעט פֿאַרדראָסן. זי קען אַזוינס ניט פֿאַרשטיין. דערבײַ דערמאָנט זי זיך,

אז די עטלעכע ייִדישע מיידלעך, מיט וועלכע איר איז אויסגעקומען צו זײַן באקאנט, האָבן זיך געוואָלט דערווײַטערן פון ייִדן, ניט זײַן אף זיי ענלעך. דעמלט האָט עס איר אויסגעזען נאָר־מאל. אָבער איצט... איצט איז איר עס פרעמד.

כאיִם שווײַגט, ער זאָגט מער גאָרניט.

— דו קענסט זיך גאָרניט פאָרשטעלן, כאיִם, וועלכע געדאנקען דו האָסט ארויסגערופן בא מיר מיט דײַן דערציילן וועגן געטאָ, — האָט זיך אָפגערופן לייבקע.

— וועלכע? — פרעגט נאטאשע מיט פארדראָס. דער פארדראָס שטאמט פון דעם, וואָס לייבקע האָט זיך אפילע ניט אינטערעסירט קיינמאָל מיט זײַן געשיכטע.

לייבקע פארשטייט עס. זי האָט אים איינמאָל געגעבן וועגן דעם גוט אָנצוהערעניש. לויט נאטאשען וואָלט לייבקע איצט געדארפט נעמען גיין אין כיידער. זי אליין — געוויס.

— נאטאשע טײַערע, — זאָגט לייבקע, — כאיִם ווייסט מער פון מיר. גאנץ פארשטענדלעך. אָבער יִכעס האָב איך אויך... דער גער־צעדעק...

— ווער, ווער? — האָט געפרעגט נאטאשע און א קוק געטאָן אף כאיִמען, ווי זי וואָלט לייבקען ניט אינגאנצן געגלייבט.

כאיִם האָט עטלעכע מאָל צוגעשאָקלט מיטן קאָפ — ער באשטעטיקט.

— דערצייל, לייבקע...

— שפעטער. פריִער וועגן געטאָ. — און לייבקע זאָגט: אָט זיי, אלע פיר, ווילן ניט, אז מע זאָל זיי טרעטן מיט די פיס, אומברענגען. זיי ווילן זיך שטעלן קעגן, שלאָגן דעם אָקופאנט. וויאזוי, מיט וואָס? און אָט... הערנדיק כאיִמען, איז אים אופגעקומען דער געדאנק, אז דאפקע אין געטאָ, ווו מע וועט זײַן צוזאמען, ווו מע וועט ניט מוירע האָבן פאר א שאָכן, ווו עס וועט זײַן טשוווסטוואָ לאָקטיא, וועט גיכער אופקומען די קאָלעקטיווע אכרײַעס, דאָרט קאָן געשאפן ווערן א קאמפס־גרופע. מיר כאָלעמט זיך, מיר דוכט זיך, אז פון דאָרט וועט זיך אָנהייבן...

צי באנעמען עס אלע? זיי ווילן אָבער גלייבן. כאיִמען איז עס געפעלן. ער וואָרנט נאָר: מע זאָל זיך, ווי ער דריקט זיך אויס, ניט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם, אין געטאָ וועלן אויך זײַן אזוינע, ווי מוישעלע און שימעלע.

— פארעטער וועלן זיך שטענדיק געפינען, — זאָגט נאטאשע. — נו, איז וואָס? — און בא איר רײַסט זיך ארויס קעגן איר ווילן: — איך מיט כאיִמען האָבן קעגן דעם א מיטל.

זי האָט זיך אליין פארוווּנדערט. זי האָט עס דאָך אין זינען ניט געהאט.

נאטאשע קוקט אלעמען אָן. און אלע באגיטיקן: גערעכט. שפעטער א ביסל בעט זי לייבקען דערציילן וועגן זײַן יִכעס. לייבקע דערציילט, וואָס ער האָט געהערט פון זײַן זיידן. נאטאשע זיצט מיט ביידע הענט ארומגענומען דאָס פאָנעם און הערט זייער אופמערקזאם. זי לעבט אלץ איבער. אָט ווונדערט זי זיך: גראף פאָטאָצקי? באלד ווערט זי איבערראשט: א ייִד! און מיט גרויס מיטגעפיל גיט זי א זאָג: מאָלאָדיעץ! מע פארברענט אים אפן שײַטערהויפן. זי כאפט ארום מיט איין האנט די צווייטע, דריקט פעסט, זי זאָל שווײַגן. און דערנאָך גיט זי א געשריי: א העלד!

— מעגעסט זיך גרויסן, ליאָווע, מיט דײַן עלטער־עלטערזיידן, וואָס האָט זײַן אש באערדיקט. א ביימל אויסגעוואקסן? אף זײַן קייווער? אָך, ווי די נאטור קאָן רעאגירן... מאמעש א לעגענדע.

דערנאָך דערוויסט זי זיך: א סאך צענדליקער יאָרן איז דאָס ביימל געוואקסן. און מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן עס פאסקודניאקעס אומגעבראכט.

— אומגעבראכט? — בא נאטאשען האָבן זיך אזש טרערן באוויזן. — גאזלאָנים! מערדער!

נאטאשעס מאמע, ווערא איוואנאָוונא, איז ארײַנגעקומען. זי וויל זײַן צווישן היימישע, ניט זײַן אליין, ניט זײַן עלנט. זי וויל וויסן נײַס, צי וועט זײַן א געטאָ? און צי דארף זי מיט אירע קינדער גיין אין געטאָ? זי ווייסט ניט. זי וויל אן אייצע.

שפעטער קומט אויך ארײַן איר זון, אנדריי אידעלסאָן. ווי שטענדיק — שווײַגט ער. אינ־ווייניק אין אים ענדערט זיך אלץ מער און מער. ער קאָן ניט פארגעסן דעם טאטן. דאפקע איצט, נאָכן טאטנס אומקום, דערזעט ער אין אים פיל גוטע מידעס, גוטסקײַט צו מענטשן. אים איז שווער זיך צוגעוווינען צו דעם איצטיקן צושטאנד, ווען טאטעס, מאמעס, קינדער קומען אום און ס'איז אפילע קיין פאסיקע שאָ ניט פאראן זיי צו באקלאָגן. די צײַט שלאָגט דעם מענטשן מיט אלץ נײַע אומגליקן, לאָזט זיך אים ניט ארומקוקן, קומען צו־זיך. עס האָט זיך אויך ארויסגעוויזן, אז ניט נאָר נאטאשען מײַדן אויס די כאווערטעס, נאָר אויך אים מײַדן אויס די כאוויירים. אמאָל איז עס בעסער, ער קאָן זײַן מיט זיך אליין. אָבער ווען בא אנדרייען קומט אוף דער געדאנק, אז מע טאָר ניט זיצן מיט פארלייגטע הענט און שווײַגן, דעמלט קאָן ער ניט זײַן איינער אליין, עס ציט צו מענטשן.

9.

ווי א גרעזל פון אונטער א שטיין.

קיינמאַל האָט מוישעלען אזוי ניט פאַרדראָסן, וואָס ער איז א ייִד, ווי אין דער שאָ, ווען ער האָט ווידער דערזען זײַן טאָכטער אַליע. און קיינמאָל האָט מוישעלען אזוי ניט באַנק געטאָן, וואָס ער איז א טאַטע פון א טאָכטער, פון א שיינער טאָכטער, ווי אין דער דאָזיקער שאָ. ער אליין, מוישעלע, וועט זיך געפינען זײַן אָרט אפילע אין דער געטאָ. אָבער אַליע? זי וועט אומקומען. פאַרוואָס איז בא אים א טאָכטער א ייִדישע? מיט וואָס איז ער אליין א ייִד? און אָף וואָס דאַרף ער אין אזא צײַט א שיינע טאָכטער? פאַר וועמען האָט ער זי אויסגעהאָדעוועט... צו ווען וועט זי אָנקומען?

אַליע שטייט פאַר אים אָן דער פריִערדיקער שעמעוודיקײַט און באַשיידנקײַט, שוין ניט קיין יונגיטשקע — א יונגע. דער טאַטע באַקוקט זי, באַטראַכט זי, און לויט זײַן האַסאַגע איז אים ניט שווער זיך אָנצושטויסן, אז די „שאָ, וואָס וועט קומען", פאַר וועלכער ער האָט אזוי מוירע געהאַט, — איז שוין געקומען. זי איז א דערוואַקסענע, זי טראָגט טופּל אָף הויכע קנאַפּל. אין מוישעלען ברענט.

ער קוקט זי אָן, ער קאָן אָבער מיט איר ניט ריידן און קאָן בא איר גאָרניט פרעגן. ער פאַרשטייט אַלץ אליין, ער איז א מייוון. זי איז אין זײַנע אויגן מער ניט קיין ריינע, אָן אומריינע איז זי. אין וועמענס הענט איז זי געווען? דאָס האַרגעט אוועק זײַן ליבע צו איר. זי ווערט פאַרמיִעסט אין זײַנע אויגן. אזא קאָן ער מיט די אייגענע הענט דערשטיקן. זײַן אַליע, זײַן אַליע...

„זײַן אַליע", זײַן טאָכטער, וואָס איז אויסערלעך געראָטן אין דער מאַמען, האָט אָבער געיאַרשנט כאַראַקטער אויך פון טאַטן. געיאַרשנט ניט אָף קוילענען עמעצן, ניט אָף טאָן מענטשן שלעכטס, נאָר אָף קאָנען פאַר זיך אליין באַשטיין. זי קאָן אַרײַנזאָגן א מענטשן, וואָס זי מיינט, סײַ ווען זי האָט פײַנט, סײַ ווען זי האָט ליב. אָט שטייט פאַר איר דער טאַטע א צעטראָגענער און באַרויִגעזער. ער קוקט זי אָן און שווײַגט, קאָן ניט געפינען קיין פּאַסיק וואָרט צו איר קומען. ער איז גאָר אומצופרידן, וואָס זי איז צו אים אין שטוב אַרײַן.

זאָגט די טאָכטער צום טאַטן:

— איך האָב גאָרניט געוווסט, אז מע רופט דיך צאַדיק.

— צאַדיק? וואָס ווילסטו מיט דעם זאָגן?

— איך וויל, אז דו זאָלסט ניט שווײַגן. איך בין פון דיר אוועק א מיידעלע און געקומען א דערוואַקסענע. אויב בא דיר איז ענג — קאָן איך אוועקגיין.

— צו ווען אוועקגיין? — אָט דער „צו ווען" שמעקט מיט בלוט. „צו ווען" הייסט, ווער איז דער יענער, וואָס האָט זײַן טאָכטער קאַליע געמאַכט. — ווער איז ער? צו וועמען? — און די אויגן ברענען, שפּריצן מיט פײַער.

— צו דער מומען. צו דער מאַמעס שוועסטער, ווו איך בין געווען ביז איצט.

— צו דער מומען? — ער האָט גלײַך דערפילט א פאַרלײַכטערונג. פונעם גרויסן פראָסט, וואָס האָט נאָרוואָס די שטוב אַרומגעכאַפּט, איז געוואָרן אָן אָדליגע. און די רויזע, די רעציכע, וואָס האָט אין אים אזוי געיוכעט, איז אָפּגעטראָטן. — בא דער מומען? דאָס איז גוט, אַלינקע. אָבער באַלד ווערט ער ווידער אומרויִק.

— זאָג מיר, טאָכטערקע, ביסט א גרויסע געוואָרן, ביסט נאָך ניט קיין קאַליע?

— דו פאַרגעסט, טאַטע, אז איך בין דײַנע א טאָכטער. איך פאַרשטיי דאָך... דו פרעגסט וועגן קאַליע, אָבער וויסן ווילסטו, צי בין איך שוין עמעצנס ניט קיין פרוי? ניין, טאַטע. א דערוואַקסענע, א גרויסע בין איך געוואָרן, ווײַל די מאַמע איז אומגעקומען. דעם פעטער האָט מען אוועקגעפירט אָף פאָנאַר. און דינעלען דער מומעס האָט מען פאַר אירע אויגן דערהאַרגעט... בין איך א גרויסע. כאַלע וואַקסט אָף הייוון, מענטשן — אָף צאָרעס.

— איך דערקען דײַן מאַמעלעס רייד. דאָס האָט זי דיך געלערנט. איך פאַרשטיי. אָף מיר האָט זי דאָס שוואַרצע גרעט געהאַנגען.

— ניין, די מאַמע האָט א וואָרט ניט געזאָגט. אַנדערע אָבער... אַנדערע אָבער זאָגן: מוישעלע צאַדיק העלפט דעם דײַטש.

— איך?

— דו און שימעלע.
— דײַן מאַמעלעס רייד.
— אַלע זאָגן עס.
— דײַן גליק, וואָס דו ביסט מײַן טאָכטער.
— אויב דו ווילסט ווּיסן... אַ קנאַפּער גליק! איך גיי צו דער מומען.
— שווײַג! פיר מיך ניט אַרויס פון געדולד.
— וואָס וועט זײַן? ווּעסט מיך שטעכן מיט דײַן מעסער? וועגן דיר און שימעלען ווייסט מען אַלץ. אַלע פאַרשילטן אײַך, אײַך און אײַערע קינדער.
— אַלץ גלייבסטו. מע רעדט אָן. דײַן מאַמעלע...
— מײַן מאַמע איז געווען אַ גוטע. איינס קאָן איך איר ניט מוחל זײַן. פאַרוואָס דו ביסט מײַן טאַטע. איך גיי אַוועק.
און איידער מוישעלע באַווײַזט זיך אַ ריר טאָן, לויפט זי שנעל פון שטוב אַרויס. קיינער איז איר ניט נאָכגעלאָפן. פאַר מוישעלען איז זי אַ פרעמדע. ניט זײַן טאָכטער. זײַן אַליע וואָלט זיך מיט אים אַזוי ניט אופגעפירט. אַ נײַס — מע רעדט אױף אים. אַ גאַנץ לעבן רעדט מען, ער שפּײַט זיך אויס. אַ גאַנץ לעבן שילט מען, ער לאַכט זיך אויס. אָבער זײַן טאָכטער זאָל עס וויסן, זײַן טאָכטער זאָל מען שילטן...
— שימעלע, ווּ איז דאָס מעסער?
און שימעלע פאַרשטייט זייער גוט — אין אַלץ וועט ער זײַן שולדיק.
מוישעלע אָבער ווייסט אַליין ניט, וואָס ער וויל. ער האָט זײַן טאָכטער ליב און האָט זי פײַנט. ער וויל זי זען און קאָן זי ניט אָנקוקן.
— מעסער? — פרעגט שימעלע, וועלכער פאַרשטייט טאַקע אינדערעמעסן גאָרניט, וועגן וואָס מע פרעגט אים.
— דו זעסט... דאָס טישקעסטל איז אָפן. ניטאָ דאָס מעסער.
— ניטאָ?
און איידער מוישעלע באַווײַזט נאָך עפּעס צו זאָגן, עפנט זיך די דרויסן־טיר און עס קומען אַרײַן אַליע מיט כאַוּמען.
מוישעלע קוקט אָן שימעלען. און שימעלע ווידער קוקט אָן מוישעלען. ביידע פאַרשטייען גאָרניט. וואָס קומט דאָ פאָר?

•

זינט די מאַמע מיטן פעטער זײַנען אומגעקומען, זינט דינעלען האָט מען אומגעבראַכט, האָט זיך אַליע דערפילט זייער עלנט. באַ שכיינים איז שלעכט, באַ באַקאַנטע — ביטער. אומע־טום איז אומגליק. וועגן טאָטן אירן רעדט מען אַזוינס, כאָטש פאַרשטאָפּ זיך די אויערן. איר קאָסט עס געזונט. זי איז עלנט און איינזאַם. און דאַפקע, ווען עס ווערט אױף עטלעכע טעג רוּי־קער, ווען די נאַרישע און פאַרפירערישע האָפענונג קומט אויף, דאַפקע דעמאָלט ווערט איר איינ־זאַמקײַט אַזוי גרויס, אַזוי דריקנדיק, אַז זי ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך.
די וועלט האַלט באַם אונטערגיין, און זי, אַליע, דאַרף ערשט אָנהייבן לעבן. זי איז געבאָרן געוואָרן אין אַ שלעכטער צײַט, אין אַ שלימאַזלדיק יאָר. איר איז ניט באַשערט צו וויסן אפילע דעם טאַם פון לעבן, די האַנאָע פון געפילן ווערן, פון ליבן, פון געפינען איר באַשערטן. און עס טרעפט באַזונדערס נאָך אַ רוּיקן טאָג, אין אַ רוּיקער נאַכט, ווען אין איר וואַקסט און רײַסט די יונגפרויישקײַט, די בלויקײַט פון הימל קוקט אַרײַן אין איר האַרץ און די ערד־זאַפט יוירט אין אירע ביינער, דערפילט זי דעמאָלט אַזוי האַרציק־אייגן אירע בריסט, וואָס קוועלן און קוועלן... זי גלעט זיי און באַרוּקט זיי. זי האָט ניט וועמען אָנצוטרויען איר געמיט. איר אייגענער מומען שעמט זי זיך עס צו זאָגן. אַ שטוב מיט טויטע.
און אויב ס׳איז צוגעקומען אַ נײַער שאָכן, דער אַדוואָקאַט סטראַגאָוויטש, זידלט ער גאָר די ייִדן. לויט אים קומט אויס, אַז אין אַלץ זײַנען זיי אַליין שולדיק.
ניט גוט אַרום און אַרום. און זי... טראַכט גאָר וועגן לעבן. וואָס זאָל זי אָבער טאָן, אַז דאָס לעבן וויל פון איר ניט אָפּטרעטן, נאָר פאַרקערט — מאָנט, רופט, פאָדערט... ביז איינמאָל דער־הערט זי, ווי צו איר רעדט אָן אומבאַוווּסטער אינווייניקסטער עמעצער, וואָס זאָגט איר אין אויער אַרײַן:
— צי געדענקסטו ניט, מיידעלע, ווי דו פלעגסט אינדערשטיל אַרויסקוקן דורך דער שפּאַ־רונע פון דער טיר, ווען דו פלעגסט נאָר דערהערן די טריט פון כאַוּמקע מילגרוים? דו האָסט דעמאָלט נאָך גאָרניט פאַרשטאַנען, אָבער געצויגן אים זען האָט דיך. איצט פאַרשטייסטו שוין, וואָס דאָס האָט באַטײַט. ער איז דיר געפעלן, עמעס?

און וויבאלד מיט איר רעדט אן אינווייניקסטער עמעצער, כאָטש אן אומבאוווסטער, קאָן זי דאָך ניט לייקענען. אגעוו, איז אַליע פון די, וואָס ווילן גאָרניט לייקענען.

— עמעס, עמעס! — ענטפערט זי.

— גייט מען אמאָל אריַין צום טאטן... און מע זעט דאָרט כאַימקען. ער איז א גוטער באַ־כער. האָסט וועגן דעם קיינמאָל ניט געטראכט?

— געטראכט.

— אויב אזוי... איז אלץ אין דיַינע הענט.

אָף מאָרגן איז זי אוועק צום טאטן. אין וועג האָט זי באגעגנט שימעלען. און ווען זי איז שפּעטער ארויס צוריק פון טאטן, איז איר אנטקעגן אָנגעקומען כאַימקע. זי איז געבליבן שטיין און אים אָנגעקוקט מיט א פּאָר ליכטיקע אויגן, וואָס דרינגען אין אים אריַין און וואָס דאַרפן ארויסרופן בא אים א שמייכל (דעמלט וועט זי מיט א שמייכל ענטפערן), נאָר זי האָט ניט אויסגעהאלטן. אלץ אין איר האָט אופגעשיַינט: איר יונגקיַיט, שטאלטנקיַיט, קלוגע סימפּאַ־טישקיַיט. נאָר דאָך... געבליבן שטיין איז זי אנטקעגן כאַימען א באַשיידן־שעמעוודיקע, וואָס קאָן א וואָרט ניט אויסריידן.

— אַליע, ביסט גאָר דאָ? ניט עוואקוּירט?

— דאָ, כאַים (און עפּשער האָט זי געזאָגט „כאַימקע". זי האָט עס פאַרהערט).

— א גרויסע געוואָרן. ווּ ביסטו געווען?

— בא דער מומען.

— און דער טאטע?

זי האָט געענטפערט שטיל, ווי מע פאַרטרויט א סאָד:

— מיַין טאטע, כאַימקע (דאָס מאָל האָט זי שוין גוט געהערט), איז ניט קיין גוטער מענטש. איך פאַרטרוי עס דיר.

— א דאנק, אַליע. נאָר וואָס שטייען מיר אָף דער גאַס?

אָף דעם האָט אַליע געוואָרט. זיי זיַינען צוזאַמען אריַין צו כאַימען אין קליינעם זיַיטיקן צימער.

בא מוישעלען האָט מען געהערט, ווי ביידע ריידן צווישן זיך און ווי פון ציַיט־צו־ציַיט לאכט אַליע הארציק און יונג. אינגיכן איז זי אוועק. כאַים איז געבליבן אליין. און ס'האָט אים ניט געוווּנדערט, נאָר אויסגעזעען, ווי א בייזער צולאָכעס, וואָס צווישן אזויפיל טויטן פּאָדערט דאָס לעבן זיַינס, וויל פון גאָרניט וויסן און קומט אוף, ווי א גרעזל פון אונטער א שטיין.

אַליע...

און צי דען נאָר אַליע?

צי האָט אַליעס יונגקיַיט, איר געלעכטער און כיין, וואָס שטראַלט ארויס פון איר מיט בלוט־וואַרעמקיַיט און גלוסטונג, אים, כאַימען, וועמענס קאָפּ עס איז פאַרנומען מיט א סאך אנדערש־קיַיטן, ניט דערמאָנט, אז ער איז אויך יונג, ניט דערוועקט דעם פאַרלאַנג אָנצונעמען אַליען פאַר דער האַנט און זאָגן:

— ביסט א שיינע.

מער וואָלט ער גאָרניט געזאָגט. אָבער זי, אַליע, וואָס לויכט זיך דורך מיט ליבשאַפט און גלוסטונג, זי וואָלט אליין דאָס איבעריקע דערזאָגט.

ער איז צופרידן, וואָס זי איז גיך אוועק. איר האָט געקלעקט קויכעס בײַצוקומען איר שוואַכקיַיט.

כאַימקע קאָן אָבער לאַנג ניט איַינשלאָפן. און אז ער שלאָפט איַין, דערזעט ער: דער אלטער דיסנער גאַלעך אין דער אָפּגעריבענער סוטאנע האַלט אים פאַר דער האַנט און זאָגט:

— דאָס האָסטו געגאַנוועט דאָס מעסער?

— איך.

— און א מענטשן דערהארגעט?

— ער איז קיין מענטש ניט געווען.

— קיין בלוט האָט דען פון אים ניט גערונען?

— אייגנטלעך, היילקער יאַבלקי, ווער ביסטו — א פּאָליציַי צי א קסיאָנדז?

— כאַימקע, וואָס רעדסטו, זעסט מיך ניט? — לאָזט זיך אויס, ס'איז דווירקע.

— דווירקעלע, טיַיערינקע... — ער כאַפּט זי ארום קושן.

— זע נאָר, מיַין טיַיערער צעדרייטער, האָסט זיך אויסגעלערנט קושן.

10.

ווי זאָל איך אָנקלאַפּן צו דיר,
אַז ס'איז ניטאָ קיין פענצטער,
ווי זאָל איך קומען צו דײַן טיר,
צו דיר, צו דיר, מײַן שענסטער?
א. גאָנטאַר

אין דעם זעלבן טאָג האָט מען אין הויז בא די פּשעבוצקיס אַף ווילנער גאַס, נעענטער צום מיצקעוויטש־פּראָספּעקט, זיך דערוווּסט צוויי נײַסן מיטאַמאָל: ערשטנס.

מיקאָלע טעלעשקאָ האָט זײַן געוועט אויסגעוווּנען — פאַר ייִדן וועט זײַן א געטאָ. צווייטנס.

מיקאָלע אַליין איז אומגעקומען. ער האָט זיך צעקריגט מיט א כאַווער, און יענער האָט אים דערשטאָכן מיט א מעסער.

ביידע נײַס זײַנען פאַרשיידן אופגענומען געוואָרן.

וועגן מיקאָלען האָט מען געטראַכט: פאָטער געוואָרן. ער האָט דאָך געקענט אַף זיי אָנ־ריידן, אַרײַנפירן אין א צאָרע. (די טאָכטער האָט א ייִדישן כאָסן, בא זיי אין שטוב פאַרטיידיקט מען ייִדן. נאָך ווינציק: געוואָלט ווערן מאַריס קאַנדידאַט דאָ רענקי). אַליין טאַדעוש האָט זיך דערפילט, ווי ער וואָלט זיך באַפרײַט פון א לעמפּערט, וואָס איז אים פון הינטן באַפאַלן און געוואָלט זיך אין אים אײַנבײַסן מיט די ציינער. איצט איז ער א פרײַער מענטש. און קעדיי זיך אין דעם צו איבערצײַגן, האָט ער גענומען באַטראַכטן זײַנע הענט. ווי זיי, די הענט זײַנע, וואָלטן אים פון דער צאָרע באַפרײַט. זײַנע געכאַליעטע הענט מיט פוכלע פינגער, פאַרוואַקסן מיט קליינע אינדזעלעך האָר און מיט א גרויסן שאַרפן נאָגל אַפן מיזיניק, האָבן אויסגעזען פריציש — וואַרעמע, איידעלע און ווייכע, מיט וואָס דער פאַן טאַדעוש באַרימט זיך זייער.

אין שטוב ווייסט מען שוין, אַז וויבאַלד דער פאָטער באַטראַכט זײַנע הענט, איז עס א סימען, אַז ער איז גוט אופגעלייגט און אַפן האַרצן איז אים לײַכט.

די פרוי זאָפיע איז צופרידן פון דעם, וואָס אָט דער מיקאָלע וועט מער ניט קומען צו זיי באַליידיקן איר טאָכטער. עמעס, ניט גוט איז, וואָס א מענטשן האָט מען דערהאַרגעט. אומבאַרענ־גען א לעבעדיק באַשעפעניש... נאָר אַז דער מאַן אירער נעמט באַטראַכטן זײַנע הענט, באַטײַט עס, אַז ער איז אויך צופרידן. דאָס געפעלט איר. ניט ווילנדיק נעמט פרוי זאָפיע באַטראַכטן אירע אייגענע הענט, וואָס פאַרמאָגן כיין־גריבעלעך אַף די פינגער און זײַנען באַפּוצט מיט ראָזן מאַניקיור. די רויִקע הענט מיט דער איידעלער הויט זײַנען שוין אָבער ניט קיין שטײַפע, האָבן גיכער אַן אויסזען פון טייג.

די יונגע מאַרי קאָן מיקאָלען ניט מויכל זײַן אַפילע נאָך זײַן אומקומען, פאַרוואָס ער האָט געריעדט וועגן וולאַדיסלאַוון, ווי וועגן א טויטן... און וואָס אָט דער וואַריאַט, דער שיקער, האָט געהאַט די האָזע צו וועלן ווערן איר כאָסן. וולאַדיסלאַוו לעבט. זי בענקט נאָך אים. זי ציט אויס איר שטײַפע ווײַס־ראָזע האַנט מיט די לאַנגע שיינע פינגער, ווי זי וואָלט, ווי אַמאָל, געוואָלט אָנכאַפּן וולאַדיסלאַוון פאַר די האָר און קושן אים אין די אויגן.

וועגן מיקאָלען פאַרגעסט מען. געוועזן און ניטאָ.

די געטאָ אָבער, פאַר וועלכער ער האָט זיך געוועט און איז גרייט געווען גיין ביז בלוט, אָבי דעם געוועט אויסגעווינען, די געטאָ איז גרייט. הײַנט־מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט מען די ייִדן אַהין פאַרטרײַבן.

דער פאַן טאַדעוש פּשעבוצקי באַציט זיך צו דעם גלײַכגילטיק. אים אַרט ניט, אויב מע וועט די ייִדן טרײַבן אין געטאָ. אים וואָלט אויך ניט געאַרט, ווען מע טרײַבט זיי ניט. ער ווינטשט זיי ניט קיין שלעכטס, אָבער גיין זיך פאַר זיי אָננעמען אָדער איבערלעבן — וועט ער ניט. און וואָס קאָן ער העלפן? פאַר אים איז גענוג צו טראַכטן וועגן זיך.

מיט דער פרוי זאָפיע איז אָבער אַנדערש. זי פאַרשטייט דעם מאַנס געדאַנקען און איך פאַרדריסט עס. עמעצער בעט אים דען זיך גיין אָננעמען? אָבער מענטשלעכקײַט? מיטגעפיל? שכיינים, באַקאַנטע... און וויפל מאָל זי האָט אים שוין דערמאָנט וועגן דעם, אַז דער דײַטש איז פוילנס סוינע — ענטפערט ער ניט, מישט זיך ניט. ער איז פאַרליבט אין זיך אַליין. טאַדעוש זעט ניט אָדער וויל ניט זען, וואָס אַרום טוט זיך. ער זעט אַפילע ניט, ווי די טאָכטער לעבט

איבער, ווי זי בענקט, ווי זי געפינט זיך קיין אָרט ניט. עך, טאַדעוש, טאַדעוש, וואָס איז מיט דיר געוואָרן? איין טאָכטער....

און בא דער טאָכטער, בא מאַרי, בײַט זיך פאַרן טאָג די שטימונג. אינדערפרי: געטאָ, רעד־ציכעס. שרעקלעך. זי לעבט עס איבער. שפּעטער ווערט זי פרייליכער, ווי זי וואָלט הײַנט דערוואַרטן א גוטע נײַס. זי שפּילט מיטן הונט, באַגיסט די וואַזאָנעס, זינגט. אַלע ווײַלע לויפט זי צו דער מוטער און פרעגט:

— דאַרפסט מיר גאָרניט זאָגן?

— זאָג מיר עפּעס, מוטער.

די מוטער פאַרשטייט ניט: די טאָכטער האָט שוין געהערט אָדער שטויסט זיך אָן, אַז זי, די מוטער, האָט געזען וולאַדיסלאַוון?

און דערנאָך גייט מאַרי אַרויס אין גאַס. פאַר דער מאַמען הייסט עס, אַז זי גייט שפּאַצירן, פאַר זיך — גייט זי צו דער דירע פון וולאַדיסלאַווס עלטערן. הײַנט ציט זי אַהין, זי גייט שנעל, זי אײַלט זיך. אָבער אַז זי קומט צו דער טיר, בלײַבט זי שטיין און ווייסט ניט וואָס ווײַטער צו טאָן. נאָך וואָס איז זי אַהער געקומען? און זי איז דאָך געוועזן אַזוי זיכער, אַז זי דאַרף, זי מוז אַהער קומען. שטיין גלאַט אַזוי בא דער טיר קאָן מען דאָך אויך ניט, גייט זי אַרײַן צו איר גע־וועזענער מיטשילערן.

— מאַרישו! — באַגעגנט זי די מיטשילערן, וואָס איר נאָמען איז, אַגעוו, מאַגדאַ. — קום אַרײַן ,טײַערע, איך האָב פאַר דיר א סורפּריז.

— א סורפּריז?

— יאָ.

— איז רייד זשע, מאַגדאַ רייד. — און פאַר זיך גיט זי א טראַכט: ניט אומזיסט האָט זי הײַנט געצויגן אהער.

מאַגדאַ נעמט אַרויס פון טישקעסטל א פאָטאָ.

— אָט דאָס ביסטו. און ווער איז דער שיינער באָכער?

מאַרי דערזעט די פאָטאָ און ציטערט אויף. דאָס האַרץ קלאַפּט, איר ווערט שווער... מיט עטלעכע טעג פאַר דעם, ווי וולאַדיסלאַוו איז צו זיי אַהיים געקומען זיך פאָרשטעלן פאַר אירע עלטערן און באַקאַנטע, האָבן זיי זיך צוזאַמען פאָטאָגראַפירט. זי האָט שוין די פאָטאָ ניט געזען. ביידע זײַנען פאַרליבטע, גליקלעכע, זייערע אויגן לויכטן און די ליפּן שמייכלען. זי אַליין, מאַרי, איז א שיינע, און וולאַדיסלאַוו איז באַזונדערס שיין. (אָן ווערטער זאָגט זי זיך: לאַדני, פּיענקני...)

מאַרין איז שווער צו ריידן. און מאַגדאַ פרעגט ווידער:

— ווער איז ער, דער שיינער באָכער?

— מײַן כאָסן.

— א שיינער. לאַדני, פּיענקני. ביסט א מאַזלדיקע, מאַרי.

און מאַרי האָט שוין נאָכדעם ניט געדענקט, ווי זי איז מיט דער פאָטאָ אַרויס פון מאַגדען, ווי זי האָט זיך אין וועג עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט קוקן אָף זיך און וולאַדיסלאַוון. אין שטוב איז זי אַרײַנגעפאַלן צו דער מוטער אין צימער.

— מאַמאַ, מילאַ, ליובאַ... ווילסט זען וולאַדיסלאַוון?

— וולאַדיסלאַוון? איך האָב אים געזען. איך בין געגאַנגען אָפן טראָטואַר, און ער, וולאַדיס־לאַוו, איז געגאַנגען אָפן ברוק.

— געזען? אָפן ברוק? א לעבעדיקן?

— אוודע א לעבעדיקן.

בא דער טאָכטער ווערן די אויגן גרויסע, איבעראַשטע, פײַכטע. די ליפּן ציטערן. זי פאַלט דער מאַמען אָפן האַלדז און צעוויינט זיך.

שפּעטער האָט פרוי זאַפּיע פאַרשטאַנען, אַז זי האָט געהאַט א טאָעס, בא איר האָט זיך עס אַרויסגעכאַפּט, און צוריק כאַפּן איז שוין געווען שפּעט. און מאַרי, נאָכדעם ווי זי האָט זיך גוט אויסגעוויינט, האָט זי געהאַלטן אין איין פרעגן בא דער מוטער: ווו האָט זי אים באַגעגנט, ווי זעט ער אויס, ווי איז ער אָנגעטאָן? און ערשט דערנאָך איז צו איר געקומען די באַרוּיקונג, און זי האָט זיך דערפילט, ווי זי וואָלט נאָך א לאַנגן בלאָנדזשען אַרויס אָפן גלײַכן וועג. זי וועט אים זוכן, זי וועט אים ראַטעווען.

צו די פּשעבוצקיס זײַנען הײַנט געקומען געסט: דער פאַן יוזעף, דער לערער פון א גימ־נאַזיע, וואָס שרײַבט לידער, און דער פאַן מיכאַל, דער אייגנטימער פון א שיינעם מאַגאַזין. אין

שטוב דאָ ווייסט מען, אַז די ביידע שאַדכענען זיך צו דער טאָכטער. ס'איז באַוווסט, אַז זיי זײַנען, ווי מע זאָגט עס, קאַנדידאַטן דאָ רענקי. א געוויסע צײַט זײַנען זיי צום פאַן טאַדעוש ניט געקומען. פרוי זאָפּיע האָט אַפילע געטראַכט, אַז זיי מײַדן אויס איר שטוב צוליב איר מאַן, ווײַל אים אַרט גאָרניט, וואָס מיט פּוילן קומט פאָר. די ביידע געסט לעבן שטאַרק איבער פאַר פּוילן.

טאַדעוש פילט זיך מיט זיי דאַפקע פרײַ און פריילעך. ער זיצט באַם טיש, האַלט, ווי זײַן שטייגער איז, די גאַנצע צײַט אין איין קײַען אין האַנאַע און ווישן מיט א טישטעכל דעם שווייס פון פּאָנעם. הײַנט איז ער גוט אופגעלייגט און קאָן ריידן פאַר און פאַר און פאַר וואַסער. די געסט גראַדע ריידן ווינציק. און אַז עמעצער פון זיי זאָגט עפּעס, פילט זיך א פּאַרזיכטיקײַט, אויס־געדערכנטקײַט פון יעדן וואָרט. ביידע געסט, וואָס ריידן אַזוי פּאַרזיכטיק מיטן פאָטער, זײַנען אָבער לײַכט אָפן וואָרט, ווען זיי ריידן מיט דער טאָכטער. מאַרי זיצט מיט אַלעמען באַם טיש. זי איז פריילעך. מיט צופרידנקײַט נעמט זי אוף די קאָמפּלימענטן, וואָס די געסט טראָגן איר צו אַזוי העפלעך און איידל.

די פרוי זאָפּיע זעט עס אַלץ, פאַרשטייט. זי קאָן אָבער ניט געפינען באַנעמען: צו וועמען זײַ־נען די געסט געקומען — צו איר מאַן אָדער צו איר טאָכטער?

אַלעמאָל, ווען אָט די צוויי קומען, נעמט זי באַטראַכטן, ווער פון זיי איז מער צוגעפּאַסט פאַר מאַרין. יעדער פון די צוויי האָט זײַנע מײַלעס. ביז איצט האָט מאַרי אָף קיינעם פון זיי קיין אכט ניט געלייגט. און דאַפקע הײַנט, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז וולאַדיסלאַוו לעבט און געפינט זיך אין ווילנע, ווען זי איז אים גרייט צו זוכן, דאַפקע הײַנט זיצט זי אַזוי רויִק און פריילעך באַם טיש, הערט אויס די קאָמפּלימענטן, ענטפערט אָף זיי מיט צופרידנקײַט.

אין דער מאַמעס אויגן זעט הײַנט אויס די טאָכטער שענער, ווי אַלעמאָל. דאָס האַרץ קוועלט בא איר אָן, זי איז גליקלעך.

נאָר אָט דערהערט פרוי זאָפּיע דעם נאָמען מיקאַלע. וואָס באַטײַט עס? טאַדעוש טוט זיך זײַנס, עסט און ווישט זיך מיט א טישטעכל די ליפּן. מאַרי כאַפּט אויך ניט גלײַך אוף, וואָס דאָס באַטײַט. צו איר דערגייט עס ניט. פרוי זאָפּיע אָבער...

און ווידער: צוזאַמען מיט עטלעכע שיין אַרויסגעזאָגטע קאָמפּלימענטן פאַר דער טאָכטער, פרעגט פאַן מיכאַל באַם פאַן פּשעבוצקי:

— מיקאַלע איז אומגעקומען?

— אַזוי דערציילט מען.

— ווער דערציילט?

— ווער דערציילט? אַלע...

— דוכט זיך, ניט קיין גרויסער שאָדן, ווי מיינט דער פאַן פּשעבוצקי?

— אוודע.

ביידע, יוזעף און מיכאַל, נעמען ווידער פאַרפירן א געשפרעך מיט דער טאָכטער. פרוי זאָפּיע איז מעכאַבעד די געסט. זיי טרינקען אויס. דער לערער זאָגט דערבײַ:

— פאַר פּוילן!

— וועל איך אויך טרינקען, — רופט זיך אָפּ מאַרי.

עס ווערט פריילעכער. אינמיטנדערינען זאָגט פאַן יוזעף:

— מיקאַלע... געדינט די דײַטשן...

און פאַן מיכאַל גיט צו:

— אַרויסגעגעבן פּוילישע מענטשן... א גוטערברודער מיט דער צײַטונג „גאַניעץ צאַ־דזענני". טפו!

באַם טיש זײַנען אַלע מאַסקים: גוט, וואָס מע האָט מיקאַלען אָפּגעראַמט פון וועג. מיט פאַררעטער דאַרף מען נאָר אַזוי טאָן. ווער אָבער איז דער העלד, דער פּוילישער פּאַטריאָט, וואָס האָט ריזיקירט און עס דורכגעפירט?

וועגן דעם ווילן וויסן די געסט. אַזוינעם דאַרף מען העלפן, מיט אים זיך פאַרבינדן. געוויס איז ער ניט איינער... אָבער וועגן דעם שווײַגן די געסט. פאַן טאַדעוש איז א פּלאַפּלער. פּאַניע זאָפּיען וואָלטן זיי אָנגעטרויט.

11.

שלאָפן אונטער איין קאָלדרע — באַטײַט נאָך
ניט צו זען איין און דעם זעלבן כאָלעם.

אין דעם זעלבן אָוונט, ערעוו געטאָ (הײַנט אָדער מאָרגן), ווען די געסט זײַנען אוועק און די פּשעבוצקיס זײַנען געבליבן אליין, איז מארי גלײַך ארײַן צו זיך אין צימער. איר ווילט זיך זײַן אליין מיט זיך. פאר די לעצטע כאָדאָשים איז זי געווען א מענטש פון שטימונגען און איבערלעבונגען, פון בענקען נאָכן נעכטן. הײַנט איז זי אַן אנדערע. הײַנט קוקט זי אין מאָרגן ארײַן. ניט נאָר בענקען, נאָר טאָן, זוכן, געפינען. פון מאָרגן אָן... און זינט זי האָט צוזאמען מיט די געסט אויסגעטרונקען „פאר פוילן", פילט זי אין זיך א זיכערקײַט, א גלויבן. זי וועט אים געפינען. און נאָך איז זי זיכער, אז סײַ פאָן יוזעף און סײַ פאָן מיכאל וועלן איר העלפן. אויך די מוטער וועט זי שטיצן. א צופרידענע פון דעם, וואָס וולאדיסלאוו איז אין ווילנע, וואָס מאָרגן וועט זי אים זוכן, וואָס גוטע מענטשן וועלן איר העלפן, לייגט זי זיך אין בעט ארײַן און מורמלט פאר זיך:

— מאָרגן, וולאדיסלאוו, מאָרגן וועלן מיר זיך עפּשער שוין זען. — און מיט וולאדיסלאוון אױף די ליפּן שלאָפט זי אײַן.

אין דעם זעלבן אָוונט, ערעוו דער געטאָ (הײַנט אָדער מאָרגן) איז יודעס, ווי שטענדיק, געקומען פון דער ארבעט א מידע. די מידקײַט פילט זי אָבער נאָר ביז דער שוועל פון איר היים. קומט זי ארײַן צו זיך און דערזעט וועלוועלען, גייט אוועק די מידקײַט, זי ווערט ייִנגער, און די שיינקײַט קערט זיך אום צו איר. אזוי איז אויך הײַנט. וועלוול איז איר ארויס אנטקעגן. זי איז צו אים צוגעלאָפן און ארומגענומען.

אלעמאָל, ווען זי קומט און דערזעט אים, האָט זי דעם געפיל, ווי זי וואָלט אים צום ערשטן מאָל דערזען און געוווּנען. ניט איין מאָל אָבער טרעפט, ווען אין וועג קומט איר אױף דער צווייפל: זי וועט קומען און אים ניט טרעפן. דער דאָזיקער געדאנק קומט צו איר צוליב זײַן שווײַגן. ער האָט זי ליב — דאָס ווייסט זי, דאָס פילט זי. נאָר מיט די ליפּן האָט ער עס קיינ־מאָל ניט געזאָגט, זײַן מויל איז פארמאכט. בא יודעסן גאנוועט זיך אמאָל ארײַן דער כשאד, אז אין זײַן שווײַגן ליגט א מעכיצע צווישן זייביידן, וואָס שטאמט פון זײַן בענקען נאָך מארי. אָבער גלייבן אין דעם וויל זי ניט. די צײַט אליין רעדט קעגן דעם.

אין דער איצטיקער שווערער און גרויזאמער צײַט איז פארן מענטשן טײַער דער מענטש פון דער נאָענט און ניט פון דער ווײַט. דער קויעך איז איצט אין זײַן צוזאמען און ניט צע־שיידט. אזויפיל מענער און פרויען זײַנען געבליבן איינזאם. און אין צאָרעס איז איינזאמקײַט א קייפל פון צאָרעס. די קלוגע יודעס ווייסט זייער גוט, אז וועלוול איז איצט ווײַט פון מארי, ווי ווײַט עס איז מיזרעך פון מײַרעוו.

נײַס ברענגט זי ניט קיין גוטע. ווי שטענדיק, גרייט זי אים ביסלעכווײַז צו, די שלעכטע נײַס זאָל ניט פאלן אומדערווארט און זאָל צו שטארק ניט ווירקן. זי שאָנעוועט אים.

די הײַנטיקע נײַס בא יודעסן איז אויך וועגן דער געטאָ. זיי טרייסטן איינער דעם אנדערן, גיבן האָפענונג. גוט, וואָס זיי זײַנען צוזאמען, וועט גרינגער זײַן די צאָרעס איבערצולעבן. ווען אָבער די קאָלדרע דעקט זיי אײַן, זיי פארמאכן די אויגן און ווילן א ווײַלע אנטלויפן פון דער ביטערערווירקלעכקײַט, כאָלעמט יעדער פאר זיך, באזונדער.

זי: עס וועט נאָך קומען א גוטע צײַט. זיי וועלן זײַן גליקלעך. און פאר די אויגן דערזעט זי רעפאָעל קאָרנבלאטס פריילעכע און ליכטיקע שטוב.

ער: די גוטע צײַט איז שוין אוועק. נאָך מארי בענקט ער ניט. ער דערמאָנט זי נאָר, ווי אַן איידעס פון זײַן יוגנט. ער דערזעט איר האנט, וואָס כאַפּט אים פאר די האָר...

אין דער קינדהײַט האָט ער אין די וויטרינעס פון געשעפטן געזען שיינע, אָבער פרעמדע זאכן. דערגרייכן זיי פאר זיך האָט ער ניט געקענט. אזוי איז אויך מיט מארי — א שיינע און א פרעמדע. ער פארשטייט עס. בא די איצטיקע באדינגונגען איז עס פּאָשעט זעלבסטפארשטענד־לעך. אים בלײַבט איבער זיך צו וווּנדערן: וויִאזוי האָט ער פריִער געקאָנט אנדערש טראכטן? ער האָט גאָר קיין ברייערע ניט אויסצוקלײַבן. און אויב די גוטע צײַט וועט קומען, דער דײַטש וועט כאַפּן די מאפּאָלע און אױף דער וועלט וועט זײַן שאָלעם — וועט ער זײַן קליגער און ווינציקער נאריש. אויב די גוטע צײַט וועט נאָר קומען... יודעס גלייבט. און ער גלייבט יודעסן. ער וויל גלייבן.

אוןביידע שלאָפן איַין מיט גוטע האָפענונגען, כאַלעמען וועגן גוטס, נאָר יעדער פאַר זיך, כאַטש אונטער איין קאָלדרע.

זיי ווילן גלייבן.

12.

— ווי קען איך שטאַרבן?.. איך בין דאָך אַן אײדעס!

ד. בערגעלסאָן

מיט יודעסן אָבער רעדט וועגן דעם וועלוול זייער ווינציק. ער רעדט זיך אויס דאָס האַרץ, ווען צו אים קומט אַרײַן דער שאָכן, דער שרײַבער דאַוויד פּרײַגאָט.

דער שאָכן פאַרצייכנט אַלץ, וואָס אין שטאָט קומט פאָר מיט ייִדן.

— די צײַט וועט קומען, וועט עס זײַן אַ דאָקומענט פאַר דער געשיכטע. זאָל מען וויסן, ווי מיר האָבן געלעבט.

— מירן דאָך פריִער אומקומען, — זאָגט וועלוול.

— מיר — מעגלעך. פּאַפּיר קאָן אָבער פאַרבלייבן.

— איז פאַר וועמען? פּאַפּיר פאַר פּאַפּיר?

— פאַר די קומענדיקע דורעס.

— צי וועלן זײַן קומענדיקע דורעס?

— ווי דען? אַוואַדע!

— איר גלייבט. יודעס גלייבט. איך צווייפל.

— אומברענגען קאָן מען מענטשן, אָבער ניט קיין פאָלק.

— איר ווייסט, טײַערער דאַוויד, אַזוי טראַכטן אין אונדזער צײַט, ווען מע פאַרניכטעט אַלעמען, איז שוין צופיל. איך קוק זיך צו און וויל פאַרשטיין, וואָס אַרום אונדז טוט זיך. מײַן אײַנדרוק איז, אַז אַמאָל האָט מען זיך פון אַ פּאָגראָם געקענט ראַטעווען. באַ די פאַשיסטן אָבער ניט, באַ זיי גילט עס ניט. צופעליק ווייס איך וועגן איינעם אַ דײַטש, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ באַלעבאָס איבער אונדז, ווי אַלע דײַטשן. ער הייסט האַנס פרידריך גוטהאַרץ. אַ בלאָנדער און שטילער, וואָס האָט אַ קאַלע ערגעץ אין בײַערן און שרײַבט צו איר סענטימענטאַלע ליבע־לידער. דער מוטער זײַנער שענקט ער מאַטאָנעס און שרײַבט בריוו מיט פיל געטרײַשאַפט. דערבײַ איז ער אַ פרומער קאַטאָליק. איז אָט, דער דאָזיקער האַנס פרידריך פון בײַערן האָט גאָרניט אַזוינס באַזונדערס קעגן ייִדן. אין אים ברענט ניט אויף דער קאַס און די סינע, ווען ער דערזעט אַ ייִדן. אָט דער האַנס פרידריך טוט אַלץ ניכטער, רויִק. ער עסט רויִק און שיסט רויִק. ניט עסן קאָן ער ניט. ניט שיסן וואָלט ער געקאָנט. ער שיסט אָבער. באַ אַזאַ רויִקן שיסן וועט קיינער ניט פאַרבלײַבן. אין פאַנאַר וועט קלעקן אָרט פאַר אַלעמען.

— אַלץ, וואָס איר זאָגט, וועלוול, איז ריכטיק. ניט אַלץ. די געשיכטע גייט ניט אַזוי דירעקט און גלײַך, ווי איר מיינט. זאָל נאָר די רויטע אַרמיי קומען צו־זיך, זיך אָנעמען מיט קויכעס, דעמלט וועט זײַן גאָר אַנדערש.

— דעמלט! אַוואַדע! ווי פלעגט אָבער זאָגן מײַן מאַמע: ביז עס וועט קומען די נעכאָמע — וועט אויסגיין די נעשאָמע.

— גלייבן — העלפט לעבן. און אַז עס וועט זײַן געווער...

— איך וויל אויך גלייבן. איך וויל זייער. האַלעווײַ זאָלט איר זײַן גערעכט.

— עמעצער מוז דאָך בלײַבן. כאַטש אַן אײדעס! איר ווייסט וואָס, איך וועל אונדזער גע־שפּרעך אויך פאַרשרײַבן. זאָל עס אויך זײַן אַן אײדעס.

— אויב עס איז ניט קיין סאָד... עס וועט זיין געווער?

— איך האָף. מיר מוזן.

— האָט מיך אויך אין זינען.

— געוויס. מיר זײַנען דאָך אײדעס!

אין יענעם אָוונט, נאָכדעם, ווי זי האָט זיך באַטאָג געזען מיט כאַ‏יִמען, האָט זיך אָליע גע־פילט ניט אַליין. כאַיִם געפעלט איר. ער איז מיט איר. באַנאַכט האָט זי אים געזען אין כאָלעם.

13.

צעבראָכענער גאָט מײַנער, ביסט אַלמעכטיק,
נאָר ניט אין דײַנע טויערן איך נעכטיק.

מ. גרוביאַן

און כאַיִם?

ער איז אין שלאָף ווײַט, ווײַט פון אַליען. ער איז אין הימל איצט, נאָר אין סאַמע אָנהייב פונעם ערשטן הימל. מיט בײדע הענט האַלט ער פעסט די גראָב־געקניפּטע שטריק און ציט זיך אַלץ העכער, הייבט זיך אויף נאָך אַף א טראָט. ער ציט זיך אַף דער שטריק און פילט, ווי די דלאָניעס ווערן שוין אָנגעריבן און די פינגער זײַנען הייסע, ברענענדיקע. מיד איז ער נאָך ניט, נאָר זי קומט שוין אָבער אָן, די מידקײַט. כאַיִם וויל וויסן, וויפל וועג ער האָט דורכגעמאַכט, וויפל איז נאָך פאַרבליבן. קוקן אַראָפּ — איז אָן אָפּגרונט, עס נעמט שווינדלען פאַר די אויגן, אַלץ נעמט זיך דרייען. אופהייבן די אויגן און זען, וויפל עס איז נאָך געבליבן, — טאָר מען אויך ניט. ער קאָן פאַרלירן דעם גלײַכגעוויכט און פליִען מיטן קאָפּ אַראָפּ. פאַר די אויגן זעט ער נאָר די הענט זײַנע און דאָס שטיקל שטריק, וואָס די הענט האַלטן.

די בלויקײַט, וואָס קומט אים אַנטקעגן אַלץ מער און מער, זאָגט אָן, אַז ער איז נאָענט צו זײַן ציל. די גראָב־געפלאָכטענע שטריק איז אָבער אָן א סאָף. כאַיִם האָרעוועט, אַרבעט מיט די הענט. די פיס האָבן ניט קיין אָנשפּאַר און באָמבלען זיך, ווי איבעריקע. נאָר אָט דערפילט ער, אַז ער איז מיטן קאָפּ אַרײַן אין דער אייבערשטער בלויקײַט. ער האָט דערגרייכט דעם ערשטן הימל. די פיס שטייען אַף א האַרטן באָדן. די הענט זײַנען פרײַ. א מאַלעך מיט ווײַסע פליגל און מיט געלע קעלבערנע פיסלעך ווײַזט אָן מיט א שפּיץ פליגל אַף א שיינער אכסאַניע, וואָס איז באַלויכטן מיט א סאַך שטערן.

כאַיִמס פאָרשטעלונג וועגן הימל איז אַלעמאָל געווען, אַז דאָרט איז שטיל, שטיל. דאָרט גייט מען אַף די שפּיץ פינגער. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז אין דער אכסאַניע איז רוישיק און טומלדיק, א זידלערײַ מיט געזאַלצענע ווערטלעך טראָגט זיך פון אַלע זײַטן. אין גרויסן זאַלצימער איז שטאַרק אָנגערייכערט, די לופט איז פול מיט רייכעס פון ציגאַרן, סיגאַרעטן, פּאַפּיראָסן, ליולקע־טאַבעק. כאַיִמען פאַרכאַפּט אַזש דער אָטעם.

— מאַלעך, — פרעגט ער בא איינעם, וואָס שטייט בא דער טיר, — וואָס איז דאָ בא אײַך פאַר אַזא יאַריד, מאַלעך?

— אין צווייטן הימל איז א קאַראַנטין! מע לאָזט אַהין קיינעם ניט אַרײַן, קיין איין מאַלעך ניט. מוז מען דאָ אויסוואַרטן.

כאַיִם האָט קוים געפונען אָן אָרט, וווּ זיך צו זעצן. ער האָט באַשטעלט א גלאָז קאַווע מיט א פּוטערגעבעקס. אײַנגיכן איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז די אכסאַניע איז פול מיט מאַלאָכים — פאָרשטייער פון א סאַך מעלוכעס, וואָס זײַנען אַקרעדיטירט באַם ריבוינעשעלוילעם. יעדער פון זיי האָט וואַזשנע איניאָנים צום אַלמעכטיקן. נאָר... ניטאָ קיין ברײרע — קאַראַנטין. זיצן זיי, וואַרטן, רייכערן און בייזערן זיך. דערבײַ רעדט מען פּאָליטיקע און מע פירט דיפּלאָמאַטיע.

די אַלע מאַלאָכים־פאָרשטייער, וואָס דאַרפן גוטס זאָגן און גוטס באַשטיין פאַר זייערע מעלוכעס, זאָגן אַרויס זייערע געדאַנקען אין דער זײַט, וווּ עס זיצן די פאָרשטייער פון ענגלאַנד און אַמעריקע, סאָלידע מאַלאָכים, וואָס קוקן אַף די איבעריקע פון אויבן־אַראָפּ. זיי זאָגן אַרויס נאָר געציילטע ווערטער, וואָס קלינגען ווי א פּסאַקדין.

— און וועגן דעם, וואָס א גאַנץ פאָלק ברענגט מען אום, מע קוילעט אויס די ייִדן... פאַרוואָס שווײַגט מען?

און בײדע פאָרשטייער, פון ענגלאַנד און אַמעריקע, ענטפערן צוזאַמען:

— איצט? איצט זײַנען פאַראַן בילכערע פראַגן. די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן — וועט מען דעמלט זען און באַטראַכטן.

— צי וועט ניט זײַן צו שפּעט?

און בײדע ענטפערן ווידער צוזאַמען:

— איר ווייסט דען ניט דאָס ווערטל: „מײַן העמד איז מיר נעענטער צום לײַב”.

עמעצער וויל נעמען דערווידערן, נאָר אײַנמיטן די רייד פליט אַרײַן א געזונטער און וווקסיקער מאַלעך און נעמט זיך זידלען מיט די לעצטע ווערטער. ערשט שפּעטער זאָגט ער צו אַלע פאַרזאַמלטע:

— אָפּגענאַרט אונדז! אָפּגעפּריצעוועט, ווי נאַרישע יינגלעך.

עס לאָזט זיך אויס, אַז דער דײַטשישער מאלעך האָט אַלעמען אָפּגענאַרט. ער האָט אַרויס־געלאָזט אַ קלאַנג וועגן קאַראַנטין, קעדיי ער זאָל אָנקומען צו גאָט פריִער פון אַנדערע, מע זאָל אים ניט שטערן אויסלייגן זײַנע טײַנעס.

אין איין רעגע איז די אַכסאַניע געוואָרן פּוסט. אין גרויסן זאַל־צימער בלײַבן נאָר צווייען: כאַיִם מילגרוים און דער מאלעך בא דער טיר. דער מאלעך בא דער טיר זעט אויס, ווי אַ שאַ־מעס אין אַן אָרעם שולכל. און כאָטש ער איז אַ מאלעך, פּילט צו אים כאַיִם קיין פּיצעלע דע־רעכערעץ ניט.

— פאַניע מאלעך, — זאָגט כאַיִם. — אָף דער ערד פאַרשטיי איך נאָך... מענטשן בלײַבן מענטשן. אָבער אין הימל, צווישן מאַלאָכים זאָל פאָרקומען אַזאַ געמיינע זאַך, יענעם אָפּנאַרן, קעדיי אַליין געווינען?

— ווי עס ערדלט זיך, אַזוי הימלט זיך, — ענטפערט דער מאלעך און מאַכט דערבײַ צו־רעכט דעם קיִער בא דער טיר.

— איז פאַרוואָס שטראָפט מען נאָר דעם מענטשן?

דער מאלעך גיט אַ שמעק פון זײַן טאַבאַקערקע און זאָגט:

— פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד. מאַלאָכים קענען זיך קריגן, אָפּנאַרן, איבערכיטרע־וועז... מענטשן אָבער האַרגענען איינער דעם אַנדערן. מע רעדט שוין ניט וועגן מילכאָמע. הײַנט האָט מען געבראַכט איינעם אַ מיקאַלע, אַ צעשטאָכענעם אָף טויט, מיט אַ מעסער אים צעפּאַסע־וועט. אַ מענטש איז ער ניט קיין פײַנער, נאָר מע דאַרף אים דאָ איצט האָבן. ווי זאָגט מען בא אײַך אונטן: אַז מע דאַרף דעם גאַנעוו, שנײַדט מען אים פון דער טליִע.

— מיקאַלע? וואָס האָט ער צו טאָן אין הימל?

— געוועזן אין מאַרג. איצט היילט ער זיך אין שפּיטאָל.

— אין הימל איז פאַראַן אַ מאַרג? אַ שפּיטאָל?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט: ווי עס ערדלט זיך, אַזוי הימלט זיך. מע גרייט דאָ אַ געטאָ פאַר ווילנער יידן. דאַרף מען דאָך אַ קאָמענדאַנט, האָט מען אים אַהער געבראַכט.

— אין הימל אַ געטאָ?

— נאַרישער בען־אָדאָם, דער הימל קאָן דען זײַן אַן אויסנאַם? בא אײַך אָף דער ערד — יאָ, בא אונדז אָפן הימל — ניט?

— און די ווילנער שווײַגן?

— זיי בונטעווען! עס וועט ניט העלפן. קיין געטאָ וועלן זיי ניט, צעוואָרפן איבער אַלע הימלען, אָפּגעשניטן איינער פון אַנדערן, קיין אַכדעס ניטאָ. און דאָ איז נאָך אַ קאַראַנטין געווען.

— ניט גוט בא אײַך אָפן הימל, פאַניע מאלעך. שלעכט! און וואָס זאָגט מען פון אויבן? דאָרט שווײַגט מען אויך?

— ווער ביסטו עס, וואָס דו זאָגסט מעווינעס און פאַרגיסט פראַגן? דאָ נעמט מען אַלץ אָן פאַר גוטס.

— איך בין אַ ווילנער. איר גיט אַ שלעכטן בײַשפּיל. געטאָ. קוילענען, ראַבעווען... ניט גוט, ניט גוט.

— ניט פאַר דײַן סייכל, נאַרישער בען־אָדאָם. שווײַג!

— אַ סאַך סייכל האָט איר אין אײַערע קעלבערנע פּיס.

דער מאלעך, וואָס שטייט בא דער טיר און זעט אויס, ווי אַ שאַמעס אין אַן אָרעמען שולכל, האָט זיך אָנגעצונדן מיט רוגזע, מע האָט מאַמעש געזען, ווי ער ברענט. כאַיִם האָט אים געזאָגט אַזוינס, וואָס קיין מאלעך וועט עס קיינמאָל ניט מויכל זײַן — דאָס ערגסטע זידל־וואָרט. און דאָס ערגסטע איז עס דערפאַר, ווײַל די מאַלאָכים ווילן ניט, אַז מע זאָל וויסן וועגן זייערע קעלבערנע פּיס. דאָס שטייט זיי גוואַלדיק ניט אָן.

— דו, שערעץ איינער, הינטישער עק, טיפּע־סרוכע! — האָט זיך דער מאלעך בא דער טיר צעשריִען. — ווילנער נאַשער, ציילעם־קאָפּ, ליטוואַק, נאַרישער צעדרייטער, ראָשע־מערושע!

דער מאלעך, אַן אופגערעגטער און צעקאָכטער, האָט געזוכט נאָך זידלווערטער. ער האָט באַוועגט מיט די ליפּן, געקלאַפּט מיט די קעלבערנע פּיסלעך, נאָר פון גרויס איבעראַשונג ניט געפונען קיין פּאַסיקע ווערטער. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די גראָב־געקניפּטע שטריק, אַרומגע־דרייט זי אַרום כאַיִמען און אים אַרויסגעוואָרפן פון הימל.

פליִענדיק צו דער ערד, האָט זיך כאַיִם מילגרוים אופגעכאַפּט.

ער האָט זיך אופגעכאַפּט, פילנדיק, ווי ער פאַלט ערגעץ אַלץ טיפער און טיפער. דער כאָ־לעם איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן. ער האָט געזען דעם צעקאַעסטן מאלעך, וואָס שרײַט

אים: „שערעץ, ציילעם־קאַפּ...‟ אָבער מער פאַר אַלץ האָט ער פאַרגעדענקט די ווערטער: „קיין געוועהר האָבן זיי ניט, צעוואַרפן איבער אַלע הימלען, אַפּגעשניטן איינער פון אַנדערן‟. און נאָך: „ווי עס ערדלט זיך, אַזוי הימלט זיך...‟

כאַים איז אינגאַנצן געקומען צו־זיך. ווו נעמט מען געוועהר? פאַר דער ערד איז עס וויכטיקער, ווי פאַרן הימל.

וועגן דעם האָט ער געוואָלט זיך נאָכאַמאָל דורכריידן מיט לייבקען, נאַטאַשען, רייזלען. אַליע איז אָנגעקומען. זי איז אַרײַן אַ שעמעוודיקע, אַפילע אַ שולדיקע און גלײַך נאָכן „גוטמאָרגן‟ געזאָגט:

— כאַימקע, איך האָב דיך הײַנט געזען אין כאָלעם.

— און איך האָב אויך געזען אַ כאָלעם.

— וואָס האָסטו געזען, וועמען?

— אַ נאַרישן מאַלעך. שטעל זיך פאָר, אַליע, אַז אפן הימל וויל מען אויך מאַכן אַ געטאָ פאַר יידן, פאַר ווילנער יידן.

— אפן הימל? — זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט. — אפן הימל? — און מיט ביטערקײַט צוגעגעבן: — און דאָרט וועט מען אויך שווײַגן?!

— זיי האָבן קיין געוועהר ניט. מיר דאָ, ווען מיר האָבן געוועהר, וואָלטן מיר ניט געשוויגן. ווו קריגט מען?

— דו ווייסט, כאַימקע, אַ רעוואָלווער קאָן איך קריגן.

— און קוילן אויך?

— יאָ. איך ווייס בא וועמען. און איך ווייס, ווו עס ליגט.

— און וועסט ניט מוירע האָבן, אַליע?

— איך האָב קיין מוירע ניט. פאַר קיין זאַך האָב איך קיין מוירע ניט. איך גיי שוין.

און טאַקע אײַנגיכן איז זי געקומען צוריק און געבראַכט, וואָס זי האָט צוגעזאָגט. כאַימקע איז געווען גליקלעך. ער וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט ער זי צעקושט.

— ביסט שוין אַ גרויסע, אַליע.

ער האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט.

— ביסט אַ שיינע, אַליע.

— איך געפעל דיר? — האָט זי געפרעגט, קוקנדיק אים אין די אויגן. — אויב דו ווילסט... וועל איך זײַן דײַנע...

14.

„ביטאַכן, ביטאַכן, סענדערל, איז אַ יידישע זאַך‟, — האָט אונדזער יידדע מענדעלע יאַקאָבי געלאַכט,

נאָר ס׳האָט אים ווי געטאָן
און טיף אין האַרץ געשטאָכן
דער פוסטער, אויסגעבלאָזענער ביטאָכן.

כאַים מאַלטינסקי

אַז ציפּע לעבט מיט ביטאָכן, מיט האָפענונג, ניט געקוקט אָף די גרויסע צאָרעס, איז עס פאַר אייניקע אירע שכיינים פאַרשטענדלעך.

פון דער יוגנט אָן, זינט זי האָט אַלע באַקאַנטע באָכערים לויט דער רײ ליב באַקומען און קיינער האָט אָף איר קיין אַכט ניט געלייגט, זינט יודעס האָט איר געגעבן „ציפּע טײַערע, בא דיר זײַנען שיינע אויגן‟, און זי האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטײַט... זינט דעמלט האָט זי איר אייגענעם ביטאָכן און איר אייגענע האָפענונג באַהאַלטן טיף אין זיך און פאַר קיינעם ניט אַרויסגעוויזן. דערפאַר האָט זי אַנדערע געטרייסט, געפונען גוטע רייד אָף גלייבן און באַרויקן. און זינט די דײַטשן זײַנען אין שטאָט אַרײַן, העלפט זי מענטשן נאָך מער ווי פריִער. זי איז אייזאַם. זי איז מיט קיינעם און גאָרניט פאַרבונדן, גיט זי אַכטונג אָף אַ קראַנקן, ניאַנטשעט אַ קינד, העלפט וואַשן און ראַמען. באַקאַנטע האָבן שוין פאַרגעסן, אַז מע האָט זי אַמאָל גערופן „ציפּע־דריפּע‟. איצט ווענדט מען זיך צו איר „ציפּע טײַערע‟. און אַלע רופן זי „ציפּע די גוטע‟.

פרי׳ער פלעגט זי אָפט אַרײַנקומען צו רייזלען, העלפן מיט אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געקענט. די לעצטע צײַט איז זי זייער פאַרנומען.

גאָר ניט לאַנג, מיט אַ טאָג צען צוריק, איז צו איר אַרײַנגעקומען אַ דרײַיאָריק מיידעלע מיט אַ ליאַלקע אויף דער האַנט. דאָס מיידעלע, עטעלע הייסט זי, איז אַרײַנגעקומען צו דער מומע ציפּע אײַנוויגן איר ליאַלקע, וואָס וויל ניט אײַנשלאָפן. עטעלע, עמעס, פאַרשטייט, פאַר־וואָס זי שלאָפט ניט — זי איז הונגעריק. זי וויינט, זי בעט עסן. עטעלע וואָלט אַליין עפּעס גענומען אין מויל, זי ווייסט אָבער, אַז וויבאַלד די מאַמע גייט ניט — איז ניטאָ וואָס צו בעטן. איר ליאַלקע מיטן נאָמען „רייזעלע” וויל פון גאָרניט וויסן. זי איז אַ צעפּעסטעטע זייער, אַ נאַשערקע, אַ לאַסונקע, וואָס גיט זיך נאָך, שעמט זיך אַפילו גאָרניט.

אַזאַ גרויסע ליאַלקע, טראַכט עטעלע, מעג דאָך שוין אויך וויסן, אַז אין שטאָט זײַנען דײַטשן. באַ אַ סאַך קינדער ווערן פאַרפאַלן די טאַטעס און די מאַמעס. רייזעלע פירט זיך, ווי אין די גוטע יאָרן: גיב איר דאָס, גיב איר יענץ. שלאָפט ניט.

נאָך טראַכט דאָס קינד: אַ ביסל איז שולדיק די מאַמע אירע, וואָס בייזערט זיך סײַ אויף איר, אויף עטעלען, און סײַ אויף עטעלעס רייזעלען. באַ דער מומע ציפּע איז רויִק, די מומע איז אַ גוטע, זי בייזערט זיך ניט.

— מומע ציפּע, מע מעג באַ אײַך פאַרוויגן רייזעלען?

— אַוואַדע, עטעלע, אַוואַדע.

עטעלע האָט זיך געשפּילט מיט איר ליאַלקע און זי אַזוי לאַנג געוויגט, ביז זי איז אַליין אײַנגעשלאָפן. און אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און ציפּע האָט זי אָפּגעפירט אַהיים, האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז קיין מאַמע איז שוין ניטאָ. ציפּע האָט זי געבראַכט צוריק צו זיך.

— די מאַמע איז אַוועק קויפן ברויט. דערווײַל, מײַן קינד, וועסטו זײַן באַ מיר.

עטעלע איז פאַרבליבן באַ דער מומע ציפּע. אַלע אינדערפרי, ווי נאָר זי עפנט די אויגן, רופט זי:

— מאַמע.

לאָזט זיך אויס, אַז די מאַמע איז נאָך ניט געקומען. ציפּע טוט זי אָן, וואַשט זי, גלעט זי, קושט זי, טרייסט זי. עטעלע פאַרשפּילט זיך מיט דער ליאַלקע. זי לאָזט זי פון די הענט ניט אַרויס, ווי זי וואָלט געפילט, אַז רייזעלע איז דאָס איינציקע, וואָס איז פאַרבליבן פון אירע עלטערן. זי עסט מיט איר צוזאַמען און שלאָפט צוזאַמען. אָפט קוקן אירע גרויסע שוואַרצע אויגן צו דער טיר, צי קומט ניט די מאַמע.

ציפּע לייגט אַרײַן אין עטעלען איר גאַנצע ליבע און איבערגעגעבנקײַט. עטעלען איז באַ ציפּען אַפילו בעסער, ווי באַ דער מאַמען. די מאַמע אָבער פעלט. זי בענקט נאָך איר. די מאַמע! און זי פרעגט באַ רייזעלען:

— עפּשער ווייסטו, ווען די מאַמע וועט קומען? — דערבײַ קוקט זי מיט אירע גרויסע אומעטיקע און אומרויִקע אויגן צו דער טיר.

און דאָ זײַנען נאָך צוגעקומען צוויי נײַע שכנים, וואָס ציפּע וואָלט זיי וועלן מיט עפּעס העלפן.

ציפּע, זינט עטעלע איז באַ איר און זי איז געוואָרן קימאַט אַ מאַמע, פילט נאָך מער מיט אַלע שווערע הערצער. און גוטע די שלעכטע, וואָס לייגט אַלץ אויס ניט צום גוטן, וואָס האָט פּײַנט זיך און אַנדערע, אויך זי, לאָזט זיך אויס, וויל האָפענונג און ביטאָכן. און צוליב דעם קומט זי צו ציפּען. עס קומט אויך אַרײַן די ברייטפּלייציקע שיינע־בראָכע, וואָס האָט שטענדיק געטראַכט נאָר וועגן זיך און איז געוועזן געגנוג פאַר זיך אַליין. זי זוכט אויך טרייסט. ווי נאָר עמעצער קומט אַרײַן, שפּרינגט עטעלע אויף און לויפט צו דער טיר.

— די מאַמע?

אַלע דרײַ, ציפּע, גוטע, שיינע־בראָכע, אַז זיי קומען זיך צונויף, זעען אויס גרוי, פאַרעל־טערט, אָפּגעצערט און מיד. אַלע דרײַ זײַנען געוואָרן ענלעך איינע אויף דער אַנדערער. עס טרעפט, ווען עס פאַלט אויס אַ רויִקער טאָג (ערעוו אַ שטורעם), קומען זיי זיך צונויף. די ערשטע פראַגע, וואָס מע פאַרגיט איינע דער צווייטער: וואָס הערט זיך, וואָס דערציילט מען? עפּשער וועט שוין גאָט העלפן? זיי ווילן אַ טרייסט, אַ גוט וואָרט, גוטע נײַס. זיי אַליין זײַנען פול מיט שלעכטע נײַס.

סײַ גוטע און סײַ שיינע־בראָכע ווייסן אָבער, אַז די זעלבע ביטערע נײַס קאָכט זיך באַ ציפּען איבער אין בעסערע. זי קאָן קיין שלעכטס ניט אַרויסברענגען. זי האָט זיך אויסגעלערנט אַזוי גוט איבערלייגן, אויסטײַטשן, אַרומריידן, אַז עס לייגט זיך אָפּ סייכל (ווען מע וויל גלייבן). און אין דער האַלבער שאָ, ווען מע איז צוזאַמען, גייט אַ ביסל אָפּ פון האַרצן, עס

ווילט זיך האָפן. און סײַ גוטע די שלעכטע און סײַ די ברייטפּלייציקע שיינע־בראָכע, וואָס האָבן קיינמאָל קיינעם אפן וואָרט ניט געגלייבט, ווילן, כאַלעשן, שטרעבן צו גלייבן אַלץ, וואָס ציפּע לייגט אויס צום גוטן.

גוטען זעט עס אַמאָל אויס צו ווינציק. זי זוכט נאָך אַ באַשטעטיקונג.

— ציפּע טײַערע, קאָרטן קענסטו אויסלייגן?

— איך קען, נאָר איך האָב קיין קאָרטן ניט.

— איך וועל דיר ברענגען אַ טעשל קאָרטן.

און אָט הײַנט, ווען „הײַנט אָדער מאָרגן" וועט מען טרײַבן אין געטאָ, זײַנען זיי זיך צונויפגעקומען זאַלבעדריט צו פרעגן זייער גורל בײַ די קאָרטן. אַלע דרײַ, גרוי און אויסגע־מאַטערט, זיצן אַרום טיש. זיי פיבערט, כאָטש זיי זײַנען אָנגעטאָן אין די פּאַטשיילעס ביז איבערן קאָפּ. די אויגן ווערן אומרויק־לעבעדיק, דאָס פײַערל פון דערוואַרטן און פון האָפן צינדט זיך אין זיי אָן. אַף ציפּעס פּאָנעם באַווײַזט זיך אַ שמייכל, זי וויל מיט דעם באַגיטיקן די קאָרטן, זיי זאָלן זאָגן דעם גוטן עמעס און אָנזאָגן גוטע נײַס.

— וועמען פריזער?

בלײַבט, אַז פריזער וועט זי אויסלייגן אַף גוטעס קאָרט — דאַמע טרעף. דערנאָך אַף שיינע־בראָכעס קאָרט — דאַמע רייץ.

פון אויבן, אַריבער דער דאַמע טרעף, פאַלן אויס דרײַ גלײַכגילטיקע קאָרטן, וואָס זאָגן דערווײַל ניט אָן קיין גוטס, נאָר אויך ניט קיין שלעכטס, אונטן אָבער, בײַ דער דאַמע טרעף, פאַלן אויס דרײַ קאָרטן מיט דעם נײַנטל פּיק בײַ דער שוועל. בײַ ציפּען בלײַבט הענגען די האַנט אין דער לופט. וואָס זאָל זי ווײַטער טאָן? עפּשער האָט זי שלעכט געטאַשט... דאָס נײַנטל פּיק, און נאָך בײַ דער שוועל — איז ניט פון די גוטע סימאָנים. זי טוט אַ כאַפּ די קאָרטן און זאָגט דערבײַ:

— שלעכט געטאַשט! די קאָרטן זאָגן עס אָן.

ווערט די זאַך קאָשער. גוטע אָטעמט לײַכטער אָפּ. און ציפּע, וואָס דאַרף טרייסטן און צוזאָגן גוטס, מאַכט אַ פריילעך פּאָנעם, ווי אַלץ גייט קעשורע — אַלע אירע שיפּן אַפן יאַם זײַנען גאַנץ. זי לייגט ווידער אויס, און דאָס מאָל פאַלן דורכויס גוטע קאָרטן. אַלע פיר טײַז, דער לײַטישער קעניג פּיק, גוטעס מאַזלדיקע צענטל טרעף. דאָס זעלבע איז מיט שיינע־בראָכען — קאָרטן, וואָס בעסער קאָן גאָר ניט זײַן. זאָגט שיינע־בראָכע מיט אַ לײַכט געמיט:

— שוין טאַקע צײַט! אַ סאָף צו די צאָרעס.

און גוטע, וואָס פאַרשטייט מער, רופט זיך אָפּ:

— מיסטאַמע האָבן זיך ענגלאַנד און אַמעריקע אַרײַנגעמישט. פאַר זיי האָט מען טאַקע דערעכערעץ. ניט אַנדערש.

ענגלאַנד און אַמעריקע זײַנען איצט געוואָרן אַ צוגאָב צו די קאָרטן, וואָס ציפּע האָט אויס־געלייגט. עס האָט זיך אין אַלץ געוואָלט גלייבן, אין אַלץ, וואָס קאָן נאָר געבן אַ שטיקל האָפענונג.

— איך האָב עפּעס אויך געהערט... — זאָגט שיינע־בראָכע. — זיי זאָלן נאָר וועלן — קאָנען זיי דאָך געוויס העלפן.

— צי ווילן זיי אָבער? — פרעגט ציפּע.

— גיב גאָט, זיי זאָלן וועלן! — ענטפערן גוטע מיט שיינע־בראָכען צוזאַמען. — גיב גאָט, זיי זאָלן וועלן!

צי גאָט וויל אָדער וויל ניט — ווער ווייסט?

מענטשן געניטערע האָבן שוין דעמלט פאַרשטאַנען: ענגלאַנד און אַמעריקע ווילן ניט. גרויסע פעלקער, שטאַרקע לענדער טראַכטן אַלעמאָל נאָר וועגן זיך, ווי עס לוינט זיי בעסער. וואָס אַרט זיי, אַז מע קוילעט — זיי טוט דען וויי?

ציפּע, גוטע און שיינע־בראָכע ווייסן עס ניט, בעטן זיי:

— גיב גאָט, גיב גאָט!

— מומע ציפּע, פרעגט בײַ זיי (בײַ די קאָרטן), ווען וועט די מאַמע קומען?

15.

כאַכמע האָט א גרענעץ,
נארישקײַט — ניט.

דערװײַל נעמען קלינגען די גלעקער אין די װילנער קלויסטערס. עס קלינגט די הײליקע קאַטאַזשינע אף װילנער גאַס, פּיאַטער און פּאַװעל אף אנטאָקאָל, די הײליקע אַנע פון יענער זײַט װילענקע. קלויסטערס אין װילנע זײַנען פאַראַן א סאַך.

מענטשן, װאָס קומען אַרויס פון גאָטעסדינסט, קויפן די צײַטונג „גאָניעץ צאָדזעני", װעלכע דינט געטרײַ דעם דײַטשישן אָקופּאַנט. די פּױלישע באַפעלקערונג האָט פײַנט די דאָזיקע צײַטונג, אָבער אָנקומען צו איר מוז מען — די אײנציקע צײַטונג אין פּויליש. אָט דער דאָזיקער „גאָניעץ צאָדזעני" שרײַבט, אז מע דאַרף פולשטענדיק איזאָלירן די ייִדן, פאַרשליסן זײ אין א געטאָ. דערבײַ דערקלערט די צײַטונג, אז אין אַלץ, אין אַלץ זײַנען שולדיק די ייִדן.

די דאָזיקע בלאַט װײסט גוט, װיאַזױ און װו צו מאַסערן. אַזױװי ייִדן איז פאַרבאָטן צו קומען אפן מאַרק אײַנקויפן פּראָדוקטן, פאַרפאָרן אָפּט די אַרומיקע פּויערים מיט זײערע פור־לעך אין די הויפן, און ייִדן קויפן אײַן, װאָס זײ דאַרפן. די צײַטונג קאָן עס ניט פאַרלײַדן: ייִדן הונגערן ניט! — מאַסערט זי און פאָדערט בא דער דײַטשישער מאַכט, אז מע זאָל עס שטרענג פאַרבאָטן. די בעסטע זאַך װעט זײַן, — שרײַבט זי, — מע זאָל די ייִדן פאַרטרײַבן אין א געטאָ, װעט מען פון זײ פּאָטער װערן. און דערצו: די פּויערים װעלן ניט דאַרפן זינדיקן קעגן זײער געװיסן.

דער „גאָניעץ צאָדזעני" איז אַרײַנגעפאַלן אויך אין די הענט פון דעם אַדװאָקאַט מיט די לאַנגע שטעכיקע װאָנצעס, װיטאָלד סטראַגאָװיטש.

א גאַנץ לעבן האָט ער געװױנט אין די אַריסטאָקראַטישע גאַסן, דערװײַטערט פון ייִדן, ניט געװאָלט זײ זען, ניט געװאָלט זײ הערן. און איצט װעט ער, דער באַװוסטער אַדװאָקאַט װיטאָלד סטראַגאָװיטש, דאַרפן זײַן אין געטאָ. ער װױנט שױן איצט בישכײנעס מיט ייִדן, װײַל פון דער אַריסטאָקראַטישער גאַס האָט מען אים אַרויסגעזעצט. ער קאָן אָבער פאַרמאַכן זײַן צימער, זײַן אַלײן. און דאָרט, אין געטאָ?

אַפילע איצט קומען זיך צונויף אין שכײנישן צימער ייִדישע פרויען און גראַגערן, לאָזן ניט צורו. איבערלײענענדיק דעם „גאָניעץ צאָדזעני", געפינט ער אײַן, אז אָט צוליב אַזױנע, װי די ייִדישע פרויען אין שכײנישן צימער, מאַכט מען געטאָס. ער דאַרף לײַדן צוליב זײ. פון פאַרדראָס פאַרגעסט ער זײַן אײדלקײַט, עפנט מיט רוגזע די שכײנישע טיר און שרײַט:

— מילטשעט!

אין דער ערשטער רעגע פאַרשטײען ניט די פרויען, װאָס דער מענטש פאַרלאַנגט. פאַר־װאָס שרײַט ער? גוטע קומט צו־זיך און פרעגט אים אף ייִדיש:

— איר זײַט אַנטלאָפן פון א מעשוגאָים־הויז?

— צאָ?

— ניע צאָ, אַלי צאָרעס.

צאָרעס — דאָס פאַרשטײט ער. און דערפאַר װערט ער נאָך מער באַרױגעז. מע גלײַכט זיך מיט אים, מע נעמט אים אַרײַן אין קאָן. ער גיט א פּאָך מיט דער צײַטונג אין דער לופט און שרײַט: געטאָ, געטאָ!

— עס איז נאָך גאָרניט באַװוסט... — רופט זיך אָפּ שײנע־בראָכע. — ענגלאַנד און אַמעריקע שװײַגן ניט, זײ נעמען זיך אָן.

— ענגלאַנד און אַמעריקע! — דאָס פאַרשטײט ער אויך גוט. ער װערט װײכער, ער שרײַט מער ניט. אין די דאָזיקע לענדער גלײבט ער. אים קומט אַפילע ניט אױף דער געדאַנק צו װעלן פאַרשטײן: פונװאַנען װײסן עס די דרײַ פרויען, װאָס אין ענגלאַנד און אַמעריקע טוט זיך? פונװאַנען?

אָבער דאָ קומט גראָדע אַרויס פון זײַן װינקל דער צװײטער שאָכן, װאָס איז אויך ניט לאַנג אַהער אַריבערגעפאָרן, — רעב מאָטעלע באָכער. דער „רעב" קומט אים, װײַל ער איז שױן װײַט ניט קײן יונגער. א באָכער איז ער פאַרבליבן צוליב א שײנער, נאָר אומגליקלעכער יוגנט־ליבע. פון דעמלט אָן (פון דער אומגליקלעכער ליבע) האָט ער אף אַלץ א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זיך פאַרלאָזט א באָרד, גענומען זײער באַשײדן זיך קלײדן און זעלטן־װען זיך באַװײַזן צװישן מענטשן. זײַן קלײנע פּאַרנאָסע האָט ער געצױגן פון געבן הײמישע שטונדן, לערנען ייִנגלעך און מײדלעך ייִדיש און העברעיִש.

ער אליין, מאַטעלע באָכער, איז שטאַרק אַנגעלייענט, האָט אַן אײַזערנעם זיקאָרן. אין זײַן זיקאָרן טראָגט ער ארום א וועלט מיט ביכער, פראַגעס און ענטפערס. ער האָט זײַן אייגענע מיינונג און פאַרשטעלונג וועגן דעם מענטשנס לעבן און זײַן געשיכטע. ער האָט זיך אָבער צו גאָרנישט ניט געמישט, זײַנע געדאַנקען פאַר קיינעם ניט אויסגעלייגט און זײַנע מיינונגען קיינעם ניט דערציילט. ניט זעלטן טרעפט, ווען צוזאַמען מיט פאַרשיידענע פראַגעס, וואָס קומען אויף אין זײַן געדאַנק, קומט אויך אויף פאַר זײַנע אויגן דאָס געשטאַלט פון א מיידל — זײַן ליבע, וואָס איז אויסגעגאַנגען פון טובערקוליאָז.

און אָט דעמלט, ווען מאַטעלע באָכער דערזעט זי, זאָגט ער שטענדיק איינס און דאָס זעלבע: „איך בין זיך אָבער ניט מוחל". דאָס איז אַן ענטפער אויף אירע לעצטע ווערטער, וואָס זי האָט אים געזאָגט: „מאַטעלע, איך בין דיר מוחל. איך גיב דיר אָפּ צוריק דײַן וואָרט. איך שטאַרב... און דו דאַרפסט נאָך לעבן".

אמאָל דערזעט ער זי אזא, ווי אין יענעם טאָג, ווען זייער ליבע האָט זיך אָנגעהויבן.ביידע יונגע, מיט א סאַך יונגע גוטפּרײַנט. דעמלט זאָגט ער: „א גוטמאָרגן דיר, טשאַרנע, דיר, דײַן שיינקײַט און קלוגשאַפט". און ער הערט אפילע דעמלט, ווי זי ענטפערט אים: „אוי, מאַטעלע, מאַטעלע..." אלע כוידעש, אין טאָג פון איר טויט, פאַסט ער (ניט צוליב פרומקײַט, נאָר צוליב ארויסווײַזן טשאַרנען, ווי גוט און אופריכטיק ער געדענקט זי), ער קומט אפן פעלד און געפינט זיך דאָרט א גאַנצן טאָג בא איר קייווער. ער רעדט זיך מיט איר דורך.

אזוי זײַנען געגאַנגען יאָרן. ער האָט געלעבט איינזאַם, געגעבן שטונדן און אין די פרײַע שאָען געהאַלטן א בוך אין דער האַנט. און כאָטש ער האָט זיך אליין וועגן דעם ניט מודיע געווען (עס פאַסט ניט), איז ער געווען אָנגעשטויסן אָף גאָט. וויבאַלד אַלץ געפינט זיך אין זײַנע הענט, פאַרוואָס איז ער זיך אזוי שלעכט באַגאַנגען מיט טשאַרנען?

נאָר איינמאָל אין א זומערדיק־שטילן שאַבעס־טאָג, ווען מאַטעלע איז געזעסן אין זײַן איינזאַמען צימער באַם באָכערישן שאַבעס־מאָלצײַט, האָט זיך פריילעך אָן עפן געטאָן די טיר און טשאַרנע איז אַרײַנגעקומען.

מאַטעלעס אויגן זײַנען געוואָרן גרויס און פאַרגלעזערט. פון די דערשראָקענע הענט איז גאָפּל־מעסער ארויסגעפאַלן. ער קאָן זיך פּאַשעט ניט רירן. ער גלייבט ניט זײַנע פאַרגלאָצטע אויגן און פילט ניט זײַנע אָפּגעשוואַכטע הענט.

און טשאַרנע קוקט אָף אים מיט איר שטענדיקן מילד־גוטן שמייכל, איר בליק שטראַלט ארויס מיט קלוגער הארציקײַט. זי מאַכט צו אים א טראָט נעענטער און זאָגט:

— א גוטן שאַבעס אײַך, רעב מאַטעלע.

ער קוקט אָף איר און שווײַגט. ניט באַוועגן זיך קאָן ער, ניט א וואָרט אויסריידן.

— מאַטעלע...

— טשאַ־אַ־אַ־ר־נע?

— וואָס רעדט איר, רעב מאַטעלע, איך בין לייקע, טשאַרנעס ייִנגערע שוועסטער. איר געדענקט דען ניט, אז נאָך קינדווײַז בין איך געווען אָף איר ענלעך. איצט זאָגן מענטשן, אז איך זע אויס פונקט ווי די שוועסטער. און באַקאַנטע זאָגן מיר: גיי אַרײַן צו מאַטעלען. ער וועט זײַן צופרידן. און נאָך זאָגן מענטשן: לויטן ייִדישן מינהעג דאַרף א ייִנגערע שוועסטער פאַרבײַטן אַן עלטערע...

ער האָט גאָרניט געענטפערט, ווײַל ער האָט גאָרניט פאַרשטאַנען, וואָס מע רעדט צו אים.

פאַר מאַטעלע באָכער האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע טעג. די ערשטע צײַט, עמעס, איז ער געווען צופרידן. אים איז געווען אָנגענעם, וואָס ער זעט טשאַרנען א לעבעדיקע, אזא, ווי ער געדענקט זי, ער זעט זי מיט אלע איינצל־שטריכן, אפילע מיט די געדרייטע האָר בא די אויערן, ווי פּייעלעך. ער זעט אין לייקען — טשאַרנען.

אָבער וואָס ווײַטער, ער ווייסט אליין ניט פאַרוואָס, נעמט ער זען אין לייקען נאָר לייקען. טשאַרנע איז א דערמאָנונג. לייקע — א ווירקלעכקײַט. די ווירקלעכקײַט ווערט מיט יעדן טאָג שטאַרקער.

ער שלאָפט שלעכט, עסט שלעכט. ער איז צעשטרייט און פאַרשטייט ניט, וואָס די שילער פרעגן אים. און די שילער פאַרשטייען ניט, וואָס דער לערער ענטפערט. אין יענע טעג און וואָכן איז ער געלאָפן צו טשאַרנען אפן בעסאַלמען, זי זאָל אים ראַטעווען. ער האָט אָפּט געפאַסט, עפּשער וועט עס אים העלפן? און לייקע קומט אלע שאַבעס אַרײַן צו אים. זי עפנט די טיר יונג און פריילעך. זי קומט אַרײַן מיט איר מיידלש גוטס אין איר יונגן קערפּער. און מיט איר מילדן גוטן שמייכל זאָגט זי:

— מענטשן פרעגן בא מיר: „נו, וואָס ענטפערט מאַטעלע?".

אים פאַלן אײַן די בלוטן און אַ שטילער ווייטעק כאַפּט אים אַרום.

דערנאָך וויל ער שרײַען אויף זיך, פאַרשרײַען, זיך פאַרניכטן. ער זאָגט קוים אַרויס: דער מינהג איז וועגן אַ ווײַב און ניט וועגן אַ קאַלע.

— מענטשן זאָגן... — לייקע ענדיקט אָבער ניט און גייט אַוועק.

נאָר עפּעס בלײַבט איבער אין צימער נאָך איר אַוועקגיין. עס בלײַבט אַן אָנגענעמער רייעך. די לופט איז אַ זיסע. אויף דיל, וווּ לייקע איז געשטאַנען, קאָן מען נאָך, דוכט זיך, זען אירע לײַכט־שיינע פּיס אין לאַקירטע טופּעלקעס. עס נעמט אים דורך, ער ווערט אָנגעגאָסן מיט פרעמדן בלוט און באַכערישע געפילן. ער נעמט זיך מאַמעש קלאַפּן אַלכעט. ער זינדיקט! ער זינדיקט! זײַנע פאַרמאַכטע כושים זײַנען געוואָרן ווידער אָפן. ער האָט דאָך געשוואָרן טשאַר־נען טרײַהײַט. אַזאַ שטראָף, אַזאַ שטראָף! פאַרוואָס קומט עס אים?

און ער בעט: זי זאָל מער ניט קומען, ער בעט מיט טרערן.

גייט זי מער ניט צו אים.

ביסלעכווײַז איז אים געוואָרן לײַכטער. ער איז צו־זיך געקומען. און ס׳איז אַלץ געוואָרן ווידער ווי פריִער: ער זעט נאָר טשאַרנען, מער קיינעם ניט.

אין אַ געוויסער צײַט אַרום איז ער קראַנק געוואָרן. לייקע איז געקומען, גערופן אַ דאָק־טער, געבראַכט רעפּועס, אים אויפגעפּאַסט. און אַז אים איז געוואָרן בעסער, האָט ער ווידער דערפילט דעם אָנגענעמען מיידלשן רייעך, די זיסקײַט פון דער לופט. שוין געווען באַ אים אַזאַ שאַ, ווען ער האָט שיר־שיר ניט געזאָגט: פאַרבלײַב, לייקע.

ער איז זיך אָבער גוירער געווען.

ווידער זײַנען אַוועק יאָרן פון איינזאַמען לעבן: געבן שטונדן, לייענען ביכער. אַלע כוידעש קומען צו טשאַרנעס קייווער, פאַסטן. און פון צײַט צו צײַט האָבן טײַנעס צו גאָט, פאַרוואָס ער איז זיך מיט איר שלעכט באַגאַנגען.

זינט אָבער די דײַטשן זײַנען געקומען, האָבן זײַנע גערדאַנקען זיך אַנדערש אויסגעדרייט: גאָט ווייסט, וואָס ער טוט. איידער ער, מאַטעלע, זאָל געווען דאַרפן זען, זאָל געווען דאַרפן זײַן אַן איידעס, ווי די דײַטשן ברענגען אום זײַן טשאַרנען (און מעגלעך — אויך זײַערע קינדער), איז שוין בעסער און גלײַכער, וואָס זי איז געשטאָרבן אויף איר געלעגער און האָט אַן אָרט אויפן בעסאָלמען. אים נעמט מאַמעש שטעכן מיט נאָדלען איבערן גאַנצן קערפּער, ווען פאַר זײַנע אויגן קומט אויף דאָס, וואָס וואָלט געקענט געשען מיט טשאַרנען באַ די דײַטשן. ער זעט דאָך, וואָס אַרום און אַרום קומט פאַר.

און דעמלט לעבט אויף אין זײַן רײַכן זיקאָרן דאָס אַלטע דײַטשלאַנד. פאַר זײַנע אויגן וואַקסן אויס די געטאָס, בלוט־בילבולים, פּאָגראָמען, גיירושים אין די צעדריבלטע דײַטשישע קיניגרײַכן און פירשטנטומען, אין די פּילצאַליקע ציכטיק־ריינע דײַטשישע שטעט. יאָרהונדער־טער האָבן די דיורינגס און שטעקערס געגרייט און געקאַשערט דעם וועג, וואָס האָט געפירט צו היטלערן. גאַנצע צוויי אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען זײַנען געווען אין דײַטשלאַנד אין סאָף נײַנצנטן יאָרהונדערט.

רעב מאַטעלע באַכער זעט אַלץ קלאָר. נאָר צי ווערט אים פון דעם לײַכטער? וויסן און ניט קענען העלפן איז נאָר אַן אָפּקומעניש. דערפאַר נעמט ער אויף ווי אַן אומזין ציפּעס האָפע־נונג אויף אַמעריקע און ענגלאַנד. אַזאַ בלינדקײַט. אים וועט מען אַזוינס ניט אײַנריידן. געווגג גענאַרט.

— ציפּעס טײַערע, גלייבט ניט...

דעם אַדוואָקאַט סטראַגאַוויטש פאַרדריסט עס. ער וויל גלייבן. ער קאָן זיך איצט אָן אַמע־ריקע און ענגלאַנד ניט באַגיין. זאָגט ער:

— נאָר פון אָט די לענדער קאָן קומען הילף. פון וועמען דען?

— אויב קומען — וועט עס פון דער רויטער אַרמיי, — ענטפערט שטיל מאַטעלע. — דער־ווײַל אָבער, צום באַדויערן...

וויטאַלד סטראַגאַוויטש ווערט אויפגערעגט. אַ ייִד מיט אַ באָרד דערוווּדערט אים. אים, דעם באַוווּסטן אַדוואָקאַט. און ווידער: ווער וועט ראַטעווען? די רויטע אַרמיי. אַ געלעכטער פאַר לײַטן, ניט מער.

— אַ באָרד האָט איר, נאָר קיין סייכל ניט, — שרײַט אויס דער אַדוואָקאַט.

— ווי אַן אַדוואָקאַט דאַרפט איר וויסן, אַז זידלען זיך איז קיין באַווײַז ניט, — דערוווּדערט מאַטעלע אַלץ אַזוי שטיל און רויק. — אַגעוו, בעסער זײַן אַ ייִד מיט אַ באָרד, איידער אַ באָרד אָן אַ ייִדן.

— איר זײַט אַ פערד! — שרײַט אויס סטראַגאַוויטש.

— פערד האָב איך ליב. אָקסן, זעט איר, ניט. און ביכלאל, מענטש איינער, וואָס איר זײַט... מע וועט אונדז ביידן צוזאַמען טרײַבן אין געטאָ. היינט אָדער מאָרגן.

קיין גרעסערע שטראָף פאַרן באַוווּסטן אַדוואָקאַט איז גאָרניט פאַראַן. אים, וויטאָלד סטראָגאָוויטשן, וועט מען טרײַבן אין געטאָ צוזאַמען מיט אָט דעם ייִדן מיט דער באָרד, אַ ייִדן, וואָס די שכנים רופן אים — רעב מאָטעלע באַכער. צי איז ניט גלײַכער זיך נעמען דאָס לעבן. אָבער... צום טײַוול! ווו איז זײַן רעוואָלווער אַהינגעקומען?

16.

א גוט־מאָרגן דיר, גאַטעניו! — זאָגט דער רעבע מאָטעניו...

מאָטעלע באַכער גייט צוריק אין זײַן ווינקל. ריידן מיט אָט דעם אַדוואָקאַט איז דאָך ניט מער, ווי אַרויסגעוואָרפענע צײַט. און ווער ווייסט, וויפל איז איצט אַ מענטשן צײַט געגעבן? ניט וועגן יאָרן קומט אויס הײַנט צו טראַכטן, נאָר וועגן טעג און אפילו שאָען. לעבן איז געבליבן ווינציק, מאַטערן זיך — אַ סאַך. ווילט זיך אים כאָטש פאַר זיך אליין קלאָר מאַכן זײַנע געדאַנקען. ער האָט זיי אָנגעהויבן אויסצולייגן אויף פאַפּיר.

ביז איצט האָט ער זײַנע געדאַנקען און מיינונגען פאַרצייכנט אין אַ דיקן העפט, אײַנגעבונדן אין שוואַרצן קאָלענקאָר. אויף דער ערשטער זײַט איז פון אויבן אָנגעשריבן: „אַ גוט־מאָרגן דיר, גאַטעניו! — זאָגט דער רעבע מאָטעניו”.

נידעריקער איז פאַראַן אַן אויפשריפט מיט געדרוקטע אותיות: האקויל העוועל!

און נאָך נידעריקער — אויף רוסיש: Всё проходит.

אין דעם העפט קאָן מען, לעמאָשל, זען אַזוינע אויפשריפטן, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן מיט יאָרן צוריק:

ניט דער שאַפט די געשיכטע, וואָס מאַכט זי, נאָר דער, וואָס שרײַבט זי.

גאָט שטראָפט די ייִדן פאַר זײַן טאָעס, וואָס ער האָט זיי באַשאַפן.

די גרעסטע גוורע איז אַרויסטרײַבן פון זיך די שרעק.

פאַרוואָס איז אַזוי אומעטיק אויף דער נאַרישער וועלט?

אָט אין דעם העפט האָט ער אָנגעהויבן אַרײַנשרײַבן:

„געדאַנקען פון מאָטעלע באַכער אין די לעצטע טעג פון זײַן לעבן, ווען ער איז צוזאַמען מיט אַלע ווילנער ייִדן פאַרמישפּעט צו אומקום;

אין די טעג פון אכריס־האיאָמים, ווען היטלער האַראַשע האָט אָנגעפילט די ערד צוריק מיט ווײסטעניש און באַדעקט מיט פינצטערניש;

און ווען עס ווערט אַלץ ווינציקער דער גלויבן אין דעם, אַז גאָט דער באַשעפער זאָל צום צווייטן מאָל זאָגן „יעהי אויר!”

און אָט דאָס זײַנען די געדאַנקען:

1. דערקלערן די סיבע, פאַרוואָס אַ מענטש באַגייט אַ פאַרברעכן, באַטײַט שוין טיילווײַז אים פאַרענטפערן. איך וויל ניט פאַרענטפערן, די סיבע אָבער וויל איך זוכן.

2. אין יעדן פאָלק וועט זיך שטענדיק געפינען אַ געוויסער פּראָצענט מענטשן, וואָס איז געניי גט צו פאַרברעכנס. אין רויִקע צײַטן גייט דער קלענער פּראָצענט נאָך דער מערהײַט גוטע. אין אומרויִקע צײַטן גייט אָפּט די מערהײַט גוטע נאָך דער מינדערהײַט שלעכטע.

3. דערקלערן היטלערן פאַר אַ מאַניאַק, פאַר אַן אומנאָרמאַלן מענטשן און נאָר מיט דעם וועלן אויפקלערן זײַן רישעס, אכזאָריעס און רעציכע — באַטײַט ניט אויפקלערן, נאָר אויסבאַהאַלטן. אַגעוו, ווער ווייסט, צי קאָן גאָר היטלער אַליין מיט זײַנע אייגענע הענט הארגענען אַ מענטשן? אויפרייצן אָבער אַנדערע, אַז זיי זאָלן שעכטן און קוילענען מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן, דאָס קאָן ער זייער און זייער גוט.

4. אָבער... אָן צווייפל, אַז ער איז אַ מאַניאַק, פּסיכיש אַן אומנאָרמאַלער. קעדיי ווירקן אויף אַנדערע מיט אויסגעדאַכטע אילוזיע־עמעסן, זײַן זיכער אין זיך און אין זײַן גערעכטיקײַט, זיך ניט שעמען מיט זײַן אכזאָריעס און באַרימערײַ, קענען מאַכן פון ווײַס שוואַרץ און פון שוואַרץ — ווײַס, דאָס קען נאָר טאָן אַ מאַניאַק. אַ נאָרמאַלער מענטש קען עס ניט. ער שעמט

זיך גאָר, זײַן געוויסן דערלאָזט ניט. וואָרעם אינדערעמעסן... ארויסגיין פאַר דער וועלט און שרײַען: איך בין א „גאָט". א נאָרמאַלער מענטש וואָלט באַלד דערפילט, ווי מע לאַכט פון אים.
איך דערמאָן זיך, — שרײַבט ווײַטער מאָטעלע, — וואָס איך האָב אַמאָל געלייענט וועגן דעם אין א באַוווּסטן סייפער. נאָך אין סאַמע אָנהייב פון XVI יאָרהונדערט האָט עראַזם פון ראָטערדאַם געשריבן: ווער האָט מער רעכט צו טראָגן דעם נאָמען פון א פאַרשטענדלעכן מענטשן: א קלוגער, וואָס טיילווײַז צוליב איבעריקער געוויסנהאַפטיקײַט, טיילווײַז פון קליינ־מוטיקײַט, קאָן גאָרניט אונטערנעמען, אָדער אן אזעספּאָנעמדיקער נאַר, וואָס ווערט ניט גע־צווימט ניט פון שאַנדע, וואָס ער פאַרמאָגט ניט, ניט פון געפאַר, וואָס ער באַנעמט ניט.
5. און ווידער: פאַראַן דען אין לעבן ווינציק מאַניאַקעס און אומנאָרמאַלע מענטשן? נאָר איינצלנע פון זיי גיט זיך אײַן מעשוגע צו מאַכן אַנדערע. אין וואָס איז זייער קויעך?
6. זעלטן־ווען א מענטש איז קליגער פון זײַן צײַט, אין וועלכער ער לעבט. אָפּטמאָל פאַר־דרייט די צײַט דעם מענטשן דעם קאָפּ. דערצו איז ער, דער מענטש, קלוג, ווען ער שאַצט אָן אַנדערן, ער ווערט נאַרישער, ווען ער שאַצט זיך אַליין. ער וויל זײַן קליגער פון זײַן צײַט. די צײַט אָבער אין אזא פאַל שמייכלט פאַר זיך. זי ווייסט, אז מענטשן מעסטן זי לויט כאָדאָשים און יאָרן. און זי לאָזט זיך גאָרניט מעסטן, זי איז פיל טיפער און זעט א סאַך ווײַטער..."
מאָטעלע באַכער האָט זיך פאַרטראַכט. ער וויל באַנעמען, וואָס ער דאַרף ווײַטער שרײַבן. ער נעמט זײַן פעדער אין דער האַנט. צו אים, אין זײַן ווינקל, קומט אומגעריכט אַרײַן טשאַרנעס שוועסטער.
— לייקע? — האָט זיך מאָטעלע סײַ פאַרוווּנדערט, סײַ דערפרייט.
— איך, מאָטעלע. איך האָב געזעגן טשאַרנעצן אין כאָלעם. זי האָט מיר געזאָגט: „גיי צו מאָטעלען. פאַרגעס ניט". בין איך געקומען.
דאָס איז געזאָגט געוואָרן אזוי, אז אַלע האָבן עס געקענט הערן. דערנאָך האָט זי צוגע־געבן שטיל, אז קיינער זאָל ניט הערן. זי דאַרף עפּעס אויסבאַהאַלטן. ניט אויף לאַנג. זי וויל אָבער מאָטעלען ניט נאַרן, זאָל ער וויסן דעם עמעס: אײַך געטרויט מען — ס'איז א נאַגאַן. (שעפּסקע גרווידעס נאַגאַן. אָט דעם רעוואָלווער פלעגט שעפּסקע אַרײַנלייגן צו זיך אין קעשענע, ווען ער פלעגט אַריבערפירן א קאָמוניסט אַריבער דער גרענעץ.)
— איר הערט, מאָטעלע, ס'איז פון גאָט אַליין א מאַטאָנע. קעגן די פאַשיסטן! צי קאָן מען עס בא אים איבערלאָזן? ניט אויף לאַנג...

.17

Ваше
слово,
товарищ маузер
(Вл. Маяковский)

זיי זיצן זאַלבעפערט: רייזל, נאַטאַשע, לייבקע און כאַיִם. די טיר־און־פענצטער זײַנען צוגעמאַכט.
— איך האָב דיר געבראַכט, לייבקע, וואָס דו האָסט געבעטן.
לייבקע, קאָן זײַן, האָט שוין גאָר פאַרגעסן, וואָס אזוינס ער האָט געבעטן. ער וואַרט. און די איבעריקע וואַרטן אויך. וואָס האָט לייבקע געבעטן?
כאַיִם נעמט ארויס פון קעשענע א קליין פּעקעלע, אײַנגעוויקלט אין א נאָזטיכל. ער לייגט עס אויפן טיש. דערנאָך נעמט ער פאַנאַנדער דאָס נאָזטיכל, און אַלע אַרום טיש זאָגן ארויס נאָר מיט די ליפּן:
— א רעוואָלווער!!
עס איז געוואָרן פרייליכער, לײַכטער אויפן האַרצן. אין שטוב איז געקומען דער קויעך, וואָס קאָן שיצן, זיך קעגנשטעלן. אין דער פילגעליטענער שטוב איז אַרײַן די האָפענונג.
— אן אָנהייב, — זאָגט לייבקע.
— א גוטער אָנהייב, — זאָגט נאָך נאַטאַשע.
(זיי ווייסן ניט, אז ס'איז שוין אויך פאַראַן שעפּסקע גרווידעס נאַגאַן).
און אַלע פיר קאָנען ניט אָפּווענדן זייערע בליקן פון דעם טיש, פונעם נאָזטיכל און פון דער טײַערער און הייליקער זאַך, וואָס רופט זיך רעוואָלווער.

אַליע איז ווידער געקומען צו כאַימען. זי איז פאַרבײַגעגאַנגען דעם טאַטנס צימער, נאָר אַהין ניט אַרײַנגעקוקט.

דעם טאַטן, מוישעלע צאַדיק, און זײַן פרײַנט, שימעלע דריידל, האָט עס שוין יאָ געוווּנדערט און ניט געוווּנדערט. מוישעלע האָט נאָר געוואָלט וויסן: וואָס זאָל עס באַטײַטן? צוליב וואָס טאַקע קומט זי צו אים? ער זאָגט גאָרניט, ווײַל עס פּאַסט אים ניט. ער, מוישעלע צאַדיק, דאַרף אַליין אַלץ וויסן. שימעלע דריידל פאַרשטייט אים אָבער אָן ווערטער, ענטפערט ער:

— זינדיק ניט. עפּשער איז עס אַ באַשערטע זאַך.

— דו, נײַנטעלע, ביסט דאָך אַלעמאָל אַ גוטער אויף מײַן כעזשבן. באַשערט. וואָס הייסט באַשערט? איך פאַרלייג אויף דעם. אַ מיידל זאָל לויפן צו אַ באָכער? אַליין קומען?

— זינדיק ניט. אַ גוטער באָכער, אַן אָרנטלעכער. אַ סטודענט. אין די גוטע יאָרן וואָלט ער געווען געוווּנטשן.

— אָן אַ ראָוו?

— פון ווען אָן ביסטו געוואָרן אַזאַ צאַדיק?

— איך מעג אַלץ! מײַן טאָכטער...

— כאַימקע וועט קיין אוולע ניט טאָן. מעגסט זיך פאַרלאָזן.

— כאַימקע עפּשער ניט. אָבער אַליע... אַן אַקשן, אַ ריזיקאַנטשע, האָט פאַר קיינעם קיין מוירע ניט. וויבאַלד איר גלוסט זיך עפּעס — וועט זי זיך ניט אָפּשטעלן. מײַן בלוט.

— דײַן בלוט. איז וואָס פאַרא טײַנעס האָסטו צו איר?

אַזאַ ענטפער האָט מוישעלע ניט דערוואַרט. ער דאַרף אַלעמאָל זײַן גערעכט. און דאָ באַקומט זיך גאָר, אַז ער איז שולדיק. „זײַן בלוט...״ מיט אַזאַ ענטפער האָט אים שימעלע פאַרמאַכט דאָס מויל. זאָל טאַקע זײַן, אַז ער איז אומגערעכט? און דאָ דערהערט ער, ווי כאַים מיט אַליען גייען צוזאַמען אַרויס פון צימער. פאַרדריסט אים שוין גאָר עפּעס אַנדערש. צו כאַימען קומט זי, צו אים ניט. אַן אייגענע טאָכטער. זײַן אַליע. און זאָל אַפילע זײַן, אַז דאָס איז אַ באַשערטע זאַך. אַ גוטער באָכער, אַ סטודענט, אין די גוטע יאָרן וואָלט ער געווען געוווּנטשן (ער נעמט עס איצט אָן פאַר זײַנע אייגענע געדאַנקען), אָבער ווו איז אַ טאַטע? ער וויל זיך לאָזן אָנזאָגן אָט די „באַשערטע״ און פרעגן: העפקער? אָן אַ טאַטן? ער רירט זיך אָבער פון אָרט ניט. עס פּאַסט אים ניט. ער זאָל נאָכלויפן? ער, דער באַוווּסטער מוישעלע צאַדיק, פאַר וועלכן אַלע האָבן דערעכערעץ. ער שעמט זיך פאַר שימעלען. אינדערעמעסן איז עס ניט אַלץ. ער ווייסט, אַז אַליע און כאַים זײַנען אַקשאָנים, ווילן זייערס אויספירן. ער וועט זיי רופן, און

זיי וועלן אין זײַן זײַט ניט קוקן. אַט דאָס האַלט אים איַין, ער רירט זיך ניט. און מוישעלע איז געדערכט: זיי ווילן ביכלאַל אין זײַן זײַט ניט קוקן, באַזונדערס נאָך הײַנט, אין דער דאַזיקער שאָ, ווען אַליע איז געקומען אָנזאָגן כאַימען:

— ער דאַרף גיין צו מאַטעלע באַכער באַקומען א מאַטאָנע פון גאָט.

זי איז הײַנט געקומען צו כאַימען א צופרידענע ניט נאָר דערפאַר, ווײַל ער געפעלט איר, נאָר דעריקער צוליב דער גוטער בסורע, וואָס זי ברענגט אים. זי געדענקט כאַימס ווערטער, וואָס האָבן איר שטאַרק צוגעטראָפן: „ווען מיר האָבן געוווער"... זי איז פון די ערשטע, וואָס קריגט געוווער. „וואָלטן מיר ניט געשוויגן", — האָט ער דעמלט צוגעגעבן. אָט דאָס איז אין איר כאַראַקטער: שלאָגן דעם דײַטש, וואָס קוילעט א גאַנצע שטאָט. ניט מוירע האָבן, ניט שאַ־נעווען זיך. און פאַר די אויגן דערזעט זי די מאַמען, דעם פעטער, דינעלען, שכיינים, כאַווער־טעס, באַקאַנטע. ווי קאָן מען שווײַגן?

און כאַימען האָט זי נאָך מער ליב טאַקע דערפאַר, וואָס ער שאַנעוועט זיך ניט, שרעקט זיך ניט.

ביידע גייען צוזאַמען צו מאַטעלע באַכער.

מיט מאַטעלע באַכער איז געשען הײַנט אַזוינס, וואָס האָט שוין לאַנג־לאַנג מיט אים ניט פּאַסירט. אינמיטן העלן טאָג האָט זיך אים פאַרגלוסט א קוק טאָן אין שפּיגל. עפּעס ענדערט זיך אין אים. וויל ער זען, וואָס אַזוינס האָט געטראָפן? און דערצו קומט אים אָן אן אומגעריכ־טער אײַנפאַל: אראָפּנעמען די באָרד, ווערן יינגער, מע זאָל אים מער ניט רופן „רעב". פאַר־שטייט זיך, אַז צוליב טשאַרנען וועט ער עס ניט טאָן. צוליב איר האָט ער דאָך די באָרד פאַר־לאָזט. עמעס, די צײַט האָט זיך שנעל אַזוי אומזיניק און גרויזאַם געענדערט. וואָס פריער איז געווען גלײַך, איז איצט געוואָרן קרום. וואָס פריער איז גראַד געווען — איז איצטער אום. און אויך די געדאַנקען בא מענטשן האָבן זיך אַנדערש גענומען ווענדן, גאַרניט ווי אַמאָל.

פון דער שאָ אָן, זינט די דײַטשן זײַנען אין שטאָט אַרײַן, טראַכט מאַטעלע: עס וואָלט טאַקע געווען א סאַך ערגער, ווען טשאַרנע קומט אום פון זיירע הענט. און דעריבער נעמט אויסזען טשאַרנעס טויט מער לײַכטער און אָנעמבאַרער. שוין מיט דעם אַליין, וואָס אַזא געדאַנק קומט צו אים און ווערט פון אים אָנגענומען, גייט ער טיילוויַיז אַרויס פונעם פרײַערדיקן לעבן, ווען ער האָט אַלץ אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ניט געזען די וועלט און ניט געקוקט אף דער לעוואָנע... אוואַדע וועט ער טשאַרנען שטענדיק געדענקען. אָבער קיינעם ניט זען, קיינעם ניט הערן... פאַרלייקענען ערד און הימל — דאָס עפּשער שוין ניט.

און דאָ נאָך... אין דעם גרויסן העפקער, ווען אומברענגען א פאָלק איז גאָר א מיצווע, קומט לייקע און זאָגט: „אים געטרויט מען. ס'איז א נאָגאָן". און גיט נאָך צו: „ס'איז פון גאָט אַליין א מאַטאָנע. קעגן די מערדער!" אָט דעמלט דערפילט ער, ווי אין אים קומט ווידער אוף דער צוואַנציקיאָריקער מאַטל, יענער, וואָס האָט געפירט א ליבע מיט טשאַרנען. און מיט אומ־געדולד וואַרט ער, ווער וועט עס זײַן דער יענער, וואָס וועט קומען אָפּנעמען די מאַטאָנע פון גאָט?

און אַז מע קומט — וווּנדערט אים:

דאָס מיידל אַליע? א יונג באַכערל? ער האָט געוואַרט אף מער סאָלידערע מענטשן.

און נאָך וווּנדערט אים: דאָס פוילישע באַכערל רעדט אַזא גוטן יידיש. אינגיכן לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז ניט קיין פוילישער, געלערנט אין א יידישער פאָלקס־שול און אין דער ווילנער יידישער רעאַל־גימנאַזיע. אַזוי גאָר... און דאָס רופט אַרויס בא מאַטעלען אַנדערע געדאַנקען: אונדזערע קינדער, אונדזער יוגנט גרייט זיך שלאָגן. דאָס גיט מוט און האָפענונג. ער קאָן ניט באַהערשן זײַן נײַגער און מוז פרעגן:

— אויב מע מעג עס וויסן... אַזוינע מאַטאָנעס זײַנען פאַראַן א סאַך?

כאַים טראַכט א ווײַלע. ער זאָל זאָגן?

— צום באַדויערן, דערווײַל נאָר צוויי.

— ווינציק. פאַר אַזא שטאָט, ווי ווילנע. אָבער איר ווייסט, — האָט זיך מאַטעלע ווי דערמאָנט, — פאַר אַן אָנהייב איז עס א גוטע ציפער. צוויי זײַנען די לוכעס.

— מע זאָל זיי אָבער ניט דאַרפן צעברעכן, — ענטפערט כאַים.

— זאָל גאָט אויסהיטן! — זאָגט מאַטעלע שטיל. און גיט דערנאָך צו: — זאָגט מיר, מיט וואָס זאָל איך אײַך העלפן?

און אַז אַליע מיט כאַימען זײַנען אוועק, האָט מאַטעלע אַרײַנגעשריבן אין זײַן דיקן העפט: „טײַערע טשאַרנע, אונדזערע קינדער, אונדזער יוגנט האָבן הײַנט געזאָגט „יעהי אוירו!" און ס'דוכט מיר, אַז דאָס איז א סאַך מער, ווי גאָט אַליין וואָלט עס געזאָגט. אַלמעכטיקער, העלף זיי.

18.

אז יעדער ברודער־מענטש זאָל פון דעם ווײ
דערוויסן.
אז יעדער ברודער־מענטש זאָל אָט די פרייד
פּאַרמאָגן:
ווי טרויעריק־זיס איז מענטש צו זײַן!..

ד. האָפּשטיין

אָף מאָרגן נאָכדעם, ווי מאַרי איז אײַנגעשלאָפן מיט וולאַדיסלאַווס נאָמען אָף די ליפּן, איז זי אופגעשטאַנען נאָך פריִער, ווי די זון איז אַרײַן צו איר אין פענצטער. גלײַך פון בעט אַרויס איז זי צוגעלאָפן צום שפּיגל. זי וועט דאָך הײַנט זען וולאַדיסלאַוון, וויל זי וויסן, ווי זי זעט אויס. מאַרי איז פון זיך צופרידן. זי פילט אַ פאַרגעניגן פון איר יונגן אויסגערוטן קערפּער, וואָס איז באַוועגלעך און שטאַלטיק. איר איז גוט, און אָפן האַרצן איז איר גרינג. און דאָס פאַרשאַפט איר נאָך מער מוט און זיכערקײַט. זי גלייבט, אַז הײַנט וועט זײַן אַ מאָזלדיקער טאָג. נעכטן האָט זי געטרונקען „פאַר פּוילן!” הײַנט וועט זי טאָן צולאָכעס דעם דײַטש. זי וועט ראַטעווען אַ ייִדן. און דער ייִד — איז איר וולאַדיסלאַוו.

אַלץ איז פאַר איר קלאָר און פּאַשעט.

אָבער ווען זי איז שוין אָנגעטאָן און צוגעפּוצט און זאָגט זיך אין שפּיגל: „איך וועל אים געפעלן...”, ווען זי טרעט איבער די שוועל און גייט אַרויס פון שטוב, פרעגט זי זיך אַליין: וווּהין? ווי־אַזוי? אַליין? עמעצער דאַרף איר העלפן: צי פאַן יוזעף, צי פאַן מיכאַל...

זי קלינגט אָן דעם לערער פאַן יוזעף אין טעלעפאָן.

— מאַרי? — דער לערער איז שטאַרק איבעראַשט. אַזוינס איז נאָך ניט געשען. מאַרי זאָל צו אים קלינגען! — וואָס אַזוינס איז געשען? — זײַן שטים ציטערט פון איבעראַשונג. ער קאָן צו־זיך ניט קומען.

— גאָרניט. איך וויל אײַך זען, פאַן יוזעף.

— איך וועל זײַן דער גליקלעכסטער אָף דער וועלט.

זיי האָבן זיך באַגעגנט בײַ דעם קלויסטער פון דער הייליקער קאַטאַזשינע, ווו עס שטייט דער דענקמאָל דעם פּוילישן קאָמפּאָזיטאָר סטאַניסלאַוו מאָניושקאָ. צוזאַמען זײַנען זיי אַרויס דורך דער ווילנער גאַס צום מיצקעוויטש־פּראָספּעקט, צום קאַטעדראַל־פּלאַץ און זײַנען אַרײַן אין גאָרטן. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי קימאַט געשוויגן, געזאָגט נאָר עטלעכע ווערטער וועגן דעם וועטער, וועגן דעם, אַז דער האַרבסט איז אָנגעקומען. פאַן יוזעף האָט דערבײַ געטראַכט: וואָס־אַזוינס וויל זי מיר זאָגן? מיט גרויס אומגעדולד האָט ער געוואַרט אָף איר רייד, כאָטש דאָס ערשטע וואָרט דערהערן.

מאַרי ווידער האָט זיך געפרעגט: ווי־אַזוי אָנהייבן? וואָס זאָל זי זאָגן? זי האָט עס פריִער ניט באַטראַכט. אַרויסגעהאָלפן האָט אַ גרינער ליפּע־בלאַט מיט אַ געלן זוים, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן צו מאַריס פיס.

— האַרבסט. בלעטער פאַלן. מיר טרעטן איבער זיי, איבער לעבעדיקע בלעטער. און אין לעבן, פאַן יוזעף, טרעט מען ניט איבער לעבעדיקע מענטשן?

דעם לערער איז געוווען אָנגענעם צו הערן איר וואַרעמע מיידלשע שטים, אָבער ניט באַנומען, וואָס זי וויל זאָגן. קעגן וואָס איז דער מאָשל מיט די בלעטער? ער האָט זי אָנגעקוקט מיט זײַנע גרויסע ליכטיקע אויגן, נאָר געפרעגט האָט ער גאָרניט. דאָס וועט זײַן ניט איידל פון זײַן זײַט. נאָר דאָ איז מאַרי אָן קיין שום צוגרייטונג אַריבער גלײַך צום אינין. זי האָט צו אים געזאָגט:

— פאַן יוזעף, איך וויל, איר זאָלט מיר אין איינער אַ זאַך העלפן...

— טײַערע מאַרי, באַפעלט — און איך וועל אויספילן. איך וועל אײַך נאָך דאַנקבאַר זײַן, וואָס איר גיט מיר די מעגלעכקײַט אַרויסצווײַזן טרײַשאַפט.

— פאַן יוזעף ווייסט דאָך געוויס, אַז איך האָב אַ כאָסן.

— אַ כאָסן? ווער? — האָט ער מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם טייקעף געפרעגט.

— וולאַדיסלאַוו סידערקעוויטש.

— אָך... יאָ, יאָ... אָבער...

— אין דעם גייט עס. דעם פאַן יוזעף וועל איך פאַרטרויען דעם רייִנעם עמעס. איך האָב

װלאַדיסלאַװן ליב. ער אָבער... װײס איך ניט. אַ סאַך צײַט איז אַװעק. און די צײַט איז איצט אַזאַ שװערע. נאָר סײַװי... איך װיל אים ראַטעװען. צי װעט דער פּאַן יוזעף מיר העלפֿן?

— אָן צװײפֿל. איך בין גרייט.

ער איז אַף אַן עמעס געװען גרייט צו העלפֿן. מאַרי האָט עס באַלד דערפֿילט און זיך שטאַרק דערפֿרייט. זי האָט שױן גלײַך געװאָלט אָנהייבן פֿון דעם, װאָס זײ װעלן טײקעף גיין זוכן װלאַדיסלאַװן, זיך דערװיסן, װוּ ער װױנט. דער לערער האָט זיך אַרױסגעװיזן פּראַקטישער פֿאַר איר: מע דאַרף אָנהייבן פֿון אָנהייב און ניט פֿון סאָף, — האָט ער געזאָגט. נו גוט, זײ װעלן אים אױפֿזוכן. װוּהין װעלן זײ אים אַרײַנפֿירן, װוּ װעט ער זיך געפֿינען כאָטש די ערשטע עטלעכע טעג?

מאַרי איז מוידע געװען, אַז ער איז גערעכט.

ביידע זיצן אַף אַ באַנק. אַף דער ערד אַרום זײ ליגן אַראָפּגעפֿאַלענע בלעטער. און איבער זײ פֿלִיִען טשאַטשעס פֿייגל צו די װאַרעמע קאַנטן, טשאַטשעס פֿייגל, װאָס ייִדישע קינדער רופֿן עס — פֿייגלשע כאַסענעס. דער לערער איז פֿאַרטראַכט, לייגט איבער אין זיקאָרן אַלע זײַנע באַקאַנטע, דערמאָנט זיך די דירעס פֿון זײַנע פֿרײַנט, זוכט אַ פּאַסיק אָרט, װוּ מע װאָלט כאָטש דערװײַל געקענט אױסבאַהאַלטן װלאַדיסלאַװן. מאַרי זיצט לעבן אים, פֿון צײַט צו צײַט גיט זי אַף אים אַ קוק און העלפֿט אים מיט איר פֿרײַנטלעכן בליק בעסער צו טראַכטן און גיכער אױפֿצוזוכן אַ גוטן באַקאַנטן. עס װאָלט זי געװיס פֿאַרװוּנדערט, װען מע זאָגט איר דעם עמעס: זי שטערט מער, װי זי העלפֿט. דער פּאַן יוזעף קאָן דאָך ניט פֿאַרגעסן, אַז לעבן אים זיצט די שיינע מאַרי, װעלכע ער האָט ליב. פֿון אָט דער נאָענטקײַט װערט די בלאַסקײַט פֿון זײַן פּאָנעם ראָזלעך.

פֿונדעסטװעגן האָט ער אין אַ צײַט אַרום געזאָגט:

— פֿאַראַן...

צוזאַמען מיטן „פֿאַראַן", צוזאַמען מיט דעם, װי זײַן לינקע האַנט פֿילט די נאָענטקײַט פֿון מאַריס רעכטער, איז פֿאַרן פּאַן יוזעף אױפֿגעשװוּמען זײַן קינדהײַט און יוגנט, װען גערופֿן האָט מען אים יוזיע. ער איז דערבײַ קימאַט װי זיכער, אַז אַלץ, װאָס ער זעט איצט פֿאַר זײַנע אױגן, זעט אױך מאַרי, װאָס קוקט אים אַזױ ליבלעך אָן. ער אײַלט זיך דעריבער ניט, פֿאַרלענגערט די האַנאָע פֿון דערמאָנען זיך.

ער זעט די פּריצישע גאַסן אַרוף זװערינעץ, װאָס זײַנען פֿאַרזעצט מיט פֿאַרצװײַגטע קאַשטאַנעס. די באַלקאָנען, װוּ עס באַװײַזן זיך אױסגעפּוצטע פֿרױען. די פֿענצטער, װאָס קוקן פֿונדערװײַטן אַרױס צו דער װילייע. די גאַסן זײַנען דאָ גוט אױסגעברוקירט און די טראָטואַרן ריין אױסגעװאַשן. די הױפֿן זײַנען גרױסע, מיט פּרוכט־סעדער, מיט אַ סאַך קוסטעס בלומען און מיט רױטע, בלױע, גרינע קײַלעכן, װאָס שײַנען אַרױס אַף דער זון. אַ ביסל נידעריקער — אַראָפּ צום טײַך שטייען נאָענט צום װאַסער הילצערנע הײַזלעך מיט שינדלדעכער און קליינע פֿענצטערלעך, מיט קליינע סעדלעך און גערטענער, און מיט אַ סאַך שטעלכלעך אַרום. דאָ װױנען פֿישער און שיפֿלער. בײַ יעדן הױז שטייט האַלב אין װאַסער אַ שיפֿל, צוגעבונדן מיט אַ קייט צו אַ בױם אָדער צו אַ סטױפּ. בײַ די טירן טריקענען זיך נעצן, און בײַ די װענט שטייען געפֿאַרבטע װעסלעס. הינט בילן, װען זײ דערהערן אַ פֿרעמדן טראָט. פֿון יענער זײַט טײַך קוקט אַרױס אַ סאָסנאָװער װאַלד, געמישט מיט יאָדלע און בערעזע. שאַבעס און זונטיק קומען שפּאַצירער אַהער, און די שיפֿלער פֿירן זײ אַריבער אַף יענער זײַט װילייע. אַ גאַנצע װאָך איז דאָ שטיל. די פֿישער פֿאָרן אַװעק אַף זײערע שיפֿלעך כאַפּן פֿיש. עס הערט זיך נאָר, װי געלאַסן דאָס װאַסער שטראָמט און װי די הינט נעמען פֿון צײַט צו צײַט בילן און װילן איבערשרײַען אײנער דעם אַנדערן.

דאָ, אין אַ הײַזקע באַם טײַך, האָט געלעבט יוזיעס אַ פֿעטער. און װי נאָר יוזיע האָט געהאַט אַ פֿרײַע מינוט, פֿלעגט ער קומען צום פֿעטער אין געסט. אין די הײַזער באַם טײַך האָט ער געקענט אַלע באַלעבאַטים, אַלע זײערע קינדער און אַלע באַלעבאַטישע הינט. אין האַרבסט פֿלעגט ער מיט די פֿישער־ייִנגלעך קלײַבן קאַשטאַנעס אַף דער פּריצישער װיטאָלד־גאַס. מיט אַלטע אָפּגענוצטע שװעבעלעך פֿלעגן זײ פֿון די קאַשטאַנעס מאַכן טישלעך, שטולן, בעטלעך. צוזאַמען מיט די קינדער האָט ער זיך געבאָדן אין דער װילייע. ער פֿלעגט אױך העלפֿן דעם פֿעטער אַריבערפֿירן די שפּאַצירער אַף יענער זײַט טײַך.

די ייִנגלעך זײַנען אױסגעװאַקסן, געװאָרן גרױסע. אײניקע פֿון זײ זײַנען שױן איצט די באַלעבאַטים באַם טײַך. פֿאַר זײ איז דער לערער דער זעלבער יוזיע, װאָס אַמאָל. זײ אַכטן אים. ער קומט צו זײ אין געסט. ער האָט װעגן זײ לידער געשריבן. דער פּאַן יוזעף טראַכט, אַז דאָ קאָן טאַקע זײַן אַ פּאַסיק אָרט אױסצובאַהאַלטן װלאַדיסלאַװן. אַלנפֿאַלס, טראַכט ער, כאָטש אַף דער ערשטער צײַט... ער האָפֿט, אַז דאָס װעט זיך אים אײַנגעבן.

מאַרי איז מיט אים אײַנשטימיק. זי פֿאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אױף אים. און בײדע לאָזן זיך גײן דורך דער לאַנגער מיצקעװיטש־גאַס צו זװערינעץ, צום טײַך.

די בײמער אין די סעדער אױף דער שטילער פּריצישער װיטאָלד־גאַס זײַנען פֿול מיט עפּל, באַרן און פֿלױמען. די רױזן און גלאַדיאָלוסן שײַנען אַרױס אױף דער זון. און צוזאַמען מיט זײ ברענען אױף דער זון רױטע, גרינע און בלױע קײַלעכן. אַרום די צװואַקסענע קאַשטאַנען־בײמער באַ די טראָטואַרן װאַלגערן זיך אַראָפּגעפֿאַלענע קאַשטאַנעס מיט אױפֿגעפּלאַצטע שאָלעכצן. אױף אַ באַלקאָן גיט אַ סקריפּ אַ טיר, און עמעצער קומט אַרױס אָנצוקוקן דאָס פּאָרל, װאָס שמועסט אַזױ שטיל און געמיטלעך. פֿאַרליבטע, געװיס.

פֿאַר מאַרין איז די דאָזיקע גאַס קײן נײַס ניט. דערפֿאַר איז פֿאַר איר אינגאַנצן נײַ זיך צו באַקענען מיט די הײַזער באַם ברעג טײַך. פֿאַר די אײַנװױנער באַם ברעג איז געװען אומדער־װאַרט, װאָס גאָר אינמיטן דער װאָך איז צו זײ אין געסט געקומען דער פֿאַן יוזעף. און ניט אַלײן... מיט אַ שײנער און אײדעלער פּאַנענקע. װער איז זי? אַ שײנע פּאָר.

די פֿישער און שיפֿלער האָבן באַ מאַרין אױסגענומען. זינט די דײַטשן זײַנען אין שטאָט אַרײַן, באַזונדערס, זינט די דײַטשן האָבן פֿאַרכאַפּט פּױלן, האָט מאַרי דערפֿילט ניט נאָר אַ גרעסערע ליבע צו איר פֿאָלק, נאָר צו יעדן פּױלישן מענטשן באַזונדער. זי האָט זיך מער געגנ־מען צוקוקן צום פּאָשעטן אױלעם, הערן זײַן פּױליש רײדן, זײַנע לידער. מע קאָן אַפֿילע זאָגן, אַז דער אָקופּאַנט האָט אין אַ סאַך פֿראַטים אַנטדעקט פֿאַר איר דעם פּױלישן פֿאָלקסמענטש. איר נאַציאָנאַלער באַװוּסטזײַן איז אױסגעװאָקסן.

דעם פֿאַן יוזעף און די פֿרײַלן מאַרי האָט מען שײן און האַרציק אױפֿגענומען. מע איז זײ מעכאַבעד געװען מיט פֿאַרשײדענע פֿיש־פּאַטראַװעס. דערװײַל איז דער פֿאַן יוזעף מיט זײַנעם אַ גוטן באַקאַנטן אַרױס אין גאַס באַטראַכטן די נעצן, װאָס זײַנען צעהאַנגען באַ די הײַזער. און שפּעטער, גײענדיק צוריק, האָט ער אָנגעזאָגט מאַרי די גוטע בסורע: דער ענטפֿער איז אַ פּאָזי־טיװער. די ערשטע צײַט, אַלנפֿאַלס... און שפּעטער? װעט מען אױך זען.

דער אײנציקער בױם, װאָס קוקט אַרײַן צו יודעסן אין פֿענצטער, איז אַן אַלטע בערעזע, באַ װעלכער די קאָרע האָט שױן נאָר טונקעלע סימאָנים פֿון דער אַמאָליקער װײַסקײַט. עטלעכע צװײַגן זײַנען פֿאַרדאַרט און פֿאַרטריקנט. דער בױם האָט אָבער אַלע אַמביציעס פֿון אַ לעבע־דיקער בערעזע, װאָס װערט אין פֿרילינג פֿרי באַדעקט מיט יונגע פֿריש־גרינע, פֿרײלעכע בלעט־לעך, און אין האַרבסט נעמען זײ שױן באַצײַטנס, דאַרע און טרוקענע, אַראָפּפֿאַלן און זיך דרײען אױפֿן װינט.

יודעס און װעלװל זיצן באַ זיך אין צימער, זיצן באַם טיש און קוקן אַרױס דורכן פֿענצ־טער, װי די בלעטער שיטן זיך, שיטן זיך... אַזױ, זיצנדיק באַם טיש און צוקוקנדיק זיך, װי די לעבעדיקע צװײַגן װערן שױן באַלד ענלעך אױף די טױטע, גיט יודעס אַרױס אַ זיפֿץ. װידער שװײַגן זײ. יעדער פֿון זײ איז איצט אַ באַזונדער װעלט. און בײדנס װעלטן, װי עס זעט אױס, זײַנען אָנגעפֿילט מיט אומעט און טרױער. יודעס רײַסט איבער דאָס שװײַגן.

— װעלװועלע, גענוג צו זאָרגן. העלפֿן קענען מיר ניט. זאָל דער הײַנטיקער טאָג זײַן אונד־זערער.

װעלװל שאָקלט מיטן קאָפּ אױף יאָ.

— ביסט גערעכט, יודעס, — ער שמײכלט אַפֿילע.

פֿון זײַנע װערטער און פֿון זײַן שמײכל װערט יודעס, װי אַלעמאָל, ייִנגער און שענער.

אַ סאַך מענטשן לעבן איצט מיטן געדאַנק, אַז העלפֿן קאָן מען סײַװי ניט. זאָל כאָטש דער הײַנטיקער טאָג זײַן זײערער. װאָס בלײַבט דען נאָך?

— װעלװל, שמײכל צו מיר... מיר װערט דעמלט אַזױ גוט, איך פֿאַרגעס פֿון אַלע אומגליקן. אָט אַזױ, טײַערינקער.

אין טיר קלאַפּט מען אײדל און רויק אָן.

— ביטע, אַרײַן.

די טיר עפֿנט זיך.

— מאַרי?!

קאָן זײַן, אַז װלאַדיסלאַװ האָט עס אױסגעשרײַען, קאָן אױך זײַן, אַז קײנער האָט איר נאָמען ניט אָנגערופֿן, װײַל סײַ װעלװל און יודעס, װאָס זײַנען געזעסן באַם טיש, סײַ מאַרי און יוזעף, װאָס זײַנען געבליבן שטײן באַ דער טיר, האָבן זיך דערפֿילט פֿון דער דאָזיקער באַגעגעניש אַזױ הילפֿלאָז, אַז זײ האָבן קײן װאָרט ניט געקענט אַרױסרײדן. אַלע פֿיר האָבן געשװיגן. דאָס שװײַגן איז געװען פֿול מיט פֿאַרװוּנדערונג און מיטן פֿאַרלאַנג צו שרײַען.

— זעצט זיך, — איז די ערשטע צו־זיך געקומען יודעס. כאָטש זי האָט מארין קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען, איז זי געווען זיכער, אז דאָס איז זי. זי האָט פאר זיי געשטעלט שטולן. — זייער אָנגענעם, וואָס לעבעדיקע מענטשן זײַנען צו אונדז ארײַנגעקומען. מיר זײַנען אָפּגעשניטן פון דער וועלט.

— א דאנק, — האָט געענטפערט פאַן יוזעף.

יודעסן און יוזעפן איז געווען לײַכטער, ווי וולאדיסלאַוון און מארין. צווישן יודעסן און יוזעפן האָט זיך פארבונדן א געשפּרעך. מארי און וולאדיסלאַוו זײַנען נאָך אָבער אלץ געבליבן שווײַגנדיקע און איבערראשטע. ביז וולאדיסלאַוו האָט ניט אויסגעהאלטן, אופגעהויבן דעם קאָפּ און א קוק געטאָן מארין אין די אויגן. זי האָט אָף דעם געוואַרט. זי דערקענט איר וולאדיסלאַוון. און זי נעמט קומען צו־זיך, זיך בארויִקן. דער טאָג שטייט ניט. אָף איבעריקע רייד איז איצט קיין צײַט ניט פאראן. און, ווי עס טרעפט מיט איר, זאָגט זי אָן קיינע ארײַנפירן:

— וולאדיסלאַוו, איך און דער פאַן יוזעף זײַנען דיך געקומען ראטעווען. פאראן א דירע, ווו אויסצובאהאלטן...

פאר וולאדיסלאַוון איז עס איין אומדערוואַרטונג נאָך דער צווייטער. מארי איז שוין געווען פאר אים א ווײַטע דערמאָנונג, אָן קיין שום רעאלקײַט אין לעבן. עמעס, ער האָט זי ניט פארגעסן, אָבער ניט געוואַרט אָף איר. פארגאנגענהײַט! און פלוצלינג... מארי! נאָך מער: זי איז אים געקומען ראטעווען. אַוואדע דארף ער איר אָפּדאנקען. אָבער פריִער פאר אלץ דארף ער זאָגן דעם עמעס:

— איך בין דאָך ניט אליין, מארי. מײַן פרוי... יודעס.

.19

הײַנטיקע נאכט האָט מען צוגענומען
אלע אײַנוווינער פון יאטקעווער גאס, פון
אָשמענער, דיסנער, שאוולער גאסן, פון
סטראשון־גאס און פון אייניקע אנדערע.
...דאָרט וועט זײַן אונדזער געטאָ. וואָס
הייסט געטאָ? ווי לעבט מען דאָרטן?

מ. ראָלניק. „איך מוז דערציילן".

אָף מאָרגן אָדער איבערמאָרגן האָט מען פון אלע זײַטן שטאָט געטריבן די ווילנער ייִדן אין געטאָ.

אווראָם גאָנטאַר

געמיט

כ׳בין מיד, כ׳בין שרעקלעך מיד,
און שולדיק איז דער וועטער.
געדאַרפט וואָלט איך די ליד
ניט שרײַבן איצט, נאָר שפּעטער,

ווען אופהערן עס וועט
צו זיפּן זיך דער רעגן.
עס איז שוין אָבער שפּעט —
די ליד וועט מיך ניט פרעגן.

זי שטעלט זיך שוין צונויף
אין שורעס און אין סטראָפן,
דעם מויעך, ווי א שרויף,
זי דרייט און לאָזט ניט שלאָפן.

צעפּאַטלט בא דעם פּלויט
די ליפּע שטייט געבויגן.
ווי אין א גרויסער נויט,
עס רינט איר פון די אויגן.

עס וויקלען זיך, ווי שלענג,
די וואָלקנס, שליימיק־גרויע.
אין שטוב, אין גאַס ווערט ענג,
פאַרהילט ווערט אלץ אין טרויער.

און דאָרט הינטער דער וואַנט
עס הוסט די אלטע שכיינע.
עס קאַפּעט פונעם קראַנט,
מיר דוכט — סע פאַלן שטיינער.

ווי מיד איך בין — א שרעק!
קיין זאַך איז שוין ניט טײַער.
צו אלדי־אַלדי שלעק!
און גייט עס מיטן פײַער!

פאַרמאַטערט כ׳טו א פאַל
אַף דער צעקנייטשטער קישן.
אַט־אַט וועט זיך די גאַל
אין בלוט בא מיר צעגיסן.

און טיף אין שלאָף איך זינק...
נאָר פּלוצעם אין א ווינקל
א זון־העזל האָט פלינק
געטאָן א בלענד, א פינקל.

איך עפן שנעל די טיר
און מאַך א שפּאַן, א צווייטן —
א פּערלדיק־געפּריר
באַשפּרענקלט האָט די קוויטן.

די ליפּע בא דעם פּלויט
איז יינגער גאָר געוואָרן —
די בלעטער געלבלעך־רויט,
ניימאָדיש אָפּגעשאָרן.

די שכיינע קלײַבט צונויף
די לעצטע פּאָמידאָרן.
און קינדער אינעם הויף
אַף שליטעלעך שוין פאָרן.

עס איז מיט זון פאַרגלאָזט
די קאַליוזשע באַם פּאַרקן,
און ס׳שמעקט די לופט מיט פראָסט,
מיט א געטראַנק א שטאַרקן.

און אײַנ־ליכטל פון דאַך
מיר קאַפּעט אַפן שטערן.
כ׳פאַרגײס דעם קאָפּ און לאַך,
אז קיינער זאָל ניט הערן.

די קאטאָרזשאַנקע

שפעט באנאכט.
עס פאלן שטערן,
און עס שלאָפט זיך ניט.
ערגעץ זינגט מען,
וואָלט איך שווערן,
א באקאנטע ליד.

פון א שמידער
און פון קייטן,
פון א קאטאָרזשאן...
...ביז סיביר
איז אים באגלייטן
כאנקעלע געגאַן...

כאנקע, כאנעלע,
מײַן כאנע,
אויב ביסט נאָר פאראן,
זאָלסטו וויסן,
כ׳בין מעקאנע
יענעם קאטאָרזשאן.

כ׳וועל שוין אָט די נאכט
ניט שלאָפן.
נאָכשפירן נאָך דיר,
ווי דו ביסט
נאָך אים געלאָפן
באָרוועס קיין סיביר.

וויין ניט, ליבע,
צארטע, שלאנקע,
כ׳ווייס, ווי ס׳איז דיר
שווער.
ס׳איז דער נאָמען
קאטאָרזשאנקע
הייליק,
ווי דײַן טרער.

שפעט באנאכט,
ווען ס׳פאלן שטערן,
קומסט צו מיר צו גיין.
קיינער קאָן מיר ניט
פארווערן,
זעען זאָל איך
און זאָל הערן,
וואָס איך וויל אליין.

דער שידעך

(פאָלקס־מאָטיוו)

אין שטוב זײַנען אלע
געשמאק נאָך געשלאָפן,
ווען שיינדעלע איז
מיטן שאַלטיק אנטלאָפן.

באטאָג און באנאכט
ניט געלאָזט זי צורו,
געגאנגען נאָך איר,
ווי א קאלב נאָך א קו.

פארדרייט איר דעם קאָפ,
פארמאניעט, פארנארט,
אנטרינען, אנטלאָפן
אינמיטן דער נאכט.

אז ווײ איז דער מאמען,
א בראָך צו די סאָנים.
א ביזע־ביזאַיען
באווײַזן דאָס פאָנעם.

נאָר אויב עס באקלערן,
איז וואָס איז דער ראש?
אזעלכע, ווי ער,
מע געפינט ניט אין גאס.

א קלוגער, א שטאלטנער —
א באָכער מיט ביינער.
אויב זאָגן דעם עמעס —
א פײַנער, א שיינער.

און ווילט איר, איז
שיינדעלע
פאשעט גערעכט.
וועמען, איך בעט אײַך,
געטאָן האָט ער שלעכטס?

ווייניק געלערנט?
דעריבער איז וואָס?
אקערן וועט ער
די ערד מיט דער נאָז.

און טראָגן זי שטענדיק
ער וועט אף די הענט.
זײַן טאטן דעם פורמאן
ווער האָט ניט געקענט?

אוועק אף מילכאָמע,
געלאָזט פערד־און־בײַטש,
געשלאָגן, גענעריקט
דעם גאזלען, דעם דײַטש.

א יאָסעם געוואַקסן
דער איינציקער זון,
ווער האָט ניט געהערט
אַף די פּיסקעס דערפון...

אויב זאָגן דעם עמעס,
אויב ריידן צוריק —
איז זאָלן זיי ביידע
שוין לעבן אין גליק.

קלעזמער, שפּילט אויס מיר
א פריילעכס, א שער

און ברענגט מיר מײַן
טאָכטער,
מײַן איידעם אהער.

זאָגט זיי: די מאַמע
איז מער ניט אין קאַס.
שפּילט מיר א פריילעכס
אינמיטן דער גאַס.

ווער זאָגט, אַז דער איידעם
איז מיר ניט קיין פּאָר?
א באָכער מיט ביינער,
אַף מיר אזא יאָר!

אַף די פּיסקעס

(פאָלקס־מאָטיוו)

אַף די פּיסקעס ווינט מײַן עטל
אינעם עקסטן שטיבל.
צווישן דאָרף און צווישן שטעטל
האָט זי זיך פאַרקליבן.

אַלע נאַכט איך קום צו לויפן
צו איר גרינעם גאַנעק,
האַווקען הינט אין אַלע הויפן:
— כאַפּט אים, האַלט דעם גאַנעוו!

לאַנג בין איך אזוי געלאָפן,
ווײַל דאָס האַרץ פּלעגט קלעמען.
ניט געגעסן, ניט געשלאָפן,
נאָר ניט אופגעהערט צו האָפן,
אַז זי וועט מיך נעמען.

— דאַר־און־קוואַר — א שוואַרצער
שאָטן, —

פּלעגט די מאַמע זאָגן, —
אין דעם טאַטעניו געראָטן,

פּונקט ווי יענער, — פּלעגט זי שפּאָטן, —
ווי דער שעד וואָלט אים געטראָגן,
האַלט ער נאָר אין יאָגן.

און דער טאַטע האָט געשוויגן —
שטיל אזוי, מיט סייכל,
און געכאַפּט א קוק אין שפּיגל
און דערשטיקט דעם שמייכל.

ער געדענקט נאָך, מעג איך שווערן,
זײַן פאַרקישעפט שטיבל...
יענע ווערטער, יענע טרערן
די נעשאָמע איצטער נערן
פון זײַן יינגלס ליבע.

...ס׳קוקט מײַן עטעלע אין פענצטער,
וואַרט, איך זאָל שוין קומען.
פון די קליגסטע, פון די שענסטע
האָט זי מיך גענומען.

● ● ●

צווישן ראָמאַשקעווע פעלדער —
צוועלפשטאָקיקע מויערן.
שאָקלען בערעזעס די קעפּ
און באַדויערן:
ווי קומען אהערצו גאָר מויערן?

און מיר געפעלט!

אָט שטייט מײַן הויך געצעלט,
מיט טויזנט פענצטער,
טויזנט טירן,
פּונקט ווי ס׳וואָלט אַרויס אין פעלד
א ריז שפּאַצירן.

ער הערט זיך אײַן אין גרינעם רויש
פון כוואַליענדיקע יעלן,
און נאָר דער סאָווע,
דוכט מיר אויס,
דער גאַסט איז ניט געפעלן.

צווישן ראָמאַשקעווע פעלדער —
צוועלפשטאָקיקע מויערן.
פאַרבייגן בערעזעס די העלדזער
און שטייען, ווי אָפענע טויערן:
קומט! —
מיט אָפענע אויגן און אויערן.
קוקט! —
אין ראָמאַשקעווע פעלדער
שפּאַנען צוועלפשטאָקיקע מויערן.

■ ■ ■

מאַזי קאַבריאַנסקי

ווייפל האַלט דער זייגער

סאַדיען דערקענט מען פונדערווײַטנס. שטענדיק שפּאַנט ער האסטיק, אָבער יעדער שפּאַן זײַנער איז וואַגיק און אָפּגעמאָסטן. נאָך פונווײַטנס הערט מען, ווי זײַנע כראָמאָווע שטיוועלעך סקריפּען. פּונקט ווי ער וואָלט געטראָטן אַף שניי אין א פראָסטיקן דרויסן. דאָס לעדערנע פּידזשאַקל איז ווי צוגעזאָטן צו זײַנע אקסל, וואָס באַוועגן זיך עטוואָס, ווען ער שפּאַנט, און סקריפּעט אויך שטילערהייט.

סאַדיע איז א וווקסיקער, אָבער א דאַרער — הויט און ביין, א גליק, וואָס די ביינער זײַנען בא אים ברייטע און קרעפּטיקע. מע קאָן ניט זאָגן, אז ער איז א שיינער, נאָר ווער עס קען אים, סײַ קליין, סײַ גרויס, האָט אים ליב, און די מיידלעך פון דער וועבער־פאַבריק, ווו סאַדיע אַרבעט, זײַנען גאָר פאַרליבט אין אים. די שענסטע באַסיעכידקע, וואָס קוקט ניט אַף קיינעם, נעמט זיך רויטלען, ווען זי דערזעט סאַדיעס פּולבלעכע ליפּן, זײַנע געדיכטע שוואַרצע וואָנצעס, וואָס זוימען אַרום דאָס עטוואָס אָפענע מויל מיט די בלישטשענדיקע שטאַרקע ציין. זײַנע גרויע וואַרעמע אויגן דערלאַנגען טיף אין האַרצן און קאָנען פאַרפירן אין עק וועלט.

סאַדיע איז שוין ניט קיין כאָסן־באָכערל. ער איז אַלט בא די דרײַסיק, נאָר ער פאַלט ניט אַראָפּ בא זיך. שטענדיק ברומט ער אונטער א לידעלע, צעשיידט זיך ניט מיט זײַן באַליבט ניגנדל אפילע דעמלט, ווען זײַן טעכטערל נעמט וויינען, לעמײַ די מאַמע איז אַוועקגעפאָרן און האָט זיי ביידן איבערגעלאָזט, און ווי טרויעריק דאָס לידעלע זאָל ניט זײַן, וועט עס סײַווי דערוואַרעמען די נעשאָמע.

סאַדיע פאַרמאָגט צוויי הענט פון א קישעפמאַכער. פאַלט אַרײַן אין די דאָזיקע יאָדאָים א שליסל צי א פאַשעטע העמערל, נעמט עס מאַמעש אָטעמען.

סאַדיע איז א מעכאַניקער אַף דער וועבער־פאַבריק — ער רעמאָנטירט וועבשטולן, נאָר וועקט אים אויף אינמיטן דער נאַכט און פרעגט בא אים עפּעס וועגן א וואַטער, א שפּול־מאַשין צי גאָר וועגן א זשאַקאַרד־קעפּל, וועט ער אײַך דערציילן וועגן יעדער שרײַפעלע פון די דאָזיקע מאַשינעס. און ניט נאָר דערציילן, ער וועט זיי צענעמען אַף טיילעכלעך און דערנאָך צוריק צונויפשטעלן און דערבײַ געבן צו פאַרשטיין, וואָס מע דאַרף טאָן, ווען די דאָזיקע מאַשינעס ווערן קאַליע. ווען ער רעדט, איז זײַן קאָל ווי אײַנגעהילט אין סאַמעט, כאָטש די שטים זײַנע ברומט, ווי אַן אָנגעצויגענע באַסאָווע סטרונע פון א קאָנטראַבאַס.

סאַדיע איז קימאַט אויסגעוואַקסן אַף דער פאַבריק. קליינערהייט פלעגט ער ברענגען אַהער וואַרמעס דעם טאַטן. מאָרדכע־אַרן דער וועבער איז אַלע זײַנע יאָרן געזעסן בא א הילצערנער וועבשטול, געשפּאַנט אַף די טריט און געטריבן דאָס ווילדע שיפל הין און צוריק.

נאָך דער מילכאָמע איז אין פאַבריק־הויף געבליבן בלויז צוויי איינשטאָקיקע געבײַדעס. אין איינער זײַנען געווען אויסגעשטעלט הילצערנע וועבשטולן, אין דער צווייטער פלעגט זיך קוים דרייען א הינקעדיקער וואַטער און א קאַליקע א שפּול־מאַשין.

ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, סאַדיע, איז ער שאָענווײַז אָפּגעשטאַנען באַם פאָטערס וועבשטול, זיך צוגעקוקט צו דער אַרבעט און זיך געבעטן, אז דער טאַטע זאָל אים לאָזן אָפּקלאַפּן א ביסל. ווען מאָרדכע־אַרן פלעגט אַרויסגיין אין הויף אַף דער לופט, עסן מיטיק, האָט זיך סאַדיע אַליין אַנידערגעזעצט אַפן טאַטנס אָרט, און דעמלט, ווען אַלע וועבשטולן האָבן געשוויגן, האָט זיך געהערט בלויז דאָס קלאַפּן פון אַן איין־און־איינציקן סטאַנאָק, און אין טאַקט פונעם

קלאפן האָט געקלונגען א לידעלע, וואָס איז זיך צעגאנגען אין די אייוורים. אָבער ווען מע האָט אָנגעהויבן צוביסלעך ארײַנפירן נײַע וועבשטולן, שפול־מאשינעס, איז סאדיע נאָך די שול־לימודים פארפאלן געוואָרן לעבן די אלטע מאשינעס.

איצט האָבן זיך דיביימער אָפּגערוקט טיף אינעם וואלד. דער פאבריק־הויף איז גרעסער געוואָרן, עס זײַנען צוגעקומען דרײַ צווייִשטאָקיקע לאנגע קאָרפוסן. זומער־צײַט, ווען טיר־און־פענצטער זײַנען אָפן, דוכט זיך אויס, אז מע הערט, ווי דער רויש פון די מעכאנישע האלב־אווטאָמאטן לויפט ארום איבערן וואלד, פונקט ווי די מאשינעס זאָלן זיך שפּילן צווישן די ביימער אין באהעלטערלעך.

סאדיעס טאטע האָט ניט דערלעבט צו ארבעטן אף די מעכאנישע וועבשטולן. ס'איז גאָר אומעגלעך אויסצורעכענען דעם מעהאלעך, וואָס דער אלטער וועבער האָט פאר זײַן לעבן דורכגעמאכט, שפאנענדיק אף די טריט פון זײַן הילצערנער וועבשטול. מאָרדכע־ארן האָט אנומלטן געזאָגט: ווען מע זאָל צונויפצייִלן אלע ווערסטן, וואָס ער האָט דורכגעמאכט פאר זײַן לעבן, שפאנענדיק אף איין אָרט, וואָלט מען מיסטאם געקאָנט דרײַ מאָל צוגיין ביז עק וועלט און זיך אומקערן צוריק.

מאָרדכע־ארן איז אין דער יוגנט אויך געווען א ווויקסיקער, נאָר די לעצטע צײַט האָט ער גענומען וואקסן אף צוריק. ניט באמערקט איז די פלייצע וואָס אמאָל מער אײַנגעבויגן געוואָרן, דער האלדז — קירצער, און די ברוסט אײַנגעפאלן. דערפאר האָבן די דורכגעטריבענע אויגן זײַנע ניט געוואָלט, בעשום־אויפן ניט געוואָלט פארלירן דעם גלאנץ זייערן. עפשער איבער דעם האָט זיך אויסגעוויזן, אז פון אונטער מאָרדכע־ארנס געדיכטע גרויע ברעמען טוען פון מאָל צו מאָל א שפריץ הייסע פונקען.

איצט איז סאדיע א מעכאניקער פון די מאָדערנע האלב־אווטאָמאטן. אף די דאָזיקע מאשינעס ארבעט מען אויס טעפיכער, סערוועטן, קאָלדרעס.

אף דער פאבריק בײַטן זיך די הויפט־מעכאניקער יעדער מיטוואָך און דאָנערשטיק, און ער, סאדיע, מוז אלעמאָל פארבײַטן דעם אינזשעניער, וואָס גייט אוועק. נאָר סאדיע זיצט קיינמאָל ניט אין קאבינעט, ער איז שטענדיק אין די צעכן. די וועבערנס בענקען נאָך אים. ווי נאָר ער באווײַזט זיך אף דער שוועל, הייבן אָן די מיידלעך אויסזינגען: „סאדיע טײַערער", „סאדיע, קום אהער גיכער"...

סאדיע אײַלט זיך קיינמאָל ניט, נאָר שטענדיק קומט ער צו דער צײַט אהין, ווו מע דארף אים. זײַן טונקל־בלויער קאָמבינעזאָן, דער לעדערנער קארטוז טוקט זיך צווישן די געפארבטע און ווײַסע אָסנאָוועס.

ווארמעס־צײַט, ווען די ווערקשטעלן שווײַגן, שטייען אויסגעמאטערטע, ווארעמע, גלאנצן ווי פײַכטע פון שווייס, און אין צעך איז שטיל, הערט מען, ווי עס סקריפען סאדיעס שטיוועלעך. דעמלט איז דעם מעכאניקערס צײַט — ער קאָן אונטערציִען א גײַקע, איבערײַסן א דעטאל, ארופקריכן אפן בריקל צו דער זשאקארד־מאשין, איבערבײַטן די קארטלעך, דער געמעל אפן טעפיך זאָל זײַן בוילעטער. סאדיע דארף בלויז א קוק געבן מיט זײַנע אויגן אָדער צולייגן א האנט, אז דער ווערקשטעל זאָל נעמען גיין ווי א זייגער. ווען סאדיע זאָל געווען ענדיקן דעם אינסטיטוט, וואָלט ער שוין פון לאנג געווען דער הויפט־מעכאניקער פון דער פאבריק. פאראיאָרן האָט ער גענומען זיך גרייטן אין הינטער־אויגיקן אינסטיטוט, האָט אים זײַן ווײַבעלע, זאָיע, אָפּגעטאָן אף טערקיש — זי איז אנטלאָפן מיט א סטודענט, וואָס האָט פראקטיקירט אף דער פאבריק, און אים, סאדיען, איבערגעלאָזט מיטן פיריאָריקן מיידעלע.

זאָיע איז געווען דאָס שענסטע מיידל אין יִשעוו, איינע פון די בעסטע וועבערנס, וואָס האָבן געארבעט אף די ברייטע האלב־אווטאָמאטן. אין צעך האָט מען זי גערופן די מיזינקע, כאָטש די לעצטע צײַט זײַנען געווען א סאך וועבערנס יִנגערע פון איר. די דאָזיקע מיזינקע האָט אים איבערגעלאָזט א בריוועלע. פון אָנהייב האָט סאדיע געמיינט, אז זײַן ווײַבעלע וויל אים אָפּטאָן א שפיצל. זאָיע איז געווען א שטיפערן, ליב געהאט טרײַבן לעצאָנעס, שפאסן. נאָר ווען סאדיע האָט מיט די אייגענע אויגן איבערגעלייענט, אז זי מוז אף אייביק פארלאָזן די שטוב, אז אנדערש קאָן זי ניט, זי פאָרט אוועק מיט וויקטאָר פעטראָוויטשן, ווײַל זי האָט אים ליב מער ווי דאָס לעבן, — איז סאדיען קאלט געוואָרן, ער האָט מוירע געהאט לייענען ווײַטער. אנידערגעלייגט דאָס בריוועלע אפן טיש און זיך געלאָזט גיין פארמאכן דאָס אָפענע פענצטער. אים האָט זיך געדאכט, אז פון פענצטער גייט די קעלט. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן. האָט ער פארוקט דאָס פאָרהענגל, פארלאָשן די שײַן. ווען ס'איז געוואָרן פינצטער און שטיל, האָט ער אָנגעהויבן פארשטיין, פארוואָס זאָיע האָט אינדערפרי אים געזאָגט, ער זאָל נאָך דער ארבעט ארײַנגיין אין קינדערגאָרטן אָפנעמען אינען. זי וועט דארפן צופאָרן אין שטאָט, האָט זי געזאָגט, און ווייסט ניט, ווען זי וועט זיך אומקערן. אים איז אפן זינען ניט געקומען, אז ער זעט זי דאָס לעצטע מאָל. ער האָט דעמלט ניט געקאָנט באנעמען, פארוואָס האָט זי אויסבאהאלטן פון אים אירע אויגן, וואָס האָבן געלויכטן מיט אָן א שיר פײַכטע גלאנציקע פענצטערלעך, זי האָט אָנגע־

נומען זײַן האַנט, איבערגעציילט זײַנע פינגער און דערנאָך צוגעטוליעט צו איר ברוסט. אים איז פלוצעם אזוי גוט געוואָרן, אזוי היימלעך, ווארעם, אז ער האָט זי מיט דער פריִער האַנט ארומגענומען, און זי האָט אים פלוצעם ארומגעכאַפּט מיט ביידע הענט ארום האַלדז, געקושט אין די אויגן, און ער האָט ניט געוווּסט, אז זי געזעגנט זיך מיט אים.

סאַדיע געדענקט שוין ניט, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אים יענע נאַכט. עפשער האָט ער זיך דעמלט דערמאָנט, וויִאזוי זאַיע איז געקומען אין צעך זיך לערנען פאר א וועבערן. די ערשטע צײַט האָט זי מוירע געהאַט צו קוקן סאַדיען אין פּאָנעם ארײַן. מיט אלע קויכעס האָט זי זיך געסטאַרעט ניט ווארפן זיך דעם מעכאַניקער אין די אויגן, און ער פלעגט זי דאַפקע געפינען, און פונקט דעמלט, ווען זי האָט פארפּלאָנטערט אַן אָסנאָווע אָדער קאַליע געמאַכט דעם מעכאַנישן וועבשטול. זאַיע, די נײַע שילערן, איז אים דערגאַנגען די יאָרן, ס׳איז ניט געווען אויסצוהאַלטן פון איר. אין איינעם א שיינעם טאָג האָט זי גאָר צעשרויפט דרײַ שיפלעך פאר איין גאַנג. און אז ער האָט זי געפרעגט, צוליב וואָס זי צעשרויפט די שיפלעך, האָט זי אראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד, די ווײַסינקע בעקלעך האָבן זיך אָנגעצונדן מיט א העליש פײַער און די רויטע פארב האָט זיך צעגאָסן אזש ביז די שלייפן. דרייענדיק די פינגער פון די הענט, איז זי געשטאַנען מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ און געשוויגן. פון דעם דאָזיקן שווײַגן איז אומעגלעך געווען אויסהאַלטן. סאַדיע אליין געדענקט גאָר ניט, ער זאָל אמאָל ווערן אזוי אופגעטראָגן:

— דו קאָנסט רעדן, צי דו ביסט שטום?

אָף זאַיעס פינטלענדיקע וויִעס האָבן זיך באַוויזן טראָפּנדלעך טרערן. כליפּענדיק און בײַסנדיק די ליפּן, האָט זי קוים געשטאַמלט:

— אז די שיפלעך רײַסן דעם פאָדעם, בין איך שולדיק?

און ער, סאַדיע, איז אָקאָרשט ניט צעשפּרונגען געוואָרן פאר קאַס. א האָזע פון א מיידל, זי וויל אים אײַנרעדן, אז זי איז ניט שולדיק. נאָר מער וועט ער פון איר ניט לײַדן. און דעמלט טאַקע, ניט געשעמט זיך, איר ארײַנגעזאָגט ווי עס באַדאַרף צו זײַן:

— ווילן יאָ, ווילן ניט, גיי זאָג דעם צעכנאַטשאַלניק, אז פון דיר וועט קיין וועבערן ניט זײַן, זאָל ער דיך בעסער אַנידערזעצן בא א רעדל וויקלען שפּולן פון פארפּלאָנטערטע באַבינעס. נישקאָשע, דײַנע אײַזערנע נערוון וועלן אויסהאַלטן.

ער האָט אויסגעשלאָסן איר וועבשטול און זיך געלאָזט גיין, ניט געהערט, ווי נאָך אים שפּאַנט פרידע־פראַדל — א מיידל, וואָס האָט שוין פריִער מיט א כוידעש אָנגעהויבן ארבעטן זעלבשטענדיק. זי איז טאַקע געווען א פלײַסיקע שילערן, פון דער הויט געקראָכן, קעדיי אלץ זיך דערוויסן און פולקום באַהערשן די מעלאָכע.

אין דער פאַבריק ווייסן אלע, פארוואָס די דאָזיקע וועבערן טראָגט א צווייענדיקן נאָמען. געהייסן האָט זי פראַדל. ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָבן די כאַווערטעס זי אָנגעהויבן רופן פרידע, אָבער ווען איר מוטער איז וועגן דעם געוווירע געוואָרן, האָט זיך געטאָן כוישעך. די קוילעס פון פרידע־פראַדלס מאַמען האָבן געהילכט איבערן גאַנצן יישעוו, זי האָט געטײַנעט מיט א טאָנעס־טפילע־ניגנדל:

— פראַדל, דו ווילסט בלײַבן זיצן א מויד ביזן גרויען צאָפּ? וואָס הייסט, דיר געפעלט ניט מײַן מאַמעס הייליקער נאָמען? דו ווילסט, דײַן באָבע זאָל פון דיר זיך אָפּקערן, אופהערן זײַן א גוטע בעטערן פאר דיר? מיט וואָס איז דער נאָמען פרידע שענער פון פראַדל?!

און פון דעמלט אָן האָבן אייניקע אָנגעהויבן צוריק זי רופן פראַדל, אָבער דער מערסטער טייל האָט זיך שוין ניט געקענט אָפּגעוווינען פונעם נאָמען פרידע. איז די מאַמע אירע אײַנגעגאַנגען, דאָס טעכטערל אירס זאָל הייסן פרידע־פראַדל.

אָט דאָס דאָזיקע מיידל מיטן צווייענדיקן נאָמען האָט זיך ארײַנגעשטעלט צו סאַדיען און פארמאַכט נאָך זיך די טיר, מע זאָל ניט הערן אזוי דעם גערויש און דאָס קלאַפּן פון די מאַשינעס. קוקנדיק אויפן מעכאַניקער מיט פײַערדיקע אויגן, האָט די וועבערן אָנגעהויבן מיט א באַהאַלטענעם קאַס:

— אָף וועמען שרײַט איר עס אזוי, סאַדיע? וועמען טרײַבט איר דאָס פון צעך? זאַיע איז דאָך א קײַלעכיקע יעסוימע. אירע עלטערן ליגן אין גרוב. א גליק, וואָס גוטע מענטשן האָבן זאַיען געראַטעוועט, ווילט איר זי איצט באַאוולען?

סאַדיען האָט ווי עפּעס א זעץ געטאָן אין קאָפּ. ער האָט גענומען ווארפן דאָס געצײַג פון איין אָרט אויפן צווייטן. ער האָט ניט געקוקט אין פרידע־פראַדלס זײַט ארײַן, ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט. און זי, די וועבערן, ווייסט שוין: קוים שווײַגט ער — איז א גוטער סימען. און שוין אין גוטן מוט, שענקענדיק דעם מעכאַניקער א ווייך שמייכעלע, האָט פרידע־פראַדל גענומען בעטן, ער זאָל זאַיען ניט באַליידיקן. אויב זי איז ניט אזוי פייִק צו דער ארבעט, דאַרף מען זי געדולדיק לערנען, מיטאַמאָל ווערן דאָך קיין וועבערנס ניט געבוירן.

און אין א פאָר טעג ארום, דאָס איז פאָרגעקומען ווארמעס־צײַט, אין צעך איז געווען שטיל, די וועבערנס זײַנען אוועק אין גאָרקיך עסן מיטיק, איז דער מעכאַניקער, ווי זײַן געוווינהײַט

איז געווען, אַרומגעגאַנגען צווישן די וועבשטולן. אינמיטנדערינען האָט ער דערהערט עפּעס א פּישטשען. סאַדיען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ערגעץ ניאַווקעט א קעצל. ווען ער איז אָבער צוגעקומען נענטער צום אָרט, האָט ער דערזען, ווי זאַיע זיצט אַף א קלומעקל גאַרן און וויינט שטילערהייט. דאָס מאָל, ווען זי האָט אים דערזען, איז זי ניט רויט געוואָרן, פאַרקערט, זי איז געוואָרן בלאַס, ווי די וואַנט, א דערשראָקענע געקוקט סאַדיען גלײַך אין די אויגן און ווי ניט אומיסטן א שמיר געטאָן מיט דער קוי־טיקער האַנט איבערן פּאָנעם. די נאָז איז פאַרמורזעט געוואָרן, ווי בא א קליין קינד, וואָס האָט געלעקט האָניק פון א שאָל. דערזעענדיק א שמייכל אַף סאַדיעס פּאָנעם, האָט זאַיע זיך ערשט ביטער צעוויינט.

אדהײַעם פאַרשטייט ניט סאַדיע, פאַרוואָס זי איז געקראָכן צום אונטערשטן נאַוואָי. אַזוי פאַרפלאָנטערן אַן אָסנאָווע האָט מען באַדאַרפט קאָנען!

סאַדיעס שווײַגן איז פאַר זאַיען געווען אַן אומגעריכטע זאַך. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער בייזערט זיך ניט. ער העלפט איר זיך אופהייבן פונעם קלומעק גאַרן, און זי, ווי א קליין קינד, גייט אים נאָך. ער הייסט, זי זאָל זיך וואַשן — פאָלגט זי. ער הייסט גיין נעמען זײַן האַנטעכל זיך אַרומווישן — שאָקלט זי מיטן קאָפּ, אַז זי פאַרשטייט, וואָס ער רעדט צו איר. ערשט אַפן צווייטן טאָג האָט ער גענומען מיט איר קנעלן.

די צײַט איז געגאַנגען, און זאַיע האָט אומגעריכט זיך אויסגעלערנט אַרבעטן אַפן וועבשטול. זי האָט אופגעהערט זיך שעמען פאַר סאַדיען. פאַרקערט, ווען זי פלעגט אים נאָר דערזען, האָט זי פונדערווײַטן אים געגעבן צו וויסן, אַז בא איר איז אַלץ אין אָרדענונג.

און איינמאָל האָט זי זיך גאָר ניט געשעמט און גענומען רופן צו זיך סאַדיען. זי האָט באַצײַטנס צוגעגרייט א סיבע — די וועבשטול, פילט זי קלוימערשט, וועט אָט־אָט נעמען פּראַווען פוילע שטיק. זאַיע איז דעמלט געווען פאַרפּוצט אין א נײַ קלייד, אין שיכלעך אַף הויכע קנאַפּל, און די פּריטשאָסקע איז געווען גאָר א געהויבענע. דערזען זי אין דעם דאָזיקן הוילעך, האָט דער מעכאַניקער זי אָפּגעמאָסטן מיט א בייזן בליק. ס'איז קאָנטיק געווען, אַז ער איז ווידעראַמאָל געוואָרן אופגעטראָגן:

— ביסט געקומען אַף אימענינעס צי אַף דער אַרבעט? — האָט ער איר אַרײַנגעשריִען אין אויער.

בעסער וואָלט ער זי אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער ברודיקער וואַסער. זאַיע האָט זיך אָבער ניט פאַרלוירן, אין איין אויגנבליק האָט זי אויסגעשלאָסן דעם סטאַנאָק און מיט קאַס אים געענטפערט:

— אַף א כאַסענע בין איך געקומען! — אירע אויסגעגלעקלטע גאָלדענע האָר האָבן, דאַכט זיך, גענומען קלינגען. זי האָט זיך צעלאַכט. די ווײַסע ציין אירע האָבן א בלישטשע געטאָן מיט א גלאַנץ פון א בלאַנקענדיקן מעסער.

באַנאַכט, ליגנדיק אַפן געלעגער, האָט זאַיע ניט געקאָנט אײַנהאַלטן די טרערן. ניט געוואָלט מויכל זײַן סאַדיען פאַר דער באַליידיקונג. און אויך דערפאַר, וואָס ער וויל ניט פאַרשטיין, אַז צוליב אים האָט זי זיך אַזוי אויסגעסטראָנצלט.

נאָך דעם פאָרגעקומענעם איז זאַיע געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. זעלטן־ווען פלעגט זי רופן דעם מעכאַניקער צו איר אַרבעטס־אָרט, כאָטש צו יענער צײַט האָט זי שוין געאַרבעט אַף אַכט וועבשטולן. זי פלעגט זיך צו אים ווענדן בלויז דאַן, ווען זי האָט שוין קיין אַנדער ברײרע ניט געהאַט.

יענעם אָוונט וועט סאַדיע לאַנג געדענקען. דאָס איז געווען א טאָג ערעוו דעם ערשטן מײַ. נאָך דער פײַערלעכער פאַרזאַמלונג און נאָכן קאָנצערט זײַנען די מיידלעך מיט א טומל און א געלעכטער אַרויס פונעם קלוב אַפן פּלאַץ, ווו די טענץ האָבן זיך באַדאַרפט אָנהייבן. צווישן דעם האַמוין איז אויך געווען זאַיע, אָבער זי האָט ניט געלאַכט און ניט געזונגען. אירע אויגן האָבן עמעצן געזוכט, און ער, סאַדיע, איז נײַגעריק געווען צו וויסן, וועמען וויל זי עס געפינען. און אינגיכן איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן. ווי נאָר ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פונעם קרײַז מיידלעך און פאַרקערעוועט אין געסל צו פרידע־פראַדלען, בא וועלכער ס'האָט זיך באַדאַרפט צונויפקלײַבן א היימישער אוילעם אַף א ליאַמעלעקאָווער דעם יאָמטעוו, האָט ער ניט ווײַט פון פרידע־פראַדלס הויף באַמערקט עפּעס א שאָטן, וואָס איז איבערגעלאָפן דעם וועג און געלאָזט זיך גיין אים אַנטקעגן. בלויז ווען ער האָט דערהערט איר קאָל, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זאַיע.

— צו פרידע־פראַדלען וועל איך אײַך ניט לאָזן... וואָס איר ווילט, טוט מיט מיר, איך וועל ניט לאָזן אײַך גיין אַהין...

— פאַרוואָס? — איז סאַדיע פאַרוווּנדערט געוואָרן.

זאַיע האָט גענומען אַפּגיך דערציילן, אַז זי האָט אַליין געהערט, ווי מיכעלע דער שאָפער, וואָס גייט נאָך פרידע־פראַדלען, ווי א שאָטן, האָט געזאָגט, אַז הײַנטיקס מאָל וועט דער געהויבענער מעכאַניקער בא אים זשליאָקען בראַנפן, ווי אַן אָגער וואַסער. מיכל האָט זיך אויסגעפײַנט, אַז ער וועט אַזוי אָנפּאָיען דעם הייליקן מאַלעך סאַדיען, אַז ער וועט בא אים קריכן אַהיים אַף אַלע פיר און פאַרלירן די הויזן.

אויסגעהערט די דאָזיקע רייד, האָט סאַדיע זיך הילכיק צעלאַכט. זאַיע איז פאַרציטערט געוואָרן

און אפילע ניט געפילט, ווי סאדיע האָט פאָרזיכטיק אנידערגעלייגט זײַנע הענט אף אירע אקסל, אָבער אין א ווײַלע ארום האָט זי אָנגענומען ביידע הענט זײַנע און באהאלטן איר פּאָנעם אין זיי, דערבײַ געבעטן זיך בא אים:

— איך וויל ניט, מע זאָל פון אײַך אָפּלאכן, איך וויל ניט...

פילנדיק איר ווארעמען אָטעם, איר נאָענטקײַט, איז סאדיע ניספּאָעל געוואָרן, איינצײַטיק זיך דערפרייט מיט דער דאָזיקער באגעגעניש. ער האָט ניט דערווידערט, ווען זאָיע האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, געפירט אים אליין ניט וויסנדיק וווהין. זיי האָבן לאנג געבלאָנדזשעט איבער די הינטערגעסלעך, ביז זיי זײַנען אָנגעקומען צום וואלד.

זיי האָבן ניט באמערקט די שטיקלעך בלויע הימלען, באשאָטענע מיט שטערן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי סאמעטענע. ניט געהערט, ווי דאָס ווינטל איז ארומגעלאָפן הין און צוריק איבער די סאָסנע־קרוינען. זיי האָבן גאָרניט באמערקט, וווהין איז די נאכט אהינגעקומען.

און פרידע־פראדל האָט ארויסגעקוקט אף סאַדיען, געווארט אף אים און זיך ניט דערווארט. ווען זי האָט זיך דערוווּסט, פארוואָס ער איז צו איר אף יאָמטעוו ניט געקומען, האָט זי אף צולאָכעס סאדיען באשלאָסן כאסענע האָבן מיט מיכעלען.

...אינעס געוויין האָט איבערגעשלאָגן זײַנע מאכשאָוועס. ווײַזט אויס, די קליינע האָט עפּעס געפילט. און עפשער האָט זיך איר געכאָלעמט א שלעכטער כאָלעם.

■

אין בריוועלע איז געווען אָנגעשריבן, אז זאָיע לאָזט בא אים די טאָכטער צײַטווײַליק. אינגיכן וועט זי אינעטשקען צונעמען צו זיך. זי האָט אויך געבעטן, אז סאדיע זאָל זי שטארק ניט שעלטן, זי ווייסט, אז ער איז א גוטער. ער וועט איר פארגעבן, ער וועט איר מויכל זײַן.

...און אינע האָט פון גאָרנישט ניט געוואָלט וויסן, געוויינט, געשריגן, אז זי וויל צו דער מאמען. ווען סאדיע האָט איר געוואָלט דערציילן א מײַסעלע, האָט די קליינע פארוואָרפן מיט די הענט און מיט די פיס, אין איין קאָל געפאָדערט, די מאמע זאָל צו איר קומען.

דאָס דאָזיקע געוויין האָט דערהערט די שכייניע פרידע־פראדל. זי האָט שוין געוווּסט אלץ, דעריבער האָט זי ארופגעוואָרפן אף זיך דעם כאלאט און זיך געלאָזט צום שאָכן. ווען זי איז ארופגעגאנגען אפן גאנעקל, געוואָלט אָנקלאפן, האָט זיך אויסגעלאָזט, אז די טיר איז גאָר אָפן.

פרידע־פראדל איז ארײַן אין שטוב, דערזען סאַדיען אָן אָנגעטאָנענעם שטיין איבערן קינדערשן בעטל.

— וואָס שרײַט זי אזוי?

סאדיע האָט זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צו דער שכיינע, איר גאָרניט געענטפערט, בלויז א קוק געטאָן אפן טישל, ווו ס׳איז געלעגן זאָיעס בריוו. און זי, פרידע־פראדל, האָט זיך געמאכט ניט וויסנדיק, ניט געפרעגט, צי מע מעג, צי מע טאָר ניט, גענומען לייענען דאָס בריוול. סאדיען ארט ניט: זאָל זי לייענען, זאָל זי וויסן, וועט ער איר ניט דארפן דערציילן. כאָטש ער ווייסט, אז די שכיינע וועט זיך דערפון ווינציק וואָס נעמען צום הארצן, ווײַל זי, פרידע־פראדל, האָט איבערגעלעבט א גרעסערן אומגליק — פארצווייִאָרן איז איר מאן, מיכעלע דער שאָפער, אומגעקומען אין אן אווטאָ־קאטאַסטראָפּע און זי איבערגעלאָזט מיט צוויי קינדער. נאָר פרידע־פראדל וועט אָבער אין וואסער ניט דערטרונקען ווערן און אין פײַער ניט פארברענט ווערן. זי איז א גוט פעפערל. סאדיע געדענקט, ווי זי האָט עס געקויעט, ווען מע האָט זיך צוזאמען בישכיינעס געבויט די שטיבער. זי האָט געריסן שטיקער, מע זאָל איר אויסטיילן א גרעסער שטיקל גאָרטן. זי איז מעקאנע געווען זאָיען, ווײַל יענע איז שענער פון איר, ווײַל ער, סאדיע, טרינקט ניט און איר מיכעלע זשליאָקעט בראנפן, ווי א לאָשעקל וואסער. זי האָט ניט געקאָנט פארלײַדן, וואָס סאדיען האָט מען געבראכט אן איבעריקע מאשין וואפנע, וואָס מע האָט אים דעם ערשטן אויסגעטיילט שיפער אף דעקן דעם דאך. זי איז דעמלט געקומען צו לויפן אין פאבקאָם, געקלאפט אין טיש, האלעמײַ אים, סאדיען, יאָ און איר ניט. געהאלטן אין איין טײַנען, אז זי ארבעט שוין אף דער פאבריק ניט פון נעכטן און אז איר מאן איז שוין קימאט אכט יאָר דאָ א שאָפער, זי האָט צוויי קינדער, און סאדיע נאָר איינס.

די מיידלעך האָבן גערעדט צווישן זיך, אז פרידע־פראדל טוט א קוק, רײַסט זיך איבער א פאָדעם אף דער אָסנאָווע און דער האלב־אווטאָמאט בלײַבט שטיין. דאָס איז שוין ניט עמעס. סאדיע ווייסט, אז עס שטאמט פון קינע. פרידע־פראדלס אויגן זײַנען ניט פּאָשעט קיין אויגן. זאָל א דורכגייער זיך באגעגענען מיט איר אייפערדיקן בליק, וועט ער אומבאדינגט זיך מוזן אויסקערעווען א קוק טאָן איר אין פלייצע. און ס׳איז טאקע דאָ וואָס צו זען!

פרידע־פראדל האָט איבערגעלייענט דאָס בריוועלע, אירע קליינינקע נאָזלעכלעך פון איר אויסגעטאָקט נעזל האָבן א ציטער געטאָן, זי האָט אָפּגעמאָסטן סאדיען פון קאָפּ ביז די פיס און גענומען אויסזינגען:

— נו, איז וואָס, איבער דעם דארפסטו פאלן אין גאס? דו מיינסט, אז זאָיע וועט אנטלויפן אף דער לעוואָנע? אין א פּאָר וואָכן ארום וועסטו זי האָבן צוריק, פארליר נאָר ניט דאָס היטעלע,

זײַ ניט קיין נעבעכל, דו ביסט דאָך עפּעס סאַדיע, ניט קיין לעמעשקע, — און באַלד האָט זי געהעכערט דאָס קאָל, — אַ קליינע כאָכמע האָט זי געטאָן, דײַן זאַיע. ווען איך האָב וועמען אונטערוואָרפן מײַנע צוויי מאַמזיירימלעך, וואָלט מען מיך אויך פאַרצוקערט. — זי איז צוגעגאַנגען צום קינדער־בעטל, אַ נעם געטאָן אינען אָף די הענט, — שאַ, טאָכטער מײַנע, שאַ, קינדעלע, דײַן טאַטע איז דאָך פריש, געזונט און ניט מיט אַלעמען. ער ווייסט דען ניט, אַז דײַן מאַמע דעזשורעט אין סאַדיק און וואַרט דאָרטן אָף דיר. קום, כּײַעס מײַנער, וועלן מיר אײַנשפּאַנען מײַנע בײדע לאָשעקלעך, און מיר וועלן פאָרן צו דײַן מאַמען. נאָ, היי, מאַכט אַ וואַרע! — זי האָט צוגעטוליעט אינען צו אירע שטײַפע בריסטן, נאָר פונדעסטוועגן האָט זי ניט אויסגעהאַלטן און אַרויסגעפּינטלט אַ טרער פונעם רעכטן אויג. ניט קוקנדיק אינעם שאָכנס זײַט, האָט זי געזאָגט:

— סאַדיע, פאַל באַ זיך ניט אַראָפּ. וואַש זיך אַרום, כאַפּ עפּעס איבער און גיי צו דער אַרבעט, דאָרטן וואַרט מען אָף דיר. — זי איז געבליבן שטיין אָף אַ ווײַלע לעם דער שוועל, נאָכדעם מיטן פוס געעפנט די טיר און אַרויסגעכליפּעט: — פאַרן קינד זאָרג זיך ניט, דאָרטן, וווּ עס פעסטען זיך צוויי, וועט אינע זײַן אַ דריטע.

סאַדיען איז אַ ביסל גרינגער געוואָרן אָפן האַרצן. ער ווייסט, אַז מיט פרידע־פּראַדלען ווערט מען ניט פאַרפאַלן. ביז איצט האָט מען דאָס קליינוואַרג געפירט אין קינדערגאָרטן לויט דער ריי — אַמאָל פרידע־פּראַדל, אַמאָל זאַיע אָדער סאַדיע, און כאָטש די שכיינע איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט קינע, דאָך איז זי אַ מענטש, וואָס איז געטרײַ און איבערגעגעבן מיט דער נעשאָמע.

פרידע־פּראַדל איז אַ פּראַוואָרגע, אַ פלינקע, כאָטש זי איז אַ דיקלעכע. דער שטײַפער גוף אירער איז רירעוודיק, די אַרבעט ברענט מאַמעש באַ איר אין די הענט. זי האָט די ערשטע באַהערשט דעם האַלב־אווטאָמאַט מיט דער זשאַקאַרד־מאַשין, נאָכדעם האָט זי זאַיען געלערנט, און בײדע האָבן זיי אַ לאַנגע צײַט פּראַקטיקירט אָף איין האַלב־אווטאָמאַט — זאַיע אָף דער ערשטער וואַכטע, און פרידע־פּראַדל אָף דער צווייטער. אין אַ צײַט אַרום האָט מען אָנגעהויבן אַרבעטן אָף צוויי האַלב־אווטאָמאַטן און אָף פיר, נאָר קיינער האָט אַזוי ניט אַכטונג געגעבן אָף די מאַשינעס, ווי פרידע־פּראַדל. זי האָט זיך ניט געפוילט קומען אָף אַ האַלבער שאָ פריִער אין צעך, דורכקאָנטראָלירן די קאַרטלעך פון דער זשאַקאַרד־מאַשין, באַצײַטנס דערמאָנען, מע זאָל איר צוגרייטן אָן אָסנאָווע, ווײַל אירע אויגן האָבן פינקטלעך געטראָפן, אָף וויפל שאָ דער נאַוואָי וועט איר קלעקן. איר ווײַזט זיך אַלץ אויס, אַז די וועבערן, וואָס האָט געאַרבעט אָף דער צווייטער וואַכטע, האָט ניט אָפּגעראַמט דעם וועבשטול ווי סע דאַרף צו זײַן.

נאָכן מאַנס טויט איז פרידע־פּראַדל געוווען ניט צו דערקענען. זי איז גלײַכגילטיק געוואָרן צו דער אַרבעט און צו דעם גאַנצן אַרום, מע האָט שוין געמיינט, אַז די וועבערן גייט צו גרונט, אָבער אין אַ צײַט אַרום האָט זי זיך ווי מיט גוואַלד אַרויסגעריסן פון אירע קלעמעניש, ווידער אויסגעגלײַכט זיך, אָנגעהויבן שפּרײַזן, ווי אַ פּאַווע, עס האָבן אופגעלעבט אירע אויגן, די ווינקעלעך פון איר שיין מויל. עס האָט פון פרידע־פּראַדלען געשמעקט, ווי פון אַ פרישן וואַסער־קוואַל. זי איז געקומען אין צעך אין אַ ראָזעווע קאָפּטעלע, אין טונקלע בלויע שאַראַוואַרעס, און כאָטש זי איז אַ ביסעלע פולער געוואָרן, דאָך האָט איר ניט געשטערט פלינק, ווי אַ קאַץ, אַרופשפּרינגען אָפן בריקל אונטער דער סטעליע צו דער זשאַקאַרד־מאַשין. בלויז לעס־ברײַרע שיקט זי רופן סאַדיען. מערסטנטייל באַגייט זי זיך אָן אים. זי האָט אַליין זיך אויסגעלערנט באַזײַטיקן דעם פעלער פון דער מאַשין. נאָך ערשט ניט לאַנג האָט זי זיך אָפּגעמוטשעט עפּשער אַ האַלבע שאָ און ניט געקאָנט געפינען די סיבע, פאַרוואָס די זשאַקאַרד־מאַשין פּלאָנטערט דעם געמעל. זי האָט אַרופגערופן סאַדיען אָפן בריקל, און ער האָט אין איין אויגנבליק באַזײַטיקט דעם פעלער. פרידע־פּראַדל האָט אים אַ גלעט געטאָן איבער דער פלייצע און אַרײַנגעפּליסטערט אין אויער:

— סאַדיע, דײַן גליק, וואָס דו ביסט אַ ביינערדיקער, אַנדערש וואָלט איך דיך אופגעגעסן.

סאַדיע האָט גאָרניט באַמערקט, ווי זי איז ניט געסטײַעט, בלויז דערפילט, ווי די אָנגענעמע וואַרעמקײַט איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

סאַדיען געפעלט צו קוקן, ווי פרידע־פּראַדל קניפּט צונויף די אָסנאָווע. אים דוכט זיך, אַז די פינגער אירע זײַנען לעבעדיקע מענטשעלעך, זיי טוען אַ שנאָל, און צוויי פעדעם ווערן צונויפגעקניפּט. פרידע־פּראַדל פלעגט רײַסן שטיקער פון זאַיען, יענע זאָל איר שענקען אַ ביסעלע פאַרב פון אירע ראָזעווע באַקן, מעקאָנע געוווען אָף זאַיעס ווײַס פּאָנעם. סאַדיע האָט געטראַכט, אַז פרידע־פּראַדלס טונקל־מאַטעווע געזיכט האָט זיך זײַן כיין, ס'איז צאַרט, ווי ווייכער סאַמעט.

■

אויסערלעך האָט מען סאַדיען אָף גאָרנישט ניט געזען. וואָס עס טוט זיך באַ אים אינווייניק, האָט אויך קיינער ניט געוווּסט. ווי פריִער, פלעגט ער קומען אָף דער אַרבעט אַ ציכטיקער,

א געגאָלטער, דאָס ווײַסע קעלנערל פונעם בלאָוון קאָמבינעזאָן האָט בא אים שעמערירט. די ליפּן האָבן געשמייכלט, ווי אמאָל. אָבער ווער עס האָט זיך גוט צו אים צוגעקוקט, האָט געזען, אז אין זײַנע אויגן האָט זיך ארײַנגעגאנוועט א טרויעריק שאָטנדל, און דאָס ניגנדל, וואָס ער ברומט שטענדיק, האָט אָנגעהויבן נעמען באַם הארצן.

אין די פרײַע טעג האָט מען סאדיען מיט זײַן טעכטערל געזען שפאצירן איבערן יִישעוו אָדער לעבן דער סטאנציע. דאָס קינד איז שטענדיק געווען פארפּוצט, דאָס אָנטאָן האָט אַף איר מאמעש געזונגען, און די צעפּעלעך זײַנען געווען פארפלאָכטן מיט זילבער־ווײַסע סטענגעס.

פרידע־פראדלען געפעלט זיך צו פאָרען מיט אינעס צעפּ. אזעלכע באנטן, ווי די שכיינע פלעגט אויסבינדן דעם מיידעלע, האָט אפילע זאָיע ניט געקאָנט מאכן. בא פרידע־פראדלען זײַנען צוויי יִינגלעך, זי שעמט זיך ניט און זי רופט זיי „מײַנע מאמזיירימלעך”. דער עלטערער מאזיק איז אלט פיר יאָר, דער קלענערער — צוויי מיט א האלבן. בלויז גאָט אין הימל ווייסט, ווי פרידע־פראדל האָט געוואָלט האָבן א מיידעלע. זי האָט אנומלטן געזאָגט:

— סאדיע, לאָמיר זיך בײַטן, קלײַב זיך אויס וועלכן דו ווילסט און מיר גיב אָפּ אינען.

סאדיע האָט קיין צײַט ניט געהאט זיך פארנעמען מיט אינעס צעפּלעך. ביז ער האָט זיך אָפּגעפּארטיקט מיט איינעם, איז געוואָרן ליכטיק אין דרויסן און ער האָט שוין געמוזט לויפן אַף דער ארבעט. דעריבער האָט ער געוואָלט אָפּשנײַדן באַם קינד די צעפּ, קעדיי ניט האָבן מיט זיי צו טאָן. אינע וועט אונטערוואקסן און אליין קאָנען זיי פארפלעכטן, וועט זי זיך דעמלט פארלאָזן צעפּ. אז סאדיע האָט זיך געהאלטן וועגן דעם אָן אייצע מיט פרידע־פראדלען, האָט יענע צוגעזאָגט, אז פריִער וועט זי אים אויסדראַפּען די אויגן, אויסרײַסן ביז איין הערעלע פון די וואָנצעס, נאָכדעם וועט זי אים אָפּהאקן דעם קאָפּ און אים געבן אין די הענט ארײַן, אויב ער וועט זיך צורירן צו אינעס צעפּלעך. און אז סאדיע האָט געזאָגט אינען, אז מע דארף אָפּשנײַדן אירע צעפּלעך, איז די קליינע אָפּגעטראָטן צו דער וואנט, אָנגענומען די צעפּ אין ביידע הענט און, אויפהייבנדיק אַפן טאטן די אויגן, געזאָגט:

— איך וועל ניט לאָזן שנײַדן, די צעפּ זײַנען דער מאמעס.

סאדיע האָט באמערקט, אז דאָס טעכטערל ענדערט זיך מיט יעדן טאָג. זי האָט אויפגעהערט וויינען, פרעגט ניט, ווו איז די מאמע, פונקט ווי זאָיע איז גאָר אַף דער וועלט ניט געווען. בלויז איין מאָל נאָך זאָיעס אוועקגיין האָט סאדיע דורכן שלאָף דערפילט, ווי אינע שטייט לעבן זײַן בעט און קוקט אַף אים, זי האָט אים ניט געוועקט, נאָר בלויז געקוקט.

— וואָס שלאָפסטו ניט, טאָכטערקע? — האָט ער געפרעגט.

— אָן דער מאמען האָב איך מוירע, — האָט אינע א זיפץ געטאָן.

דעמלט האָט סאדיע זי גענומען אַף די הענט און, ברומענדיק זײַן לידל, ארומגעשפּאנט פון איין צימער אין צווייטן, ער האָט זי געוויגט און געקוקט אַף איר ווײַס פּענעמל, אַף די טונקל־ברוינע ברעמען, וואָס זײַנען ענלעך געווען אַף דער מאמעס, אַף די פלאמיקע בעקלעך און אַף די לאנגע וויִעס, פארבויגענע ארויף צו די ברעמען. „די מאמע מיט די ביינער, און שוין...”

■

די צײַט איז געגאנגען. מע האָט איבערגעלעבט דעם ווינטער, און ווידער האָבן די יעלן געשמעקט מיט ווארעמער זון און מיט סמאָלע, אין די סעדער האָבן געבליט די עפּלביימער, אָפּגעטרייסלט פון זיך די ווײַסע פליטערלעך אַף דער ערד. ס'האָט דאָך געשמעקט מיט א פרעסטל. סאדיע האָט זיך אָנגעהויבן בייזערן אַף די מיידלעך, וואָס אײַלן אהיים, מע מאכט בעקיצער מיט אויפראמען די מאשינעס. „ס'ציט אײַך שוין אַף דער פּאשע?” — האָט ער געברומט. אָן אנדערשמאָל פלעגט ער זיך כאָכמענען: „מאכעשייפעלעך, ווער האָט אײַך אויסגעטראכט?”. בלויז צו סאָניעטשקען פון אָ.ט.ק. האָט ער קיין טײַנעס ניט געהאט. פארקערט, ער האָט זיך באמיט פארענדיקן אלע ארבעטן, ער זאָל קאָנען זי באגלייטן צו דער סטאנציע.

סאָניעטשקע ארבעט שוין העכער צוויי יאָר אַף דער פאבריק. מע האָט זי צוגעשיקט אהער, ווען זי האָט פארענדיקט דעם טעקסטיל־טעכניקום. אליין וווינט זי אין שטאָט, און יעדער טאָג קומט זי צו פאָרן אַף דער ארבעט מיט דער עלעקטריטשקע. דאָס מיידל האלט פון זיך א וועלט, די וועבערנס האָבן פאר איר אָפּשײַ, זיי ווייסן, אויב סאָניטשקע וועט אויפשטיין אַפן לינקן פוס, וועט זי זיך טשעפּען צו א קלייניקײַט, זי וועט זוכן און געפינען: איבערפירן א סערוועט אין צווייטן סאָרט, צי עפּעס אנדערש. און אויב ס'האָט זיך איר געכאָלעמט א שלעכטער כאָלעם, פרווט זי פארבראקירן א טעפּיך אויך. אָבער די לעצטע צײַט זײַנען די וועבערנס געוואָרן קליגער, און מע רופט ארויס דעם שעף פון אָ.ט.ק., ער זאָל זאָגן מעווינעס. ניט אומזיסט האָבן די מיידלעך סאָניעטשקען ליב פונדערווײַטנס, ניט נאָר דערפאר וואָס זי קאָן מאכן קלענער די „פּאָלוטשקע”, נאָר אויך דערפאר, וואָס זי מיינט, אז זי איז שענער און געבילדעטער פון דער גאנצער וועלט.

סאָניע ברענגט פון שטאָט די לעצטע מאָ־דעס — דאָס טוט זי אָן אַ קליידעלע, וואָס דערלאַנגט אַפילו ניט די קני׳עס, דאָס פאַרבט זי אָן די אויגן אַזוי, אַז זיי ווערן צוויי מאָל לענגער, דרײַ מאָל שמעלער און שאַרף ווי די מעסערס. ווען סאָניעטשקע איז דאָ ניט לאַנג געקומען צוגאַסט צו סאַדיען, האָט די קליינע אינע זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זי האָט זיך אַרויסגעגאַנוועט פון שטוב און אַנטלאָפן צו דער מומע פרידע־פּראַדל.

— וואָס איז געשען, גענדולע מײַנע? — האָט פרידע־פּראַדל זי געפרעגט.

אינע האָט גענומען שטאַמלען:

— איך האָב מוירע פאַר יענער טיאָטיע...

— אַ מאַשל־קאַפּאַשל, ווער דאַרף האָבן יענע טיאָטיע? — האָט פרידע־פּראַדל זי צוגעפירט צום טיש. — עסן ווילסטו, כּ׳יעס מײַנער?

— ניין, כ׳וויל ניט.

— וואָס זשע דען ווילסטו, מיידעלע?

— גאָרניט.

— וואָס זשע וועלן מיר איצט טאָן? מײַנע מאַזיקים, יאַשע מיט וועלוועלען, נעכטיקן דאָך הײַנט בא דער באָבען. שאַ, ווייסטו גאָר וואָס, לאָמיר שפּילן אין באַהעלטערלעך.

אינע האָט געדרייט מיטן קאָפּ, זי וויל זיך ניט שפּילן, זי האָט אופגעהויבן די הענטלעך, און פרידע־פּראַדל האָט פאַרשטאַנען, וואָס די קליינע וויל. אינע האָט ליב זיצן בא איר אף די הענט און שווײַגן. אָבער דאָס מאָל האָט זי צוגעשפּאַרט דאָס קעפּל צו פרידע־פּראַדלס האַנט און שטילערהייט דערציילט, אַז קאַטיע רייצט זיך מיט איר אָט אַזוי־אָ:

— אַ־האַ־אַ־האַ, דײַן מאַמע האָט דיך אוועקגעוואָרפן, אַזוי קומט דיר!..

פרידע־פּראַדל האָט געפילט, אַז דאָס קינד וועט באלד אויסשיסן אַ געוויין. זי האָט שטאַרק צוגעדריקט אינעס קעפּל צו דער ברוסט און גענומען זי טרייסטן:

— וואָס הערסטו זי, קאַטיען? אינגיכן וועט קומען די מאַמע. די מאַמע בענקט שטאַרק נאָך אינאָטשקען.

די קליינע האָט, ווי אַ דערוואַקסענע, פאַרביטערט אַ שמייכל געטאָן, ווי איינער רעדט: וויפל מאָל קאָן מען אָפּנאַרן?

פאַרנאַכט האָט פרידע־פּראַדל אָפּגעפירט אַינען אַהיים. די קליינע איז שוין געווען געוווינט זיך לייגן שלאָפן אָנעם טאַטן. זי טוט זיך אַליין אויס, לייגט זיך אין בעטל, און קעדיי די מומע פרידע־פּראַדל זאָל לאַנג ניט דאַרפן זיצן לעבן איר, מאַכט אינע צו די אויגן און מאַכט זיך שלאָפנדיק. אף די שפּיץ פינגער שפּאַנט פרידע־פּראַדל צום פענצטער, הערט זיך אײַן, צי סאַדיע גייט ניט. פאַרמאַכט דאָס פענצטער און גייט שטילערהייט אַרויס פונעם צימער.

ווי נאָר די טיר פאַרמאַכט זיך, ווערט אינע וואַכנדיק, זי זעצט זיך אוף, קוקט זיך אַרום, הערט זיך אײַן. עס דערטראָגט זיך אַן אומרויקער געריש פון די ביימער, אינגיכן הייבט אָן הודען דער וואַלד. פונדערווײַטנס דערקײַקלט זיך אַ דונער, וואָס אַמאָל קומט ער צו נעענטער און שטעלט זיך אַנידער אַקוראַט לעבן אינעס צוקאָפּנס. אַ בליץ טוט אַ ציטער אף די שויבן, און באלד ווערט שטאַרק פינצטער אין די פענצטער. די קליינע פינטלט מיט די אויגן, לייגט זיך צוריק אַנידער און דעקט זיך איבער מיט דער קאָלדרע.

דערהערט, ווי עס דונערט, האָט פרידע־פּראַדל גענומען זיך צוריק אָנטאָן. זי האָט אַרופגעוואָרפן אַ שאַלכל אף די נאַקעטע אַקסל און איז אַרויס אין דרויסן. זי איז אַרוף צום שאָכן אָפן גאַנעק. פאַרזיכטיק געעפנט די טיר פון קאָרידאָר, אַרײַנגעגאַנגען אין פאָדערשטן צימער און זיך צוגעהערט, צי דאָס קינד וויינט ניט, צי זי האָט זיך ניט דערשראָקן. ס׳איז שטיל. ווײַזט אויס, די קליינע שלאָפט. ווו טראָגט עס אַרום דעם שטרויענעם קאַוואַלער? ער ווייסט דען ניט, אַז דאָס קינד איז אַליין אין שטוב? אַ טאַטע איז ניט קיין מאַמע...

ס׳האָט פּלוצעם אַ גאָס געטאָן אַ רעגן און האָט באלד אופגעהערט. פונקט ווי ער וואָלט זיך פאַר עמעצן דערשראָקן, איז ער מיט אַ געפּילדער אוועקגעלאָפן ווײַטער. ס׳איז ווידעראַמאָל געוואָרן שטיל אַרום און אַרום. אַן אויסגעוואַשענע גרויסע לעוואָנע איז אַרויסגעשווומען אָפן הימל, צעטריבן די שטערן אַרום זיך און מײַסע באַלעבאָסטע געלאָזט זיך שפּאַצירן איבערן וואַלד, באַלויכטנדיק מיט קוועקזילבער די קרוינען און די שטאַמען פון די ביימער. עס האָט געדוכט, אַז די לעוואָנע קוויקט זיך מיט די פרישע רייכעס פונעם וואַלד.

פרידע־פּראַדל שטייט אָפן גאַנעקל, זי הערט זיך אײַן, ווי עס קלאַפּן די וועבשטולן אף דער פאַבריק. עפּשער האָט מען סאַדיען אַרויסגערופן אין צעך? וויפל מאָל האָט זי באַנאַכט געהערט, ווי מע קלאַפּט אין זײַן פענצטער און אַ קאָל רופט שטילערהייט: „סאַדיע״. סאַדיע פרעגט ניט, ווער און וואָס, טוט זיך אָן און גייט אוועק אף דער פאַבריק. פרידע־פּראַדל לאָזט זיך גיין פונעם גאַנעקל, און פּלוצעם בלײַבט זי שטיין אָפן לעצטן טרעפּל. זי דערקענט דאָס באַקאַנטע ניגנדל. סאַדיע גייט... אים איז גוט אָפן האַרצן, דאָס לידעלע איז לעבעדיק, ס׳איז לוסטיק. און אַז ער פײַפט נאָך אונטער, איז שוין אַ גוטער סימען. זי ווייסט אַלע זײַנע גענג און אַלע געוווינהײַטן, זי מאַכט זיך נאַר, אַז זי פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס טוט איר אַ קלעם באַם האַרצן, ווען זי דערהערט זײַן ניגנדל. זי וואָלט איצט דאַפקע געוואָלט דורכשמוגלען צו זיך אין

שטוב אריַין, קעדיי זיך ניט באַגעגענען מיטן שאָכן, — קאָן זי עפּעס ניט.

— פראַדעלע, וואַרט אויס, שאַטן מײַנער, — לאַכט סאַדיע.

אהא, ער איז שוין אונטערן גלעזל.

סאַדיע איז אריַין אין הויף, פאַרמאַכט נאָך זיך דאָס טירל, זיך אָנגעשפּאַרט אין טויער און געבליבן שטיין מיט צעשטעלטע פיס.

פרידע־פראַדל באַטראַכט אים פון אויבן ביז אראָפּ. זי באַמערקט, אז די קנעפּלעך פונעם לעדערנעם פּידזשאַקל האָבן איבערגעפּלאָנטערט די לעכלעך. דער שניפּס איז ארויסגעשפּרונגען אין דרויסן כאַפּן פרישע לופט און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען, פלאַטערט אַפן ווינט. אָבער אליין זעט ער אויס, סאַדיע, יאָמטעוודיק און צופרידן.

— וואָס קוקסטו אזוי אַף מיר, פראַדעלע? — פרעגט ער.

זי ענטפערט ניט, מאַכט בלויז א פּאָר שפּאַן בעגענטער צו אים, הילט זיך שטײַפער אײַן אינעם שאַלעכל, א שווערע פּאַסמע האָר האָט זיך אראָפּגעגליטשט פונעם קאָפּ אַפן האַלדז־און־נאַקן. זי האָט א ביטערן שמייכל געטאָן:

— סאַדיע, הייבסט אָן נעמען צו די אויגן? שיקערערהייט האָבן זיי בא דיר קיין שום טאַם ניט. כאָכעם־באַליַילאָ, דו קענסט דאָך אפילע שיקער ניט זײַן! אז מײַן מיכעלע פלעגט קומען אהיים אָן אָנגעפּאָמפּעטער, האָב איך אפילע ניט דערקענט אַף אים. און דו וואָס? אויך מיר א טרינקער! די הויזן האָסטו כאָטש ניט פאַר־לוירן? — זי האָט שוין געוואָלט זיך לאָזן גיין, האָט סאַדיע זי א נעם געטאָן פאַר א האַנט און זי צוגעצויגן צו זיך. פראַדל האָט בלויז אופגע־הויבן די אויגן אַף אים און אין א רעגע ארום דערפילט, ווי ער שאַרט מיט די פינגער איבער אירע ביידע נאַקעטע הענט העכער די עלנ־בויגנס, און דערבײַ געפּליסטערט איר אַפן אויער:

— פראַדעלע, מיר איז וואַרעם אין די אויגן, מיר איז גוט לעם דיר.

— וואָסי, דאָס ייִנגעלע האָט זיך פאַרבענקט נאָך א בייגעלע?

— פראַדעלע־פרידע! — האָט ער זי פון דער גרינג א טרייסל געטאָן.

— ניט פראַדעלע־פרידע, נאָר פרידע־פראַדל, — האָט זי רויִק, נאָר בײַסיק געזאָגט.

סאַדיע האָט זיך צעלאַכט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: ווי מע זאָל דיך ניט רופן, סײַווי ביסטו פײַער מיט אָלען.

ביידע האָבן זיך געטראָפן מיט די בליקן און אומגעריכט גענומען שמייכלען. אָבער עפּעס זאָגן האָט קיינער פון זיי ניט געקאָנט.

די ערשטע האָט פרידע־פראַדל א זיפץ געטאָן, גענומען סאַדיען אונטערן אָרעם און אים אָפּגע־פירט אין סאָד אריַין. גייענדיק, האָט זי אים געבעטן, ער זאָל אַף איר קיין פאַריבל ניט האָבן פאַר אירע רייד. אז זי זעט א שיקער, הייבן בא איר אָן ציטערן הענט און פיס. זי וויל ניט, ער זאָל זײַן ענלעך אַף איר מיכעלען, זי איז שוין גוט אָנגעלערנט.

ער האָט געהערט און געשוויגן, זיך אָפּגע־שטעלט, געוואָלט א קוק געבן אַף איר, און ווי אַף צולאָכעס איז זי אלץ געשטאַנען אין שאָטן פון א בוים. ער האָט זי געוואָלט אָפּפירן ווײַטער, האָט זי זיך אָבער אָנגעשפּאַרט אינעם שטאַם און ניט געלאָזט זיך רירן פון אָרט. פריי־דע־פראַדל האָט ניט דערווידערט, ווען סאַדיע האָט א גלעט געטאָן אירע האָר, זיך ניט געכיי־דעשט, ווען ער האָט פּלוצעם געזאָגט, אז אינע האָט פראַדלען שטאַרק ליב, ווײַל פראַדעלע איז טאַקע א האַרציקע, כאָטש זי איז ניט בעסער פון אירע ביידע מאַזיקים און אז אזא מאַזיק, ווי זי איז אליין, דאַרף מען זוכן איבער דער גאַנצער וועלט. ער האָט זיך אָנגעבויגן, קלוימערשט גע־וואָלט איר אײַנרוימען א סאָד אין אויער, און מיט די ליפּן זיך צוגעטוליעט צו איר פּאָנעם. זי איז געשטאַנען ווי א שטיינערנע, און ער האָט פאַרגעזעצט: זאָל זי ניט מיינען, אז ער איז שי־קער. ער האָט שוין לאַנג געטראַכט וועגן דעם... ער וועט איר זאָגן דעם ריינעם עמעס, און זאָל זי וויסן, אז זײַן אינע וועט וואַקסן אײנײנעם מיט אירע צוויי מאַמזיירימלעך. אינע וועט האָבן צוויי ברידערלעך. זי, פראַדעלע, וועט זײַן די מאַמע פון אלע דרײַ קינדער, און ער, סאַדיע, וועט אָפּהיטן די מאַמע, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. סאַדיע האָט ניט געזען די טרערן, וואָס זײַנען, ווי די שווערע האָגל, געפאַלן פון פרידעס אויגן. ער האָט זי ארומגענומען און דערפילט, ווי זי ציטערט.

— סאַדיע, — האָט זי זיך בא אים געבעטן, — מיין ניט, אז אין מײַנע אָדערן רינט רעגנוואַ־סער. איך בין ניט קיין זאַק מיט פּאָלאָווע. לאָז מיך, לאָז, טײַערער, לאָז, גוטער סאַדיע, — זי האָט זיך באַפרײַט פון זײַנע הענט און אליין אָפּגעשטויסן זיך פונעם שטאַם. — דו ווייסט דאָך גאָרניט, איך האָב פאַר דיר אזא גוטע נײַס, — זי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און פאָרגע־זעצט ווײַטער: — נעכטן האָב איך באַקומען א בריוו פון זאָיען, זי שרײַבט, איך זאָל דיך בעטן, דו זאָלסט איר מויכל זײַן, זי וויל אהיים, צום קינד.

— שווײַג! — האָט ער אויסגעשריגן. — שווײַג, פראַדעלע, — האָט ער שוין געשריגן אַף א קאָל.

— פאָלג מיך, אינע איז עלטער פון דיר.

סאַדיע האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

— עס וועט גאָרניט זײַן.

— נאַרעלע, — האָט זי זיך צוגעשטעלט נאָענט צו אים, — דאָס לעבן איז קליגער פון אונדז עס ווייסט, וויפל דער זייגער האַלט.

● ● ●

פאַרשיידענע לידער

באַלאַדע וועגן גליק

כ׳בין געגאַן און געגאַן...
פיס זײַנען בא מיר יונגע,
פיס זײַנען בא מיר געזונטע,
אין די אויגן א פײַערל פלאַמט.
באגעגן איך א זאַקן,
א גרײַז־גרויען זאַקן
מיט א שטעקן אין דער האַנט.
פרעג איך אים, א צעהיצטער, איך אָטעם קוים:
— זיידע, דאָס גליק מײַנס כ׳בין נאָך ניט דורכגעגאַן?
ענטפערט דער זיידע:
— ניט דורכגעגאַן, קינד מײַנס, ניין.
גיי, וועסט דאָס גליק דײַנס געפינען אליין!
גיין וועסט אָף לינקס, און א קאָפּל אָף רעכטס,
פאַרקערעווען אהין און פאַרקערעווען אהער,
קריכן איבער א באַרג, אַרײַן ווידער אין טאָל,
איבערשווימען א טײַך, און אין א פעלד ווידעראַמאָל,
זיך דראַפּען אָף א פעלדז, לויפן איבער א בריק,
און ווידער אהין, און ווידער צוריק.
גיי, גיי, מײַן קינד! קיין קויכעס שפּאָר ניט...

איר פאַרשטייט עפּעס?
איך — גאָרניט.

בין איך געגאַן און געגאַן,
געגאַן און געגאַן.
פיס זײַנען נאָך בא מיר יונגע,
פיס זײַנען נאָך בא מיר געזונטע,
אין די אויגן נאָך ס׳פײַערל ברענט.

באגעגן איך א זקינע,
א גרײַז־גרויע זקינע
מיט א קוישל אין די הענט.
פרעג איך זי, א צעהיצטער (אינגאַנצן נאָס אָף מיר דאָס העמד):
— זאָג מיר, טײַערע מאַמע,
צום גליק איז נאָך ווײַט פונדאַנען?
האָט זי זיך פאַרכידעשט סטאַם:
— נאָך ניט געפונען דאָס גליק, יונגערמאַן?

גיין ווערסט אף לינקס, און א קאפּל אף רעכטס,
פּאַרקערעווען אהין און פּאַרקערעווען אהער,
קריכן איבער א באַרג, אַריַין ווידער אין טאָל,
איבערשווימען א טײַך, און אין א פעלד ווידעראַמאָל,
זיך דראַפּען אף א פעלדז, לויפן איבער א בריק,
און ווידער אהין, און ווידער צוריק.
גיי, גיי, יונגערמאַן, קיין קויכעס שפּאָר ניט...

איר פאַרשטייט עפּעס?
איך — גאַרניט.

גיי איך און גיי,
גיי איך און גיי.
אף מײַן קאָפּ איז אויסגעפאַלן געדיכט א שניי,
און די פיס זײַנען מיד, שטאַרק מיד,
א שווערקײַט, א שוואַכקײַט אין יעדן גליד.
זעץ איך א מידער זיך צו בא א וועג,
זע איך, א יינגעלע שפּילט זיך.
איך פרעג:
— קינד מײַנס, צום גליק איז נאָך לאַנג?
הייבט ער אוף די אויגן צו מיר, מאָלע־כיין,
און א שמייכל, ווי צוקער, צעגייט אף די ציין.
דערנאָך דעם יינגעלע טוט עפּעס באַנק
און ער פרעגט מיך פאַרכידעשט, ווי א קינד נאָר קען:
— זיידעניו, האָסט נאָך דאָס גליק ניט געזען?
דו ביסט דאָך עס דורכגעגאַן, זיידע, שוין לאַנג...

זיץ איך א מידער אזוי אף א באַנק,
און ווידער דעם וועג גיי איך דורך אין געדאַנק.
אָט גיי איך אף לינקס, און אָט גיי איך אף רעכטס,
פּאַרקערעווע אהין און פּאַרקערעווע אהער,
גיי צוריק אף א באַרג, לויף צוריק אף א בריק,
און ווידער אהין, און ווידער צוריק,
אפּסנײַ אף א פעלדז, אין א טאָל פונדאָסנײַ,
און ס'ווילט זיך ניט גלייבן, אז דאָס גליק איז פאַרבײַ.

געזיכטער

איך זע אין דער היים זיי,
איך טרעף אף די גאַסן —
פריילעכע, שיינע,
מיִעסע, בלאַסע.

איך לייען זיי, זיסע,
איך טרינק פון זיי ביטערס —
אמאָל מיט פּאַרוויסטקײַט,
אמאָל מיט א ציטער.

אין לויף פון די יאָרן, —
ווּ כ'גיי און איך טרעט נאָר, —
געזיכטער, ווי ספאָרים,
איך בלעטער און בלעטער.

כ'באַגעגן (עס מאַכט זיך)
געזיכטער, ווי שטיינער,
זיי קענען ניט לאַכן,
זיי קענען ניט וויינען.

אין ראָש, אין געווימל,
וואָס טאָמיד באַגלייט אונדז,
איך לייען זייער שטימונג,
און לייען זייער ווייטעק.

עס טרעפט אונטערוועגנס, —
איך פריי זיך, איך טרויער.
אויב לאַנג ניט באַגעגנט,
איך בענק און באַדויער.

דער פּילאָט

מעג זײַן א שניי און א געוויטער,
ווען דעם שטורוואל אין האנט ער נעמט, —
אזויפיל מענטשן,
אָן שום ציטער,
פאַרטרויען ס׳לעבן זײַנע הענט.

נאָר ווען באם וויגל באם געראמען
ער זיצט פאַרטראַכט
און שטיל
און לינד, —
דאַן זעצט זיך צו צו אים זײַן מאמע,
און ער אליין איז נאָך א קינד.

און ער איז ערנסט און באשיידן
און ווייסט זײַן פליכט און קען זײַן פאַך,
ער קיין אײַנהאָרע שוין א זיידע
(דאָס אייניקל בא אים — א פּראכט).

ער זעט א שניי און א געוויטער,
און דעם שטורוואל אין האנט ער נעמט.
אזויפיל מענטשן,
אָן שום ציטער,
פאַרטרויען ס׳לעבן זײַנע הענט.

צעשיידונג

גייט א מענטש אהין, פונוואנען ער קומט.
ניט פאַרענדיקט אלץ און אלץ פאַרענדיקט.
די אומרויִקע הענט באַרויִקט שוין אַף שטענדיק,
אַף שטענדיק אויסגערונען שוין פאַר אים די זון.

דאָרט זיך ערשט געוואָלט האָט אופהייבן א באַרג,
טרוימען וויפל נאָך בא אים געווען, און ניט קיין קליינע.
און אלץ האָט זיך אים אויסגעוויזן — ס׳איז אים קארג,
און אלץ האָט זיך אים אויסגעוויזן ווייניק...

נאָענטע און פרײַנט לעם אים, די קעפּ אראָפּגעלאָזט,
קיין ווערטער פּאַסיקע מע קאָן איצט ניט געפינען...
און, דאכט זיך, גאָרנישט ניט אהין האָט מיטגענומען,
און שיידן זיך מיט אים אזויפיל קאָסט...

גוטסקײַט

כ׳בין די, וואָס יעדערער מיסטאמע,
יאָ, יעדער איינער גלײַך דערקענט:
איך בין די אויגן בא דער מאמען,
כ׳בין יעדער ריר פון אירע הענט.

כ׳בין די, וואָס טויזנט מאָל איז מויכל
(אמאָל כ׳קאָן אויך ניט מויכל זײַן).

איך בין דער שטענדיק ווייכער שמייכל,
וואָס דרינגט אין יעדן הארץ ארײַן,

און מעג דאָס שלעכטס שוין קערן וועלטן
און אָנבלאָזן אמאָל א קעלט, —
איך בין די גוטסקײַט —
די, אַף וועלכער
עס שטייט און שטיין עס וועט די וועלט.

צען פינגער

בלויז אַף גוטס צו טאָן איר זײַט באשאפן,
און אין דעם איז אײַער גרויסע ווערט.
האָרעווענדיקע, זײַט איר ניט קיין שקלאַפן,
איר זײַט באַלעבאַטים פון דער ערד.

און דורך אײַך דערקענט מען גלײַך דעם מענטשן
און זײַן פרײַז, וואָס מעסט זיך ניט מיט געלט.
צען גיבוירים, צען ליכט געבענטשטע,
איר מאכט ליכטיק אונדזער וועלט!

שיק מיר א בריוו

(פאָלקס־מאָטיוו)

שיק מיר א בריוו מיט דעם שטעמפל פון ליבע,
זי קען זיך באגיין דאָך אָן מארקעס.
ווי ס׳זאָל ניט זײַן פארפלאָנטערט געשריבן,
דער בריוו וועט דערגיין צום הארצן.

שיק מיר א בריוו מיט דעם שטעמפל פון
פרילינג,
מארקעס וואָס קאָסטן? — א שיבעש.

דורך הונדערטער מײַל דאָס הארץ וועט דערפילן:
פאר קעלט איז ניטאָ שוין קיין סיבע.

שיק מיר א בריוו מיט דעם שטעמפל פון זון,
מארקעס דאָך קאָסטן א גראָשן.
דאָס הארץ וועט דערפילן — ארום און ארום
קיין אײַז צווישן אונדז איז ניטאָ שוין.

פון אלטע העפטן

הינטער מאָסקווע

ער איז געפאלן הינטער מאָסקווע,
און פאר זײַנע אויגן
געשײַנט האָט שוין א ווײַסע פאָן איבער בערלין.
א ווײַס בערעזקעלע, צום הימל אויסגעצויגן,
פארגליווערט איז געבליבן לעבן אים.

און ווען אָקטיאבער קומט און ס׳נעמט דער יאָמטעוו שאלן,
א קילער ווינט ברענגט פונעם הארבסט א גרוס, —
אלע זײַנע באקומענע און ניט־באקומענע מעדאלן
דאן פלאקערן בא דער בערעזקע אף דער ברוסט...

דער שנײַדער

דרײַסיק יאָר האָט מענאשע דער שנײַדער גענייט,
מעסלעסן דאָס בענקל געקוועטשט, געזעסן געבויגן.
און איצט — א געבונדענער פאר די עסעס־לײַט ער שטייט,
און דעם מאלכאמאָוועס ער קוקט אין די אויגן.

דערנאָך... וואָס דערנאָך — דו פארשטייסט דאָך אליין...
דאָס קנײַלעכל האָט זיך געוויקלט. אין שרעקלעכע ווייען
געלעגן איז ער אף דער ערד, א פאָדעם פארפרעסט אין די ציין —
דאָס ביטערע מאזל, דעם סייכל, אין אָט דער מינוט ניט פארנייען...

באם ברונעם

זיי האָבן אים מיט די ליידיקע עמער דערזען...
די ליידיקע עמער געהייסן אים שטעלן אף דר׳ערד,
און אליין זאָל ער קריכן אין ברונעם.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

כאלעשט דאָס הארץ — א טרונק, קריכן ארויס די אויגן.
און אים גייט דאָס וואסער אריבער שוין איבערן האלדז.
א רעגע, און אָטעמען וועט ער ניט קענען.

שטייען אזוי אף דער ערד זײַנע ליידיקע עמער,
שטייען און ווארטן און ווייסן ניט, מעג איך שווערן,
אז פול מיט אן אויג זיי וועלן ניט דאָ,
נאָר אין דער היים בא אים ווערן...

מ י י ע ר י ע ל י ן

איין טאָג און א נאַכט

א י נ ד ע ר פ ר י

א ון ווידעראַמאָל איז פאַרהויבן געוואָרן די נאַצישע האַק. דאָס מאָל — איבער א קליינעם שייוועט מענטשן, וואָס איז בייס די פּרזערדיקע „ריינקונגען פונעם דעראָבערטן מיזרעך־רוים" געבליבן ניט אָנגערירט. לעפאַנעם וועגן איז נייטיק געווען א „באַגרינדונג" פאַר דער שכיטע. האָבן די מעכאַבלים פאַרקאַטשעט די אַרבל און אין איגל פון זייער טײַוולאָניש טועכץ באַלד טאַקע אַרײַנגעשלעפּט (ווען דירעקט, ווען אומדירעקט) דרײַ מענער, צוויי מיידלעך און אן עלטערע פרוי.

צוויי פון די מענער — דער רעליגיעזער מאַנהיג פון דער קאַראַימער איידע, דער כאַכאַם גידעאָן טאַרטאַל און דער היסטאָריקער און יודאַיסט זאַלמען נאָוויטש — געפינען זיך איצט אין וועג. דער דריטער, דער אָנפירער מיטן „אַמט פאַר ראַסן־היגיענע" באַם אָקופּאַנטישן געביטס־קאָמיסאַריאַט מאַרטין בײַל, וואַרט אַף זיי ביידן באַ זיך אין קאַבינעט.

איינס פון די מיידלעך, די קאַראַימערן טאַמאַר, לעבט שוין לאַנג ניט. דאָס צווייטע מיידל, ראָכל נאָוויטש, מיטן געפעלשטן פּאַספּאָרט אַפן נאָמען פון דער קאַראַימערן בזאַנע קירנאָוויטש, איז פאַרשפּאַרט אין א צעל פונעם געסטאַפּאָ־קעלער.

די עלטערע פרוי, די קאַראַימערן אַסנאַט, געפינט זיך לעצטנס שטענדיק אין דער קענאַסע, דעם קאַראַימישן געבעט־הויז, ווען ס'איז נאָר ליידיק פון מענטשן. דאָרט איז זי אויך איצט, ווען די צוויי מענער זײַנען אונטערוועגנס. אין א שוואַרץ טיכל און אין א לאַנג שוואַרץ קלייד פאַלט זי קוירים אַפן רויטן טעפּיך לעבן אָמעד און שרײַט בעקוילע־קוילעס צום גאָט פון אור־ראַהאַם און דעם נאָווי מאָשע, ער זאָל ראַכמאָנעס האָבן און העלפן, העלפן, העלפן...

ס'איז סאָף יול. ס'איז אינדערפרי. די זון האָט נאָך ניט דערגרייכט דעם הויכפּונקט פון איר הײַנטיקער מעמשאָלע, נאָר שוין באַוויזן אָנגליען דעם דרויסן, ווי א בראָטקאַסטן. וואַרט טאַקע טאַרטאַל צעפּאַרעט, אן אָנגעטאָנענער פון קאָפּ ביז פוס אין שוואַרצן — אין א האַרטן הוט מיט שטײַפע, אַף אַרוף פאַרבויגענע ראַנדן, אין א לאַנגן סורדוט, פון וועלכן עס שטעקט אַרויס דער אָנגעקראַכמאַליעטער קראַגן פון א ווײַס אויבערהעמד, אין הויכע שוואַרצע קאַ־מאַשן...

פון צײַט צו צײַט כאַפּט ער א קוק אַפן זייגער. צו פרי קומען איז א פּכיסעס־האַקאָוועד פאַר זײַן שטאַנד, אפילע פאַר זײַן האַדרעספּאָנעמדיקן אויסזען. אַף צען אַזייגער איז ער באַ־שטעלט. דײַטשן האָבן ליב פּינקטלעכקײַט, מוז מען קומען גענוי צו דער צײַט. און ס'גייט זיך שווערלעך. קענטיק, ס'איז ניט קיין שפּאַס איבערצושפּרײַזן זיבעציק — די גרענעץ פון זיקנע. יאָ, די עלטער מערקט זיך ניט בלויז אין דער געדיכטער גראָווער באָרד, פון וועלכער עס פאַר־שווינדן די לעצטע שוואַרצע האָר. און דאַפקע איצט, ווען ס'לעכצט זיך נאָך זיסער ביינהאַש־מאָשעסדיקער שאַלווע, דאַרף ער אויסשטיין אַזוינע ניסיוינעס, די שווערסטע אין זײַן גראַנגל פאַרן קיעם פון דער קליינער געמיינדע, וועלכע ער פירט דורכן לעבנס־געווירבל קאָרעוו פער־ציק יאָר. אויך הײַנט שטייט אים, אַפּאָנעם, פאָר א נײַער און זייער שווערער געפעכט פאַר איר גוירל. אמאָל וואָלט ער ניט געשלעפּט זיך צופוס, וואָלט געדונגען א דראָזשקע. איצט, מילכאָמע־צײַט, איז ניטאָ קיין אַנדער ברייִרע ווי גיין צופוס און קומען פּינקטלעך. א שטאַלט־נער, הויכוווקסיקער, פאַרײַסט ער מיט כשיוועס דעם קאָפּ...

דער צווייטער מאַנצבל, נאָוויטש, מיט די געלע לאַטעס אַף דער אײַנגעפאַלענער ברוסט און אַפן געבויגענעם רוקן, גייט, ווי ייִדן ווערן איצט געצוווּנגען, אין רינשטאָק. פון דער זײַט שפּאַנט, קנאַקנדיק מיט די באַטשוועקלטע זוילן אינעם טראָטואַר, זײַן קאָנוואָיר. די ביקס —

אונטערן אַרעם, שלאַכטגרייט. וווהין מע פירט אים, שטויסט זיך נאָוויטש אָן. און וואָס אים שטייט פאָר! עך, גאָט! גאָט, אין וועמען ער גלייבט שוין ניט צענדליקער יאָרן. ציט ער נאָך טיפער אַרײַן אין די פלייצעס דעם קאָפּ, אַף וועלכן ס׳איז נאַכלעסיק ארופגעטאָן א צעשמאַטעט היטל. (געטאָ־אסירים טאָרן, ווי באַוווסט, ניט ארומגיין אין דרויסן בעגילע־ראָש.) שרומפּט זיך אײַן דער גוף אינעם שטאַרק אָפּגעטראָגענעם, אַף אלע קנעפּלעך פאַרשפּיליעטן רעקל מיט די אויסגעריבענע אַרבל אין די עלנבויגנס. נאָוויטשן איז קאַלט, האַגאַם א זומער־היץ צע־שמעלצט די וועלט.

ווען מע איז אים געקומען נעמען, האָט ער זיך געכאַפּט צום מאַנטל, אַזוי קאַלט איז אים געוואָרן. „ביסט פעריקט?" — האָט אויסגעגלאָצט א פאָר קעלבערנע אויגן דער קאָנוואָיִר. ניין, ער איז ניט מעשוגע, נאָוויטש, ער איז באַם פולן סייכל. און טאַקע דערפאַר מאַכט ער זיך ניט קיין אילוזיעס. גאָר אינגיכן וועט ער זײַן מיט זײַן ראָכעלען... אַפן אוילעם־האָעמעס... קוים איז אויסגעלאָשן דער טאָכטערס לעבן, וואָס גייט אים אָן זײַנס? ראָכעלע, ראָכעלע... זי האָט זײַן אייצע ניט געפרעגט, זײַן וואָרענונג ניט פארנומען. האָט געריסן זיך פון געטאָ, ארויסגעגאַנוועט זיך פון הינטערן שטעכדראָט, געפּרוווט איבערקליגן געסטאַפּאָ און איז אַרײַנגעפאַלן... מע ווייסט שוין גענוי, אוי, מע ווייסט, אז דער כאַכאַם האָט צוגעשטעלט א פולע רעשימע פון די אַנגעהעריקע צו זײַן איידע... אָרעמע ראָכעלע! מיט אירע „גוטע" קאַראַיִמישע דאָקומענטן און „זיכערן" אָרט...

דערוווסט זיך וועגן אומגליק, האָבן גוטעפרײַנט אים געייצעט באַהאַלטן זיך, פאַרשווינדן פון דער אויבערפלאַך... נאָר וואָס פאַר א ווערט האָט איצט דאָס לעבן — אָן זײַן פרוי, וואָס האָט, ווי א צאַדייקעס, אויסגעהויכט די נעשאָמע האַרט פאַרן גרויסן בראָך... אָן זײַן זון, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען אינעם געווירבל גלײַך אָנהייב מילכאָמע... און איצט — אויך אָן ראָכעלען... איז ער געזעסן, נאָוויטש, אין געטאָ, געוואַרט. און זיך דערוואַרט... ער גייט דעם לעצטן וועג... דער בליק — אראָפּגעלאָזט אין רינשטאָק. א ברוין־גרין ווערעמל פּויזעט זיך געמיטלעך, כוואַליענדיק און וועלבנדיק דעם רוקן. פאָרזיכטיק שפּרײַזט נאָוויטש אריבער איבער דעם: ניט צעטרעטן דער וועלטס א באַשעפעניש! דער דאָזיקער געדאַנק איז ווי א ביטערער כויזעק: אים, נאָוויטשן, וועט מען באַלד צעקוועטשן, ווי א וואָרעם, פאַרטיליקן, אָפּווישן פון דער ערד, און דאָ — א ווערעמל... געוויס ווייסט מען שוין דאָרט, אין געסטאַפּאָ, וואָס ער קער זיך אָן דער „קאַראַיִמערן" ביִאַנע קירנאָוויטש... מע האָט זי אַכזאָריעסדיק געפּײַניקט, האָט זי ניט אויסגעהאַלטן און אויסגעזאָגט, ווער זי איז אינדערעמעסן. אַלץ אויסגעזאָגט... א סימען — מע האָט אים אין געטאָ געפונען אָן שוועריקײַט. מע וועט אים שיסן. שטענדיק שיסט מען אלע קרויווים פון אַזאַ, וואָס איז פון הינטערן שטעכדראָט געלאָפן און אַרײַנגעפאַלן. זײַן פרוי און זון האָבן אויסגעמיטן געפירט צו ווערן צו דער אקיידע...

צום באַשטימטן אָרט קומען אָן טאַרטאַל און נאָוויטש אין איין און דער זעלבער רעגע. זיי האָבן זיך געקענט. ניט קיין נאָענטע באַקאַנטשאַפט איז עס געווען, אָבער געוווסט, ווער און וואָס יעדער איינער איז. טאַרטאַל ווענדט איצט האַסטיק אָפּ זײַן בליק פונעם יודאַיִסט. און האַגאַם ער איז פיל עלטער, וואַרט ער, ביז ס׳וועט אַרײַנגיין דער קאָנוואָיִרטער: זאָל קיינעם ניט אײַנפאַלן, אז אויך אים, דעם כאַכאַם, האָט מען געבראַכט א באַוואַכטן.

דערזעענדיק דעם כאַכאַם, טוט זיך נאָוויטש א וואַקל, בלײַבט שטיין און קאָן א רעגע פון אָרט זיך ניט רירן. זײַן ראָכעלע! איצט איז אים פולשטענדיק קלאָר... פאַרוואָס האָט מען זיי אָבער געבראַכט ניט אין געסטאַפּאָ? ער האָט באַמערקט דאָס שילדל באַם אַרײַנגאַנג: „אַמט פאַר ראַסן־היגיִענע". אין קאָרידאָר דרייען זיך ארום פאַריסענע טיפּן אין ברוינע העמדער מיטן האַקנקרייץ אַפן לינקן אַרבל. און מע ווייסט דאָך, באַרעכהאַשעם, אז געסטאַפּאָווצעס טראָגן די גרינע אָדער שוואַרצע עסעס־אוניפאָרם. ס׳איז ניט די געסטאַפּאָ. פונדעסטוועגן סאָפעקט ניט נאָוויטש, אז באַלד וועט מען אים אָנהייבן פאַרהערן, פּײַניקן. צוליב וואָס מע האָט דעם כאַכאַם גערופן, פאַרשטייט ער אויך. ס׳איז ווייניק, אַפּאָנעם, יענעמס שריפטלעכע מעלדונג...

צו מאַרטין בײַלן אין קאַבינעט גייט טאַרטאַל אַרײַן דער ערשטער.

נאָוויטשעס קאָנוואָיִר האַלט עס ניט אָפּ. מיט א שאַרפער באַוועגונג עפנט ער די נאָרוואָס פאַרמאַכטע שווערע דעמבענע טיר און לאָזט אַרײַן דעם געבראַכטן ייִדן.

אויסגעטאָן דעם הוט, מיט א דרייסטן „גוטען מאָרגען", געזאָגט אין א גוטן דײַטש, בלײַבט דער כאַכאַם אין א שוואַרצער, בונט אויסגענייטער יאַרמלקע. ער קוקט ניט אין נאָוויטשעס זײַט, מאַכט זיך, ווי ניט זעענדיק אים.

אָן א וואָרט צו זאָגן נעמט נאָוויטש אראָפּ דאָס היטל און, האַלטנדיק עס אין דער אראָפּ־געלאָזטער רעכטער האַנט, פּרוווט ער זיך אויסגלײַכן, אויסציִען זיך פארן היטלעראָוועץ, ווי געטאָ־אסירים זײַנען מעכויעוו עס צו טאָן.

בײַל, א מיטלוווקסיקער, א מאָגערלעכער, מיט דין ארומגעשוירענע שלייפן און א יאָזשיק טונקעלע האָר, געפינט זיך אינמיטן צימער, בייס די צוויי מענער קומען ארײַן. ער טוט א ווונק אין דער ריכטונג פונעם שרײַבטיש, זיי זאָלן אהין צוגיין, און אליין, שטארק אונטערהינקענדיק, פארנעמט ער זיך אויך אהינצו. דאָס ברווינע, מיט א שווארצן רימען ארומגעגארטלטע אוניפאָרם־העמד דרייט און קנייטשט זיך, ווי ס׳וואָלט ניט געקאָנט אײַנליגן אפן לײַב.

— איר פארשטייט דײַטש? — פרעגט ער, ניט אומקוקנדיק זיך.

ביידע ארײַנגעקומענע ענטפערן מיט „יאָ”.

— אויב אזוי, זעצט זיך, אף וויפל עס קלעקן שטולן.

באם שרײַבטיש געפינט זיך איין האלב־ווייכער שטול פאר געקומענע מיט איניאָנים. דער כאכאם פארנעמט אים טייקעף. נאָוויטש שטעלט עטלעכע טריט און פארהאלט זיך. ער ווייסט דאָך, אז ייִדן איז פארבאָטן זיצן אין דער אָנוועזנהײַט פון היטלעראָווצעס. די אויסגעשטעלטע שטולן בא דער וואנט בלײַבן אומבארירט.

פארנומען זײַן אָרט לעם שרײַבטיש, הייבט בײַל אָן, מאָדנע שמייכלענדיק:

— אלזאָ, מיר דארפן פעסטשטעלן, אז די קאראִימער זײַנען ייִדן.

דער כאכאם שפרינגט אזש אוף:

— וויִאזוי?!

— ווילט איר זאָגן, אז מיר דארפן פעסטשטעלן, אז די קאראִימער זײַנען ניט קיין ייִדן? — טוען שעלמיש א בליק אף נאָוויטשן בײַלס קליינע טונקעלע אייגעלעך. — אייגנטלעך האָבן מיר דרינגענדיקערע פראגן. דאָס הײַפל קאראִימער האָט אונדז ביז איצט קיין זאָרג ניט פארשאפט. נאָר אז דער הער כאכאם האָט פאָרגעלייגט אונדזער זיכערהײַט־פאָליציי די ליסטע פון אלע זײַנע גלויבנס־גענאָסן, זייערע נעמען, אדרעסן... דאָס האָט ער, פארשטייט זיך, ריכטיק געטאָן, געוויסנהאפט. מע מוז אויסגעפינען די ייִדן, וועלכע לויפן פון געטאָ און פארשטעלן זיך פאר קאראִימער. איצט איז די פראגע געלייזט. געכאפט שוין א היפש ביסל אזוינע... פרעגט זיך, וואָס טאָן מיט די קאראִימער? זײַנען זיי ייִדן צי ניט?

— געערטער הער שעף, — הייבט אנטשלאָסן אָן דער כאכאם.

בײַל שלאָגט אים איבער, ווענדנדיק זיך צו נאָוויטשן:

— און דו, ווי מיר ווייסן, א באהאוונטער אין דער פראָבלעם, וואָס קאָנסטו אונדז זאָגן?

— געערטער הער שעף, — לאָזט ניט אָפּ דער כאכאם און צערעדט זיך מיט אופרעגונג: — ביז ווען וועלן ייִדן האָבן א וואָרט צו אנטשיידן אונדזער גורל? אן אייביקע פײַנטשאפט טראָגן זיי אף אונדז, נעקאָמע־געפילן זינט יאָרהונדערטער. אזוי פארהאסט זײַנען מיר בא זיי, די טאלמודיסטן, אז אויב א קאראִימער וויל אָנעמען דעם ייִדישן גלויבן, מוז ער צוערשט איבערגיין צום קריסטנטום. וואָס האָבן מיר געמיינזאמס מיט אָט אָ־די?

ווי ער איז געשטאנען, נאָוויטש, א ניט הויכער, אן אײַנגעשרומפענער, אזוי שרומפט ער זיך נאָך מער אײַן, דערהערנדיק די דאָזיקע דיבורים.

דעם כאכאמס לעצטע ווערטער כאפט בײַל אונטער:

— וואָס איר האָט געמיינזאמס, דארפן מיר טאקע אופקלערן. דאָס איז דער זין פונעם פארנעמען זיך מיט אײַך דאָ הײַנט.

— קיין געמיינזאמס! — טוט נאָוויטש א הייב דעם קאָפּ. ניין, ער האסט ניט און זוכט ניט קיין נעקאָמע!

— זאָ, זאָ... — איז בײַל א ביסל איבעראשט, און דער שמייכל, וואָס שוועבט שטענדיק אף זײַן פּאָנעם, פארקלײַבט זיך אין איין מויל־ווינקל. — איר מאכט אזא פאָרויסזעצונג. מיר, וויסנשאפטלער, באדארפן באווײַזן און נאָר באווײַזן.

— מע קאָן ברענגען באווײַזן, — זאָגט טרוקן נאָוויטש.

— געוויס קאָן מען ברענגען אָן א שיר באווײַזן, — איז מאמשיך דער כאכאם, זעצנדיק זיך צוריק מיט כשיוועס אפן שטול. — איך קאָן צושטעלן דאָקומענטן: אָריגינאלן, באגלייבטע קאָפּיעס...

בײַל איז אנטוישט. ער האָט געהאָפט, אז ס׳וועט פאר אים זיך אָפּשפּילן א נײַער ווארִיאנט פון היינעס „דיספוט” — דער שטרײַט צווישן מאָנאך און דעם ראָוו, און ער, בײַל, וועט קאָנען איבערכאזערן היינעס אויספיר: „זיי שטינקען ביידע”. דאָס האָט זיך ניט באקומען. קיינע ווידעראנאנדן, קיין קעגנזײַטיקע ציינקריצעניש... אָנשטאָט דעם — א קעגנזײַטיקע פארשטענדעניש: „קיין געמיינזאמס ניט”. וועט געסטאָפּאָ באפרידיקן אזא אויספיר? דאָרט קאָן מען נאָך סקעפּטיש א קרים טאָן מיט דער נאָז, אָפּשפּעטן פונעם „אמט פאר ראסן־היגיִענע”... פונדעסטוועגן איז בײַל טיף אין הארצן צופרידן, צופרידן... טאמאר, טאמאר! א פון אָוואר־נעפלען

פארווישטע, אין ווייפולע נעפלען עקזיסטירנדיקע... איר מיט יוגנט־דופט ארומגעווייעטער זיי־
כער לעבט שטארקער אוף אין בייַלס געדעכעניש. א רעאבילִיטירטער, זויבער־ריינער זייכער...

— גוט, — פארענדיקט בייַל. — דער ייִד וועט מיר ברענגען די באוויַיזן. די טעאָרעטישע.
און אונדזער „אמט" וועט א ביסל עקספערימענטירן. מירן זען, וואָס דאָ וועט זיך באקומען.
אלזאָ, די קאראִימער וועלן דורכגיין בא אונדז אן אנטראָפּאָלאָגישע אונטערזוכונג. מעלדעט
עס אייַערע מענטשן. איר זייַט פריַי, הער כאכאם. איר פערזענלעך זייַט אויך באפרייַט פון דער
אונטערזוכונג.

טארטאל הייבט זיך פאמעלעך אוף, גלייַכט זיך אויס אין גאנצן וווקס און האלט פאר זייַן
כיויו צו דערקלערן:

— מיר לעבן דאָ, הער שעף, זינט דער ענדע פונעם פערצנטן יאָרהונדערט. דער ליטווישער
גרויספירשט וויטאוטאס איז עס געווען, וואָס האָט פון קרים געבראכט אהערצו דרייַ הונדערט
אכט און אכציק קאראִימישע מישפּאָכעס. פאראן אזא כראָניקע. אונדזערע אורעלטערן האָבן
געדינט בא אים ווי לייַב־וועכטער. זיי האָבן די אָרטיקע שפּראך ניט געערדט, געהאט אן אנדער
גלויבן און ניט געקאָנט אריַינגעצויגן ווערן אין פארשווערונגען קעגן די געוועלטיקער.

דער שמייכל אף בייַלס פּאָנעם ווערט בוילעטער: „פאראן מיט וואָס צו שטאָלצירן — מיט־
געהאָלפן פאַרהאלטן דעם דראנג פון די גערמאנישע ריטער אף מיזרעך"...

— און זינט דאן, הער שעף, — זעצט פאָר דער כאכאם מיט קוראזש, — זינט דאן האלטן
מיר זיך שטרענג אָפּגעזונדערט, הייראטן ניט מיט קיין פרעמדשטאמיקע, היטן זיך פון בלוט־
מישונגען...

— נאָ, און די רעליגיע? — האקט אים אומגעדולדיק איבער בייַל. — זעט איר, ווען איר
הייבט זיך ניט אָן מיט די ייִדן... די פעלקער, וועלכע היטן זיך ניט פון זיי, זאָגט אדאָלף היט־
לער, זייַנען פארורטיילט אונטערצוגיין. צום בייַשפּיל, די פערסן זייַנען אמאָל געווען א גרויס
און שטאָלץ פאָלק. און וויַיל זיי האָבן בא זיך אין לאנד געלאָזט די ייִדן פראנק־און־פרייַ הויזן,
געלאָזט זיי שאפן דעם טאלמוד, זייַנען די פערסן פארשוווּנדן פון דער געשיכטלעכער ארענע.
איצט, צעזייטע איבער דער וועלט אלס ארמענער, שלעפּן זיי א קלאָגעדיקע עקזיסטענץ...

אָפּגעבראָקט די דאָזיקע טוירע היטלערס, וויל בייַל דערגיין, וואָס פאר אן אייַנדרוק זייַנע
רייד האָבן געמאכט. דער יודאִיסט שטייט אן אייַנגעהויקערטער, מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ.
קאָן מען ניט וויסן, וואָס ער טראכט זיך. דער כאכאם, אָנשטויסנדיק זיך אין בייַלס נייַגעריקן,
א ביסל סארקאסטישן בליק, צעשמייכלט זיך פארלעגן און זאָגט:

— וואָס זייַנען מיר שולדיק, אז אונדזערע וויַיטע, זייער וויַיטע טיורקישע אורעלטערן
האָבן ריין צופעליק אָנגענומען די מאָזאִישע קאָנפעסיאָן?

„עך, ביסטו א פויגל! — זאָגט בייַל אין די געדאנקען. — צופעליק איז פאר דיר דער גאָט,
וועמענס דינער דו ביסט, אין וועמענס איין־איינציקן עמעס דו דארפסט גלייבן"...

— צופעליק? — כאזערט ער דאן איבער שוין אפן קאָל. — פארוואָס האָט אבער קיינער אין
דער וועלט, אויסער אייַך, ניט אָנגענומען די דאָזיקע קאָנפעסיאָן? וואָס האָט אייַך צו איר גע־
צויגן? אייַער מינדערווערטיק בלוט? די געמיינע ראסישע אייגנשאפטן און גייַסטיקע נייגונגען?
מעגלעך, איר זייַט גאָר רעשטן פון די פארלוירענע צען שטאמען איזראעלס... צופעליק?

אן אטעיִסט פון איבערצייַגונג, איז נאָוויטש מאסקים מיטן כאכאמס אויספיר, אז זייַנע טיור־
קישע אָוועס האָבן צופעליק אָנגענומען די ייִדישע עמונע. ניט אָרגאניש, ניט קיין ארויסוווּקס
פון אן אוראלטער פאָלקס־מאָראל, זיטן און עטיק איז זי פאר זיי געווען. ווען מע ווייסט ניט
פון יעציִעס־מיצראִים, פון קידעשהאשעם, פון דער אינקוויזיציע, וואָס איז דעמלט דער גאָט פון
אווראהאָם, ייִצכאָק און יאנקעוו? א טויטע זאך...

נאָוויטש וואָלט נאָך אלץ געווען פארטראָגן אין די אוילאָמעס האמאכשאָווע, ווען דער
כאכאם צעדארשנט זיך ניט מיט פייַער, ווי פון דער בימע אראָפּ. און ריידן רעדט ער א האמעט־
נעם, שווער געבויטן דייַטש. מוז מען אָנגעשטרענגט צוהערן זיך, קעדיי אים צו פארשטיין.

— גאָט וויל, אליין דער אלמעכטיקער וויל און זעט צו, מיר זאָלן ניט אונטערגיין. וויפל
מאָל זייַנען מיר אָפּגעגאנגען מיט בלוט: נאָך שווערע שלאכטן, נאָך בייזע אָנשיקענישן גאָטס.
מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק נאָך דער פעסט זייַנען מיר געבליבן עטלעכע פאמיליעס. און
אופגעשטאנען זייַנען מיר מיט גאָטס הילף טכיִעס־האמייסים. מיר ווילן בלייַבן לעבן, האָבן
רעכט צו לעבן, מאטערן זיך, ראנגלען זיך...

„אוואדע האָבן זיי רעכט צו לעבן און צו ראנגלען זיך", — איז ווידער מיט אים מאסקים
נאָוויטש. אן איבעריק מאָל ווערט ער אינערלעך באגייַסטערט פון א וווּנדער אין דער מענטש־
לעכער געשיכטע: קעגן אלע עקזיסטענץ־קלאָלים האלט זיך אוף אן אייגנארטיק הייפל מענטשן,

ווערט ניט באַטל בעשישים, קומט ניט אום, פאַרשווינדט ניט. ענלעכע דערשײַנונגען האָט ער ליב צו פאַרגלײַכן מיט דער וועספּ. לויטן געבוי פון איר קערפּער און פליגלען, שטעלן פעסט די וויסנשאַפטלער, וואָלט זי ניט באַדאַרפט קאָנען פליִען, און דאָך פליט זי...

— גוט, גוט, — שטייט בײַל אוף און גיט דערמיט א צייכן, טאַרטאַל זאָל פאַרענדיקן און גיין, — מיר וועלן אַלע אײַערע אופקלערונגען דיסקאַנטירן.

אפילע אַפן וועג צום ארויסגאַנג הערט טאַרטאַל ניט אוף צו בעטן און דערקלערן:

— ביטע, דיסקאָנטירט, אז מיר שטאַמען פון טיורקן, ריידן א טיורקיש־דזשאַגאַטישע שפּראַך. מע טאָר ניט פאַרגעסן, אז די טערקן קעמפן אייביק קעגן רוסלאַנד. אין פאַריקן וועלט־קריג זײַנען זיי געווען און אויך איצט זײַנען זיי דײַטשלאַנדס פאַרבינדעטע...

בײַל באַגלייט אים מיט באַרויקנדיקע רייד:

— נאָר אָן פּאַניק. מירן אַלץ אויספאָרשן. ערלעדן און גרינטלעך, ווי מיר קאָנען.

ארויסגעלאָזט דעם כאַכאַם, פאַרשליסט ער די טיר און, האַסטיק צוהינקענדיק צום שרײַב־טיש, זאָגט ער צו נאַוויטשן:

— זעצט זיך.

וואָס איז פּלוצעם די העפלעכקײַט, דאָס אירצן? נאַוויטש זעצט זיך ניט. מע איז אָפּגעוווינט, א נאַצי זאָל ריידן צו א ייִדן, ווי צו א מענטש. וואָסערע פינצטערע קאַוואָנעס און הינטערגע־דאַנקען האָט דער היטלעראָוועץ? ס׳איז גלײַכער ניט אויוועך צו זײַן אַף זייערע טאַקאָנעס...

— דער דאָזיקער שוואַרצער פויגל, — הייבט אָן בײַל, אָנצילנדיק א פאָרשערישן בליק אַפן יודאיסט, — האָט, ווי געזאָגט, פון אייגענער איניציִאַטיוו צוגעשטעלט די ליסטע... וואָס האָט אים געשטויסן דאָס טאָן?

„די ייִדן, וואָס זײַנען געלאָפן פון געטאָ מיט די געמעלאַכטעטע קאַראִימישע פּאַספּאָרטן. די מוירע פאַרן גוירל פון זײַן אײדע״, — פּרווט נאַוויטש אין די געדאַנקען מעלאַמעד־זכוס זײַן אַפן כאַכאַם.

— שטעלט זיך פאַר, — זשמורעט בײַל צו זײַנע קליינע טונקעלע אייגלעך, — שטעלט זיך פאַר, מע פרעגט אים, צי האָט ער ניט עמעצן פאַרזען, דורכגעלאָזן. באַשטייט ער קאַטעגאָריש, אז קיינעם ניט. פאַר אים איז עס, מעגלעך, א פּרעסטיזש־זאַך, אָבער פאַר אנדערע... די, וואָס זײַנען ניט געווען אין דער ליסטע... נאַ, וואָס איז דאָ צו ריידן...

נאַוויטש פאַרשטיקט קוים אין זיך דאָס ווייגעשריי: „מײַן ראַכעלע!״ פאַרן דײַטש טאָר ער ניט ארויסווײַזן, אז ער ווייסט וועגן אומגליק. ייִדן טאָרן דאָך ניט וויסן, וואָס עס געשעט אַף יענער זײַט פונעם שטעכדראָט. נאָר עפּשער, עפּשער וויל מען אים דאָ אונטערהעצן, פּראָוואָ־צירן? עפּעס געפעלט אים ניט די העפלעכקײַט פונעם צווירער.

— איר רייכערט? — פרעגט פּלוצעם בײַל, אויסשטרעקנדיק א געעפנט פּעקל סיגאַרעטן. אמאָל א לײַדנשאַפטלעכער רייכערער, איצט א הונגעריקער, א פאַרשמאַכטער, דערפילט נאַוויטש א מוירעדיקן צי אונטערן לעפעלע, באַגלייט פון א שווינדל אין קאָפּ. גוט, וואָס ער האָט די דערלויבעניש זיך צו זעצן.

— א דאַנק, איך רייכער ניט, — טוט ער א מורמל, אראָפּלאָזנדיק זיך אַפן שטול.

— אויב איר רייכערט ניט, האָט איר א סאַך פאַרלוירן אין לעבן, — זאָגט בײַל, פאַרציִענ־דיק מיט קענטיקער האַנאָע דעם שמעקנדיקן רויך פונעם סיגאַרעט.

— איז ווילטיק דער זין פון לעבן? — שטעלט נאַוויטש א פילאָסאָפישע פראַגע און ברייטערט זי אויס: — דערצו, בייס סע גייט אין זײַן אָדער ניט זײַן... וואָס איז שוין, אויב מע וועט אויסרייכערן נאָך א סיגאַרעט... — נאָך א קורצער האַפּסאַקע, אראָפּשלינגענדיק שפּײַעכץ, אָנעמענדיק זיך קויעך, ברענגט ער ארויס: — ס׳איז איבעריק אײַך אופמערקזאַם צו מאַכן... לויטן רוימישן רעכט... נאַסציטורוס... שוין דער עמבריִאָן פונעם מענטשן אין דער מוטערטראַכט באַזיצט יורידישע רעכט. ס׳וועט געשיצט זײַן רעכט צו לעבן...

— רעכט, רעכט... — שפּרינגט בײַל אוף, נעמט ארומהינקען איבערן צימער און ווענדט זיך צום יודאיסט ווידער אַף „דו״: — זעסטו, אָן אײַזערנער געזעץ איז דער נאַטירלעכער אָפּקלײַב. בלויז דער שטאַרקערער בלײַבט לעבן, נעמט זיך דאָס רעכט צו עקזיסטירן. ווי אין דער נאַטור — איינער עסט דעם צווייטן...

— אָבער ניט פון זײַנסגלײַכן, — באַמערקט פאַרזיכטיק נאַוויטש. — אפילע א וואָלף פאַר־צוקט ניט קיין וואָלף...

— איר זײַט ניט פון מענטשנסגלײַכן... אזוי שטעלט פעסט אונדזער ראַסן־לערע...

פאַרגעסן, ווו ער געפינט זיך און מיט וועמען ער האָט צו טאָן, נעמט נאַוויטש שטרײַטן:

— דערלויבט מיר שטעלן א פראַגע. ווי וואָלט אויסגעזען די וועלט, ווען זי באַשטייט פון איין פאַרב, פאַרמאָגט בלויז איינערליי געוויקסן, איינערליי באַשעפענישן, אַלע מענטשן האָבן

איין אויסזען... די שיינקייַט פון דער וועלט ליגט אין איר פילפענעמדיקייַט. מע מאכט רעזערוואטן פאר באלעכאיִם, וועלכע פארשווינדן, מע פארבאַט די יאגד אף זיי... אַט נעמט די קאראיִמער מיט זייער אייגנארט — אַן עמעסער פענאָמען אין דער מענטשלעכער געשיכטע. אין א פרעמדן יאם אופצוהאלטן אַן אוראלטע שפראך, אייגנטימלעכע זיטן! אַן אלטערטימלעכע פליג, פארקאָנסערווירט אין בורשטין... א קליינטשינק מענטשן־הייַפל — און גיט צו דער וועלט א כיינפינטל...

— דאָס אלץ איז שיינריידערייַ, רעטאָריק... — זעצט זיך בייַל אף זייַן אָרט און פארטראכט זיך. טאמאר, טאמאר איז אופגעשווומען... ער נעמט ווידער אירצן נאָוויטשן: — זייַט איר טאקע זיכער, אז די קאראיִמער זייַנען ניט קיין יידן? מיר ריידן אונטער פיר אויגן, קאָנט איר זייַן אָפנהארציק. ווי קומט פונדעסטוועגן צו זיי די יידישע רעליגיע?

— איר מיינט, די פרימיטיוו געטייַטשטע מאָזעס־לערע, מיר זאָגן — טויראס מוישע, — פאריכט אים פאָרזיכטיק נאָוויטש. — אונדזערע היגע קאראיִמער זייַנען, אָן צווייפל, רעשטן פון א טיורקישן שטאם. ווען ער איז רייַף געוואָרן אָנצונעמען א מאָנאָטעאיִסטישן גלויבן, איז צו אים פארטראָגן געוואָרן די קאראיִמישע מאָדיפיקאציע פון דער יידישער רעליגיע. דעם זעלבן צופעליקן דערפאָלג האָט געקאָנט האָבן די מוסולמענישע אָדער קריסטלעכע רעליגיע...

מיטן געוויינלעכן פארקילטן שמייכל אפן פאָנעם הערט בייַל אופמערקזאם צו. צווישן די פינגער פון זייַן האנט, וואָס שפארט אונטער דעם קין, רייכערט זיך א סיגארעט. דער רויך דריידלט זיך, ווי דאָס כויזעק־צינגל פון א שעדל, און רייצט, קיצלט, שפעט פון נאָוויטשן...

— גרייט צו, — הייבט זיך בייַל פלוצעם אוף און גיט ווי א שלעפ ארויס נאָוויטשן פון דער צעכושטקייַט, — גרייט צו א ברייטערע שריפטלעכע אינפאָרמאציע וועגן גענעזיס פון די היגע קאראיִמער. אין דייַטש, פארשטייט זיך. — ריידנדיק, דערלאנגט ער דעם יודאיִסט א דאָקומענט: — דאָס איז א דערלויבעניש דערמיט זיך צו פארנעמען. אומבאדינגט אָנגעבן די באנוצטע קוואלן. א צוטריט צו דער נייטיקער ליטעראטור, צו ארכיוון וועט זייַן. דאָ איז א פעקל שרייַב־פאפיר, טינט־און־פעדער. פארשטייט זיך, מירן אלץ קאָנטראָלירן. אונדזערע אינסטאנצן וואכן, פארשפּאָר איך צו וואָרענען, אז אלץ דארף געטאָן ווערן מיטן בעסטן וויסן און געוויסן — ניט פעלשן, ניט פארשווייַגן. אין קעגנפאל...

מיט א האנט־באוועגונג באווייַזט בייַל, אז מע וועט אין קעגנפאל ארומדרייען נאָוויטשן א שטריק ארום האלדז און אופהענגען. דער שמייכל אף בייַלס טרוקענע ליפן צעפליסט זיך פון אויער צו אויער.

דער קאָנוואָיִר, וואָס האָט געווארט די גאנצע צייַט אין קאָרידאָר, נעמט איבער דעם יודאיִסט און פירט אים אוועק צוריק אין געטאָ.

באטאָג

דער צוג, מיט וועלכן טארטאל איז געפאָרן, האָט די צוואנציק קילאָמעטער פון דער שטאָט ביזן קאראיִמער־שטעטל אָפגעשלעפט זיך איבער א שאָ צייַט. פאמעלעך האָט דער צוג געפויזעט, ווי אָנטאפנדיק יעדן שפאן רעלס, ווי ווענלנדיק פעסטשטעלן, צי די פארביסענע קעגנער פון דער נייַער אָרדענונג און דעם דריטן רייַך האָבן אף זייַן וועג ניט אונטערגעלייגט אזוינס, וואָס זאָל אופרייַסן און מיט א דונער אויסקערן די וואגאָנען צי גאָר אראָפּשלייַדערן זיי פונעם באן־אָנשיט.

צו אַט דעם פאסאזשיר־צוג, דעם איינציקן בעמעשעך פון טאָג, האָט טארטאל געהאט אוועקגעגייַלט, ארויסגייענדיק פונעם „אמט פאר ראסן־היגיִענע”. באווויזן צום צוג, אָנגעקומען אף אַן אָרט. דערפילט פעסטן באָדן אונטער די פיס, טוט טארטאל ערפאָרכטיק א הייב דעם בליק צום לויטער־בלויען הימל: „א דאנק, בוירע־אוילעם!”

און אַט איז ער אף דער הויפּט־גאס פונעם שטעטל, ווו ס׳לעבט פון קאדמוינים זייַן גרעסטע איידע. פון איר האָט ער באשלאָסן אָנצוהייבן, פון דער סאמע גאָטפאָרכטיקער און אָפגעהיטער פון מישן זיך מיט פרעמדשטאמיקע. באשלאָסן און ניט געהאט קיין געדולד צו ווארטן. ניט באוויזן אפילע אָפעסן אין דער היים. זייַן היגער פארטרעטער, דער כאזאן, וועט, אָן סאָפעק, אים אייַנלאדן צו מיטיק, האגאם עס גילטן איצט שפּייַז־קארטלעך. נאָכן עסן וועט ער פארבעטן צו זיך די כאָשעווערע באלעבאטים און זיי אופקלערן דעם איניען מיטן קאָנטראָל, וואָס שטייט פאָר. מע מוז צעשטרייען די מוירע, וואָס האָט אלעמען ארומגעכאפט. וועט ער צו וויסן טאָן,

אַז נאָכן קאָנטראָל וועלן אַלע באַקומען שוץ־צײַגענישן, און מע וועט באַוואָרנט זײַן פון אַבלאַוועס, אַרעסטן און אַרויספירענישן. אין קאָפ האָט ער אַפילע צונויפגעשטעלט אַ דראָשע, מיט וועלכער ער וועט זיך ווענדן צו די פאַרבעטענע מענטשן און דערנאָך צו דער גאַנצער איידע שאַבעס אין דער קענאַסע. ער וועט זאָגן: „מיר זײַנען ניט קיין ייִדן און מוזן זיך שטרענג אָפגרענעצן פון זיי, ווי ס׳האָט געטאָן זײַנערצײַט אַנאַן בען דאַוויד, דער גרונטלייגער פון אונדזער עמונע. ער האָט געראַטעוועט זײַן לעבן דורכן אָפגרענעצן זיך פון די טאַלמודיסטן. גאָט האָט אָפגעטאָן זײַן כעסעד פון די ייִדן, געלאָזט זיי אַף העפקער. און אויב ער טוט אַזוי, דאַרף מיסטאָמע אַזוי זײַן. די טאַלמודיסטן האָבן פאַרומרייניקט דעם לויטערן קוואַל פון מאָשעס טוירע. זייערע דינים איז ווילדגראָז אַף אַ בלומען־בייט. ווילדגראָז, וואָס לעבט אַפן כעזשבן פון אַנדערע. איצט ווילן געוויסע ייִדן בלײַבן לעבן אַף אונדזער כעזשבן. מיר זײַנען צו קליין אין צאָל און קאָנען זיך ניט דערלויבן אַזאַ שפיל... פון טאָמיד האָב איך אײַך אַלעמען געהיט, צוזאַמענגעהאַלטן, געפירט אַ גענויע רעשימע: ווער ס׳איז, מיט מאַזל, געבוירן געוואָרן, ווער, כאָלילע, געשטאָרבן. אײַך וועל איך ווײַטער היטן און אויסהיטן. מיר וועלן ווערן גאָטפאָרכטיקער, וועט דער אַלמעכטיקער אונדז באַשיצן...״

ליידיק פון מענטשן איז די שטעטלשע הויפט־גאַס. אַמאָל מיטיק־צײַט פלעגט די לופט דאָ אָנזעטיקן דער רייעך פון קאַראַיִמישע מײַכאָלים. עך, די קיבינעס, די פירעזשקעס, געפילטע מיט געווירצטן שעפסנפלייש! טאַרטאַל איז גרייט זיי עסן דרײַ מאָל אַ טאָג, און ניט בלויז, ווי דער מינהעג איז, פרײַטיק־צונאַכטס. עך, די קיבינעס און דער זעמער וועגן זיי, וואָס פלעגט דאָ הילכיק קלינגען!

לאַנג איז די הויפט־גאַס, שלענגלט זיך, גייט באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפ, ווי דאָס לעבן. די קאַראַיִמישע שטיבלעך מיט די דרײַ פענצטער, געווענדטע צו דער גאַס, זײַנען פאַרטײַעט. נאָך דער לעצטער אַבלאַווע און די אַרעסטן פון די ייִדן מיט די פאַלשע קאַראַיִמישע פאַספאָרטן האָט דער אוילעם, אַפאָנעם, מוירע די נאָז אַרויסצושטעקן. ווי ווײַט זײַנען פונדאַנען די גריבער מיט די אויסגעשאָסענע ייִדן פון דער גאַנצער אומגעגנט... ער ווייסט, טאַרטאַל, אַז אַנדערע פון זײַן איידע גרייטן זיך אַנטלויפן. ווּהין וועלן זיי לויפן? זיי וועלן זיך אָפרײַסן פון שטאַם און פאַרלוירן גיין.

און עפשער צווינגט די היץ אַלעמען זיצן אין די הײַזער, כאָטש דער וואַסער־שעטעך פון די אָזערעס, וועלכע באַשווענקען דאָס שטעטל פון ביידע זײַטן, מילדערט די כמימע. דורכן געצווײַג פון די ביימער, געדיכט אָנגעוואַקסענע אַף די ברעגעס, שפיגלט זיך דער אָפגעגאָסענער מיט זונשײַן וואַסער־זילבער. צומאָל טוען אַ שעמעריר די כורוועס פונעם שלאָס, דער רעזידענץ פון די אַמאָליקע ליטווישע גרויספירשטן, וואָס שטייט אַפן אינדזל אינמיטן דער אָזערע. דער איינציקער וועג צו דער בריק, וואָס האָט פאַרבונדן דעם שלאָס־אינדזל מיט דער יאַבאָשע, איז געגאַנגען דורכן קאַראַיִמער־שטעטל. אַזויאַרום האָבן די קאַראַיִמער געהאַלטן דעם שליסל צום פירשטלעכן שלאָס אין זייערע הענט. „די כורוועס זײַנען ווירדיקע איידעס פונעם אַלטן קאַראַיִמישן רום, — פאַלט אײַן טאַרטאַלן, — דעם רום פון דרייסטע קריגער און טרײַע דינער מאַלכעס״. אויך אַפן ברעג זײַנען צעוואָרפן מיט מאָך באַוואַקסענע רעשטן פון אַלטערטימלעכע געבײַדעס. די ציגל־ווענט זײַנען צעקרישלט, אָבער די שטיינערנע פונדאַמענטן, אײַנגעוואָרצלטע אין דער ערד, האַלטן זיך פעסט. אויך די דאָזיקע ביניאָנים דערמאָנען קאַראַיִמער: אינעם לעבן אײַנגעוואָרצלטע רעשטן, וואָס זײַנען איבערגעקומען די פאַרבײַגעוויכערטע צײַט־שטורעמס. ער, דער כאַכאַם, איז איצט מעכויעוו מיט אַלע מיטלען היטן די רעשטן פון זײַן שייוועט, ער מוז אָפווענדן די שווערד, וואָס האָט זיך פאַרהויבן איבער זייער קיִעם.

ליידיק און שטיל איז די שטעטלשע הויפט־גאַס. נאָר אָט טראָגט זיך עמעצער פאַרבײַ מיט אַ געבערום און געכאָרכל, ווי מע וואָלט אים ווערגן. נו, יאָ, ס׳איז בראַכיע דער כאָסערדייע. שטענדיק לויפט ער אַזוי פון איין עק שטעטל צום צווייטן, פון שטעטל צום בעסאַלמען, פון וועלכן ער ברענגט די יעדיִע, אַז אַלע מאַצייוועס שטייען אַף אַן אָרט און פלאַץ פאַר נײַע קוואָרים איז נאָך פאַראַן... אָפגעריסן, אָפגעשליסן, באַוואַקסן, אייביק מיטן זעלבן שוואַרצן היטל אַפן אופגעפוישטן קאָפ האָר. דערזעענדיק איצט טאַרטאַלן, טראָגט ער זיך נאָך האַסטיקער אַוועק מיט אַן אויסרוף, וואָס קלינגט, ווי אַן איימעפולע וואָרענונג: „דער כאַכאַם! וואַכט אויף, דער טויט שטייט בא אײַערע טירן!״

ווען בראַכיע פאַרשווינדט, זיפצט טאַרטאַל אָפ. וועט אויך דער־אָ מעטורעף מוזן דורכגיין די אונטערזוכונג? און עפשער דאַרף מען אים לאָזן אַרומלויפן, ביז ער וועט, ווי אַ ווילדער פויגל, אַרײַנפאַלן אין פאַסטקע? און אויסער אים? פאַראַן נאָך שוואַכזיניקע קאַראַיִמער. און צום וויפלטן מאָל פאַרשאַפט טאַרטאַלן ווייטעקדיקן אַגמעסנעפעש די באַהויפטונג פון מעדיקער, אַז עס טאָרן זיך ניט מעשאַדעך זײַן בלוט־נאָענטע, מאַכמעס זייער ווײַטערדיקער דאָר לײַדט

פון יערושע־כאַלאָסן, דעגענערירט... ווי זאָל מען אָבער אַנדערש אופּהאַלטן אַ קליינע געמיינ־שאַפֿט, אַ שייוועט מענטשן? די יוגנט טרעט אָפּ פֿון גאָטס וועגן. אַפֿילו שאַבעס ווײַסטו זי אין דער קענאַסע ניט אַרײַנמאַניען. מע פֿרייט זיך, אַז דעם ערשטן ניסאַן, דעם טאָג, ווען גאָט האָט אָנגעהויבן די וועלט באַשאַפֿן, און דעריבער — אינעם טאָג פֿון קאַראַימישן נײַ־יאָר, דאַסגלײַכן אינעם הייליקסטן יאָמטעוו גאָטס, פּייסעך, קומען אויך די ייִנגערע אָפּגעבן אַ לויב דעם באַשע־פֿער, לייענען אָפּ אַ טפֿילה פֿונעם קאַלטכאַלאַר מיטן לאַטײַנישן אַלעפֿבייס, און שוין. זעלטן ווער עס קען נאָך די הייליקע שריפֿט. פֿאַרלאָזט איז דער בלויער הימל־קופּאָל פֿון דער קענאַסע, צו וועלכער ער דערנעענטערט זיך. אָבער, אָבער... ווער שרײַט עס דאָרט יאָמערלעך אינמיטן העלן טאָג?

דאָס יאָמער־געשריי, ווי עס וואָלט טאַרטאַלן מיט אַ שטריק אַרומגעכאַפּט און געצויגן, געצויגן אין דער קענאַסע אַרײַן. אינעם פֿאָדערהויז טוט ער אויס די שיך, און דער שטריק ציט אים צו צום אויבנאָן.

אָפֿן טעפּיך פֿאַלט דאָרט קוירים אַ פֿרוי אין שוואַרצן און לייגט אײַן וועלטן, בעטנדיק הילף באַם האַר פֿון דער וועלט. אַ פֿרוי לעבן אָמעד!

— וואָס טוסטו דאָ! — רופֿט שטרענג אויס טאַרטאַל.

אַסנאַט שפּרינגט אויף. דערזען דעם כאַכאַם, ציט זי זיך אָפּ אַף הינטערווײַלעכס און פֿאַר־ברעכט די הענט אָפֿן קאָפּ:

— אַדאָנענו, לייזט אויס בּיאַנען, לייזט אויס אַ יעסוימעלע! באַגייט אַ גרויסע מיצווע!

טאַרטאַל האָט אַלעמאָל אָפּשײַ פֿאַר דער דאָזיקער גאָטפֿאַרכטיקער עלטערער פֿרוי, וואָס שטענדיק טראָגט זי די כירכע, דאָס קאַראַימישע שוואַרצע קלייד מיטן שירץ פֿעשקיר, שטענ־דיק איז זי אינעם שוואַרצן טיכל, דעם טישעבאָוו־צייכן אָפֿן כורבן פֿון גאָטס טעמפּל. טאַרטאַל האָט אָפּשײַ פֿאַר דער פֿרוי, וואָס רעדט דאָס קאַראַימישע לאַשן, דורכפֿלעכטנדיק עס מיט אָר־ראַלטע ווערטלעך און אויסדרוקן. זי איז פֿרום און מעשונעדיק מאַקפּיד אין אָפּהיטן גאָטס גע־באָטן, אָפּט שוין פֿאַרגעסענע דינים און מינהאָגים.

— זײַט אַ פּירשפּרעכער און לייזט אויס בּיאַנען, אַדאָנענו! — ברומט הייזעריקלעך אַס־נאַט, און די פֿלאַכע נאָזלעכער פֿון איר צוגעפּלעטשטער נאָז בלאָזן זיך אויף.

טאַרטאַל איז נישטוימעם. בּיאַנע? ווער איז עס, ווער? פֿון וועמען דאַרף מען זי אויסלייזן? מיט היסטערישע געשרייען און אַ נערוועזער האַנט־פֿאָכעניש קלערט אַסנאַט אויף, וועגן וועמען און וועגן וואָס עס גייט אַ רייד. יאָ, ער דערמאָנט זיך. גלײַך נאָך יענער וועלט־מילכאָמע איז אַ יונגע קאַראַימערן, אַן עלנטע יעסוימע געשטאָרבן בייסן געבערן. זי האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט אַ דײַטשישן סאָלדאַט, און גאָט האָט זי געשטראָפֿט. דאָס קינד, זאָגט אַסנאַט, איז געבליבן לעבן. דאָס הערט ער איצט. די אַלטע טײַנעט, אַז מע האָט דאָס קינד, אַ מיידעלע, באַלד נאָכן געבורט בעשטיקע אוועקגעפֿירט צו דער מוטערס קרויווים אין גאַליטש. יאָ, אַ כאַשעווע קאַ־ראַימישע געמיינדע איז דעמלט געווען אין גאַליטש. איצט איז דאָס דערוואַקסענע מיידל געקו־מען צוגאַסט, איז אײַנגעשטאַנען באַ אַסנאַטן און אַרעסטירט געוואָרן בייס דער אָבלאַווע... גע־וויס, דאָס מיידל האָט ניט געקאָנט אײַנגעפֿינען זיך אין זײַן רעשימע... גוט, וואָס אַסנאַט דער־מאָנט ביכלאַל ניט די רעשימע... אויב ס'איז אַזוי, ווי זי זאָגט, וועלן די מאַכט־אָרגאַנען אופּק־לערן די זאַך, וועלן קאָנטראָלירן אין גאַליטש...

— כאַכאַם! — ווערט אַסנאַטס געלבלעך פּאָנעם בלייך, ווי ווײַסע ליים. — אַדאָנענו, אין די צען געבאָטן שטייט, אַז מע טאָר קיין ליגן ניט זאָגן?

„וואָס איז זי אויסן? — ווערט אינערלעך אומרויִק טאַרטאַל. — ער האָט דאָך דאָפּקע גע־זאָגט דעם עמעס. פֿאַרלאָפֿן דעם וועג פֿאַלשקײַט און מאַכינאַציעס”.

אַסנאַט וואַרט אָפֿן ענטפֿער.

טאַרטאַל לייגט אַרויף די האַנט אַף איר פּלייצע און פֿירט זי אָפּ פֿונעם אָמעד צום אַרויס־גאַנג.

— מײַן קינד, — דערקלערט ער פֿאָטערלעך, — קיין ליגן טאָר מען ניט זאָגן. צו וואָס דאַרף עס נאָך שטיין אין די צען געבאָטן, אַז ס'איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך?

דערהערט, אַז ס'איז ניטאָ קיין געבאָט, וואָס פֿאַרווערט זאָגן ליגן, צעיאָמערט זיך אַסנאַט פֿון דער אופֿגעשפּרודלטער פֿרייד אין האַרצן...

— האָב ניט מוירע, — מאַכט דער כאַכאַם מיט אַן אופֿגעהויבענעם טאָן, זיך דערפֿילנדיק ווי אַ וועגווײַזער און גײַסטיקער מאַנהיג. — זײַנע טרײַע דינער ווײַט דער אַלמעכטיקער באַ־וואָרענען פֿון האַרצקלעמעניש און אויסהיטן פֿון געפֿאַר און בייזע רוכעס.

— און אויב דער ליגן העלפֿט טאָן גוטס, אַ סאַך גוטס? — טרעט אַסנאַט ניט אָפּ פֿונעם איניען, וואָס מאַטערט זי. — איז בעסער אַן עמעס, וואָס ברענגט שאָדן, אָדער אַ נוצלעכער ליגן?

דער כאַכאַם ענטפערט ניט. אינעם פאַדערהויז שפּיליעט ער פאַנאַנדער דעם סורדוט, דעם זשיליעט, טוט אָן די שיך און בלײַבט זיצן. דאָ, אין דער האַלב־טונקלעניש, איז קילבלעך, דאָ קאָן מען אָפּכאַפּן אָטעם, פאַרמאַכן די אויגן...

געפֿענט זיי, דערזעט ער אַסנאַטן און צעדאַרשנט זיך:

— ניט אַפּן גוירל פונעם איינצלנעם קלאָג, שרײַ צו גאָט. אַ געפאַר לאָקערט אָף אונדז אַלעמען. פאַר אונדז אַלעמען זײַ מיספּאַלעל, מיר זאָלן אַרויס גאַנץ פונעם ניסאָיען...

און אַזוי שטויסנדיק פוסטע, אָבער דערהויבן קלינגעוודיקע פראַזן, קומט ער אַרוף אָף דעם קאָנטראַל, וואָס דערוואַרט זיי.

— עס איז, כאָלילע, ניט קיין געפאַר, — באַרוּיִקט ער. — מע וועט אויסמעסטן יעדערנס קאָפּ, יעדערנס גלידער און אַרויסגעבן צײַגענישן, אַז מיר זײַנען ניט קיין ייִדן. זײַנען ריין...

— אַדאָנענו, עפּשער דאַרף מען פאַסטן? — רופט אויס אַסנאַט מיט ציטער.

— ניין, ניין! — שפּרינגט טאַרטאַל אויף. אין זײַן עלטער ווירקט שווער דאָס ניט עסן צו דער צײַט. אָט כאַלעשט ער טאַקע עסן, מוז איבערכאַפּן דאָס האַרץ. ער וויל זיך אָפּטשעפּען פון דער פרוי, וואָס דערקוטשעט אים.

— און ווער וועט געבן דאָס צעטל, אַז מיר זײַנען ריין? — שטעלט אַסנאַט אָף אים אָן אירע שמאָלע גרין־גרויע אויגן, וואַרטנדיק אָף אַ טשוווע.

גרייט אוועקצוגיין, טוט טאַרטאַל אַ זאָג, אַז די צײַגענישן גיט מען אַרויס אין שטאָט, אינעם באַוווּסטן מויער, ווו צוויי נאַקעטע האַלבע מענער־פיגורן האַלטן אונטער דאָס דעכל איבערן אַרײַנגאַנג.

— איך ווייס, די צוויי „באָלוואַנעס“! — שרײַט פריידיק אויס אַסנאַט און כאַפּט זיך צו אירע פאַנטאָפל. — שוין לויף איך אַהין.

אומזיסט פּרוווט טאַרטאַל זי איבעררײדן, אָפּהאַלטן. ער גיט צו פאַרשטיין, אַז צײַט איז נאָך פאַראַן איבערגענוג. מע דאַרף זיך ניט אײַלן קריכן דעם וואָלף אין שלונג אַרײַן. אַגעוו, איז שוין דער צוג אָפּגעגאַנגען...

האַגאַם ער איז זיכער אין אַסנאַטס אָפּשטאַם, וויל ער ניט, די דײַטשן זאָלן דאַפּקע פון איר אָנהייבן. ניט שטענדיק קאָן זי זיך האַלטן לײַטיש. אָפּט קאָן זי זיך ניט צוימען... דערצו האָט מען באַ איר געפונען יענע, די פון גאַליטש געקומענע. ווער ווייסט, וואָס דאָס איז פאַר אָן איינע... ניין, אַסנאַט טאָר ניט זײַן די ערשטע. ער זאָגט איר דאָס, וואָרנט שטרענג...

קיינער וועט זי אָבער שוין ניט איבעררײדן, ניט אָפּהאַלטן. מיט די פאַנטאָפל אין די הענט לויפט זי צוערשט אַהיים. פאַרכאַפּט עטלעכע בינטלעך רעדיסקעס, צוגעגרייטע צום פאַרקויפן. צו זיי לייגט זי אַרײַן אין דער קעשענע פונעם שירץ אויך אַ פאָר אייער, וועלכע זי האַלט צו־געגרייט צו ביִאַנעס קומען.

פאַרשלאָסן דאָס שטיבל, לאָזט זי זיך צום שאָסיי, אַלץ מיט די פאַנטאָפל אין די הענט. דער אָנגעגליטער ברוק סאַרפּעט די פוסטריט, כאָטש זיי זײַנען פונעם יאָרנלאַנגן אַרומגיין באָרוועס ווי אונטערגעשמידט מיט האָרן־זוילן. פון אונטן סמאַליעט דער ברוק, פון אויבן — די זון. נאָר ווען מען אַרט עס? אַסנאַט אײַלט אין שטאָט. קיין רעגע זאָל ניט פאַרלוירן גיין. איצט ווייסט זי, צו וועמען מע דאַרף זיך ווענדן. עפּשער וועט זיך לאָזן, מיכוץ די טפילעס און גאָט, אָנטאָפּן אַ פאָדעם צו ביִאַנען. קיינעם וועט זי, אַסנאַט, ניט הערן, ניט פאָלגן — ניט דעם כאַכאַם, ניט די שכיינים, וועלכע אייצענען דאַנקען גאָט, וואָס מע האָט זי ניט אַרעסטירט צוזאַמען מיט ביִאַנען, אייצענען פאַרשטעקן זיך צי ביכלאַל פאַרשווינדן.

אַלע אייצעס זײַנען אומזיסט.

איבערן שאָסיי טראָגן זיך צו דער שטאָט־צו קאָלערליי אויטאָמאַשינעס. צו יעדערער פון זיי הייבט אַסנאַט די הענט, ווינקט, מע זאָל זי אַרופנעמען. קיינער לייגט אָבער קיין אַכט ניט אָף איר. לעסאָף בלײַבט זי שטיין מיט אָן אופגעהויבענער האַנט, אין וועלכער זי האַלט די מיטגענומענע צוויי אייער.

זי האָט ניט קיין טאָעס. די אייער מאַניען באַלד צו אָן אויטאָ־שאָפער. ער נעמט זי אַרוף מיטן באַדינג צו דערפירן נאָר ביזן שטאָט־ראַנד.

אַסנאַט פאַרשטייט, וואָס ער זאָגט. נאָך בייס יענער וועלט־מילכאָמע, ווען ס'האָבן אין די היגע קאַנטן אַ פאָר יאָר געבאַלעבאַטעוועט ווילהעלמישע סאָלדאַטן מיט שפּיצן אָף די קיווערס, איז אויסגעקומען פאַרשטענדיקן זיך מיט זיי אָף דײַטש. אויך דאָס ריידן ייִדיש מיט די שטעטלשע ייִדן האָט מיטגעהאָלפן צו פאַרשטיין דאָס דײַטשישע לאָשן.

— דאַנקע שען, — ענטפערט זי דעם שאָפער, גיט אים אָפּ די אייער און קריכט פלינק אַרײַן אין קוזאָוו.

אַסנאַט מאָסטעט זיך אײַן אין אַ ווינקל אַפּן אײַזערנעס דיל. אַנטקעגן איר זיצן אָף אַ באַנק

צוויי יונגע היטלעריסטישע סאָלדאַטלעך. זיי פאַרפירן מיט איר אַ שמועס, פרעגן, צי זי איז אַ „מאַנגאַלין״ אָדער, מעגלעך, גאָר אַ „יודין״.

זי צעלאַכט זיך הילכיק, אומגעצוימט־ווילד, היסטעריש. זי פאַרשטייט אַליין ניט, פאַרוואָס זי לאַכט, נאָר קאָן זיך ניט באַהערשן. די דײַטשלעך צעלאַכן זיך אויך, קוקנדיק אַף דער זשוואַ־ווער עלטערער פרוי, וואָס קאַטשעט זיך פון געלעכטער, שטשירענדיק צוויי רייען גרויסע פּערלמוטערנע ציין אינעם ברייט אופגעריסענעם מויל.

און אַזוי לאַכנדיק, ווערט איינעם פון די דײַטשלעך כאַפּעדיק די סטאַרטשענדיקע קעשענע אַף אַסנאַטס שירץ.

— וואָס איסט דאַס? — פרעגט ער, טײַטלענדיק אַף דער קעשענע, און כאַפּט אַראָפּ פון דער פּלייצע דעם קאַראַבין.

האַסטיק אַרויסגענומען די עטלעכע פּעקלעך צונטער־רויטע רעדיסקעס, שטרעקט אַסנאַט זיי אויס די דײַטשן, ווי בלומען:

— ביטע שען, האַנטגראַנאַטן...

דאָ שיסן שוין אַלע אַרויס מיט אַ געלעכטער.

דער שאָפער רוקט אַרויס זײַן קאָפּ דורכן קאַבינע־פענצטערל:

— וואַס איסט דאָרט?

— אַ קאָמישע רײַזנדע דאַמע, — דערקלערט איינער פון די דײַטשלעך. — זי טיילט אַלע־מען ראַדיסכען.

— און אַז ס׳וועט אָנקומען דער אוגערקעס־סעזאָן, וועל איך טיילן אוגערקעס, — זאָגט צו אַסנאַט.

און ווידער מישט זיך אויס אַלעמענס געלעכטער מיט דער זשומערײַ פונעם אײַלנדיקן אויטאָ.

ניט אַרומגעזען זיך, און מע דערגרייכט דעם שטאָט־ראַנד. אָפּגעהאַלטן די מאַשין, גיט דער שאָפער בייזלעך אַ געשריי:

— רײַזנדע דאַמע, אַרויס!

אַסנאַט שפּרינגט פלינק אַראָפּ. טוט אָן די פאַנטאָפל. ס׳מאַכט ניט, וואָס איר שטייט פאָר אַ רעכטער מעהאַלעך. זי איז לײַכט אַפן טראָט. די שטאָט קען זי אויסגעבונדן. וויפל יאָר, ווי זי טראָגט פאַנאַנדער אירע קונדן די „קאַראַזימער״ אוגערקעס, וואָס האָבן אַ שעם אין דער וועלט. דעם קירצסטן וועג צום הויז מיט די „באַלוואַנעס״ ווייסט זי.

געקומען אַהין, וויל אָבער אַ ברוין־אוניפאָרמירטער זי ניט אַרײַנלאָזן. עפּעס פאַרשטייט ער ניט, עפּעס איז אים ניט קלאָר. ער הייסט וואַרטן.

בײַל איז פאַרוווּנדערט. נאָך ניט באַוויזן צוגרייטן זיך, אײַנפאַרמירן די אונטערגעאָרדנטע, און שוין מעלדן זיך „קליענטן״. ווײַזט אויס, שטאַרק איז דער דראַנג צו באַזיצן די צײַגעניש, וואָס זיכערט דאָס לעבן... ער באַפעלט אַרײַנלאָזן די געקומענע, כאָטש געהאַט האָט ער בעדייע פאַרקירצן דעם אַרבעטסטאָג און אַראָפּכאַפּן זיך אַפן שטאָטישן פּליאַזש. אַזאַ שטיקנדיקע, אומ־דערטרעגלעכע היץ!

איצט מוז ער אַליין זיך פאַרנעמען מיט דער פּראָצעדור און דאַרף אָנהייבן פון דער נידעריקער, ברייטפּלייציקער עלטערער פרוי מיטן ברייטביינערדיקן פּאָנעם און דער צוגע־פלעטשטער נאָז, מיטן שוואַרצן וואָנצן־פוך איבער דער פולער אייבערשטער ליפּ. זי שטייט פאַר אים פון קאָפּ ביז פוס אין שוואַרצן — אַ שטרענגע, פאַרגליווערטע. איר געלבלעך פּאָנעם מיט די לאַנגע גלײַכע טונקעלע ברעמען און שמאָלע אויגן־אויסשניטן, פאַרזונקענע אין פּיאָלעט־בלויע גריבער, — ווי פון זאַמד־שטיין אויסגעהאַקט.

— נעם אַראָפּ דאָס טיכל.

אַ פּלאַטשיק שיידל, גלײַכע גראָוולעכע האָר מיט אַ שרונט אין דער מיט... שוין ריין וויזועל קאָן בײַל פעסטשטעלן: אַ נידעריקע ראַסע, אָבער קיין שפּור סעמיטיש. אין דעם איז ער איבערצײַגט, נאָך איידער דער יודאַיסט צי אַנדערע געלערנטע וועלן מאַכן וועלכע־ניט־איז אויספירן. די שריפטלעכע דאָקומענטן זײַנען ניט אַזוי נייטיק פאַר דער זאַכלעכער אופקלערונג פון דער פראַגע, ווי פאַר די הערן פון די העכערע אינסטאַנצן אין בערלין. זאָלן זיי זען, אַז מע פאָרשט, מע דערגרונטעוועט זיך, מע זיצט ניט אָן אַרבעט. זיי דאָרט, אין בערלין, האָבן געוווּסט נאָר פון יידן און ציגײַנער. וועלן זיי זען, אַז עס זײַנען פאַראַן אויך קאַראַזימער. פאַרשטייט זיך, ס׳וואָלט גוט געווען וויסן די שטעלונג פון העכער וועגן גאָר־גאָר קליינע עטנישע גרופּקעס.

בײַל נעמט אַרויס די אַנטראָפּאָמעטרישע צירקלען און װירעס, די טאַבעלעס און אַנדערע הילף־מאַכשירים. ער װיל זײַן אָרנטלעך לעגאַבע זיך און דער װיסנשאַפֿט.

— קום נאָר אַהער, — זאָגט ער צו דער אַרײַנגעקומענער, און דער פֿאַרגליװערטער שמייכל אַף זײַנע ליפּן, װי ער װאָלט אופּגעװאַכט.

ניט רירנדיק זיך פֿון אָרט, קומט אַסנאַט אַרויס מיט לאַשן:

— געערטער הער, צוליב װאָס, מיינט דער געערטער הער, האָבן מיך מײַנע פֿיס געבראַכט אַהערצו? אַזש פֿונעם קאַראַנטינער־שטעטל זיך געשלעפּט. אַ שרעקלעכע זאַך. אױ, אַן אומגליק, אַ שרעקלעכער אומגליק! און איך קאָן קיין אויג ניט צושליסן. און גאָט װעט ניט רוען, אויב מע װעט אַלץ ניט מאַכן גוט. װײַל גאָט אין די הימלען האָט זײַנע קינדער באַשאַפֿן אַף דער ערד צו לעבן. װעט ער ניט דערלאָזן, מע זאָל זײַנע קינדער...

— קירצער קאָנסטו ניט? קירצער! — װערט בײַל אומגעדולדיק און טוט אופּגערעגט אַ קוק אַפֿן האַנטזייגערל. ער װיל אומבאַדינגט אַרויספּאָרן צום פֿליאַזש, װײַל אָפּפֿרישן זיך. דאַרט קאָן זיך מאַכן אַ פּיקאַנטע באַקאַנטשאַפֿט. עפּעס בענקט זיך...

— װי קאָן מען מאַכן קירצער? — צעפֿירט אַסנאַט מיט די הענט. — צוזאַמען מיט גאָט, װאָס ליבט און פֿאַרטיידיקט די לײַדנדיקע, מוז דער געערטער הער מיר העלפֿן. איך בין ניט קיין יודין, און באַ מיר האָט מען אװעקגענומען בי‌אַנען. דאָס אָרעמע יעסוימעלע! איר מוטער איז געשטאָרבן באַם געבערן. גלײַך נאָך יענעם קריג. פֿון אַ דײַטשישן סאָלדאַט, מײַן הער, איז דאָס קינד. געבליבן נאָך דער מוטער...

— טאַמאַר?! — ניט ער, בײַל, האָט עס אַרויסגעבראַכט. עפּעס אַ געהיימער קויעך האָט אַרויסגעזעצט פֿון אים דאָס װאָרט, דעם טײַערן נאָמען. און װי געטראָפֿן פֿון זײַן אָפּהילך, קאָרטשעט זיך בײַל אײַן אַפֿן שטול.

— אַזוי, אַזוי טאַקע. אָט װייסט דער געערטער הער, אַז איר מוטער האָט טאַקע געהייסן טאַמאַר. בי‌אַנע האָט עס געזאָגט דעם הער? ניכט װאָר, זי איז אַ בילד־שיין פֿרײַלין? אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק... גיט מיר אָפּ בי‌אַנען!

— איך? איך? — פּלאָנטערט זיך בײַלס צונג.

אַסנאַט צעלאָזט זיך דאַן לויבן בי‌אַנען. װי שיין און קלוג, װי באַשיידן און גאָטפּאָרכטיק זי איז. צוזאַמען מיט איר, דער אַלטער אַסנאַט, פֿלעגט זי אַ גאַנצן שאַבעס אָפּזיצן אין דער פֿינצטער, מאַכמעס מע טאָר קיין ליכט ניט אָנצינדן אום שאַבעס. פֿלעגט זיצן אין איין העמד, מאַכמעס אָנטאָן זיך איז אויך אַן אַרבעט, און אום שאַבעס האָט גאָט אַליין גערוט. קיין שפּײַז האָט זי זיך ניט אָנגעװאַרעמט, אַפֿילע קיין שטיקל ברויט זיך ניט אָפּגעשניטן, די בעט ניט פֿאַרבעט, קיין עסנװאַרג פֿון קיך אין צימער ניט געטראָגן און קיין שמוציק געשיר פֿון צימער אין קיך ניט צוריקגעבראַכט אום שאַבעס. קיין רעפֿוע ניט גענומען, מאַכמעס גאָט אַליין היילט זײַנע קראַנק געװאָרענע קינדער. אַ ריינע, קאָשערע קאַראַנטינערן... פֿאַרװאָס האָט מען זי צוגענומען, פֿאַרװאָס? װיי, װיי, װאָס מיט איר קאָן געשען! און אַסנאַט צעיאָמערט זיך, צעכליפּעט זיך.

ניט אַלץ, װאָס די אַלטע פּלױדערט, פֿאַרשטייט בײַל. אַזאַ צעשױבערטע שפּראַך און פֿריקרע היסטערישע אויסרופֿן. דערצו איז ער צעשרויפֿט, צעכושט. ס'האָט אים אופּגערודערט טאַמאַר... זײַן ערשטע און אייניציקע ליבע... אַ יונג סאָלדאַטל איז ער דאַן געװען. ענדע קריג — סטאַציאָנירט אינעם קאַראַנטינער־שטעטל. פֿרײַע פֿון דינסט זומערדיקע אָװנטן באַ דער אָזערע, קישעפֿדיק־זילבערנע לעװאָנע־שפּליטערן אַפֿן װאַסער־פֿלאַך, אַ פֿריש־צאַפּלדיקער מיידל־קערפּער אין זײַנע אָרעמס און באַרוישנדיקע קושן, ליבע־צערטלעכקײַטן און ליבע־שיקרעס. ביידע — ריינע, אומשולדיקע — האָבן זיי צום ערשטן מאָל זיך פֿאַרכלינעט מיטן ליבע־עליקסיר, אָן אויסגעזויגענעם אײנער באַם צװייטן פֿון די ליפּן... טאַמאַר האָט קיין דײַטש ניט געקענט. בלויז איין דײַטשיש װאָרט פֿלעגט זי שעפּטשען מיט ברענענדיקער לײַדנשאַפֿט: „ליבע, ליבע"... מיט היספּײַלעס האָט זי אים אָנגעװיזן די בושל־נעסט אַף איינעם פֿון די קאַרעװע שלאָס־טורעמס, און ער האָט דעמלט אַ פֿערז פֿאַרפֿאַסט:

ס'קומען צו פֿליען אַף פֿליגלען אַף װײַסע
רויטפֿיסיקע בושלען פֿון ליטערע װײַטן.
זיי ברענגען אונדז ביידן אין זייערע שנאָבלען
דאָס גליקס־קינד אַף אייביקע צײַטן.

אָן אופֿהער פֿלעגט ער דעם פֿערז שעפּטשען אַפֿן אויער פֿון דער ליבסטער. ניט װיכטיק, צי זי האָט פֿאַרשטאַנען, צי ניט. אין שאָטן פֿון דער נאַכט און די ביימער־צװײַגן, דורך װעלכע ס'גאַנװעט זיך דורך אַ פֿאַרשײַטער בליק פֿון דער לעװאָנע, פֿאַרשטייט מען אַלץ, װאָס ליבנדיקע

ליפּן פליסטערן. ער איז געווען גליקלעך און וועגן קיין זאַך ניט געטראַכט. נאָר אַז דער קאָפּ פלעגט זיך אויסניכטערן... ווער ווייסט אים און טאַמאַר אַפּיציִעל באַהעפטן, דעם „הייראַט־שײַן" אויסשטעלן? ער איז אַ ליוטעראַנער, זי — אַ קאַראַימערן...

דאַן איז אָבער אַלץ ווי אופגעריסן געוואָרן, געפלויגן אין דער לופט. זייער מיליטערישער טייל איז אָפּגעטראָטן, געלאָפן... בײַל איז פאַרווונדעט געוואָרן אין אַ פוס. לאַנג אָפּגעוואַלגערט זיך אין שפּיטעלער. אַף די פילצאַליקע בריוו, וואָס ער האָט נאָך דער מילכאָמע געשיקט פון דײַטשלאַנד צו טאַמאַר, איז ענדלעך געקומען אַן ענטפער — עטלעכע ווערטער, געשריבן מיט אַן אומגעלומפּערטער האַנטשריפט און פול מיט גרײַזן. די ידיִעה איז אָבער געווען קלאָר און האַרב: טאַמאַר איז געשטאָרבן באַם געבערן...

אויס, געענדיקט מיט אַלץ! אויך מיט זײַן יונג לעבן, וואָס איז צעריבן געוואָרן אַף די מיל־שטיינער פון נויט און אַרבעטסלאָזיקײַט, אַנטוישונג און פאַרביטערונג. אָנגעשפּאַרט אַף קוליעס, אַף דער ברוסט — דער אופשריפט „קריגס־אינוואַליד", האָט ער אַפילע געפּרוווט שטיין אַף אַ סקווער און בעטלען. אַ צעטראָטענער, האָט ער אויסגעשטעלט דער וועלט אַ פײַג, כאַסענע האָבנדיק מיט אַן עלטערער, מיִעסער, אָבער רײַכער פרײַלן. פאַרקויפט האָט ער זיך פאַר דער פרײַז צו געניסן פון לעבן, צו קאָנען לערנען, שטודירן. אַ זיווג אָן ליבע און אָן קינדער איז עס געווען. האָט בײַל זיך פאַרכלינעט מיטן אַנטראָפּאָלאָגיע־שטודיִום, געפאָרשט דעם אָפּשטאַם פון מענטשן און זײַנע ראַסן... נאָך היטלערס פאַרכאַפּן די מאַכט איז ער באַשטימט געוואָרן אַף אַרבעט אינעם „אַמט פאַר ראַסן־היגיִענע". ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן, האָט ער אַליין אויסגעוויילט זיך דעם דינסט אין די קאַנטן, ווו אַמאָל, אַמאָל... אַלץ ניט צוגעקליבן זיך צופאָרן כאַפּן אַ קוק, צי ס'איז נאָך דאָרט פאַראַן די בושל־נעסט. וויפל לעבט אַ בושל?

און איצט — ווי די בושלען וואָלטן אין זייערע שנאָבלען געבראַכט טאַמאַרס קינד. זײַן קינד! „אַרעסטירט אין דער אָבלאַווע", — זאָגט די אַלטע. קענטיק, ניט געשטאַנען אינעם כאַ־כאַמס צעטל...

— ווי, זאָגסטו, הייסט דאָס מיידל? — שפּאַנען זיך אָן אין דערוואַרטונג בײַלס נערוון: „ווי קאָן הייסן זײַן טאָכטער?"

— ביִאַנע, איך זאָל אַזוי לעבן, ביִאַנע קירנאָוויטש, — ענטפערט האַכנאָעדיק אַסנאַט און טוט אַ פאַל צו בײַלס פיס: — ראַטעוועט זי, טײַערער הער, ראַטעוועט! טאַמאַרס נעשאָמע האָט זיך איבערגעקליבן אין ביִאַנען!

— שטיי אויף, שטיי אויף! — זאָגט צו איר אומגעדולדיק בײַל. — איך וועל... געוויס וועל איך...

און טראַכטן טראַכט ער אַ צעקלעמטער: „אויב ס'איז ניט צו שפּעט". דעם נאָמען „ביִאַנע קירנאָוויטש" שרײַבט ער אַרײַן מיט ציטער אין זײַן נאָטיצביכל, ווי מוירע האָבנדיק צו פאַר־געסן. ביִאַנע... ווי קערט זיך צו איר אָן די פאַמיליע „קירנאָוויטש"?

איצט מוז מען וואָס גיכער פאַרענדיקן די פּראָצעדור מיט דער אַלטער. כאָטשבי פאָרמעל. ער טאַפּט אָן אַף איר פּאָנעם די אַנטראָפּאָמעטרישע פונקטן און מעסט אויס מיט די מאַכשירים אַלץ, וואָס נייטיק איז אַף אויסצורעכענען דעם קאָפּ־צײַגער, די אַנדערע אינדעקסן... פאַר אים ליגט די פאַרביקע פאַרגלײַך־טאַבעלע מיט די אויגן־, נאָז־, ליפּן־ און אויער־מאָדעלן... ס'איז איבעריק צו פאַרגלײַכן. עס קאָן קיין צווייפל ניט אופקומען. עס טאָר גאָר ניט אופקומען! ער דאַרף נאָר האָבן די געהעריקע ציפער אַף אַרײַנצושטעלן אין די פאָרמולעס.

בײַל הינקט אַוועק צום טישל, אַף וועלכן עס שטייט אָן אָפענע שרײַבמאַשינקע. ער שטעלט אַרײַן אַ בלאַנק פונעם „אַנטראָפּאָמעטרישן אויסווײַז" און קלאַפּט אין אים אַרײַן די רעזולטאַטן. לעסאָף דרוקט ער אָפּ מיט רויטן שריפט דעם אויספיר: „קיינע סעמיטישע ראַסן־מערקמעלער" און דערלאַנגט דעם דאָקומענט אַסנאַטן, וואָס וואַרט די גאַנצע צײַט — אַ שטאַרע, פאַרגליווערטע, שטרענגע.

— דאַנקע שען, — פאַרנייגט זי זיך. — מאָרגן וועל איך ווידער קומען. כ'וועל קומען זיך דערוויסן וועגן ביִאַנען, און אײַך ברענג איך ראַדיסכען. כ'האָב געוווסט, אַז דער גנעדיקער הער וועט העלפן. כ'וועל ברענגען אוגערקעס, עכטע, קאַראַימישע. און אַז ביִאַנע וועט זיך אומקערן... באַלד איז טישעבאָוו. קומט צו פאָרן נאָכן פאַסטן. מירן קוילענען אַ שעפּס. איך וועל זי אַליין צוגרייטן. וועט איר עפּעס עסן, אין טרוים האָט איר אַזוינס ניט געגעסן.

ער האָט געגעסן. און דאַפקע אין טרוים. אינעם ווײַטן, פאַרנעפּלטן טרוים. מיט טאַמאַר... פירשטלעכע מאָלצײַטן אינעם שלאָס, אין שײַן פון שטורקאַטשן... אַף אַ שײַטער האָט זיך גערייכערט די ראָזלעכע טושע פון אַן אָקס. שמעקעדיקער מעד האָט געשוימט אין ליימענע קווערט... דער קאָפּ האָט געשווינדלט פונעם אויסגעטרונקענעם נעקטאַר... אינעם אַלטן שלאָס, וואָס אַף דער אָזערע, אינעם אַלטן טורעם מיט דער בושל־נעסט אַף זײַן כאָרעוון דאַך־שפּיץ...

ניט דערוואַרט זיך אַף אַן ענטפער, טראָגט אסנאַט זיך אַוועק, פאַכנדיק מיטן לויזן שוואַרצן קלייד און מיט די לאַנגע הענט — אַן אויסטערליש אופגערודערט און סוידעספול־טונקל באַ־שפּעניש.

דער קלאַפּ פון דער צוגעמאַכטער טיר קערט בײַלן אום אין דער וואָר אַרײַן. ער טוט אַ כאַפּ און אַ בלעטער דאָס געהיימע דינסטלעכע טעלעפאָן־ביכל, זוכט אויף דעם נומער פונעם זאַכבאַאַרבעטער אין דער געסטאַפּאָ דיטריך העקס, וואָס האָט אים געהאַט באַופטראָגט אויס־פאָרשן דעם ראַסישן אָפּשטאַם פון די היגע קאַראַזימער.

ער קלינגט אָן העקסן, גיט צו וויסן, אַז דער „אַמט פאַר ראַסן־היגיענע" פאַרנעמט זיך שוין מיט דער פאַרגעבונג. און טאַקע אין צוזאַמענהאַנג דערמיט וואָלט ער וועלן באַלד באַ אים זײַן צו קאָנען ריידן שטרענג קאָנפידענציעל. פאַראַן אַ דיסקרעטע אַנגעלעגנהייט אַזאַ...

העקס דערוווּדערט ניט. פאַרקערט, ער איז שטענדיק גרייט אויסצוהערן פאַרטרויליכע רייד.

צי איז אָבער ניט צו שפּעט? מעגלעך, אַז העקס האָט שוין אַרופגעלייגט די אומגעלומפּערט גרויסע האַנט זײַנע אַפן קאַרטל, וואָס ער האָט פאַרפירט וועגן בײַאַנען, און געלייזט איר שיקזאַל מיטן דיקן רויטן בלײַער, אַנשרײַבנדיק אונטן אין לינקן ווינקל די צווײ גרויליקע בוכשטאַבן „ב.ב." — דאָס פאַרקירצטע „באַזונדערס באַהאַנדלען". אַוועקגעשטעלט דערבײַ זײַן קריפּטאָנים, און ניטאָ, ניטאָ קיין מענטש...

פאַרנאַכט

עס זעצט זיך די זון, אַ בלוטנדיקע, ווי אַ פרישע וווּנד. שווער איז געווען הײַנט דער וועג אַרום דער ערד, פײַנלעך. ניט לײַכט קומט אויך אָן דעם טאָג אײַנצוזינקען אין דער אייביקייט אַרײַן. אויך ער גייט אָפּ מיט בלוט. אַלעמען איז איצט שווער.

שווער שפּרײַזט אסנאַט. קוים וואָס אירע פיס הייבן זיך. זי האָט ניט געגעסן, ניט געטרונ־קען. און באַוווּיזן דאַרף מען קומען אַהיים ביז דער פּאָליצײ־שאָ. דאָס האָט נאָך אויסגעפעלט — פאַרהאַלטן ווערן אַפן שאָסיי! זי האָט אָבער קיין געלט ניט, האָט ניט קיין שום „נאַטורע". פאַרשפּאַרט זי אויספּרווון דאָס מאַזל באַ וועלן־ניט־וועלן פאַרבײַזשומענדיקע אויטאָס. שפּרײַזט זי, שפּרײַזט איבערן שטויביקן שטעגל באַם שאָסײ־ראַנד. ווידער מיט די פּאַנטאָפל אין די הענט. אַזוי שפּאָרט זיך דאָס שוכווארג, און ס'גייט זיך לײַכטער. די ערד איז ניט מער אַזוי הייס, און ס'דערפרישט דער סאָסנע־רייעך, וועלכן ס'ווייען אָן די סוידעספול שווײַגנדיקע וועלדלעך באַ ביידע זײַטן פונעם שאָסײ.

אַלץ זעלטענער ווערן די אויטאָס. די פוסגייער זײַנען ביכלאַל פאַרשוווּנדן. אַליין, אַליין אַף דער מוירעדיק גרויסער און מוירעדיק בייזער וועלט. אסנאַטן נעמט פּלוצעם שרעקן די איינזאַמקייט — די איצטיקע און נאָך מער די, אין וועלכער איר גאַנץ לעבן איז פאַרבײַ. גוט, וואָס בײַאַנע איז פאַראַן. אָט שטייט דאָס מיידל אַף דער שוועל פון אסנאַטס קליין שטיבל, ווי דאָס ערשטע מאָל — אַן אומבאַקאַנטע, בלייכע, זייער אַ שיינע און אַ שמייכלענדיקע. שטייט, שווײַגט אַ ווײַלע און פרעגט, צי מע וואָלט דאָ גרייט געווען איר געבן אַן אָפּדאַך. אַ פּאַספּאָרט פון אַ קאַראַזימערן האָט זי... אסנאַט פאַרשטייט באַלד, ווער דאָס איז און פונוואַנען זי קומט. פאַרשטייט, פרעגט קיין זאַך ניט און ענטפערט: „געבענטשט איז דײַן קומען"... ווי דען אַנ־דערש? צי קאָן מען דערלאָזן, מע זאָל דאָס שיינע מיידל אַרײַנטרײַבן אין וועלדל, טאַקע דאָ־אָ, ווו זי, אסנאַט, גייט איצט פאַרבײַ, אַרײַנטרײַבן, צווינגען אויסטאָן זיך לעבן אַ גרוב...

אסנאַט איז זיכער, אַז גאָט האָט געוואָלט אויספּרווון, צי זי איז מוטיק און גרייט זיך מויסערנעפּעש זײַן. דעריבער: „געבענטשט איז דײַן קומען, מיידלו" ווער וועסטו אָבער זײַן, געקומענע, פאַר די שכיינים? דער אַקשאָנעסדיק געזוכטער אויסוועג איז געפונען: „געבענטשט איז דײַן קומען, טאַמאַרס טאָכטערו" יאָ, יאָ, ווער זאָגט עס, אַז דו האָסט זיך ניט אָפּגעטיילט פון דער מוטערטראַכט? די שכיינים, וועלכע געדענקען טאַמאַרס טויט, פרעגן דערשטוינט: „איר קינד איז געבליבן לעבן?" רוימט אסנאַט אַלעמען אײַן ווי אַ סאָד איר אויסטראַכטעניש: „דאָס קליינס האָט מען בעשטיקע אָפּגעפירט צו טאַמאַרס ווײַטע קרויווים אין גאַליטש"... זי נאַרט מענטשן? ניין, ניין, זי זאָגט קיינמאָל ניט קיין ליגן, האַגאַם צווישן די צען געבאָטן איז ניטאָ אַזאַ, וואָס פאַרווערט עס. טאַמאַרס טאָכטער... ס'איז אַ נייטיקע אויסטראַכטעניש. שוין אפילע ניט קיין אויסטראַכטעניש. אַזוי דײַטלעך שטעלט זי זיך פאָר די זאַך, אַז אַלע ספּייקעס אין איר

וואָרהאַפטיקייט פֿאַרשווינדן. אויך דער דײַטש גלייבט. ער האָט דאָך באַלד געזאָגט, ווי איר מוטער הייסט...

און וואָס ווײַטער? אַסנאַט טראַכט ניט וועגן דעם. דערווײַל האָט זי עפּעס געטאָן פֿאַר ביִאַנען. זי האָט שוין פֿאַר זיך אַ לעבנס־צעטל, און מאָרגן וועט זי בעטן דעם דײַטש, ער איז, קענטיק, ניט קיין שלעכטער מענטש, עפּשער גאָר קיין דײַטש ניט, מאָרגן וועט זי אים בעטן אויסשטעלן אויך פֿאַר ביִאַנען דאָס לעבנס־צעטל. אײַלט זי איצט אַ צופֿרידענע אַהיים, אַ הונגעריקע, פֿאַרמאַטערטע, מיט אַ ווייטעקדיק־איבערגעטריקנטן האַלדז, אָבער אַ צופֿרידענע. ווען מע האָט צוגענומען ביִאַנען, האָבן שכנים געייצעט אַסנאַטן אַנטלויפֿן, באַהאַלטן זיך. ווי האָט זי עס געקאָנט טאָן אָן ביִאַנען? זי קאָן מער ניט בלײַבן איינזאַם. צוערשט מוז זי באַפֿרײַען דאָס מיידל, דערנאָך וועלן זיי ביידע ערגעץ אַנטרינען...

אַסנאַט היט דעם אַלטן דין און פֿאַסט יעדן זיבעטן טאָג אין כּודעש. הײַנט איז דער צענטער, און ווידער אַ טאָנעס. ס'איז גאָטס אַן אויספּרווו. דאַרף זי לײַדן, פֿילן ווייטעק. וואָס מער לײַדן און ווייטעק, אַלץ מער קוקט זיך גאָט אום אויף מענטשן. זאָל זי נאָר דערגיין ביז צו דער קענאַסע, וועט זי זיך וואַרפֿן פֿאַרן אַלמעכטיקן, דאַנקען, וואָס ער האָט געשיקט צו איר ביִאַנען — אַזאַ שיינע, ליבע און שמייכלענדיקע. און זי וועט בעטן, ער זאָל זײַן גענאָד ניט זשאַלעווען, העלפֿן, ווי ער, גאָט, קאָן. העלפֿן וואָס גיכער, דער דײַטש זאָל ניט באַווײַזן זוכן, נאָכפֿרעגן זיך. ער טאָר דאָך ניט וויסן, אַז ביִאַנע קומט פֿון גאַליטש... ניט אַלץ דאַרף מען זאָגן דײַטשן. אַ טאָג, צוויי, דרײַ וועלן פֿאַרבײַ, ביז זיי וועלן אָנהייבן זוכן, גריבלען זיך. דערווײַל קאָן גאָט באַווײַזן מיט זײַן באַרעמהאַרציקייט...

■

„ניט אַלץ דאַרפֿן איצט דײַטשן וויסן. און וואָס דאַרף מען זיי יאָ זאָגן?" נאָוויטש שפּאַנט צעטראָגן איבערן צימער, וועגנדיק און מעסטנדיק אין די געדאַנקען, וואָס ער דאַרף אָנשרײַבן אין זײַן אינפֿאָרמאַציע. ניט ווילנדיק כאַפּט זיך אַרויס פֿון זײַן מויל:

— און וואָס דאַרף מען זיי יאָ זאָגן?

די שכנים קוקן אים דערשראָקן אָן. „וואָס זאָגן? וועמען זאָגן?" מיט וועלכע נײַעס איז דער היסטאָריקער געקומען פֿון שטאָט, וואָס ער גייט אַרום אַזאַ מאָרעשכוירעדיקער, פֿון עפּעס דערדריקט?

— קיין זאַך געפֿערלעכס ניט, — פֿאַרזיכערט ער די מענטשן און שפּאַנט ווײַטער איבערן צימער, די הענט פֿאַרלייגט אויף הינטן, און שווײַגט, שווײַגט.

בייס ער באַוועגט זיך, אַרבעטן זײַנע געדאַנקען אינטענסיווער. זיי האָבן הײַנט אויפֿגעאַקערט גאַנצע געשיכטלעכע פּלאַסטן, אויפֿגעלעבט עפּאָכעס. קלאָר, ניט אַלץ דאַרף מען זאָגן די היטלעראָווצעס, האַגאַם דער ברוינהעמדלדיקער האָט געדראָעט מיט טליִע, אויב ער, נאָוויטש, וועט עפּעס פֿאַרשווײַגן צי גאָר פֿעלשן... מיילע, איין מאָל אין לעבן שטאַרבט מען. און דאָ נאָך — ווען קיינער וועט דיך ניט באַווײַנען... מיט ראָכעלען איז אויס. אַ סימען — ניט צוליב איר האָט מען אים אין שטאָט געפֿירט. ראָכעלען וועט ער ניט לעבעדיק מאַכן... עך, ראָכעלע! מענטשן האָבן דיר געוואָלט גוטס טאָן. באַ דײַן לעבן, צוליב דײַן לעבן... מע האַלט, אַז פֿאַרן טויט קומט אויף באַם מענטשן גאָר אַ שטאַרקער ווילן צו טאָן מײַסים־טויווים, אַ ראָצן צו באַגיין אַ ווילע טאַט — די לעצטע, די שענסטע... אָט איז ער ביוזכינאַס פֿון אַזאַ איינעם. דער גוירל וויל, ער זאָל מיטהעלפֿן אָפּוועדן אַ טויט־גזאַר פֿון אַ גאַנצן שייוועט, די אויפֿגעהויבענע שווערד פֿאַרהאַלטן... אַלץ מער שטײַגט די אומגעדולד. ווי אַמאָל, בעשאַס ער פֿלעגט אָן אַרבעט גרייטן, און ס'פֿלעגט אים פֿאַרשטיין אַ האַרבע קאַשע צו פֿאַרענטפֿערן. אין אַזאַ פֿאַל לאָזט די טעמע אים שוין ניט אָפּ ניט באַטאָג, ניט באַנאַכט. ער מוז פֿון איר זיך באַפֿרײַען, אָפּהעפֿטן...

אויפֿן טיש ליגט דער מיטגעבראַכטער סטאָס פּאַפּיר, וואָס קאָן אים איצט פֿאַרשאַפֿן אויסלייז, שעפֿערישע אויסלאָדונג. ליגט, וואַרט. עפּעס האָט ער שוין פֿאַרצייכנט, אָנגעוואָרפֿן ראָשעפּראָקים. ווען אַלץ וועט זיך אין מויעך אויסרײַפֿן, וועט ער זיך אוועקזעצן שרײַבן. ער וועט ניט פֿאַרקריכן אין די ווײַטע אַנאַלן פֿון דער געשיכטע, ניט אָנהייבן אַזש פֿונעם אַכטן יאָרהונדערט, ווען פֿון די באַווילישע ייִדן האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן די אַנטיטאַלמודיסטן, וואָס האָבן געטײַנעט, אַז בלויז די געזעצן פֿונעם כּומעש זײַנען פֿון גאָט, און אַלדאָס אַנדערע — פֿון מענטשן. אַ פֿערטל פֿונעם ייִדישן יישעוו אין באָוול איז צו זיי דעמלט צוגעשטאַנען און אויפֿגעשטעלט די קאַראַיִמישע סעקטע. „קלאָרע ביִאָלאָגישע קאָנטאַקטן! ייִדיש בלוט פֿליסט אין די קאַראַיִמער!" — קאָנען שאָדנפֿריידיק זיך אָנכאַפּן די היטלעראָווצעס. צוליב די זעלבע טײַמים מוז מען פֿאַרשווײַגן אויך די קרימטשאַקעס, די טאָטערישע ייִדן מיט זייער עמונע.

ער וועט אויך ניט אָנהייבן פונעם ליטווישן גרויספירשט וויטאַוטאַס, ווי דער כאַכאַם טוט עס. פאַראַן פון יענע צײַטן אַ דאָקומענט אין לאַטײַן, וווּ עס רעדט זיך וועגן די „יודעי טראַנזעס". געמיינט זײַנען די קאַראַימער, מאַכמעס יִידן זײַנען געוואָרן דאָ באַשטענדיקע טוישווים ערשט שפּעטער. קאָנען ווידער די היטלעראָווצעס זיך אָנכאַפּן אינעם וואָרט „יודעי". און אומפינקטלעכקײַט פון אַ מיטלאַלטערלעכן פירשטלעכן כראָניסט קאָן איצט קאָסטן דאָס לעבן טויזנטער... אַ זין האָט צו אַנטוויקלען די טעזע, אַז דאָס קומען פון די קאַראַימער אין די היגע קאַנטן איז פאַרבונדן מיטן פאַנאַנדערפאַל פון דער קויזרישער מעלוכע צווישן דאָן און וואָלגע. ער האָט אַליין די פראַגע געפאָרשט און וועט די דאָזיקע האַנאָכע אַרגומענטירן. דערנאָך וועט ער דערווײַזן, אַז ערדאַרבעט און קריגס־קונסט, צוויי געביטן, ניט צוגענגלעכע און דעריבער ניט טיפּישע פאַר יִידן, זײַנען געווען די הויפּט־באַשעפטיקונג פון די קאַראַימער. באַזונדערס וועט ער אונטערשטרײַכן, אַז די רוסישע אימפּעראַטאָרן יעקאַטערינע די צווייטע, אַ דײַטשקע פון געבורט, האָט געגעבן פולע בירגערלעכע גלײַכבאַרעכטיקונג די קאַראַימער. אַפילע צוגעטיילט אַדל־טיטלען די אויסגעצייכנטע צווישן זיי מיליטערלײַט...

די שכיינים זײַנען אַלץ פול מיט אומצוטרוי: וואָס עפּעס פּלוצעם פּאַפּיר, שרײַבעצײַג? עפּעס כאָשעדיקס טוט זיך אַרום דעם היסטאָריקער. זײַן טאָכטער איז פון געטאָ פאַרשוווּנדן. ער אַליין גייט אַרום ווי אָן אַ קאָפּ. און דאָ — דער אַרויסרוף אין שטאָט. אַ פאָרשטייער פון דער יִידישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע איז אַפילע אַנגעלאָפן אופקלערן דעם איניען.

פּרוווט נאָוויטש אַלעמען באַרויקן:

— צו דער געטאָ האָט עס קיין שײַכעס ניט. אָט איז אָן אָפּיציעלער אופטראַג אָנצושרײַבן אָן אינפאָרמאַציע וועגן אָפּשטאַם פון די היגע קאַראַימער.

— ברענען זאָלן זיי! — שיפּעט גאַליק אויף אַ פּרוויען־שטים.

— פאַרוואָס עפּעס? — כאַפּט זיך אָן נאָוויטש.

— אויב ניט אַלע, איז דער כאַכאַם זייערער, — גיט אַ ביסל נאָך די פרוי. — דער כאַכאַם, וואָס שטעלט צו ליסטעס...

— אַל טאַדין עס כאַווירכאָ, — פּרוווט נאָוויטש אײַנשטילן איר געמיט. — באַשולדיק קיינעם ניט, איידער ביסט אַליין ניט אַרײַנגעפאַלן אין זײַן לאַגע...

און ער פאַרטראַכט זיך: צי זײַנען אַלע מיטלען קאָשער? צי האָט דער כאַכאַם אַליין ניט אַרויסגערופן דעם בער פון וואַלד — אַרופגעבראַכט די טויט־סאַקאָנע אַף זײַנע מענטשן דורכן קאָאָפּערירן מיט די מאַשכיסים? נאָר צו דער שכיינע זאָגט ער:

— דער כאַכאַם וויל באַשיצן זײַן איידע, קעמפט ער פאַר איר רעכט צו בלײַבן לעבן.

— אַזוי קעמפט מען?

עפּעס נעמט נאָוויטשן וואָרגן, שטיקן. שווער קומט אים אָן אַרויסצוברענגען אַ וואָרט:

— מע דאַרף... מע מוז זאָגן: זיי זײַנען ניט קיין יִידן!

— מיילע, זאָגט, איר ווייסט בעסער.

אָפּגעזונדערט זיך אין זײַן ווינקל, נעמט זיך נאָוויטש צו דער פען. ער מוז אויסלאָדן זײַנע געדאַנקען, דרינגענדיק זיי פאַרפיקסירן אַפן פּאַפּיר. ער איז מעכויעוו וואָס גיכער אָנשרײַבן די אַרבעט. כאָטשבי דעם אַלגעמיינעם טייל. און איבערגעבן אים וואָס גיכער. ער איז אַלעמאָל געווען פאַר אַ שטרענג אָביעקטיווער וויסנשאַפט. הײַנט איז ער געצוווּנגען בלאָנקען אַף אומוועגן פון צוועקמעסיקער באַלײַכטונג. און עפּשער וועט זיך לאָזן דאַפקע אַף אַזאַ אויפן עפּעס מעכאַדעש זײַן, זאָגן עפּעס אָריגינעלס, אַנטדעקערישס? אין ראַכעלעס אָנדענק... אַ קאַדיש אַזאַ... ניט דער סקאַרבאָווער יִיסגאַדאַל וועיִיסקאַדאַש. ווי קאָן מען גאָר אַכפּערן און פאַרהייליקן אַזאַ גאָט, וואָס לאָזט אַף העפקער זײַנע גלייביקע? קאַדיש זאָגן... זאָגן אין דײַטש, אין דער שפּראַך, וועלכע דײַטשן זײַנען מעטאַמע... ער הייבט אָן. דערנאָך וועט ער באַרירן עטנאָגראַפישע אַספּעקטן און זיך בעקיוון אָפּשטעלן אַף יענע קאַראַימישע מינהאָגים, וועלכע אונטערשיידן זיך פון די יִידישע. און קריטיקירן וועט ער זיי פון די פּאָזיציעס פון יאַהאַדוס, קעדיי צו דערווײַזן דעם אַנטאַגאָניזם, וואָס הערשט צווישן דער רעליגיעזער יִידישקײַט און דער קאַראַימישער עמונע...

די זון זעצט זיך. דער ביינהאַשמאָשעס, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג געלעגן צונויפגעקנוילט אין די ווינקלען פונעם צימער, פּויזעט פון דאָרט אַרויס און שאַרט, שאַרט צונויף צום איינציקן קליינעם פענצטערל די לעצטע רעשטן זון־ליכט.

אַ פאַרזונקענער אין דער אַרבעט, גיסט נאָוויטש זיך צונויף מיטן ביינהאַשמאָשעס, מיטן העלן פּאַפּיר, ביז די אויגן פאַרליאַפּעט אַ גרויע מאַסע. ער פּרוווט אײַנשליסן די עלעקטרע. כלעבן, ס'צינדט זיך הײַנט אָן דאָס לעמפּל, ברענט ווי אַ מאַטע, קיילעוון־קאַליריקע ליכט, וועט

עפּשער ברענען די נאַכט אַדורך. די צימער־שכניִים וועלן, זיכער, ניט דערווידערן קעגן האַלטן אָנגעצונדן די שײַן. אַלע ווייסן דאָך, אַז ער האָט אַ דרינגענדיקע און זייער וויכטיקע אויפגאַבע...

■

די זון זעצט זיך. דער אַרבעטסטאָג איז פאַרענדיקט, און בײַלן שטייט נאָך פאָר אַ דרינגענדיקע, זייער וויכטיקע און זייער דעליקאַטע אויפגאַבע. ניט אַזוי אײַנפאַך איז האָבן צו טאָן מיט אַ זאַכבאַאַרבעטער פון געסטאַפּאָ. מע דאַרף לאַווירן, פאַרזיכטיק זײַן. אין קעגנפאַל קאָן מען נאָך אַליין פון זיי דאָרט „באַאַרבעט” ווערן. קיין אויסוועג איז אָבער ניטאָ. אײַלט בײַל אַהין, ווו יעדן איינעם, וואָס טרעט די שוועל אַריבער, טוט מען אָן אָפּן האַלדז אַ שלייף, וועלכן מע קאָן יעדע רגע פאַרציִען.

העקס באַגעגנט אים פרײַנטלעך. גייט אַרויס פון הינטער דעם גרויסן און מאַסיוון שרײַבטיש מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. אַ פּולבלעכער, ניט קיין הויכער, מיט אַ רונד רויטלעך פּאָנעם און דיקע ליפּן.

— הײַל היטלער! איך האָב די ערע, הער אַנטראַפּאָלאָג! עס פרייט מיך זייער און זייער, וואָס איר זײַט אַקטיוו. אונדזער דערפאָלג אויף אַלע געביטן איז אָפּהענגיק פון יעדערנס אַקטיוויטעט. ביטע, נעענטער, נעענטער.

אַרופגעלייגט אים גוטברודעריש אַ האַנט אויף דער פּלייצע, פירט העקס צו בײַלן צו אַ סאָפע, וואָס איז באַצויגן מיט אַ שוואַרצער צעראַטע. דער רייעך פון קאַרבאָל מיט אַ צומיש פון עפּעס פוילנדיקס טראָגט זיך פון איר.

— ביטע, נעמט פּלאַץ.

„ווער ווייסט, וואָס אויף דער סאָפע געשעעט? בלויז מוז זיך גיסן”, — פאַלט בײַלן אײַן. דאָס צעטומלט אים אינגאַנצן. ווי הייבט מען אָן? פון וואָס הייבט מען אָן? די אַאודיִענץ האָט ער דאָך געבעטן.

ווי ער וואָלט אים וועלן אַרויסהעלפן, קײַט העקס איבער דאָס פריִער געזאָגטע:

— עס פרייט מיך זייער און זייער, וואָס איר זײַט אַקטיוו.

— געוויס, געוויס... — שטאַמלט בײַל. — איך האָב, אַזוי צו זאָגן, צונויפגעפירט דעם כאַכאַם...

— דער, וואָס האָט די ליסטע צוגעשטעלט?

— יאָ, יאָ, דעם גײַסטלעכן און געמיינדע־פירער פון די קאַראַימער. צונויפגעפירט אים מיט אַ באַרימטן יודאָיִסט. כ'האָב אַרויסגערופן בײַ בײדן אַ קעגנזײַטיקן אַנטאַגאָניזם. קלאָר אָנגעדײַט דעם יודאָיִסט, אַז ניט איין געלאַפּענער ייִד פון געטאָ האָט באַצאָלט מיטן לעבן צוליב אָט דער ליסטע. ניט געקוקט אויף דעם, האַלט ער זיך אײַזן־פעסט בײַ דער מיינונג, אַז די היגע קאַראַימער זײַנען ניט קיין ייִדן. ער וועט זײַנע אַרגומענטן שריפטלעך פאָרמולירן. מירן עס, זעלבסטפאַרשטענדלעך, שיקן אויף אַן עקספּערטיזע... דערווײַל טוען מיר שוין עטוואָס. אַנטראָפּאָמעטרישע אונטערזוכונגען... ס'זעט אויס, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן ניט מיט קיין סעמיטן. פאַרן כאַכאַם איז אַ פּרעסטיזש־זאַך די אַבסאָליוטע פּינקטלעכקײַט פון זײַנע אָנגאַבן. אָבער טאָן אַ פאַרזען איז מענטשלעך. דאַרף מען אָנעמען... ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז ער האָט עמעצן דורכגעלאָזן...

— ביסט אַ בראַוווער יונג, ראַסן־פאָרשער! — שפּרינגט העקס אויף און אַנציקטער. — צום שלוס פון אַזאַ שטיקנדיקן טאָג טראָגסטו מיר אונטער אַ ווירקלעכן סורפּריז. כ'וועל דיר איצט ווײַזן אַן אָביעקט, אַ קאַראַימערן... „יודענפאַרדאַכט”... וועסטו אָפּן אויג פעסטשטעלן... פון ראַסן־שטאַנדפּונקט... איך מוז אַליין זיך לויבן. ס'איז געוועזן אַן אײַנפאַל — ניט אײַלן זיך. קום, וועסט אַ בליק טאָן און אַרויסזאָגן אַ קוואַליפיצירטע מיינונג.

— ווי איז איר נאָמען? — פרעגט בײַל קלוימערשט אַזוי־זיך, און ס'פאַרכאַפּט אים דער אָטעם.

— ביִאַנע קירנאָוויטש, — לייענט העקס פאַמעלעך פון אַ קאַרטל, וואָס ער געפינט אין אַ שאַכטל אויף זײַן טיש.

„גאָט צו דאַנקען, ניט צו שפּעט, ניט צו שפּעט!” — פויקט פריידיק בײַלס האַרץ.

פאַרן זאַכבאַאַרבעטער עפענען זיך אַלע טירן. אַ געוויינלעכע דערשײַנונג: אָפט נעמט ער זײַנע פאָרש־אָביעקטן אין דער אַרבעט שוין נאָך דער פאָרמעלער אַרבעטסצײַט, נאָך אָפּטער — באַנאַכט.

דער דעזשורנער עפנט אַ שוואַך באַלויכטן קאַמערל. אַ שלאַנק מיידל, ווי פון אַ קונסט־בילד אַראָפּגעגאַנגען, שטייט אויף פון האַרטן טאַפּטשאַן. לאַנגע האָר, אַ בלאַס סאַמעטן פּאָנעם, מיט

גרויסע פאַרטראַכטע אויגן. אויפֿן לײַב איז אָנגעצויגן אַ לײַכט זומער־קליידל, וואָס מאַכט בוילעט איר שיין געפֿורעמטן ווײַבלעכן קערפּער.

בײַל איז פֿאַרגאַפֿט. טאַמאַרס קינד... די פֿון פֿאַרגאַנגענהײַט־נעפּלען פֿאַרווישטע טאַמאַר... אירע שטריכן? זײַנע שטריכן? עפּשער דער פֿאַרטײַעט־ווייפֿולער שמייכל אויף אירע ליפּן. ניט קיין שמייכל — אַ זיס פֿײַערל פֿלאַטערט איבער זיי. מע זאָגט, אַז אויך אויף זײַן פּאָנעם ליגט שטענדיק אויסגעגאָסן אַ שמייכל... איר פּאָנעם! עפּעס איז עס אים קענטלעך. ערגעץ־וווּ געזען? אַ וואָרט ווען זי ברענגט אַרויס, וואָלט עפּשער אויפֿגעטויכט פֿונעם אייביקײַט־טהאָם אַרויס טאַמאַרס שטים. אָדער אָן אָפּהילך פֿון זײַן אייגענער שטים וואָלט ער דערהערט...

מע טוט אים אַ פּײַקל איבער דער פּלייצע. ס'איז העקס' צייכן אוועקצוגיין.

צעטומלט, אינגאַנצן פֿריטשמעליעט זיצט בײַל ווידער אויף דער צעראַטעטענער סאָפֿע, פֿון וועלכער עס טראָגט זיך דער גערוך פֿון יענער־וועלט.

— נאַ, ווי זעט'ס אויס? איז זי פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער ראַסן־היגיענע אין פֿולער אָרדענונג? — שפּיצט זיך העקס אָן.

— ניטאָ קיין צווייפֿל...

— דו ביסט בראַוו, דו ביסט אַ געשײַטער יונג, — רײַבט העקס פֿאַמעלעך זײַנע גרויסע, מיט רויטלעכע האָר באַוואַקסענע הענט. — כ'האָב באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף ניט פֿאָרסירן דאָס פֿאַרשן זי. הערסט, ניט אײַלן זיך איז אַ גאָלדן געזעץ.

ער הייבט זיך אויף, מאַכט עטלעכע טריט, זעצט זיך שווער צוריק אַוועק און מיט אַ קאָל פֿון איינעם, וואָס איז מעגאַלע־סאָד, צערעדט ער זיך:

— הער אויס, כ'וועל פֿאַר דיר זיך פֿאַרטרויען. פֿאַרשטייסט, דאָס מיידל וועקט די לוסט, וואָס צאַנקט אין מיר. ס'איז פֿאַרדריסלעך צו די קנאַפּע פֿופֿציקער ווערן אויס מאַנצבל. פֿאַרשטייסט, מיט דער־אָ פֿיל איך... פֿאַר מיר קאָן דאָס מיידל, אויב ס'איז, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, ראַסיש ריין, פֿאַר מיר קאָן זי זײַן אַ היילונג, אַזוי צו זאָגן, מעדיצין... כ'האָב זי נאָך ניט געפּאָרשט. געטראַכט, מע קאָן אין אײַלעניש מאַכן אַ פֿאַרדריסלעכן פֿעלער. כ'וועל דיר זאָגן אָפֿן און ערלעך. אין גאַנג פֿון אָן „אַקציאָן", ווען אַלץ גייט ען־גראָ, קימערט דיך קיין זאַך ניט. די ייִדן זײַנען אונדזערע בלוט־פֿײַנט און גאָר קיין מענטשן ניט. נאָר דאָ, אַז ס'קומט אויס אינדיווידועל... און, שליסלעך, אין אָט דעם פֿאַל איז דאָך בלויז „יודענפֿאַרדאַכט". ווילט זיך קיין פֿעלער ניט באַגיין. וואָס איז ווערט דעם מיידלס אָנבליק! מע פֿילט גלײַך, אַז ס'איז ניט ייִדיש. האָב איך געגעבן אַ פֿאַראָרדענונג, מע זאָל זי דערטרעגלעך שפּײַזן. זי דאַרף אַרויס אויף דער פֿרײַ, דענסטמאָל... נאָר האָב ניט קיין אַנגסט, ראַסן־היגיעניסט, כ'וועל צו דיר ניט אָנקומען נאָך אַ דערלויבעניש צו מעגן הייראַטן די פֿרעמדשטאַמיקע. מיר ביידע האָבן, דאַכט זיך, דײַטשישע פֿרויען אין דער היים... צום זײַטנשפּרונג, ווי דו זעסט, בין איך געצווונגען...

„דער דאָזיקער אָפּגעפּרעסענער שווײַן מיט די בלוטיקע הענט און דער שמוציקער זעל וועט שענדן מײַן טאָכטער! הער גאָט, וואָס טאָן, וואָס טאָן?" — קערט זיך שיר ניט איבער בײַלס מויעך. מאָרגן דאַרף ער קומען מיט זײַנע אינסטרומענטן אויפֿשטעלן די ראַסן־כאַראַקטעריסטיק פֿון זײַן אייגענער טאָכטער! זאָל ער ניט באַשטיין אויף איר אַבסאָליוטער ראַסן־ריינקײַט, קאָן זי דער געסטאַפּאָ־הונט... צוויי רויטע בוכשטאַבן „ב.ב." — פֿאַרן וואָיל פֿון גרויס־דײַטשלאַנד און דעם פֿיורער... בײַל פֿילט, אַז זײַן פּאָנעם ברענט. די צונג איז צוגעזאָטן צום גומען. מע מוז אָבער עפּעס זאָגן. וואָס זאָל ער זאָגן? ער טאָר זיך איצט ניט אײַנשטעלן, מע זאָל טייקעף אַרויסלאָזן בײַאַנען. ער קאָן אויך ניט אַרויסקומען מיט דער סענסאַציע: „ס'איז מײַן טאָכטער!" העקס וועט זיך דערפֿרייען: „אַ האַלבע דײַטשקע! דאָס באַטײַט — האָבן גליק!" פֿאַר העקסן וועט עס זײַן די בעסטע בײַאָלאָגישע לעגיטימאַציע. דעם קנופּ מוז מען פֿאַרזיכטיקער, דיפּלאָמאַטישער אויפֿבינדן.

— הייסט עס, אַז פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער ראַסן־היגיענע איז ניטאָ קיין אָפּהאַלט, — ווערט העקס אויפֿגעלעבט. — וואָס איז מיט דיר, אַנטראָפּאָלאָג? ווי איך זע, האָסטו אויך באַקומען לוסט... נו, יאָ, מע איז דאָך מאָנאַטנלאַנג אָן דעם ליבן ווײַב, און דאָ — אַזאַ, וואָס שטראַלט מיט סעקסועלן צויבער...

בײַל צעשמייכלט זיך פֿאַרלעגן. ער טאָר זײַן סאָד ניט אויפֿדעקן! איין אויסוועג — אָפּהאַלטן דערווײַל העקסן.

— פֿאָרזיכטיק, פֿאָרזיכטיק, — הייבט ער אַליין אָן פֿאָרזיכטיק. — מע דאַרף זיך ניט אײַלן. דער הער זאַכבאַאַרבעטער האָט עס פֿריִער אונטערגעשטראָכן. ווי געזאָגט, דער יודאַיִסט וועט צושטעלן אַ שריפֿטלעכע אינפֿאָרמאַציע. אונדזער ראָזנבערג־שטאַב וועט זאָגן זײַן וואָגיק וואָרט. אין ערנסטער מאָמענט איז דעם כאַכאַמס ליסטע. מעגלעך, ער האָט עמעצן פֿאַרזען. וועט ער

עס מוזן אָפיציעל דערגאַנצן. מיר זײַנען צוגעטראָטן צו די אינדיווידועלע אונטערזוכונגען. נאָך דעם וועט ערשט זײַן מעגלעך די פאַראַלגעמיינערונג און דער ענדגילטיקער אויספּיר. דערווײַל אָבער מוז מען זײַן אָפּגעהיט...

— גוט, — מישט העקס זיך אַרײַן אין זײַנע רייד, — מאָרגן וועסטו דורכפירן דײַנע אויסמעסטונגען...

„און הײַנט נאָך וועל איך אַף איר דורכפירן מײַנע אַן „אַטאַקע"... — דערגיט העקס אין די געדאַנקען. — אַ זינד דורכצולאָזן דעם שאַנס".

דער געדאַנק, אַז מאָרגן וועט ער ווידער זען זײַן טאָכטער, האָבן די געלעגנהײַט אָנצורירן איר פּאָנעם, אַ גלעט טאָן אירע האָר, מילדערט בײַלס שווערע שטימונג. מאָרגן, מאָרגן... איצט מוז ער אַוועקגיין. די אויפגעהויבענע רעכטע האַנט מיטן אויסרוף „הײַל היטלער!", דער אַזויגערופענער „דײַטשישער גרוס" לייזט אויס פון געזעגענען זיך מיט העקסן דורך אַ האַנטדרוק.

באַנאַכט

דער לאַנגער, אָנסאָפיק לאַנגער טאָג איז אויסגעגאַנגען, אָן אָפּגעגאָסענער מיט בלוט. צומאַכן אים די פאַרגלייזטע בלוי־גרינע אויגן און אַרויסבאַגלייטן צום בעסאַלמען פון די אַלע פּריער פאַר אים אויסגעגאַנגענע טעג האָט אַרײַנגעשלײַכט אַ סוידעספּולע פּרוי אין אַ טיף־בלויער סאַמעטענער מאַנטיע, אַרופגעוואָרפן אַף איר נאַקעט לײַב. די ערד האָט פון זיך עפּעס זייער דריקנדיקס, שטיקנדיקס אַראָפּגעשאַרט, באַפרײַט די אייוורים און אָן ווערטער, מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע אָרעמס באַגעגנט די סוידעספּולע, אין דער טיף־בלויער סאַמעטענער מאַנטיע אײַנגעהילטע פּרוי...

אַמאָל, אַמאָל אין אַזוינע נעכט... מיט טאַמאַר... איצט בלאָנקעט בײַל אַרום אַ דולער איבער די גאַסן, ווי וועלנדיק זיך אַרויסדרייען פון די אָרעמס, מיט וועלכע די נאַכט האָט אים געהאַט בעדייע אַרײַנצומאַניען אין אירער אַ ראָמאַנטיש אינטריגעלע... אויסגעלאָשן דאָס אויגן־ליכט פון די הײַזער. אויסגעליידיקט פון מענטשן — די גאַסן. קריגס־צושטאַנד. די פּאָליציי־שאָ. אין דער ברוינער אוניפאָרם מעג ער אַרומגיין וויפל דאָס האַרץ גלוסט. ס'בונטעוועט זיך אָבער דער קראַנקער פוס, נאָגט, טוט ווי, פאַרלאַנגט רו. נאָר ווי פאַרגינט מען זיך רו, אַז אים איז אַלץ נאָך ניט אײַנגעפאַלן, וויאַזוי באַפרײַען זײַן טאָכטער פונעם טײַוולס פענטעס. אַרומגעבלאָנקעט, געטראַכט, זיך צו קיין זאַך ניט דערטראַכט און געוואָרן טויט־מיד.

אַריבערגעשפּרײַזט די שוועל פון זײַן צימער, אײַנגעשלאָסן דאָס עלעקטרישע ליכט, שלעפּט ער, בײַל, פון זיך אַראָפּ דאָס האַרטלעך־שטײַפע ברוינע העמד און טוט עס מיט ווידערווילן אַ שלײַדער אין אַ זײַט. אָן באַגײַסטערונג האָט ער עס זײַנערצײַט געהאַט אָנגעטאָן. זײַן באַרוף האָט געצוווּנגען. איצט האָט אים דאָס דאָזיקע העמד צונויפגעפירט מיט זײַן טאָכטער. און ס'וועט אים אויך העלפן אַרויסשלעפן זי פון דער לייבן־גרוב. ער וועט זי דעמלט ערגעץ באַהאַלטן. און נאָך דער מילכאָמע? פאַר זײַן ווײַב קאָן עס זײַן דער בעסטער באַווײַז, אַז ניט ער איז שולדיק אין זייער פּרוכטלאָז צוזאַמענגלעבן. וועט נעמען אַ סאָף צו די פאָרוווּרפן, אַז ער, דער אָרעמער שלימאַזל... און עפּשער וועט דער סאָד מוזן בלײַבן אַ סאָד? אין געהיים וועט ער זײַן אַ פאָטער, ווערן אַ זיידע, וועט לאָזן אַ דאָר נאָך זיך...

אויסגעטאָן די גאַליפע־הויזן, די שטיוול... גאָט איז אַן איידעס, אַז ניט מיטן אייגענעם ווילן האָט ער אַרופגעשלעפּט אַף זיך דאָס דאָזיקע שטיקנדיקע אָנטועכץ. קליינע קאָמפּראָמיסן, זאָגט מען, ברענגען אָפט צו גרויסע פאַרברעכנס. דעריבער טאַקע האָט ער, בײַל, זיך געהיט, איז געווען אָרנטלעך לעגאַבע דעם אייגענעם געוויסן און דער וויסנשאַפט. וועט אויך אַף ווײַטער סטײַען קויעך זיך אַנטקעגנצושטעלן, אויב מע וועט אים אין נאָמען פונעם רײַך און פיורער באַפעלן באַגיין אַ היניטישקײַט, טאָן עפּעס קעגן זײַן געוויסן און דער וויסנשאַפט? וועט ער, ווי אַ סאַך פון זײַנסגלײַכן, אויספילן אַלץ, וואָס מע האַלט דאָרט אויבן פאַר נייטיק? מע זאָל, צום בײַשפּיל, באַפוילן דערווײַזן, אַז די קאַראַימער זײַנען ייִדן אויך ביאָלאָגיש... עך, זײַן באַרוף! די אַנטראָפּאָלאָגיע קאָן ברענגען אוטיליטאַרע נוצן דער קאָנפעקציע־אינדוסטריע, דער שוך־אינדוסטריע. מע דאַרף דאָך וויסן די אָפּטסטע פּראָפּאָרציעס פון מענטשלעכע קערפּערטיילן... ווען מע ציט זי אָבער איבערגעוואַלד אַרײַן אין דער פּאָליטיק... איין טרייסט — זײַן באַשעפטיקונג וועט איצט דערמעגלעכן באַפרײַען ביאַנען. עפּשער פאָרט גלײַך מאָרגן אינדער־

פרי מעלדן העקסן וועגן זײַן שײַכעס צו איר?.. אונטערײַלן דעם יודאיסט? צווינגען דעם כאַכאַם אנערקענען, אז ער האָט זי פארזען ארײַנצוטראָגן אין דער ליסטע? בײַל ווערט אומגעדולדיק, ער מוז פארלויפן העקסן דעם וועג. מע טאָר ניט פארלירן קיין צײַט!

■

קימאַט ווי אינעם זעלבן אויגנבליק באַשליסט אויך העקס ניט צו פארלירן מער קיין צײַט. יעדע רעגע, וואָס פארגייט, קאָן אָנגעפילט ווערן מיט פארגעניגן. אזאַ שטיקנדיקע היץ געווען הײַנט! ער האָט אומענטשלעך געשוויצט, געבאָדן זיך אין אייגענעם שווייס, פון וועלכן ס׳האָט שרעקלעך געביסן אין רוקן. אזאַ אָפּפרישנדיקע אָוונט־לופט! ס׳אָטעמט זיך לײַכטער, פרײַער. וואָס קאָן זײַן אָנגענעמער, ווי דערפילן דעם צופלוס פון קויעך און יוגנט־זאַפטן...

פונקט ווי ער פארכלינעט זיך אָפּט, פאַרשנדיק אָן אָביעקט, און פארלירט פלוצעם דאָס געדולד, אזוי שעפּט זיך אויך הײַנט אָוונט אויס זײַן געדולד. ס׳גייען אים אויס די קויכעס, פאַרשטעלנדיק זיך... ער וויל געניסן פון לעבן, זיך איבערצײַגן, אז ער קאָן נאָך געניסן. האָט דאָך דער דאָקטער געגעבן אים א קלאָרע אייצע: דער בעסטער רעצעפּט איז א פריש־צאַפּלדיקע לעבעדיקע טאַבלעטקע...

אָף זײַן מאַשין אײַלט ער אוועק אין אנשטאַלט. עס עפענען זיך פאר אים, ווי געוויינלעך, טיר־און־טויער. די וואַכלײַט פארשטייען, אז דער הער זאַכבאַארבעטער האָט א דרינגענדיקן איניען. באַ זיך אין קאַבינעט נעמט ער ארויס ב׳אַנעס קאַרטל, שרײַבט אָן די הײַנטיקע דאַטע, די שאָ און פאַרצייכנט: „געגומען צו א פּסיכאָלאָגישער אטאַקע”. שליסלעך דאַרף ער דאָך פאַרפּיקסירן טעטיקײַט אויך אין דער דאָזיקער זאַך. שפּעטער וועט ער אָפּן קאַרטל ארופשרײַבן: „יודענפאַרדאַכט באַשטעטיקט זיך ניט. באַפרײַען”. קעדיי צו אַסעקורירן זיך און דערווײַזן פאַרזיכטיקע ווײַטזיכטיקײַט, וועט ער נאָך דערשרײַבן: „קאַטעגאָריע — פאַרדעכטיקע אָרטיקע אײַנוווינער”. קיין באַזונדערן באַטײַט האָט עס ניט. אַלע אָרטיקע אײַנוווינער זײַנען דאָך פאַרדעכטיק...

און אָט פירט ער די שמייכלענדיקע מאַדאָנע אין זײַן מאַשין לעבן זיך פון רעכטס, פירט צו זיך אַהיים. האַלטנדיק אָנגעשטרענגט דעם רודער, כאַפּט ער א קוק אָף איר ווונדערלעך אויסגעטאָקטן פּראָפיל מיטן עטוואָס פאַריסענעם נעזל, אָף די, קענטיק, פאַר שרעק אופגעבלעזלט־ציטערנדיקע ליפּן. ער לאָזט זײַן גיריקן בליק וואַנדערן איבער אירע בוילעט אויסגעפורעמטע פרויען־גלידער, רײַסט פון זיי אין דימיען אראָפּ די צודעקן...

הייבן איר שטימונג, זאָגן, אז איר שיקזאַל טוט זיך א ווענד אין א גינציקער ריכטונג? קאָן דאָס מיידלכען נעמען זיך אײַנשפּאַרן... זאָגן, אז ער וועט זי ניט פאַרשן, ניט זוכן די, וועלכע האָבן איר דעם פּאַספּאָרט פאַרשאַפט און מיט דער אַלטער קאַראַ׳מערן פאַרבונדן? באַטײַט עס, אז ער צווייפלט אין איר אָפּשטאַם. טאָ ווי פּאַסט עס פאַר א נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט... וועט ער גאָר שווײַגן.

זיצט ער באַם רודער א שווערער, א צעפּלאָסענער, שווײַגט צופרידן און לאָזט זײַן מיטפאָרערן טראַכטן, וואָס איר ווילט זיך. זאָלן זיי נאָר אינטים זיך דערנענטערן, וועט זי פאַרשטיין, אז קיין שלעכטס וועט ער איר שוין ניט טאָן. און אויס דאַנקבאַרקײַט... אַלץ וועט ער צוזאָגן. אויך דעם עמעס זאָגן, אז שוין מאָרגן, איבערמאָרגן וועט מען איר ארויסגעבן א לעבנסצײַגעניש. ס׳איז געשען א פאַרזען. ער וועט זי ארויסלאָזן, און זיי וועלן שוין בלײַבן די בעסטע גוטעפרײַנט. ער האָט א באַזונדערע דירע מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן און אזאַ מעכטיקע פּאָזיציע. טאָמער וועט דאָס מיידל פון אים עפּעס פאַרלאַנגען, וועט ער זיך מיען אירע ווונטשן צו באַפרידיקן. א געסטאַפּאָ־פונקציאָנער מוז דאָך ניט אייביק זײַן גרויזאַם. און אויב זי האָט א כאָסן, קאָן מען אים פאַרשיקן אָף אַרבעט אין דײַטשלאַנד. זי וועט דעמלט בעטן הילף. וועט ער צוזאָגן, אומבאַדינגט צוזאָגן...

ניט ארומגעזען זיך, און זיי זײַנען אָף אָן אָרט. העקס פאַרקערעוועט די מאַשין אין גאַראַזש, וואָס אָפּן הויף. בעט העפלעך זײַן גאַסט מיטגיין.

אָף די טרעפּ איז פינצטער. עס מוז זײַן פינצטער צוליב די לופט־אַליאַרמען. איצט איז די פאַרטונקלונג עפּעס ווערט! העקס נעמט פאַרזיכטיק אָן דאָס מיידל פאַר דער טאַליע. פאַרזיכטיק, צאַרט. זי ציט זיך אָבער אָפּ, ווי אָן אָפּגעבריטע.

— נאַ, נאַ, דאָ קאָן מען געשטרויכלט ווערן, — וואָרנט העקס.

א בלאָנדזשע טוענדיק מיט דער האַנט, טרעפט ער אָנצונעמען דאָס מיידל אונטערן אָרעם.

איידל, סאָליד. זי דערווידערט ניט, און דער שטײַפֿער, קילבלעך־פּרישער פּרויען־אָרעם טוט זײַן קישעף. האסטיקער, אומגעדולדיקער נעמט פליסן דאָס בלוט בא העקסן אין די אָדערן.

ארופגעהויבן זיך אזוי די פּאָר שטאָק, פּירט ער זי אריַין צו זיך אין דירע. ציַנדט אָן ליכט. אָ, עס האָט זיך געלוינט! העקס איז באגײַסטערט, דערזעענדיק אינעם גערוימען האָל דעם בילד־שיינעם ליבן גאסט.

— פּיל זיך, ווי צו הויזע, — זאָגט ער פריַינטלעך, און זײַן דינערשטים, וואָס פּאסט ניט צום פולבלעכן קערפּער און גרויסן קיַילעכיקן קאָפּ, ווערט נאָך דינער. ער ווארט אָף דער רעאקציע פונעם מיידל.

פון איר פּאָנעם גייט אלץ ניט אראָפּ דער מאָדנער אויסדרוק — א שמייכל, ניט קיין שמייכל.

— ביטע, פריַילן, וויַיטער, — עפנט העקס די טיר פון עסצימער און שלינגט מאמעש מיטן בליק די גראַציעז זיך באוועגנדיקע שיינהייט.

זי קוקט זיך ארום: דאָס צימער איז רײַך מעבלירט, א טעפּיך אפן דיל. אָף די ווענט — עט־לעכע אָריגינאלן פון אַרטיקע ייִדישע מאָלער, וועלכע זי האָט גוט געקענט און וואָס זײַנען איצט ווער ווייסט ווו... אין דער גלאָז־וויטרינע צווישן דעם קינסטלערישן פּאָרצעלײַ און קריש־טאָל — א זילבערנער קידעש־בעכער... ס'טוט א ברי, א שניט דאָס הארץ... און ס'דויערט, ביז זי כאפּט זיך אָפּ פונעם הארצוויטעק און דערזעט אין א ווינקל אן אלאכסנדיק אוועקגע־שטעלט טישל מיט קאָלטווו. איינער קעגן אנדערן — צוויי טעלער מיט זילבערנע גאָפּל־מע־סער. און, פארשטייט זיך, עטלעכע פלעשער שטארקע געטראנקען. קלאָר, אז אלץ איז סער־ווירט פון־אירטוועגן...

— פּיל זיך, ווי צו הויזע, — כאזערט העקס איבער נאָך פריַינטלעכער, אָנווײַזנדיק מיט די הענט אפן ארום. — איך וועל צושטעלן קאווע, און דו קאָנסט דערוויַיל אריַין אין באָד־צימער. א בראָנזע־באָד מאכט שטימונג. פאראן דאָרט קאָסמעטיק. פאַרקעם דײַנע שיינע האָר.

איצט באמערקט ער טאקע, אז צעכוואַליעטע קאשטאַן־האָר פאַלן דעם מיידל אָף די פּלייצעס און שטרײַכן אונטער די איידלקײַט פונעם וווּנדער־שיינעם פּאָנעם. ער נעמט זי ליבלעך אָן פאר א האנט און דערפירט צום באָד־צימער.

ווען ער איז איַנגאנצן פארטיק מיטן גרייטן דעם טיש, און דאָס קאווע־קענדל שטייט שוין אָף אים, צוגעדעקט מיט דער בונט אויסגענייטער שטאָפענער הויב, קאָן ער זיך אָף זײַן גאסט ניט דערוואַרטן. ער וואָלט, אייגנטלעך, אויך געדאַרפט אָנקומען צו קאָסמעטיק, כאָטש פאַרן ארויסגיין אָף דער הײַנטיקער יאגד האָט ער זיך אויסגעבאָדן, אראָפּגעשווענקט פון זיך דעם שוויס און אָנגעדופטעט זיך מיט פּארפום. אָבער ער שוויצט די גאנצע צײַט. די הענט דארף מען אײַנרײַבן מיט קעלניש־וואסער... וואָס זאמט זי זיך אזוי לאנג? עפשער ווארט זי דאָרט אָף אים א נאקעטע?.. קלאפּט ער אָן אין דער טיר פונעם באָד־צימער. קיין ענטפער ניט. קלאפּט אָן נאָכאמאָל. שא־שטיל. טוט ער א ריס אוף די ניט־פאַרקייטלטע טיר... דאָס מיידל שטייט אָן אָנגעטאָנענע, צוגעשפּארט צו דער וואנט, פארגראָבן דאָס פּאָנעם אין האנטעך, און כליפּעט.

— נא, נא, מיידלכען, צו וואָס די טראַגעדיעס. איך לאָז דיך פרײַ. פאר אזא, ווי דו, קאָן דאָס לעבן פארוואנדלט ווערן אין א פארבנרײַכער לוסטשפּיל.

ער גייט צו צו איר, וויל זי ארומנעמען, אײַנקלעמען אין די אָרעמס, אײַנבײַסן זיך אין אירע זיסע ליפּן, דערפילן די נאָענטקײַט פון איר זאפטיק לײַב און איבערצייַגן זיך אין זײַן היילנדיקער ווירקונג... דאָס מיידל דערלאנגט אים אָבער א שטופּ אָפּ פון זיך. אזוי אנטשיידן און אומדערווארט, אז ווען עס פּאסירט ניט אינעם באָד־צימער, וואָלט ער אָפּגעפּלויגן אָף א מעהאלעך.

— אזוי גאָר... גוט, גוט, איך פארשטיי דיך... — וויל ער ניט פארשאַרפן די באַציִונגען. — לאָמיר אין אלץ פארגעסן. דער טיש איז געדעקט.

זיי זיצן ביידע באַם טישל. זי — אָף א קליין פליושן סאָפקעלע. ער — אין א פאָטעל. ווי א יונג־פאַרליבטער, מיט א ציטער, מיט א קורצן און זייער אָפּטן אָטעם באדינט ער דעם גאסט. פון א טונקעלער בײַכיקער פלאש גיסט ער אָן אין די קלענערע קרישטאָלענע בעכערלעך פראנ־צויזישן קאָניאַק, עפנט א פלאש מינעראַל־וואסער און צעגיסט אין די פּוזשערן. צעלייגט אין די טעלערס קאַלערליי צובײַסעכץ.

— פאר ברודערשאַפט! — הייבט ער אוף זײַן בעכערל און שטויסט עס אָן אינעם מיידלס, וואָס שטייט אומבאַרירט אפן טיש. — נעם דאָך, טרינק אויס און זאָג מיר „דו".

די לאַנגע ווי,עס — אראָפּגעלאָזט, די ליפּן — צונויפגעפּרעסט. מיט ווײַסע איידעלע פינגער נעמט זי אָן דאָס בעכערל און טראָגט עס צו צום מויל. דערטראָגט ניט. שטעלט עס אוועק און נעמט זיך צו גאָפּל־מעסער. העקס לאָזט ניט נאָך: זי מוז אויסטרינקען! טוט זי אים די דאָזיקע געפעליקײַט. ער נעמט עס אָן פאר א זשעסט פון נאָכגעבן זיך.

א גוט אופגעלייגטער, בײַסט ער צו מיט קענטיקער האנאַ. זײַן אריינגעזעצטער אין די פלייצעס קאָפּ מיט די שיטערע בלאָנד־רויטלעכע האָר, פאַרקאַמטע אַף אַרוף, הייבט זיך ווײַל־ווײַז א ביסל ארויס איבערן קורצן האלדז און וויל אויסדריקן היספּײַלעס. ער קײַט, שיט אַפּ מיט קאָמפּלימענטן זײַן גאַסט און לאָזט זיך אוועק דערציילן מיט אלע נייטיקע און אומנייטיקע פּיטשטשעווקעס א געשיכטע, ווי זיי זײַנען אין א קאָמפּאניע געפאָרן שיסן האָזן. קיין איינעם ניט געטראָפן, נאָר אונטערוועגנס געקויפט בא א יעגער עטלעכע שטיק און פאַרגעשטעלט זיך אין דער היים ווי גרויסע ציל־שיסער...

ב׳יאנע, ריכטיקער געזאָגט, ראָכל נאָוויטש, הערט אָבער ניט אוף צו טראַכטן: צו וואָס די גאַנצע קאָמעדיע? באַרימען זיך מיטן דערפאָלג בא פּרויען וועט ער קענען, פונקט ווי נאָך דער האָזן־יאַגד... אין דער לעצטער רעגע וועט זי אים דאָך אָפּטרײַבן צו אלדי רוכעס. טאָמער קלעקט איר ניט קיין פיזישע קראַפט, וועט אים פּלעטן איר דערקלערונג: „איך בין יודין!״ פאַר „ראַסן־שאַנדע״ האָבן זיי דאָך מוירע, ווי פאַר פײַער... ער וועט זי אַרײַנשלײַדערן צוריק אין קעלער, וועט זי פּײַניקן, וועלנדיק דערגיין, ווער האָט איר דעם פאַלשן פּאַספּאָרט פאַרשאַפט, ווער — צונויפגעפירט מיט אַסנאַטן. ער וועט ניט נאָכלאָזן, ביז זי וועט ניט אויסזאָגן איר ריכטיקן נאָמען און ווּעמען פון די אייגענע זי האָט איבערגעלאָזט אין געטאָ... דער פאָטער! צוליב איר מעשוגאַס ניט אײַנצוזיצן הינטערן שטעכדראָט און ניט וועלן טיילן דעם גוירל פון קאָל־ייִס־ראָעל, ווי דער פאָטער פלעגט זיך אויסדריקן, וועט מען אים שיסן...

— מיר, דײַטשן, זײַנען גאָר ניט אזוי שלעכט, ווי ס׳קאָן זיך דאכטן, — זאָגט פּלוצעם העקס, וועלנדיק אופהײַטערן דאָס פאַרומערטע און אקשאָנעסדיק שווײַגנדיקע מיידל. — שטעל זיך פאָר, ווי שיין די וועלט קאָן פאַר דיר ווערן. א שיינע וועלט פאַר א סימפּאַטיש פרײַלן... שלוס מיט די קעלערס דאָרט!

ער לייגט אַרוף זײַן האַנט אַף אירער. די קילבלעכע מיידל־האַנט ציטערט אוף, אָבער בלײַבט האכנאָעדיק ליגן אונטער דער שווערער און שוויציקער דלאָניע. העקס פילט, אז זײַן האַנט איז שוויציק־הייס און קאָן אומאָנגענעם ווירקן אַף פּרויען. שטייט ער אוף און נעמט זיך ווי אנטשולדיקן:

— אזא טראָפּישע היץ הײַנט... דערשטיקט צו ווערן...

ער גייט ארויס אַף א רעגע און קומט צוריק אין א לײַכט זאָמדפאַרביק רעקל. עפּשער איצט, אָן דעם מונדיר, וועט ער מער נויסעכיין זײַן... און דאָ פאַלט אים אײַן צו ענדערן די גאַנצע סיטואַציע.

— ווי, אויב עפענען דאָס פענצטער אין דער גאַנצער ברייט, אַרײַנלאָזן פרישע לופט? ניט וואַרטנדיק אַף אַן ענטפער, פאַרלעשט ער די עלעקטרע, ציט אַפּ דעם שטײַפן פאַר־טונקעלונג־פאַרהאַנג.

דורכן אופגעפראַלטן פענצטער ווייעט די נאַכט אַרײַן איר מעכײַעדיק־אָפּפרישנדיקן אָטעם. די אויגן געוווינען זיך צו דער טונקלקײַט. אויך דער ליכט־פּאַס פון דער אָנגעצונדענער אינעם האָל עלעקטרע, וואָס פאַלט אַרײַן דורכן אָרנאַמענט־גלאָז פון דער צימער־טיר, באַלעבט די אַרומיקע קעגנשטאַנדן, ווי אין א קישעף־מײַסע.

העקס איז צופרידן פון זײַן אײַנפאַל: ס׳איז ראָמאַנטישער, אינטימער. מע קאָן זיך אויס־געצייכנט אַרױַנטירן, און צוגלײַך ווערט פאַרטושט זײַן ניט אָנצױַוודיקע אויסערלעכקײַט. פאַרשיקערט פון לײַדנשאַפט, דאַרף דאָס מיידל אין אים פּילן בלויז דעם מאַנצבל... דעם עמעס געזאָגט, האָט ער ניט דערוואַרט פון אַן אַרעסטאַנטן אזא רעאַקציע. אזוי פּרעך האָט זי אים אָפּגעשטויסן, ווי איר לעבן וואָלט ניט געלעגן אין זײַנע הענט. שטענדיק בייסן פאַרשן אַנט־פלעקט זיך זײַן קויעך. א פּאַטש, און ס׳שיטן זיך ארויס ציינער פון מויל. א זעץ, און ס׳קנאַקן איבערגעבראָכענעביינער. און דאָ קאָן ער ניט בײַקומען אזא איינע. העקס איז צעמישט. נעמט ער פון דער העלער הויט מעכאַבעד זײַן דאָס מיידל מיט זיסקײַטן און זעצט זיך צו איר צו אַף דעם ענגן פּליושענעם סאָפקעלע. פונעם אָפענעם פענצטער, וואָס הינטער זיי, פּלייצט און פּלייצט אָפּפרישנדיקע, פאַרשיקערנדיקע כײַעס.

ערשט איצט באַגרײַפט דאָס מיידל דעם פּעלער, וואָס זי איז באַגאַנגען, זעצנדיק זיך אַף דער סאָפקע. שוין שפּירט זי דעם רייעך, הערט דאָס פרײַכן פון דער רויב־כײַע האַרט לעבן זיך. דער מאַלכהאַמאָוועס איז דערנעבן! זאָל זי טייקעף אויסזאָגן, ווער זי איז, און מאַכן א סאָף צו דער קאָמעדיע, אָדער נאָך אַלץ ציִען, ציִען, וואַרטנדיק אַף דער לעצטער, סאַמע לעצטער מינוט?

זײַן האַנט, די שטענדיק פאַרשײַטע און זעלבסטזיכערע האַנט, שאַרט זיך פּאַכדאָנעסדיק אַרוף אַף דער פּלייצע פון דער אַרעסטאַנטן. דאָס מיידל וואַרפט זי מיט עקל אַראָפּ... א פּרעכ־

הײַט! ווי ער, העקס, וואָלט גאָרניט געווען דאָס, וואָס ער איז... דעריבער טאַקע, פאַרשטייט ער, אַז הײַנט מוז ער זיך צוימען. מיט גוטן, מיט גוטן מוז מען באַצווינגען דאָס פייגעלע. אויב ניט, וועט די לוסט אין אים ניט דערוואַכן. ציט ער זיך אָפּ אַ ביסל און נעמט געלאַסן דערקלערן:

— ווייסט, איך האָב פאַר דיר גוטע נײַס. פון מיר, ווי דו זעסט, איז אָפּהענגיק אַרויסצולאָזן דיך אַף דער פרײַ. אַ גרונט האָב איך... און זעסט, איך פאָדער ניט פון דיר קיינע דערקלערונגען. דיך האָט הײַנט געזען אַ ראַסן־היגיִעניסט און שוין אָפּן אויג פעסטגעשטעלט, אַז דו ביסט ניט קיין יודין. מאָרגן וועט ער דיר אויסשרײַבן אַ צײַגעניש, און דו ביסט פרײַ. נאָר, ווי געזאָגט, דאָס לעצטע וואָרט האָב איך, ווײַל אויב דו ביסט זאָגאַר אַ קאַראַיִמערן... מע וועט סײַווי אַלעמען אײַך... נאָר איך, פאַרשטייט זיך, בין גרייט דיך צו שיצן... רייד דאָך אויס אַ וואָרט. דעם קלאַנג פון דײַן שטים וויל איך הערן!

העקס רעדט, זײַן האַרץ צאַפּלט זיך, ווי בײַ אַ באָכער בײַס דער ערשטער אינטימער באַגעגעניש מיט דער געליבטער. ווידער פּרוּווט ער אויס זײַן מאַזל מיט די הענט...

דאָס מיידל שפּרינגט אויף.

— עך, דו! — פּלאַקערט אויף אין העקסן די רעציכע. — שפּילסט זיך? מיינסט, כ׳וועל דיך ניט באַזיצן?!

ער וועט זי כאַפּן, צעקנעטן, צעבײַסן, צעקוועטשן!

פלינק רײַסט דאָס מיידל זיך אָפּ פון עם אָרט. באַלד איז זי אין צווייטן עק צימער. העקס — צו איר. אָט, און ער פּאַקט זי.

— קאַץ־און־מויז, קאַץ־און־מויז! קעץ זעען אין דער פינצטער בעסער, ווי בײַ ליכט! — רופט ער קימאַט באַגײַסטערט אויס, אַ וואַרף טוענדיק זיך אָפּן רויב.

דאָס מיידל איז פלינקער. זי איז ווידער באַם טיש. טוט עס אַ שלײַדער מיט אַ געבראַזג אָפּן אַנלויפנדיקן מעגושעמדיקן שאָטן. שפּרינגט אַרויף אַף דער סאָפקע און ראַטעוועט זיך, ראַטעוועט אַנדערע, אַנטרינענדיק דורכן אָפענעם פענצטער...

איבערהיפּערנדיק שטיגן, לאָזט זיך העקס אַראָפּ פון די טרעפּ, געפינט דאָס מיידל אַן אויסגעצויגענע מיטן פּאָנעם אַרויף, די הענט פאַנאַנדערגעשפּרייט, ווי געקרייציקט צו די בעטאָןפּליטן פונעם טראָטואַר. די פּאַרטונקלטע גאַס איז אויסגעשטאָרבן. די פּאָליצײַ־שאַ ווערט שטרענג אָפּגעהיט. בלויז דער לעוואָנע קאָן קיינער ניט שטערן קאַלכן די וועלט מיטן רויטלעכן אָפּשײַן פון דער ערגעץ־ווו פאַרשטעקטער זון.

אַ מינטער געטאָן די אַראָפּגעפאַלענע. קיינע לעבנס־שפּורן מערקן זיך ניט. אַ בלוט־פלעק אינעם מויל־ווינקל פאַרטיפט דעם פאַרשטאַרטן שמייכל אַף אים.

דאָס טויטע מיידל שלעפּט העקס אַרײַן אין גאַראַזש. ער שפּרייט אויס אָפּן הינטערשטן זיץ פון דער מאַשין די בלוטשוץ־צעראַטע, וועלכע געפינט זיך שטענדיק אינעם געפּעק־האַלטער, און טוט אַ שלײַדער אַף איר דעם קערפּער, וואָס האָט שוין פאַר קיינעם קיין ווערט ניט.

דאַן כאַפּט ער זיך ווידער אַרויף אין שטוב. און ווערט שטאָלץ פון זײַן אָרִיענטאַציע־פעיִקײַט: אין אַזאַ געײַל און אַזאַ הייסער מינוט האָט ער ניט צוגעקלאַפּט הינטער זיך די אַרײַנגאַנגס־טיר. ווי געפילט, אַז דאָס בינטל שליסלען איז געבליבן אינעם מונדיר, וואָס ער האָט אויפגעהאַנגען אין האַל. איצט טוט ער אים האַסטיק אָן און פאַרהאַקט שוין דעם אויטאָמאַטישן טיר־שלאָס.

ס׳דויערט ניט לאַנג, און די מאַשין ברענגט אים אין אַנשטאַלט. טיר־און־טויער עפענען זיך, ווי געוויינלעך. דעם טויטן קערפּער גיט ער איבער, ווען מע דאַרף, און אין זײַן קאַבינעט דערשרײַבט ער אָפּן מיידלס קאַרטל: „אין פאַרלויף פון דער פּסיכאָלאָגישער אַטאַקע — באַזונדערס באַהאַנדלט". אָפּן מאָרגנדיקן בלעטל פונעם אָפּלייג־קאַלענדאַר פאַרצייכנט ער: „אַרעסטירן די, בײַ וועמען מע האָט געפונען ביִאַנע קירנאָוויטש".

■

נאָוויטש האָט די גאַנצע נאַכט געאַרבעט — געשריבן, געמעקט, איבערגעשריבן, וועגנדיק און מעסטנדיק יעדן אַרויסגעזאָגטן געדאַנק. שרײַבן דײַטש איז ער ניט געווען געניט. האָט ער זיך אָפּט פאַרהאַקט, זוכנדיק דאָס נייטיקע וואָרט, דעם געהעריקן אויסדרוק. ער האָט זײַן גאַנץ לעבן ליב געהאַט אַרבעטן באַנאַכט. דעמלט איז ער פעיִק צום העכסטן אָנשטרענג. דעמלט זאָגן אַלע קעמערלעך פון מויעך שעפערישע שירע. נאָך קיינמאָל איז ער ניט געווען אַזוי פּראָדוקטיוו, ווי די פאַרגאַנגענע נאַכט. ער האָט געזאָגט קאַדיש נאָך ראָכעלען און געמיט זיך פאַר די, וועלכע האָבן איר געוואָלט גוטס טאָן.

צום באגין ווארט שוין א פעקל האנט־געשריבענע זײַטלעך, מע זאָל זיי אָפּטראָגן אין שטאָט. אויב ער וועט עפּעס פאַרשווײַגן, וועט מען אים הענגען... געוויס האָט ער א סאך פאַרשוויגן, געדרייט און געשלענגלט זיך. אָבער געזאָגט דעם נייטיקן עמעס. שוין לאנג איז ער ניט געווען אזא באלעבאָס איבער זײַנע מאכשאָוועס און האנדלונגען, צילגעווענדט געפירט זיי, ארויס־ווײַזנדיק אײַנפּאלערישע איניציַאטיוו און ווירדע. וואָס נאָך האָט ער געקאָנט טאָן אינעם קאמף מיט דער רישעס פון דער וועלט?

א פאַרשמאכטער, אָן אויסגעשעפּטער, ניט אויסגעטאָגענער קנוילט ער זיך צונויף אָפּן גע־לעגער. א קאפּעלע שלאָף! אָנזאמלען א ביסל קרעפטן צו קאָנען פאַרענדיקן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן — דאָס אייניציקע, וואָס גיט נאָך צו א זין זײַן לעבן אף דער וועלט... כאפּן א דרעמל, ביז מע וועט וועקן צו דער טאָג־וואכטע! ער וועט דענסטמאָל, ווי אלע אסירים, קומען צום געטאָ־טויער, וועט ווײַזן דעם קסאוויאד, די לעגיטימאציע און בעטן, א קאָנוואָי זאָל אים פירן אין „אמט פאר ראסן־היגיענע”.

די ראָזלעך־גרינע מאָרגן־דעמערונג, וואָס האָט אראָפּגעשיילט פון דער נאכט איר טונקל־בלויע מאנטיע און גענומען זי שווענקען און בלייכן, שלײַכט זיך ארײַן צו נאָוויטשן אין זײַנע דאלעדאמעס, נעמט אים צערטלען, גלעטן איבערן קאָפּ און העלפט אײַנשלאָפן.

ווידער אינדערפרי

ווידער שײַנט די זון, זאָגט צו דער וועלט א שעפע ליכט און א ברענענדיק הייסן זומער־טאָג.

גאָר פרי קומט הײַנט בײַל צו דער ארבעט. ס'האָט זיך אים שלעכט געשלאָפן. דער געדאנק, אז ער מוז, און טאקע ניט פאַרלירנדיק קיין צײַט, ווידער ווענדן זיך צו העקסן, האָט דעם שלאָף צוגערויבט. ווי מע טוט עס, ווייסט ער נאָך אלץ ניט. אָנקלינגען? הײַנט קאָן ער דאָך ניט איבערכאזערן דעם נעכטיקן אויסרייד וועגן דער דיסקרעטער אָנגעלעגנהײַט, וועלכע ער האָט פאקטיש אויסגעמיטן צו באַרירן. ווארטן, ביז ער וועט אנטראָפּאָלאָגיש אונטערזוכן זײַן טאָכ־טער און ארויסגיין מיטן עמעס, אָדער גלײַך אופדעקן די קאָרטן?

פונקט נײַן אזייגער איז ער באם שרײַבטיש. פונקט נײַן קלינגט דער טעלעפאָן.

— הײַל היטלער, ראסן־היגיעניסט! ס'איז זאכבאארבעטער העקס.

בײַל ציטערט אוף און דערפרייט זיך צוגלײַך. אָט איז א געלעגנהײַט! ענטפערט ער געפעליק:

— הײַל! כ'בין צו אײַער דינסט און...

די שטים אינעם טעלעפאָן־טרײַבל לאָזט אים ניט ריידן.

— ווייסט, אנטראָפּאָלאָג, פאַרדעכטיק, זייער פאַרדעכטיק איז דאָס מיידל. עפּעס יידישס שטעקט פונדעסטוועגן אין זיי, ווי זיי הייסן דאָרט, די קאראַימער. לאָזן זיך ניט נעמען — ניט מיט גוטן, ניט מיט בייזן...

„איז עס אָן אָנדײַט, אז מע טאָר זיי ניט פולשטענדיק ריינוואשן ראסיש?” — שטעפּט דורך בײַלס מויעך א מאכשאָווע.

— ניט מיט גוטן, ניט מיט בייזן, — כאזערט איבער העקס און צעציט פאַרלעגן: — די, די אזויגערופענע, שמייכלענדיקע מאדאָנע, קאָנסטו, אזוי צו זאָגן, אראָפּשרײַבן... קיינע אויס־מעסטונגען זײַנען מער ניט נייטיק...

דאָס טרײַבל אין בײַלס האנט נעמט ציטערן. ער קאָן עס קוים אײַנהאלטן באם אויער, כאָטש זײַן פליכט איז אויסצוהערן פאַראָרדענונגען פון העכער.

— און די גאנצע זאך מיט די קאראַימער... דערווײַל הער זי אוף פאָרסירן. קאָנסט זיך פאַרנעמען מיט דײַנע אויסמעסטונגען צום צײַטפאַרטרײַב. פאַרברענג זיך, וויפל דו ווילסט. מיר האָבן צײַט. צום דאָנערוועטער, ווער זאָגט, אז ס'איז דרינגענד? אין דער יידישער קאָנס־פּיראַטיווער פאַרשווערונג קעגן דער וועלט איז דער אָנטייל פון די קאראַימער, אָן צווייפל, מינימאל. און אז מע וועט מאכן דעם ענדגילטיק ריינעם טיש, וועלן זיי צוזאמען מיט אלע אָרטסגעבירטיקע... ווען זייער ריי וועט דערגיין... צום דאָנערוועטער!

„פאַרשפּעטיקט... פאַרשפּעטיקט”... — בײַל ווייסט ניט, וואָס צו טאָן מיטן טרײַבל, כאָטש דאָרט גרילצט שוין אומגעדולדיק דער צעהאקטער סיגנאל — א סימען, אז פון יענער זײַט דראָט האָט מען דאָס טרײַבל אוועקגעלייגט.

געווען א טאָכטער, ניטאָ קיין טאָכטער... טאָכטער, מײַנע טאָכטערכען! כ׳פאַרשטיי דיך. האָסט אָפּגעשטויסן דעם שווײַנעהונט. א ריינע, אומבאפלעקטע נעשאָמע, האָסטו ניט פאַרשעמט דײַנע עלטערן...

די טיר אין קאַבינעט עפנט זיך צוגלײַך מיט די עטלעכע קלעפּעלעך, וואָס האָבן אָפּגע־הילכט אין איר. א וואַכמאַן לאָזט ארײַן נאַוויטשן און פאַרמאַכט די טיר הינטער אים.

געכאַפּט זיך, אז ער האַלט נאָך דאָס טרײַבל אין האַנט, לייגט בײַל עס אוועק אפן טעלע־פאָן־אַפּאַראַט און קוקט, קוקט... די אויגן זײַנען צוגעשמידט צום ארײַנגעקומענעם. עפּעס א קענטלעך פּאָנעם... דער שניט פון די אויגן און ליפּן, די פאָרם פון די ברעמען...

— גוט־מאָרגן! — זאָגט נאַוויטש מיט א געבראָכענער שטים.

בײַל ענטפערט ניט, קוקט נאָך אלץ פאַרשטאַרט אפן קענטלעכן פּאָנעם און שווײַגט.

„היטלעראָווצעס איז פאַרווערט צו ענטפערן אף דער באַגריסונג פון ייִדן!" — ווייסט נאַ־וויטש, און א ביטערניש, א סאַמהאַמאָוועס־ביטערניש צעברענט זיך אין קעל. לייגט ער אוועק דעם מיטגעבראַכטן קסאַוויאַד אפן טיש און דערקלערט, ראַנגלענדיק זיך מיט דער ביטערניש:

— כ׳האָב אָנגעשריבן... דעם אלגעמיינעם און פּרינציפּיעלן טייל. און ווײַטער דאַרף מען אויסברייטערן די פּראָבלעם, פאַרטיפן. עס זײַנען נייטיק ארכיוו־מאַטעריאַלן, ס׳איז נייטיק ליטעראַטור... מע קאָן אלץ געפינען...

בײַל ענטפערט ניט. ער טוט בלויז א מאָדנעם צוק, ווי דערמאָנט זיך אין אזוינס, וואָס אים איז א לאַנגע צײַט בעשום־אויפן ניט געראָטן זיך צו דערמאָנען. ביִאָנעס אָנבליקן! עפּעס געמיינ־זאַמס מיטן יודאיִסט...

ניט באַקומען קיין ענטפער, לאָזט נאַוויטש אראָפּ דעם מיט גרויליכע קאַשטאַן־האָר ווילד באַוואַקסענעם קאָפּ און שטייט, שטייט — א דערנידעריקטער, באַשפּיגענער, אָפּגעמישפּעטער. און צעכליפּעט זיך.

— וואָס פאַר א געוויין?! — פרעגט בײַל מיט רוגזע.

נאַוויטש וויל עפּעס זאָגן, באַוועגט לאַנג די ליפּן און, מאַכנדיק אַן אומגעהייערן אָנשטרענג, פּרעסט ער פון זיך ארויס:

— כ׳האָב געהאַט א טאָכטער.

ווי געפּלעטט פון עפּעס, שרומפּט בײַל זיך אײַן, טוענדיק דערבײַ א קרעכץ:

— איך אויך... איך האָב אויך געהאַט א טאָכטער...

שיקע דריז

פון דער דיכטערישער ירושה

צום ערשטן יאָרצײַט פֿונעם דיכטער שיקע דריז
פֿאַרעפֿנטלעכן מיר א לידער־ציקל פֿון זײַן
ליטעראַרישער ירושה.

וואגט ניט!

כ׳גיי ארום א פארליבטער ערשט איצט אף דער עלטער,
מעשוגע צו ווערן — דאָס לעבן געפעלט מיר.

וועל איך באם שנײַדער א סערדעט באשטעלן פון טרוימען,
באם קירזשנער — א קאפעליוש מיט אן עמעסן קוימען.

א ליבע פארלעשן אין דער טויט ניט בעקויעך.
פלאמט זי אין הארצן און שטיקט זיך אין אייגענעם רוי׳ך.

לאָזט א מעשוגענעם ארומלויפן אין די גאסן,
כ׳האָב אונטערגעצונדן אונטער זיך די אָפּצאסן.

וואגט ניט דאָס מעשוגאס מײַנס צו באדויערן,
כ׳בין ווידער פארליבט ביז איבער די אויערן.

צווישן ביימער

ווידער זומער, ווידער גרינס
פונעם קאָפּ און ביז די פיס.
ווידער וואך מײַן יוגנט־טרוים —
צווישן ביימער זײַן א בוים,
אופהייבן די הענט, ווי צווײַגן,
און שווײַגן... שווײַגן, שווײַגן,

ביז א פויגל וועט קומען
פון זײַן איינסאַף־ראַכוועס
און זיך מאכן א נעסט
אונטער מײַנע פאכוועס...

זומער 1961

ביימער מיט זילבערנע שיך

דער וואלד איז געדיכט
מיט לעוואָנע־ליכט,
און אלע ביימער
מיט זילבערנע שיך
גייען צום טײַכל
א קוק טאָן, ווי סע טרינקט
דאָס נארישע קעלבל.

דאָרשטיק בין איך,
און צום טײַכל דעם זעלבן
בייג איך זיך אָן און טרינק
צוזאמען מיטן קעלבל.

און אלע ביימער
מיט זילבערנע שיך
גייען צום אָרט דעם זעלבן.
דאָ שטראָמט א טײַכל
אונטער אן אלטער בריק,
און ביז די קני —
אין וואסער א קעלבל.

מיר דאכט, טויזנט יאָר
איך בלאָנקע אין וואלד,
און וווּהין איך גיי ניט,
איך קום צוריק
צום אָרט דעם זעלבן.

א שטערן איז געפאלן
די אלטע בריק באשטראלן.
ער זעט, ווי צוגעבונדן בין איך
צו די ביימער מיט זילבערנע שיך,
צו אָט דעם טײַכל,
וואָס שטראָמט אונטער דער בריק,
און צו דעם נארישן קעלבל.

מ א מ א ל י ג ע

מאמאליגע, מאמאליגע
עסט מען אָן א מעסער,
און מע כאפּט א גלעזעלע
פון די אלטע פּעסער.

מאמאליגע, מאמאליגע,
אוי, דו פערעאָדאָם!
מאמאליגע, מאמאליגע
שנײַדט מען מיט א פאָדעם.

מאמאליגע, מאמאליגע —
הייסע זון א טעלער.
לאָזט זשע מיך, לאָזט זשע מיך
זיך אָפּקילן אין טעלער.

שענק זשע מיר א דודעלע,
א פײַפעלע, מײַן כאווער,
וועל איך אויסשפּילן דעם ווײַן
א ניגן א מאָלדאווער.

אוי, אוי, אוי, א לידעלע,
א ניגן — „בודטי זדראָאווי״,
און טאָמער טוט איר נאָר א פּיפּס,
אנטלויף איך קיין מאָלדאָווע.

מײַן דראָשע־געשאנק

טו אָן, מײַן ליבסטע,
הײַנט אפּדערנאכט
דאָס שטערנטיכל,
וואָס כ׳האָב דיר געבראכט.

גיב מיר, מײַן טײַערע,
ווישניק א פלאש,
דערלאנג מיר דעם בעכער,
וואָס ליגט אין מײַן טאש.

דאָס שטערנטיכל —
מײַן דראָשע־געשאנק —
איז געלעגן פארשלאָסן
אין הילצערנעם שראנק.

ער איז געשטאנען אין אלקער,
ווו ס׳פלעג בא זײַן לעבן
אין וועלט פון ראיוינעס
מײַן זיידעניו שוועבן.

באם טונקעלן פענצטער,
האלב ווי אין דרימל,
מײַן מאמע פלעג זוכן
א שטערן אין הימל, —

מיטן כיין פון דעם טיכל
זײַנען בלוטיקע ווונדן,
וויי, בלוטיקע ווונדן,
פארקניפּט און פארבונדן...

טרינק איך פאַר דיר הײַנט
דעם ווישניק פון בעכער
מיט ליפּן פּאַרקוילטע,
ווי טרוקענע סעכערס.

טו זשע אָן, ליבסטע,
הײַנט אפּדערנאַכט
דאָס שטערנטיכל,
וואָס כ'האָב דיר געבראַכט.

די ארמענישע נאכט

ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז
צי איך, טרינק איך
מײַנע דרײַ גילדענע שטערן —
מײַן ארמענישן קאָניאַק.

דער שטערן דער ערשטער
צעבינדט מײַנע פּערל.
באַציר איך מיט זיי
מײַן ארמענישע נאכט.

אָך, ווי עס פּאַסן איר
מײַנע ליכטיקע פּערל!

דער שטערן דער צווייטער
מאַכט דאָס הארץ מײַנס
ווייכער פון טייג.
קלעפּ איך פון דעם אויס
א רויטע בלום
און באַציר מיט איר
מײַן ארמענישע נאכט.

אָך, ווי עס פּאַסט איר
מײַן רויטע בלום!

דער שטערן דער דריטער
האָט ארויסגעגאַנוועט פון אונטער
מיר די ערד,
איבערגעקערט אַף מיר דעם הימל,
אויסגעשיט אלע מײַנע שיקערע
סוידעס.

וויל אָבער
די ארמענישע נאכט
ניט גלייבן
מײַנע שיקערע סוידעס.

די ערד איז שיין

כ'האָב געוואַרט אַף אים א שאָ,
נאָר מײַן כאַווער איז ניטאָ.
קיינער ווייסט ניט, קורץ גערעדט,
ווען ס'וועט קומען דער פּאָעט.
בא זײַן שמאָלן בעטל
ליגט פּאַפּיר א בלעטל,
א פאַרשניצטער בלײַער,
א ציגײַער.
נעם איך זיך פאַרצי'ען
מיט א רויך א גרינעם,
ווערט דאָס שמאָלע בעטל
און די שטוב אנטרינען.
פלוצעם קלינגט דער זייגער פיר,
כ'נעם פון טיש זײַן פּאַפּיר,
לאָזט זיך אויס,
מײַן פרײַנט
האָט הײַנט
אין אָוונט צי באַנאַכט
א כעזשבן זיך געמאַכט,
א כעזשבנדל א קליינס —
איינס:
באַזוכן דעם מוזיי,
צוויי:
קויפן צוקער,
קויפן טיי,
אין ביבליאָטעק — וואָס גיכער —
כאַפּן א פּאָר ביכער,
און דערנאָך
צום שוסטער לויפן
אָפּנעמען די שיך...
ווײַל די ערד איז גרויס,
ווײַל די ערד איז שיין,
וויל ער איבער איר
נאָך גיין
און גיין און גיין.

1946

דער טכויר און דער פוקס

אונטערוועגנס
האָט א טכויר דעם פוקס באגעגנט.
— פאראנען, זאָגט ער, נעזער אלערליי:
בא איינעם איז זי קורץ און גראָב,
באם צווייטן — לענגער, דינער,
נאָר ווער איז נאָך אזא מין מאזיק צו די הינער,
ווי איך?
און פאַרוואָס?
וויַל כ'האָב א פרימעדיקע נאָז!
א נעזל — אַן אנטיק!
דו הערסט?
א הינדעלע דערשמעק איך פאר א ווערסט!
אַט, קום אומיסטן, לאָמיר גיין,
וועסטו שוין זען אליין.

געדויערט עס ניט לאנג,
זיי קומען ווו מע דארף;
שטייט טאקע א הינדעלע
און פיקט זיך פּראָסע.
דאָס פיקסל האָט א קוק געגעבן קאָסע,
ווי איינער רעדט:
דאָס הינדעלע איז טאקע פיַין, גאנץ פעט,
כ'פארגין אוודאי ניט דעם טכויר אזא מין ביסן,
נאָר פריִער דארף מען זיך דערוויסן,
צי שמעקט דערינען ניט קיין שפּיצל, קיין געפאר,
צי וויל דאָ עמעצער ניט שטעלן מיך צום נאר?..
און איידער וואָס און ווען,
און איידער זיך געכאפּט —
האָט א קאפּקאַן דעם טכויר געטאָן א פּאַק
און אפן אָרט, גלייַך ווי מיט צוועקעס,
צוגעקלאפּט.

— הייַנט זעסטו שוין, מיַין ליבער פרייַנט, —
רופט אָן דער פוקס זיך צו דעם טכויר, —
וואָס שייַעך נאָז, ביסטו געווען גערעכט:
א נאָז א גוטע איז טאקע גאָרניט שלעכט,
נאָר צו דערצו, ווען דו וואָלסט סייכל אויך געהאט,
זאָל מיר דאָס צוקומען, וואָס דיר וואָלט עס געשאדט.

1938

דאָס גלעקל

דעם אָקס האָט מען אָנגעטאָן
אפן האלדז א גלעקל,
די גרייס ווי א ניסל,
א גאָרניט, א ברעקל.
און מע וואָלט פון דעם רעדן
אפילע ניט דארפן,
ווען עס נעמט ניט דאָס גלעקל
דאָס ציַנגעלע שארפן:
טילי־טילי־דאַן!
טילי־טילי־דאַן!
סאַראַ שטים בא מיר פאראן!
ניט אומזיסט
האָט מען נעכטן געוואָלט
באַצאָלן פאר מיר
א זעקל מיט גאָלד!
וואָס זאָג איך א זעקל!
א פעסל — און עפּשער נאָך מיין!..
נאָר ס'הייבט גאָר ניט אָנעט
דאָס גלעקל פארשטיין,
אז ווען עס זאָל ניט הענגען
באַם אָקס אפן קארק,
קאָסט עס א זעקסער
אפן טייַערסטן מארק.

פונעם ליטעראַטור-אוצער

יויסעף אַפּאַטאַשו

פונעם בוך „קלאַסנקאַמף”

סאָציאַלע אומרעכט אָדער ליבע?

דער שרײַבער פאַביאַן האָט געשפּרײַזט איבער דער צווייטער עוועניו. א פראָסטיקער ווינט האָט זיך פארקליבן אונטער די פּאָלעס פון זײַן אָפּגעשאָסענעם מאַנטל, געפּאַטשט איבער די אויסגעבויגענע קאַפּעליוש־ראַנדן, געשמיסן ס׳פּאָנעם. פאַביאַן איז געווען טרויעריק. אין דער רעדאַקציע האָט מען זיך געוואָרפן מיט זײַנע דערציילונגען, אים געזאָגט:

— אין לאַנד איז א קריזיס, מענטשן הונגערן, און איר שרײַבט אלץ וועגן ליבע.

בא פאַביאַנען איז שטענדיק געווען א קריזיס, שוין יאָרן, ווי ער האָט צוגעהונגערט, טאָ ווי איז עס טאַקע געקומען, וואָס ער האָט נישט געשריבן וועגן סאָציאַלער אומרעכט, נאָר וועגן ליבע?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער קליינער פּאַרק, ווו דער שטײַפער נאָוועמבער איז קאַלטער געווען, האָט איבערגעריסן די גרויקײַט פון די עוועניוס, פון די אָפּגעבליאַקעוועטע מויערן. דער ווינט האָט דאָ געקניפּט, געריסן, געטריבן מיט א קלימפּער די אויסגעטריקנטע בלעטער, זיך גע־פּלאָנטערט און געהוילט צווישן די נאַקעטעביימער.

ס׳איז געווען א זומער — ביימער זאַפטיקע האָבן זיך געצונדן אין גרין — און איצט זײַנען זיי געשטאַנען נאַקעט, האָבן געציטערט. די ביימער, דאָס פּאַרוויאַנעטע גראָז האָבן געטראָגן אין זיך, צווישן רוישיקע גאַסן און עוועניוס, דעם שטילן נאָוועמבער־טרויער פון פעלד און וואַלד, געטראָגן דאָס געדודער פון פאַרדעכטיקע פאַרשוינען, וואָס זײַנען אָנגעקומען מיטן ווינטער אין שטאָט ארײַן.

פאַביאַן האָט אופגעשטעלט דעם קאָלנער פון מאַנטל און זיך צוגעזעצט.

מענער אין אָפּגעשאָסענע פּראַקן מיט ווײַבערשע שיך, פּרויען אין פאַרפּוצטע היטן מיט מע־נערשע שיך, די נעז פאַרפלאַמט, די באַקן צוגעלעגן, ווי בא טויטע. די מענער האָבן זיך געשאַרט ארום די פּרויען, געוואָלט אויסנעמען, און די פאַרפלאַמטע „דאַמען” זײַנען איבערגעגאַנגען פון איין „קאַוואַלער” צום צווייטן. די „דאַמען” האָבן נישט איבערגעקליבן, צי באַם „קאַוואַלער” איז די נאָז אויסגעזעצט מיט ווײַנפּערלעך, צי אַפן פּלאַץ פון א נאָז הענגט גאָר א שוואַרץ פאַרטעכל.

צווישן די פּאָרלעך האָט זיך געשאַרט א פאַרזעעניש. דער קאָפּ צווישן די פּיס, דער כוט־האַשעדרע אופגעטורעמט. דאָס פאַרזעעניש האָט גערעדט מיט א פאַרשטיקט קאָל, ווי עס וואָלט געקומען פון דער ערד ארויס:

— זינדיקט, זינדיקט, גאָט וועט אײַך אזוי צעדרייען, אז מע וועט אײַך מוזן פירן אַף שטופּ־וועגעלעך.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט, אפילע זיך נישט אומגעקוקט אַף אים. דער אָנלויף איז, אפּאָנעם, געווינט געווען צו די קלאָלעס. דאָס פאַרזעעניש האָט מיט דער נאָז דערשמעקט א פרעמדן. ווי א כײַע, האָט ער א הייב געטאָן דעם קאָפּ, אָנגעשטעלט די אויגן אַף פאַביאַנען, און זײַן קוק איז געווען בלויז ביטל:

— ווער דאַרף דיך דאָ?

— כ׳שטער דען עמעצן? — האָט פּאַביאַן זיך אַ רוק געטאָן, ווי ער וואָלט געמאַכט פּלאַץ לעבן זיך, באַלד כאַראָטע געהאַט און זיך צעשריִען אַפן פּאַרזע־עניש. — און ווער דאַרף דיך דאָ?

— זיי, די מערדער, — האָט ער געוויזן מיט אַן אויסגעטריקנט הענטל אַף די פּאָרלעך, — אַפילע דו, פרעמדער, אַלע דאַרפן מיך... כ׳בין ס׳געוויסן, דעם מענטשס געוויסן בין איך! איך האָב געזינדיקט, טראָג איך די שטראָף אַף מײַנע פּלייצעס! ווי אַ שילד שלעפּ איך די שטראָף איבער די גאַסן, ווי קאַינס צייכן: לייענט, מענטשן, און זינדיקט נישט מער!

— וואָס האָט איר געזינדיקט? — האָט פּאַביאַן זיך געכאַפּט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ געריירטן.

— כ׳האָב דערהאַרגעט אַ מענטש, — האָט ס׳פּאַרזעניש זיך צוגעזעצט, און זײַן קאָפּ איז נאָך טיפער אַרײַן צווישן די פּיס.

— און איר געפינט זיך אַף דער פרײַ?

— דאָס איז מײַן גרעסטע שטראָף, ווײַל קיינער גלייבט מיר נישט, קיינער... נישט די כאַווייֵרים מײַנע, נישט פּאָליציי... דער מענטש איז נאַריש, גלייבט נאָר די אויגן זײַנע, וויל זען דעם געהאַרגעטן, און די אויגן, באַם מענטש, זײַנען קורצזיכטיק, זעען נישט...

— פאַרוואָס האָט איר אים דערהאַרגעט?

— מײַקן?

— יאָ?

— מײַק איז מיר געווען נעענטער ווי אַ ברודער, נעענטער ווי אַ פאָטער. מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט געשיידט, דרײַסיק יאָר זײַנען מיר געווען צוזאַמען. געגעסן האָבן מיר פון איין שיסל, געטרונקען פון איין גלאָז, געשלאָפן אין זעלבן בעט און געהאַט איין בײַטל. מײַק האָט פײַנט געהאַט ווײַבער, נישט געקאָנט אַף זיי קוקן. און מיטאַמאָל האָט זיך אונטערגערוקט אַ „דאַמע", מיר גענומען פאַרדרייען דעם קאָפּ. מײַק איז געלעגן באַ מײַנע פּיס. ער האָט מיר די הענט געקושט, זיך געבעטן, כ׳זאָל אַרויסיאָגן די „דאַמע". און זי, די צויג, איז שוין געזעסן אין מיר, אין מײַן זינדיק בלוט, האָט מיך געשלעפּט צו אירע כאַווערטעס. ס׳צימער, ווו מיר האָבן געוווינט, איז געוואָרן אַ געגנעם. ער, דער זעקספּוסיקער מײַק, האָט זיך מער נישט געבעטן באַ מיר, ער האָט געפּאָדערט, געסטראַשעט, האָט אַראָפּגעוואָרפן די „דאַמע" פון אַלע טרעפּ. אַ וואָרט צו אַ וואָרט, און ס׳צימער איז פול געוואָרן מיט קלעפּ. נאָך יעדן געשלעג פלעג איך פאַרפאַלן ווערן אַף וואָכן, אַף כאָדאָשים. מײַק איז מיר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן — דרײַסיק יאָר געגעסן פון איין שיסל, געטרונקען פון איין גלאָז. ער האָט זיך געבעטן באַ מיר:

יוסעף אָפּאַטאָשו (1886—1954) איז געווען אַ קינסטלער פון אַ ברייטן היסטאָרישן דיאַפּאַזאָן. אין זײַן רײַכער ליטעראַרישער יערושע איז אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון די יידן אין דער הײַנטצײַטיקער עפּאָכע, די יידישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען (דער כאַסידיזם, די האַסקאָלע) און די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אין פּוילן און אין מײַרעוו־אייראָפּע אין 19־טן יאָרהונדערט (די באַוווסטע טרילאָגיע „אין פּוילישע וועלדער", „1863", „אַליין"), דאָס לעבן פון די יידן אין מיטלאַלטער („אַ טאָג אין רעגענסבורג", „עליִאָהו באָכער") און, ענדלעך, דאָס לעבן און דער קאַמף פון די יידן אין אַלטערטום (די היסטאָרישע ראָמאַנען אונטערן נאָמען „דער לעצטער אופשטאַנד": 1. „ר׳ אקיווע" און 2. „באַר־קאָכבע"). לויט דער ברייטקײַט פון דער קינסטלערישער פּאַרקערפּערונג פון דער היסטאָרישער טעמע פאַרנעמט אָפּאַטאָשו דאָס ערשטע אָרט אין דער נײַער יידישער ליטעראַטור, באַנאַנד מיט שאָלעם אַשן.

אָבער אָפּאַטאָשו אַלס מײַסטער פון קלאַסישע קינסטלערישע ווערק אַנטפּלעקט זיך ניט בלויז און אַפילע ניט דעריקער אין די ראָמאַנען וועגן דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהײַט. נאָך שטאַרקער און בוילעטער זײַנען די ברייטע בילדער אין זײַנע ראָמאַנען, דערציילונגען און נאָוועלן וועגן דעם הײַנטצײַטיקן סאָציאַלן לעבן פון די יידן, הויפּטזאַכלעך אין אַמעריקע („אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גאַנעוו", „פון ניו־יאָרקער געטאָ", „אונטערוועלט", „ראַסע", „לינטשערײַ" און אַנד.). אין אָט די ווערק טרעט אָפּאַטאָשו אַרויס ווי אַ שאַרפער קריטיקער פון דער בורזשואַזער אָרדענונג, וועלכער אַנטפּלעקט מיט אַ גרויסער קינסטלערישער קראַפט די נויט און די אָרעמקײַט פון די

— מײַק, זיי, די ווײַבער, וועלן דיך ארומבײַסן ווי אן עפּל, און ס׳האַרץ דײַנס וועלן זיי אויסשפּײַען אין רינשטאָק ארײַן.

און אונטערגעקומען מיט זײַנע טײַנעס איז ער פּונקט דעמלט, ווען איך בין געזעסן מיט מײַן „דאמע". ער איז נישט אָפּגעשטאנען, האָט געמאָנט, ווי א הונגעריקע קאַץ, וואָס רײַבט זיך ארום דײַנע פיס. כ׳האָב אים דערהארגעט. נישטאָ מער קיין מײַק. דער זעקספּוסיקער מײַק ליגט ערגעץ אין דר׳ערד, און אָף גאָטס זינדיקער וועלט דאָ, לעבן דיר, פרעמדער, זיצט א צונויפגעדרייטער, אן ארומגעביסענער מײַק, א מערדער, וואָס ס׳לעבן האָט אויסגעשפּיגן!

פאביאַן האָט זיך געכידעשט, וואָס דער „טרעמפּ" ווערט נאָך אלץ מיטגעריסן מיט דער אייגענער מײַסע, וואָס ער האָט שוין דערציילט און איבערדערציילט הונדערטער מאָל. אין רעדן האָט ס׳פּאָנעם זיך בא אים געביטן. דאָס מיִעסקײַט האָט זיך באהאלטן אין די קנייטשן פון די באקן, און די אויגן זײַנען פול געוואָרן מיט טרויער. פאביאַן האָט אים געפרעגט:

— איז מײַק שוין לאנג טויט?

— יאָרן.

— און ווי הייסט איר?

— אויך מײַק.

— און אײַער כאווער?

— מײַק דער זעקספּוסיקער! ער לעבט נישט מער. איך האָב אים דערהארגעט, און קיינער גלייבט מיר נישט, קיינער, אפילע די פּאָליציי נישט... שלעפּ איך די שווערע זינד, ווי א שילד, ווי קאִינס א צייכן...

מיטאמאָל האָט ס׳פארזעעניש געביטן ס׳קאָל. די מיִעסקײַט האָט זיך ווידער באם „טרעמפּ" צעלייגט אונטער די אויגן, וואָס האָבן זיך געלאָשן. פאביאַן האָט אופּגעציטערט און זיך איבער־געפרעגט:

— וואָס, ס׳הונגערט אײַך?

— כ׳האָב נאָך הײַנט נישט געגעסן.

דאָס פארזעעניש האָט א כאַפּ געטאָן די צען סענט, וואָס פאביאַן האָט אים געגעבן, און האָט זיך גענומען אוועקשאַרן. זײַנע שווערע צעפּאָרענע שיך, וואָס האָבן זיך דערווײַטערט, האָבן געקלאפּט איבערן קאָנקריט, ווי דאָס אויסגראָבן פון א גרוב.

צווישן די שטארע ביימער האָט זיך צעוויגט א קלויסטער־גלאָק. די פּאָרלעך האָבן זיך א הייב געטאָן, זיך א לאָז געטאָן צום „מישאָן"־הויז, ווו מע האָט זיי יעדן פארנאכט געטיילט צווישן פּסוקים פון נײַעם טעסטאמענט אויך ברויט מיט קאווע.

פאביאַן האָט געקוקט אפן פּלאַץ, ווו עס האָט זיך נאָרוואָס געטומלט. ער האָט פּאָר זיך געזען א פארזעעניש מיט אן אָפענער קעל, וואָס האָט די אלע מײַקס ארומגעביסן, ארומגע־גריזשעט און אויסגעשפּיגן, ווי מע שפּײַט אויס אָנגעשוואָלענע פּאַפּיראָסן־שטאָפּסלען, וואָס האלטן באם אויסגיין. דער פּאָרדראָס אין פאביאַנען איז געוואָקסן: מײַק, הונגער, ליבע, מערדער — איז וואָס איז עס? סאָציִאלע אומרעכט, צי ליבע?

1930

מאסן, זייער קאמף קעגן אונטערדריקונג און עקספּלואטאציע. און אויב אפילע די סאָציִאלע קריטיק אין אָפּאטאָשוס ווערק איז ניט שטענדיק קאָנסעקווענט און איז אָפט דורכגעדרונגען מיט אידייִשע ווידערשפּרוכן, ווערט זי דאָך ניט אָן איר באַדײַטונג, אָף וויפל די ווערק העלפן מיט דעם ארבעטנדיקן פאָלקסמענטש זיך צו פארטראכטן איבער זײַן לאגע און זוכן אן אויסוועג צו א בעסער לעבן.

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט שטארק געווירקט אָף דער אידייִשער און קינסטלערישער עוואָליוציע פון יויסעף אָפּאטאָשוס שאפונג און האָט אים מיטגעהאָלפן זיך פאנאנדערקלײַבן אין דער נײַער היסטאָרישער סיטואציע. דאָס איז צו זען פון די נאָוועלן, וועלכע ווערן דאָ פּובליקירט. דער שרײַבער דעקט אוף די שווערע סאָציִאלע לעבנס־באדינגונגען פון די ארבעטער אין אמעריקע און די שוידערלעכע ראסיסטישע פארפאָלגונגען פון די נעגערס. עס הערט זיך אין אָט די נאָוועלן דער אָפּקלאנג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע און עס פילן זיך די שווערע פאָלגן פונעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קריזיס, וואָס האָט ארומגעכאפּט די גאנצע קאפּיטאליסטישע וועלט, און אין דער ערשטער ריי די מעכטיקסטע ציטאדעל פונעם קאפּיטאליזם — די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע אין סאָף צוואנציקער און אין אָנהייב דרײַסיקער יאָרן.

צו יענער צײַט געהערט אויך אָפּאטאָשוס באזוך אין ראטנפארבאנד. דער שרײַבער איז בײַגעווען אָף דער ערשטער אלפארבאנדישער בעראטונג פון די יִדישע סאָוועטישע שרײַבער אין מאָסקווע, ער האָט געהאט א מעגלעכקײַט צו זען מיט די אייגענע אויגן דעם אופּבלי פון דער יִדישער ליטעראטור אין אונדזער לאנד, און דאָס האָט נאָך מער פארשטארקט די פּראָגרעסיווע אידייִשע טענדענצן פון זײַן שאפונג.

נעגערס

אין פענצטער, ווו א העלפט שויבן זײַנען געווען פארקלאפט מיט ברעטלעך, איז געשטאנען א פארכאלעשטע לעוואָנע. א טויט ליכט איז געפאלן פרעדן, דעם אכטיאָריקן נעגערל, אין די אויגן, אים אײַנגערוימט, אז ס'הויז ברענט, אז מע פירט טאטע־מאמע הענגען.

ס'ייִנגל האָט זיך א ריס געטאָן פון שלאָף, זיך אופגעזעצט. ער האָט זיך א ווײַל אײַנגעהערט, און זײַן צעפינטלטער בליק האָט גענומען נישטערן אין דער פינצטער. די שטוב איז פול געווען מיט גרילצן, מיט שנאָרכן, גלײַך מע וואָלט ברעטער געזעגט. פרעד האָט אָפגעזיפצט, שווער און קלאָגעדיק, ווי א זאָקן, און איז געבליבן זיצן אפן געלעגער.

קעגניבער אין טאָפלטן בעט איז געשלאָפן דער פאָטער אָף די פלייצעס. די הענט צעשפרייט, איין פוס אונטערגעהויבן, און דער גרויסער קאָפ איז נאכלעסיק געלעגן אָף דער ברוסט. דער פאָטער האָט קימאט פארנומען ס'גאנצע בעט, פארשטעלט די מוטער און די צוויי קליינע שוועסטערלעך, דייזין און קיטין, וואָס זײַנען געלעגן בא דער וואנט.

אין דער פינצטער האָט דער פאָטער אויסגעזען ווי א טויטער, ווי דער שאָכן דזשים, וואָס די „ווײַסע″ האָבן דורכגעלעכערט ווי א זיפ. פונקט אזוי איז דזשים געלעגן אינמיטן גאס. דער רעכטער פוס, א שטײַפער, איז געווען פאריסן, גלײַך דזשים וואָלט זיך אָף עמעצן פארמאָסטן.

זינט מע האָט געפונען דעם פערמער סמיט א דערשאָסענעם, האָבן די „ווײַסע″ שוין דערהארגעט צוויי נעגערס. זיי, די „ווײַסע″, בונטעווען זיך נאָך אלץ, סטראשען אוועקצולאָזן דעם גאנצן נעגערישן יִשעוו מיט פײַער, אויב מע וועט זיי ניט ארויסגעבן דעם מערדער.

און פרעד האָט פײַנט געהאט „ווײַסע″. ער האָט זיי געווונטשן דעם טויט, געכאָלעמט צו ווערן א „ספוק″, וואָס קאָן ארײַן אין יעדער שטוב דורך א שפעלטל, דורך א שפארע, קאָן זיך אוועקזעצן אָף א וואנט און קיינער זעט אים נישט. און אז פרעד וועט ווערן א „ספוק″, וועט ער מיטן פאָטערס גאָלמעסער, א ברייט, שארף מעסער, איבערשנײַדן אלע „ווײַסע″ די העלדזער.

פרעד האָט זיך אײַנגעוויקלט אין דער קאָלדרע, אָנגערירט מיט די קני די גאָמבע, און געהערט, ווי אונטערן בעט שארט א מײַזל מיט א לאפקע, געהערט, ווי איבער דער קאָלדרע ציט זיך די קאַץ, קראצט מיט די נעגל. אין שטוב איז מיטאמאָל פינצטער געוואָרן. אויס בעט, אויס פאָטער. ס'האָט זיך געטראָגן א הייזעריק כראָפען. דער פאָטער האָט געפלאָכטן און געדרייט מיט דער נאָז און מיטן האלדז דיקע שטריק, די מוטער — דינערע, און די צוויי שוועסטערלעך האָט פרעד אינגאנצן נישט געהערט.

ס'ייִנגל האָט ניט געקאָנט אײַנליגן. ער האָט זיך קריק אופגעזעצט. פון הויף האָט זיך געטראָגן דאָס סאָפען פון כאזער, וואָס האָט זיך געריבן אין די ווענטלעך פון שטאל. פרינץ האָט זיך אויסגעצויגן אָף דער קייט, פאריסן זײַן הונגעריקע מאָרדע און שטיל געהוילט, מיט א צעצויגן בילערײַ, אָף דער לעוואָנע, וואָס האָט זיך געהאלטן אין זעצן.

דאָס בילערײַ איז געוואָרן שטארקער, בייזער. אן אווטאָמאָביל איז פארפאָרן, און די צוויי שײַן־וואָרפערס האָבן פרעדן פארבלענדט די אויגן.

ס'ייִנגל איז אראָפ פון בעט, גענומען וועקן דעם פאָטער:

— טאטע, טא־טע!

— וואָס איז? — האָט דער פאָטער געפרעגט און איז ווײַטער געשלאָפן.

— א מאשין האָט זיך אָפגעשטעלט בא אונדזער הויז, — האָט פרעד געטאָרקעט דעם פאָטער, — „ווײַסע″ זײַנען אָנגעפאלן.

בא דעם וואָרט „ווײַסע″ האָט דאָס געלעגער אונטערן נעגער זיך אזש צעשריִען, ווי ער וואָלט עפעס מיטגעריסן פון בעט. ער האָט געזוכט אין דער פינצטער די הויזן, ס'העמד, שטיל געדעדט צום ווײַב, צו פרעדן:

— איר הערט? קיין איבעריק וואָרט, קיין פיפס. כ'בין אין שטאָט, און פארטיק. און אז זיי וועלן אוועק, פרעד, זאָלסטו מיך א זוך טאָן צווישן די בושעס באם טאבאק־פעלד.

דער נעגער האָט לײַכט געעפנט ס'פענצטער, וואָס איז ארויס אין הויף ארײַן, זיך געצויגן מיט באָרוועסע פיס ווי א קאָטער, און אז ער נישט געוואָרן צווישן די שטאלן און דעם בארג מיסט, האָט ס'הערצל בא פרעדן זיך געהויבן פון פרייד. ער האָט קיין צײַט נישט געהאט צו פארמאכן דאָס פענצטער, ווי מע האָט אָנגעקלאפט אין דער טיר:

— עפנט! עפנט די טיר!

די נעגערטע איז אראָפ אין העמד, זיך געטרייסלט אינגאנצן, געגאנגען עפענען די טיר. פרעד האָט אָנגעכאפט די מוטער פאר א האנט:

— גיי נישט, מאמע! זיי וועלן אונדז דערשיסן! די ווײַסע בעסטיעס וועלן אונדז דערשיסן!

— האָב נישט מוירע, פּרעד, — האָט די מוטער אין אײַלעניש אַריבערגעוואָרפן אַף זיך אַ קלייד אַף דער לינקער זײַט, — מע וועט אונדז נישט שיסן.

— פאַרוואָס האָבן זיי דערשאָסן דזשימין? — האָט ס'יינגל זיך אײַנגעקלעפּט אין דער מוטער. — כ'בעט דיך, מאַמע, עפן נישט!

— אַז כ'וועל נישט עפענען, קינד מײַנס, — האָט די מוטער זיך געבעטן באַם ייִנגל, — וועלן זיי אופרײַסן די טיר, צי גאָר אונטערצינדן. קינדער און מאַמעס טשעפּען זיי נישט.

דאָס קלאַפּן האָט זיך געטראָגן פון דער טיר, פון פענצטער:

— עפנט! איר עפנט?

— אָט עפן איך! — האָט די נעגערטע מיט ציטערנדיקע הענט אופגערוקט דאָס ריגל.

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן די רער פון איין ביקס, פון אַ צווייטער, דערנאָך זײַנען אויסגעוואַקסן דרײַ פּאַרשוין. איינער איז געבליבן שטיין באַ דער טיר. צווײ, אַ נידעריקער און אַ העכערער, זײַנען אַרײַן אינעווייניק.

— ווו איז דײַן נעגער? — האָט דער נידעריקער געפרעגט.

— אין שטאָט, סער, — האָבן פון שרעק באַ דער נעגערטע געגומען קלאַפּן די ציין.

— ס'איז אַ ליגן, נעגערטע, — האָט דער העכערער געשיקט די ביקס אַף אַפּריִער, געזוכט דעם נעגער אין בעט, אונטערן בעט, אין דעם פּירעקיקן קאַסטן, ווו האָלץ איז געלעגן, — זאָג, ווו האָסטו באַהאַלטן, דעם נעגער?

— אַז איר גלייבט נישט קיין נעגערטע. אַ נעגערטע איז ניט באַגלייבט, — איז ס'קאָל באַ פּרעדס מאַמע געוואָרן דין, זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין. — אומזיסט אײַער זוכן. מײַן מאַן איז נעכטן אוועק אין שטאָט אַרײַן און איז נאָך נישט קריק געקומען.

— וואָס טוט ער אַזוי לאַנג אין שטאָט, דער מאַן דײַנער? ער באַהאַלט זיך אויס! מיר ווייסן, ס'איז מער קיין סאָד נישט, אַז דײַן מאַן האָט דערהאַרגעט דעם פּערמער סמיט.

— נישט מײַן מאַן. גאָט איז אַן איידעס, אַז נישט מײַן מאַן!

— ווער דען?

— כ'ווייס נישט, סער.

— וואָס רעדסטו אַזוי לאַנג מיט דער פאַרשאָלטענער? — האָט דער נידעריקער פּאַרשוין אַ זאָג געטאָן צום העכערן. — פאַרוואַרף איר אַ שטריק אַפן האַלדז, וועט זי שוין אַלץ אויסזאָגן! מיט גוטן וועסטו פון אַ נעגערטע גאָרנישט אַרויסקריגן!

פון די קוילעס האָט זיך די דרײַיאָריקע קיטי אופגעכאַפּט. זי האָט זיך געריבן די אויגן, און אירע צוויי צעפּלעך האָבן זיך אוועקגעשטעלט אינמיטן קאָפּ, ווי הערנערלעך. די צווייייאָריקע דייזי האָט זיך אויך איבערגעוואָרפן, אוןביידע קינדער האָבן זיך געריסן צו דער מוטער, געוויינט:

— מאַ־אַ!

— מע דאַרף אַ זוך טאָן אַפן הויף, — האָט דער העכערער אַ זאָג געטאָן.

— נעם זי מיט, די צויג.

— נו, נעגערטע, געגאַנגען! — האָט דער נידעריקער געוויזן אַף דער אָפענער טיר.

די נעגערטע האָט אַ כאַפּ געטאָן די צווייייאָריקע דייזי, וואָס איז געזעסן אין בעט און האָט געוויינט. קיטי האָט אײַנגעגראָבן ס'קעפּל צווישן דער מוטערס פּיס, געכליפּעט:

— גיי נישט, מאַמע, גיי נישט!

פּרעד, מיט פּאַרקוועטשטע פויסטן, מיט פּאַרקוועטשטע ליפּן, האָט זיך געשטיקט מיט די טרערן, וואָס זײַנען אים געשטאַנען אין האַלדז. ווען גאָט הערט זיך צו אים איצט צו, מאַכט אים פּאַר אַ „ספּוק“, וואָלט ער מיטן טאַטנס גאָלמעסער איבערגעשניטן די דרײַ ווײַסע בעסטיעס די העלדזער.

— ס'קליינוואַרג לאָז איבער אין שטוב, — האָט דער העכערער אַ נעם געטאָן די נעגערטע פּאַר אַ האַנט, — קום, וועסט אונדז ווײַזן, ווו דײַן מאַן באַהאַלט זיך!

— כ'ווייס נישט, כ'שווער באַ גאָט, אַז כ'ווייס נישט. — און איידער די נעגערטע האָט זיך געוואָלט אַ וואָרף טאָן די „ווײַסע“ צו די פּיס, איז זי שוין געשטאַנען אין דער אָפענער טיר, און אירע וועררטער זײַנען געקומען פון הויף:

— שטיל אײַן די קינדער, פּרעד!

פּרעד איז צוגעוואַקסן צו אַ שטיקל שויב, נישט געהערט, ווי די קינדער וויינען. ער האָט געזען, ווי די פּרעמדע שרײַען אַף דער מוטער, שיקן זי אַף אַפּריִער, זוכן אין די שטאַלן, אינעם באַרג מיסט. דער הונט רײַסט זיך פון דער קייט מיט אַ בילערײַ, שרײַט איבער דעם אויטאָמאָביל־מאָטאָר, וואָס סאָפּעט די גאַנצע צײַט. פּרעד האָט פעסט געהאַלטן דעם פאָטערס גאָלמעסער, שטיל געמורמלט:

— פרינץ, פרינץ, צערײַס די װײַסע בעסטיעס! צערײַס זײ!

דער נידעריקער פּאַרשױן האָט אָן עפּן געטאָן דעם כאַזער־שטאַל, אַרײַנגעשטופּט די נײַגערטע און אַרופֿגעלייגט אַף דער טיר אַ שלאָס. אַלע דרײַ זײַנען אַרײַן אין דעם אױטאָמאָביל און פֿאַרשװוּנדן.

פּרעד איז אַרױס פֿון שטוב, אָפּגעלאָזט דעם הונט פֿון דער קייט, און ביידע האָבן זיך אַ װאָרף געטאָן צום שטאַל:

— מאַ! מאַ־מע!

— װאָס, זונדעלע?

— זײ האָבן דיר עפּעס געטאָן?

— ניין, קינד מײַנס.

— װאַרט, מאַמע, כ׳װעל נאָר אָפּרײַסן אַ ברעט. װעסטו אַרױס.

פּרעד האָט זיך לאַנג געפּאָרעט. ער האָט געקלאַפּט מיט אַ האַמער, געריסן מיט אַ צװאַנג, און אַז ס׳ברעט האָט נאָכגעלאָזט, איז פֿריִער אַרױס אַן אױסגעשמירטער כאַזער, דערנאָך די מוטער. אַ פֿאַרװיינטע האָט די מוטער אַ כאַפּ געטאָן פּרעדן, אים שטיל אַ זאָג געטאָן: „גײ זאָג דעם טאַטן, אַז זײ זײַנען שױן אַװעק״ — און אַלײן האָט זי מיטן הונט זיך גענומען יאָגן נאָכן כאַזער, װאָס איז אַרױס פֿון הױף.

1928

אַ דעמאָנסטראַציע

אַ גאַנצן פֿרימאָרגן האָט בערל מוליער זיך געגרייט צו דער דעמאָנסטראַציע. ער האָט געשפּרײַזט הין און צוריק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אױסגעמאָסטן די גרױסע קיך מיט דרײַ־פֿיר שפּאַן און װי ער האָט זיך נישט אױעקגעשטעלט, האָט ס׳בלױזע געשטעל זײַנס פֿאַרנומען אַ דריטל קיך.

בערל האָט געגלײבט, אַז ס׳איז גענוג, די ניו־יאָרקער פֿאַבריקן און שעפּער זאָל זיך אָפּשטעלן, די אַרבעטער אין די צענדליקער טױזנט, אין די הונדערטער טױזנט זאָלן אַװעק צום סיטי־האָל מיט אַ געשרײ: „מיר װילן אַרבעט! מיר װילן ברױט״ — װעלן זײ קריגן אי אַרבעט, אי ברױט. מע דאַרף בלױז קומען צו די שטאָט־טאַטעס און זײ דערציילן דעם עמעס, דעם גאַנצן עמעס, אַז ניו־יאָרק האָט אַפּילע הײַנט־צו־טאָג אַרבעט פֿאַר צװײ מאָל אַזױפֿיל מענטשן, װיפֿל עס דרייען זיך אַרום ליידיק. און אַז קיינער װעט זיך נישט צוהערן צום געשרײ, דאַרף מען זאָגן אַזױ און אַזױ:

— שטאָט־טאַטעס, אױב איר קענט אונדז ניט פֿאַרזאָרגן מיט אַרבעט, גיט אונדז איבער דעם „דזשאָב״. מיר, אַרבעטער, װעלן אײַך יאָ פֿאַרזאָרגן אי מיט אַרבעט, אי מיט ברױט.

און אַז דער מוליער, אַ פּראָסטער באַלמעלאָכע, װאָס איז געװען װײַט פֿון יעדער פּאַרטײ, איז דורכגעקומען מיט זיך אַלײן, האָט ער זיך געזעצט איבער אַ האַרטן פּאַפּיר־טאָװל, גענומען קסיװענען שװאַרצע אױסיעס, צוגעגרייט אַ פּלאַקאַט, װאָס ער װעט טראָגן אַף דער דעמאָנסטראַציע.

שױן זעקס כאָדאָשים, װי בערל מוליער אַרבעט אינגאַנצן נישט. פֿריִער פֿלעגט ער נאָך אַרײַנכאַפּן יעדע װאָך אַ צװײ, דרײַ טעג אַרבעט און האָט זיך װי־עס־איז דורכגעשטופּט. צײַט אָבער מע האָט אָפּגעשטעלט ס׳בױען, האָט ער נישט בלױז פֿאַרצערט יעדן אָפּגעשפּאָרטן סענט, נאָר ער איז נאָך געבליבן אַ באַלכױװ. ער האָט זיך פֿאַרשולדיקט אין שפּײַז־געװעלב, באַם קאַצעװ, קען זיך ניט װײַזן אין גאַס.

פֿאַר די פֿינף און צװאַנציק יאָר, װאָס בערל איז אין לאַנד, האָט ער מיט זײַנע אײגענע הענט אױסגעבױט אַ שטיק ניו־יאָרק. גײט ער פֿאַרבײַ די שטאָט־ביבליאָטעק אַף צװײ־און־פֿערציקסטער גאַס, די פּאַלאַצן אַף פּאַרק־עװעניו, װוּ עס זײַנען אײַנגעמױערט יאָרן פֿון זײַן לעבן, פֿילט ער, אַז דאָס איז זײַנס, אַז ער איז דער באַלעבאָס. און דער באַלעבאָס האָט ניט מיט װאָס דעם טאָג איבערצוקומען, הונגערט, כאָטש נעם און בײַס אָפּ אַ מירמלשטיינערנעם קאַרניז, אַ שטיק קאַלאָנע פֿון גראַניט. און נישט נאָר ער, בערל, דרייט זיך אַרום ליידיק, דער זון זײַנער, פֿישל, אַ שטיינקריצער, אַרבעט שױן אױך כאָדאָשים נישט.

בערל האָט געמאַכט אַ שפּאַלט אין אַ קײַלעכיק דרענגל, אַרײַנגעזעצט דעם פּלאַקאַט, אים צוגעשלאָגן מיט נעגל. ער האָט זיך דורכגעשפּאַצירט מיטן פּלאַקאַט איבער דער קיך, און אים אַרײַנגעשטעלט אין פֿענצטער — לײיענט, שכײנים.

בערלס זון, פישל, איז אַרײַן אין קיך. ער איז געווען הויך און ברייט, ווי דער פֿאָטער. ס׳יונגע פּאָנעם איז פֿול געווען מיט שמייכל.

— צײַט צו גיין, טאַטע.

— זון מײַנער, — איז די מוטער, א הויכע, ביינערדיקע ייִדענע, אויסגעוואַקסן, — לאָז דעם טאַטן צורו... צו אַלע גליקן פּעלט אים נאָך א קלאַפּ... גיי דיר געזונטערהייט אַליין...

— איך שלעפּ אים נישט, מאַמע, — האָבן די אויגן, די ליפּן, ס׳גאַנצע פּאָנעם געלאַכט בא פישלען, — זעסט, דער טאַטע האָט אַפילע צוגעגרייט א פּלאַקאַט.

— ער איז נישט באַם זינען, דער טאַטע דײַנער, — האָט די מוטער א לאַך געטאָן און זיך אויסגעדרייט צום מאַן, — ווערסט זיך טאַקע אוועקלאָזן מיט אַזא סימכעסטוירע־פּאָן איבער די גאַסן? פאַרגעסט, אַז דו ביסט שוין א ייִד א פּופציקער, ניט עפּעס א ייִנגל, א סאָציאַליסט!

— האָב ניט קיין יעסורים, לייע, — האָט בערל געשמייכלט, — אויב מיר, אַרבעטסלײַט, זאָלן נישט גיין אויף דער דעמאָנסטראַציע, ווער דען וועט גיין? עפּשער ראָקפעלער, צי גאָר מאָרגאַן? גוט־בײַ, לייע, גוט־בײַ!

— לאָז כאָטש איבער א פּאָר סענט.

— דאָס, זעסטו, יאָ, — האָט בערל אַרויסגעשלעפּט א האַלבן דאָלאַר. — דאָס איז מײַן גאַנץ פאַרמעגן, נעם דיר פערציק סענט און גיב מיר צען.

ער האָט אײַנגעוויקלט דעם פּלאַקאַט אין א פּאַפּיר און זיך געלאָזט צו דער טיר. דער זון נאָך אים.

— מאַנצבילן מײַנע, קריכט נישט ווו מע דאַרף נישט! — האָט די מוטער מיט אן אָנגע־שפּאָלטן קאָל נאָכגעשריִען אין דער אָפענער טיר אַרײַן.

טאַטע־זון זײַנען געגאַנגען מיט צווייטער עווענין און האָבן געשוויגן. וואָס נעענטער זיי זײַנען געקומען צו פערצנטער גאַס, אַלץ געדיכטער און ראַשיקער זײַנען געוואָרן די שטראָמען מענטשן, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער די טראָטואַרן, געשניטן צו יוניאָן־סקוועער. דער סקוועער איז געווען שוואַרץ — קעפּ צו קעפּ, קעפּ איבער קעפּ, אין טויזנטער, אין צען־טויזנטער. די גאָרנדיקע הײַזער אַרום סקוועער האָבן אויסגעזען קלענער. די מאַשין־ביקסן אויף די דעכער, מענטשן אין די אָפענע פענצטער, פּאָליציאַנטן אויף פערד, אויף מאָטאָציקלען, צופוס, — ווער האָט זיי אַלעמען באַמערקט, ווען דער ריזיקער סקוועער איז נישט געוואָרן, האָט זיך באַהאַלטן אונטער די הונדערט טויזנט פּיס. און אַזויפיל טויזנטער אויגן האָבן געקוקט אַרויף צו די הילצערנע געלענדערס, ווו רעדנער מיט פאַרקוועטשטע פויסטן האָבן געוועקט, געמינטערט, אַרײַנגע־גאָסן א נײַע נעשאָמע. מיטאַמאָל האָט א פאַרשטיקט געזאַנג זיך געגומען רײַסן העכער און העכער:

שטייט אויף, איר אַלע, וועלכע ווי שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוזן און נויט...

דער סקוועער האָט אופגעציטערט, זיך צעוויגט.

איבער בערל מוליערס כוט־האַשעדרע האָבן זיך גענומען בלעזלען הייסע טראָפּנס, זיך דורכגעטראָגן איבערן גאַנצן גוף, און ער האָט א הייב געטאָן זײַן פּלאַקאַט. דער פופציקיאָריקער בערל האָט פאַרגעסן אָן זון, אָן דער היים. ער איז אַרײַן מיט די עלנבויגנס אַלץ טיפער אינעם האַמוין, געוואָרן איינס מיט די מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם סקוועער, און אַליין אָן ווערטער גענומען זינגען. דער ציטער איז בא בערלען אַריבער אין די האָר, געשפּאַרט ס׳היטל פון קאָפּ, גרעסער געמאַכט די אויגן, און זײַנע הענט און פיס האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט שטאָל.

— ס׳זײַנען נישט קראַנק צו בויען א סאָבוויי! — האָט בערל זיך צערעדט. — וועט זײַן אַרבעט!

— און ביליקע קאָאָפּעראַטיווע הײַזער פאַר אַרבעטער זײַנען זיי כוילע צו בויען? — האָט א צווייטער אונטערגעכאַפּט.

— וואָס שטייען מיר?

— טאַקע, וואָס שטייען מיר?

— קומט צום סיטי־האָל!

— צו די שטאָט־טאַטעס!

— מיר ווילן אַרבעט!

— שטעלט אײַך זעקס אין א שורע!

— שטעלט אײַך, כאַוויירים!

— די מיט פענער און פלאַקאַטן אויף אַפּריִער!

א ברייטבייניקער איטאַליענער האָט זיך אַרויסגערוקט מיט אַ רויטער, צעפלויגענער פאָן הינטער אים איז אויסגעוואָקסן בערל מוליער מיט זײַן פּלאַקאַט. דער זעקספּוסיקער בערל האָט אַרויסגעסטאַרטשעט פון צווישן האַמוין, ווי אַ סלופּ, וואָס אַף אים פלאַטערט אין ווינטעלע זיך אַ פאָן.

פון אַלע זײַטן סקווער האָבן מײַלער זיך געעפנט. דאָס געזאַנג האָט קאָנוולנווײַז זיך געריסן אין דער קאַלטער לופט, אַריבערגעוואָקסן די הײַזער, די מאַשין־ביקסן אַף די דעכער, די טורעמס.

...אין הונגער לעבן מוז און נויט!

די פּאָליציאַנטן, וואָס זײַנען געשטאַנען אין זײַטיקע גאַסן, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן, ווער אַף מאָטאָציקלס, ווער אַף פערד, ווער צופוס. פון אַלע זײַטן האָבן זיי זיך גענומען אַרײַנשנײַדן אינעם האַמוין, זיך געגראָבן אין דעם צונויפגעדריקטן, צונויפגעפּרעסטן מענטשן־פלייש, ווי מיט עגבערס.

שטיקערווײַז איז דער סקווער אַרויסגעשווומען פון אונטער די פיס, און אין דעם געדרענג, אין דעם געלויף האָבן מענטשן זיך גענומען דרייען אין אַ ראָד, גיך, גיכער, צונויפגעקנוילט פערד, מענטשן, פענער. אַן איבערגעשראָקענער, אַ דערשלאָגענער האָט דער האַמוין זיך געשפאַרט אַף די טראָטואַרן, זיך געריסן אין די פאַרמאַכטע טירן פון די הײַזער, און די אומגעהאַרישע קוילעס האָבן פאַרטויבט דאָס געזאַנג, וואָס האָט נאָך געציטערט אין דער קאַלטער לופט.

בערל מוליער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער באַק, און די פיס האָבן זיך בא אים צעוויקלט. ס׳איז אים הייס געוואָרן, און אַלץ אַרום האָט זיך צעשאָטן אין פונקען. מע האָט אים פון דער זײַט אָפּגעמאָסטן איבערן אויער מיט אַ פּרענט. ער האָט געזוכט דעם פּלאַקאַט, וואָס האָט זיך געוואַלגערט ניט ווײַט פון אים אַ צעריסענער. און איידער בערל האָט צײַט געהאַט אים אופצוהייבן, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דער סקווער איז ליידיק, אַז ער, בערל, שטייט אײנמיטן סקווער אָן אַ היטל, פון דער באַק „שערגעט״ בלוט, און אַף אים טראָגט זיך אַ פּאָליציאַנט אַף אַ פערד. ס׳פערד רײַסט זיך פון דער רויטער, גלאַנציקער פעל. וואַרפט שטיקער שוים, און די געקאָוועטע פיס קלאַפּן, גייען גאַלאָפּ. בערל פילט שוין אַף זיך דעם שאַרפן פערד־רייעך, זעט, ווי דאָס רויטע פערד שטעלט זיך אַף די הינטערשטע פיס, וועט באַלד אַף אים, אַף בערלען, אַראָפּלאָזן די געקאָוועטע קאָפּעטעס, וועט אים צעקוועטשן, צעברעכן און אוועקשליידערן, ווי דעם פּלאַקאַט, ווי די היטלען, וואָס דער ווינט טרײַבט איבערן ליידיקן סקווער.

אויס בערל מוליער, אויס זון, אויס ווײַב... און די שטאָט־טאַטעס? ער וועט זאָגן דעם עמעס, דעם גאַנצן עמעס, אַזוי און אַזוי...

בערל האָט צעשטעלט די פיס, ווי פאַרפעסטיקטע סלופּעס. ער האָט זיך אַ צי געטאָן אין זײַן גאַנצער הייך, זיך פאַרמאָסטן אַפן רײַטער. דרײַ פּאָר אויגן פאַרלאָפענע אין בלוט האָבן זיך דורכגעקרייצט, דורכגעשטאָכן, און דאָס פערד האָט זיך גענומען רוקן אַף צוריק. דער פּאָליציאַנט האָט זיך אײַנגעביסן מיט די שפּאָרן, ס׳פערד האָט זיך אַ ריס געטאָן. מיט אַ געגריימערײַ, מיט אַ ברומערײַ האָט בערל מוליער אָנגעכאַפּט דעם פערדס פאָדערשטע פיס, זיך געראַנגלט אַ רעגע, צוויי, און אַלע דרײַ זײַנען אַ פאַל געטאָן אין דעם ליידיקן סקווער.

1930

טרויער

דעם גרענד־קאָנקאָרס האָט מען אַזוי צעשניטן, אַזוי צעגראָבן, אַז עס איז אַ כידעש, ווי נאָך די ברייטע גאָרנדיקע הײַזער האַלטן זיך אַף די שמאָלע טראָטואַרן. פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט בײַסן זיך שטאָלענע בויערערס אין דער שטיינערנער ערד, דינאַמיט האַלט אין איין אופרײַסן, טרייסלט שויבן, ווענט, הייב־מאַשינען לאָזן אַראָפּ די פאַרשמירטע נעז, שלעפּן אַרויס מיט אַ פּײַפערײַ, מיט אַ גרעגערײַ די צעשאָסענע שטיינער, און מענטשן, קליינע, פאַרשטויבטע, פאַרזשאַווערטע, פאָרען זיך אַרום די מאַשינען, קריכן איבער פּײַכטע, נאַסע גראָבנס, רעדן פרעמדע לעשוינעס און בויען ניו־יאָרק.

מאָריס ליגט בא זיך אין בעט, האַלט דעם קאָפּ אין אָפענעם פענצטער און קוקט, ווי די נײַע סאָבווי בויט זיך. און אַז ער ווערט מיד, לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ אין קישן, און די אויסגעדאַרטע פיס ליגן אונטערן לײַלעך, ווי פרעמדע, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעטיילט פון גוף. דאָס פּאָנעם — נאָז און אויגן — איז אײַנגעלאָפן, ווי אַ פאַרטריקנטער עסרעג. דאָס גאַנצע ביסל

לעבן האָט זיך פאַרקליבן אים אין די שוואַרצע אויגן, גרויסע טרויעריקע אויגן, וואָס קריכן פון קאָפּ, בעטן אַפילו בא די פיר לײדיקע ווענט ראַכמים.

שוין דאָס צווייטע יאָר, ווי מאָריס זיצט אין שטוב, אַרבעט נישט, און די לעצטע דרײַ כאַדאָשים ליגט ער צו בעט.

עס איז אַ שטיק נאָך מיטיק. אין דעם אָפּענעם פענצטער שטייט אַ שטויביקע היץ, שטייט אַ בויערײַ, וואָס מאַכט אײַליק מאָריסעס לויזע ציין, און אין די שלייפן בא אים טיקן אָדער־לעך. לאַרא, זײַן איינציקע טאָכטער, אַ פּופּצניאַריקע, איז נאָך ניט צוריקגעקומען פון מיטלשול, און דאָס ווײַב זאָגט אים ניט, וווהין זי גייט. שוין דאָס צווייטע יאָר, ווי זי רעדט מיט אים קימאַט נישט, און ער, מאָריס, האָט זי אויפגעהערט צו פרעגן. ער פילט זיך שולדיק, וואָס ער איז קראַנק, וואָס ער פאַרנעמט אַן איבעריקן פּלאַץ אין שטוב, וואָס דאָס ווײַב מוז אַרבעטן פאַר אים, פאַר דער טאָכטער. און וואָס דאָס ווײַב טוט, ווייסט ער נישט, וויל ניט וויסן, אַבי ער האָט אַ רײן געלעגער, אַ דאַך איבערן קאָפּ, און דאָס ווײַב מיט דער טאָכטער גייען אָנגעטאָן ווי ליידיס. דאָס וויל ער זיך בלויז אײַנרעדן, ווײַל יעדעס מאָל, ווען ער טראַכט וועגן ווײַבס פּאַרנאָסעס, רײַסט זיך בא אים דאָס האַרץ אָפּ, הייבט זיך אין האַלדז אַרײַן און עס נעמט שײַען, ביז דאָס האַרץ שטילט זיך אײַן, לייגט זיך צוריק אַף זײַן פּלאַץ. דעמלט טוט אים ווי פאַר די פופציק יאָר, וואָס זײַנען צעטרענצלט, עס טוט אים ווי, וואָס ער, אַ מאַן אין די דרײַסיקער, האָט כאַסענע געהאַט מיט אַ זעכצניאַריק מיידל... און איצט, ווען דאָס ווײַב איז אין די בעסטע יאָרן, האַלט אין איין פּאַטשן מיט די פליגל, רוקט ער זיך שוין אַוועק פון דער וועלט.

מע האָט אָנגעקלונגען.

מאָריס גייט אַראָפּ פון בעט, האַלט זיך אָן פאַר די ווענט, פאַרן מעבל. דערשלעפּט זיך קוים אין די פּאַדזשאַמעס צו דער טיר:

— ווער איז?

— איך, סאָרע.

— עפן נישט די טיר, סאָרע־לעבן, ביז כ'וועל אַרײַן אין בעט.

ער שלעפּט זיך צוריק. אַ קאַלטער שווייס שטעלט זיך אַוועק בא אים אָפּן שטערן, און אַלץ אַרום אים הייבט זיך אָן דרייען. ער ליגט שוין ווידער אין בעט — די פיס צעשפּרייט, די ליפּן בלוי, ער וויל שרײַען צו דער קרויווע, אַז זי קען שוין אַרײַנקומען, און דאָס קאָל זײַנס דער־גייט נישט, בלײַבט שטעקן ערגעץ אין מיט צימער, און דער שווערער קאָפּ איז בא אים פול מיט קוילעס:

— שוין, סאָרעו, שוין!

אַ זקיינע מיט אַ שאַמאַים־פּענעמל שאַרט זיך לײַכט אַרײַן, זעצט זיך לעבן בעט, באַווײנט און באַטאַפּט דעם כוילע מיט אירע קאַשערע אויגן, מיט די דינע, אײַנגעפאַלענע לעפצן:

— ווילסטו עפּשער עפּעס אין מויל אַרײַן?

— ניין.

— מע דאַרף האָבן אַ האַרץ איבערצולאָזן אַ קראַנקן אַליין אין שטוב.

— געוואַלד דערצו, געוווינט, — דערכעט מאָריס און וויל דאַפקע פאַרענטפערן דאָס ווײַב. — אַז איך ליג אין בעט און לאַרא איז אין סקול, מוז דאָך רייזעלע זײַן אין גאַס... וואָס איז הײַנט, מאָנטיק? איז זי אַוודע צוגעפאָרן אין די „טשאַריטיס"!

— און דו, מאָריס, גלייבסט טאַקע, אַז פון „טשאַריטיס" קען מען אָנהאַלטן אַ דירע פון פיר צימערן און אָפּן גרענד־קאַנקאַרס? — האָט די זקיינע זיך אַ וויש געטאָן מיט די שטאַרע פינגער, ווי זי וואָלט גאַרנישט געזאָגט.

מאָריס, אַ וואַקסענער, בלײַבט ליגן אַף די פּלייצעס. די גאָמבע, די נאָז זײַנען בא אים פּאַריסן, און די באַקן־ביינער פאַרשפּיצט ווי הערנער. בלויז די אויגן קוקן טאַמעוואַטע, כידעשן זיך:

— כ'ווייס?

— פון „טשאַריטיס" קען מען ניט טראָגן צוועלפדאָלאַרדיקע שיך און צענדאָלאַרדיקע קאַ־פּעליושן. ניין, מאָריס!

די קרויווע רעדט מיט אַזאַ קאַס און רוגזע, אַז די מויל־ווינקלען בלעזלען זיך בא איר. פון שרעק שאַרט זיך דער כוילע פון דער אַלטער, בלײַבט ליגן בא דער קילער וואַנט און מיינט, אַז אַלץ עקט זיך. די בלויע ליפּן קנייטשן זיך, שמייכלען אין דער טויטער נאָז אַרײַן, פרעגן שטיל:

— אויב נישט פון „טשאַריטיס", פון וואָס לעבן מיר טאַקע?

— און דו ווייסט טאַקע נישט?

— און אַז כ'ווייס?

— אַז דו ווייסט, — בייגט זיך די זקיינע צום קראַנקן, — טרײַבט מען זי פון שטוב אַרויס, און אַליין וואָלט איך אַוועקגעגאַנגען אין „מאַנטעפּיאָרע־האָום״.

ער ענטפערט נישט, טוט אַ צי דאָס לײַלעך איבער דער גאָמבע, דעקט זיך אײַן. פון ווײַ־טעק ווערט באַ אים דער גוף הויל און אַ קעלט לויפט איבערן כוט־האַשעדרע, טראָגט זיך פון די שפּיץ פינגער ביז די שיטערע האָר.

ער, מאָריס, אַן אָנגעשפּאָלטן שטיקל געפּעס, וואָס האַלט באַם צעפאַלן, ווען מען וועט ער וואַרפן, ווען מען וועט ער טרײַבן פון שטוב? מע האָט אים צוגעבונדן צום בעט. צוגענומען די גוורע, ווי באַ שימשענען, בלויז אים איבערגעלאָזט די ריִע, — פּלאַצט ער פון יעסורים, זעט, ווי איבער דער וואַנט זיצט דאָס ווײַב מיט ריטשן, מיט דעם באַלעבאָס פון דעם בלאָק הײַזער, ווו זיי וווינען.

די אַלטע קרויווע שטייט איבער אים, לאָזט נישט אָפּ, קראַקעט ווי אַ קראָ:

— ס'איז קיין סאָד נישט, מאָריס. די שכיינעס פון דעם הויז, פונעם צווייטן הויז, דער גאַנצער בלאָק ווייסט, אַז רייזעלע נעכטיקט נישט אין דער היים, אַז זי ווערט אַמאָל פאַרפאַלן אַף צוויי מעסלעס אויך... ווי דערלאָזסטו עס?

דער כוילע לאָזט אַראָפּ די הייסע אויגן־דעקלעך. דער בליק, ווי אַ מאַכיקע פליג, רעדלט זיך אַרויס, בלײַבט הענגען אַף דער שפּיץ נאָז. איבער די שלייפן צעלייגן זיך צוויי אָנגעלאָפענע אָדערן, ווי פּיאַווקעס, נאָגן, נאָגן, דערוויטערן דער זקיינעס רייד און אין מויעך הייבט אָן טאָגן:

— האַ? האַ?

מאָריס ווייסט נישט, צי ריטש איז יונג, צי אַלט. ער קען אים נישט. ער ווייסט, אַז רײַ־זעלעס שווערע פלעכטן רויטלען זיך אָפּן ווײַסן קאַרק, און וואָס נעענטער צו די אויערן, צום שטערן זײַנען זיי אַלץ העלער, ליכטיקער, ווי פּריש־געשניטענער ווייץ.

דאָס וואַקסענע פּאָנעם לויכט אויף, דערציילט, אַז ערגעץ טיף אונטער דעם ווײַסן לײַלעך קײַקלט זיך אַ פרייד, גלעט די ליפּן, די אויגן, דעם שטערן, און אָפּן דאַרן, אַרומגעצופּטן האַלדז ליגן רייזעלעס הענט, איר אָטעם.

דעמלט איז ער געווען אַ יונג אַן אײַנרײַסער, אַ פאַרדינער, אַ מאַנצביל.

מאָריס עפנט די אויגן. אָפּן אָרט פון דער קרויווע שטייט לאַראַ מיט דעם פּעקל ביכער אין דער האַנט. זי איז אַן איבערגעוואַקסן מיידל מיט לאַנגע פאַרשפּיצטע הענט און פיס, מיט שוואַרצע אויגן. אַרום די קינדערשע ליפּן, אַרום די אויגן, אַרום די שמאָלע, געבויגענע פּלײ־צעס — טרויער, טרויער, טרויער. זי זעצט זיך אָפּן בעט, לאָזט ליגן די ביכער און לייגט אַרויף איר האַנט אָפּן פּאָטערס:

— וואָס מאַכסטו, טאַטע?

אין זײַן הייב פון די אַקסלען, ווו דער קאָפּ זינקט אײַן, — די גאַנצע אומבאַהאָלפנקײט פאַרן טויט.

— איז דאָ עמעצער געווען? — רײַבט ער זיך די אויגן. — יאָ, סאָרע איז דאָך געווען.

— כ'האָב זי באַגעגנט.

— ביסט אוואדע הונגעריק, לאַראַ? — האָט דער פּאָטער זיך אַ רוק געטאָן צו דער טאָכטער.

— ניין, כ'וועל וואַרטן אַף דער מאַמען.

— ווו איז זי גאַנצע טעג?

— כ'ווייס נישט.

— און אַז זי וועט אײַנגאַנצן נישט קומען, וועסטו נישט עסן?

— וואָס דיר פאַלט אַלץ אײַן.

— וואָס דאַרף זי אַ קראַנקן מאַן, אַ „זדעכליאַק״, אַז מיסטער ריטש איז רײַך, איז יונג, איז... דו קענסט דעם מיסטער ריטש?

לאַראַס טרויעריקע אויגן ווערן גרעסער, שווימען אַרום אין אַ נעפּל, ווי באַ קינדער, וואָס האַלטן זיך באַם פאַנאַנדערוויינען. זי בעט זיך באַם פּאָטער:

— טאַטע, הייבסט שוין אָן? טאַטע?

— כ'וויל וויסן, כ'וויל וויסן, — צעשרײַט זיך דער כוילע און בלײַבט ליגן אָן אָטעם.

לאַראַ פאַרבײַסט די ליפּן, נעמט די ביכער, שאַרט זיך אַרויס פון צימער. אירע שמאָלע, געבויגענע פּלייצעס צוקן, ווי זי וואָלט געהעשעט.

אַף דער גאַס רײַסט מען שטיינער מיט דינאַמיט, די פענצטער ציטערן אויף, נאָכדעם די ווענט. דער קראַנקער רוקט זיך פון דער וואַנט, דעקט זיך איבער דער גאָמבע אין לײַלעך און קוקט מיט איבערגעשראָקענע אויגן אין דעם צעגליטן שטויב, וואָס הענגט אין דעם אָפענעם פענצטער.

1930

אין דער יוניאָן

דער נאָכמיטיק סאָף יול האָט געסאָפּעט מיט פּייער. די אײַזערנע שטאַכעטן ארום דעם קליינעם פּאַרק אַף יוניאָן־סקוועער האָבן זיך פון היץ אויסגעבויגן. די קאָנקריט־וועגן האָבן ניט אויסגעהאַלטן און פון גרויס כמימע זיך געשפּאָלטן. בלויז דער מענטש, א קליינער, א גרויער, האָט זיך געדרייט ארום די הייבמאַשינען מיט די גאַרנדיקע זשיראַף־העלדזער, וואָס האָבן גע־רעוועט, געהעשעט מיט פונקען, געהויבן מיט שטאָלענע שנאָבלען שטיקער אספאַלט, הויפנס שטיינער, פריזמעס ערד. דאָס האָט דער מענטש אָפּגערייניקט די אופגעריסענע גאַסן און סקווערן, זיי אויסגעבעט מיט צעמענט, זיי געפלאַסטערט מיט פירעקיקע שטיינער.

דער מענטש, וואָס איז שטאַרקער פון שטאָל, דויערעוודיקער פון קאָנקריט, דער מענטש, וואָס קאָן צוהונגערן א גאַנץ לעבן, וועט גיין אין שפּאַן און קיין האַנט ניט אופהייבן, — דער זעלבער מענטש קאָן אויך מיטאַמאָל אַלץ צערײַסן, צעברעכן, ווײַל עס איז לײַכטער צו פאַר־גיסן בלוט, ווי צו פאַרטראָגן בלוט־באַליידיקונג.

■

אין „לייבאָר־ביוראָ" האָט דער שטעטך ארום די אָפענע פענצטער, ארום די צעפּראַלטע טירן געשווירבלט מיט צעוויקטע פענעמער, מיט הונגעריקע און אויסגעלאָשענע אויגן, מיט צעפּאַרעט מענטשן־פלייש. די היץ, אַן איבערגעברענטע, האָט זיך געקנוילט דורך די פענצטער, געהויכט מיט צעגאַנגענעם אספאַלט, מיט געזאַלין, מיט געקלאַפּערייען פון יוניאָן־סקוועער.

הונדערטער שנײַדער האָבן זיך געדרייט שטאָק־אויס, שטאָק־אײַן, געקעײַעט ווער א באַ־נאַנע, ווער א בייגל, געררייכערט ווער א סיגאַרעט, ווער א פּײַקע. טייל זײַנען געזעסן — די עלנבויגנס אַף די קני, די פענעמער אין די דלאָניעס, און די אויגן, קימאַט אלע טונקעלע, האָבן געקוקט, געבליקט אין דער טראַפּישער היץ, וואָס איז געשטאַנען פאַר די פענצטער, געבלענדט ווי הייסע, פאַרלאָזטע קוואלן. די אויגן האָבן קיין פינטל נישט געטאָן, בלויז די שווארצלען האָבן זיך אויסטערליש געשאָטנט, געקוקט מיטן צאַר, וואָס קאָן וועלטן איבערקערן. אַנדערע זײַנען געשטאַנען אין קרענצלעך — געררעדט מיט הענט, מיט אויגן, איבערגעשריִען איינער דעם צווייטן, זיך געדעקט, און אלץ מיט האַרץ, מיט לעבער, מיט גאַל. מע האָט באַרעדט — פון פּרעזידענט ביז דעם קלענסטן יוניאָן־אַנגעשטעלטן, געשאָלטן אין טאַטן, אין זיידן, אין עלטערזיידן, ביז עס איז לײַכטער געוואָרן די אייגענע פּײַן, גרינגער דער אַל, וואָס איינער ארבעט שוין קיין דרײַ כאַדאָשים נישט, קיין פּיר, קיין פינף, קיין זעקס.

פון מאָל צו מאָל האָט זיך דאָ און דאָרט דורכגעשלײַכט א פאַרשוין אין געפּרעסטע הויזן, אין א קאָלירט העמד מיט פאַרקאַשערטע אָרבל. די פּיס — בייגיקע, שטאַרקע, די הענט — שטאַבעס; און אין די אויגן, אין דעם טראָט — פלינקײַט און רעציכע פון א פאַנטערע. דאָס האָבן זיך געדרייט „שטאַרקע". און אז אַן ארבעטער, וואָס האָט שוין וואָכן נישט געגעסן צו דער זאַט, נישט ער, נישט דאָס ווײַב מיט די קינדער, אז אזא פאַרשוין איז ארויס פון די האָלאַבליעס, האָט גענומען שרײַען, טומלען, אז מע האָט איבערגעהיפּט זײַן ריי און אַף זײַן אָרט געשיקט א צווייטן אין א שאַפּ אַרײַן אַרבעטן, איז אויסגעוואַקסן א „שטאַרקער" און האָט אײַנגעשטילט דעם טומלער.

גאַנצע טעג האָבן די שנײַדער זיך געוואַלגערט אין דער „לייבאָר־ביוראָ", געוואַרט און געהאָפט, אז די יוניאָן וועט זיי שיקן ארבעטן כאָטש אַף א וואָך, כאָטש אַף א טאָג, געוואַרט אַף די קליינע „באַסעס", וואָס פלעגן אליין קומען אין דער ביוראָ ארײַן נאָך „הענט".

הינטער די ביוראָ־שטאַכעטן האָבן שרײַבמאַשינען געקלאַפּט, טעלעפאָנען געקלונגען, גע־וועזן פאַרבונדן מיט די שפּער, וווהין דער האַמוין האָט זיך געריסן. אָנגעשמירטע מיידלעך זײַנען געזעסן איבער די שרײַבמאַשינקעס. געפירט די פינגער איבער די ביינדלעך און גע־פלירטעוועט מיט די יוניאָן־אַנגעשטעלטע.

דאָס קאָל בא ראָזען האָט זיך געציקלט, געוווען זיכער, אז אזוי איז אַריסטאָקראַטישער. די ליפּן, ווערמל־רויטע, האָבן א שנירל געטאָן:

— בען, עליזאַבעט פאַרט הײַנט קיין ברייטאָן?

— זײַ א גוט מיידל, ראָוז, וועל איך דיך אויך מיטנעמען.

זי האָט מאַמזעריש א זשמורע געטאָן מיט אַן אויג, צוגעזאָגט בענען, אז זי וועט זײַן א גוטע, און די פינגער זײַנען זיך האַסטיקער צעפאָרן איבער די ביינדלעך.

אונטער דעבס׳ בילד, וואָס איז געהאַנגען אין אַ שווערער ראַם, האָבן זיך געקליבן אַרבע־טער. אַ דאַר מענטשל, מיט אויסגעבויגענע פּיס און מיט אַ פלאַך געזעס, האָט זיך געקאַכט:

— מיר, שנײַדער, האָבן שוין לאַנג קיין יוניאָן נישט, און אויב די אַמאַלגאַמייטעד איז אַ יוניאָן, איז עס אַ באַלעבאַטים־יוניאָן!

— מיר, שנײַדער, לײַדן אי פון קריזיס, אי פון דער יוניאָן, — איז אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ פּולע לאַץ נאָדלען און שפּילקעס אַרײַן אין דער מיט. — אַף מײַן לעצטן דזשאָב, בא דעם געשוואָלענעם, בא הורוויצן, האָט מען געוואָלט, איך זאָל אַרבעטן אַנשטאָט פיר און פערציק שאָ אַ וואָך, גאַנצע פופציק, האָב איך דאָך געמאַכט אַ גוואַלד, בין געלאָפן אין דער יוניאָן... און וואָס מיינט איר האָט דער דעלעגאַט געטאָן? ער רופט מיך אַרײַן אין אָפיס צום „באָס״, לאָזט מיך דאָס מויל נישט עפענען און נעמט מיך דעקן: „היי, דו, הער אוף דײַנע פּוילע שטיק, אַז נישט, וועט דיך די יוניאָן אַראָפּנעמען פונדאַנען״. שפּעטער בין איך געוווויר געוואָרן, אַז דער הינטישער זון, דער דעלעגאַט, האָט געקראָגן פון „באָס״ פינף דאָלער און די נעמען פון די דרײַ „לינקע״, וואָס האָבן געאַרבעט אין שאָפּ.

— מיר האָבן שוין אויסגעווירטשאַפט!

— מיר ליגן גוט אין דער אַדאָמע!

— אַ ווינט זיי אין די אויגן, די קילע־גראַבלערס!

— זיי וועלן זיך נאָך אַ ווייסט יאָר אויסריכטן!

— וואָס דאַרפט איר מער, — האָט דער הויכער יונג אַרויסגעוואָרפן אַ פּאָר הענט, — לייענט די „דיילי טרייד ניוס״, דאָס בלעטל פון מאַנופעקטשורערס און זעט, ווי מע לויבט דאָרט אונדזער פּרעזידענט!

— טאַקע, פאַר וועלכע מײַסים־טויווים לויבט מען אים דאָרטן?

— און ווי קומט דער פאַבריקאַנט נעש צו אַדרעסירן אונדזער קאָנווענשאַן? ער זאָל פאַר־גלײַכן אונדזער פּרעזידענט צו מוישע ראַביינון, צו יעזוסן?..

— די אונטערשטע שורע, — האָט דאָס דאַרע מענטשל איבערגעשרי׳ען דעם הויכן יונג, — מיר ליגן נײַן קלאַפטער אין דר׳ערד!

— אוי, ליגן מיר!

— וואָס שנײַדער, ווען שנײַדער, — האָט דאָס קליינע מענטשל זיך געקאַכט, — מיר זײַנען דאָך געוואָרן באַנקירן, מיר בויען קאָאָפּעראַטיווע הײַזער, ווו מע קאָן קיין אַרבעטער ניט גע־פינען אַף אַ רעפּוע... און אין דער באַנק אַרײַן קאָן מען העכסטנס אוועקטראָגן די פּרעמדע ציין, ווײַל עס איז סײַוויסײַ נישטאָ וואָס צו קײַען.

— די הינטישע לעבערס האָבן באַגראָבן דעם פּאַן!

— אַזוי באַגראָבן, אַז עס וועט שוין קיין טכ׳אָס־האַמייסים נישט העלפן!

— דער אוילעם צעלויפט זיך.

— דער געלער הערשל פּעדלט, מוישקע פירט קוילן, און יאָסל טרײַבט שנאַפּס.

— און דער לאַנגער וואָלף האָט זיך אופגעהאַנגען.

— איז אים טאַקע וווילער פון אונדז!

— איר מיינט, אַז די לינקע זײַנען נישט גערעכט?

די עטלעכע אַרבעטער האָבן זיך אַזוי געהיצט, אַז זיי האָבן נישט געהערט, ווי אַ יוניאָן־אַנגעשטעלטער האָט געשפּרײַזט איבערן זאַל און גערופן:

— קאַפּל וויטמאַן! קאַפּל וויטמאַן!

— קאַפּל, — האָט דאָס קליינע מענטשל אַ כאַפּ געטאָן דעם הויכן פאַר די הענט, — דאַכט זיך, אַז מע רופט דיך.

— מיך? — האָט קאַפּל זיך אַ דריי אויס געטאָן און זיך גענומען טראָגן צום אויסרופער. — אָט בין איך!

— כ׳רוף, כ׳רוף... כ׳האָב שוין געוואָלט שיקן אַ צווייטן... ווו איז אײַער יוניאָן־ביכל? אָפּ־געצאָלט אַלע כויוועס?

— כ׳בין שולדיק פאַרן לעצטן כוידעש, — האָט קאַפּל אַרויסגענומען דאָס ביכל און געוויזן.

— איידער מע גייט אַף אַ נײַעם „דזשאָב״, דאַרף מען אָפּצאָלן.

— און אַז איר וועט מיך שעכטן פאַר אַ סענט, האָב איך?

— גערענקט זשע, דאָ האָט איר דעם „פּעס״, גייט גלײַך אַריבער, אַ שנעלע „האַנט״ קאָן בא די ברידער פּערל האָבן אַרבעט אַ גאַנץ יאָר...

קאַפּל האָט געהויבן די הענט, געשטעלט די לאַנגע פּיס, געשפּרייזט גאַס־אויס, גאַס־אײַן, איז געוווען אופגעלייגט. ער וועט צו־זיך קומען, ס׳וועט זיך אויסגלײַכן, וועט אַביסל אָפּ־שאָקלען דעם דאַלעס, וועט געבן די קינדער עסן צו דער זעט.

ער האָט זיך מיטאמאָל אָפּגעשטעלט, פאַריסן דעם קאָפּ צו די זשיראַף־העלדזער פון די הייבמאַשינען, וואָס האָבן געשלעפּט גליבעס אַספאַלט מיט אַזאַ רעווען און סאָפּען, אַז קאַפּל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די אויערן.

אַ האַלב־נאַקעטער איטאַליענער, אַן אויסגעשמירטער, אַ דורכגעווייקטער, האָט זיך קוים אַרויסגעזען פון דער הייבמאַשין.

קאַפּל האָט אָפּגעמאָסטן זײַן אייגענע גרייס, פאַרגליכן די נאָדל מיט דער הייבמאַשין און אַ פאַרשעמטער זיך געלאָזט ווײַטער.

ער האָט גיך געשפּרײַזט, ווי ווען מע וואָלט אים געיאָגט, נישט געפילט, אַז די כמימע איז אַזוי גרויס, אַז דער שוויס רינט פון די שלייפן, פון קאַרק, אַז ס'העמד איז דורכגעווייקט. אין קאָרידאָר, ווו עס האָט געשמעקט מיט פײַכטן קעלער, האָט קאַפּל זיך אַרומגעווישט. ער האָט זיך געהויבן אַפן דריטן שטאָק, געשפּרײַזט צוויי טרעפּ מיטאמאָל, און אין דער אָפענער טיר האָט אים באַגעגנט דער באַקאַנטער אָרקעסטער — די שטעפּערײַ פון איבער הונדערט מאַשינען.

דער פאָרמאַן איז אונטערגעקומען, איבערגעגלייענט דעם „פּעס”, אָפּגעמאָסטן דעם יונג, וואָס לויט זײַן גרייס האָט ער געקאָנט אַרבעטן בײַ צוויי מאַשינען מיטאמאָל, און אַ צופרידענער אַ זאָג געטאָן:

— די יוניאָן האָט מיר אַרופגעשיקט אַן אַלטן שנײַדער, אַ קריכער, וואָס דאַרף ניאַנטשען אַן אייניקל, האָב איך אָנגעקלונגען, מע זאָל מיר שיקן אַ צווייטן אויף זײַן פּלאַץ, קומט!

קאַפּל האָט זיך איצט נאָכגעשאַרט דעם פאָרמאַן, זיך געערגערט, וואָס ער נעמט צו דעם פּלאַץ בײַ אַן עלטערן שנײַדער, און אויסגעמיטן צו קוקן אַהין. מיטאמאָל איז זײַן אויג געפאַלן אויף געבויגענע פּלייצעס, באַקאַנטע. ס'גאַנצע בלוט האָט אים אין אַ רגע אַ שלאָג געטאָן אין מויעך אַרײַן און גלײַכצײַטיק גענומען אָפּרינען, אים איבערגעלאָזט אָן מאַרך, און ער האָט אַ רוף געטאָן:

— טאַטע!

קאַפּלס פאָטער, אַן עלטערער, אַ געבויגענער, האָט אַ נעם געטאָן דאָס רעקל פון דער וואַנט, געקוקט אַפן זון מיט שולדיקע אויגן:

— גוט, קאַפּל, וואָס זיי האָבן דיך געשיקט.

— ניין, טאַטע, איך וועל נישט פאַרנעמען דײַן פּלאַץ, — האָט קאַפּל זיך געטרייסלט, — און זיי, אין דער יוניאָן, אַ בראַנד זיי אין די געדערים, זיי האָבן יאָ געוווּסט, אַז דאָ אַרבעט אַ ווײַט־מאַן...

— אַז דו ווילסט זיך נישט שטעלן אַרבעטן, וועט מען דאָך שיקן אַ צווייטן.

—זאָלן זיי שיקן!

— נו? — האָט דער פאָרמאַן אַ צי געטאָן קאַפּלען פאַר אַן אַרבל, געוואָלט וויסן, פאַרוואָס ער קווענקלט זיך.

— איר ווילט, כ'זאָל פאַרנעמען מײַן פאָטערס פּלאַץ?

— ווער זאָגט, אַז איך וויל? — האָט דער פאָרמאַן זיך געוויצלט. — איר דאַרפט וועלן! און אויב איר ווילט נישט, איז דאָ אַ צווייטער!

— אַ צווייטער, אַ צווייטער, — האָט קאַפּל אַ כאַפּ געטאָן דעם פאָרמאַן פאַרן העמד, און איידער דער פאָרמאַן האָט צײַט געהאַט זיך צו ווערן, האָט דאָס העמד זיך צעריסן מיטן געשריי פון אַ גוואַלד־ריס, — אַ צווייטער, זאָגסטו, וועט פאַרנעמען...

קאַפּל האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פאָרמאַן פאַרן גערדיק, אַז די אויגן זײַנען אים אַרויס פון אונטערן שטערן. ער האָט זיך צעוויגט, ווי אַ זשיראַף־האַלדז בײַ אַ שלעפּ־מאַשין, אַ הייב געטאָן דעם פאָרמאַן פאַרן קאָפּ, אים געשלאָגן אָן וואַנט, געהאַמערט. און אַז דער אוילעם האָט זיי צענומען, האָט ער נאָך אַלץ געשריִען מיט באַנומענע קולעס:

— מײַן טאַטע, מײַן אַלטן טאַטע?.. אַ בראַנד דיר אין די קישקעס! אַ ווינט דיר אין די אויגן!

1930

זכרונות

ראָכל פּעפּער

אזא איז ער פאַרבליבן אין מײַן זיקאָרן

נאָך פון דער פריִער יוגנט מײַנער, פון מײַן געבורט־שטעטל שפּאָלע, געדענק איך איציק פעפערן. דאָס שטעטל איז א קליינס, און אלע זײַנען באקענט צווישן זיך.

ווען דער זיקאָרן טראָגט מיך איבער אין דער ווײַטער פאַרגאנגענהײַט, זע איך א באָכערל פון מיטעלן וווּקס, מיט א קאָפּ קוטשעראַווע שוואַרצע האָר און מיט קלוגע אויגן, מיט א שטענדיק שמייכעלע אף די ליפּן.

דער פאָטער זײַנער, שאָלעם פעפער, איז אויך א מיטלוווּקסיקער, א באַוועגלעכער. ער פלעגט ארומגיין איבערן שטעטל און לערנען אָרעמע קינדער גראַמעטע. פון צײַט צו צײַט פאָרט ער ארויס אין די ארומיקע שטעטלעך — אויך דאָרט לערנען מיט קינדער. שאָלעם פעפער איז געווען אן אטעיִסט, און דערפאר האָבן אים די שפּאָלער באַלעבאַטים ניט ליב געהאַט.

פעפערס מאַמע שטייט מיר פאר די אויגן אין איר גרינער ראָטאָנדע — א שלאַנקע, שטאַלטנע פרוי, א שיינער קאָפּ האָר. אירע אויגן זײַנען שטענדיק אָנגעפילט מיט טרויער און זאָרג.

כוץ איציקן, זײַנען אין דער מישפּאָכע נאָך געווען צוויי שוועסטער — כאַווע און דאַשע, און אן אלטיטשקע באָבע, דעם פאָטערס מאַמע.

אין דער פּאָעמע „בליענדיקע מיסטן” דערציילט פעפער וועגן זײַן קינדהײַט:

א טרויעריק שטיבל מיט פענצטער צעזעצטע,
געלאַטעט מיט ברעטלעך, געלאַטעט מיט ליים,
לעם שוועל ליגט די זון און דאָס אלטינקע קעצל.
איך קאָן זי, איך זע זי, אָ־דאָ איז מײַן היים.

געלעבט האָט די מישפּאָכע גאַנץ אָרעם. אין 1909 קומט פעפער אָן אין דער שפּאָלער גימנאַזיע. אינגיכן מוז ער זי אָבער פאַרלאָזן, ווײַל ס'איז ניטאָ קיין 25 רובל אף צו באַצאָלן פאר דער לערע.

צו צוועלף יאָר גייט ער זיך לערנען א מעלאָכע. ער ווערט א לערניִנגל בא א זייגערמאַכער, דערנאָך בא א טעסלער. שפּעטער קומט ער אָן אין דער שפּאָלער דרוקערײַ. דאָ ארבעט ער אָפּ עטלעכע יאָר און ווערט א קוואַליפיצירטער זעצער. טאַקע דאָ האָט ער געאַרבעט ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

צו יענער צײַט איז ער געווען דער סעקרעטאַר פונעם פּראָפאַריין פון ארבעטער און אָנגעשטעלטע. ער טרעט ארויס אף די שטעטלדיקע מיטינגען מיט פײַערדיקע רעדעס. אינגיכן גייט ער פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט פון בירגער־קריג.

אין 1919, ווען די דעניקינצעס גרײַפן אָן אף אוקראַיִנע, טרעט פעפער ארײַן אין דער קאָמוניסטישער פּארטיי. די שפּאָלער פּארטיי־אָרגאַניזאַציע שיקט אים קיין קיִעוו אין רעשוס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּארטיי פון אוקראַינע.

ווען די דעניקינצעס פאַרנעמען קיִעוו, פאַרבלײַבט דאָרט פעפער אף אומלעגאַלער ארבעט. אינגיכן פאַלט ער ארײַן אין די הענט פון דער דעניקינישער קאָנטרראַזוועדקע. באַפרײַט האָבן אים די קיִעווער ארבעטער פונעם זאַוואָד „אַרסענאַל”, וועלכע האָבן געעפנט די טויערן פון דער לוקיאַנאָווקער טפּיסע און ארויסגעלאָזט די פּאָליט־ארעסטירטע. די דעניקינצעס גיבן ארויס א באַפעל, אז אלע אנטלאָפענע פון דער טורמע זאָלן זיך אומקערן צוריק, די, וואָס וועלן דעם באַפעל ניט אויספילן, וועלן דערשאָסן ווערן אפן אָרט, דאָרט, ווו זיי וועלן פאַרהאַלטן ווערן. מיט אזא טויט איז אומגעקומען דער אוקראַיִנישער דיכטער טשומאַק, וואָס איז אויך אנטלאָפן פון דער טפּיסע. אין באַפעל איז געווען אונטערגעשטראָכן, אז יענע, וואָס וועלן באַהאַלטן בא זיך אין שטוב אן אנטלאָפענעם פון לוקיאַנאָווקע, וועלן אויך דערשאָסן ווערן.

ווען פעפערס מוטער האָט זיך דערוווּסט וועגן איציקס ארעסט, האָט זי זיך געלאָזט קיין קיִעוו. מיט גרויס מאַטערניש האָט זי זיך דערקליבן צום זון. ערגעץ אין עק שטאָט האָבן זיי געדונגען א צימערל. פעפער פאַרלאָזט זיך א באָרד, מע זאָל אים ניט דערקענען. אף דעם פלויט

הענגט די מוטער אויס א מעלדונג, אז דאָ פּאַריכט מען קאַלאָשן. פּעפּער אַרבעט, און די מאַמע נעמט צו און גיט אָפּ די פּאַרגאָסענע קאַלאָשן.

אין יאָרן אַרום, ווען מיר האָבן געלעבט אין קיִעוו, האָט פּעפּער מיר געוויזן דאָס הויז, ווו ער האָט דעמלט געוווינט.

אין דעם לידער־ציקל „ווען שטיינער שווײַגן״, ווי אויך אין דער ליד, וואָס איז געווידמעט דער מוטער, מאָלט פּעפּער יענע צײַט.

ווען אוקראַיִנע איז באַפרײַט געוואָרן פון די דעניקינצעס, שיקט אים דער צענטראַל־קאָמיטעט פון פּאַרטיי קיין זווניגאָראָדקע אלס רעדאַקטאָר פון דער אויעזדנע צײַטונג. מע קלײַבט אים אויס פֿאַרן פּאַרוואַלטער פון פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל, און שפּעטער ווערט ער סעקרעטאַר פון זווניגאָראָדקער פּאַרטיי־קאָמיטעט.

אַרבעט איז געווען א סאַך. כוץ דעם, האָט מען געמוזט פירן א טאָגטעגלעכן קאַמף מיט די באַנדעס, וועלכע האָבן אָפט אָנגעגרײַפט אָף זווניגאָראָדקע גופא און אָף דער אומגעגנט. אָפּערירט האָט דאָרט זעליאָנעס באַנדע.

דער קאַמף מיט אָט דער באַנדע האָט צוגענומען א סאַך צײַט און קויכעס. עס זײַנען אויך געווען פיל קאָרבאָנעס. אַרבעטן אין אַזעלכע באַדינגונגען איז געווען שווער און געפערלעך. ניט געקוקט דערויף, האָט פּעפּער דאָך געשריבן לידער. ער פלעגט אַמאָל אויך אָנשרײַבן א ליד אָף רוסיש. אייניקע פון די דאָזיקע לידער זײַנען געווען געדרוקט אין דער אָרטיקער צײַטונג.

געקענט האָב איך פּעפּערן פון שפּאָלע, נאָר באַפרײַנדעט האָבן מיר זיך אין זווניגאָראָדקע, ווו איך האָב זיך אײַנגעאָרדנט אָף אַרבעט.

■

אין זווניגאָראָדקע איז געווען א סאַך יוגנט, וואָס פלעגט באַזוכן לעקציעס, פאָרטראָגן, זיך אינטערעסירן מיט ליטעראַטור, טעאַטער. מיר איז אָבער שטענדיק אינטערעסאַנט געווען צו פאַרברענגען די צײַט מיט פּעפּערן. ער האָט א סאַך געלייענט און טיף זיך פאַנאַנדערגעקליבן אינעם דורכגעלייענטן. ער האָט געקענט אָף אויסווייניק לידער פון רוסישע, אוקראַיִנישע און ייִדישע דיכטער. פּאָעזיע האָט ער שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט געוווּסט וועגן אַלע נײַע אויסגאַבעס און איז געווען אין קורס פון די ליטעראַרישע געשעענישן.

מיר האָט ער אויסגעזען העכער מיט א קאָפּ פון אַלע די, מיט וועמען איך בין געווען באַקאַנט. צו 20 — 21 יאָר איז ער שוין געווען א גאַנץ רײַפער מענטש, מיט א קלאָרן פאַרשטאַנד, מיט אן אייגענער וועלט־אָנשויונג.

פּעפּער איז שטענדיק געווען גוט געשטימט, צוגעלאָזט צו מענטשן, שטענדיק איז געלעגן א שמייכל אָף זײַן פּנים. ער האָט ליב געהאַט צו לייענען פאַר וועמען עס זאָל ניט זײַן די ערשט אָנגעשריבענע לידער זײַנע. די דאָזיקע טעווע איז בײַ אים פאַרבליבן אָפן גאַנצן לעבן. ניט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז ער פלעגט זיך אָפּשטעלן אינמיטן גאַס און נעמען לייענען זײַנע לידער. אַרום אים קלײַבן זיך צונויף מענטשן, און ער שטייט אינדערמיט און לייענט.

אין 1922 יאָר לאָזט פּעפּער אַרויס זײַן ערשט ביכל „שפּענער״.

פאַרגעקומען איז עס אַזוי. אין יענעם יאָר זײַנען אַלע זײַנע מישפּאָכע־מיטגלידער קראַנק געוואָרן אָף טיפוס, ער קומט צו פאָרן קיין שפּאָלע און ווערט אויך קראַנק. ווען ער שטעלט זיך שוין אָף די פיס, שטאַרבט די מוטער. איר טויט לעבט ער שטאַרק איבער. די איבעריקע מיטגלידער פון דער מישפּאָכע ווערן צוביסלעך געזונט, און ער, איציק, קערט זיך אום קיין זווניגאָראָדקע אָן אויסגעצערטער פון דער קרענק. די דאָקטוירים געפינען, אַז מיט די לונגען איז בײַ אים ניט אין אָרדענונג און אייצן אים פאָרן קיין קרים.

אָפן וועג קיין קרים שטעלט ער זיך אָפּ אין קיִעוו, קויפט פּאַפּיר און דרוקט אַליין אָפּ זײַנע „שפּענער״. דאַוויד האָפשטיין האָט אויסגערעדאַגירט דאָס ביכל און אָנגעשריבן א פאָרעדע. פון קרים שיקט מיר פּעפּער צו זײַנע „שפּענער״. צום באַדויערן, איז דאָס ביכל בײַס דער אָקופּאַציע פאַרלוירן געגאַנגען.

זווניגאָראָדקער קרײַז האָט דעמלט זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם באָסלעווער און באָסלעוו איז געוואָרן די קרײַז־שטאָט. אונדז איז אויסגעקומען איבערקלײַבן זיך אַהין, נאָר לאַנג האָט זיך פּעפּער דאָרט ניט פאַרהאַלטן. ער פאָרט איבער קיין קיִעוו, ווו ער ווערט דער פאָרזיצער פונעם פאַריין „ראַביס״. די דאָזיקע אַרבעט איז געווען ביז גאָר א שווערע. פיל טעאַטערן זײַנען ערשט אָרגאַניזירט געוואָרן. מע האָט געשאַפן טעאַטראַלע קאָלעקטיוון, אַנסאַמבלען — אַלץ איז געווען אין פּראָצעס פון ווערן.

ס'איז פּאַשעט ניט צו באַגרײַפן, ווען פּעפּער האָט געשריבן, ווען ער האָט באַוויזן אַרויסלאָזן זײַנע ביכער. פון דער אַרבעט פלעגט ער קומען שפּעט, מע האָט נאָך געדאַרפט דורכלייענען א צײַטונג, א בוך, זיך גרייטן צו א פאָרטראָג, זײַן אין קורס פון אַלע געשעענישן.

אין 1927 פאַרלאָזט פּעפּער די אַרבעט אינעם פאַריין „ראַביס״ און פאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט ליטעראַטור. ער ווערט דער סעקרעטאַר פון דער ייִדסעקציע פון וווספּ און רעדאַקטאָר פונעם ליטעראַרישן זשורנאַל „פּראָליט״.

אַרום זשורנאַל גרופּירן זיך קימאַט אַלע ייִדישע שרײַבער. עס באַווײַזן זיך יונגע דיכטער און פּראָזאיִקער. אָפט קומען פאַר ליטעראַרישע

אַוונטן, מע פֿירט דיסקוסיעס, מע פֿאָרט אַרום איבער שטעט און שטעטלעך.

אין 1929 שיקט אים דאָס בילדונגס־מיניסטעריום פֿון אוקראַיִנע צוזאַמען מיט אַ גרופּע אוקראַיִנישע שרײַבער אין אַ שעפֿערישער קאָמאַנדירונג אַף צוויי כאַדאָשים קיין דײַטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע און פּוילן. פֿון דאָרט קערט ער זיך אום אין אַ געדריקטער שטימונג. שוין דעמלט האָט ער פֿאַרויסגעזען דעם גזאַר, וועלכער האָט זיך שפּעטער פֿאַרשפּרייט איבער אייראָפּע. וועגן דער דאָזיקער רײַזע שרײַבט ער אַ פֿיל לידער. אינעם ציקל „אונטער די לינדן" און „דײַטשלאַנד" רעדט ער וועגן די שטימונגען, וועלכע האָבן שוין דעמלט געהערשט אין דײַטשלאַנד.

אין די דרײַסיקער יאָרן קומען אָפּט צו פֿאָרן פֿון אויסלאַנד שרײַבער. בײַ אונדז אין שטוב זײַנען געווען צוגאַסט פּערעץ הירשביין מיט זײַן פֿרוי — דער דיכטערן עסטער שומיאַטשער, אַפּאַטאָשו, אַווראָם רייזען. פּעפֿער פֿאָרט אַרום מיט רייזענען איבער די שטעט פֿון אוקראַיִנע. דער אוילעם נעמט זיי וואַרעם אויף, סײַ רייזענען, וועמענס לידער עס זײַנען זייער פּאָפּולער, סײַ פּעפֿערן, וועמען דער לייענער האָט שוין אויך באַוויזן ליב צו קריגן.

איך געדענק, אַז אַווראָם רייזען האָט אָפֿן באַנקעט, וואָס די קיִעווער שרײַבער האָבן לעקאָוועד אים אײַנגעאָרדנט, באַשטעלט פֿאַר זיך הערינג מיט קאַרטאָפֿליעס. גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס דאָזיקע מײַכל האָט דערמאָנט דעם אַלטן שרײַבער אין זײַן אָרעמער קינדהײַט, וועלכע ער האָט באַשריבן אין פֿיל לידער און נאָוועלן.

ווען פּעפֿער איז אין 1943 געווען אין אַמעריקע, האָט אים רייזען אָנגעקלונגען און געזאָגט: „איר ווייסט, ווי שטאַרק איך האָב אײַך ליב, אָבער זען זיך מיט אײַך פּערזענלעך קאָן איך ניט..." דאָס האָט באַטײַט, אַז אויב די „פֿאָרווערטס"־לײַט וועלן זיך דערוויסן, אַז ער, רייזען, האָט זיך באַגעגנט מיט פּעפֿערן, וועלן זיי אים לאָזן אָן פּאַרנאָסע...

אין 1937 איז קיין קיִעוו געקומען פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן שאָלעם־אַלייכעמס אַלמאָנע. געקומען איז זי זיך זען מיט פֿרײַנט און אויך זאַמלען בריוו, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט געשריבן צו פֿאַרשיידענע מענטשן. מיר האָבן אײַנגעאָרדנט בײַ זיך אין שטוב אַ וועטשערע לעקאָוועד אָלגע ראַבינאָוויטש. יענעם אָפּדערנאַכט האָבן זיך בײַ אונדז פֿאַרזאַמלט אַלע שרײַבער און קולטור־טוער פֿון קיִעוו. געהאַלטן האָט זיך אָלגע ראַבינאָוויטש זייער באַשיידן. זי האָט דערציילט אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פֿון שאָלעם־אַלייכעמס לעבן. פּעפֿערן האָט זי געבראַכט אַ מאַטאָנע — די פֿולע אויסגאַבע פֿון איר מאַנס ווערק.

■

פֿונעם ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון די סאָוועטישע שרײַבער, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין מאָסקווע אין 1934, קערט זיך פּעפֿער אום אַ באַגײַסטערטער. ער האָט זיך דעמלט באַקאַנט מיט אַ סאַך אָנגעזעענע שרײַבער, מיט מאַקסים גאָרקין. גאָרקי האָט זיך נאָכגעפֿרעגט בײַ אים אַף אייניקע יידישע שרײַבער, מיט וועלכע ער איז פּערזענלעך געווען באַקאַנט, — אַף שאָלעם אַשן, ביאַליקן, שאָלעם־אַלייכעמען און אַנדערע.

צום שלוס פֿונעם צוזאַמענפֿאָר איז בײַ גאָרקין אין הויז פֿאָרגעקומען אַ באַנקעט, אַף וועלכן פּעפֿער איז בײַגעווען. וועגן די באַגעגענישן מיט גאָרקין האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע אַרטיקלען, וועלכע זײַנען געווען געדרוקט אין אונדזער פּרעסע און אויך אין אויסלאַנד.

צוזאַמען מיט אַ גרופּע שרײַבער באַזוכט פּעפֿער די יידישע אויטאָנאָמע געגנט. ער שרײַבט אָן וועגן ביראָבידזשאַן אַ גרויסן ציקל לידער, וואָס ווערן אינגיכן איבערגעזעצט אַף רוסיש און אוקראַיִניש. וועגן די דאָזיקע לידער שרײַבט מאַקסים רילסקי, אַז זיי פֿינקלען מיט פֿרייד און הומאָר און געשריבן זײַנען זיי אין דער מאָלעריש־פּלאַמאַנדישער מאַניר.

■

אין די ערשטע טעג פֿון דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע גייט פּעפֿער פֿרײַוויליק אוועק אַפֿן פֿראָנט. ער אַרבעט אין אַ פּאָליט־אָפּטייל, טרעט אַרויס דורך ראַדיאָ, נעמט אָן אַקטיוון אָנטייל אין די פֿראָנט־אויסגאַבעס. נאָך אַ שווערער קראַנק ווערט ער באַפֿרײַט פֿון דער אַרמיי, קומט קיין אופֿאַ, וווּהין איך מיט דער טאָכטער האָבן זיך עוואַקויִרט. דאָרט שרײַבט ער אָן אַ בוך מילכאָמע־באַלאַדעס.

אין אַ צײַט אַרום רופֿט מען אים אַרויס קיין קויבישעוו, ווו עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער יידישער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט. אין דער אַרבעט פֿונעם קאָמיטעט ווײַזט ער אַרויס פֿיל פֿלײַס, טאַלאַנט און אָרגאַניזאַטאָרישע פֿייִקײַטן.

אין די סאַמע שווערסטע צײַטן האָט פּעפֿער ניט פֿאַרלוירן דאָס געפֿיל פֿון הומאָר. ער איז קיינמאָל ניט געקראָכן אין קעשענע נאָך אַ וואָרט. אויב עמעצער האָט פֿאַרדינט, מע זאָל אים זאָגן דאָס, וואָס עס קומט אים, האָט עס פּעפֿער געטאָן טאַקטיש, אָבער גאַנץ שטרענג און אָפּט מיט סאַרקאַזם. אַזוי האָט ער אויך געבויט זײַנע פּאָלעמישע אַרטיקלען, די הומאָריסטישע און סאַטירישע לידער.

ווען אייניקע פֿײַנשמעקער האָבן אָנגעהויבן טײַנען, אַז פּעפֿער שרײַבט שוין צופֿיל וועגן פֿראָנטן און שינעלן, האָט ער באַלד געענטפֿערט אַף דעם מיט אַ טרעפֿלעכער ליד:

מיר איז לאנג שוין נימעס הערן
זייער סקריפּ פון לעוואָנעס און פון נאכט:
טויזנט יאָר האָט מען באזונגען שטערן
און ס'האָט קיינעם, קיינעם ניט געארט.

און ס'איז יעדערן געווען געפעלן,
און ס'האָט יעדערער געשטערנט אין זײַן ליד:
גאָרניט לאנג, אז איך באזינג שינעלן,
זײַנען דיכטער שוין געוואָרן מיד.

ער האָט שטענדיק געפונען דאָס פּאסיקע וואָרט סײַ אף באגיטיקן, סײַ אף אָפּלייקענען.

פּעפּער האָט געהאט א פײַנע שטים. ווען ער האָט געארבעט אין פאריין „ראביס", האָבן אייניקע קיִעווער ספּעציִאליסטן אים געראטן גיין זיך לערנען זינגען. נאָך קלײנערהייט האָט ער א קורצע צײַט זיך געלערנט שפּילן אף א פידל, אָבער אינגיכן האָבן די עלטערן געמוזט אָפּזאָגן דעם לערער — עס איז ניט געווען מיט וואָס צו באצאָלן. פון דעמלט אָן האָט פּעפּער קיין פידל מער אין די הענט ניט געהאלטן.

פּעפּער וואָלט געווען ניט קיין שלעכטער שוישפּילער. א סאך ארטיסטיזם האָט ער פארמאָגט. ער פלעגט שיין קאָפּירן אקטיאָרן און גלאט מענטשן. קונציק האָט ער שארזשירט קלארע יונג, נאָכגעמאכט ווערטינסקין, דאָוויד בערגעלסאָנען.

צו מענטשן האָט פּעפּער זיך באצויגן פרײַנטלעך און מיט גרויס אכטונג. איך געדענק ניט קיין פאל, ער זאָל ניט געווען ענטפערן אף א בריוו. איז ניט געווען קיין צײַט פאר לאנגע בריוו, האָט ער געענטפערט מיט א קארטל.

אין פאמיליען־לעבן איז מיט פּעפּערן געווען זייער לײַכט. ער פלעגט אָפט אליין קויפן שטובזאכן, און אלץ, וואָס ער האָט געקויפט, איז געווען מיט געשמאק. פונעם געקויפטן האָט ער האנאָע געהאט און האָט געוואָלט, אז מיר אלע זאָלן אויך זײַן צופרידן.

ניט שטענדיק האָבן מיר געהאט א מעגלעכקײַט צוזאמען זיך פארזאמלען באם טיש. יעדערער איז געווען פארנומען מיט זײַן ארבעט, נאָר ווען מיר זײַנען זיך שוין יאָ צונויפגעקומען איינינעם, איז באם טיש געווען פריילעך. פּעפּער פלעגט דערציילן פארשיידענע געשיכטעס — אמאָל אויסגעטראכטע, געהערטע, געלייענטע, אָפט פלעגט ער איבערלייענען א נײַע ליד אָדער א נאָרוואָס אָנגעשריבן ארטיקל.

■

פּעפּערס פרײַנטשאפט מיט די אוקראַיִנישע שרײַבער האָט געדויערט יאָרנלאנג. באזונדערס איז ער געווען באפרײַנדעט מיט רילסקין. מיט מאקסים טאדעיעוויטשן האָבן מיר געווינט א טיר קעגן א טיר, געלעבט ווי גוטע שכיינים.

בא רילסקין איז געווען אן אָפענע שטוב: מע פלעגט צו אים ארײַנקומען איבערלייענען א ליד, גלאט זיך דורכשמועסן און זיך פארהאלטן ביז שפּעט אין דער נאכט, דערבײַ איז דער טיש שטענדיק געווען געגרייט. ניט איין מאָל האָט רילסקי צו אונדז געקלונגען אזייגער צוויי־דרײַ באנאכט: „איציק, דו האָסט עפּעס אויסצוטרינקען?" — „ווישניק וועט טויגן?" און רילסקי פלעגט ארײַנגיין אויסטרינקען א גלעזעלע ווישניק.

די אוקראַיִנישע שרײַבער פלעגן גערן איבערזעצן פּעפּערס לידער. אין זײַנע זאמלונגען, וואָס זײַנען דערשינען אף אוקראַיִניש, האָבן זיך באטייליקט די דיכטער טיטשינא, רילסקי, סאָסיורע, מאלישקאָ און פיל אנדערע.

ווען פּעפּער איז געווען יִינגער, האָט ער געקענט ארבעטן אין באליביקע באדינגונגען. גאָרניט האָט אים ניט געשטערט. ער האָט געקאָנט אָנשרײַבן א ליד, גייענדיק אין גאס. ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער שוין מערער אזוי ארבעטן ניט געקענט. ס'האָט זיך פארהיט א וואַריִאנט פון דער פּאָעמע „שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ", לויט וועלכן מע קאָן נאָכשפּירן, וויפל מי ער האָט ארײַנגעלייגט אין דער דאָזיקער ארבעט.

פּעפּער האָט אמאָל אָנגעשריבן א ליד „איך לערן זיך שטענדיק", און אזוי איז עס טאקע געווען. ער האָט אליין דערלערנט איווריט, א צײַט געלערנט ענגליש. שלאָפן פלעגט ער זיך לייגן ארום דרײַ באנאכט. אינדערפרי פלעגן מיר מאמעש פארזונקען ווערן אין די הויפנס צײַטונגען, וואָס ער האָט דורכגעלייענט אָדער דורכגעקוקט. א סאך האָט ער געלייענט בייס זײַן אורלויב, אין וועג.

צו 48 יאָר קלײַבט זיך נאָך קיינער ניט אונטערצופירן א סאכאקל פון דעם דורכגעמאכטן לעבן, נאָר פּעפּער האָט צו יענער צײַט פארטראכט אָנשרײַבן א בוך פּראָזע. דאָס האָט געזאָלט זײַן א בוך וועגן געזעענעם, איבערגעלעבטן און געשעענעם.

ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן א פּאָעמע אונטערן נאָמען „שלוימע־האמעלעכס יאָרשים" און א דראמאטיש מײַסעלע „דאָס ווײַסע ציגעלע", נאָר פארווירקלעכן דאָס אלץ איז אים שוין ניט אויסגעקומען.

א רײַכע און שיינע ליטערארישע יערושע האָט פּעפּער איבערגעלאָזט. פאר זײַן קורץ לעבן האָט ער אָנגעשריבן העכער 30 ביכער — לידער, פּאָעמעס, קינדער־מײַסעלעך, באלאדעס, מעשאָלים, פּיעסן. אָנגעשריבן א פּיעסע מיט פּינינבערגן, א מאָנטאזש „טאראס שעווטשענקאָ" מיט סיטאָן. מיט בערעגאָווסקין האָט ער צונויפגעשטעלט און באארבעט א בוך פאָלקסלידער. ער

האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בוך „בײַ די גרוזינישע ייִדן“, אַ בוך „די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער“, פֿילצאָליקע אַרטיקלען אויף פֿאַרשיידענע טעמעס, געמאַכט איבערזעצונגען פֿון אוקראַיִניש, רוסיש, ווײַסרוסיש און אַנדערע שפּראַכן. די איבערזעצונגען זײַנען צעזייט און צעשפּרייט איבער פֿיל צײַטונגען און זשורנאַלן.

פֿונעם געזאָגטן דאַרף מען ניט מאַכן קיין אויספֿיר, אַז פּעפּערס שעפֿערישער וועג איז שטענדיק געווען באַשאָטן מיט רויזן, עס זײַנען געווען אויך שטעכלקעס.

נאָר איינס איז קלאָר, אַז געווען איז פּעפּער אַ הומאַניסט, אַן עכטער פֿאָלקסמענטש, אַ קעמפֿער פֿאַר גערעכטיקייט, און אַזאַ וועט ער אויף שטענדיק פֿאַרבלײַבן אין אונדזער זיכּאָרן.

כראָניק

נײַס פֿון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט

אַמוראַר מעלאָדיעס

אין ביראָבידזשאַנער „הויז פֿונעם בוך“ קומען אָפֿט פֿאָר באַגעגענישן מיט טוער פֿון דער ליטעראַטור און קונסט. ניט לאַנג צוריק האָט אַ היפּשער אוילעם — ליבהאָבער פֿון מוזיק — זיך פֿאַרזאַמלט אויף אַ באַגעגעניש מיט די אָרטיקע קאָמפּאָזיטאָרן.

בײַ דער פֿאָרטעפּיאַנע איז געזעסן מאַקס עפּשטיין, וועמענס ווערק עס האָבן שוין ניט איין מאָל געקלונגען אויף קאָנצערטן אין די קלובן און אין דער געגנטלעכער ראַדיאָ. דאָס מאָל האָט דער קאָמפּאָזיטאָר אויסגעפֿילט אַ נײַעם וואַלס — „אַמוראַר מעלאָדיעס“ — אויפֿן טעקסט פֿונעם ביראָבידזשאַנער דיכטער איציק בראָנפֿמאַן, און די מעלאָדיע „אַ קאָלווירטיש פֿרײלעכס“.

נײַע לידער האָבן געזונגען די אַרטיסטן פֿונעם ייִדישן פֿאָלקסטעאַטער שנייער קאָניק און כײַע עפּשטיין.

אַ טוריסטן־מאַרש פֿון 2700 קילאָמעטער

פֿינף און צוואַנציק סטודענטן פֿון דער ביראָבידזשאַנער פּעדאַגאָגישער שול האָבן דורכגעפֿירט אַ טוריסטישן „מאַרש איבער די שפּורן פֿון שלאַכט־רום“ און האָבן אים געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג, זינט דער ווײַטער מיזרעך איז באַפֿרײַט געוואָרן פֿון די אויסלענדישע אינטערווענטן און ווײַסגוואַרדייִשע באַנדעס.

פֿאַר די 15 טעג, וואָס דער מאַרש האָט געדויערט, האָבן די אָנטיילנעמער דורכגעמאַכט מער פֿון 2700 קילאָמעטער לויטן מאַרשרוט ביראָבידזשאַן — כאַבאַראָווסק — ספּאַסק — אוסורייִסק — ווּלאַדיוואָסטאָק — וואָלאָטשײַעווקע — ביראָבידזשאַן.

פֿאַר דער צײַט האָבן די סטודענטן־טוריסטן זיך באַגעגנט מיט אָנטיילנעמער פֿונעם בירגערקריג, מיט שלאַכטלײַט פֿון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, מיט די העלדן־גרענעצלער פֿונעם אינדזל דאַמאַנסקי.

צום דורכקוק „אַלאָ, מיר זוכן טאַלאַנטן“

דער זעלבסטטעטיקער כאָר־קאָלעקטיוו פֿונעם לענינער ראַיאָן פֿון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, אין וועלכן עס באַטייליקן זיך מעלקערנס פֿונעם דאָרף טשורקי, האָט זיך אײַנגעשלאָסן אינעם אַלפֿאַרבאַנדישן דורכקוק „אַלאָ, מיר זוכן טאַלאַנטן“. דער כאָר־קאָלעקטיוו פֿילט אויס דעריקער לידער פֿון די פֿעלקער פֿון פּססר, מיט וועלכע ער וועט אינגיכן אַרויסטרעטן דורך דער כאַבאַראָווסקער טעלעוויזיע.

איינע פֿון די שענסטע גאַסן אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן איז די שאָלעם־אַליכעם־גאַס.
אין די ערשטע שטאָקן פֿון די פֿילגאָרנדיקע מויערן זײַנען אויסגעשטאַט מאַגאַזינען, גאָרקיכן, קאַפֿע־לאָקאַלן, אַטעליע.
אויפֿן בילד: נײַע הײַזער אויף דער שאָלעם־אַליכעם־גאַס.

הערש רעמעניק

מענדעלע מויכער-ספֿאָרים און שאָלעם-אַלייכעם

1. שאָלעם־אַלייכעם וועגן מענדעלען

וועגן דער ווירקונג פון מענדעלע מויכער־ספאָרים אף שאָלעם־אַלייכעמען, וועגן די אַלגעמיינע שטריכן אין דער שאַפונג פונעם „זיידן" מענדעלע און דעם „אייניקל" שאָלעם־אַלייכעם איז שוין אָנגעשריבן ניט ווייניק. אין אָט דער פראגע זײַנען ביז איצט ניט געווען קיין מיינונגס־פארשיידנהײַטן. די פאָרשער און ליטעראטור־היסטאָריקער פון אלע לאַגערן און ריכטונגען ביז און נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, בא אונדז און אין אויסלאנד האלטן, אַז שאָלעם־אַלייכעמס שאפונג איז אַן אָרגאנישע פאָרזעצונג פון מענדעלע מויכער־ספאָרימס שאפונג.

אָט די איינמוטיקע מיינונג וועגן דעם אָרט פון ביידע קלאסיקער אין דער נייער ייִדישער ליטעראטור האָט זיך פארפעסטיקט אדאנק שאָלעם־אַלייכעמען. ער האָט ניט בלויז דערקלערט מענדעלען פארן „זיידן פון דער ייִדישער ליטעראטור", נאָר אין פארלויף פון זײַן גאנץ לעבן און שאפן גערופן די ייִדישע „שרײַבער זיך לערנען באם „זיידן". אין שאָמערס מישפעט" און אין דער ארטיקלען־סעריע „דער דאלעס אין די בעסטע ווערק פון אונדזערע פאָלקס־שריפטשטעלער" האָט שאָלעם־אַלייכעם באזונדערס אונטערגעשטראָכן די באדײַטונג פון מענדעלע מויכער־ספאָרים פאר דער ייִדישער ליטעראטור:

„צו זײַן א פאָלקס־שרײַבער, דארף מען זײַן א טאַלאנטפולער שרײַבער און א פאטריאָט, א מענטשן־פרײַנט, מע דארף ליב האָבן דאָס פאָלק, זײַן דעם געטרײַ, איבערגעגעבן און ליב האָבן, ווי אבראמאָוויטש"[1].

פאטריאָטיזם, הומאניזם און פאָלקסטימלעכקײַט — דאָס זײַנען די הויפט־אידייען פון מענדעלעס שאפן,

[1] שאָלעם־אַלייכעם. „שאָמערס מישפעט". בערדיטשעוו, 1888.

וועלכע שאָלעם־אַלייכעם רעקאָמענדירט אלס פראָגראם פאר דער גאנצער ייִדישער ליטעראטור.

מיט אָט די אידייען איז פארבונדן שאָלעם־אַלייכעמס סאָציאַלער שטאנדפונקט אף דער ליטעראטור, וועלכע דארף, לויט זײַן מיינונג, שטעלן אין צענטער פון דער שילדערונג די סאָציאַל־פארשטויסענע און דערנידעריקטע שיכטן פון דער הײַנטצײַטיקער געזעלשאפט:

„באשרײַבן דעם נידעריקן קלאס, געבן בילדער פון די קראנקע, הונגעריקע, געדריקטע, אָרעמע, עלנטע, באליידיקטע, אומגליקלעכע לײַט, אויסמאָלן דעם דאַלעס — אָט דאמיט פארנעמען זיך אָפט די בעסטע שרײַבער פון דער וועלט, און נאָך מער פארנעמט דער דאלעס אַן אָרט בא אונדזערע ייִדישע פאָלקס־שריפטשטעלער"[1].

שאָלעם־אַלייכעמס אידייען וועגן ליטעראטור, זײַנע עסטעטישע אָנשויונגען האָבן זיך דערהויבן צו דעם ניוואָ פון דער רוסישער און מײַרעוו־אייראָפּעישער פאָרגעשריטענער עסטעטיק.

פרידריך ענגעלס האָט געשריבן אינעם ארטיקל „די קאָנטינענטאלע איניאָנים" וועגן א „פולשטענדיקער רעוואָליוציע" אין דער אייראָפּעישער ליטעראטור פון יענער צײַט: „דאָס אָרט פון קיניגן און פרינצן, וועלכע זײַנען פריער געווען די העלדן, הייבט אָן פארנעמען דער אָרעמאן, דער פארשטויסענער קלאס, וועמעס לעבן און גורל, נויט און ליידן איז דער אינהאלט פון די ראָמאנען... דאָס איז די נײַע ריכטונג פון אזעלכע שרײַבער, ווי זשאָרזש סאנד, עזשען סיו און דיקענס. דאָס איז אָן סאָפעק דער גײַסט פון דער צײַט"[2].

שאָלעם־אַלייכעם וואריִרט קימאט די ווערטער פון ענגעלסן וועגן דעם „נידעריקן" אָדער „פארשטויסענעם" קלאס אין דער ליטעראטור. מענדעלען האָט שאָלעם־אַלייכעם דערקלערט אלס דעם וועגווײַזער פון דער ייִדישער ליטעראטור פאר דער וואָרהאפטיקער

[1] בײַלאגע צו „יודישעס פאָלקסבלאט", 1888.

[2] ק. מארקס און פ. ענגעלס. ווערק, ב. 1, ז. 542.

שילדערונג פונעם ייִדישן דאַלעס: „מיר האָבן אויסגעקליבן דאָס ביכעלע „פישקע דער קרומער“, דאָס קלענסטע פון אַלע ווערק פון אונדזער גרעסטן זשאַרגאָניסט, ווײַל אָט דאָס קליינע ביכעלע איז אינגאַנצן איבערגעגעבן דעם ייִדישן דאַלעס, עס פאַרנעמט זיך אויסשליסלעך נאָר מיט יענע קאַפּצאָנים, וואָס מע רופט זיי בײַ אונדז „שלעפּערס“, — מיט איינעם וואָרט, דאָס איז די מײַסע פון ייִדישע אָרעמעלײַט“[1].

דער דאַלעס אַלס צענטראַלע טעמע פון דער ליטעראַטור איז פאַר שאָלעם־אַליי׳כעמען געווען אַ פּרינציפּיעלע פראַגע פון פאָרזעצן אַ באַשטימטע טראַדיציע, די טראַדיציע פון מענדעלע מוכר־ספרים, וועלכער האָט פאַר זײַנע אויגן געזען די „אַלטע ייִדישע טאָרבע“. פון די 60־ער יאָרן אָן איז די דאַלעס־פּראָבלעם אַרויסגערוקט געוואָרן אין צענטער פון דער דעמאָקראַטישער ליטעראַטור. אין דער רוסישער פאָרגעשריטענער ליטעראַטור איז דאָס געווען די פּויערים־פּראָבלעם, דער „מוזשיק“, אין דער ייִדישער — דער דאַלעס, דאָס לעבן פון דער אָרעמשאַפט.

און דאָס איז געווען ניט צופעליק. די אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם און דער איבערפלעכטונג מיט שטאַרקע רעשטן פונעם פאַרצײַטיקן מיטלאַלטער און פריציש־קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע האָבן געשאַפן אין דער ייִדישער סוויווע מאָדנע־מעשונעדיקע דערשײַנונגען פון דעקלאַסירונג און פּאַופּעריזאַציע, שוידערלעכע פאַראָרעמונג און דאַלעס פון די ייִדישע מאַסן, רויִנירונג פון גאַנצע מענגעס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. די אַלטע ייִדישע פּרנסות און באַשעפטיקונגען, וועלכע זײַנען געווען פאַרבונדן מיט דער פריציש־לײַבאייגנטימערישער עקאָנאָמיק, זײַנען אַרויסגעשטויסן געוואָרן. מאַסנווײַז האָט זיך אַ לאָז געטאָן די ייִדישע אָרעמשאַפט פון די שטעטלעך אין פאַרשיידענע ריכטונגען צו זוכן מיטלען דורכצולעבן זיך.

ווען מענדעלע, לינעצקי, קאָוונער האָבן גערעדט און געשריבן וועגן דאַלעס, איז דאָס געווען ניט קיין פאַנטאַזיע, ניט קיין אויסטערלישער קאַפּריז פון אַ שרײַבער אַ קוק צו טאָן דעם „דנאָ“ פון דער געזעלשאַפט, ניט קיין קוויקעניש מיט עקזאָטיק. דאָס איז געווען די ביטערעווירקלעכקײַט, די שוידערלעכע רעאַליטעט. ווער עס האָט געוואָלט שילדערן דאָס רעאַלע לעבן פון די מאַסן, האָט ניט געקאָנט פאַרבײַגיין די פּראָבלעם פון דאַלעס.

שאָלעם־אַליי׳כעם האָט דער ערשטער פעסטגעשטעלט די פאַרבינדונג פון מענדעלעס „פישקע דער קרומער“ מיט וויקטאָר הוגאָס „דער מענטש, וואָס לאַכט“. דאָס אַלגעמיינע אין ביידע ווערק באַשטייט, לויט שאָלעם־אַליי׳כעמס מיינונג, אינעם הומאַניסטישן מיטגעפיל צו די ליידן פונעם דערשלאָגענעם, פאַרשטויסענעם מענטשן. שאָלעם־אַליי׳כעם שרײַבט: „קעדיי אַרײַנדרינגען אין דער נשמה פון אַזאַ באַשעפעניש, ווי דאָס האָרבאַטע מיידל, וואָס ווערט געשילדערט בײַ אַבראַמאָוויטשן, דאַרף מען זײַן אַ גרויסער פּאָעט און אַן עמעסער פּסיכאָלאָג. ווער עס האָט געלייענט דאָס ווערק פונעם באַרימטן פראַנצויזישן פּאָעט וויקטאָר הוגאָ „דער מענטש, וואָס לאַכט“, דער האָט געמוזט דערפילן די דערהויבענע באַגײַסטערטע ליבע פון דער אָרעמער בלינדער דעאַ. דאָס הייליקע געפיל פון ליבע, אָט די געטלעכע מאַטאָנע, קאָן באַהערשן יעדן מענטשן, קאָן אַרײַנדרינגען אין יעדער הייס האַרץ, וואָס איז נאָך ניט אָפגעקילט געוואָרן אין אײַזקאַלטן שטראָם פון לעבן“.

שאָלעם־אַליי׳כעם לויבט מענדעלען פאַר רעאַליסטישער וואָרהאַפטיקער שילדערונג, פאַר זײַן מײַסטערהאַפטער טיפּיזירונג און פאַראַלגעמיינערונג פון געשטאַלטן, פאַר טיפער אידייִשקײַט און פאַר עכט־קינסטלערישן שפּראַך־סטיל. ער גאַפט פון מענדעלעס „פישקע דער קרומער“, „פונעם דאָזיקן קליינעם ביכעלע, אין וועלכן יעדעס בלעטל איז אַ באַזונדערע באַשרײַבונג, יעדע פּערזאָן איז אַ באַזונדערער טיפּ, און יעדע שורע, יעדעס וואָרט איז געוויגן און געמאָסטן, דען אין זשאַרגאָן איז אַבראַמאָוויטש דער איינציקער סטיליסט, די געדאַנקען קומען אויס בײַ אים הויך פילאָסאָפיש, טאָמיד מיט אַ מיין און מיט אַ ווונק, די ווערטער געשליפן און געפײַלט און פעסט געשלאָסן, האַרמאָניש און איבערהויפּט ייִדיש...“[1] און צום סוף פון זײַן אַרטיקל רופט אויס שאָלעם־אַליי׳כעם מיט באַגײַסטערונג, אַז מענדעלע מוכר־ספרים איז „דער פאָטער פון אַלע ייִדישע שרײַבער, אונדזער איינציקער אומשטערבלעכער אַבראַמאָוויטש“.

2. דאָס אַלגעמיינע אין דער שאַפונג פון מענדעלען און שאָלעם־אַליי׳כעמען

צווישן מענדעלען און שאָלעם־אַליי׳כעמען איז פאַראַן פיל אַלגעמיינס. פריִער פאַר אַלץ לאָזט זיך פעסטשטעלן די איינהײַט פון אידייִש־פילאָסאָפישע און סאָציאַל־היסטאָרישע אָנשויונגען בײַ ביידע קלאַסיקער.

פאָלקסטימלעכקײַט און רעאַליזם זײַנען די יעסוידעס פון מענדעלעס און שאָלעם־אַליי׳כעמס שאַפונג. די פאָלקסטימלעכקײַט פון די גרויסע שרײַבער דריקט זיך אויס אין זייער איבערגעגעבנקײַט און ליבע צו די פאָלקסמאַסן, וועלכע ווערן דערשלאָגן און אונטערדריקט פון די גווירים, די באַלעגופים, קלעריקאַלן און טשינאָווניקעס.

די סאָציִאַלע קאָנפליקטן און צוזאַמענשטויסן צווישן אָרעם און רײַך פאַרנעמען דעם צענטער אין דער שאַפונג פון ביידע קלאַסיקער. די הויפּט־העלדן אין זייערע ווערק זײַנען, פון איין זײַט, די פאָרשטייער פון די פאָלקסמאַסן, אָרעמעלײַט, דערנידעריקטע און באַליידיקטע; פון דער צווייטער זײַט — אונטערדריקער פון די מאַסן. מענדעלעס דערציילונג „דאָס קליינע מענטשעלע“, ווו עס ווערט געשילדערט אַ גוויר, אַ האַרצלאָזער עקספּלואַטאַטאָר פון דער אָרעמשאַפט אין דער עפּאָכע פון ביז דער פּויערים־רעפאָרמע, רופט זיך איבער מיט שאָלעם־אַליי׳כעמס ראָמאַן „סענדער בלאַנק“, אין וועלכן עס ווערט סאַטיריש אויסגעלאַכט אַ גוויר פון דער נײַער פאָרמאַציע, אַ ייִדישער קיטקיטש אין דער עפּאָכע פון נאָך דער פּויערים־רעפאָרמע; מענדעלעס סאַטירישע פּיעסע „די טאַקסע“, וואָס איז אַ שאַרפער קעמפערישער פּאַמפלעט, געווענדט קעגן די אונטערדריקער פון דער אָרעמשאַפט,

[1] בײַלאַגע צו „יודישעס פאָלקסבלאַט“, 1888.

[1] דאָרטן.

קעגן קאָהאָל־פירער אין פעריאָד ביז דער פויערים־רעפאָרמע, האָט פיל געמיינזאַמס מיט שאָלעם־אַלייכעמס סאַטירישער פּיעסע „יאַקנעהאָז“, אין וועלכער עס ווערן געמאָלט די עקלהאַפטע פיזיאָנאָמיעס פון די ספּעקוליאַנטן אויף דער קאַפּיטאַליסטישער בירזשע. דאָס געשטאַלט פון מענאַכעם־מענדלען, ווי עס איז שוין באַמערקט געוואָרן אין דער קריטיק, האָט אין זיך פיל קרויוויִשעס לויטן כאַראַקטער און לויטן סאָציאַלן טאָך מיט די געשטאַלטן פון ביניאָמין דעם דריטן און רעב אַלטערן בא מענדעלען.

דער „זיידע“ און דאָס „אייניקל“ שילדערן אין זייערע ווערק איינע און די זעלבע סאָציאַלע סוויווע — דאָס ייִדישע שטעטל פונעם „טכום“ אין צאַרישן רוסלאַנד פון דער מיט פון XIX יאָרהונדערט (בא מענדעלען) און פונעם אָנהייב פון XX יאָרהונדערט (בא שאָלעם־אַלייכעמען).

די שאַפונג פון ביידע קלאַסיקער און גרונטלייגער פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור איז קרויוויש אויך לויט זייער קינסטלערישן מעטאָד פונעם קריטישן רעאַליזם. די קריטיק פון סאָציאַלן בייז, פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן אומרעכט באַם קאַפּיטאַליזם דערנענטערט שטאַרק מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען. ביידע פאָלקסשרײַבער פאַרייניקט ניט בלויז רעאַליזם און וואָרהאַפטיקייט אינעם שילדערן דאָס לעבן, נאָר אויך און דעריקער די קריטיק פון דער ווירקלעכקייט, דאָס אַנטפּלעקן און אַרויספירן אויף דער ליכטיקער שײַן דאָס סאָציאַל־פאַרקריפּלטע און עקלהאַפטע דורך דעם קאָמישן. אויסלאַכנדיק די נעגאַטיווע דערשײַנונגען אין לעבן, אין דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, אינעם מענטשלעכן כאַראַקטער, די אָפּגעשטאַנענקייט און פאָרורטיילן אינעם שטייגער, האָבן מענדעלע און שאָלעם־אַלייכעם פאַרורטיילט דאָס פאַרעלטערטע און אָפּגעלעבטע און שוין דערמיט גערופן צום נײַעם.

עס דאַרף באַזונדערס אָפּגעמערקט ווערן די סאַמע ענגע און אָרגאַנישע פאַרבינדונג פון די ייִדישע קלאַסיקער מיט דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור, מיט דער עסטעטיק פון דער רוסישער דעמאָקראַטישער קריטיק פון בעלינסקין, טשערנישעווסקין, פּיסאַרעוון. אין מענדעלעס און שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג איז באַזונדערס שטאַרק די ווירקונג פון דער רוסישער סאַטירישער און הומאָריסטישער ליטעראַטור פון גאָגאָלן, נעקראַסאָוון, שטשעדרינען, אָסטראָווסקין, גלעב אוספּענסקין און טשעכאָוון.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, מענדעלע און שאָלעם־אַלייכעם זײַנען מיט זייער גאַנצער שאַפונג פאַרבונדן פריִער פאַר אַלץ מיט דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע פון דער ליטעראַטור אויף ייִדיש און אויף העברעיִש, מיט דער ביבלישער טראַדיציע פון אַלטערטום, מיט דער טאַלמודישער טעאָלאָגיש־פילאָסאָפישער און קינסטלערישער ליטעראַטור פון מיטלאַלטער, מיט דער ייִדישער מיטאָלאָגיע, ייִדישע לעגענדעס, ייִדישן פאָלקלאָר, מיט דער גאַנצער קולטור פונעם ייִדישן פאָלק, וואָס איז געשאַפן אין פאַרלויף פון דרײַ מיט א האַלבן טויזנט יאָר. נאַציאָנאַלע טראַדיציעס פון דער ייִדישער קולטור פילן זיך בולעט אין אַלע ווערק, אין דער גאַנצער שאַפונג פון מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען, אין זייער סטיל, אין רייד־סיידער, אין דער דורכויס אָריגינעלער סטרוקטור פונעם זאַץ, אין דעם לעקסישן באַשטאַנד פון דער שפּראַך, אין דער פּאָעטיק און אין דער קינסטלערישער טראַנספאָרמאַציע פונעם פאָלקלאָר. די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, די נאַציאָנאַלע קולטור און די נאַציאָנאַלע געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק — דאָס איז דער יעסאָד פון מענדעלעס און שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן. די גרויסקייט פון די ביידע קלאַסיקער באַשטייט טאַקע דערין, וואָס זיי האָבן קינסטלעריש פאַרקערפּערט אין א קלאַסישער פאָרם די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע שטריכן פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן.

אָבער, ווי אַלע עמעס גרויסע קינסטלער, זײַנען אונדזערע קלאַסיקער ניט געווען באַגרענעצט בלויז מיט דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע. זייער שאַפונג איז פאַרבונדן מיט דער גאַנצער טראַדיציע פון דער וועלט־ליטעראַטור, דער אייראָפּעיִשער און רוסישער.

אין XIX יאָרהונדערט האָט די ליטעראַטור אויף ייִדיש און העברעיִש זיך אַנטוויקלט הויפּטזאַכלעך אין רוסלאַנד. דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז נאָך דער דריטער צעטיילונג פון דער פּוילישער מעלוכע געוואָרן דער גרונט־צענטער, וווּ עס האָט געלעבט די מערהײַט ייִדישע באַפעלקערונג פון דער וועלט. דאָ אין רוסלאַנד האָט די ייִדישע קולטור (אויף ייִדיש און העברעיִש) זיך אַנטוויקלט אין די ענגסטע אָרגאַנישע פאַרבינדונגען און קאָנטאַקטן מיט דער רוסישער קולטור און ליטעראַטור. עס איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין די געשיכטע פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, אויב ניט נעמען אין אַכט די פאַרבינדונגען מיט דער רוסישער ליטעראַטור.

מענדעלע און שאָלעם־אַלייכעם, אַלס די סאַמע באַדײַטנדיקע קינסטלער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, האָבן געשאַפן ברייטע בילדער פונעם ייִדישן פאָלקסלעבן אין פאַרלויף פון דער צווייטער העלפט פונעם XIX און פון די ערשטע יאָרצענדליקער פונעם XX יאָרהונדערט, ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. זיי זײַנען ניט בלויז די קינסטלער, נאָר די סאָציאָלאָגן, היסטאָריקער, דענקער פון אָט דער עפּאָכע. אָן זייערע ווערק וואָלט מען ניט געקאָנט זיך שאַפן א פאַרשטעלונג וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין רוסלאַנד. און אַזעלכע בילדער האָבן זיי געקאָנט שאַפן דערפאַר, וואָס זייער שאַפונג איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן רוסישן לעבן און מיט דער רוסישער ליטעראַטור.

3. פאַרזעצונג פון טראַדיציע און נײַע טראַדיציע

ווען עס גייט א רייד וועגן שעפער פון אַזאַ מאַסשטאַב, ווי מענדעלע מויכער־ספאָרים און שאָלעם־אַלייכעם, אינטערעסירט דעם ליטעראַטור־היסטאָריקער סײַ דאָס געמיינזאַמע בא ביידע שרײַבער, סײַ דאָס, וואָס אונטערשיידט זיי איינעם פונעם צווייטן. איך האָב שוין גערעדט וועגן דעם, אַז דאָס קרויוויִשע אין דער שאַפונג פון ביידע קלאַסיקער איז פעסטגעשטעלט אין דער ליטעראַטור־געשיכטע. דעריבער שטעלט מיט זיך פאָר א מער באַדײַטנדיקן אינטערעס דאָס נײַע, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט אַרײַנגעטראָגן אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין פאַרגלײַך מיט מענדעלען. ווײַל גראָד אָט די פּראָבלעם איז ווייניקער אויסגעפאָרשט. נאָך מער. אייניקע ליטעראַטור־היסטאָריקער, באַזונדערס אין אויסלאַנד,

זײַנען געניײגט צו באַטראַכטן שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג ניט מער ווי אַ מין אייגנאַרטיקע, זאָל זײַן אַפילע גענויִאַלע, איבערכאַזערונג פון מענדעלען, און אַנדערע דערגייען אַפילע ביז אַבסורדאַלע באַהויפּטונגען, אַז אין געביט פון שפּראַך, לעמאָשל, איז שאָלעם־אַלייכעם אַפילע אַ צוריקטראָט אין פאַרגלײַך מיט מענדעלען. דער, ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער שלוימע ביקל האָט געשריבן:

„די שאָלעם־אַלייכעמישע נאַטור־סטיכיי מיט אירע טויזנטער פאַרפּירערישע רייצן האָט אַזויאַרום אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו צום טייל אַ טעל געמאַכט פון מענדעלעס געזונטער און פרוכטבאַרער קולטור־האָרעוואַניע — פון זײַן יִדיש־נוסעך. פאַר אונדזער שפּראַך־באַלעבאַטישקײַט וואָלט עפּשער דערפאַר נאָך איצט געווען נייטיק און פּאַסיק אוועקשטעלן אַ וואָרענונג־צייכן: היט אײַך פאַר שאָלעם־אַלייכעמס לאָשן!“[1]

די פּראָבלעם באַקומט אַן אַקטועלע ליטעראַטור־היסטאָרישע באַדײַטונג. עס האַנדלט זיך וועגן וויכטיקע פראַגן פון ליטעראַטור־געשיכטע, וועגן דעם אָרט און וועגן דער באַדײַטונג פון די גרונטלייגער פון דער נײַער יִדישער ליטעראַטור.

שאָלעם־אַלייכעם און מענדעלע מויכער־ספאָרים האָבן אָנגעהויבן זייער ליטעראַרישע טעטיקײַט אויף העברעיִש, נאָר זיי זײַנען ביידע גיך אַריבער צו שרײַבן יִדיש. מענדעלע איז אָבער מער פאַרבונדן מיט העברעיִש, ווי שאָלעם־אַלייכעם. דאָס ערשטע בעלעטריסטישע ווערק זײַנס „למדו היטב“ („לימדו הייטייוו“ — „לערנט גוט“) איז אָנגעשריבן אויף העברעיִש. לויט דער איינמוטיקער אָנערקענונג פון די ליטעראַטור־היסטאָריקער, האָבן מענדעלעס ווערק געשאַפן אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור. מיט זײַן בעלעטריסטיק און מיט זײַנע ליטעראַריש־קריטישע אַרויסטרעטונגען („משפט שלום“, 1860, און „עין משפט“, 1867) האָט ער דערנעענטערט די העברעיִשע שפּראַך צו דער גערעדטער פאָלקסשפּראַך — יִדיש; דערמיט האָט ער באַדײַטנדיק אויפגעלעבט העברעיִש.

מענדעלע מויכער־ספאָרים איז געווען אַ טיפּישער אויפקלערער פון די 60־ער און 70־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, פון דער שטורעם־ און דראַנג־עפּאָכע אין דער רוסישער געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער באַוועגונג. ער איז געווען פאַרכאַפּט מיט די דעמאָקראַטישע אידייען פון יענער צײַט און ער האָט געשטרעבט מיט זײַן ליטעראַרישער שאַפונג מיטהעלפן דעם קאַמף פאַר איבערגעשטאַלטיקן, רעפאָרמירן דאָס לעבן פונעם פאָלק. ער איז געווען פול מיט גלויבן אין ווידערגעבורט און סאָציִאַלן אויפשטײַג פון רוסלאַנד.

און קעדיי צו ווערן אַ רעפאָרמאַטאָר פונעם פאָלקסלעבן, האָט אַבראַמאָוויטש פאַרלאָזט די רײַכע העברעיִשע שפּראַך מיט אירע אַלטע טויזנטיאָריקע טראַדיציעס און האָט אָנגעהויבן צו שאַפן אויף יִדיש; אויף אָט דער שפּראַך איז אים באַשערט געווען צו ווערן דער גרונטלייגער פון דער קלאַסישער ליטעראַטור שוין ניט אַלס אַבראַמאָוויטש, נאָר אַלס מענדעלע מויכער־ספאָרים.

[1] שלוימע ביקל. דעטאַלן און סאַכאַקלען. ניו־יאָרק, 1943, ז. 21 — 22.

גאָר אַנדערש איז געווען שאָלעם־אַלייכעמס אַנטוויקלונג. ער איז ניט דער פאָרשטייער פון די 60־ער יאָרן, נאָר פון די 80־ער. דאָס איז געווען אַן אַנדער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד. די 80־ער און 90־ער יאָרן זײַנען די עפּאָכע פון שטורמישער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, וווּקס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, פאַרברייטערונג פון דער מאַסן־באַזע אין געזעלשאַפטלעכן קאַמף. דאָס איז געווען דער דריטער עטאַפּ פון דער באַפרײַונגס־באַוועגונג אין רוסלאַנד, ווען דער אָנפירער פונעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף איז געוואָרן דער אַרבעטער־קלאַס. אין דער יִדישער סוויווע קאָן מען די דאָזיקע פּראָצעסן זען גאַנץ דײַטלעך. די פּאָליטישע רעאַקציע און די פּאָגראָמען האָבן אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון נאַציִאָנאַליזם — די כיבאָסציִען־באַוועגונג און ציִעניזם. צוזאַמען דערמיט אַנטוויקלט זיך ברייט די יִדישע אַרבעטער־באַוועגונג און עס פאַרשפּרייטן זיך ראַשיק די סאָציִאַליסטישע אידייען צווישן די יִדישע אַרבעטנדיקע. די דעמאָקראַטישע און סאָציִאַליסטישע קולטור אויף יִדיש, העברעיִש און רוסיש באַקומט אַלץ מער אַ מאַסן־כאַראַקטער.

מענדעלע און שאָלעם־אַלייכעם האָבן מיט זייער שאַפונג און מיט זייער ליטעראַרישער טעטיקײַט פאַרקערפּערט צוויי עטאַפּן אין דער געשיכטע פון דער נײַער יִדישער ליטעראַטור, וואָס זײַנען היסטאָריש פאַרבונדן צווישן זיך, נאָר וואָס שיידן זיך טיף אונטער איינער פונעם צווייטן.

און דערמיט איז באַשטימט אויך דער אונטערשייד צווישן דער שאַפונג פון מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען. מענדעלע מויכער־ספאָרים איז געווען אַן אויפקלערער, וועלכער איז נאָך ניט פאַרבונדן מיט די ברייטע מאַסן פונעם פאָלק. ער איז געווען אַ ראַציִאָנאַליסט, וועלכער איז זיכער, אַז סייכל און אויפקלערונג זײַנען די ראַדיקאַלע מיטלען צו דערגרייכן אַ פולשטענדיק גערעכטיקע סאָציִאַלע אָרדענונג. ער איז דעריבער אַרויסגעטראָטן ווי אַן אומראַכמאָנעסדיקער קריטיקער פון סאָציִאַלן בייז. מענדעלעס גרונט־מעטאָד איז געווען די סאַטירישע קריטיק פון דער ווירקלעכקײַט, די איראָנישע און סאַרקאַסטישע דעמאַסקירונג פון געזעלשאַפטלעכן אומרעכט. אין דעם איז באַשטאַנען די קראַפט פון מענדעלעס קונסט, און אויך די שוואַכקײַט. דער קעמפערישער כאַראַקטער פון מענדעלעס סאַטירע איז נאָך ניט געווען, אָדער, לעכאַהאַפּאָכעס, ווייניק געווען פאַרבונדן מיט דעם קאַמף פון די מאַסן. אין דעם זין האָט מענדעלע געטיילט דעם גוירל פון די רוסישע דעמאָקראַטישע שרײַבער פון די 60־ער יאָרן, וואָס זײַנען פול געווען מיט רעוואָליוציִאָנערער ענערגיע, נאָר זיי האָבן ניט געפילט הינטער זיך די קראַפט פון מאַסן־קאַמף. זיי האָבן דעריבער, באַנאַנד מיט רעוואָליוציִאָנערן אָפּטימיזם און גלויבן אין בעסערער צוקונפט, זיך געפילט איינזאַם אין זייער קאַמף און זײַנען געווען דורכגעדרונגען מיטן ביטערן געפיל פון פאַרוּרטיילטקײַט.

Жаль только, жить в эту пору прекрасную
Уж не придется ни мне, ни тебе.

(אַ שאָד, וואָס צו לעבן אין דער צײַט אָט דער שיינער
וועט שוין ניט אויסקומען ניט מיר און ניט דיר)

אזוי האָט געזונגען דער גרעסטער רעוואָליוציאָנערער פּאָעט פון יענער צײַט נ. א. נעקראַסאָוו. און ער טאַקע האָט אין א ליד, געווידמעט דאָבראָליובאָוון, געשריבן:

Учил ты жить для славы, для свободы,
Но более учил ты **умирать.**

(דו האָסט געלערנט לעבן צוליב פרײַהײַט,
נאָר מער געלערנט האָסטו, ווי צו ש ט א ר ב ן).

אין די אײַגנאַרטיקע נאַציאָנאַל־ייִדישע באַדינגונגען האָט מענדעלע מויכער־ספאָרים זיך אויסגעצייכנט מיט קעמפערישן אופברויז און מיט אופקלערערישן גלייבן אין דער אַלמעכטיקער קראַפט פונעם סייכל, אָבער אויך מיטן פעסימיסטישן באַוווסטזײַן פון מאַכטלאָזיקײַט קעגן דעם טריומפירנדיקן אומרעכט.

שאָלעם־אַלייכעם איז ניט געווען קיין אופקלערער. אין זײַן צײַט האָט די אופקלערונג שוין פאַרלוירן איר אַמאָליקן באַטײַט. שאָלעם־אַלייכעם איז געקומען ווי אַן אויסדריקער פון די אינטערעסן פון אזעלכע ברייטע מאַסן, וועגן וועלכע מענדעלע האָט אַפילע ניט געקאָנט טרוימען. אַלס ראַציאָנאַליסט, האָט מענדעלע ניט צוגעגעבן קיין גרויסע באַדײַטונג דער מיינונג און די אָנשויונגען פונעם „האַמוין". מיט זײַן שאַפונג האָט ער זיך אָריענטירט אף א שמאָלן קרײַז לייענער, וואָס האָבן דערגרייכט א העכערע שטופּע פון קולטור און בילדונג. „א שיינער משא ומתן (מאַסע־אומאַטן), כלעבן, וואָלט געווען פאַר מיר, — האָט מענדעלע געשריבן צו שאָלעם־אַלייכעמען, — ווען איך זאָל באַם שרײַבן מיך געווען לאָזן פירן בא דער נאָז פונעם פּראָסטן עולעם, וואָס דער געשמאַק זײַנער איז פאַרדאָרבן און [וואָס] ווייסט ניט, משטיינס געזאָגט, פון זײַן כײַעס".

אזוי האָט געדענקט מענדעלע.

יאַקאָוו דינעזאָן האָט דעריבער געהאַט א גרונט צו שרײַבן, אַז „אויב מענדעלע מויכער־ספאָרימס „די קליאַטשע" און „יודל" זײַנען געוואָרן באַוווּסט, איז ניט צווישן פאָלק, נאָר צווישן זײַנע (מענדעלעס. — ה. ר.) כאַווײרים, מאַסקילים און מעכאַבערים אין לאַשנקוידעש. דאָס פאָלק קויפט זיי ניט און לייענט זיי ניט, און זעלבסט, ווען מע לייענט אים פאָר, פאַרשטייט איינער פון טויזנט, וואָס דערין האַנדלט זיך"[1].

גאָר אַנדערש האָט געדענקט וועגן אָט די פּראָבלעמען שאָלעם־אַלייכעם. אין זײַן פּראָגראַם־אַרטיקל „א בריוו צו א גוטנפרײַנט" איז שאָלעם־אַלייכעם אַרויסגעטראָטן ווי א הייסער אָנהענגער פון א נײַער ליטעראַטור, וואָס איז הויך קינסטלעריש און אין דער זעלבער צײַט הויך אידייִש און צוגענגלעך פאַר די פאָלקסמאַסן, וועלכע דאַרפן ווערן די הויפּט־העלדן פון דער ליטעראַטור און אירע הויפּט־געברויכער. „איך שרײַב מײַנע ראָמאַנען, — האָט ער פּראָקלאַמירט, — פאַרן האַמוין־אַם, דאָס הייסט פאַר אזא מין עולעם מענטשן, וואָס זײַנען נאָך פרעמד פון הויכע געדאַנקען, אָדער, ווי מע רופט דאָס אָן, „אידייען". פריִער, איידער מע זאָל זיי פאָרשטעלן דורך א דערציילונג הויכע אידייען, מוז מען זיי באַקאַנט מאַכן ביסלעכווײַז מיט אַלע מאַדרייגעס פון דעם לייטערל, וועלכעס פירט אונדז גלײַך אין יענעם וועלטל, וואָס

[1] זע מ. ספּעקטאָרס „הויזפרײַנד", 1889.

ווערט אָנגערופן „פּאָעזיע"... שרײַבנדיק פאַרן פאָלק און ריידנדיק מיט אים אף זײַן שפּראַך, מוז מען אים געבן אזעלכע בילדער און פאָרשטעלן אים אזעלכע פאַרשוינען, וואָס זײַנען אים גוט באַקאַנט, דאָס הייסט, די העראָיען דאַרפן זײַן גענומען פון זײַן ספערע, דאָס הייסט פון זײַן גראַד, טאַקע פונעם פאָלק אַליין. און ווער עס איז באַקאַנט מיט אונדזער פאָלק, דער ווייסט, אַז העלדן געפינען זיך צווישן אונדזער האַמוין־אַם א סאַך מער, אַלס בא די העכערע קלאַסן"[1].

אין א פאַרשטעלטער פאָרם פּאָלעמיזירט דאָ שאָלעם־אַלייכעם מיט מענדעלע מויכער־ספאָרימען און י.־ל. פּערעצן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אין אָט די פראַגן בא אַנדערע עסטעטישע אָנשויונגען. שאָלעם־אַלייכעמס עסטעטיק איז געווען נײַ פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור פון יענער צײַט. לויטן ניוואָ פון זײַן עסטעטישער און טעאָרעטישער בילדונג, לויט זײַן ערודיציע אין פראַגן פון דער רוסישער און מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראַטור איז שאָלעם־אַלייכעם אַוועק ווײַטער פון די ייִדישע שרײַבער פון זײַן צײַט. דעריבער האָט ער ניט מוירע געהאַט, אַז מע וועט אים באַשולדיקן אין האָבן קלענערע פאָדערונגען צום קינסטלערישן שאַפן. מיט אַרויסרוקן אזעלכע באַשולדיקונגען פאַרנעמט זיך די וווּלגאַרע קריטיק ביז הײַנטיקן טאָג, ניט זײַענדיק בעקויעך צו באַנעמען דעם טאָך פון שאָלעם־אַלייכעמס אופטו פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור.

שאָלעם־אַלייכעם האָט פאַרשטאַנען, אַז אָן די ברייטסטע פאָלקסמאַסן, בלויז מיט אופקלערונג אָדער האַסקאָלע, וועט די ליטעראַטור ניט אויספילן אירע אופגאַבן אינעם נײַעם היסטאָרישן פּעריאָד. און ער האָט אָנגעהויבן אין א ברייטן מאַסשטאַב צו פירן דעם קאַמף פאַר א נײַער, ניט בלויז אופקלערערישער, ליטעראַטור פון הויכע אידייען, וועלכע רעגן און רופן דאָס פאָלק אף נײַע וועגן. דעם דאָזיקן קאַמף האָט ער אַלס קינסטלער געפירט מיט זײַנע נאָוועלן, ראָמאַנען און פּיעסן; אַלס קריטיקער און טעאָרעטיקער — מיט זײַנע ליטעראַריש־קריטישע אַרויסטרעטונגען; אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון דער ליטעראַטור — מיט זײַן יאָרבוך „די יודישע פאָלקסביבליאָטעק".

שאָלעם־אַלייכעמס היסטאָרישער פאַרדינסט באַשטייט דערין, וואָס ער האָט פאַרייניקט די ליטעראַטור מיטן פאָלק און האָט אופגעהויבן די ייִדישע ליטעראַטור אף אזא הייך, וואָס זי האָט ניט דערגרייכט ביז אים; זײַן אופטו קאָן פאַרגלײַכט ווערן מיט פּושקינס אופטו אין דער רוסישער ליטעראַטור.

אונטער דער ווירקונג פון מענדעלע מויכער־ספאָרים האָט שאָלעם־אַלייכעם געהאַלטן דעם סאַטירישן מעטאָד פון שילדערן דאָס לעבן פאַר דעם סאַמע פּראָגרעסיוון. אָבער גאָר גיך האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז די סאַטירע איז שטאַרק דעריקער אין אָפּלייקענען, זי איז אָבער ניט גענוג פאַר אַלזײַטיקער שילדערונג פון פּאָזיטיווע דערשײַנונגען אין לעבן פונעם פאָלק. פאַר מענדעלען, דעם פאָרשטייער פון די זעכציקער יאָרן, איז די סאַטירע געווען דאָס בעסטע געווער אין קאַמף קעגן בייז. שאָלעם־אַלייכעם האָט אָבער ניט

[1] ש אָ ל ע ם־א ל ײ כ ע ם. „א בריוו צו א גוטנפרײַנט". „די יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק", ב. 2, קיִעוו, 1889, ז. 304 — 310.

בלויז געקעמפט קעגן בייז, נאָר געשטרעבט צו שאפן דאָס נײַע, פּאָזיטיווע אין לעבן. אין צענטער פון זײַן שאפונג זײַנען געשטאנען ניט די טרעגער פונעם בייז, די אונטערדריקער, נאָר די פאָלקסמאסן. ער האָט געוואָלט ווײַזן פאָלקס־העלדן, שעפערישע פאָלקס־מענטשן, פאָלקס־קינסטלער און אויך פּראָסטע, „קלייגע" גרויסע מענטשן, וועלכע לײַדן פון אונטערדריקונג, נאָר זײַנען קלוג אין זייער גרויסקײַט. ער האָט געוואָלט אי קריטיקירן, אי גלאָריפיצירן. די סאטירע איז געווען ניט גענוג צוליב דעם. ניט אָפּזאָגנדיק זיך פון געלעכטער, פונעם קאָמישן אינעם שילדערן דאָס לעבן, גייט שאָלעם־אלייכעם אריבער אין די נײַנציקער יאָרן פון סאטירע צו הומאָר אלס פולקומערן מעטאָד פון מאָלן די בילדער און פּראָצעסן פונעם לעבן. אינעם הומאָר האָט שאָלעם־אלייכעם געפונען דעם אוניווערסאלן שעפערישן מעטאָד. און דאָס איז געווען זײַן, שאָלעם־אלייכעמס, שעפערישער מעטאָד. מיט זײַן אומויסשעפּלעכן, ניט איבערגעשטיגענעם אין דער ייִדישער ליטעראטור זיגרײַכן הומאָר האָט שאָלעם־אלייכעם פארנומען אן אָנגעזעען אָרט אין דער וועלט־ליטעראטור. מיט זײַן הומאָר האָט ער זיך באפרײַט פון מענדעלעס ווירקונג און איז אוועק ווײַטער פון מענדעלען אף א נײַעם שניט און אף נײַע שעפערישע וועגן. אויב מענדעלע איז געווען דער מײַסטער פון דער סאטירישער מעניפּייע, איז שאָלעם־אלייכעם געוואָרן דער גאָען פון דער הומאָריסטישער עפּאָפּייע.

שאָלעם־אלייכעם איז אוועק ווײַטער פון מענדעלען אויך אין דעם שאפן מענטשלעכע געשטאלטן. ער האָט אומגעהייער פארברייטערט דעם טיפּאזש פון דער ייִדישער ליטעראטור, שאפנדיק א פילפארביקע גאַלעריי פון טיפּן און כאראקטערן, וועלכע פארקערפּערן אלע שיכטן פונעם ייִדישן פאָלק, פארטיפערנדיק די אינדיווידועלע פּסיכאָלאָגיע פון די העלדן. מענדעלע מויכער־ספאָרים איז א גרויסער מײַסטער פון טיפּיזאציע. נאָר מענדעלעס טיפּן, באזונדערס דאָס אמערסטן טיפּיזירטע געשטאלט פון ביניאָמין דעם דריטן, דערגרייכן אזא קראפט פון פאראלגעמיינערונג און סימבאָליזאציע פון זייער ווירקלעכקײַט און פון זייער עפּאָכע, אז זיי פארלירן וואָס ווײַטער אלץ מער די אינדיווידועלע שטריכן פון לעבעדיקע מענטשן, ווערנדיק פארוואנדלט אין מאָנומענטאלע דענקמעלער פון א סאָציאַלן סיידער, וואָס איז אף אייביק אוועק אין דער פארגאנגענהײַט; אָט דער מאָנומענט האָט שוין ניט קיין שײַכעס צום רעאלן לעבן פון די ווײַטערדיקע עפּאָכעס. שאָלעם־אלייכעם האָט ניט מיט קיין קלענערער קראפט פארקערפּערט אין זײַנע טיפּן און געשטאלטן דאָס לעבן פון זײַן צײַט; אָבער די דאָזיקע טיפּן האָבן ניט בלויז די קראפט פון פאראלגעמיינערונג, נאָר אויך די מעכטיקע קראפט פון אינדיווידואליזאציע. די דאָזיקע טיפּן און געשטאלטן האָבן דעריבער אײַנגעהיט זייער צויבער אויך אין די שפּעטערדיקע עפּאָכעס און אפילע אין אונדזער צײַט. איך האָב אינזינען אזעלכע געשטאלטן, ווי מענאכעם־מענדל, טעוויע, מאָטל (דאָס געשטאלט פונעם קינד), די באגאבטע פאָלקס־קינסטלער (סטעמפּעניו, יאָסעלע סאָלאָוויי, ראפאלעסקאָ, ראָזע ספּיוואק, גרישע סטעלמאך). די ווירקנדיקע דויערהאפטיקײַט פון אָט די טיפּן און געשטאלטן האָט ניט קיין גלײַכן צו זיך אין דער גאנצער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור.

שאָלעם־אלייכעם האָט געשאפן א נײַע קינסטלערישע שפּראך. דאָס איז די שפּראך פון די ברייטסטע פאָלקסמאסן, געניאַל אָרגאניזירט און טראנספאָרמירט דורך שאָלעם־אלייכעמען אין דער שפּראך פון קונסט.

שאָלעם־יאנקעוו אבראמאָוויטש האָט געשאפן א טיפּ פון א פאָלקס־דערציילער און שילדערער — מענדעלע מויכער־ספאָרים. שאפנדיק אָט דאָס געשטאלט, איז מענדעלע, מעגלעך, געגאנגען מיט גאָגאָלס וועג, וועלכער האָט אין די דערציילונגען „אָפּדערנאכטן אין כוטאָר לעבן דיקאנקע" געשאפן דאָס געשטאלט פונעם דערציילער רודי פּאנקאָ. באַם רוסישן שרײַבער איז דאָס אָבער געווען בלויז אן עפּיזאָדיש מיטל, ווען ער איז אָנגעקומען אין דער ליטעראטור. אָבער באַם ייִדישן שרײַבער האָט דאָס געשטאלט פונעם דערציילער מענדעלע, דעם מויכער־ספאָרים, אף שטענדיק ארויסגעשטויסן דעם אווטאָר אבראמאָוויטש, און אָט דאָס געשטאלט איז געוואָרן, בילדעריש גערעדט, דער גרונטלייגער פון דער ייִדישער קלאסישער ליטעראטור. דער פאָלקס־מאסקיל מענדעלע רעדט און דערציילט אין נאָמען פון די פאָלקסמאסן וועגן זייערע לעבנס־געשיכטעס און וועגן זייער שווערן גוירל.

שאָלעם־אלייכעם איז מיט אָט דעם וועג אוועק נאָך ווײַטער. דער דערציילער און דער שילדערער אין זײַנע ווערק איז געוואָרן דאָס פאָלק גופא, וואָס דערציילט אליין וועגן זיך אף זײַן פאָלקסשפּראך. אין שאָלעם־אלייכעמס ווערק האָבן די פאָלקסמאסן באקומען דאָס באשטימענדיקע וואָרט, אויסדריקנדיק דערמיט דעם טאָך פון דער נײַער עפּאָכע, ווען דאָס פאָלק איז געוואָרן די הויפּט־קראפט פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג, דער עמעסער דעמיורג פון דער געשיכטע.

4. די ליטעראטור אין דער אָפּשאצונג פון מענדעלען און שאָלעם־אלייכעמען

(ליגעצקי, גאָלדפאדען, דיק, שאָמער)

שאָלעם־אלייכעם האָט געקרוינט מענדעלען מיטן נאָמען „דער זיידע פון דער ייִדישער ליטעראטור". דערמיט איז אנערקענט געוואָרן זײַן היסטאָרישער פארדינסט פאר דעם פאָלק און דער ליטעראטור. דאָס ווייסן אלע. דאָס האָט אָבער אויך באטײַט, אז מענדעלע געהערט שוין דער פארגאנגענהײַט, דער געשיכטע. אף דעם לייגט מען געוויינלעך ניט קיין אכט. אָן דעם קאָן מען אָבער ניט פארשטיין די געשיכטע פון דער ליטעראטור, ריכטיק באשטימען דאָס אָרט און די באדײַטונג פון די קלאסיקער אין דער געשיכטע פון דער ליטעראטור. די אייניקלעך, גייענדיק נאָך די זיידעס, האָבן נײַע, אנדערע וועגן.

צווישן מענדעלען און שאָלעם־אלייכעמען זײַנען קימאט ניט געווען קיין שארפע קאָנפליקטן, וועלכע האָבן געקאָנט צעשטערן די פרײַנטלעכע באציִונגען צווישן זיי. אין דער פאָרשערישער און מעמואריסטישער ליטעראטור ווערן די באציִונגען צווישן ביידע שרײַבער געמאָלט ווי אידילישע. מענדעלעס טאָכטער

באדזשדא אבראמאָוויטש שרײַבט אין אירע זיכרוינעס:

„אז מע רעדט וועגן שאָלעם־אַלייכעמען, מוז מען דערמאָנען אויך מענדעלע מויכער־ספאָרימען, — אזוי ענג זײַנען זיי געווען פארבונדן צווישן זיך אין פאַרלויף פון א סאך יאָרן. זיי האָבן שטארק ליב געהאַט איינער דעם צווייטן, זייער גוט פארשטאנען איינער דעם צווייטן, און זייער גרויסע פרײַנטשאפט האָט געדויערט, אָנהייבנדיק פון די 80־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט ביז די לעצטע טעג פון זייער לעבן".

דאָס איז, אין אלגעמיין, ריכטיק. אָבער דערפון דרינגט ניט, אז צווישן אָט די ביידע שרײַבער זײַנען ניט געווען קיין מיינונגס־פארשיידנהײַטן. אזוינס איז קימאַט ניט מעגלעך, ווען עס גייט א רייד וועגן באַדײַטנדיקע שעפער. צווישן מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען זײַנען געווען מיינונגס־פארשיידנהײַטן איבער פראַגן פון ליטעראטור, און אף דעם באָדן — אויך רײַבונגען, וועלכע האָבן, עמעס, ניט געשטערט זייערע פרײַנטלעכע באַציִונגען, ווי דאָס איז געווען צווישן שאָלעם־אַלייכעמען און י.־ל. פּערעצן.

מענדעלע און שאָלעם־אַלייכעם האָבן זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן אין 1888, אָבער א בריוו־אויסטויש צווישן זיי האָט זיך אָנגעהויבן פריִער; דער דאָזיקער בריוו־אויסטויש גיט אינטערעסאנטן מאטעריאַל צו דער כאראקטעריסטיק פון ביידע שרײַבער.

שאָלעם־אַלייכעם האָט אָנגעשריבן דעם ערשטן בריוו צו מענדעלען אין 1884, אין צוזאמענהאנג מיטן 25־טן יאָרטאָג פון מענדעלעס ליטעראַרישער טעטיקײַט. אין יענער צײַט האָט שאָלעם־אַלייכעם געשטעלט זײַנע ערשטע טריט אין דער ליטעראטור; זײַנע דערציילונגען און לידער האָבן נאָך ניט צוגעצויגן צו זיך מענדעלעס אופמערקזאמקײַט. ערשט אין יאָר 1887, ווען עס זײַנען דערשינען „דאָס מעסערל" און „סענדער בלאַנק", האָט מענדעלע זיך פאַרינטערעססירט מיט זייער אַוטאָר.

דעם 20 יון 1888 שרײַבט מענדעלע אין א בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען: „אײַערע ספאָרים האָב איך נאָך לע"ע (לעסאַטע. — ה.ר.) נישט מעקאַבל געווען. זײַט זיכער, איך וועל זיי לייענען און אײַך שרײַבן מײַן מיינונג. לע"ע האָב איך נאָר געלייענט אײַערס אין דעם „הויזפרײַנד", און, נישקאָשע, ס'איז מיר געפעלן. מע זעט ערטערווײַז, אז אין דעם אייניקל רינט דעם זיידנס בלוט. מיט א קניפּ אין בעקעלע זאָג איך אײַך: א וואויל אייניקל, נישקאָשע! א האָפענונג צו גאָט, אז דער זיידע וועט פון אײַך אף דער עלטער גרויס נאכעס האָבן!.. אייניקלעך האָט דער זיידע זייער פיל, נאָר געראָטענע זייער ווייניק"[1].

גאָר אינגיכן, דעם 12 יול 1888, שרײַבט מענדעלע אין אן אנדער בריוו:

„אײַערע ספאָרים האָב איך אלע געלייענט. ס'איז דאָ צווישן זיי פיל זייער גוטע זאכן. „דאָס מעסערל" און „סענדער בלאַנק" זײַנען געוויס בעסער פון אלע. ווען איך זאָל האָבן צײַט, וואָלט איך באַאריכעס געשריבן א קריטיק וועגן זיי"[1].

און, עטוואָס פריִער, דעם 28 יון, 1888:

„ביכלאַל, זאָג איך אײַך, האָט דער זיידע גרויס טײַנעג פון זײַן אייניקל... איך וואָלט אײַך געראָטן קיין ראָמאַנען ניט צו שרײַבן. אײַער זשאַנער איז גאָר עפּעס אַנדערש. איר זענט דאָך (ווי איר זאָגט אליין) מײַן אייניקל. איר פארשטייט, וואָס דאָס הייסט?.. פארשטייט זשע טאַקע און פאָלגט דעם זיידן, וועט איר איה"ש (אימירצעשעם. — ה.ר.) זײַן א קיילע־שליימע. איבערהויפּט טויגן אלע יידישע ראָמאַנען אף קאַפּאָרעס. עס גלוסט זיך ברעכן פון זיי"[2].

מענדעלע האָט געהאַט א סמאך צו זײַן אומצופרידן מיטן צושטאנד פונעם ראָמאַן אין דער יידישער ליטעראטור פון יענער צײַט. מ. ספּעקטאָרס, י. דינעזאָנס און שאָמערס ראָמאַנען האָבן ניט געהאַט קיין גרויסע באַדײַטונג פאַר דער ליטעראטור פון די 80־ער יאָרן, אין אונדזער צײַט זײַנען זיי שוין פארגעסן און ווערן דערמאָנט בלויז אין די פאָרשונגען אָדער איבערזיכטן פון ליטעראטור־היסטאָריקער.

מע קאָן אָבער ניט מאַסקים זײַן מיט דער „גלאָבאַלער", ביז גאָר שטרענגער פארורטיילונג פונעם יידישן ראָמאַן ביכלאַל, וואָס קלינגט אזוי שאַרף אין מענדעלעס בריוו. שאָלעם־אַלייכעם האָט געהאַט אן אַנדער קוק אפן ראָמאַן. ער האָט געשטרעבט שאַפן א נײַעם ראָמאַן, וואָס זאָל פארבײַטן שאָמערס בולוואַר־ראָמאַן און ספּעקטאָרס מיט דינעזאָנס סענטימענטאַלן ראָמאַן. שאָלעם־אַלייכעם האָט טעאָרעטיש און עסטעטיש באַגרינדעט זײַן קוק אפן זשאַנער פונעם רעאַליסטישן פאָלקס־ראָמאַן אין זײַן „בריוו צו א גוטנפרײַנט", וועגן וועלכן איך האָב שוין פריִער גערעדט. מענדעלע איז געווען גערעכט, באַהויפּטנדיק, אז שאָלעם־אַלייכעמס גרונט־זשאַנער דאַרף זײַן ניט דער ראָמאַן, נאָר די נאָוועלע. דער „זיידע" איז געווען ווײַטזיכטיק, פאָרויסזעענדיק די גלענצנדיקע דערפאָלגן פונעם „אייניקל" אין נאָוועליסטישן זשאַנער. אָבער אויך די ראָמאַנען פון שאָלעם־אַלייכעמען האָבן אָפּגעשפּילט א באַדײַטנדיקע ראָליע אין דער געשיכטע פונעם יידישן ראָמאַן און זיי לייענען זיך נאָך איצט מיט אינטערעס ניט בלויז אף יידיש, נאָר אויך אין דער איבערזעצונג אף רוסיש און אנדערע שפּראַכן.

שאָלעם־אַלייכעמס קאָלאָריטפולע פיגור האָט אלץ מער צוגעצויגן צו זיך מענדעלעס אופמערקזאמקײַט. און, מעגלעך, שאָלעם־אַלייכעמס ליטעראַריש־קריטישע ארויסטרעטונגען האָבן ארויסגערופן בא מענדעלען ניט ווייניקער אינטערעס, ווי זײַן קינסטלערישע שאַפונג. און דאָס איז גאַנץ פארשטענדלעך. דער פּאַמפלעט „שאָמערס מישפּעט" און די סעריע אַרטיקלען וועגן דער דאָלעס־פּראָבלעם אין דער ליטעראַטור, „די יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק", די ראָמאַנען „סטעמפּעניו" און „סענדער בלאַנק", „דאָס מעסערל" און אנדערע שאָלעם־אַלייכעמס נאָוועלן זײַנען געווען אין צענטער פון דער ליטעראטור אין סאָף אכציקער יאָרן. אלע האָבן געזען, אז אין דער ליטעראטור איז געקומען א קינסטלער מיט א מעכטיקן טאַלאַנט, מיט א שטאַרקן ווילן און מיט א קלאָרן פארשטאַנד פאַר

[1] שריפטן. ערשטער באנד. קאַטעדרע פאַר יידישער קולטור בא דער אלוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. קיִעוו, 1928, ז. 254.

[1] דאָרטן, ז. 257.
[2] דאָרטן, ז. 255.

די וויכטיקע פראָבלעמען פון דער ליטעראטור. שאָלעם־אליכעם איז אין אָט דער צײַט געווען דער אידעאָלאָג, דער טעאָרעטיקער, אָרגאניזאטאָר און דער הערשער פון געדאנקען אין דער ייִדישער ליטעראטור. דאָס האָבן אנערקענט אי פערעץ, אי מענדעלע, אי ספעקטאָר, אי דינעזאָן, אלע ייִדישע שרײַבער אף ייִדיש, אף העברעיִש און אף רוסיש. אָבער דאָס באטײַט נאָך ניט, אז אלע זײַנען געווען מאסקים מיט אים. אין דער ליטעראטור קאָן ניט הערשן די מיינונג פון איין שרײַבער, אפילע פון אזא גאָען, ווי שאָלעם־אליכעם. און גראָד אין אָט דער צײַט זײַנען אופגעקומען מיינונגס־פארשיידנהײַטן צווישן מענדעלען און שאָלעם־אליכעמען. די מיינונגס־פארשיידנהײַטן האָבן געהאט א שײַכעס ניט בלויז צו דעם ייִדישן ראָמאן, נאָר צו אנדערע פראָבלעמען פון דער ליטעראטור אינגאנצן גענומען.

אין דעם שוין דערמאָנטן בריוו צו שאָלעם־אליכעמען דעם 28 יון 1888 האָט מענדעלע געשריבן: „איר האָט שלעכט געטאָן, וואָס אָנשטאָט מענדעלע מויכער־ספאָרים רופט איר מיך דאָרט אבראמאָוויטש און פאָרט מיך מיט אזעלכע, מיט וועלכע איך קער מיך נישט אָן. איך בעט אײַך, **ליבער אייניקל, פון הײַנט אָן לאָז דער** זיידע בא אײַך האָבן מער פאָנעם און נישט אופרופן אים עם כל הנערים"[1].

דאָ גייט א רייד וועגן דעם פאמפלעט „שאָמערס מישפעט", ווּ עס רעדט זיך וועגן „אזעלכע דרײַ ריזן, ווי אבראמאָוויטש, לינעצקי, גאָלדפאדען אין פוילן און אײַזיק־מייער דיק אין דער ליטע", וועגן „פיר גייגאנטן, גרויסע לײַט, וועלכע האָבן באשאפן א נײַעם זשארגאָן און האָבן ארײַנגעבלאָזן דעם אייראָפעיִשן דוך אינעם אלטן זשארגאָן"[2].

עס קאָן זיך דאכטן, אז עס גייט א רייד וועגן א פערזענלעכן איניען. מענדעלע האָט אוודע געהאט רעכט צו זײַן אומצופרידן, וואָס ער ווערט אָנגערופן אבראמאָוויטש, בייס ער האָט אונטערגעשריבן זײַנע ווערק מיטן פסעוודאָנים מענדעלע מויכער־ספאָרים, און וואָס ער איז צונויפגעפאָרט געוואָרן אין שאָלעם־אליכעמס פאמפלעט צוזאמען מיט אנדערע שרײַבער, וועלכע זײַנען, ווי ס'איז איצט שוין קלאָר, און ס'איז שוין קלאָר געווען אויך דעמלט, ניט געווען ניט קיין „ריזן", ניט קיין „גרויסע לײַט" און ניט קיין „גייגאנטן". מענדעלע האָט געקאָנט אײַנזען דערין אן אומבאגרינדעטע ניט־דערשאצונג פון זײַן, מענדעלעס, ראָליע און באדײַטונג אין דער ליטעראטור און אן איבערשאצונג פון לינעצקיס, גאָלדפאדענס און דיקס שאפונג.

איך האָב שוין אויבן געשריבן וועגן שאָלעם־אליכעמס באגײַסטערונג פאר מענדעלען, וועגן דער גאָר הויכער אָפשאצונג פון מענדעלעס שאפונג און זײַן ראָליע אין דער ליטעראטור, וואָס שאָלעם־אליכעם האָט ארויסגעזאָגט אין אלע זײַנע ליטעראריש־קריטישע ארויסטרעטונגען. וועגן ניט דערשאצן מענדעלען אין שאָלעם־אליכעמס קריטיק קאָן קיין רייד ניט זײַן. דעריבער פאלט אָפ אויך דער געדאנק וועגן דער

[1] דאָרטן, ז. 225.

[2] שאָלעם־אליכעם. „שאָמערס מישפעט", בערדיטשעוו, 1888, ז. 4 — 5.

מעגלעכער איבערשאצונג פון לינעצקין, גאָלדפאדענען, דיקן.

וויאזוי זשע קאָן מען דערקלערן שאָלעם־אליכעמס האנאָכע וועגן פיר גיגאנטן?

דערמיט גייען מיר צו צו דער פראגע וועגן די אופגאבן, וואָס שאָלעם־אליכעם האָט דעמלט געשטעלט פאר דער ייִדישער ליטעראטור. שאָלעם־אליכעם האָט מיט זײַן גאנצער טעטיקײַט געשטרעבט ארויספירן די ליטעראטור, פון איין זײַט, פון די ווולגארע און בולווארע שאָמערישע „עכט־אינטערעסאנטע" ראָמאנען, וועלכע האָבן דעמלט מאמעש באדראָעט די ייִדישע ליטעראטור. פון דער צווייטער זײַט, האָט שאָלעם־אליכעם געוואָלט ארויספירן די ליטעראטור פון די שמאָלע יעכידישע ראמען פון דער האסקאָלע, וועלכע איז נאָך ניט דערגאנגען צו דער ברייטער לייענערישער מאסן־אאודיטאָריע. שאָלעם־אליכעם איז געווען איבערצײַגט, אז א ליטעראטור, אן עמעסע נאציאָנאלע ליטעראטור ווערט ניט געשאפן דורך איין גאָען. אויך די ייִדישע ליטעראטור פון יענער צײַט, האָט געמיינט שאָלעם־אליכעם, איז ניט באשטאנען בלויז פון מענדעלעס ווערק. אלס קריטיקער און ליטעראטור־היסטאָריקער האָט שאָלעם־אליכעם אינזינען געהאט אויך די ליטעראטור, וואָס איז געשאפן געוואָרן ביז מענדעלען. כאראקטעריסטיש איז אין דעם זינען דאָס, וואָס אין ערשטן באנד פון דער „יודישער פאָלקס־ביבליאָטעק" האָט שאָלעם־אליכעם צום ערשטן מאָל פובליקירט דעם סאטירישן דיאלאָג פון ייִצכאָק־בער לעווינזאָן „די העפקער־וועלט", וועלכער איז געשריבן אין די צוואנציקער יאָרן פונעם XIX יה., מיט זעכציק יאָר צוריק. און, זעלבסטפארשטענדלעך, שאָלעם־אליכעם האָט אָפגעגעבן פיל אכטונג די שרײַבער, וועלכע האָבן געשאפן אין איין צײַט מיט מענדעלען.

שאָלעם־אליכעם איז געווען גערעכט. די שרײַבער, וועלכע ער האָט אָנגערופן באנאנד מיט מענדעלען, האָבן געשפילט א באדײַטנדיקע ראָליע אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור, האגאם, נאטירלעך, ניט אזא, ווי מענדעלע מויכער־ספאָרים. אײַזיק־מייער דיק האָט אָנגעשריבן העכער 300 נאָוועלן, וואָס זײַנען געווען ברייט פארשפרייט און געלייענט אין די 60־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. דאָס זײַנען, עמעס, געווען ווייניק קינסטלערישע דידאקטישע מאסקילישע נאָוועלן. אָבער אף זיי איז דערצויגן געוואָרן א גאנצער דאָר לייענער. מוישע ליטוואקאָוו האָט אמאָל געמאכט א גאָר פײַנע באמערקונג וועגן דיקן. אָפמערקנדיק די מאגידעס און דעם דידאקטיזם פון דיקס נאָוועלן, האָט דער קריטיקער איינצײַטיק באמערקט, אז „פון א.־מ. דיקן ציִען זיך געהיימע פעדעם צו מענדעלען, בא וועלכן די דידאקטישקײַט האָט געפונען אן אידעאָלאָגישע האשלאָמע און די מאגידעס אן עכט־קינסטלערישע באקרוינונג"[1]. שאָלעם־אליכעם האָט נאָך מיט העכער דרײַסיק יאָר ביז ליטוואקאָוון באמערקט אָט די „געהיימע פעדעם", וואָס פירן פון דיקן צו מענדעלען. עס איז דעריבער קיין ווונדער ניט, וואָס ער האָט אין זײַנע ליטעראַ־

[1] מ. ליטוואקאָוו. אין אומרו. צווייטער באנד. מאָסקווע, 1926, ז. 31.

ריש־קריטישע ארויסטרעטונגען אָפגעמערקט דיקס פאַרדינסטן פאר דער ליטעראטור.

אין 1888, ווען שאָלעם־אלייכעם האָט ארויסגעגעבן זײַן פאמפלעט קעגן שאָמערן, איז אווראָם גאָלדפאדען שוין געווען באַוווּסט אלס דער „פאָטער פון ייִדישן טעאטער“, וואָס ער האָט געשאפן נאָך אין 1876. זייער פּאָפּולער זײַנען אויך געווען גאָלדפאדענס לידער, וועלכע מע האָט געזונגען אלס פאָלקסלידער אין יעדער ייִדישער שטוב. גאָלדפאדענס מעלאָדראמעס זײַנען אין פארלויף פון צענדליקער יאָרן געשטעלט געוואָרן אף דער בינע פון ייִדישן טעאטער אין אלע לענדער, ווו עס האָבן געוווינט ייִדן. אויך אין אונדזער צײַט גייט ניט אראָפּ גאָלדפאדענס דראמאטורגיע פון דער ייִדישער בינע, צום אונטערשייד פון מענדעלעס דראמעס, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט דעראָבערט די סצענע. אין טאָך איז גאָלדפאדען געווען א קלאַסיקער פון דער ייִדישער דראמאטורגיע און פון ייִדישן טעאטער. ריידנדיק אזוי, פארגעס איך ניט אין די שוואכע זײַטן פון גאָלדפאדענס שאפונג אי אלס דראַמאטורג, אי אלס דיכטער. אָבער דער פאָלקס־כאַראקטער פון זײַנע פיעסן און לידער, די אָרגאנישע פארבינדונג מיט דער פאָלקס־טראדיציע און מיט דער פאָלקסשפיל האָבן אים פארשאפט גרויס ליבע בא די ייִדישע פאָלקסמאסן ביז הײַנטיקן טאָג.

וואָס איז שײַעך לינעצקין, האָט ער געהאט א מעכטיקן טאלאנט פון א פלעבייִשן קעמפער פאר די אינטערעסן פונעם פאָלק. זײַן באַוווּסט ווערק „דאָס פוילישע ייִנגל“ האָט אין די 60־ער יאָרן דעראָבערט אנערקענונג און דערפאָלג ניט ווייניקער און עפשער אפילע מער, ווי מענדעלעס „דאָס קליינע מענטשעלע“. לינעצקיס גראָבלעכע און פרימיטיווע סאטירע האָט געהאט א גרויסע אופווירקונגס־קראפט אפן מאסן־לייענער. שאָלעם־אלייכעם האָט געשריבן:

„ס'איז קימאט ניט געווען די ייִדישע שטוב, ווו מע האָט זיך ניט געהאלטן בא די זײַטן פאר געלעכטער פון דעם „פוילישן ייִנגל“ פון לינעצקי“.

שאָלעם־אלייכעם האָט אָנגעשריבן די טיפסטע, ביז הײַנטיקן טאָג ניט איבערגעשטיגענע, כאראקטעריסטיק פון לינעצקיס שאפן און פון זײַן סאטירע: „דער אַנדערער גרויסער זשארגאָניסט לינעצקי, וועלכער מוטשעט זיך און מאכט אָנשטעלן און צעברעכט זײַן זעלטענעם סאטירישן טאלאנט איבער באַדכאָנישע שטיקלעך, וואָס דער אוילעם האָט ליב, פארן שטיקל ברויט, — אָט דער לינעצקי, לאכנדיק און ברעכנדיק זיך פארן פובליקום, ווי א פאיאץ, ווי א פארשלעפטע קרענק, גייט אָפּ מיט בלוט, בעשאס ער רעדט, בעשאס ער שרײַבט, בעשאס ער דענקט פונעם אָרעמען ייִדישן פאָלק. ניטאָ, מײַנע הערן, קיין טרויעריקערע זאך אף דער וועלט, אז מע דארף לאכן, בייס סע גלוסט זיך וויינען, און דראפען זיך אף די גלײַכע ווענט, בייס אין הארצן ברענט א פײַער, בייס דער קאָפּ איז ווייסעכווּ, און הינטער די פלייצעס שטייט דער מאלעכהאמאָוועס“[1].

שאָלעם־אלייכעם אלס קינסטלער האָט אין ערשטן עטאפ פון זײַן שאפן געפילט א באזונדערע נאָענטקײַט צו לינעצקי דעם סאטיריקער און דעם פאָלקסשרײַ־

[1] שאָלעם־אלייכעם. „שאָמערס מישפעט“, ז. 4 — 5.

בער, און אין אייניקע ווערק פון די 80־ער יאָרן פילט זיך לינעצקיס ווירקונג אף שאָלעם־אלייכעמען.

שאָלעם־אלייכעמס פאמפלעט „שאָמערס מישפעט“ האָט אויך ארויסגערופן דערווידערונגען בא מענדעלען. אין א בריוו צו שאָלעם־אלייכעמען האָט ער געשריבן: „שאָמערס מישפעט“ איז גוט, נאָר די פאָרמע פונעם פריסיאזשנע סוד געפעלט מיר נישט. ס'איז ייִדיש. אָן דעם וואָלט געווען פיל בעסער. שאָמערס מײַסעס האָב איך קיינמאָל נישט געלייענט און איך וווּנדער מיך, ער זאָל אזוי שלעכט שרײַבן. ער איז דאפקע נישט קיין אמהאָרעץ, ווי איר זאָגט, און שטייט בא מיר העכער אין בילדונג א סאך מער פון אנדערע ייִדישע שרײַבערלעך“[1].

עס פילט זיך, אז מענדעלע איז ניט מאסקים מיט שאָלעם־אלייכעמען ניט בלויז פאָרמעל, ניט בלויז מיטן סוד פריסיאזשניך, נאָר אויך אין טאָך, אין דער שאָמער־פראָבלעם אינגאנצן גענומען, האגאם אין בריוו איז וועגן דעם מער גאָרנישט ניט געזאָגט. מענדעלע האָט אוואדע געוווּסט וועגן שאָמערן און געלייענט זײַנע ווערק. וועגן שאָמערן האָבן געוווּסט אלע[2].

דאָ, מיין איך, האָט זיך מיט מענדעלען איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע, וואָס איז פאָרגעקומען מיט פערעצן, וועלכער האָט אויך געשריבן שאָלעם־אלייכעמען, אז ער, פערעץ, האָט שאָמערן ניט געלייענט, נאָר ער איז מאסקים מיט שאָלעם־אלייכעמס ארויסטרעטונג קעגן דעם „קיניג“ פון די ייִדישע בולוואַראָמאנען. ווײַזט אויס, אז מענדעלע און פערעץ, זײַענדיק פרינציפּיִעל אף דער זײַט פון שאָלעם־אלייכעמען, האָבן דאָך געהאלטן, אז שאָלעם־אלייכעם גיט צו שאָמערן א גרעסערע באַדײַטונג, ווי ער פארדינט דאָס.

שאָלעם־אלייכעמס קאמף קעגן שאָמערן און שאָמעריזם איז, ווי יעדער געזעלשאפטלעכער און ליטערארישער קאמף, געווען א קאָמפליצירטע דערשײַנונג און האָט געהאט פארשיידענע אספעקטן. פאר שאָלעם־אלייכעמען איז דאָס געווען א קאמף פאר א נײַער ליטעראטור, וועלכע ער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט אָן א מאסן־אאודיטאָריע פון לייענער. דער קאמף קעגן שאָמערן איז שאָלעם־אלייכעמס גרויסער פארדינסט.

5. מענדעלעס פאָרוואָרט צו שאָלעם־אלייכעמס יאָרבוך

דער סאמע שארפער קאָנפליקט צווישן מענדעלען און שאָלעם־אלייכעמען איז פאָרגעקומען אין צוזאַ־

[1] „שריפטן“ (פון דער קאטעדרע פאר ייִדישער קולטור). ז. 255.

[2] ווי עס איז צו זען פון דעם פאָרוואָרט צו דער פערטער אופלאגע פון שאָמערס ראָמאן „דער קאַטאָרזשניק“, איז דאָס בוך (ווי אויך אנדערע שאָמערס ווערק) אויספארקויפט געוואָרן פאר עטלעכע כאדאָשים אין א טיראזש פון 40 טויזנט עקזעמפליארן. דאָס איז געווען אן אומגעזעענער פאר יענער צײַט טיראזש פאר דער ייִדישער ליטעראטור. און ניט בלויז פאר יענער צײַט, און ניט בלויז פאר דער ייִדישער ליטעראטור.

מענהאנג מיט מענדעלעס האקדאָמע צו דעם צווייטן באנד פון דער „יודישער פאָלקס־ביבליאָטעק”. דער קאָלאָסאלער דערפאָלג פונעם ערשטן באנד האָט געשאפן גינסטיקע באדינגונגען פאר דעם דערשײַנען פונעם צווייטן באנד. אָבער איינצײַטיק האָט שאָלעם־אלייכעמס יאָרבוך ארויסגערופן שארפע אָנפאלן מיצאד דער רעאקציאָנערער ליטעראטור אין דער ייִדישער („יודישעס פאָלקסבלאט”), העברעיִשער („המליץ”, „הצפירה”) און רוסישער («Восход») פרעסע. דאָס האָט געצווּנגען שאָלעם־אלייכעמען צו זײַן מער פאָרזיכטיק אינעם אונטערקלײַבן דעם מאטעריאל פארן צווייטן באנד. דער צווייטער באנד האָט געזאָלט זײַן אן ענטפער אף אָט די אָנפאלן.

אונטערהאלטנדיק א סיסטעמאטישע פארבינדונג מיט מענדעלע מויכער־ספאָרים, האָט שאָלעם־אלייכעם זיך בעראטן מיט אים איבער אלע פראגן. דער „זיידע” האָט גערן קאָנסולטירט דעם יונגן שאָלעם־אלייכעמען איבער די וויכטיקסטע ליטערארישע פראָבלעמען, וועלכע האָבן דעמלט גערעגט די שרײַבער און די ליטעראטור. דאָס איז צו זען פון דעם בריוו־אויסטויש צווישן ביידע שרײַבער. ס'איז נייטיק געווען אויסארבעטן א טאקטיק, וויאזוי צו ענטפערן אף די אטאקעס פון די קעגנער. מענדעלע און שאָלעם־אלייכעם האָבן ניט גענומען קיין אָנטייל אין דער פאָלעמיק ארום דער „יודישער פאָלקס־ביבליאָטעק”, האלטנדיק, אז דער בעסטער ענטפער וועט זײַן דער צווייטער באנד פונעם יאָרבוך. ווען עס איז דערשינען דער ערשטער באנד, האָט מענדעלע געשריבן צו שאָלעם־אלייכעמען:

„ביכלאל איז דאָס א גוט שטיקל ארבעט, מיט וועלכן איר קאָנט זיך איבערנעמען. נאָר ביפראט זײַנען דאָ פיל זאכן, וואָס טויגן לאכלוטן ניט, אָדער וואָס דארפן אויסגעבעסערט ווערן. בא אײַער קומען, אימירצעשעם, וועלן מיר פון אלצדינג ריידן באאריכעס”[1]. און צום סאָף בריוו: „סאָנים אף צעשפּרינגעניש באדארף מען זיך באמיִען, אז „די יודישע פ״ב” זאָל אלץ וואָס ווײַטער און ווײַטער זײַן בעסער. טוט מען עפּעס א זאך און ביפראט נאָך לעטויוועס־האקלאל — זאָל טאָקע זײַן געטאָן בישליימעס, ווי געהעריק”. דעם 6 יול 1889 שרײַבט מענדעלע: „איך וויל, זי („די יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק”. — ה. ר.) זאָל אויסע רוישעם זײַן און ווײַזן באשײַמפערלעך, וואָס מע קאָן מיט דער ייִדישער שפראך טאָן פאר אונדזער אָרעם פאָלק, אויב נאָר מע קאָן און מע וויל... מײַן אייצע איז: דרוקט גיכער אײַער פ״ב, מע טאָר ניט לאָזן די זאך צופיל אָפּקילן; וועהאשייניס, וועט עס זײַן דער בעסטער ענטפער און דער ערגסטער פּאטש אײַערע סאָנים”[2]. דעם 17 יול 1880: „אין דער צײַט, ווען די אָנפאלן האָבן זיך אזוי פארשטארקט און די פארשײַטע הינט פון דער סיטרע־אכרע בילן און שפּרינגען דורכאנאנד, זי (די „ביבליאָטעק”) צו שעדיקן, ווײַל זיי פילן, אז אויב זי וועט זיך האלטן, וועלן זיי זיך נישט קאָנען האלטן, — אין אזא צײַט דארף די ביבליאָטעק ארויס אין איר גאָרער פּראכט, אלע זאָלן זען איר שיינקײַט און רײַכן אינהאלט, מיט גוטע נוצלעכע ארטיקלען, און אלע אירע פײַנט זאָלן פארשעמט און דערשראָקן ווערן, און זייער מויל זאָל באלד פארשטאָפּט ווערן!”[1]

פון דעם איז צו זען, אז שאָלעם־אלייכעם האָט געגרייט דעם צווייטן באנד פונעם יאָרבוך אין ענגסטן און פרײַנטלעכסטן קאָנטאקט מיט מענדעלען, און ווען דער באנד איז געווען גרייט, האָט שאָלעם־אלייכעם באשטעלט בא מענדעלען א האקדאָמע.

ווי ס'איז צו זען פון מענדעלעס בריוו, האָט ער באקומען שאָלעם־אלייכעמס באשטעלונג דעם 27 דעקאבער 1889. אינעם ענטפער־בריוו שרײַבט מענדעלע: „הײַנט האָב איך ערהאלטן אײַער בריוול און אײַל מיך גיכער אָפּצוענטפערן. מיט דער „האקדאָמע”, וואָס איר פארלאנגט, זענט איר מיר ארײַנגעקראָכן סאמע אין דער מיט, ווען איך בין שטארק באשעפטיקט מיט די כעזשבוינעס און דעם „אָטשאָט” פאר דעם יאָר 1889 פון דער ת״ת (טאלמעטוירע. — ה. ר.)... פונדעסטוועגן וועל איך מיך פרוּוון, עפּשער וועל איך אין עטלעכע טעג ארום עפּעס קענען אָנשרײַבן”[2].

מענדעלע האָט גרייט געמאכט די האקדאָמע גאנץ גיך, טאקע „אין עטלעכע טעג ארום”, און שוין דעם 5 יאנוואר 1890 שרײַבט ער צו שאָלעם־אלייכעמען:

„מײַן טײַער אייניקל!

איך שיק אײַך דאָ ארײַן א האקדאָמע, ווי איר האָט געווּנטשן, לייענט זי נאָר מיט קאָפּ פון אָנהייב ביז דעם סאָף, וואָרעם אין איר איז בעעמעס נישטאָ קיין איבעריק וואָרט. זי איז ווי אויסגעגאָסן, אנטהאלט אין זיך די אלע וויכטיקע שײַלעס, איבער וועלכע מע שפּארט זיך הײַנט בא אונדז; זי דערלאנגט אויך הינטן־ארום, פאָרנט־ארום אלע סאָנים און קריטיקער אײַערע, וואָס האָבן אקעגן דעם ייִדישן לאָשן און די ספאָרים אין אים פאראיאָרן אזויפיל געשריבן. לייענט עס, איך בעט אײַך, מיט קאוואָנע און שרײַבט מיר באלד, צי זענט איר צופרידן. דעם טיפּ פונעם פעטער שמערל וועט איר מיסטאמע פארשטיין, דאָס איז א בילד אי פון איינעם א געוויסן, אויך פון א סאך אזעלכע בא אונדז אין אונדזער צײַט”[3].

שאָלעם־אלייכעם איז אָבער מיט דער האקדאָמע געבליבן ניט צופרידן, און אף דעם באָדן האָט זיך צווישן ביידע שרײַבער צעפלאקערט א פאָלעמיק אין בריוו. דעם 14 יאנוואר 1890 שרײַבט שאָלעם־אלייכעם מענדעלען, אז אין אזא פאָרמע, ווי די האקדאָמע איז געשריבן, קאָן זי ניט זײַן פובליקירט. שאָלעם־אלייכעם קלאָגט זיך, אז אין דער האקדאָמע זײַנען פאראן פיל רעמאָזים און אָנדײַטונגען, וועלכע וועלן זײַן ניט קלאָר פארן לייענער. דאָס האָט, נאטירלעך, ארויסגערופן בא מענדעלען באליידיקונג און צאָרן. דעם 19 יאנוואר 1890 שרײַבט ער צו שאָלעם־אלייכעמען:

„וועגן דער האקדאָמע איז אזוי: איך האָב מיר געטאָן מײַנס — געשריבן דאָס, וואָס מע באדארף, וואָס דער עמעס איז, ווי דער שטייגער מײַנער איז, ארויסצושטעלן פארבאָרגענע מאקעס, א פּיק טאָן, טרעפן אין קאָרב, עס זאָל אויסרינען דער אייטער. א פּיק טוט טאקע ווײ, נאָר נישקאָשע, דערפאר אָבער היילט זיך די מאקע אויס גיכער און בעסער, ווי מע וואָלט

[1] „שריפטן” (פון דער קאטעדרע פאר ייִדישער קולטור), ז. 261.
[2] דאָרטן, ז. 264.

[1] דאָרטן, ז. 266.
[2] דאָרטן, ז. 269.
[3] דאָרטן, ז. 270.

זיך מיט איר געשטיקט, זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט. פאַרשטייט איר מיך, פון שפּרעכער (פון גלאַט אַזוי מײַמאַרים) האַלט איך נישט. איך ווייס מיר נישט מער, ווי מײַן קלאַפּערגעצײַג, און טו, וואָס מע באַדאַרף, און אויב איר זענט אַ באַלפּאַכדן, האָט מוירע פּאַר אַ פּיק, — האַלט זשע זיך געזונטערהייט מיט מאַקעס און האָט אײַך צו טאָן מיט שפּרעכער, מיט אונדזערע טאָטערס... ריין גערעדט, איר מעגט אײַך גאָר נישט דרוקן מײַן האַקדאָמע, אויב אײַך קוועטשט עפּעס״[1].

מענדעלעס האַקדאָמע איז טאַקע ניט געוווען געדרוקט אין צווייטן באַנד פון דער „יודישער פאָלקס־ביבליאָטעק״. שאָלעם־אַליכעם האָט אַליין אָנגעשריבן אַ פאָרוואָרט, אין וועלכן ער האָט איראָניש אויסגעלאַכט זײַנע ליטעראַרישע קעגנער, די גאַנצע פּאָלעמיק קעגן אים אין דער יִדישער, העברעיִשער און רוסיש־יִדישער פּרעסע פון יענער צײַט.

פאַר דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור איז אָבער וויכטיק דער פּרינציפּיעלער טאָך פון דעם קאָנפליקט. מע זעט דאָ בולעט דעם אונטערשייד אינעם צוגאַנג פון ביידע שרײַבער צו די פּראָבלעמען פון דער ליטעראַטור און צום ליטעראַרישן קאַמף אין יענער עפּאָכע.

ביז ניט לאַנג צוריק איז מענדעלעס האַקדאָמע ניט געוווען באַוווּסט ניט בלויז די לייענער, נאָר אויך די ליטעראַטור־פאָרשער. דעריבער איז שווער געוווען צו דערקלערן, פאַרוואָס שאָלעם־אַליכעם האָט, באַשטעלנדיק אַ פאָרוואָרט באַ מענדעלען, וועמען ער האָט געהאַלטן פאַר זײַן לערער און אידייִשן מיטקעמפער, זיך אָפּגעזאָגט פון אָט דעם פאָרוואָרט, גייענדיק אַף אַ פאַרשאַרפונג פון זײַנע באַציִונגען מיטן „זיידן״.

אין יאָר 1936 האָט דער ליטעראַטור־פאָרשער אַרן וואָראַבייטשיק פאַרעפנטלעכט מענדעלעס האַקדאָמע, וואָס האָט זיך ביז דעמלט געפונען אין אָדעסער מענדעלע־מוזיי. ערשט נאָך דעם איז מעגלעך געוואָרן אויסצוקלאָרן דעם טאָך פון די מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן צווישן ביידע קלאַסיקער.

מענדעלע האָט אין זײַן האַקדאָמע אָנגעשריבן אַ שאַרפן, פאַרניכטנדיקן ענטפער אַלע שרײַבער, וועלכע זײַנען אָנגעפאַלן אַף שאָלעם־אַליכעמען, אַף זײַן ליטעראַרישער פּראָגראַם און אַף דער „יודישער פאָלקס־ביבליאָטעק״. אין זײַן געווינלעכן אַלעגאָרישן און סאַטירישן סטיל לאַכט מענדעלע אויס די „ראַפּינירטע״, „געבולבעטע״ (געבילדעטע) יונגעלײַטלעך, איידעמלעך, נעפּאַשעס עפּעס אַזוינע, וואָס אין די פּענעמלעך זייערע איז צו דערקענען, אַז זיי האַלטן פון זיך זייער שטאַרק, נאָר זיי זײַנען עס די פּײַנע לײַט, פאַרשטייען אַן אייסעק, און דו ביסט גאָרנישט. עפּעס, דאַכט זיך, זײַנען זיי שאַטנעז פון דעם נײַעם און אַלטן שניט אינײנעם״[2]. אין מענדעלען האָט זיך ווידער דערוועקט דער לײַדנשאַפטלעכער טעמפּעראַמענט פון אַ ראַדיקאַלן פּלעבייִשן קעמפער.

אויסער דער קריטיק פון די פּאַלעסטינאָפילישע און מאָדערניסטישע „יונגעלײַטלעך״ האָט מענדעלע דאָס מאָל אונטערגעפירט אין דער האַקדאָמע זײַנע אַלטע כעזשבוינעס מיטן רעדאַקטאָר פונעם „האַמייליץ״ אַלעקסאַנדער צעדערבוים, וועלכער האָט אין זײַן וואָכנבלאַט פּובליקירט פּילצאַליקע אָנפאַלן אַף שאָלעם־אַלייכעמען און מענדעלען און האָט דערבײַ אַליין ניט אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג איבער די שטרײַט־פראַגן. נאָך אין די זעכציקער יאָרן האָט מענדעלע פּײַנטלעך זיך באַציגן צו צעדערבוימען, האַגאַם ער האָט געדרוקט אין „קאָל־מעוואַסער״ „דאָס קליינע מענטשעלע״. מענדעלע האָט מיט פּאַראַכטונג זיך באַציגן צו דעם פּרינציפּלאָזן רעדאַקטאָר, דעם געשעפטסמאַכער, וועלכער האָט זיך גענומען באַלעבאַטעווען אין דער ליטעראַטור, זײַענדיק אַליין אַ פּולשטענדיקער אַמהאָרעץ אין פּראַגן פון ליטעראַטור.

אין דער האַקדאָמע ווערט צעדערבוים ביים דעמאַסקירט אונטערן נאָמען „דער פעטער שמערל״. מענדעלע שרײַבט:

„דער פעטער שמערל איז נאָך אַלץ טאַקע דער אייגענער פעטער שמערל, וואָס פריִער, נאָר וואָס — ער איז געעלטערט, גרוי, ווי אַ טויב. אַלץ טאַקע נאָך זיס, ווי לאַקריץ, אַ קאַכלעפל, אַ טענצער אַף אַלע כאַסענעס, איז אַ כאַוור מיט דעם, מיט יענעם, האַלט מיט אַלע צדאָדים, שאָקלט איטלעכן באַזונדער צו מיטן קאָפּ, אי דער, אי יענער זײַנען באַ אים גערעכט, דרייט זיך אומעטום, וווּהין דער ווינט בלאָזט, אי אַהין, אי אַהער, ווי עס קומט אַמאָל אויס, פּאַסט צום אייסעק. איטלעכער באַזונדער מיינט אַף אים, ער איז אַף זײַן זײַט, ער איז אים געטרײַ מיט לײַב און לעבן, עמעס געטרײַ אָבער איז ער נאָר זײַן נעפּעשל אַליין. דער מיין זײַנער איז האָבן דערווײַל אַ גוטן ביסן, אָפּלעקן אַ ביינדל, און אָן אים הייבט זיך טאַקע נישט אָן קיין סימכע, קיין קערמעשל, אַלע אין איין קאָל — דער פעטער שמערל! מיר איז דער פעטער שמערל קיינמאָל נישט געפעלן — אָנקוקן קאָן איך נישט אָט די שטאָט־פעטערס מיט זייער געמעלאָכטער פרומקײַט, טאַנדעטנער גוטסקײַט, וואָס האָט נישט קיין האַפט, קיין מאַמאָשעס — און פלעג דעריבער אים טאָמיד אויסמײַדן״[1]. איז ווידעראַמאָל ניט פאַרשטענדלעך: פאַרוואָס האָט שאָלעם־אַליכעם געהאַלטן פאַר אומעגלעך צו דרוקן מענדעלעס פאָרוואָרט?

טיילווײַז קאָן מען דאָס דערקלערן מיט שאָלעם־אַלייכעמס ליטעראַרישע פּלענער, וועלכע האָבן דעמלט אָנגענומען אַלץ ברייטערע מאַסשטאַבן. „די יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק״, וואָס איז געוווען אַ יאָרבוך, האָט שוין ניט געקאָנט באַפרידיקן די אויסגעוואַקסענע פאָדערונגען פון אַ מאַסן־ליטעראַטור און מאַסן־לייענער. שאָלעם־אַלייכעם האָט געשטרעבט צו ווירקן אַף דער ליטעראַטור סיסטעמאַטיש און שטענדיק. און דאָס איז שווער געווען צו פאַרווירקלעכן דורך אַן אָרגאַן, וואָס דערשײַנט איין מאָל אין יאָר. קעדיי צו פאַרברייטערן און פאַרפעסטיקן די ווירקונג פון דער ליטעראַטור אַף די מאַסן, איז נייטיק געווען אַ זשורנאַל אָדער אַ צײַטונג. אין צאַרישן רוסלאַנד איז דאָס געווען זייער שווער צו פאַרווירקלעכן. אויסער געלט, האָט מען געדאַרפט געפינען פאַרבינדונגען מיט הויכע מעלוכישע סאַנאָוניקעס און טשינאָווניקעס איבער פּראַגן פון דרוק און פּרעסע. און גראָד אין דעם מאָמענט, ווען מענדעלע האָט אָנגע־

[1] דאָרטן.

[2] זשורנאַל „וויסנשאַפט און רעוואָלוציע״, יאַנוואַר־מאַרט, נומ. 1 (8), קיעוו, 1936.

[1] דאָרטן.

שריבן זײַן פאָרעדע, וואָס איז שארף געווענדט קעגן צעדערבוימען און קעגן דעם ארויסגעבער פון דער צײַטונג „יודישעס פאָלקסבלאט“ י. לעווי, האָט שאָלעם־אלייכעם, ווי עס ווײַזט אָן א. וואָראָבייטשיק, געפירט אונטערהאנדלונגען מיט אָט די צוויי פארלעגער וועגן קויפן בא זיי דאָס „יודישעס פאָלקסבלאט“. מענדעלעס פאמפלעט האָט געקאָנט צונישט מאכן שאָלעם־אלייכעמס אלע באמיִונגען צו קריגן א ליטערארישן אָרגאַן, מיט וועלכן ער האָט פארבונדן גרויסע האָפענונגען. אין א בריוו צו מענדעלען האָט ער געשריבן, אז ער האָט אליין געוואָלט פאריכטן די פאָרעדע, באזײַטיקן די שארפע ארויספאלן קעגן צעדערבוימען און לעווי, אָבער עס האָט זיך דערפון גאָרניט באקומען; דעמלט האָט ער באשלאָסן געבן די האקדאָמע אָן ענדערונגען, „קומט מיר פלוצעם אויס א מײַסע, וואָס איך דארף אַנקומען צום פעטער שמערלען אליין! האָב איך שוין אזוי גראָב ניט געקאָנט זײַן, איך האָב מעכילע געבעטן אײַער האקדאָמע צוריק... מאכמעס דאָס, וואָס איך דערוואַרט פון דעם פעטער שמערל, איז א גרויסע טויווע פאר אונדז אלעמען; האלעווײַ עס זאָל נאָר אויסגעפירט ווערן“[1].

עס איז אָבער געווען נאָך א מער וויכטיקערע פרינציפּיעלע סיבע, וואָס האָט געצווונגען שאָלעם־אלייכעמען זיך אָפּזאָגן פון מענדעלעס האקדאָמע. סײַ דער אינהאלט, סײַ די פאָרם פון דער האקדאָמע זײַנען דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פון די 60־ער יאָרן. דאָס איז געווען א דאָקומענט, וועלכער איז ניט אריבער די גרענעצן פונעם ליטערארישן קאמף, פון א שמאָלן קרײַז בלויז פון ליטערארישע אינטערעסן, פון א דינעם שיכט ליטעראטן, וועלכע קעמפן צווישן זיך. מענדעלעס פאָלעמיק איז געווענדט דעריקער קעגן אלעקסאנדער צעדערבוים. אָבער ווער איז געווען צעדערבוים? פאר דער ליטעראטור שטעלט ער ניט פאָר קיין שום אינטערעס. אויב ער ווערט דערמאָנט, איז צוליב דעם ערשטן אָרגאַן פון דער ייִדישער ליטעראטור, וועלכן ער האָט געגרינדעט, צוליבן „קאָל־מעוואסער“.

אויב צעדערבוים מיט זײַן ענערגיע און האסקאָלע־„אידייען“ האָט נאָך געקאָנט צוציִען די אופמערקזאמקײַט אין די 60־ער און 70־ער יאָרן, האָט ער אין סאָף 80־ער יאָרן שוין ניט פאָרגעשטעלט קיין שום אינטערעס פאר דער ליטעראטור. דאָס איז געווען אין פולן זין פון וואָרט אן אנאכראָניזם. דאָס איינציקע, וואָס מע האָט נאָך געקאָנט ארויסבאקומען בא צעדערבוימען, איז געווען די צײַטונג אף ייִדיש. צו דעם האָט געשטרעבט שאָלעם־אלייכעם. ער האָט געוואָלט אָפּנעמען בא צעדערבוימען א ליטעראטור־טריבונע און מיט איר הילף געבן דער ליטעראטור א נײַע ווענדונג. פאר שאָלעם־אלייכעמען איז צעדערבוים שוין געווען ניט קיין ערנסטער קעגנער, נאָר א בראָכשטיק פון א פארגאנגענער עפּאָכע.

מענדעלעס פאָרוואָרט צו שאָלעם־אלייכעמס יאָרבוך און די דיסקוסיע ארום דעם איז נאָך איין באווײַז, אז ביידע שרײַבער זײַנען געגאנגען אין איין ריכטונג, זײַענדיק די גרונט־זײַלן פון דער נײַער פאָרגעשריטענער ייִדישער ליטעראטור, פאר וועלכער זיי האָבן געקעמפט צוזאמען; אָבער אלס גרויסע קינסטלער און שעפערישע אינדיווידואליטעטן האָבן זיי פארשיידן פארקערפערט די דערשײַנונגען און פראָצעסן פונעם לעבן און פארשיידן פארשטאנען די ליטעראטור.

אין די ווײַטערדיקע יאָרן, אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט, זײַנען ניט אופגעקומען קיין שום מיינונגס־פארשיידנהײַטן צווישן ביידע קלאַסיקער. מענדעלע מויכער־ספאָרים האָט זיך געפרייט, זעענדיק שאָלעם־אלייכעמס אָדלערישן פלי, דעם קאָלאָסאלן אופשוווּנג און דערפאָלג פונעם „איינִיקל“, וואָס האָט איבערגעשטיגן דעם „זיידן“. זיי ביידע זײַנען געווען די מעכטיקע שטיצע פון דער ייִדישער רעאליסטישער ליטעראטור, ווען מאָדערניסטישע כוואליעס פון דעקאדאנס האָבן געדראָט צו פארשווענקען דאָס געבײַ פון דער ייִדישער קלאַסישער ליטעראטור, וועלכן זיי האָבן באשאפן.

---

[1] „ש ר י פ ט ן“ (פון דער קאטעדרע פאר ייִדישער קולטור), קיִעוו, 1928, ז. 296.

שײַלעס און טשוּוועס

„די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור איז געווען און איז פאַרבליבן נישט גענוג באַקענט אויסער די גרענעצן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד", — די דאָזיקע ווערטער, וועלכע זײַנען גענומען פון כאַיִם סלאָוועסעס עסיי „וועגן דער ייִדישער קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד", וואָלט מען געקאָנט אופשרײַבן אַלס מאָטאָ צו דער גרעסטער מערהײַט ביכער, אַרטיקלען, פאָרשונגען, אַרויסזאָגונגען אַף דער דאָזיקער טעמע, וואָס זייער צאָל האָט זיך לעצטנס אין כוץ־לאָאָרעץ פאַרמערט און האַלט אין איין וואַקסן.

דער בוך פון כ. סלאָוועס „אין און אַרום"[1], וועלכער אַנטהאַלט אין זיך, צווישן אַנדערע, דעם אויבנדערמאָנטן עסיי, איז, ווי מיר שײַנט, אַן אויסנאַם פון אַט דעם מין ליטעראַטור־קריטישע אַרבעטן, ער איז אָנגעשריבן אין אַלגעמיין מיט וויסן און אַכרײַעס, פרײַ פון פאַרקריפּלונגען, געשמאַקלאָזיקײַט, דאָס הייסט, ס'איז פאַראַן אַ סמאַך צו דערוואַרטן, אַז דער בוך וועט זײַן אַ בײַטראָג אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט, האַגאַם מיט אַ גאַנצער ריי טעאָרעטישע, ליטעראַטור־היסטאָרישע און ליטעראַטור־קריטישע האַנאָכעס פונעם מעכאַבער קאָן מען ניט מאַסקים זײַן.

אין צענטער פון „אין און אַרום" שטייט אַ גרויס אַרטיקל, וואָס סלאָוועס האָט אָנגעשריבן צום פינפיאָריקן יובילײ פון אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", אין 1966. דער נאָמען גופע פונעם אַרטיקל ציט צו די אופמערקזאַמקײַט מיט די אומגעריכטע אַקצענטן, וועלכע קאָנען, אויב מע וויל, זײַן אַן אָנדײַט אַף סענסאַציע: „אויסרוף־צייכנס, פרעג־צייכנס און קלאַמערן". ס'איז בעפיירעש אַן אײַנפאַל: „אויסרוף־צייכנס" — אַף צו לויבן דעם נײַעם עטאַפּ אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור; „פרעג־צייכנס" — אַף אויסטיילן די נאָך ניט פאַרענטפערטע פּראָבלעמען; „קלאַמערן" — קעדיי אַ דערמאָן טאָן, אַז ס'איז שוין צײַט „עפענען די קלאַמערן" אַרום (ווי כ. סלאָוועס מיינט) פאַרשוויגענע פראַגן.

ווילן מיר, האָבנדיק פאַר אַ באַגלייטער כאַיִם סלאָוועסן, זיך דורכגיין איבער די סטעזשקעלעך, אַף וועלכע עס שטייען אַט די דרײַ אַרויסגעהויבענע ביז סימבאָלן גראַמאַטישע באַצייכענונגען: אויסרוף־צייכנס, פראַגע־צייכנס, קלאַמערן. בײַ די אויסרוף־צייכנס ווילן מיר זיך אָפּשטעלן ווייניקער. די הויכע אָפּשאַצונג, וואָס סלאָוועס גיט דער איצטיקער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג, אָנשפּאַרנדיק זיך אַף פינף יאָרגענג פון „סאָוועטיש היימלאַנד", איז אין 1966 טאַקע געווען אַ נײַ וואָרט אין דער אויסלענדישער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק, אָבער איצט, ווען פון פינף יאָר איז שוין, באָרעכהאַשעם, געוואָרן צען און מער, זײַנען די אויסרוף־צייכנס שוין פון לאַנג דערהערט געוואָרן, און עס האָבן זיי פיל מאָל איבערגעכאַזערט אַפילע די, צו וועמען סלאָוועס און אַנדערע אונדזערע פרײַנט האָבן דעמלט געשריגן מיט אַ מאָנענדיק קאָל, זיי זאָלן זיך ניט מאַכן טויב און דערהערן דאָס, וואָס ניט הערן איז אומעגלעך.

איצט וועט שוין זײַן גענוג, אויב מיר ווילן פון פאַרגעניגן־וועגן, צוליב אונדזער אייגענעם שטאָלץ־געפיל, איבערכאַזערן פון סלאָוועסעס אַרטיקל בלויז געציילטע ווערטער, וועלכע זאַמלען זיך צונויף אַרום די „אויסרוף־צייכנס". באַזונדערס וויכטיק זײַנען פאָלגנדע אַרויסזאָגונגען:

וועגן דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. „די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור איז הײַנט־צו־טאָג די איינציקע בײַ אונדז (דאָס הייסט די איינציקע צווײַג פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור פון פאַרשיידענע לענדער אין דער וועלט. — א. וו.), וואָס קעמפט פאַר געוויסע פאָרמען און פרינציפּן פון ליטעראַרישן שאַפן, די איינציקע, וואָס איז פאַרבונדן מיט געוויסע ליטעראַרישע שיטעס, וואָס פילט זיך אײַנגעגלידערט אין ליטעראַרישן לעבן פון איר לאַנד"... (ז. 162).

וועגן די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער. „דער איינציקער אין דער ייִדישער שרײַבער־מישפּאָכע, וואָס שטייט מיט ביידע פיס אין דער הײַנטצײַטיקער קינסטלערישער ווירקלעכקײַט מיט איר גאַנצער קאָמפּליצירטער פּראָבלעמאַטיק, מיט אַלע הייסע וויקוכים וועגן אַלט און נײַ, מיט אַלע ווידעראַנאַנדן און זוכונגען — איז דער סאָוועטישער ייִדישער שרײַבער"... (ז. 163).

וועגן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". „אין גאָר דער ייִדישער וועלט, בײַ פרײַנט און בײַ אומפרײַנט, האָט „סאָוועטיש היימלאַנד" זיך דערוואָרבן גרויס כשיוועס און אָנזען, דער זשורנאַל אימפּאָנירט מיט זײַן הויכן ניוואָ, מיט זײַן ברייטער קולטור, מיט דער ציכטיקײַט פון זײַן שפּראַך, מיט זײַן ערנסטן,

[1] כ. סלאָוועס. „אין און אַרום. עסייען". „איקוף"־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1970.

פאַרטיפערטן צוגאַנג צו פּראָבלעמען פון ליטעראַטור און קונסט״... (ז. 158).

וויבאַלד מיר האָבן פאַרדינט אַזאַ גוטן שעם פאַר דעם „פאַרטיפערטן צוגאַנג צו פּראָבלעמען״, איז אונדזער כּיוון זיך אָפּשטעלן לענגער בײַ די „פראַגע־צייכנס״, מיט וועלכע כאַיִם סלאָוועס מערקט אָפּ די הויפּט־פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג סײַ בײַ די סאָוועטישע ייִדן, סײַ, בעמיילע, בײַ די ייִדן אין אַנדערע לענדער.

די ערשטע איקער־שײַלע סלאָוועסעס האָט אַ שײַכעס צום נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, אַלס מוסטער אָף צו פּרוּוון אָפּזוכן דעם געהעריקן נאַציאָנאַלן אויסדרוק פאַר דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור פון דער איצטיקער צײַט. ווי האַלט עס מיט דער „נאַציאָנאַלער אָנלאָדונג״, מיטן ייִדישן נאַציאָנאַלן קאָלאָריט, מיט דער ייִדישער נאַציאָנאַלער ספּעציפיק?

בעפּיירעש — אַן איקער־שײַלע, און אומזיסט איז אַזוי פאַרזיכטיק און אָפּגעהאַלטן כאַיִם סלאָוועס, אַרויסשטאַמלענדיק, אַז דער ענטפער אָף איר „קאָן זײַן אַ לעפּיערעכדיקער״; ניט צוליב אַ שיין וואָרט זאָגן מיר, אַז עס איז אומעגלעך צו בויען אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, ווען עס פעלט אַ קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן איר פאָלקס־כאַראַקטעריסטישן קאָלאָריט, ספּעציפיק, אָנלאָדונג.

קוידעמקאָל — לאָמיר זען, וויאַזוי עס באַהאַנדלט די דאָזיקע פּראָבלעם דער אוטאָר פון אויסרוף־צייכנס, פראַגע־צייכנס און קלאַמערן. ווי עס טרעפט אָפּט אין סלאָוועסעס הויך־געמאָסטענער, זאָרגפול־אַרגומענטירטער ליטעראַטור־עסעיִסטיק, באַקומען אויך דאָ די באַלעבאַטיש־בירגערלעכע קריטיקער אַ פּילבאַרן שנעל אין דער נאָז, ווען עס ווערט זיי אופגעוואָרפן (מיט גרויס רעכט דערצו!), אַז זיי האָבן „פאַרשריגן די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור, אַפילע בייס איר בלי־טקופע און אין די צײַטן פון אירע רײַפּסטע פּרוכטן, ווי אַ ליטעראַטור אַן אַ־נאַציאָנאַלע, שיר בישט אַן אַנטי־נאַציאָנאַלע, לעכאָלהאַדייעס אָן קיין שום נאַציאָנאַלן ווערט און באַטײַט״. סלאָוועס מעלדעט, אַז דאָס איז אַן אומזין, אַז צווישן ביידע וועלט־מילכאָמעס איז דער אַמערסטן־נאַציאָנאַלער צווײַג פון דער ייִדישער ליטעראַטור געווען דער סאָוועטישער, ווײַל די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט געשילדערט אַ באַפרײַט און באַנײַט ייִדיש פאָלק אין אַ באַנײַט סאָציאַליסטיש לאַנד.

ס׳איז מאַמעש אַ פאַרגעניגן צו הערן, וויאַזוי כאַיִם סלאָוועס קנעלט אײַן מיט די אַנטיסאָוועטישע קריטיקער: „געוויס, דאָס נאַציאָנאַלע איז דאָ (אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור פון די ערשטע יאָרצענדליקער נאָכן אָקטיאַבער. — אַ. ו.) געווען ענג און אָרגאַניש באַהאָפטן מיטן סאָציאַלן. ביידע זײַנען צוגלײַך געפלאָסן פון די קוואַלן פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אָט דער רעוואָליוציאָנערער סינטעז צווישן סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן, ווו דער וועג צום מאָרגן האָט געפירט צוערשט דורך אַן אומבאַדינגטן און שאַרפן ריס מיטן נעכטן, איז עפּשער געווען אומפאַרשטענדלעך, אָדער פּאָליטיש נישט אָנעמבאַר פאַר אַ געוויסער קריטיק, אָבער ער איז אַ פאַקט, אַן אומאָפּפרעגבאַרער קולטור־היסטאָרישער פאַקט״ (ז. 167).

און נאָכשפּירנדיק, עטאַפּ נאָך עטאַפּ, אונדזער היסטאָריש־נאָכאָקטיאַבערישן גאַנג, מערקט אָפּ כאַיִם סלאָוועס, דער פרײַנטלעכער צו אונדז ייִדישער שריפטשטעלער פון פראַנקרײַך, אַז אין די ווערק סײַ וועגן בירגערקריג, סײַ וועגן דעם פּראָדוקטיוויזאַציע־פּעריאָד, און אַוואַדע און אַוואַדע אין די ווערק וועגן אַנטיפאַשיסטישן קריג, האָט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור, „גרייכנדיק טיף און ווײַט צו די וואָרצלען פון דער פילדוירעסדיקער טראַדיציע, אויסגעטראָגן אין זיך, אָף איר אייגנעם אייגנאַרטיקן אויפן, די אַלטע און גרויסע וויזיע פון פאָלקישער און צוגלײַך אַלמענטשלעכער באַפרײַונג״ (ז. 167).

די צווייפלונגען, די וואַקלונגען און ניט קלאָרקײַטן (די „פראַגע־צייכנס״) הייבן זיך אָן בײַ כאַיִם סלאָוועסן, בייס ער קומט צום הײַנטצײַטיקן פּעריאָד פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. מיט גרויס אומרו מערקט ער אָפּ, אַז די „נאַציאָנאַלע אָנלאָדונג״, וואָס איז צווישן ביידע וועלט־מילכאָמעס געווען „אַ נאָרמאַלע״ און אין סאָף דרײַסיקער — ערשטע העלפט זעכציקער יאָרן (אַנטיפאַשיסטישער קריג, ייִדישער כורבן, געטאָ) — אַפילע „אַ מאַקסימאַלע, ביז פּאַראָקסיזם״, איז איצט ראַשיק געפאַלן און „דערנענטערט זיך צום נול״.

די סיבע דערפון, זעצט סלאָוועס פאָר זײַן געדאַנק, איז דאָס, וואָס אין לעבן גופע איז דער ייִד געוואָרן אַזוי אויסגעליידיקט פון זײַן אַמאָליקן נאַציאָנאַלן מאַצעוו, אַזוי איבערגעמישט מיט דער אַלגעמיינער סוויווע, אַז ער האָט שוין פאַרלוירן סײַ זײַן ייִדישן אויסזען, סײַ דאָס ייִדישע לאָשן, סײַ די אייגנאַרטיקײַטן פונעם טראַדיציאָנעלן ייִדישן שטייגער. ער זאָגט, לעמאָשל, „סאָוועטסקע וולאַסט״ אָנשטאָט „ראַטנמאַכט״; זײַן נאָמען איז „פּיאָטער מויסייעוויטש״ אָדער „אַנדריי איסאַקאָוויטש״. ווען אַזאַ סאָרט ייִד ווערט אַ פּערסאָנאַזש אין אַ ווערק פון אַ ייִדישן שרײַבער, איז זײַן שפּראַך אין דעם ווערק אַן „אויסגעבאָרגטע״, אַן איבערגעזעצטע פון רוסיש. די „נאַציאָנאַלע אָנלאָדונג״ דערנענטערט זיך צום נול.

אויסהערנדיק כאַיִם סלאָוועסעס שײַלעס, אַפילע דאַן, ווען זיי קלינגען קימאַט שוין ווי טײַנעס, — טאָרן מיר ניט פאַרגעסן, אַז סלאָוועס איז אין זײַן ליטעראַטור־פאָרשונג, אַזוי צו זאָגן, אַ פרײַדיקער, ניט קיין פּאָלעמיסט. ווען ער רעדט וועגן דעם, אַז אונדזער ליטעראַטור לעבט איבער אַ מאַנגל אין נאַציאָנאַלער אָנלאָדונג, מיינט ער ניט, כאָלילע, צו שטראָפן דערפאַר עמעצן, פאָדערט ער ניט מיט אַ באַסקאָל: „ענטפערט!״ — ער פּרוּווט אַפילע אַליין זיך דעביוועןצו אַן ענטפער, און אין דעם, מיינט ער, איז אים באַהילפיק איינע אַ ווייניק־באַקאַנטע בײַ אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד טעאָריע פון זײַן, סלאָוועסעס, לאַנדסמאַן, דעם פראַנצויזישן פילאָסאָף און שריפטשטעלער זשאַן־פּאָל סאַרטר. ווײַזט אויס, אַז האָבנדיק אין זינען די אַזויגערופענע יאַהודים אין די לענדער פון מײַרעוו־אייראָפּע, דאָס הייסט אַזעלכע ייִדן, וואָס זײַנען שוין לויטן לעבנשטייגער „פולע״ ענגלענדער, אָדער פראַנצויזן, אָדער דײַטשן, נאָר דאָס שטערט זיי ניט צו נוצן זיך מיטן ביסל „נאַציאָנאַלן פּראָפיט״, וואָס עס ברענגט אַמאָל אַרײַן די אָנגעהעריקײַט צום

ייִדישן פֿאָלק,— האָבנדיק אין זינען די יאַהודים, האָט זשאַן־פּאָל סאַרטר אין זײַן עסיי „באַטראַכטונגען וועגן דער ייִדן־פֿראַגע“ באַשריבן דעם טיפּ, וואָס ער רופֿט אָן (אין סלאָוועסעס איבערזעצונג פֿון פֿראַנצויזיש) „אום־אויטענטישער ייִד“. אָט אַזאַ נאַציאָנאַל־אינדיפֿערענטער ייִד, אַ „רײַזנדער אָן באַגאַזש“, איז אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, לויט סלאָוועסן, „פּיאָטער מויסייעוויטש“, וועלכער זאָגט אָנשטאָט „ראַטנמאַכט“ „סאָוועטסקע װלאַסט“. פֿונדאַנען דרינגט, אַז דער הויפּט־פּערסאָנאַזש פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, אין איר ווערק אויף הײַנטצײַטיקער טעמאַטיק, איז אַן „אום־אויטענטישער ייִד“.

איידער מירן זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן אין אָט דער טעאָריע, וויל איך, פֿאַרבײַגייענדיק, אָפּפֿרעגן סאַרטרס „דעפֿיניציע פֿון אַ ייִד“, וועלכע עס כאַזערט איבער אין זײַן אַרטיקל כאַיִם סלאָוועס. „אַ ייִד איז דער, וועמען אַלע אַנדערע האַלטן פֿאַר אַ ייִדן“ — וויפֿל דערשלאָגנקייט, און איינצײַטיק ניט נאַטירלעכע „אַקשאָנעס“, וויפֿל נאַציאָנאַלע שלאַבעריקייט און, וואָלט איך זאָגן, איבערגעניצעוועטער אויף דער צווייטער זײַט נאַציאָנאַליזם עס אַנטהאַלט אין זיך אַזאַ דעפֿיניציע! איך דערמאָן זיך מײַנעם אַ שמועס מיט איליאַ ערענבורגן אויף מאָרגן נאָך דעם, ווי ער האָט אין זײַנער אַן אַרויסטרעטונג אין מאָסקווע געזאָגט קימאַט דאָס זעלבע, וואָס סאַרטר („איך וועל זיך האַלטן פֿאַר אַ ייִד, ביז וואַנען עס וועט נאָך לעבן אויף דער וועלט כאָטש איין אַנטיסעמיט“...). איך האָב אַ פֿרעג געטאָן ערענבורגן: „לאָמיר זיך אויף אַ רגע פֿאָרשטעלן, אַז איר האָט זיך שוין דערוואַרט: ניטאָ קיין אַנטיסעמיט אויף אַ רפֿואה. וועט איר דעמלט שוין קיין ייִד ניט זײַן?“ איליאַ ערענבורג האָט זיך פֿאַרטראַכט און מיט אַ שמייכל געענטפֿערט: „איך וועל אַלציינס בלײַבן אַ ייִד, אָבער דאַן וועל איך וועגן דעם אַזוי הויך ניט שרײַען...“

„פּיאָטער מויסייעוויטש“ איז אַ לעבנס־דערשײַנונג, אַ רעאַלע אָפּשפּיגלונג פֿונעם הײַנטצײַטיקן מאַצעוו פֿון דעם גרעסטן טייל פֿון אונדזער פֿאָלק. ער איז ניט פֿון די יאַהודים (יענע, אַרײַנפֿאַלנדיק געוויינלעך אין ציִעניזם, רופֿן זיך אַפֿילו אָן מיט נעמענער פֿון דער טוירע, אָבער זיי בלײַבן, ווי געווען, יאַהודים). די ייִדישע ליטעראַטור, פּונקט ווי זי האָט יאָרהונדערטער געשילדערט דאָס לעבן פֿון „פּיאָטער מויסייעוויטשעס“ טאַטן „מוישע“, דאַרף זי איצט שילדערן זײַן, „פּיאָטער מויסייעוויטשעס“, לעבן. און ניט אָפּצולאָכעס די אַנטיסעמיטן. און ניט דערפֿאַר, ווײַל מע דאַרף „פּיאָטער מויסייעוויטשן“ באַווײַזן, וואָס פֿאַר אַ שלעכטער ייִד ער איז. די הײַנטצײַטיקע ייִדישע ליטעראַטור איז באַרופֿן צו טאָן דאָס, וואָס אַלע ליטעראַטורן טוען: באַשרײַבן דאָס רעאַלע לעבן פֿונעם פֿאָלק, שילדערן עס אַזוי, ווי עס איז אינדערעמעסן. אַגעוו, אויך די יאַהודים דאַרף די ליטעראַטור באַווײַזן, און אַוואַדע און אַוואַדע דאַרף זי באַווײַזן, און, פֿאַרשטייט זיך, וואָרהאַפֿטיק (ניט פֿאַרהײַנטצײַטיקן זיי) יענע ייִדישע מענטשן, וועלכע היטן אָפּ דעם שטייגער, די מינהאָגים, פֿאַרהיטן דאָס לאָשן פֿון די פֿריִערדיקע דורות.

איך האַלט ניט פֿאַר אומנאָרמאַל, וואָס כאַיִם סלאָוועס שטעלט אַרויס די שײַלע וועגן דער „נאַציאָנאַלער אָנלאָדונג“ באַם נאַציאָנאַלן טיפּאַזש אין דער ייִדישער (סאָוועטישער) ליטעראַטור. איך האַלט אָבער, אַז אומזיסט שטעלט זיך כאַיִם סלאָוועס אָפּ אין פֿאַרלעגנהײַט מיט אָט דער שײַלע אויף די ליפּן. ווען דאָס פֿאָלק ענדערט זײַן מאַצעוו, ענדיקט זיך ניט די ליטעראַטור, וועלכע האָט ביז דאַן באַשריבן דעם פֿריִערדיקן מאַצעוו פֿונעם פֿאָלק. די ליטעראַטור ענדערט אויך איר מאַצעוו. נאָך מער: אויב די ענדערונגען זײַנען היסטאָריש־באַרעכטיקטע, געדויערט ניט לאַנג, און די ליטעראַטור ווערט די וועגווײַזערן פֿונעם פֿאָלק אין זײַן נײַער אַנטוויקלונג.

אין דעם באַשטייט דאָס פּרינציפּיעל־וויכטיקע, וואָס עס פֿעלט אין כאַיִם סלאָוועסעס געדאַנקענגאַנג, ווען ער שרײַבט אויף דעם ערשטן פֿרעג־צייכן אין זײַן אַרטיקל וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד“. סלאָוועס איז טאַקע גערעכט, בייס ער זאָגט וועגן די פּערסאָנאַזשן, וועלכע ער באַצייכנט מיטן זאַמל־נאָמען „פּיאָטער מויסייעוויטש“, אַז „געוויס דאַרף אַ שרײַבער, וואָס האָט אַן אויג און אויער פֿאַר הײַנטצײַטיקײַט, זיי אַרײַנברענגען אין דער ליטעראַטור. זיי דאַרפֿן אָבער אַרײַנגעבראַכט ווערן אַזעלכע, ווי זיי זײַנען, אין דער געהעריקער באַלויכטונג און פּערספּעקטיוו“ (ז. 171). דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, אַזוי, און וועגן דעם רעדן מיר דאָך באַ יעדער מינדסטער געלעגנהײַט. סלאָוועס איז זיך טויע, ווען ער מאַכט פֿון דעם אַ „פֿרעג־צייכן“, וועלכער האָט, אָן שום סאָפּעק, זײַן ספּעציפֿישע פֿונקציע, אין אונטערשייד צו די „אויסרוף־צייכנס“...

שוין אָפּגערעדט פֿון דעם, וואָס כאַיִם סלאָוועס טרײַבט ביכלאַל איבער דעם גראַד דענאַציאָנאַליזאַציע באַ די ייִדן פֿון אונדזער צײַט, זײַענדיק שטאַרק אָנגעשראָקן פֿון קימאַט דורכוויסיקער (אין די ייִנגערע דורות) שפּראַך־אַסימיליאַציע און פֿון די באַשײַמפּערלעכע און שטאַרק אָנזעעוודיקע אין טאָגטעגלעכן לעבנשטייגער אַטריבוטן פֿון נאַציאָנאַלער עמאַנסיפּאַציע; עס זעט אויס, ווי סלאָוועס וואָלט באַם אַרופֿטראָגן אויפֿן פּאַפּיר זײַנע „פֿרעג־צייכנס“ אַרויסגעלאָזט פֿון זיקאָרן, אַז די זעלבע פּראָצעסן, נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, האָבן שוין ניט איין מאָל זיך פֿאַרמאָסטן אויף „אונטערזעגן“ דעם אַלטן שטאַם פֿון אונדזער פֿאָלק, נאָר דער שטאַם איז געבליבן שטיין, אַרויסרופֿנדיק ניט ווייניק כידעש באַ זײַנע אייגענע צווײַגן: פֿונוואַנען נעמען זיך די נײַע זאַפּטן? — שוין אָפּגערעדט פֿון דעם, וואָס כאַיִם סלאָוועס טרײַבט איבער דעם גראַד דענאַציאָנאַליזאַציע באַ די פּערסאָנאַזשן פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, באַ די „פּיאָטער מויסייעוויטשעס“, — האָט ער נאָך מוירע, אַז שילדערנדיק אַזעלכע פּערסאָנאַזשן, קאָן אַליין דער שרײַבער (דער סאָוועטישער ייִדישער שרײַבער) פֿאַרוואַנדלט ווערן (סלאָוועס גיט צו: „ווילנדיק־ניט־ווילנדיק“) אין אַ מין „רײַזנדן אָן באַגאַזש“. דער פֿעלער, וואָס כאַיִם סלאָוועס באַגייט, באַשטייט דערין, וואָס אין דעם איצטיקן צושטאַנד פֿון דעם העלד פֿון דער ליטעראַטור זעט ער אײַן נאַציאָנאַלן ניהיליזם, און דעם שרײַבער, דעם שעפֿער פֿון אָט דעם ליטעראַרישן העלד, באַשולדיקט ער אין „ניהיליזם לעגאַבע יענעמס נאַציאָנאַלן ניהיליזם“, וואָס עס „שאַפֿט דעם אײַנדרוק, אַז אויך פֿאַר אים, פֿאַרן שרײַבער, פּונקט ווי פֿאַר זײַן העלד, איז דער גאַנצער ייִדישקײַט־איניען ביכלאַל קיין איניען ניט“ (ז. 171).

כאִים סלאָוועס זעט אײַן אין א לעבנס־רעאַלקײַט — ניהיליזם. פארשטייט זיך, דער שרײַבער דארף צו דער לעבנס־רעאַלקײַט „נעמען א שטעלונג". די נײַע ייִדישע ליטעראַטור וועט אָבער ניט אויספילן איר באַרוף, אויב זי וועט, אַנשטאָט צו שילדערן דעם הײַנטצײַטיקן ייִדישן פערסאָנאַזש אזא, ווי ער איז, „נעמען א שטעלונג" פון איגנאָרירן אים, ווײַל עס געפעלט איר מערער דער אמאָליקער פערסאָנאַזש (דאָס, וואָס עס טוט פאַקטיש די בורזשואַז־בירגערלעכע ייִדישע ליטעראַטור). ווען כאִים סלאָוועס זאָל דאָס אלץ האָבן אין זינען, וואָלט ער ניט דערגאַנגען צום אבסורדאַלן אויספיר, אַז, קלוימערשט, „דאָס צונויפאַלן פון נאַציִאָנאַלער אויסגעהוילטקײַט באַם העלד מיט נאַציִאָנאַלער גלײַכגילטיקײַט — ווירקלעכער אָדער שײַנבארער — באַם שרײַבער איז די סיבע פונעם ראַשיקן פאַלן פון נאַציִאָנאַלער אָנלאָדונג בא א טייל פון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור" (ז. 171).

ס'איז כאָטש גוט, וואָס נאַציִאָנאַלע גלײַכגילטיקײַט ווערט צוגעשריבן בלויז א טייל פון אונדזער ליטעראַרישער מישפּאָכע... כאִים סלאָוועס וואָלט באַדאַרפט פאַרפינקטלעכן, וועלכע ווערק און וועלכע שרײַבער ער האָט דאָ אין זינען, ווײַל אַנדערש קאָן זיך באַקומען, אַז אַנשטאָט צו אָפּזוכן אן ענטפער אַפן „פרעג־צייכן" זאָל דער אווטאָר פון „אין און ארום" אופשרײַבן אַפן שוין אוועקגעשטעלטן — א נײַעם „פרעג־צייכן". מיר, פון אונדזער זײַט, דאַרפן באַרויִקן כאִים סלאָוועסן, ווען ער פרעגט זיך אָן: „צי איז מעגלעך, אַז די דאָזיקע פראַגע (וועגן נאַציִאָנאַלן אויסדרוק פון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור. — א. וו.) זאָל נישט זײַן קיין לעבנס־פראַגע אויך פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור?" (ז. 171).

אליין כאִים סלאָוועס באַשטעטיקט דאָך (אין געציילטע שורעס נאָך דעם, ווי ער פרעגט זיך רעטאָריש אָן וועגן דעם), אַז „די סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבער גיבן אָפּ דעם איניען זייער פיל אויפמערקזאַמקײַט" (ז. 172). בלײַבט, אויב אזוי, צו פאַרייניקן די באַמיִונגען פון די פאַרשיידענע איצט־עקזיסטירנדיקע אָטריאַדן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אָף צו אָפּזוכן א ריכטיקע לייזונג פון אָט דער ערשטראַנגיקער פּראָבלעם, און אזויארום געפינען מיט געמיינזאַמע קויכעס דעם הײַנטצײַטיקן נאַציִאָנאַלן לעוווּש פאַר אונדזער ליטעראַטור.

■

זײַן צווייטן „פרעג־צייכן" טראָגט כאִים סלאָוועס אָפּ צום אויסוואַל פונעם פּאָזיטיוון העלד, פון דעם, אזוי צו זאָגן, העלד פון אונדזער צײַט אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. פאַקטיש איז עס די פראַגע וועגן דער שילדערונג פונעם נײַעם טיפּ סאָוועטישן ייִד.

אין אייגנטימלעכן פאַר אים גראַציִעזן אויסדרוקסטיל שטעלט סלאָוועס אוועק די פראַגע: „וואָס פאַרא מינים איידל־מעטאַלן דאַרפן געוואָרפן ווערן אין קינסטלערישן שמעלץ־טיגל פון שרײַבער, ביכדיי עס זאָל אויסגעפורעמט ווערן דער לאַנג־געוואַרטער און לאַנג־געגאַרטער סאָוועטיש־ייִדישער פּאָזיטיווער העלד פון אונדזערע טעג?" (זז. 172 — 173). באַזונדערס וויכטיק איז פון זײַן קוק־ווינקל די פּראָבלעם — אין וועלכער שפּראַך־ספערע דאַרף „אײַנשטיין" דער פּאָזיטיווער העלד: אין דער ייִדיש־שפּראַכיקער, אָדער אין דער לאַנד־שפּראַכיקער ספערע; צווישן וועלכע סאָוועטישע ייִדן דאַרף מען דעם פּאָזיטיוון העלד זוכן: צווישן יענע, וועלכע האָבן בעשאַס דער פאָלקסציילונג באַצייכנט אלס מוטערשפּראַך ייִדיש, אָדער צווישן די שפּראַכלעך־אסימילירטע.

דאָס אוועקשטעלן די פּראָבלעם פונעם פּאָזיטיוון העלד אין אזא סאָרט פּאָקוס, דאָס הייסט אין דער אָפּהענגיקײַט פון דעם, אָף וועלכער שפּראַך עס רעדט דער העלד, זעט אויס אין מײַנע אויגן גאַנץ מאָדנע. איך פאַרשטיי כאִים סלאָוועסן: „שפּראַך" איז דאָ מערער פון פּאָשעט שפּראַך. אָבער אלציינס קאָן איך ניט מאַסקים זײַן מיט סלאָוועסן. לויט מײַן פאַרשטאַנד איז פאַר דער פּראָבלעם „פּאָזיטיווער העלד" לאַכלוטן ניט וויכטיק, צי דער געשילדערטער ייִד איז א ייִדיש־רעדנדיקער, צי אן איווריט־רעדנדיקער, צי א רוסיש־רעדנדיקער אאוו.

די אָנגעוויזענע פּראָבלעם — איינע פון די מערקבאַרסטע און אקטועלסטע אין ליטעראַרישן שאַפן ביכלאַל, און ביפראַט אין הײַנטצײַטיקן ייִדישן ליטעראַרישן שאַפן — נעמט אין זיך אַרײַן גאָר אַנדערע קאָמפּאָנענטן. ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז איינער און דער זעלבער העלד מיט איינע און די זעלבע כאַראַקטערשטריכן און אייגנשאַפטן איז פּאָזיטיוו פונעם שטאַנדפּונקט פון אונדזער פּראָגרעסיווער סאָוועטישער וועלט־אָנשויונג און נעגאַטיוו לעגאַבע די פאָרשטעלונגען און אינטערעסן, לאָמיר זאָגן, פון די כסידים פונעם סאַטמאַרער רעבן. ווען איך שרײַב די דאָזיקע שורעס, ליגט אָף מײַן טיש א נומער פון א ציִעניסטישער צײַטונג מיט א נאָטיץ, פון וועלכער איך דערוויס זיך, אַז דער נידערטרעכטיקער פאַרעטער פון אונדזער היימלאַנד י. קערלער איז שוין, זעט אויס, „געפונען געוואָרן" פון דער „שין־בעט"־פּראָפּאַגאַנדע, און מע האָט אים אַרויסגעפירט קיין פּשאַ אָף א „טורנע", קעדיי צו וואַרפן שמוץ אַפן סאָוועטנפאַרבאַנד. דערבײַ מעלדעט ער זיך דאָרט, אין אמעריקע, מיט די ווערטער: „איך בין דער פאָרשטייער פונעם סאָוועטישן ייִדנטום". וועגן קערלערן זײַנען פאַראַן צוויי מיינונגען. די ציִעניסטן רעקלאַמירן אים ווי זייערן א „פּאָזיטיוון העלד". און איינער א לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט וועגן אים, ווי וועגן טעלעסינען און בוימוואָל, אָנגעשריבן קורץ און שאַרף: „דאָס זײַנען ייִדישע וולאַסאָווצעס" („סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 12, 1971). די וולאַסאָווצעס, דינענדיק דעם דײַטש־פאַשיסט, שיסנדיק פון אווטאָמאַטן אין רוסישע מענטשן, האָבן דאָך אויך געטײַנעט, אַז זיי זײַנען „פּאָרשטייער פונעם רוסישן פאָלק". און געבעלס האָט זיי געמאָלט ווי זײַנע „פּאָזיטיווע העלדן". אן אַנדער מיינונג האָבן געהאַט די רוסישע רויטאַרמייער, וועלכע האָבן מיט א באַזונדער פלײַס אויסגעזוכט אין דעם סוינעס טראַנשייען די וולאַסאָווצעס, קעדיי אַפן אָרט אַרויסטראָגן זיי דעם פּסאַק־דין.

א נאַפקעמינע — אָף וועלכער שפּראַך עס האָבן גערעדט די וולאַסאָווצעס? אָף וועלכן „לאָשן" עס בילט איצט קערלער?

כאִים סלאָוועס איז גערעכט, ווען ער שטעלט אוועק די פּראָבלעם פונעם פּאָזיטיוון העלד אין דער הײַנט־

צײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור. די דאָזיקע פּראָבלעם מוז אָבער ניט אומבאַדינגט זײַן אַן אויסרייד פאַר „פּרעג־צייכנס”. ס׳איז קעדײַ צו פאַרייניקן די באַמיִונגען פון די פאַרשיידענע איצט־עקזיסטירנדיקע אַטריאַדן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אַף צו אָפּזוכן אַ ריכטיקע לייזונג פון אָט דער ערשטראַנגיקער פּראָבלעם.

האָבנדיק זיך שוין צונויפגערעדט, אַז ניט איצט, ניט דאָ וועלן מיר נעמען ענטפערן אַף דער אוועקגעשטעלטער פראַגע וועגן פּאָזיטיוון העלד, איז דאָך נייטיק צו זאָגן אָט וואָס.

דאָס, וואָס אָט דער העלד רופט זיך „פּאָזיטיווער”, איז אַזוי אָפּפירעריש פון זײַן ברייטן טאָך, אַז פון דער זײַט מאָלט מען זיך אים אויס גאַנץ שמאָל און אין דער מעטאָדאָלאָגיע פון דער פּראָבלעם־לייזונג גייט מען אוועק שיר ניט אַפן וועג פון פּאַראָדיע. מע זאָגט: אויב עס האַנדלט זיך וועגן פּאָזיטיוון העלד, הייסט עס, מינאַסטאַם, אַז דער העלד מוז זײַן אומבאַדינגט — אַ שיינער, אַ קלוגער, אַ שמייכלענדיקער, אַ ווײַטזעעוודיקער, אַ דעליקאַטער, אַ גערעכטער אדג.

לאָמיר צום ערנסטן איניען צוגיין ערנסט. ווען מיר זאָגן „פּאָזיטיווער העלד פון אַ ליטעראַטור”, מיינען מיר דעם מענטשן־מאַטעריאַל, וועלכער טראָגט אין די ווערק די פּראָבלעמאַטיק פון דער צײַט. פּאָזיטיווער העלד מיינט יענעם פולבלוטיקן פּערסאָנאַזש, אַף וועלכן די צײַט ווערט „אָנגעלאָדן” מיט אַלע אירע פּרוכטבאַרע טענדענצן, און מיט וועמען זי, די צײַט, ווערט „אָפּגעשיקט” צום באַוווסטזײַן פונעם לייענער. פּאָזיטיווער העלד און שילדערונג פון דער הײַנטצײַטיקײַט זײַנען איינס און דאָס זעלבע.

די דאָזיקע ווענדונג אינעם באַהאַנדלען די פראַגע גיט מיר אַ מעגלעכקײַט אָפּצולייגן אַף אַ רעגע דעם דיִאַלאָג מיט כ. סלאָוועסן וועגן אַנדערע זײַנע „פּרעג־צייכנס”, קעדיי מיט גרויס באַפרידיקונג אָפּמערקן, אַז אַף אַזאַ מאַגיסטראַל־פּראַגע, ווי הײַנטצײַטיקײַט, גייט דער אַווטאָר פון „אין און אַרום” אַרויס פון ריכטיקע, אין גרונט, האַנאָכעס.

הײַנטצײַטיקײַט. צײַטלעכקײַט. הײַנטיקײַט. צײַטלעכקײַט פון הײַנט. ניט נאָר אין דעם עסיי וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד”, נאָר אויך אין אַ ריי אַנדערע („ייִדישע קולטור־פּראָבלעמען פונעם פערטל יאָרהונדערט”, „קולטור און היסטאָרישער זיקאָרן”, „הײַנטצײַטיקײַט און מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור”), — אומעטום, ווו ער געפינט די מינדסטע געלעגנהײַט דערצו, טײַנעט סלאָוועס און שטרײַכט אונטער, אַז די ליטעראַטור דאַרף „באַמיִען זיך אויפכאַפּן די אַרומיקע ווירקלעכקײַט מאַמעש פון טאָג צו טאָג און פון שאָ צו שאָ”... (ז. 161); אַז „צײַטלעכקײַט איז פאַר יעדער קונסט, און גאָר באַזונדערס פאַר ליטעראַטור, מאַמעש די מאַמע־ערד, וואָס שפּײַזט און דערנערט, די לופט, וואָס דערהאַלט דאָס לעבן” (ז. 264); אַז „פון אַלע גוירלדיקע פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס ראַנגלט זיך אונדזער מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור, איז די פּראָבלעם פון הײַנטצײַטיקײַט צווישן די גוירלדיקסטע, אויב ניט טאַקע — די סאַמע גוירלדיקסטע” (ז. 275).

דעם פונדאַמענטאַלן כילעק צווישן דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און דער בורזשואַז־בירגערלעכער ייִדישער ליטעראַטור זעט סלאָוועס אײַן אין דעם, וואָס פאַר אַ צײַט און וועלכן וועלט־סיידער זיי זײַנען טרײַ אין זייערע שילדערונגען. „דער ייִדישער שרײַבער אין ראַטנפאַרבאַנד האָט בעיִקער פאַרן אויג דעם הײַנטצײַטיקן סאָוועטישן ייִד, אין זײַנע ליידן און פריידן, אין זײַנע יאָמטויווים און אינדערוואָכנס. ער מאָלט זײַן העלד פון דער נאַטור, ער גייט אים נאָך פוסטריט, אָדער פאָרט אים נאָך, אָדער פליט מיט אים צוזאַמען איבער אַלע ראַכוועסן פון לאַנד. ער באַמיט זיך, דער שרײַבער, — כ׳וואָלט געזאָגט, ער באַמיט זיך באַזונדערס שטאַרק — צו מאָלן דעם סאָוועטישן ייִד אין זײַנע צווישנבאַציִונגען מיט דער ניט־ייִדישער סוויווע, מיט זײַנע ניט־ייִדישע שכייניִם, די סאָוועטישע מענטשן פון קאָלערליי פעלקערשאַפטן. דער רוי־שטאָף פון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור — דאָס איז די גאַנצע הײַנטצײַטיקײַט, די פילפאַרביקע און פילגעשטאַלטיקע סאָוועטישע ווירקלעכקײַט, אין וועלכער דער העלד, דער סאָוועטישער ייִד, איז אײַנגעגלידערט אָרגאַניש”... (ז. 162).

אין דער זעלבער צײַט איז „די ייִדישע ליטעראַטור אין מײַרעוו־אייראָפּע, אין אַמעריקע און אין ייִסראָעל געווענדעט קוידעמקאָל צום נעכטן”. „ווערק — מוזייִשטיקער, ווערק — מאַציייוועס. אין בעסטן פאַל — קינסטלערישע דענקמעלער פאַרן פאַרשניטענעם אָוואַר” (ז. 162). „איינזאַמקײַט, ייִעש, אַבסורדאַלקײַט, אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקײַט, איראַציִאָנאַליזם, מיסטיק, גאָטזוכעניש”... (ז. 326). „אין די אַלע געוויטערס, אין די אַלע שלאַכטן איז דער ייִדישער שרײַבער, די ייִדישע ליטעראַטור בעדערעך־קלאַל אָפּוועזנדיק, לאַכלוטן אָפּוועזנדיק”... (ז. 272).

דאָס האַרץ הייבט מאַמעש אָן צו ווײ טאָן פונעם בילד, וויִאַזוי כאַיִם סלאָוועס, דער פּראָגרעסיווער ייִדישער שרײַבער פון פראַנקרײַך, נעמט אין זײַן אומרויִקן און שפּרודלדיקן מיט לעבן און מיט זוכענישן בוך זיך אַרומדרייען צווישן טויב־שטומע שאָטנס פון דער קימאַט שוין אינגאַנצן פאַרשטאַרטער, לעבנסלאָזער בירגערלעכער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע האָט, ווי סלאָוועס באַמערקט, „אַזוי ווי זיך אויסגעשלאָסן פון צײַט און וועלט”. דער זייגער פון אָט דער ליטעראַטור, „פּונקט ווי דער זייגער אין הויז פון אַ מעס”, האָט זיך אָפּגעשטעלט. די ווײַזערס זײַנען געבליבן אומבאַוועגלעך. דער בירגערלעכער ייִדישער שרײַבער „איז בעדערעך־קלאָל — מיט קליינע אויסנאָמען — געבליבן פאַרמויערט אין נעכטן” (ז. 273). די סיבע פון אַזאַ פּראָסטראַציע־צושטאַנד פון דער בירגערלעכער ייִדישער ליטעראַטור זוכט סלאָוועס אין דעם גײַסטיקן שאָק, וואָס זי האָט געכאַפּט פון די „קרעמאַטאָריעס פון אוישוויץ, טרעבלינקע און מײַדאַנעק”, „פון אונדזער גרויסן אומגליק נאָכן נאַציִאָנאַלן כורבן”, אין רעזולטאַט פון וועלכן זי האָט „אָן אויסגעבלוטיקטע און אויסגעפּײַניקטע, אַ פאַרטויבטע פון בלוט און טרערן, זיך אײַנגעשלאָסן אין זיך” (זז. 272—273). דאָס איז אָבער, לויט מײַן איבערצײַגונג, ניט די ריכטיקע סיבע דערפון. די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור איז דען פאַרבײַגעגאַנגען די קרעמאַטאָריעס? מוישע טײַף איז פון דער זעונג פונעם אויסגעשאָכטענעם גיטקע טײַבעלעס זאַוווּלעק ניט געפאַלן אין שעפערישן כאַלאָשעס. איציק פעפער האָט איבער די

שאָטנס פון דער ווארשעווער געטאָ אופגעהויבן דעם גײַסט פונעם פאָלקס־העמשעך: „איך בין א ייִד!״.

די באַלעבאַטיש־בירגערלעכע ייִדישע ליטעראטור איז פארדאָרבן געוואָרן ניט פון דער פאָלקס־טראגעדיע, וועלכע דארף ארויסרופן און האָט ארויסגערופן (בא דער פּראָגרעסיווער ייִדישער ליטעראטור) א צופלוס פון לעבנס־ווילן, פון קאמף און ווידערשטאנד, פון ראנגלענישן פאר דעם קיום. לאָמיר איצט, טײַערער כאווער סלאָוועס, זאָגן דעם הארבן עמעס, אז יענע ליטעראטור איז פארדאָרבן געוואָרן פון דעם, וואָס זי אליין האָט זיך ארויסגעריסן פונעם באָדן פון דער הײַנטיקער ווירקלעכקײַט; זי האָט „נאַיִוו״ געהאָפט, אז א ליטעראַרישער פלאנץ קאָן וואקסן אָף דער פינצטערער זײַט. זי איז דערשטיקט געוואָרן פון דעם קנויל פון אנטי־פּראָגרעס, וועלכער איז געשטאנען אין איר האלדז. עס האָט זי טאָמיד געהאלטן בא א שלעכטער שטימונג דער זאָאָלאָגישער געפיל פון קאָנטררעוואָליוציע און אנטיסאָוועטיזם, וועלכער האָט ניט געהאט און האָט ניט קיין מאמאָשעס באם ייִדישן פאָלק, ווײַל די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט בא די ייִדן אין טכום ניט אָפּגענומען קיין אימעניעס מיט קיין אדל־הערבן, — און דעריבער איז א ייִדישע קאָנטררעוואָליוציאָנערע ליטעראטור פון אָנהייב אָן געווען פארורטיילט.

ערשט מיט געציילטע יאָרן צוריק האָבן מיר זיך נאָך געווענדט צו די לעצטע מאָהיקאנער פון דער בירגערלעכער ייִדישער ליטעראטור מיט א לײַדנשאפטלעכן רוף: שטעלט זיך אוועק פארן גוירל און צווינגט זיך ארופגיין צו די נעשאָמע־ספערן פון אונדזער פאָלקס־ליטעראטור, פאר וועלכער מיר אלע טראָגן דאָס אכרײַעס, ווי זין פאר א מאמען. רײַסט ארויס אײַערע פענעס פונעם פארסאָכנעטן נעכטן, לאָזט אראָפּ די אָנמעכטיקע אלטע קולעקעס, וועלכע איר האָט אזוי קאָמיש אופגעהויבן איבערן קאָפּ פון דעם הײַנטיקן טאָג.

מאנגער איז שוין דאן געלעגן אפן טויטן בעט. לייעלעס, גלאטשטיין און אנדערע האָבן די אויערן פארשטאָפּט מיט אויסגעלײִענער באם ציִעניזם וואטע. גלאטשטיין און לייעלעס זײַנען שוין איצט אויך ניטאָ. וואָס איז פארבליבן פון זייערע לעצטע אכטצען יאָר? מערער — פוסטע און בייזע קאָלומס, ווייניקער — ניט־דאָיִקע שוואכע לידער.

ווער איז איצט פארבליבן? מיט וועמען גייט די בירגערלעכע ייִדישע ליטעראטור צום טיש? מיילעך ראוויטש, לעמאָשל, שרײַבט ווילע, צוליבן צײַטונגס־שפּאלט, דערינערונגען פונעם ליטעראַרישן נעכטן; קאדיע מאָלאָדאָווסקי לײַדט פון א ניט־אײַנגעהאלטענעם פּאָעטישן טרערן־פלוס; אין די פארייניקטע שטאטן האָבן דעם ליטעראַרישן בעלעמער פארכאפּט גראפאָמאנען, און אויסער כאַיִם גראדען, דעם שטאמלער (גאָט זאָל זיך אָף אים דערבארעמען...), איז דאָרט שוין אלעס פאר־ש. ל. שנײַדערמאנט געוואָרן; בא אײַך אין פּאריזש, ווייסט איר דאָך, איז אויך פאראַן א בירגערלעכער „שרײַבער־פאריין״ מיט „לענעמאן״ און פּאָשעט „מאן״ (מענדל מאן)... וואָס איז שײַעך ייִסראָעל, איז איצט די ליטעראטור־אומגעבונג דאָרט זייער א שווערע, ניט בלויז דערפאר, ווײַל ייִדיש־שאפן איז אין דער ייִדישער מעדינע ניט אין דער מאָדע, נאָר — איבערהויפּט — ווײַל אין דער מאָדע איז דאָרט איצט א האנדל־וואנדל פון אײנפאכע דעזערטירן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, און אזעלכע דיכטער, ווי אווראָם סוצקעווער אָדער בינעם העלער, האָבן זיך אראָפּגעלאָזט צו דעם ראנג פון ניאנקעס בא די דאָזיקע דעזערטירן.

איך קאָן פון פריִער זאָגן, אז אָט דער כעזשבן, וועלכן כ׳האָב דאָ געמאכט, וועט קיינעם פון די בירגערלעכע ייִדישע שרײַבער ניט געפעלן. דאָס אָבער ארט מיך ניט, דער כעזשבן איז א ריכטיקער. די רעאקציאָנער־אנטיסאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור האָט באצאָלט מיטן לעבן פאר דעם, וואָס זי האָט, ווי סלאָוועס שרײַבט, „זיך געפלײַסט נישט בלויז אָפּצושטעלן די צײַט, נאָר זי צוריקדרייען״ (ז. 275).

די רעשטן אירע האָבן איצט די ברייִרע אויסצוקלײַבן: אָדער אינגאנצן שוין פארשווענקט ווערן פונעם שמוציקן שטראָם, אָדער דערהערן דעם רוף פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור און פון די פּראָגרעסיווע שעפערישע קויכעס אין דער ייִדישער ליטעראטור פון אויסלאנד און א קערעווע טאָן זיך צום רעאלן לעבן.

■

אין דעם עסיי „קולטור און היסטאָרישער זיקאָרן״ פארטיידיקט כאַיִם סלאָוועס מיט רעכט דעם „פּרינציפּ פון געשיכטלעכקײַט״. ער ברענגט י.־ל. פּערעצעס ארויסזאָגונג וועגן דעם, אז „ייִדישקײַט״ דארף גענומען ווערן דינאמיש, אין דער אנטוויקלונג, „דאָס הייסט: איבעראל, אָף דער גאנצער וועלט און אין אלע צײַטן״ (ז. 245). ייִדישקײַט „אָף דער גאנצער וועלט״, ייִדישקײַט „איבעראל״ — איז, ווי מיר שײַנט, א באגריף, וועלכער פירט צו דער צווייפלהאפטער פאָרמול פון אן „אײנהײַטלעך וועלט־פאָלק״. אויב נעמען דעם זעלבן באגריף אין צײַטלעכן אויסמעסט, האָט דאָך אליין סלאָוועס אין אן אנדער אָרט פון זײַן בוך (אין עסיי „היסטאָרישע ייִדישקײַט בא י. אָפּאטאָשו״) געבראכט אן ארויסזאָגונג אָפּאטאָשוס, וועלכע ווידערשפּרעכט פּערעצעס: „איך האלט, אז יעדער דאָר שאפט זײַן ייִדישקײַט, אנדערש וואָלטן מיר ניט געהאט קיין היסטאָריש ייִדישקײַט. און דאָס ייִדישקײַט פון איין דאָר אונטערשיידט זיך פון יעדן אנדער דאָר״ (ז. 124). דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן, האָבנדיק אין זינען דעם טעריטאָריעלן שטאנדפּונקט: דער נאציאָנאַלער אויסדרוק („ייִדישקײַט״) בא א סאָוועטישן ייִדן אונטערשיידט זיך פון דער ייִדישקײַט פון א ייִדן אין אנדערע מעקוימעס...

דער עסיי „קולטור און היסטאָרישער זיקאָרן״ איז דורכגעדרונגען מיט דער ניט ריכטיקער האנאָכע, אז „דער ייִדישער ארבעטס־מענטש האָט... געבראכט מיט זיך די גרויסע און געזונטע(?) היסטאָריש־דיִאלעקטישע(?) נעגאציע צו אלע גרונט־ווערטן, וואָס זײַנען געשאפן געוואָרן ביז אים״ (ז. 246). אָף אזא וועג פון „אנטי־היסטאָרישקײַט״ איז, לויט סלאָוועסן, אוועק די סאָוועטישע ייִדישע קולטור אין די ערשטע יאָרצענדליקער נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. „זייער שנעל האָט זיך ארויסגעוויזן: אין די נײַע באדינגונגען פון ראטנפארבאנד און פון פּראָלעטארישער דיקטאטור האָט די יונגע סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראטור קימאט גאָרניט געפונען וואָס צו יארשענען בא אירע פאָר־

גייער, ניט בא דער ייִדישער קלאסיק און געוויס ניט בא די נאָכקלאסיקער"... (ז. 148).

איך גלייב ניט די אייגענע אויגן: געשיקט זיך, שרײַבט עס כאַיִם סלאָוועס? פונוואנען האָט ער דאָס געשעפּט? עס ווײַזט זיך ארויס, אז סלאָוועס איז באקאנט מיט א פון לאנג שוין פארגעסענער שטעלונג פונעם דאן נאָך אידייִש־פארבלאָנדזשעטן מוישע ליטוואקאָוו, א שטעלונג, פון וועלכער אליין ליטוואקאָוו האָט שפּעטער זיך אָפּגעזאָגט, און איצט לייגט כאַיִם סלאָוועס זי פאָר צום באהאנדלען אלס די שטעלונג פון דער יונגער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור. דערבײַ אייצעט ער, מע זאָל ניט שטארק באדויערן די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור, ווײַל „ס'האָט זיך געהאנדלט וועגן א דערשײַנונג אן אלגעמיינער: די לופט פון דער רעוואָליוציע איז געווען א גליִענדיקע און אלץ־פארצערנדיקע. אויך די רוסישע ליטעראטור איז נישט פיל בעסער באהאנדלט געוואָרן" (ז. 249). לאָמיר פארבײַגיין דעם אומפאראנטוואָרטלעכן זאָג וועגן „אלץ־פארצערנדיקער לופט" פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע און זיך פּרוּוון דורכשלאָגן א וועג צו דער לאָגיק, וועלכע פירט אָן מיט כאַיִם סלאָוועסן, ווען ער שרײַבט אין 1968 זײַן אמערסטן פארפלאָנטערטן עסיי „קולטור און היסטאָרישער זיקאָרן".

יאָ, מוישע ליטוואקאָוו האָט טאקע א געוויסע צײַט זיך ארומגעטראָגן מיט א טעאָריע, אז די ביז־אָקטיאבערישע ייִדישע ליטעראטור איז געווען בעעצעם א קליינבירגערלעכע ליטעראטור, וועמענס גײַסטיקער האָריזאָנט איז געווען באגרענעצט צו דער דרײַאייניקײַט קיך — קראָם — בעסמעדרעש און וועלכע האָט בעמיילע אָפּגעשפּיגלט בלויז די געזעלשאפטלעכע באוועגונגען פון דער ייִדישער בורזשואזיע: די האסקאָלע — פון די העכערע בורזשואזע שיכטן, און די „נאציִאָנאלע באוועגונגען" — פונעם קליינבירגערטום.

דאָס איז געווען א מיינונג פון איינעם פון די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור־קריטיקער. צי דארף מען איצט אזוי בייז און קריגעריש אופוואָרפן דעם דאָזיקן שוין פארגעסענעם עפּיזאָד דער סאָוועטישער ליטעראטור, און אפילע, ווי סלאָוועס טוט עס, „די פירנדיקע טוער פון ראטנפארבאנד" („דאָס איז געווען אזא ווילדער אומזין, אז ער האָט זיך געקאָנט לייגן אפן סייכל בלויז פולשטענדיקע אמעראצים. און דאפקע וואָס־וואָס, אָבער קיין אמעראצים זײַנען די פירנדיקע טוער אין ראטנפארבאנד ווײַט ניט געווען". ז. 249).

איך גלייב ניט די אייגענע אויגן: געשיקט זיך, שרײַבט עס כאַיִם סלאָוועס?

צי איז פאראן א גענוגנדיקער גרונט, נאָך דעם, ווי אין אן אלטן בוך איז אויסגעפונען געוואָרן מוישע ליטוואקאָווס אויבנדערמאָנטער טעזיס, צו באהויפּטן, אז די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור האָט זיך אָפּגעזאָגט צו יארשענען די ליטעראַרישע יערושע, און ס'איז געבליבן, אז „דער איינציקער, דער אבסאָליוטער בערײשיס איז — די אָקטיאבער־רעוואָליוציע", „מענדעלעס קרוין איז אראָפּגעריסן געוואָרן, ווי אלע אנדערע קרוינען פון אמאָליקן רוסלאנד" (ז. 294).

ווען סלאָוועס רעדט מיט אזא שפּראך, איז ניט קעדײַ מיט אים צו דיסקוטירן. צופיל פּאפּיר וועט מען דארפן האָבן אף ארויסצושרײַבן די אופטוען (אָנהייבנדיק פון די ערשטע טעג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע!), וועלכע זײַנען געווען געצילט צו אָנשליסן די קלאסישע און ביזקלאסישע ליטעראַרישע יערושע אונדזערע צו דעם סאָוועטישן פּעריִאָד. מע וואָלט געקאָנט אפילע דערמאָנען סלאָוועסן אין די ארויסזאָגונגען פון וו. אי. לענין בעשײַכעס דער באציִונג צו יערושע, נאָר ס'איז קיין סאָפעק ניט, אז כאַיִם סלאָוועס האָט געלייענט און ווייסט לענינס ווערק, און אויב ער האָט זיך אזוי פארהאלטן אף מ. ליטוואקאָווס א לאנגאָניקער פאלשער טעאָריע, איז דאָך ניט שײַעך צו זאָגן...

כאַיִם סלאָוועס שרײַבט ווײַטער אין דעם דערמאָנטן עסיי: „באדײַטנדיק פריִער, ווי די סאָוועטיש־ייִדישע קולטור־וועלט, האָבן מיר (מײַן קורסיוו. — א. וו.) צוריק באקומען דעם היסטאָרישן זיקאָרן" (ז. 252). ווער — מיר? עפּשער — כאַיִם סלאָוועס, וועלכער האָט אָנגעשריבן א דראמע „באָרוך פון אמסטערדאם", און מיט דעם שוין „צוריק באקומען דעם היסטאָרישן זיקאָרן"? האָט דאָך מ. דאניִעל (מייעראָוויטש) אָנגעשריבן זײַן „מײַמאָן" א סאך פריִער, איידער כ. סלאָוועס זײַן „באָרוך". מע וואָלט געקאָנט ריידן ערנסט אף אָט דער טעמע מיט כאַיִם סלאָוועסן, ווען ער זאָל זיך מאטריִען זײַן און דורכבלעטערן נאָכאמאָל די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור פון די צוואנציקער — דרײַסיקער יאָרן, ווען זי איז, קלוימערשט, געווען, לויט ווי ער שרײַבט, „אנטי־היסטאָריש". לייענענדיק ביינוש שטיימאנס „מאָשיִעך בען יויסעף" און „באם טויער", דעם ניסטערס „מישפּאָכע מאשבער", אווראָם קאהאנס „ארן ליבערמאן", שמועל האלקינס „שולאמיס" און „באר־קאָכבא", די דערציילונגען פון אזא, צום באדויערן, פארגעסענעם שרײַבער, ווי יעדידע מארגוליס, די דיכטונג פון אונדזערע אָנהייבער — דאָוויד האָפּשטיין, פּערעץ מארקיש, ליפּע רעזניק אא., לייענענדיק דאָוויד בערגעלסאָנען, מוישע קולבאקן, לייב קוויטקאָן, איז אומעגלעך צו זאָגן, אז ערשט „באם גענעם־פלאם פון דער מילכאָמע", לעם די „טיפע גריבער, רויטע ליים", און ניט אף קיין יאָר פריִער, האָט די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור „אופגעבראָכן דעם אנטי־היסטאָרישן צוים", און פאר איר האָט „זיך געעפנט איינער פון אירע שפּעפרישסטע און פרוכטבארסטע פּעריִאָדן, וואָס דויערט ביז הײַנטיקן טאָג" (ז. 254).

דאָס טיילן די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור אף אן אנטי־היסטאָרישן פּעריִאָד (ביז די פערציקער יאָרן) און אף א ווײַטערדיקן פּעריִאָד, ווען ס'האָט זיך צו איר „אומגעקערט דער היסטאָרישער זיקאָרן", — איז ניט־היסטאָריש, פאלש.

וועגן כאַיִם סלאָוועסעס „אין און ארום" וואָלט מען נאָך געקאָנט פיל שרײַבן. סלאָוועס איז א פּראָבלעמען־שטעלער פון היפּשער באגאבונג. בעשאסן אָפּווענדן זיך „אף א רעגע" פון די „פרעג־צייכנס" האָב איך זיך צוגערירט בלויז צו א פּאָר פּראָבלעמען פון דער גרויסער צאָל, וועלכע זײַנען צעשפּרייט איבער „אין און ארום". איצט וואָלט צײַט געווען צוריק זיך אומקערן צו די „פרעג־צייכנס", אָבער איך וועל עס ניט טאָן, ווײַל אין טאָך איז דער שמועס, לויט די וויכטיקסטע ריכט־ליניעס, אויסגעשעפּט.

כאַיִם סלאָוועס איז איינער פון די פּראָגרעסיוו־ייִדישע קולטור־טוער אין אויסלאנד, וועלכע זײַנען זינט

איניקע יאָרן ארײַנגעטאָן אין ווידערשפּרוכן און סטירעס, זײַענדיק געגליכן צו יענע מענטשן, וואָס זיי גייען ארום און זוכן עפּעס, אומקערנדיק זיך אָן א שיר מאָל צו איינעם און דעם זעלבן אָרט, און מיטאמאָל טוען זיי זיך א שטעל אָפּ און פרעגן בא זיך אליין: וואָס זוך איך? כאַיִם סלאָוועס וועט „זיך אָפּשטעלן", מיסטאמע, שפּעטער. דערווײַל זוכט ער.

איינע פון די טראגישע אײַנריידענישן פון אָט די יִידישע קולטור־טוער אין אויסלאנד איז דאָס צווייפלען, צי די סאָוועטישע יִידישע שרײַבער, דער זשורבאל „סאָוועטיש היימלאנד" האָבן שוין טאקע געזאָגט דאָס פולע וואָרט וועגן דעם שאָדן, וואָס דער „פּערזאָנען־קולט" האָט אָנגעטאָן אונדזער ליטעראטור. אנדערש גערעדט, עס איז פאראן א פארדאכט, אז, קלוימערשט, מיר „עפענען ניט אוף די קלאמערן". אין צוזאמענהאנג מיט דעם האָבן מיר שוין ניט איין מאָל געמאָלדן, אז מיר, סאָוועטישע מענטשן, קוקן אָף דעם איניען פון ליקווידירן די פאָלגן פון דעם „פּערזאָנען־קולט" אזוי, אז גופא די פאקטן פונעם טאָגטעגלעכן לעבן זאָלן זײַן איידעס וועגן דעם. מיר זײַנען קעגן מעלאָדראמע, קעגן פסיכישע „קאָמפּלעקסן". דאָס האָט א שײַכעס ניט נאָר צום קאמף פאר אויסלעבן די פאָלגן פונעם „פּערזאָנען־קולט". מיר זײַנען קעגן „גוזמעדיקער צוגעשפּיצטקײַט" (סלאָוועסעס אָן אויסדרוק) אויך אין דער פראגע פון נאציאָנאלע פארוואנדלונגען. מיר האָבן אין זינען דאָס, וואָס כאַיִם סלאָוועס באשרײַבט אָף אזא אויפן: „דאָס דויערסלאנגע אָפּפרעגן און פארענטפערן פון פאָלקישער אידענטיטעט — פארענטפערן פארן פײַנטלעכן ארום און גלײַכצײַטיק פאר זיך גופא — האָט בא אונדז (בא די יִידישע קולטור־קרײַזן און אויסלאנד. — א. וו.) באשאפן א מין באדינגלעכן רעפלעקס, אַן עמעסע צווייטע נאטור, וואָס נעמט צומאָל אָן פאָרמען איבערגעטריבענע, שיר ניט קאריקאטור־מעסיקע" (ז. 179). און ס׳איז קלאָר און פארשטענדלעך, פארוואָס „די סאָוועטישע יִידישע ליטעראטור, פון אירע ערשטע טריט און ביז צו די מילכאָמע־יאָרן, האָט ניט געהאט נישט קיין באדערפעניש און נישט קיין צײַט אָט דעם כעזשבן אויסצוכעזשבענען" (ז. 179), ווײַל בא אונדז אין סאָוועטנפארבאנד ווערט וועגן די אויבנדערמאָנטע פראגן גערעדט „אָן דעם קרעכץ, אָן די קאָלערלייקאָמפּלעקסן, וואָס זײַנען אזוי כאראקטעריסטיש פאר אלע אנדערע ליטערארישע צענטרען אונדזערע". אין סאָוועטנפארבאנד ווערן פאר דער יִידישער ליטעראטור „געשטעלט פאָדערונגען גאָרנישט ווי פאר א כוילעמעסוקן, און ס׳ווערן אָנגעצייכנט אופגאבן שווערע, אכרײַעספולע, וועלכע עס קאָן אויספילן בלויז א ליטעראטור א געזונטע, א פולבלוטיקע, וואָס סײַ דער שרײַבער, סײַ דער לייענער נעמען זי ערנסט, זייער ערנסט, ביז גאָר ערנסט" (ז. 182).

אָט אין אזא צוגאנג טאקע, און ניט אין די „טראגישע סטירעס", ארומגערינגלט מיט „פרעג־צייכנס" און פארקלעמט אין איליוזאָרישע „קלאמערן", וועלן מיר זוכן די ענערגיע פאר דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון דער יִידישער ליטעראטור — העז אין סאָוועטנפארבאנד, העז אין אנדערע לענדער פון דער וועלט. און גוט טוט כאַיִם סלאָוועס, ווען ער דערמאָנט פּערעצעס אַן אייצע: „אין ערגעץ ניט פארשטיינערט, אין ערגעץ ניט פארגליווערט ווערן, אין ערגעץ ניט בלײַבן שטיין".

כראָניק

א ספעקטאקל וועגן אלבערט איינשטיין

דער מאָסקווער דראמאטישער טעאטער אָף סטאניסלאווסקיס נאָמען האָט לעצטנס באוויזן די פּרעמיערע פון זײַן נײַעם ספּעקטאקל לויט ניקאָלײַ פּאָגאָדינס א פּיעסע „אלבערט איינשטיין". דער גרויסער געלערנטער האָט דאָס גאנצע לעבן געשטרעבט, אז זײַנע אנטדעקונגען זאָלן ברענגען נוצן דער מענטשהײַט; פּאסירט אָבער האָט אזוי, אז זײַנע גענ׳אלע וויסנשאפטלעכע דעראָבערונגען האָבן געפירט צו דער אטאָמישער באָמבע, צו דער טראגעדיע פון כיראָסימא.

דאָס האָט געשילדערט ניקאָלײַ פּאָגאָדין אין זײַן לעצטער פּיעסע, וועלכע ער האָט בא זײַן לעבן ניט באוויזן צו פארענדיקן. דעם סצעניש ווארי׳אנט פון „אלבערט איינשטיין" האָט צוגעגרייט א. וואָלגאר.

די ראָל פון איינשטיינען פילט אויס דער פארדינסטפולער ארטיסט פון רספסר אי. קאָזלאָוו. רעזשי — אי. באבילייעוו.

אַן אויסשטעלונג פון דירערס גראווירן

אין צוזאמענהאנג מיטן 500־טן יאָרטאָג, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער גרויסער דײַטשישער קינסטלער אלבערט דירער, איז אין מאָסקווער מוזיי פון פּלאסטישער קונסט אָף פּושקינס נאָמען באוויזן געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון זײַנע ווערק.

אין דער עקספּאָזיציע זײַנען פאָרגעשטעלט 120 האָלץ־גראווירן, פיל בילדער פונעם קינסטלערס קלאסישע סעריעס, גראווירן אָף ביבלישע טעמעס.

דער קינסטלער כאַים סוטין

דאָס איז געשען מיט 48 יאָר צוריק. אין איינעם א פרימאָרגן זײַנען די קינסטלער פון פּאַריזש געווען איבעראַשט פון דער פּיקאַנטער ידיעה: דער באַוווסטער אַמעריקאַנער קאָלעקציאָנער, וואָס פאַרמאָגט די גרעסטע אין דער וועלט בילדער־גאַלעריי, דער גרויסער קענער פון מאָלערײַ־קונסט דאָקטאָר באַרנעס האָט בײַ איינעם א הענדלער אָפּגעקויפט אַלע ווערק פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטן מאָלער, אַן אָפּשטאַמיקן פון רוסלאַנד, מיטן נאָמען סוטין און האָט געמאָלדן, אַז אָט די בילדער זײַנען עכטע קונסט.

נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלץ. דער עקספּאַנסיווער ליבהאָבער פון קונסט האָט אָפּגעדרוקט וועגן סוטינען א באַגײַסטערט אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט גערעדט וועגן אים ווי וועגן איינעם פון די בעסטע קאָלאָריסטן פון אונדזער צײַט. די פראַנצויזישע פּרעסע האָט זיך געפילט באַליידיקט, און עס האָבן זיך א שאָט געטאָן ענטפער־אַרטיקלען. דער שטרײַט איז אַריבער אין א לאַנגער דיסקוסיע.

סוטינס נאָמען איז געוואָרן באַרימט. עס האָט זיך אָנגעהויבן א געיעג נאָך זײַנע לײַוונטן. פאַר סוטינס א בילד, וואָס זײַן העכסטע פּרײַז איז פריִער געווען 300 פראַנק, האָט מען אָנגעהויבן צאָלן 15 טויזנט פראַנק.

סוטין איז געוואָרן דער העלד פונעם קינסטלערישן פּאַריזש. זײַנע לײַוונטן האָבן זיך באַוויזן אין די רײַכסטע פּאַריזשער סאַלאָנען. עס זײַנען אַפילו אַרײַן אין דער מאָדע קינסטלערישע לײַוונטן א לאַ סוטין.

דער ערשטער אײַנדרוק פון סוטינס שאַפונג: ס׳איז א ריין פראַנצויזישע דערשײַנונג, מיט אַלע אירע טיפּישע אייגנשאַפטן. אייניקע קריטיקער זײַנען עפּשער גערעכט, ווען זיי זאָגן, אַז סוטין איז א פראַנצויזישער קינסטלער. נאָר ווען מע קוקט זיך צו אופמערקזאַמער צו סוטינס בילדער, זעט מען, אַז צו דער פראַנצויזישער קולטור האָבן זיי א שײַכעס בלויז אויסערלעך. די אינערלעכע וועלט פון סוטינס שאַפונג (דאָס געשטאַלט, די פּסיכאָלאָגישע שאַרפקײַט, די שטימונג) געהערט דורכויס צו דער רוסישער, ריכטיקער — רוסיש־ייִדישער קונסט.

יעדער קינסטלער האָט, ווי באַוווסט, זײַן באַליבטן לערער. ווען דעם קינסטלערס טאַלאַנט הייבט זיך אָן אויספורעמען, באַמיט ער זיך נאָכצומאַכן זײַן לערער און געפינט זיך אונטער זײַן ווירקונג. סוטינס באַליבטער לערער איז געווען דער גרויסער קינסטלער פון אונדזער עפּאָכע וואַן־גאָג.

סוטין האָט שטודירט און גוט געקענט אויך אַנדערע מײַסטערס, ער איז געווען באַגײַסטערט פון די בילדער פון זײַן פּרי פאַרשטאָרבענעם פרײַנט מאָדיליאַני, ער האָט אופמערקזאַם דערלערנט די ווערק פון טולוז־לאָטרעק און סעזאַן. פּונקט ווי זײַן לערער, איז סוטין געווען ווײַט פון ריינער קונסט, דה. פון דער קונסט, וואָס איז באַרופן נאָר צו קוויקן דאָס אויג. א בילד דאַרף, לויט זײַן מיינונג, אויסדריקן די געדאַנקען און איבערלעבונגען פונעם אווטאָר, עס דאַרף אָנשטעקן דעם צושויער מיט דעם אַלעם, וואָס עס פילט אין פּראָצעס פון שאַפן דער אווטאָר. מאָלערײַ, אַפילו די שענסטע און געלונגענסטע, איז בלויז א מיטל, ניט קיין ציל.

פּונקט ווי וואַן־גאָג, איז סוטין געווען טיף איבערגעגעבן דער נאַטור. ער האָט געהאַלטן, אַז דער ריכטיקסטער וועג צום לייזן אַלע אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען פון דער קונסט איז — שטענדיק און אָנגעשטרענגט שטודירן די נאַטור. די פאַרב און פאָרם דאַרף דער קינסטלער געפינען ניט אין דער אַטעליע, נאָר אין דער נאַטור. אַז מע קען ניט די נאַטור, קאָן מען ניט זײַן קיין לעבעדיקער שעפער. נאָר פּונקט ווי וואַן־גאָג, איז סוטין קיינמאָל ניט געווען קיין שקלאַף בײַ דער נאַטור. אָפּהענגיק פון דער אידיי, וועלכע ליגט אינעם גרונט פון דער געגעבענער אַרבעט, ענדערט זיך בײַ אים אויך די נאַטור. נאַטור און געפיל — אָט דאָס איז די פאָרם פון סוטינס רעאַליזם.

סוטינס לײַוונטן גיבן איבער אַמקלאָרסטן זײַן שטימונג און טעמפּעראַמענט. אין זיי פילט זיך עפּעס א לײַכטער טרויער פון אַן אַנטבלויזטער נעשאָמע. זײַנע געשטאַלטן זעען אויס מאָדנע און אָריגינעל. זיי רייצן דאָס אויג און דעם באַוווסטזײַן, און אין דער זעלבער צײַט רופן זיי אַרויס צו זיך א געפיל פון סימפּאַטיע. צוביסלעכווײַז און אומבאַמערקט באַצווינגען זיי אײַך, קריצן זיך אײַן אין זיקאָרן.

סוטינס לײַוונטן ווייסן ניט פון גלײַכגעוויכט, פּערספּעקטיוו און אַנאַטאָמיע, דה. פון דעם אַלעם, אַף וואָס עס באַזירט זיך א רעאַליסטיש בילד. צומאָל דוכט זיך, אַז זײַן קונסט איז אַן אַבסטראַקציע: אַלץ פאַרשווינדט — די פאַרבן, די פאָרם פון זאַכן, יעטווידע פאַרבינדונג מיט דער אַרומיקער וועלט. עס פאַרבלײַבט בלויז דאָס געפיל פון קאָליר, וועלכן עס לעבט שאַרף איבער דער קינסטלער דער אינדיווידואַליסט. עס בלײַבט א האַרץ מיט א געהעכערטן קרענקלעכן ריטם. אָט פאַרוואָס עס דוכט זיך אַמאָל, אַז אייניקע ווערק סוטינס האָט אָנגעשריבן א פּסיכיש קראַנקער מענטש (עס דערמאָנט זיך דאָס געשטאַלט פון זײַן ערשטן לערער, דעם גײַסטיק־קראַנקן וואַן־גאָג).

מאָדנע פּייזאַזשן מיט פאַלנדיקע הײַזער און ביימער, נאַטורמאָרטן מיט פאַרבלוטיקטע פייגל, פיש און קראָליקעס, וועלכע האָבן גיכער דעם אויסזען פון שטיקער רוי פלייש, פּאָרטרעטן מיט פּערסאָנאַזשן,

קינסטלער כאַים סוטין

פּאָרטרעט פון א מיידל

מוטערשאפט

דאָס הויז מיט שטיינערנע טרעפּ



א יינגל אין בלויען

דער בעקער פון קאן

א ייִנגל פון א קירכן־כאָר

וועלכע מע האָט געקאָנט, ווארשײַנלעך, געפינען אין טעאטער „האבימאָ״, — דאָס אלץ לעבט מיט עפעס א הייס, פלאמיק לעבן.

דאָקטאָר בארנעס איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אז סוטין געהערט צו דער גרופע בעסטע פראנצויזישע קאָלאָריסטן. מע זאָגט, אז אליין מאטיס האָט אויך געהאט אזא מיינונג. סוטינס פאליטרע איז זייער קאָמפליצירט און רײַך. זײַנע בלויע, געלע, גרינע און, באזונדערס, רויטע פארבן זײַנען ווונדערלעך לויט דער קראפט פון זייער עקספרעסיווער רעגונג. זײַן קעסיידערדיקער מאזשאָר באהערשט און מאטערט אויס.

אלס כעסרוינעס פון סוטינס לײַוונטן דארף מען האלטן די אויסערגעוויינלעך שטארקע אָנגעזעטיקטקײַט פון קאָלירן, די בונטקײַט. פון דער בונטקײַט באקומען די לײַוונטן א קרענקלעכן, צומאָל א היסטערישן כאראקטער. אומגערן קומט אפן געדאנק דער אפאָריזם פון פיקאסאָ: „קונסט איז די עמאנאציע פון ווייטעק און טרויער״.

די מערהײַט קריטיקער האלטן, אז סוטינס שאפונג איז פעסימיסטיש. דאָס איז ניט ריכטיק.

סוטין איז אן אָפטימיסט. זײַן אָפטימיזם איז אָבער אויסגעוואקסן אף ליידן און איז מיט זיי באפארבט.

סוטין האָט ליב געהאט מענטשן און געשאנעוועט זיי. ער איז געווען א פלאמיקער קעמפער פאר גערעכטיקײַט, פול מיט איידלמוטיקײַט און מענטשלעכקײַט. ער האָט געגלייבט, אז זײַן מאָלערײַ, וואָס איז אָנגעזעטיקט מיט ליידן, וועט ברענגען די מענטשן רו, לעבנסווילן און לעבנספרייד. דערפאר האָט ער זײַן שאפונג באטראכט אלס א קאָרבן.

סוטין האָט געמאָלט עלנטע מענטשן, אָפגעריסענע פונעם לעבן, ער האָט אָבער ניט באזונגען דעם כוישעך, אין וועלכן זיי זײַנען אײַנגעהילט. קיינער (אויסער די געניאלע רואָ און וואן־גאָג) האָט ניט באוויזן אזוי אויסדריקלעך און אופריכטיק די טראגישע עלנטקײַט פונעם הײַנטיקן מענטשן אין דער קאפיטאליסטישער וועלט. קיינער האָט אזוי רעליעף ניט דערציילט וועגן זײַן אויסגעלאָשענער נעשאָמע.

טראכטנדיק וועגן דער קאָמפאָזיציע פון סוטינס לײַוונטן, קומט מיר אפן געדאנק מאטיס׳ פראזע: „קאָמפאָזיציע — דאָס איז די קונסט צו פאנאנדערשטעלן דעקאָראטיוו פארשיידענע עלעמענטן, וועלכע דער קינסטלער פארמאָגט אף צו אויסדריקן זײַנע עמפינדונגען״.

ווען איר שפאצירט זיך דורך איבער פיל פאריזשער סאלאָנען, באמערקט איר שנעל, אז די גרעסטע מערהײַט עקספאָנירטע בילדער זײַנען סײַ קינסטלעריש, סײַ סוזשעטיש ווײַט פון אָריגינעלקײַט. טויזנטער קינסטלער, וואָס מאָלן איינטאָניק, אף איין אויפן, כאָטש גאנץ פײַן, — און א קליינע גרופע, מאמעש א הײַפל אָריגינעלע קינסטלער. א יאם געוויסנהאפטיק געמאָלטע, אָבער כאלאָשעסדיק נודנע, באלעבעסלדיקע נאטורמאָרטן, פייזאזשן און נאקעטער מענטשלעכער קערפער. עס מאכט דעם אײַנדרוק, אז זיי זײַנען געמאָלט לויט א שאבלאָן. עס איז קלאָר, אז בא אזא לאגע דארף יעדע מער אָדער ווייניקער אייגנארטיקע, אינטערעסאנטע און אָריגינעלע ארבעט צוציִען צו זיך די אויפמערקזאמקײַט און הויך אָפגעשאצט ווערן. אין פאריזש, ווי באוווסט, ווערן באזונדערס הויך געשעצט שארפע מײַכאָלים, און סוטין איז „זייער א שארף מײַכל״. כוץ דעם, — און דאָס איז ביז גאָר וויכטיק, — דער הײַנטיקער פאריזש האָט אָנגעהויבן ווי געהעריק שעצן אין דער מאָלערײַ די טעמאטיק.

גרויס אויפמערקזאמקײַט האָט סוטין געשענקט דער פאקטור, ער האָט זי געהאלטן אלס איינע פון די וויכטיקסטע פאקטאָרן פון דער מאָלערײַ. לאָמיר זיך דערמאָנען רעמבראנדטס געניאלן בילד „דער בען סוירער־אומוירע״. פיל אויפמערקזאמקײַט האָבן געשענקט דער פאקטור אויך אזעלכע גרויסע קינסטלער, ווי קורבע, דאָמיע און וואן־גאָג. זייערע נעמען וועלן אין דער געשיכטע פון מאָלערײַ זײַן פארבונדן ניט בלויז מיט די הומאניטארע, רעוואָליוציאָנערע, נאָר אויך מיט פאָרמעלע דערגרייכונגען. זייערע ווערק זײַנען רײַך דערמיט, וואָס זיי גיבן איבער די צושויער ניט בלויז די געדאנקען און דאָס הארץ פונעם קינסטלער, נאָר אויך זײַן עסטעטישע פרייד: די פארבן און די שיינע רעגונגספולע אויסערלעכקײַט.

•

כאיִם סוטין איז געבוירן געוואָרן אין 1894 אין סמילאָוויטש (מינסקער גובערניע). זײַן ערשטע באקאנטשאפט מיט קונסט האָט ער באקומען אין דער ווילנער קונסט־שול, ווו ער האָט זיך געלערנט צוזאמען מיט קרעמענען. זייער ערשטער לערער איז געווען דער דערפארענער פעדאגאָג און קינסטלער ריבאקאָוו.

קיין פאריזש איז סוטין געקומען אין 1912. ער האָט געלעבט, געארבעט און געהונגערט אינעם בארימטן „ליא ריש״ (א האָטעל פאר אָרעמע קינסטלער) און איז זיך צונויפגעגאנגען מיט די קינסטלער, וועלכע געהערן צו די אקאדעמישע גרופירונגען. איינמאָל האָט ער צופעליק דערזען א געפעלשט בילד, אף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלט א דערהארגעטער האָז און א שיסעלע בלוט. פונעם בילד האָט געשפריצט מיט שעפערישער עמאָציאָנעלקײַט, און עס איז געווען אונטערגעשריבן „וואן־גאָג, דער באוווסטער פעלשער פון די ווערק פונעם גרויסן האָלענדער״. סוטינען איז דאָס בילד ניט געפעלן געוואָרן.

אין יענער צײַט איז ער זיך צונויפגעגאנגען מיטן איטאליענישן קינסטלער מאָדיליאני און האָט זיך לאנג געפונען אונטער זײַן שטארקן אײַנפלוס. אין 1916 האָט סוטין צוזאמען מיט זײַן כאווער קרעמען געארבעט אין דאָרעם־פראנקרײַך, אין די פירענייען. דאָס וויסטע, שווערע, האָפענונגסלאָזע קאפצאָנישע לעבן האָט אים ניט פארלאָזט ביזן יאָר 1923, ער האָט אָבער געקענט לײַכט און פריילעך איבערטראָגן עס.

קרעמען האָט מיר דערציילט:

— איך קום איינמאָל אין „ליא ריש״ צו סוטינען, איך עפן די טיר און זע: אף דער ערד, אונטערגעבעט מיט צײַטונגען, ליגן און שלאָפן סוטין און מאָדיליאני. פרעג איך:

— וואָס איז געשען? פארוואָס שלאָפט איר ניט אפן דיוואן?

— פול מיט וואנצן, — האָט טרויעריק געענטפערט סוטין.

אָט דאָס קאפצאָנישע לעבן האָט זיך געענדיקט אין 1923, ווען דר. בארנעס האָט אָפגעקויפט סוטינס ווערק. דער קינסטלער בארט, א הייסער אָנהענגער פון סוטינען, האָט מיר געזאָגט וועגן אים: „ער איז

ניט בלויז א געניאַלער קינסטלער, נאָר אויך א גרויסער פילאָסאָף. ער האָט ניט ליב געהאט א סאך צו ריידן, נאָר אז ער האָט שוין יאָ געזאָגט א וואָרט, האָט עס געשמעקט מיט רעמבראנדטן. יאָ, יאָ! איך וועל אים קיינמאָל ניט פארגעסן, און אלע זײַנע געדאנקען וועל איך היטן טיף אין מײַן הארצן, קאָלזמאן איך וועל לעבן".

אין 1927 בין איך געקומען צוגאסט צו מײַן פרײַנט, דעם אלטן פאריזשער טוישעוו, דעם סקולפּטאָר מעשטשאנינאָוו. איך האָב דערזען בא אים אף דער וואנט פינף פּרעכטיקע נאטורמאָרטן. לויט דער קאָמפּאָזיציע, פארב און קסאוו האָבן זיי מיר שטארק דערמאָנט סוטינען. איך האָב אים געזאָגט וועגן דעם.

— יאָ, — האָט געענטפערט מעשטשאנינאָוו. — דו האָסט קיין טאָעס ניט. דאָס זײַנען סוטינס פריִע ארבעטן.

ער האָט זיי אראָפּגענומען פון וואנט, קעדיי באַוויַזן זיי מיר, און מיט שטאָלץ געזאָגט:

— קויפן סוטינס בילדער האָב איך אָנגעהויבן דער ערשטער, ווען קיינער האָט אים נאָך ניט פארשטאנען. בארנעס האָט נאָך דעמלט סוטינען אפילע אין כאָלעם ניט געזען. אלזאָ, פרײַנט מײַנער, אלס אנטדעקער פון סוטינען דארף מען האלטן מעשטשאנינאָוון. אז דו וועסט זיך אומקערן קיין מאָסקווע, דערצייל וועגן דעם די קינסטלער.

— און זאָג זיי אויך, — האָט ער צוגעגעבן, — אז סוטין האָט צערטלעך ליב זײַן היימלאנד, ער טרוימט עפּענען אין מאָסקווע זײַנע אן אויסשטעלונג.

נאָך א ווײַלע שווײַגן, האָט ער געזאָגט:

— עפּשער וועט זײַן טרוים מעקוייעם ווערן... ער וועט זײַן גליקלעך.

1941. קיין פאריזש האָבן זיך ארײַנגעריסן די היטלעריסטן. א סאך קינסטלער האָבן געלאָזט אף העפקער זייערע ווארשטאטן און אנטלאָפן פון פאריזש.

סוטין האָט געגלייבט, אז די היטלעריסטן וועלן אין פראנקרײַך לאנג זיך ניט האלטן. ווען ער האָט אָבער דערפילט, אז דער טויט גייט אים נאָך פוסטריט, האָט ער זיך אויסבאהאלטן בא פראנצויזישע פרײַנט. דאָס ארומוואָגלען איבער פרעמדע ווינקלען, די אומעגלעכקײַט צו אָפּהיטן דעם דערנערונגס־רעזשים, — דאָס אלץ האָט פארשארפט זײַן אלטע קרענק (א מאָגן־געשוויר). די שפּיטאָלן האָבן זיך געפונען אונטערן קאָנטראָל פון די פאשיסטן, א פּריוואטן דאָקטער איז אומעגלעך צו געפינען, קיין רעפּועס זײַנען ניט געווען. סוטין האָט שטארק געליטן. געשטאָרבן איז ער אין שווערע ווייטעקן. ערענבורג האָט מיר דערציילט, אז אף סוטינס לעווײַע איז געקומען פּיקאסאָ.

אמשיי ניורענבערג

ליטעראַרישער טאָגבוך

וולאַדימיר אַגניעוו

קריטיק און קריטיקער

אין וואָס באשטייט די ראָליע פון דער ליטעראטור־קריטיק אין דער געזעלשאפט און אין דער ליטעראטור?

איך הער אָפטמאָל אזעלכע רייד: א קריטיקער — דאָס איז א מענטש, וואָס קיין שרײַבער איז פון אים ניט געוואָרן... קריטיקירן איז גרינג; קריטיקער זײַנען שלימאזאָלים, וואָס דאָס לעבן איז בא זיי געגאנגען מיט דער פוטער אראָפּ, און זיי לאָזן אויס זייער ביטער הארץ צום בידנע שרײַבער.

עמעס, ס׳איז ניט שווער צו דערווידערן דערויף. אזוי דענקען דאָך ווייניק־קולטורעלע, ניט איבעריקס קלוגע מענטשן, פיליסטערן. צי לוינט זיך רעכענען מיט אלערליי פאָרורטיילן?

ערשטנס, לוינט עס טאקע, און צווייטנס, איז דער פאָרורטייל וועגן קריטיק און וועגן קריטיקער א גאנץ שטאנדהאפטיקער. ניט אלע זײַנען זיך מודה פאר זיך אליין, אז זיי דענקען, לעערעך, פונקט אזוי, ווי פיליסטערן. דער פאקט בלײַבט א פאקט: ניט ווייניק מענטשן קוקן אָף קריטיק, ווי אָף עפעס א ליטעראטור פון דריטן סאָרט.

לאָמיר צוערשט באטראכטן יענע פאלן, ווען שולדיק זײַנען די קריטיקער גופא.

דער מענטש נעמט זיך רעצענזירן א בוך, נאָר אָפט שיידט ער זיך אונטער פונעם אווטאָר פון אָט דעם בוך פריִער פאר אלץ דערמיט, וואָס ער גופא איז... ניט קיין שרײַבער... דאָס הייסט, ער איז ניט פייִק צו שרײַבן קלאָר, פינקטלעך, אײַנדרוקספול. עס איז גענוג אוועקצולייגן באנאנד דאָס בוך און די רעצענזיע, און ס׳וועט גלײַך אָפפאלן דער כיישעק צו לייענען די רעצענזיע (אויב, פארשטייט זיך, דאָס בוך האָט אָנגעשריבן א שרײַבער, און ניט קיין האנטווערקער).

דער קריטיקער פארכאפט ניט דעם לייענער אויך דעמלט, ווען ער שרײַבט באנאלקײַטן, אלגעמיינע סענטענצן, וואָס דער לייענער ווייסט זיי אָן אים. לעמאָשל, אָף די שארבלעטער פון א סאך ביכער זײַנען פאראן קורצע אנאָטאציעס וועגן דעם ווערק און עפעס־וואָס וועגן דעם אווטאָר. אָפט לייענסטו די דאָזיקע רעקאָמענדאציעס און גייסט ארויס ניט וויסנדיק. וועגן דעם שרײַבער „א“ ווערט געזאָגט, אז ער האָט ליב דאָס היימלאנד, אז ער שרײַבט וועגן הײַנטצײַטיקײַט, שאפט רעליעפע געשטאלטן פון זײַנע העלדן. וועגן דעם שרײַבער „ב“ ווערט געזאָגט דאָס זעלבע. וועגן דעם שרײַבער „ג“ — אויך דאָס זעלבע, נאָר מיט אנדערע ווערטער. צי האָט אָבער א זין אָט אזוי רעקאָמענדירן ווערק? וואָס פאר אָן אינפאָרמאציע באקומען מיר? ס׳איז אלצייינס, ווי מע זאָל זאָגן: דער און דער שרײַבער שרײַבט מיט א הענטלפען, אין וועלכן ער נעמט פאָרלויפיק אָן טינט...

אלזאָ, דאָס שרײַבן באנאלקײַטן שרעקט אָפ דעם לייענער פונקט אזוי, ווי די אומפייִקײַט אויסדריקן די געדאנקען אין א שפאַנענדיקער פאָרם.

עס הייבט ניט אויף דעם אווטאָריטעט פון דער פראָפעסיע אויך אזא קריטיקער, וואָס קעסיידער טרייבערט ער עמעצן די קישקעס. דאָס פאָנעם איז בא אים שטענדיק אָנגעכמורעט, און שטענדיק קוקט ער אָפן שרײַבער מיט פארדאכט. עס כאָלעמען זיך אים בלויז פעלערן, אָפווײַכונגען פונעם ריכטיקן קורס. אזא מין קריטיקער טוט דער ליטעראטור, אלס קלאָל, א קנאפע טויווע. ער פראָפאנירט אזא וויכטיקן שטריך פון דער קריטיק, ווי פרינציפיעלקײַט, ער איז שלעכט אויך מיט דעם, וואָס זײַן הארבקײַט, זײַן נייגונג אומבאדינגט אָפצוזוכן אינעם איבערגעלייענטן בוך אָפווײַכונגען גייען געווײנלעך האנט־בא־האנט מיט זײַן עסטעטישער טויבקײַט, מיט ניט באגרײַפן די עסטעטישע ספעציפישקײַט פון דער קונסט.

לעוו טאָלסטאָי האָט געשריבן, אז די קריטיק דארף זוכן דעם צוזאמענהאנג, די „צונויפקייטלונג“, ווי ס׳האָט געזאָגט דער גרויסער שרײַבער, פון די באזונדערע געדאנקען אינעם קינסטלערישן ווערק. די אידיי פון א קונסטווערק קאָן מען ניט אויסשיילן, ארויסנעמען אין א ריינעם אויסזען אלס רעזולטאט פון אנאליז, מע דארף קענען זאָרגזאם ארויסבאקומען זי פון דער געשטאלט־סיסטעם, פון זייער אנטוויקלונג, פארגלײַכנדיק איין געשטאלט מיט די אנדערע.

נאָר גענוג צו ריידן וועגן דעם נעגאטיוון, לאָמיר בעסער א טראכט טאָן, וואָס פאר א קריטיקער זײַנען נייטיק דער ליטעראטור און דעם לייענער. איך טייל ניט אָפ די קונסט פון אירע „געברויכער“, ווײַל מע קאָן ניט, ס׳איז ניט מעגלעך אָפצוטיילן זיי איינס פון צווייטן. די קריטיק האָט צוויי אדרעסן: זי שמועסט מיטן שרײַבער און מיטן לייענער. צו וועמען זי ווענדט זיך אין דער ערשטער ריי — דאָס איז שוין ניט וויכטיק. וויכטיק איז, אז ריידנדיק מיט איינעם, זאָל זי ניט פארגעסן אינעם צווייטן.

מיר זאָגן, אז אין קונסט־ווערק שפיגלט זיך אָפ דאָס לעבן. און דאָס איז דאָס אינטערעסאנטסטע. דאָס סאמע ווערטפולע אין קינסטלערישער שאפונג איז פארבינדונג מיטן לעבן. דער קריטיקער איז,

פריִער פאר אלץ, א ריכטער איבער
דער ווירקלעכקייט גופא. פון דעם
איז אָפּהענגיק, אַף וויפל אינטע־
רעסאנט איז זײַן צוגאנג צו דעם
ווערק אלס קונסט־דערשײַנונג.

אויב דער קריטיקער איז טאַ־
לאנטפול, באטײַט בעמיילע זײַן
באהאוונטקייט אינעם לעבן —
אויך טיפע קאָמפּעטענטקייט אין
די דערשײַנונגען, וואָס קומען פאָר
אין דער וועלט, באהאוונטקייט אין
דער נעשאָמע־שיינקייט פונעם
מענטשן, אנדערש גערעדט — באַ־
האוונטקייט אין דער קונסט גופא.
מיר מיינען אָפּט, אז דאָס וווּנדער־
לעך־שיינע, דאָס עסטעטישע איז
עפּעס זײַטיקס, ניט ערדישס, איזאָ־
לירטס; מיר טיילן אָפּט אָפּ מיט
א טויבער מעכיצע־וואנט דעם
געשמאַק, דעם געפיל פאר שיינ־
קייט אין דער קונסט פון די אָנ־
שויונגען, געדאנקען און רעאלע
פאקטן, וואָס רינגלען אונדז ארום.
דאָס איז פעלערהאפט! אויב עמע־
צער טוט א זאָג, אז דער און דער
קריטיקער (אָדער די קריטיק אינ־
גאנצן גענומען) זײַנען טויב צו
דעם וווּנדערלעך־שיינעם, ווילט
זיך מיר גלײַך א קוק טאָן, וואָס
פארשטייט אזא איינער אונטערן
באגריף „וווּנדערלעך־שיין”, און
צי איז עס אינדערעמעסן טאקע
„וווּנדערלעך־שיין”. און אויב דער
קריטיקער איז ווירקלעך טויב צו
שיינקייט, איז ער פּאָשעט ניט קיין
קריטיקער. אָט אין וואָס עס גייט
דאָ...

מיר דוכט, אז שארף פאנאנדער־
טיילן די פונקציע פונעם שרײַבער
אלס לערער פונעם לעבן און זײַן
פונקציע פון אן עסטעטישן אייצע־
געבער קאָן מען ניט אויך דערפאר,
ווײַל אין א צײַט, ווען די קונסט
ווערט אן עכט־פאָלקישע און איז
געווענדט צו מיליאָנען, און ניט
צו די „אייבערשטע צען טויזנט”,
ווי עס האָט געזאָגט לענין, בײַט
זיך אויך די ראָליע פונעם קינסט־
לער גופא — ער קוקט שוין ניט
מער אפן לייענער פון אויבן אראָפּ,
באטראכט אים ניט ווי א „האַ־
מוין”, א „מאסע”, ער באטראכט
זיך גופא אלס איינעם פון א סאך,
ער איז ווי אלע — א מענטש, ניט
קיין סופער־פערזענלעכקייט, ניט
קיין אויסדערוויילטער. מיט אָט
דעם באַוווסטזײַן פון זײַן אָנגעהע־
ריקייט צום קאָלעקטיוו, צום שאפן
די גײַסטיקע ווערטן טיילט זיך עס
אויס דער הײַנטיקער פּראָגרעסי־
ווער קינסטלער. אָט פארוואָס דער
פארנונפטיקער קריטיקער געפינט
דעם ריכטיקן טאָן אינעם געשפּ־
רעך, גלײַכצײַטיק, סײַ מיטן לייע־
נער און סײַ מיטן שרײַבער. נאָר
עס טרעפט צומאָל, אז ער געפינט
ניט דעם דאָזיקן טאָן. דעמלט
שמועסט דער קריטיקער מיטן
שרײַבער וועגן ריין־פּראָפעסיאָנע־
לע זאכן: וועגן קאָמפּאָזיציע, גע־
שטאלט, פאָרם, אָדער וועגן דער
שפּראך פונעם ווערק, און מיטן
לייענער — בלויז וועגן די אידייען,
וועגן דער וואָרהאפטיקייט, אזוי
צו זאָגן, אקטועלקייט פונעם גע־
שילדערטן.

אייניקע קריטיקער קאָנצענט־
רירן בעהאדראָגעדיק זייער אופ־
מערקזאמקייט בלויז אַף א געווי־
סער זײַט פונעם שעפערישן פּראָ־
צעס, דעמלט ארבעט זיך אויס בא
זיי, אנטשפּרעכיק, אן איינזײַטי־
קער סטיל. איינער ווערט צוגע־
ווינט צו אנאליזירן די געשטאלטן,
א צווייטער — צו באהאנדלען מיטן
קינסטלער זײַנע פּראָפעסיאָנעלע
אייגנשאפטן.

אן עכטער קריטיקער, לויט מײַן
מיינונג, באטראכט די פאָרם פו־
נעם ווערק פּאראלעל מיטן אינ־
האלט, און פון די אופגאבעס, וואָס
דער שרײַבער האָט געשטעלט פאר
זיך און פון די אופגאבעס, וואָס עס
שטעלט די ווירקלעכקייט, פירט
ער ארויס זײַן מיינונג וועגן דעם,
וויאזוי דעם שרײַבערס פּארטראכט
איז פארווירקלעכט געוואָרן.

דער קריטיקער קאָן זיך באנוצן
מיטן ווערק, ווי מיט א געלעגנהײַט
צו געבן זײַן אינטערפּרעטאציע
פונעם לעבן און פון די אידעאלן,
נאָר ער קאָן ניט איגנאָרירן דאָס
ווערק אָדער פארקריפּלען עס אין
זײַנע אייגענע צילן. דאָס ווערק
איז אן אָביעקטיווע גרייס און מע
טאָר עס נישט ניט פארמינערן, ניט
פארגרעסערן אין די אינטערעסן
פון א קריטישער קאָנצעפּציע.

לאָמיר נעמען די געשיכטע פון
דער רוסישער קריטיק. פּושקינען
האָבן אין פארשיידענע צײַטן אָפּ־
געשאצט פארשיידענע קריטיקער.
באגרײַפנדיק זײַן געניאַלקייט און
ברייטקייט, האָבן זיי באטראכט
פארשיידענע אספּעקטן פון זײַן
פּאָעזיע, יעדערער פון זיי האָט אַף
זײַן אויפן אָפּגעשאצט די ווידער־
שפּרעכלעכקייט און וואקלונגען
פון דעם גרויסן אינטעלעקט, נאָר
היסטאָריש האָט זיך אויסגעפאָר־
רעמט אן איינהײַטלעך אָביעק־
טיוו־ריכטיק געשטאלט פון דעם
געני פון דער רוסישער קולטור.
פון דער צווייטער זײַט, האָט פּוש־
קינס גײַסטיקע פילארטיקייט מיט־
געווירקט דער אנטוויקלונג פון
דעם רוסישן געזעלשאפטלעכן און
קינסטלערישן געדאנק.

דער קריטיקער איז א קינד פון
זײַן צײַט. אלס דענקער טרעט ער
ארויס ווי א טרעגער פון געוויסע
אידייען, סאָציאַלע אינטערעסן,
פּראָבלעמען פון דער עפּאָכע. זײַן
אויסטײַטשונג איז היסטאָריש
קאָנקרעט. אין די אינטערעסן פון
זײַן קאָנצעפּציע נעמט ער מיט א
ריין הארץ יענע זײַטן פון דעם
שרײַבערס שאפונג, וועלכע זײַנען
אים נייטיק און באשטעטיקן זײַנע
אָנשויונגען. עס זײַנען פאראן
קינסטלער, וואָס פּאסן זיך אײַן
פולשטענדיק אין אזעלכע ראמען,
נאָר עס זײַנען אויך פאראן „קאפּ־
ריזע” פערזענלעכקײַטן, וואָס
שפּארן פּאָרט ארויס פון די צײַט־
ווײַליקע קאָנצעפּציעס. דער בעס־
טער בײַשפּיל איז די שאפונג פון
פ. דאָסטאָיעווסקין, וועמענס יויוול
ס׳האָט דאָ ניט לאנג געפײַערט ניט
נאָר רוסלאנד, נאָר די גאנצע
פּראָגרעסיווע מענטשהײַט. וועגן
דאָסטאָיעווסקין זײַנען געווען פאר־
שיידענע מיינונגען און ווידער־
שפּרעכיקע קאָנצעפּציעס ביז הײַנ־
טיקן טאָג. איך האלט, אשטייגער,
אז אייניקע מײַרעווודיקע ליטעראַ־
טור־פאָרשער טראקטירן צו שמאָל
זײַנע ווערק אין פּלאן פון פּסיכאָ־
אנאליז, אין גײַסט פון פרײדיזם,
אָדער פון די פּאָזיציעס פון א
רעאקציאָנער־רעליגיעזער פאָר־
שטעלונג וועגן דאָסטאָיעווסקיס
פילאָסאָפיע. איך האלט אויך, אז
אייניקע אונדזערע אייגענע פאָר־
שטעלונגען זײַנען פּרימיטיוו און
שפּיגלען ניט אָפּ די גאנצע קאָמ־
פּליצירטקייט פון דאָסטאָיעווסקיס
אידייען, פון זײַן שאפונג. עס
האָבן ניט אויסגעהאלטן אפילע
קיין קורצטערמיניקן אויספּרווו
וו. יערמילאָווס ווערק וועגן דאָס־
טאָיעווסקין, עס ווערן פארגעסן
נאָך באם לעבן פונעם אווטאָר די
פּרימיטיווע ארבעטן פון מ. גוס,
לעמאָשל. אין דער זעלבער צײַט
אנטפּלעקט זיך די טיפקייט פון
וו. שקלאָווסקיס ווערק („פאר און

קעגן״), די ווערק פון מ. באַכטין און אַנדערע סאָוועטישע געלערנטע. אַן אינטערעסאַנטן, האַגאַם אַ שטרײַטבאַרן, בוך וועגן דאָסטאָיעווסקין האָט אָנגעשריבן דער לענינגראַדער פּראָפעסאָר וו. בורסאָוו.

די היסטאָרישע קאָנקרעטקײַט פון דער קריטיק איז פאַרורזאַכט פון איר בירגערלעכן פּאַטאָס, פון איר פּובליציסטישן עלעמענט, וועלכע זײַנען אייגנטימלעך דער טראַדיציע פון דער רוסישער ליטעראַטור־קריטיק. אין אָט דער שײַן זעען מיר אויס צו זײַן אינטערעסאַנט די קריטיקער מאַרק שטשעגלאָוו (געשטאָרבן אין די פופציקער יאָרן), וולאַדימיר לאַקשין צי לעוו אַנינסקי. פון זייערע ווערק באַקומט דער לייענער אַ ברייטע פאָרשטעלונג וועגן די ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

און דאָ דאַרף געזאָגט ווערן וועגן דעם סוביעקטיוויזם. ניט זעלטן אַנטפּלעקט ער זיך אין אַזעלכע אַרויסטרעטונגען, וואָס אויפן ערשטן בליק איז דאָרטן אַלץ קעשורע. עס קאָן זיך אַפילע דוכטן, אַז אַלץ איז אין זיי ריכטיק, שיין און פײַן, אָביעקטיוו און אָרטאָדאָקסאַליש. דער דאָזיקער אײַנדרוק איז אָבער אַ פעלערהאַפטער. יעטווידע צופאַסלערײַ, גלײַכגילטיקײַט צום בײַז איז לויט דער נאַטור וואָליונטאַריסטיש, ניט־לעבנספייִק. אָט פאַרוואָס מע דאַרף זיך ניט אײַלן אויסצוטײַטשן אַלס סוביעקטיוויזם יעטווידער נײַ און דרייסט וואָרט אין דער קריטיק. דער סוביעקטיוויזם איז ניט דאָ, נאָר דאָרט, ווו די שילדערונג פונעם לעבן איז פאַלש און אַנטשפּרעכט ניט זײַן רעאַלן גאַנג.

טויזנט מאָל איז געווען גערעכט אַלעקסאַנדער טוואַרדאָווסקי — אָט דער וווּנדערלעכער קינסטלער, וואָס איז אַזוי פילבאַר צום עמעס, — ווען ער האָט געשריבן: „...די ליטעראַטור, ווי די אַנדערע מינים קונסט, איז פייִק צו באַשטעטיקן בלויז דאָס, וואָס איז ניט אָנגעבונדן דעם לעבן פון אויסן, נאָר וואָס שטעלט פאָר מיט זיך דעם מעהוס און דעם עמעס פונעם לעבן, די אָרגאַנישע און געזעצמעסיקע פאָלגן פון זײַן פאָרויסבאַוועגונג״.

די געזעלשאַפטלעכע באַהאַנדלונג פון די פּראָבלעמען פון דער קריטיק, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אויפן XXIV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, אויפן V שרײַבער־צוזאַמענפאָר און איז פאָרגעזעצט געוואָרן אויף דעם ספּעציעלן פּלענום פונעם שרײַבער־פאַריין פון פּססר, דאַרף מען, נאַטירלעך, פאַרשטיין, ווי אַן אויסדרוק פון דער זאָרג וועגן אונדזער קונסט, וועגן דער דערציִונג פונעם מענטשן, וואָס האָט אַ היסטאָרישע באַדײַטונג. אַנדערש וואָלטן די דאָזיקע פּראָבלעמען אַזוי ברייט ניט געשטעלט געוואָרן, און זיי וואָלטן ניט אַרויסגעגאַנגען פון די ראַמען פונעם ליטעראַטור־וועזן.

די ליטעראַטור־קריטיק, ווי יעטווידע קונסט־קריטיק, קאָן ניט פאַרגעסן די בעסטע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס. ספּעציעל די רוסישע קריטיק יאַרשנט די אידייען פון דער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישער קריטיק פונעם פאָריקן יאָרהונדערט — איר סאָציאַלע צילגעווענדטקײַט, איר פאָלקסטימלעכקײַט און אירע פרײַהײַטליבנדיקע טראַדיציעס. אָט פאַרוואָס די עפנטלעכקײַט האָט פאַרורטיילט, אַלס פאַלשע, די נעאָסלאַוויאַנאָפילישע, אַפּאָליטישע, סעקטאַנטישדאָגמאַטישע אָנשויונגען און געשטיצט די אידיי פון רעאַליזם, אין זײַן ברייטן אַספּעקט, פון פּילאַרטיקײַט, פון געוואַגטער קינסטלערישער נאָוואַטאָרישקײַט, און דעריקערשט — די אידייען פון פעלקער־ברידערשאַפט, הומאַניזם און אינטערנאַציאָנאַליזם.

וו. אי. לענין האָט ניט איין מאָל אָנגעוויזן אויף אויף אַזאַ שטריך פון דער רעוואָליוציאָנערער קונסט, ווי איר היסטאָרישע קאָנטינויִטעט. די קולטור פונעם זיגרײַכן פּראָלעטאַריאַט יאַרשנט אַלע רײַכטימער פון דער וועלט־קולטור.

לענין האָט געהאַלטן, אַז דאָס פאָלק דאַרף האָבן גרויסע קונסט. דאָס באַטײַט ניט, אַז דער קינסטלער דאַרף נאָכפאָלגן דער בלינדער קראַפט פון דעם מאַסן־אָנבאָט. דער קינסטלער דאַרף מיט זײַן קונסט דערציִען און דערהייבן די מאַסן, מיטהעלפן זיי אין זייער שעפערישער טעטיקײַט און אין קאַמף פאַר אַ נײַ לעבן. דער קינסטלער, ווי עס זאָגט מאַיאַקאָווסקי, איז „דער וועגווײַזער פונעם פאָלק, נאָר אײַנצײַטיק אויך דער דינער פונעם פאָלק״. די דאָזיקע דיִאַלעקטיק דאַרף מען באַגרײַפן. דער שרײַבער קאָן ניט שטאָלצירן דערמיט, וואָס אַלע פאַרשטייען אים. מע דאַרף, אַז דער שרײַבער זאָל פאַרשטייען דאָס פאָלק, זײַנע אינטערעסן, זײַנע טרוימען און האָפענונגען, אַפילע די, וואָס גופע דאָס פאָלק באַגרײַפט זיי נאָך ניט דערווײַל ביזן סאָף. דער שרײַבער דאַרף טאַקע מיטהעלפן דעם פאָלק צו באַגרײַפן זײַנע אידעאַלן. אָט פאַרוואָס עס איז אַזוי אומגעווײנלעך פאַראַנטוואָרטלעך די שליכעס פונעם שרײַבער, וואָס שאַפט די פאָלקס־קולטור, און אָט פאַרוואָס עס ווערט אויף דער קריטיק אַרופגעלייגט אַן אויסערסט וויכטיקע אויפגאַבע. די קריטיק מוז זיך געפינען אויף דעם ניוואָ פון די העכסטע דערגרייכונגען פון דער וועלט־קולטור. ריידנדיק מיט מיליאָנען מענטשן, ריידנדיק מיט שרײַבער, וואָס שאַפט פאַר מיליאָנען, ווערט גופע דער קריטיקער פאַרוואַנדלט אין אַ ביז גאָר פאַראַנטוואָרטלעכער געזעלשאַפטלעכער פיגור.

אָט וואָס פאַרא ראַיוינעס עס רופן אַרויס די לעצטע געשעענישן אויף אונדזער קריטישן „פראָנט״ — דער שרײַבער־פּלענום, די געזעלשאַפטלעכע באַהאַנדלונג פון די פראַגן, וואָס זײַנען אָנבאַלאַנגט אונדזער פּראָפעסיע.

ייִדיש — ע. ביילים

„אויסלייזער" פונעם יידישן פאָלק

ווער פון די סאָוועטישע ייִדיש־לייענער פונעם יונגן דאָר, און אפילע פון דעם מיטעלן דאָר, האָט געהערט די נעמען פון אזעלכע אָרגאניזאציעס, ווי „ארא", „יידגעזקאָם", פון אזא ברייט צעצווייַגטער אָרגאניזאציע, ווי „דזשאָינט"? און געוויס האָבן זייער ווייניק פון זיי א פאָרשטעלונג וועגן דעם, אז בא אונדז אין לאנד האָבן בעשײַטע עקזיסטירט און גע־בראכט פיל שאָדן א היפשע צאָל ייִדישע עקסטרעם־נאציִאָנאליסטישע פארטייען. אָבער די רעאקציִאָנערע פרעסע אין אויסלאנד דערמאָנט גאנץ אָפט די דאָזיקע פארטייען און אָרגא־ניזאציעס (פיל פון זיי עקזיסטירן נאָך ביז הײַנט אין יִיסראָעל, אמעריקע און אנד. לענדער אונטער די אלטע אָדער אונטער נײַע נעמען). זי מאָלט זיי אין העלע פארבן, אלס „אויס־לייזער" פונעם יִדישן פאָלק, אלס קעמפער קעגן פּאָגראָמען אין צארישן רוסלאנד.

איך בין זיכער, אז די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד" וועלן מיט מיר מאסקים זײַן, אז דער זשורנאל וואָלט באדארפט געבן א היסטאָרישן איבערזיכט וועגן דער טעטיקײַט פון אזעלכע פארטייען און אָרגאניזאציעס בא אונדז אין לאנד ביז דער אָקטיאבער־רעוואָ־ליוציע און נאָך איר, באגלייטנדיק דעם איבערזיכט מיט א לעניניִשער כאראקטעריסטיק און אָפּשאצונג פון זייער טעטיקײַט.

ה. ריווין (וואָלגאָגראד)

בא אונדז אין לאנד זײַנען ביז דער אָקטיאַ־בער־רעוואָליוציע און גלײַך נאָך איר געווען טעטיק ניט ווייניק ייִדישע „נאציִאָנאלע" פּאָליטישע פארטייען און אָרגאניזאציעס, וועלכע האָבן זיך אָנגעגעבן אלס „סאָציִאליסטישע", „פּראָגרעסיווע", זיך געלאשטשעט צו די ייִדישע ארבעטער און באלמעלאָכעס, דערקלערט זיך אלס זייערע הייסע פרײַנט און פארטיידיקער, נאָר אין דער ווירקלעכקײַט זײַנען זיי געווען אויסגעשפּראָכן נאציִאָנאליסטישע און, בעמיילע, רעאקציִאָנערע. די פּראָגראמען זייערע זײַנען געווען פארשיידענע, אויסערלעך האָבן זיי זיך אויך אונטערשיידט איינע פון דער צווייטער, אָבער זייער אידייִשער טאָך און קלאסן־אינ־האלט איז שטענדיק געווען איינער, וואָס קאָן פאָרמולירט ווערן אין געציילטע ווערטער: פאר־טיידיקן די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע, באשווינדלען די ארבעטנדיקע, ארויסרופן א שארפן ווידערווילן קעגן דעם גערעכטן קאמף פונעם פּראָלעטאריאט.

טאקע וועגן אזעלכע פארטייען און אָרגאניזא־ציעס האָט וולאדימיר איליטש לענין געשריבן נאָך אין 1913:

„דער פּראָלעטאריִאט קאָן ניט אונטערהאלטן קיין זאך, וואָס העלפט מיט צו פארפעסטיקן דעם נאציִאָנאליזם, — פארקערט, ער שטיצט אלץ, וואָס העלפט מיט צו אָפּמעקן די נאציִאָנאלע אונטערשיידן, צו צעברעכן די נאציִאָנאלע מעכי־צעס, אלץ, וואָס מאכט ענגער און פעסטער די פארבינדונגען צווישן די נאציִאָנאליטעטן, פירט צו דער צונויפגיסונג פון די נאציעס. האנדלען אנדערש באטײַט — שטעלן זיך אף דער זײַט פון דעם רעאקציִאָנערן נאציִאָנאליסטישן באלע־בעסלטום"[1].

מיר ברענגען ווײַטער א קאָנקרעטע רעשימע פון די אָנגערופענע פארטייען און אָרגאניזאצי־עס מיט א קורצער כאראקטעריסטיק פון די פּראָגראמען און פון דער טעטיקײַט פון יעדער איינער פון זיי.

[1] וו. אי. לענין. פולע זאמלונג פון די ווערק, פינפטע אויסגאבע, ב. 24, ז. 133.

I. רעכטע ציִעניסטישע פּאַרטייען און נאָענטע צו זיי גרופּעס

„אלגעמיינע ציִעניסטן" (הציונים הכלליים). אנטשטאַנען אין רוסלאַנד אין אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט, נאָך דעם ערשטן (באַזעלער) ציִעניסטישן וועלט־קאָנגרעס, און געווען דאָ טעטיק ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. די פּאָליטישע קאָנצעפּציע פון אָט דער פּאַרטיי איז געווען אַזאַ: העיויס אינעם שאַפן אַן אומאָפּהענגיקע יִדישע מעלוכע איז „פּאַרינטערעסירט דאָס גאַנצע יִדישע פאָלק", ווײַל פונעם אַנטיסעמיטיזם און פון דער אָנוועזנהײַט פון עקסטעריטאָריעלקײַט לײַדן „אַלע יִדן גלײַך" — סײַ אָרעם און סײַ רײַך, בעכיין דאַרף די פּאַרטיי זײַן אַן אַלגעמיינע און פּאַרייניקן אין אירע רייען „דאָס גאַנצע יִדישע פאָלק". מיט אַזאַ מין פּלאַטפאָרם האָט די פּאַרטיי צוגעצויגן ניט בלויז די העכט פון דער יִדישער גרויס־בורזשואַזיע, נאָר טיילווײַז אויך אייניקע שיכטן פון דער יִדישער מיטל־בורזשואַזיע.

ביז 1907 האָבן די „אַלגעמיינע ציִעניסטן" זיך ניט געמישט אינעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד — זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקײַט איז געווען געווענדט בלויז אַף אויספילן די דירעקטע אויפגאַבן, וועלכע עס שטעלט פאַר זיי דער ציִעניזם. יעטווידע אַנדערע טעטיקײַט איז געווען פאַר זיי פרעמד.

אין 1907 איז אין העלסינגפאָרס פאָרגעקומען דער דריטער צוזאַמענפאָר פון די „אַלגעמיינע ציִעניסטן". אין דער צײַט נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַ פּאָליטישע פּראָגראַם, וואָס איז לויט אירע פאָדערונגען צונויפגעפאַלן מיט דער פּראָגראַם פון די קאַדעטן. די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי „אַלגעמיינע ציִעניסטן" איז פאַרבאָטן געוואָרן אַרײַנצוטרעטן אין אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען. איר צענטראַל־קאָמיטעט האָט געאַרבעט אונטער דער אָנפירונג פונעם אויספירקאָם פון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס בעראָש פון אים איז געשטאַנען כאַיִם ווייצמאַן.

אין די טעג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָבן די „אַלגעמיינע ציִעניסטן" זיך געפונען אינעם לאַגער פון דער קאָנטררעוואָליוציע, אין די יאָרן פונעם בירגערקריג האָבן זיי געשטיצט מיט אַלע מעגלעכקײַטן דעניקינען, קאָלטשאַקן, וורانגעלן, פּעטליורען.

הײַנט צו טאָג איז די פּאַרטיי „אַלגעמיינע ציִעניסטן" טעטיק אין יִסראָעל, ווו זי הייסט „הציונים הכלליים". זי איז די פּאַרטיי פון דער יִדישער גרויס־בורזשואַזיע פון דער מעדינע. ביז 1948 איז בעראָש פון איר געשטאַנען דער ערשטער פּרעזידענט פון יִסראָעל כאַיִם ווייצמאַן. נאָכן טויט פון כאַיִם ווייצמאַן האָט אין שפּיץ פון „הציונים הכלליים" זיך געשטעלט פּערעץ בערנשטיין. אין איר פּאָליטישער טעטיקײַט אָריענטירט זי זיך אַף די פאַראייניקטע שטאַטן.

צעיִרע־ציִען. אונטערן אײַנפלוס פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע פון 1905 האָבן צווישן די „אַלגעמיינע ציִעניסטן" זיך באַוויזן אָפּאָזיציִאָנעלע עלעמענטן, וועלכע האָבן געביל־דעט אַ גרופּע אונטערן נאָמען „צעיִרע־ציִען" (יונגע ציִעניסטן). די צעיִרע־ציִען זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּאָליטיק פון דער אַלגעמיינער ציִעניסטישער פּאַרטיי צו שטעלן זיך איבער די קלאַסן. זיי האָבן געפאָדערט אײַנצושליסן אין דער פּאַרטיי־פּראָגראַם אויך פּאָליטישע פאָדערונגען. די קינפטיקע יִדישע מעלוכע אין פּאַלעסטינע, האָבן זיי באַהויפּט, וועט דאַרפן לייזן די יִדן־פראַגע ניט בלויז אין נאַציִאָנאַל־קולטורעלן פּלאַן, נאָר אויך לויט דער סאָציִאַלער ליניע.

אין 1910 — 1912 האָבן די צעיִרע־ציִען זיך אויסגעפורעמט אַלס פראַקציע פון דער פּאַרטיי „אַלגעמיינע ציִעניסטן".

דעם 2 מײַ 1918 איז אין מאָסקווע צונויפגערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון דער פראַקציע צעיִרע־ציִען. מיר ברענגען דאָ אַ פראַגמענט פון דער פּראָגראַם, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן אַף דער קאָנפערענץ (דער פראַגמענט איז גענומען פונעם „צענטראַלן מעלוכע־אַרכיוו פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע"): „דער סאָציִאַליזם שטייט ווי אַ ביין אין האַלדז דעם ציִעניזם. פון דעם איז צו זען, אַז דער ציִעניזם און דער סאָציִאַליזם זײַנען ניט בלויז צוויי אַנטיפּאָדן, נאָר אויך צוויי עלעמענטן, וואָס איינער פון זיי שליסט לאַכלוטן אויס די עקזיסטענץ פונעם צווייטן".

אין 1919 איז די פראַקציע צעיִרע־ציִען אַרויס פון דער פּאַרטיי „אַלגעמיינע ציִעניסטן" און האָט אַפן כאַרקאָווער צוזאַמענפאָר אין 1920 דערקלערט זיך אַלס ציִעניסטישע אַרבעטס־פּאַרטיי — צעיִרע־ציִען.

ציִעניסטישע אַרבעטס־פּאַרטיי (צעיִרע ציִען). די פּאַרטיי צעיִרע־ציִען האָט זיך פּראָקלאַמירט אַלס „פּאַרטיידיקערן פון די יִדישע מאַסן פון רוסלאַנד". איר הויפּט־פאָדערונג איז געווען צו שאַפן פאַר די יִדן אין סאָוועטן־רוסלאַנד אַ „קולטור־נאַציִאָנאַלע אויטאָנאָמיע". זי האָט געטײַנעט, אַז די סאָוועטנמאַכט פירט, קלוימערשט, אַ צוואַנג־אַסימילאַציע פון די יִדן, צוליב דער סיבע פאַרמאַכט זי די כאַדאָרים און יעשיוועס, דערלויבט ניט צו עפענען העברעיִשע שולן.

בעראָש פון דער פּאַרטיי איז געשטאַנען אַ צענטראַל־קאָמיטעט פון 3 — 5 מענטשן, וואָס

האָט זיך געפונען אין מאָסקווע. אין זײַן רעשוס איז געווען אויך אן „אויסלענדישע דעלעגאציע", מיט וועלכער ער האָט אונטערגעהאלטן א שטענדיקע פּארבינדונג.

ציִעניסטיש־סאָציאליסטישע פּארטיי. אופגעקומען אין 1920. פּונקט ווי די ציִעניסטישע ארבעטס־פּארטיי, איז זי געווען א וולאד פון דער פראקציע צעירע־ציִען, נאָר זי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם לינקן טייל פון דער פראקציע. די פּראָגראם אירע און די פּראקטישע טעטיקײַט איז אָבער געווען קימאט די זעלבע ווי פון איר שוועסטער — ציִעניסטישע ארבעטס־פּארטיי.

אין די רייען פון דער ציִעניסטיש־סאָציאליסטישער פּארטיי האָבן זיך געפונען אינטעליגענטן, באלמעלאָכעס און אנד. עלעמענטן. דער צענטראלער פּונקט פון איר פּראָגראם איז געווען — שאפן פאר די ייִדן א „קולטור־נאציאָנאלע אווטאָנאָמיע" בעראָש מיט אזויגערופענע „ארבעטס־ראטן". די דאָזיקע פּארטיי האָט פאָרמעל „אנערקענט" די סאָוועטנמאכט, אָבער דעם עצעם באגריף „סאָוועטנמאכט" אויסגעטײַטשט אלס „מאכט פונעם גאנצן פאָלק", ניט אלס א פאָרם פון פּראָלעטארישער דיקטאטור. זי האָט געפירט אן אקטיוון קאמף קעגן דער קאָמוניסטישער פּארטיי, קעגן דעם קאָמינטערן, האָט ארויסגעלאָזט פלוגבלעטלעך און פּראָקלאמאציעס, אין וועלכע זי האָט פארקריפּלט די מאָסמיטלען פון דער סאָוועטן־מעלוכע.

די ציִעניסטיש־סאָציאליסטישע פּארטיי האָט זיך געפונען אין אומיטלבארע פארבינדונגען מיטן ייִדישן „וועלט־פארבאנד". איר „אויסלענדישע דעלעגאציע" איז געווען פארטראָטן אין דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאניזאציע, פונוואנען זי האָט באקומען ליטעראטור און געלט־מיטלען. אין פּסטר האָט זי געהאט אייגענע „געגנט־קאָמען" און „שטאָטקאָמען". אין איר שפּיץ איז געשטאנען צוערשט א צק, דערנאָך א צענטראל־ביוראָ.

ציִעניסטיש־סאָציאליסטישע פעדעראציע („דראָר"). אופגעקומען אין 1920. איר פּראָגראם איז געווען פּאקטיש די זעלבע, ווי פון דער ציִעניסטיש־סאָציאליסטישער פּארטיי. זי האָט אָבער געהאלטן, אז עס איז נאָך ניט געקומען די צײַט צו שאפן א ייִדישע נאציאָנאלע מעלוכע אין פּאלעסטינע — פריִער דארף מען צוגרייטן דעם „רוקנביין פון דער באוועגונג", דה. אָרגאניזירן קלענערע גרופּעס פון „אידייִש שטאנדהאפטיקע", פון וועלכע מע וועט אין דער געהעריקער צײַט קאָנען שאפן די ייִדישע ציִעניסטישע פּארטיי פאר פּאלעסטינע.

די „דראָר"־פעדעראציע איז ארויסגעטראָטן מיט דער פאָדערונג צו לעגאליזירן אלע אזויגערופענע „סאָציאליסטישע" פּארטייען, צוציִען צו מעלוכישער אָנפירונג פאָרשטייער פון די מענשעוויקעס, עסערן, פּויאלעצִיעניסטן, בונדאָווצעס אאוו. „דראָר" האָט געפאָדערט צו שאפן א נאציאָנאלע אווטאָנאָמיע פאר ייִדן אין דער פאָרם פון ייִדישע קעהילעס און ייִדישע ארבעטס־ראטן.

בעראָש פון דער „דראָר"־פעדעראציע איז געשטאנען א צק, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די אָרגאניזאציאָנעלע, פּראָפּאגאנדיסטישע און פארלעגערישע איניאָנים.

אין דעקאבער 1926 איז די „דראָר"־פעדעראציע צעפאלן געוואָרן. די מיטגלידער פון „דראָר", וועלכע זײַנען אין די 20־ער יאָרן ארויסגעפאָרן קיין פּאלעסטינע, זײַנען דאָרט ארײַנגעטראָטן אין דער פּארטיי „אכדות האאוואָדא".

II. קליינבירגערלעכע ציִעניסטישע נאציאָנאליסטישע פּארטייען און אָרגאניזאציעס[1]

פּויאלע־ציִען. א ציִעניסטישע אָרגאניזאציע, וואָס איז אופגעקומען אין רוסלאנד אלס צווײַג פון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאניזאציע.

די פּויאלעצִיעניסטן באהויפּטן, אז פאר די ייִדישע מאסן, וועלכע ווערן דורך דער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג ארויסגעשטויסן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, איז פארמאכט דער וועג צו דער גרויס־אינדוסטריע. מאכמעס דעם דארפן די ייִדן עמיגרירן פון לאנד און קאָנצענטרירן זיך אף אן אייגענער טעריטאָריע — אף דער טעריטאָריע פון א ייִדישער מעלוכע.

די ערשטע פּויאלעצִיעניסטישע אָרגאניזאציע אין רוסלאנד איז אופגעקומען אין 1900 אין קאטערינאָסלאוו. אין 1901 — 1902 האָבן אזעלכע אָרגאניזאציעס זיך באוויזן אין דווינסק, ווילנע, וויטעבסק און אָדעס.

[1] בא אלע פעלקער, וועלכע זײַנען אוועק מיט א קאפּיטאליסטישן אנטוויקלונגס־וועג, האָבן עקזיסטירט צוויי גרונט־פאָרמען פון נאציאָנאליזם: א בורזשואזע און א קליינבירגערלעכע.

אין 1903 איז אין קיִעוו פֿאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון דער פארטיי פּויאַלע־ציִען, אף וועלכער עס זײַנען אזוי פֿאָרמולירט געוואָרן די גרונט־פּרינציפּן פון איר פּראָגראַם: „...ציִעניזם איז דער הויפּט־פּרינציפּ פון אונדזער פּראָגראַם־מינימום, ציִעניזם איז אַן אלפאָלקישע זאַך, אין אים דארפן אָנטיילנעמען אלע ייִדן, אומאָפּהענגיק פון זייער קלאסן־אָנגעהעריקײַט".[1]

אין 1909 האָט דער טייל פּויאַלעציִעניסטן, וואָס האָט אנערקענט דעם פּרינציפּ פון טערי־טאָריאליזם, אָרגאַניזירט די ציִעניסטיש־סאָציאַ־ליסטישע ארבעטער־פארטיי. דער צווייטער טייל פּויאַלעציִעניסטן, וואָס האָט אנערקענט דעם פּרינציפּ פון פּאלעסטיניזם, האָט זיך פאַרייניקט אין דער ייִדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבעטער־פארטיי, אָדער אין דער פארטיי פּויאַלע־ציִען.

אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע האָבן די פּויאַלעציִעניסטן דערקלערט, אז „די רוסישע רעוואָליוציע האָט צו די ייִדן קיין שײַכעס ניט, ווײַל זי לייזט ניט די ייִדן־פראגע און דערנעענטערט ניט די ייִדישע ארבעטער צום ציִעניזם".

אף איר צווייטן צוזאמענפֿאָר (קראָקע, 1907) האָט די פארטיי פּויאַלע־ציִען אָנגענומען איר פּראָגראַם, אין וועלכער עס זײַנען געמאכט געוואָרן פּרוּוון צו „פאַרייניקן" די מארקסיסטישע קאָנצעפּציע מיט דער נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע פונעם ציִעניזם. אין דער פּראָגראַם איז אָנגעוויזן, אז דער ייִדישער ארבעטער־קלאַס גייט מיט זײַן באַזונדערן אנטוויקלונגס־וועג, אז די ייִדן־פראגע קאָן געלייזט ווערן דורך טעריטאָריעלער אווטאָנאָמיע אין פּאלעסטינע.

„די ייִדישע ארבעטער אין גאָלעס (דה. ניט אין פּאלעסטינע), — ווערט געזאָגט אין דער פּראָגראַם, — קאָנען ניט פירן קיין סאָציאַלן קאמף, ווײַל אין גאָלעס איז ניטאָ קיין ייִדישער הערשנדיקער קלאַס און קיין ייִדיש נאַציאָנאַל אייגנטום".

אין 1909 איז אין ווין געשאַפן געוואָרן די „פאַרבאַנד־ביוראָ", אין וועלכער עס זײַנען ארײַן פֿאָרשטייער פון די פּויאַלעציִעניסטישע פּאַרטייען אין פארשיידענע לענדער.

אין 1910 — 1914, בײַס דעם אופשטײַג פון דער ארבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד, אויך אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, האָבן די פּויאַלעציִעניסטן אקטיוויזירט זייער טעטיקײַט. די דאָזיקע אקטיווקײַט האָט זיך באַזונדערס פארשטאַרקט נאָך דער אָפיציעלער דערקלערונג פון ענגלאַנד וועגן דער גרייטקײַט צו מיטהעלפן די ציִעניסטן אינעם אָרגאַניזירן אין פּאלעסטינע א ייִדישע מעלוכע (די אזויגערופענע „באַלפור־דעקלאַראַציע").

אין 1917 האָט די פארטיי פּויאַלע־ציִען געציילט אין אירע רייען 10 — 12 טויזנט מיטגלידער. בײַס דער פעווראַל־רעוואָליוציע איז איר פּאָליטיק געווען א מענשעוויסטיש־עסערישע, זי האָט אונטערגעהאַלטן די רעכטע ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס, באַלאָקירט זיך מיט די אוקראַינישע, ווײַסרוסישע און פּוילישע בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען, געשטיצט די פּאָליטיק פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט די פּאַרטיי פּויאַלע־ציִען, ניט אָפּזאָגנדיק זיך פון די ציִעניסטישע אָנשויוּנגען, געפירט איר ארבעט אונטערן לאָזונג פון פּאָליטישער און קולטורעלער אווטאָנאָמיע, זי האָט אקטיווער, איידער אלע אנדערע ייִדישע נאַציאָנאַליסטישע גרופּעס, געפּריידיקט צווישן די ייִדישע ארבעטער סעפּאַראַטיזם, געשפּרייט צווישן זיי ציִעניסטישע אילוזיעס, אָפּציִענדיק זייער אופמערקזאַמקײַט פון די אקטועלע אופגאַבן פונעם קלאַסנקאַמף.

אין 1919 האָט פון דער פּאַרטיי פּויאַלע־ציִען זיך אויסגעטיילט א לינקע פראַקציע, וועלכע האָט זיך אָנגערופן מיטן נאָמען „ייִדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי — פּויאַלע־ציִען", אין 1922 איז די פראַקציע ארײַנגעטראָטן אין דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס).

אין די דרײַסיקער יאָרן האָט די פּאַרטיי פּויאַלע־ציִען אינגאַנצן אָפּגעשטעלט איר טעטיקײַט אף דער טעריטאָריע פון פססר. צו יענער צײַט האָט דער וועלט־צענטער פון דער פּאַרטיי פּויאַלע־ציִען — די „פאַרבאַנד־ביוראָ" — זיך געפונען שוין אין פּאלעסטינע, און אין 1947 האָט דער רעכטער און לינקער פליגלען פון פּויאַלע־ציִען זיך ארײַנגעגאָסן אין דער פאַרייניקטער ארבעטער־פּאַרטיי („מאַפּאַם"), וועלכע גייט הײַנט ארײַן אין דער רעגירונגס־קאָאַליציע פון ייִסראָעל.

ציִעניסטיש־סאָציאַליסטישע ארבעטער־פּאַרטיי. אויסגעבילדעט זיך אין 1904 אין אָדעס. אין איר זײַנען ארײַן די אינטעליגענטישע קרײַזלעך, וועלכע האָבן געאַרבעט צווישן דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. א קליינבירגערלעכע לויט איר קלאַסן־טאָך, האָט די דאָזיקע פּאַרטיי טעאָרעטיש זיך געפונען אונטערן אײַנפלוס פונעם רעוויזיאָניזם. זי האָט געקעמפט קעגן דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבעטער־פּאַרטיי (רסדאַפּ), וועלכע האָט געפאָדערט אייניקײַטלעכע אקציעס פונעם פּראָלעטאַרישן רוסלאַנד.

סאָציאַליסטישע ייִדישע ארבעטער־פּאַרטיי (געווען באַקאַנט אונטערן נאָ־

[1] צענטראַלער מעלוכע־ארכיוו פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. „איבערזיכט פון דער טעטיקײַט פון די פּאָליטישע פּאַרטייען פון רוסלאַנד".

מען „סערפּ״[1]). א קליינבירגערלעכע נאַציאָנאַליסטישע ייִדישע אָרגאַניזאַציע. אופגעקומען אין 1905 אין רעזולטאַט פון דער צונויפגיסונג פון די ציִוניסטישע קרײַזלעך מיט די טוער פון דער גרופּע „וואָזראָזשדעניע״. די פּראָגראַם פון „סערפּ״ (אָנגענומען אַף איר צוזאַמענפאָר אין אַפּרעל 1906) האָט געפאָדערט צו געבן די ייִדן נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע — שאַפן עקסטעריטאָריעלע ייִדישע פּאַרלאַמענטן (סיימען), וועלכע זאָלן זײַן באַפולמעכטיקט צו לייזן די פראַגן פון דער פּאָליטישער אײַנאָרדענונג פון די ייִדן אין רוסלאַנד. לויט איר אידעאָלאָגיע איז די דאָזיקע פּאַרטיי געווען נאָענט צו די עסערן, האָט צוזאַמען מיט זיי געפירט א קאַמף קעגן דער רסדאַפּ. די לידערס פון „סערפּ״ — זשיטלאָווסקי און ראַטנער — זײַנען געווען אויך טעאָרעטיקער פון די עסערן.

אַף דער קאָנפערענץ פון די קליינבירגערלעכע לינקע פאָלקיסטישע פּאַרטייען (פאָרגעקומען אין פינלאַנד דעם 16 — 20 אַפּרעל 1907) האָט „סערפּ״ געפאָדערט צו „שאַפן אין די גרענעצן פון דער רוסלענדישער מעלוכע עקסטעריטאָריִעלע אָרגאַנען פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג פון אַן עפּנטלעך־יורידישן כאַראַקטער״.

די ציִוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי און „סערפּ״ זײַנען געווען די אַגענטור פון דער בורזשואַזיע אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

א צווייטע פאָרמאַציע פונעם ייִדישן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, א קליינבירגערלעכע לויט איר טאָך (אומיטלבאַר מיטן ציִוניזם ניט פאַרבונדן), איז דער „בונד״.

„ב ו נ ד״ („אַלגעמײַנער ייִדישער אַרבעטער־בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד״). באַוויזן זיך אַף דער פּאָליטישער אַרענע אין 1897. דער „בונד״ האָט פאַרייניקט אין זײַנע רייען דעריקער די האַלב־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון די ייִדישע האַנטווערקער אין די מיִרעוו־געגנטן פון רוסלאַנד.

אַפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַפּ (אין 1898) איז דער „בונד״ אָנגענומען געוואָרן אין דער רסדאַפּ „אַלס אַן אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז זעלבשטענדיק בלויז אין די פראַגן, וועלכע האָבן א שײַכעס ספּעציִעל צו דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט״[2].

דער „בונד״ איז געווען דער טרעגער פון נאַציִאָנאַליזם און סעפּאַראַטיזם אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון רוסלאַנד. אַף זײַן פערטן צוזאַמענפאָר (1901) האָט דער „בונד״ דערקלערט, אַז ער באַטראַכט די רסדאַפּ אַלס א... פעדעראַטיווע פאַרייניקונג פון נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

אַפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַפּ (אין 1903) האָט דער „בונד״ אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, אַז די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי זאָל געבויט ווערן לויטן פעדעראַטיוון פּרינציפּ, דה. לויטן פּרינציפּ פון דער נאַציאָנאַלער צעטיילונג פונעם פּראָלעטאַריאַט, און געפאָדערט, מע זאָל אים, דעם „בונד״, אַנערקענען אַלס דעם איינציקן פאָרשטייער פון די ייִדישע אַרבעטער אין רוסלאַנד. ווען די דאָזיקע פאָדערונגען זײַנען אָפּגעוואָרפן געוואָרן און וו. אי. לענין איז אַרויסגעטראָטן מיט א שאַרפער קריטיק פונעם בונדישן נאַציאָנאַליזם און סעפּאַראַטיזם, איז דער „בונד״ אַרויס פון דער רסדאַפּ.

שטעלנדיק זיך אַפן וועג פון אָפּזונדערונג, פון סעפּאַראַטיזם און פעדעראַליזם, שפּרייטנדיק סינע צווישן די ייִדישע אַרבעטער און די אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, אוועקשטעלנדיק די אינטערעסן פון איינע קעגן די אינטערעסן פון אַנדערע, האָט דער „בונד״ געבראַכט דער אַרבעטער־באַוועגונג פיל שאָדן.

אַף זײַן זעקסטן צוזאַמענפאָר (אָקטיאַבער 1906) האָט דער „בונד״ ענדגילטיק פאָרמולירט זײַן נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, ווו אַלס הויפּט־פּונקט האָט פיגורירט די „קולטור־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע״. וו. אי. לענין האָט אַזוי כאַראַקטעריזירט דעם דאָזיקן פּונקט פון דער בונדישער פּראָגראַם:

„פאַרטיידיקנדיק דעם לאָזונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, בויענדיק אַף זײַן סמך דעם גאַנצן פּלאַן און די פּראַקטישע פּראָגראַם פון דער אַזויגערופענער „קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע״, טרעטן די בונדאָווצעס פאַקטיש אַרויס אַלס דורכפירער פונעם בורזשואַזן נאַציִאָנאַליזם אין דער אַרבעטער־סוויווע״[1].

אינעם פעריִאָד פון דער רעוואָליוציע פון 1905 — 1907 איז דער „בונד״ געשטאַנען אַף מענשעוויסטישע פּאָזיציעס. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער העגעמאָניע פונעם פּראָלעטאַריאַט, קעגן א באַוואָפנטן אופשטאַנד, קעגן דעם בונד צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערטום. ער האָט געפאָדערט אַכדעס מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע.

אין 1906, אַפן פערטן פאַרייניקונגס־צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַפּ, איז דער „בונד״ ווידער אַרײַן אין דער פּאַרטיי.

---

[1] Серп — אַן אַבריוויִאַציע פון די רוסישע ווערטער Социалистическая еврейская рабочая партия.

[2] „די קפּסס אין די רעזאָליוציעס און באַשלוסן פון די צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן און פּלענומס פון צק״, ט. 1, 1954, ז. 14.

[1] וו. אי. ל ע נ י ן. פולע זאַמלונג פון די ווערק. פינפטע אויסגאַבע, ב. 24, ז. 123.

אין די יאָרן פון דער סטאָליפּינישער רעאַקציע איז דער „בונד" געשטאַנען אַף די פּאָזיציעס פון ליקווידאַטאָרן, געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם אַנטיפּאַרטייאישן אווגוסט־בלאָק. די זעקסטע קאָנפערענץ (די פּראָגער) פון דער רסדאַפּ האָט אויסגעשלאָסן דעם „בונד" פון די רייען פון דער פּאַרטיי.

אין דער צײַט פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער פעווראַל־רעוואָליוציע פון 1917 האָט דער „בונד" צוזאַמען מיט די מענשעוויקעס און עסערן געשטיצט די צײַטווײַליקע רעגירונג.

בײַס דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז דער „בונד" אין אַלע פראַגן פון סטראַטעגיע און טאַקטיק ארויסגעטראָטן קעגן די באָלשעוויקעס.

אין 1918 איז אין די רייען פון „בונד" פּאָרגעקומען א שפּאַלטונג. דער לינקער טייל פון „בונד" האָט, זעענדיק דעם באַנקראָט פון די נאַציאָנאַליסטישע פּאָזיציעס, אָפּגעזאָגט זיך פונעם לאָזונג „קולטור־נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע" און אָנגענומען די פּראָגראַם פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס).

אין 1921 איז פּאָרגעקומען די זעלבסטליקווידירונג פונעם „בונד". דער רעכטער טייל, בעראָש מיט אבראַמאָוויטשן, האָט עמיגרירט קיין אויסלאַנד, ווו ער האָט זיך פאַרייניקט מיט די מענשעוויקעס און געפירט אַן אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע.

לויט זײַן פּראָגראַם און טעטיקײַט איז דער „בונד" א נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט די קליינבירגערלעכע טענדענצן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער „בונד" איז טאָמיד געווען פרעמד און פײַנטלעך צום מאַרקסיזם־לעניניזם.

באַלד פונעם ערשטן טאָג פון זײַן ארויסטרעטן אַף דער פּאָליטישער אַרענע האָט דער „בונד" געשטעלט זיך אַפן וועג פון ברעכן די איינהײַט פונעם פּראָלעטאַריאַט, פלאַנצן אין די ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן א געפיל פון פרעמדקײַט צו דער אַלגעמיינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

אין פּראָצעס פונעם קאַמף קעגן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און קעגן דער סאָוועטנמאַכט איז דער „בונד" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנטיסאָוועטישער אָרגאַניזאַציע.

וולאַדימיר איליטש לענין האָט אין זײַנע ווערק פיל מאָל אָנגעוויזן אַף דער קרויוועשאַפט צווישן אַלע ייִדישע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד, וועלכע דריקט זיך אויס אינעם לאָזונג „קולטור־נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע". „דער דאָזיקער לאָזונג (וואָס ווערט אין רוסלאַנד פאַרטיידיקט דורך א ל ע ב ו ר ז ש ו א ז ע פּאַרטייען פונעם ייִדישן נאַציאָנאַליזם) ווידערשפּרעכט דעם אינטערנאַציאָנאַליזם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע[1].

יעדע פאָרם פונעם קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם גייט לויט דער ליניע פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, אָבער ער מאַסקירט זיך מיט דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער פראַזעאָלאָגיע. „זיי אַלע אָפּערירן גערן מיט „סאָציאַליסטישע" פראַזעס, אָבער א באַוווּסטזיניקער אַרבעטער טאָר זיך ניט לאָזן אָפּנאַרן מיקויעך דעם טײַטש פון די דאָזיקע פראַזעס", — האָט געשריבן וו. אי. לענין[2].

---

[1] וו. אי. ל ע נ י ן. פולע זאַמלונג פון די ווערק, פינפטע אויסגאַבע, ב. 23, ז. 208.

[2] ד אָ ר ט, ב. 21, ז. 284.

III. ייִדישע „נאַציאָנאַלע" אָרגאַניזאַציעס

„ד ז ש אָ י נ ט" (פאַראייניקטער קאָמיטעט צו פאַנאַנדערטיילן די הילף צווישן די ייִדן). געשאַפן געוואָרן אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע לויט דער איניציאַטיוו פון ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פשא. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „דזשאָינט" האָט זיך געפונען אין ניו־יאָרק. בעראָש פון אים זײַנען געשטאַנען די פינאַנסיסטן מאָרגענטאַו, וואַרבורג, לעמאַן, ראָזענבערג און אַנדערע בורזשואַזע פּאָליטישע טוער.

פאַרמאָגנדיק היפּשע מיטלען און פאַרבינדונגען מיט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון דער וועלט, האָט דער „דזשאָינט" פאַרשפּרייט זײַן אײַנפלוס אין פאַרשיידענע לענדער, זײַנע פּיליאַלן האָבן זיך געפונען אַפילע אין אַזעלכע מעלוכעס, וואָס האָבן מילכאָמע געהאַלטן מיט פשא (דײַטשלאַנד, עסטרײַך־אונגאַרן, טערקײַ).

אין דער קאַסע פון „דזשאָינט" זײַנען געפלאָסן די קאַפּיטאַלן פון די קאַמפּאַניעס פאַר זאַמלען געלט־מיטלען, וועלכע פלעגן דורכגעפירט ווערן יעדעס יאָר.

אין 1921 איז פון פשא געקומען קיין סאָוועטנפאַרבאַנד אַלס אַגראָנאָם פון „א ר א" (אַמעריקאַניש־רוסלענדישע אַסאָציאַציע) יויסעף ראָזען. גלײַכצײַטיק מיט דער אַרבעט אין „ארא" איז ראָזען געוואָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד אויך דער באַפולמעכטיקטער פון „דזשאָינט".

אין אָנהייב 1923, ווען „ארא" האָט אָפּגעשטעלט איר טעטיקײַט אַף דער טעריטאָריע פון אונדזער לאַנד, האָט זיך געעפנט אַן אָפּטיילונג

פונעם „דזשאָינט", וועלכע איז אין 1929 אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען „אַגראָ־דזשאָינט". אָפּיציעל איז די אופגאַבע פון „אַגראָ־דזשאָינט" געווען — העלפן די ייִדישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס אָף אוקראַיִנע און אין קרים, נאָר פאַקטיש האָבן די באַפולמעכטיקטע פון „אַגראָ־דזשאָינט" זיך פאַרנומען מיט איניאָנים, וועלכע האָבן צו לאַנדווירטשאַפט א קנאַפּע שייַכעס. אין 1938 האָט די סאָוועטן־רעגירונג פאַרמאַכט די פאַרשטייערשאַפט פון „אַגראָ־דזשאָינט".

„ב יי ט אַ ר" („ברית־טרומפּעלדאָר"). אין 1925 האָט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי אָרגאַניזירט אין פּאַלעסטינע א פּאַרטיי מיטן נאָמען סאָציאַליסטן־רעוויזיאָניסטן. איר ציל — שאַפן אַ ייִדישע מעלוכע מיטן קויעך פון געווער. די דאָזיקע פּאַרטיי האָט זיך געהאַלטן בא דער טאַקטיק פון טעראָר. „בייטאַר" איז אַן אָרגאַניזאַציע פון דער אָנגערופענער פּאַרטיי.

אין לעטלאַנד האָט ביז דער צווייטער וועלט־מילכאָמע עקזיסטירט א פיליִאַל פון דער פּאַרטיי ציִעניסטן־רעוויזיאָניסטן. די יוגנט־גרופּע פון אָט דעם לעטלענדישן פיליִאַל האָט געהייסן „בייטאַר" (בריט־טרומפּעלדאָר). „בייטאַר" איז געווען א האַלב־פאַשיסטישע, נאַציאָנאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געציילט אין אירע רייען מער פון 2000 מיטגלידער. זי האָט פאַרמאָגט אין איר רעשוס אַן אייגענעם אינסטרוקטאָרן־קלוב, א קלוב פון דער ציווילער אוויאַציע, א זעגלשיף „טעאָדאָר הערצל" צו שווימען אַפן יאַם. אין די קלובן זיינען געגרייט געוואָרן קאָמאַנדיר־קאַדרען פון די טרומפּעלדאָרן, די רעדלפירער פון „בייטאַר" האָבן געפירט אַן אַקטיווע אַנטיסאָוועטישע טעטיקייט.

אין 1940, נאָכן אופשטעלן די סאָוועטנמאַכט אין די באַלטישע רעפּובליקן, איז די טעטיקייט פון די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס, אַרייַנגערעכנט „בייטאַר", פאַרבאָטן געוואָרן.

אין 1948, ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די מעלוכע ייִסראָעל, האָט די פּאַרטיי ציִעניסטן־רעוויזיאָניסטן זיך א נאָמען געגעבן „כערוט" (חרות). בעראָש פון איר האָט זיך געשטעלט מענאַכעם בעגין — דער געוועזענער אָנפירער פון די באַוואָפנטע טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציעס „אירגון צווי לעומי" און „שטערן". די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון „כערוט" האָבן אין 1952 געשאַפן א „קאָמיטעט צו באַפרייַען די ייִדן, וועלכע וווינען אין די קאָמוניסטישע לענדער".

„כערוט" איז די סאַמע עקסטרעמע פּאַרטיי אין ייִסראָעל, זי פּאָדערט צו פאַרבאָטן אין דער מעלוכע די טעטיקייט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון אַנדערע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס.

IV. ציִעניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס

איינהייטלעכע אַלרוסלענדישע אָרגאַניזאַציע פון דער ציִעניסטישער יוגנט. אין 1905 זיינען אין רוסלאַנד אופגעקומען די ערשטע ציִעניסטישע יוגנט־גרופּעס („בניי ציִען" — קינדער פון ציִען, „פּירכיי ציִען" — „בלומען פון ציִען" און אַנד.). אָנגעפירט מיט זיי האָט דירעקט די ציִעניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע. דער הויפּט־ציל פון אָט די גרופּעס איז געווען — ניט דערלאָזן, אַז די יוגנט זאָל נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַלרוסלענדישער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, אַנטוויקלען בא דער יוגנט דאָס „ענג נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַוווסטזיין".

אין 1920 האָבן די ציִעניסטישע יוגנט־גרופּעס זיך פאַראייניקט אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער ציִעניסטישער יוגנט — „קאַדימאָ" (פאָרויס!). דער צענטער פון „קאַדימאָ" האָט זיך געפונען צוערשט אין קאַזאַן, דערנאָך אין מינסק. אָף אוקראַיִנע האָבן די יוגנט־גרופּעס געהאַט אַן אייגענע פאַראייניקונג פון דער ציִעניסטישער יוגנט — „היסטאַדרוס".

אין 1923 האָבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד עקזיסטירט דריי אָרגאַניזאַציעס פון דער ציִעניסטישער יוגנט: „קאַדימאָ", „היסטאַדרוס" און „העכאָוועער". די אַלע דריי האָבן אין 1924 זיך פאַראייניקט אין דעם „איינהייטלעכן אַלרוסלענדישן יוגנט־פאַרבאַנד". אַרייַנגעטרעטן אין „פאַרבאַנד" האָבן געקאָנט נאָר יענע, וועלכע אָנערקענען די באַזעלער פּראָגראַם פון די ציִעניסטן און האַלטן איוורית אַלס די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם ייִדישן פאָלק.

ציִעניסטיש - סאָציאַליסטישער יוגנט־פאַרבאַנד. אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1923 דורך דער ציִעניסטיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די פּראָגראַם פון דעם פאַרבאַנד איז געווען אַנאַלאָגיש צו דער פּראָגראַם פון דער ציִעניסטיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

ערעוו דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אידייִיש צעשמעטערט די ייִדישע נאַציאָנאַליסטישע, ציִעניסטישע פּאַר־

טייען און אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד און אַרײַנגעצויגן דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אינעם קאַמף פאַר דער רעוואָלוציאָנערער איבערבויונג פון דער געזעלשאַפט.

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע גופא איז דאָך דורכגעפירט געוואָרן לעשעם די אַקטועלע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון אַלע פעלקער פון רוסלאַנד.

די ייִדישע אַרבעטנדיקע האָבן אַקטיוו געשטיצט די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און די בויונג פונעם סאָציאַליזם בא אונדז אין לאַנד. און גראָד דאָס האָט אַרויסגערופן דעם קראַך פון די ציִעניסטן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

אין דער 240־מיליאָניקער פרײַנטלעכער סאָוועטישער מישפּאָכע לעבט און שאַפט אין פרידלעכע באַדינגונגען, אַקסל צו אַקסל מיט אַלע ברידערלעכע פעלקער, אויך דאָס ייִדישע סאָוועטישע פאָלק. די לעניניש נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וועלכע די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די סאָוועטן־רעגירונג פירן דורך פעסט און קאָנסעקווענט, דינט אַלס קוואַל פון באַגײַסטערונג פאַר די אַרבעטנדיקע פון אַלע נאַציעס.

ענטפערנדיק אַף אַ פראַגע פונעם קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „ניו־יאָרק־טײַמס", האָט דער פאָרזיצער פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פססר א. נ. קאָסיגין געזאָגט אַף דער פּרעסע־קאָנפערענץ דעם 20 אָקטיאַבער 1971 אין אָטאַווע:

„איך דאַרף זאָגן, אַז די „ייִדן־פּראַגע", אַלס אַזאַ, עקזיסטירט בא אונדז ניט. איר ווייסט, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד וווינען אַ סאַך נאַציאָנאַליטעטן. די ייִדן אַרבעטן צוזאַמען מיט אַלעמען לעטויוועס דעם סאָציאַליזם, און זיי זײַנען פונקט אַזעלכע ענטוזיאַסטן אין דער בויונג פונעם קאָמוניזם, ווי די בירגער פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד"[1].

נ. ריכטער

[1] „איזוועסטיִא" פון 23 אָקטיאַבער 1971.

די שטים פון די סאָוועטישע ייִדן

דער נאָרוואָס פאָרגעקומענער 28־טער ציִענסטישער „וועלט"־קאָנגרעס איז צוגעגרייט געוואָרן און דורכגעגאַנגען אונטערן צייכן פון צעיושעטן אַנטיסאָוועטיזם און אַנטיקאָמוניזם, אין אַן אַטמאָספער פון צעשמירן די פּראָוואָקאַציאָנעלע „פראַגע וועגן דער לאַגע פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד".

דעם 13 יאַנוואַר האָבן אין צענטראַלן הויז פונעם זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד אין מאָסקווע זיך פאַרזאַמלט טוער פון דער מאָסקווער אינדוסטריע און קולטור, ייִדן לויט דער נאַציאָנאַליטעט. די פאַרזאַמלונג האָט געעפנט דער שעף פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פונעם מאָסקווער שטאָטישן אויטאָטראַנספּאָרט, דער העלד פון סאָציאַליסטישער מי י. האָבערמאַן. מיט רעדעס זײַנען אַרויסגעטראָטן דער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „די פעלקער פון אַזיע און אַפריקע" י. בראַגינסקי, דער וועטעראַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד (מיטגליד פון 1917 יאָר) יע. באַרסקאַיאַ, דער שרײַבער — העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד ה. האָפמאַן, די אַרבעטערן פונעם זאַוואָד „איזאָליאַטאָר" ג. ביילינא, דער קינאָ־רעזשיסער, פאָלקס־אַרטיסט פון רספסר ל. אַרנשטאַם, דער וויצע־פּרעזידענט פון דער קונסט־אַקאַדעמיע פון סאָוועטנפאַרבאַנד וו. קעמענאָוו, דער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד „קאָמפּרעסאָר" מ. קאַץ.

די אָנטיילנעמער פון דער פאַרזאַמלונג האָבן איינשטימיק אָנגענומען אַן אָפענעם בריוו צו דער עפנטלעכקײַט פון אַלע לענדער. אינעם בריוו ווערט, צווישן אַנדערס, געזאָגט:

„דער אָרגאַניזאַטאָר פונעם אַזויגערופענעם ציִעניסטישן „וועלט"־קאָנגרעס איז די שאָוויניסטישע ייִדישע בורזשואַזיע. זי שטעלט פאַר זיך די זעלבע סטראַטעגישע צילן, וועלכע האָבן זי באַגײַסטערט אויך אין דער פאַרגאַנגענהײַט: פאַרוואַנדלען ייִסראָעל אין אַ ציטאַדעל פון דער צווישנפעלקערלעכער ציִעניסטישער רעאַקציע.

...מיט צאָרן וואַרפן מיר אָפּ די פרעכע בילבולים אַף אונדזער לאַנד, מיר פּראָטעסטירן קעגן די פּראָוואָקאַציעס און רעכילעסן, קעגן די פרוּוון פון די ציִעניסטן אַרײַנצומישן זיך אינעם לעבן פון סאָוועטישע בירגער, „לייזן" זייער גורל, שטויסן זיי אַף אַ פאַראַט קעגן זייער היימלאַנד.

אין נאָמען פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקײַט פּראָטעסטירן מיר קעגן דער פאַרברעכערישער טעטיקײַט פון די ציִעניסטן. מיר זײַנען זיכער, אַז די ציִעניסטישע אַוואַנטורעס ווערן פאַרורטיילט דורך אַלע ערלעכע מענטשן, אומאָפּהענגיק פון זייערע פּאָליטישע אָנשויונגען און נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקײַט".

ניין, ניט אַלפּי־טאָעס

אין אַפּריל־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאַרן 1971 יאָר איז געווען פאַרעפנטלעכט מײַנער אַן איבערזיכט פון דער ייִסראָעלדיקער ייִדישער צײַטונג „דער וועג“. די רעדאַקציע פון אַ צווייטער ייִדישער צײַטונג אין ייִסראָעל — „פּרײַ ייִסראָעל“ — האָט מיר פאָרגעוואָרפן, האַלעמײַ איך האָב אָנגערופן „דעם וועג“ אַלס די איינציקע פּראָגרעסיווע ייִדישע צײַטונג אין דער מעדינע און האָב באַהויפּטעט, אַז „פּרײַ ייִסראָעל“ איז פאַרפירט געוואָרן אין אַ זומפּ פון שאָוויניזם און אַנטיסאָוועטיזם. די רעדאַקטאָרן פון „פּרײַ ייִסראָעל“ מאָנען בײַ מיר באַווײַזן, אַרגומענטן, ציטאַטן („פּרײַ ייִסראָעל“ נומ. 21, 1971).

אין דעם זעלבן נומער פון „פּרײַ ייִסראָעל“, אין וועלכן די רעדאַקטאָרן האָבן אַרויסגערוקט זייערע טײַנעס, איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון ש. מיקוניס, אין וועלכן דער סאָוועטנפאַרבאַנד ווערט באַשולדיקט אין קלוימערשטער „איינזײַטיקער פּאָליטיק“, אין „פײַנטשאַפט צו ייִסראָעל“, און צווישן פּשאַ און פּסר ווערט געשטעלט אַ גלײַכצייכן. „יעדע פון די דאָזיקע גרויסמאַכטן איז אין דער ערשטער ריי פאַרנומען מיט פאַרטיידיקן אירע אינטערעסן אין ראַיאָן, און ס׳איז די פליכט סײַ פון ייִסראָעל, סײַ פון מיצראַיִם צו פאַרטיידיקן די געזעצלעכע און סוווערענע אינטערעסן זייערע“, — שרײַבט ש. מיקוניס.

מע דאַרף זײַן אַן איינפאַך־אָביעקטיווער מענטש, קעדיי ניט לייקענען, אַז די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע איז אַ שטיצע פאַר די עקסטרעמיסטישע קאָלאָניאַלע האַסאָגעס פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, און די אַנטיאימפּעריאַליסטישע סאָציאַליסטישע פּאָליטיק פון דעם סאָוועטנפאַרבאַנד דינט די אינטערעסן פון די שאָלעם־קויכעס, וועלכע שטרעבן צו דער פּאָליטישער רעגולירונג פונעם ייִסראָעל־אַראַבישן קאָנפליקט. דאָס איז קלאָר און פאַרשטענדלעך פאַר יעדן איינעם, וואָס איז ניט פאַרבלענדט און פאַרטשאַדעט פונעם שאָוויניזם.

אין דער צײַטונג „פּרײַ ייִסראָעל“ זײַנען ניט ווייניק מאַטעריאַלן אָנגעפילט מיט אומפאַרײַנטשאַפט צו אונדזער לאַנד. אין די אַרטיקלען פון דר. מוישע סנע, לעמאָשל, קומט צום אויסדרוק דער אָפענער אַנטיסאָוועטיזם. דאָס אַרטיקל אונטערן קעפּל „מאָסקווע אין גרויס פאַרלעגנהייט“ („פּרײַ ייִסראָעל“ נומ. 24, 1971) איז אָנגעשריבן מיט דער שפּראַך פון ביליקער און בייזער בורזשואַזער זשורנאַליסטיק. דאָס אַרטיקל איז פול מיט אַנטיסאָוועטישן גיפט. מ. סנע באַנוצט זיך מיט אַזעלכע אויסדרוקן, ווי „די מאָסקווער הערשער“ און ענלעכע.

דעם אידעאָלאָגישן קאַמף קעגן ציִעניזם בײַ אונדז אין לאַנד טײַטשט מוישע סנע אויס ווי אַן אויסדרוק פון אַנטיסעמיטיזם. ער שרײַבט בוכשטעבלעך: „דער דאָזיקער אַנטיציִעניזם איז נאָר און בלויז אַ פאַרמאַסקירטע פאָרם פון אַנטיסעמיטיזם“. דאָס איז דאָך אַן אַלט ציִעניסטיש לידל. מוישע סנע דערלויבט זיך טרײַבן רעכילעס אויף די סאָוועטישע מענטשן, ווען ער טײַנעט: „צי איז מעגלעך צו פאָדערן פון אַ פּאָשעטן סאָוועטישן מענטשן אין רוסלאַנד, אָדער ליטע, אָדער אוקראַיִנע, אַז ער זאָל וויסן, וויִאַזוי אונטערשיידן צווישן די באַגריפן ייִד — ייִסראָעל — ציִעניסט?“ אינדערעמעסן איז דער סאָוועטישער מענטש גענוג פּאָליטיש־רײַף, קעדיי זען דעם גרויסן אונטערשייד צווישן דעם רעאַקציאָנערן טאָך פון ציִעניזם און די רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישע אינטערנאַציאָנאַלע טראַדיציעס פונעם ייִדישן פאָלק. בײַ אונדז אין לאַנד באַציט מען זיך נעגאַטיוו צו די אַגרעסיווע רעגירונגס־קרײַזן פון ייִסראָעל, צו דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע, מע פּראָטעסטירט קעגן דער אַנטיסאָוועטישער העצע אונטערן שלייער פון „פאַרטיידיקן די ייִדן“, אָבער גלײַכצײַטיק באַציִען זיך די סאָוועטישע פעלקער מיט דערעכערעץ צום פאָלק פון ייִסראָעל, צו די אַרבעטנדיקע מאַסן פונעם לאַנד, צו יענע געזעלשאַפטלעכע טוער און קרײַזן, וואָס האָבן פאַר זיך אויסגעקליבן דעם וועג פון קאַמף פאַר שאָלעם און פעלקער־פרײַנטשאַפט. אין דעם האָבן זיך לעצטנס איבערצײַגט די געזעלשאַפטלעכע טוער פון ייִסראָעל, וועלכע האָבן באַזוכט אונדזער לאַנד לויט דער אײַנלאַדונג פונעם סאָוועטישן שאָלעם־קאָמיטעט. אין דער אַטמאָספער פון פעלקער־פרײַנטשאַפט לעבן און זעצן פאָר זייער פּרוכטבאַרע אַרבעט די סאָוועטישע ייִדן, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די ציִעניסטן, מיט דער הילף פון אַזעלכע רענעגאַטן, ווי סנע, טוען ניט ווייניק אויף צו פאַרסאַמען די ריינע לופט מיט אומצוטרוי און כשאַד.

עס איז מערקווירדיק, אַז דאָס אויבנדערמאָנטע אַרטיקל פון מ. סנע איז געווען אָנגעשריבן פאַרן „דאַוואַר“, וואָס איז פאַקטיש אַ צײַטונג פון דער ייִסראָעלדיקער רעגירונג. אין „דאַוואַר“ איז דאָס אַרטיקל אָפּגעדרוקט דעם 5 מאַרט 1971. „פּרײַ ייִסראָעל“ האָט עס איבערגעדרוקט דעם 24 מאַרט. אַזוי־אַרום האָט די רעדאַקציע פון „פּרײַ ייִסראָעל“ דעמאָנסטרירט איר פולן העסקעם ניט נאָר מיט דעם אווטאָר, נאָר אויך מיט זײַנע סאָציאַלע באַשטעלער.

אין איינעם פון זײַנע אַרטיקלען שרײַבט מוישע סנע וועגן דער צוועקמעסיקײַט צו נאָרמאַליזירן די באַציִונגען צווישן ייִסראָעל מיט כינע און מאָטיווירט עס אַזוי: „דאָס אָנקניפּן באַציִונגען צווישן כינע און ייִסראָעל וואָלט צוגעײַלט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד צו באַנײַען די באַציִונגען מיט ייִסראָעל... און דאָס צוליב גרויסמעכטערישער קאָנקורענץ“ („פּרײַ ייִסראָעל“ נומ. 40, 1971).

די שפּראַך פון סנע און זײַן לאָגיק איז די שפּראַך און לאָגיק פון די פאַרלוימדער פונעם מאַרקסיזם — לעניניזם. סנע שאַצט אָפּ די כלוקעדייעס צווישן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס שטייט פעסט אַף די יעסוידעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם, מיט דער כינעזישער אָנפירונג, וואָס ווידערשפּרעכט דעם לעניניזם, ווי אַ קאָנקורענץ צווישן צוויי גרויסמאַכטן.

מע קאָן ברענגען נאָך פיל בײַשפּילן, וועלכע באַווײַזן באַשײַמפּערלעך, אַז „פרײַ יִשׂראָעל" איז לאַכלוטן פרעמד דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער באַוועגונג. גרונטלאָז איז, לעמאָשל, די באַהויפּטונג פון אַזאַ אומפאַראַנטוואָרטלעכן אַוטאָר, ווי מ. מירסקי, וועלכער שרײַבט, אַז „אַלע אַראַבישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען, שלעפּנדיק זיך אין עק פון איסלאַמישן נאַציאָנאַליזם, אַקצעפּטירן טעאָרעטיש און פּראַקטיש דעם רוף אָפּצווישן יִשׂראָעל אַלס מעדינע" („פרײַ יִשׂראָעל" נומ. 38, 1971).

ס'איז נאַטירלעך, אַז „פרײַ יִשׂראָעל", וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ שעם פון אַ פּראָגרעסיווער צײַטונג, פאַרמאָגט נאָך אירע אָנהענגער אין דער מעדינע און אויסער איר, באַזונדערס צווישן די, וועלכע האָבן איצט איבערגעשאַצט די ווערטן, אָנגעשטעקט זיך מיט שאָוויניזם און אַנטיסאָוועטיזם, און אויך צווישן אַזעלכע, וואָס זײַנען פּאָשעט דעזאָריענטירט מיצאַד דער פאַלסיפיצירטער אינפאָרמאַציע. דעריבער איז נייטיק, אַז די פּראָגרעסיווע יִדישע פּרעסע זאָל סיסטעמאַטיש באַווײַזן, וואָס פאַר אַ שאָדן עס ברענגט די פּראָפּאַגאַנדע פון די רענעגאַטן, וועלכע רופן זיך נאָך „יִשׂראָעלדיקע קאָמוניסטן". אַ געוויסן בײַטראָג אין דעם פּראַט האָט אַרײַנגעטראָגן די סעריע אַרטיקלען פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער קאַנאַדער „וואָכנבלאַט" י. גערשמאַן, געווידמעט דער פּאָליטישער פּלאַטפאָרם פון מוישע סנע.

י. גערשמאַן איז געקומען צו דעם אויספיר, אַז סנע „גליטשט זיך גרינג און שנעל אין אַנטיסאָוועטישן לאַגער". וועגן דעם זאָגט איידעס, צווישן אַנדערס, זײַן אינטערוויו, געדרוקט אין דער בײַלאַגע צו דעם בירגערלעכן „האַאַרעץ" (9 יאַנוואַר 1971), אין וועלכן מיר לייענען גלײַך באַם אָנהייב: „דער פּאָרזיצער פון מק"י גלייבט, אַז מיר וועלן זוכע זײַן צו זען אין די באָענטסטע יאָרן דעם צוזאַמענבראָך פון דער סאָוועטישער אימפּעריע און די באַפרײַונג פון די פעלקער, וואָס זײַנען אין איר אָפּהענגיק".

וואָס קאָן נאָך זײַן מער פײַנטלעך צום סאָוועטנפאַרבאַנד, צום קאָמוניזם? י. גערשמאַן ווענדט זיך צו די לייענער פון דער „וואָכנבלאַט" מיט אַזעלכע ווערטער: „דערמאָנט עס אײַך נישט אין דער פאַרלוימדונג „רויטער אימפּעריאַליזם"? איז עס נישט אַ טייל פון דעם קאַמף פון דער וועלט־רעאַקציע קעגן אַלע פעלקער, וואָס קעמפן פאַר פרײַהײַט און ווערן אין זייער קאַמף געשטיצט דורכן סאָוועטנפאַרבאַנד?" מיר זײַנען מאַסקים מיט י. גערשמאַנען.

די לייענער פון „פרײַ יִשׂראָעל" האָדעוועט מען מיט רעדעס און אַרטיקלען פון מוישע סנע. „פרײַ יִשׂראָעל" נעמט זיך אָן די קריוודע פון דעם רענעגאַט.

יאָ, מיר האָבן געשריבן, אַז „דער וועג" איז אין יִשׂראָעל די איינציקע פּראָגרעסיווע צײַטונג אין יִדיש. מיר האָבן ניט כאַראָטע, וואָס אָט דער עמעס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַף די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד". מיט באַפרידיקונג מערקן מיר אָפּ, אַז די באַשיידענע וועכנטלעכע אויסגאַבע „דער וועג" ווערט אַלץ רײַפער און אינהאַלטסרײַכער. זי גייט האַנט־באַ־האַנט, מיט אַ זיכערן טראָט, מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג. מיר האָבן שוין באַוויזן, מיט וואָס פאַר אַן ענערגיע זי פירט אַ קאַמף פאַר שאָלעם, פאַר פעלקער־פרײַנטשאַפט, פאַר דער ריינקײַט פון דער מאַרקסיסטיש־לענינישער אידעאָלאָגיע, און זי קאָן ניט, נאַטירלעך, פאַרבײַגיין די אומפאַרשעמטע אָנפאַלן מיצאַד דער מיקוניס־סנע־גרופּע אַפן סאָוועטנפאַרבאַנד, אַף די קויכעס פון שאָלעם און פּראָגרעס. די גאַנצע קאָמוניסטישע באַוועגונג שאַצט אָפּ דעם ציוניזם ווי אַן עקסטרעמע רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונג, וואָס דינט דעם אימפּעריאַליזם. די קאָמוניסטן האַלטן, אַז מע קאָן ניט אידענטיפיצירן די מעדינע יִשׂראָעל מיטן ציוניזם, ווי מע טאָר ניט שטעלן קיין גלײַכצייכן צווישן יִדן און ציוניסטן. מוישע סנע האָט אָבער „אַנטדעקט", אַז דער ציוניזם איז אַ „נאַציאָנאַל־באַפרײַערישע באַוועגונג". „דער וועג" האָט אונדז מוידיע געווען וועגן אַזאַ פאַל אין קנעסעט: דער יוסטיץ־מיניסטער פון יִשׂראָעל שאַפּיראָ האָט אין זײַנער אַ רעדע שטאַרק געלויבט, און דאָ טאַקע גלײַך אַ ביסל אויך אַ קריטיקיר געטאָן, סנעס אַ בוך וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראַגע. אַפן צווייטן טאָג איז סנע אַרויסגעטראָטן אין קנעסעט מיט אַזאַ דערקלערונג: „עס זעען מיר אויס דאָפּלט מאָדנע די דיסקוסיע־מיטלען, מיט וועלכע ס'האָט זיך באַנוצט דער יוסטיץ־מיניסטער קעגן מיר — ניט נאָר פון שטאַנדפּונקט פון גוטע פּאַרלאַמענטאַרישע מינהאָגים, נאָר אויך פון נאַציאָנאַלן אינטערעס לעטויוועס האַקלאַל", — אַזוי האָט געזאָגט סנע. ער האָט זיך דערבײַ באַרימט פאַר דער קנעסעט דערמיט, וואָס ער האָט כלוקעדייעס מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג און קעמפט פאַר „אויסבעסערן איר באַציִונג צום ציוניזם ווי צו יעדער נאַציאָנאַלער באַוועגונג באַ פעלקער" („דער וועג" נומ. 200).

וו. אי. לענין האָט אין זײַן פּאָלעמיק קעגן קאַוטסקין באַמערקט, אַז באַ רענעגאַטן זײַנען די מידעס אויך רענעגאַטישע. אַף וויפל די צײַטונג „פרײַ יִשׂראָעל", וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טריבונע פאַר אָט דעם טיפּ „פּאָליטיקער", האָט זיך צוגעייגנט אויך זייערע מידעס, איז קיין כידעש ניט, וואָס אַרום איר און אין איר נעמט זיך צונויף דאָס גאַנצע אָפּפאַל, וואָס דער פּראָצעס פון פּאָליאַריזאַציע אַף דער יִדישער גאַס האָט געשאַפן: די איבערלויפער אַפן סוינעס זײַט, די „געוועזענע קאָמוניסטן", אפילע — די נעבעכדיקע דעזערטירן פון דער סאָוועטישער יִדישער ליטעראַטור.

מיר באַגריסן די מוטיקע צײַטונג „דער וועג" — די איינציקע פּראָגרעסיווע יִדישע צײַטונג אין יִשׂראָעל — און ווינטשן איר ווײַטערדיקע דערפאָלגן אין דער נאָבעלער אַרבעט, וואָס זי טוט.

סאַוויע פרײַ

טרויעריק איז געווען זייער גורל...

שאָול טשערניכאָווסקי און זײַן פרוי

ביאַליק, טשערניכאָווסקי, שנייער... לאַנגע יאָרן האָט מען די דרײַ נעמען אַרויסגעזאָגט אין איין אָטעם. דאָס זײַנען זיי, ניט געקוקט אָף זייער פאַרשיידנאַרטיקײַט אינעם שאַפן, געווען די דרײַ אָנערקענטע גרעסערע דיכטער אין דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור.

מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אָף שאָול טשערניכאָווסקי, אין צוזאַמענהאַנג מיטן טויט פון זײַן אַלמאָנע ניט לאַנג צוריק אין ייִסראָעל.

א פּאָר ווערטער וועגן דער בּיִאָגראַפיע פון שאָול טשערניכאָווסקי.

ער איז געבוירן געוואָרן אין קרים, פונוואַנען ער איז צו 15 יאָר אַריבערגעפאָרן קיין אָדעס, ווּ ער האָט געענדיקט א האַנדלס־שול. דערנאָך האָט ער אין היידלבערגער אוניווערסיטעט שטודירט מעדיצין און איז געוואָרן א דאָקטער.

זײַנע ערשטע לידער האָט ער געשאַפן אין רוסיש. צו 15 יאָר הייבט ער אָן שרײַבן אין העברעיִש. ער צייכנט זיך אויס מיט זײַנע ווונדערבאַרע פּאָעמעס און לידער, ווּ עס דאָמינירט די שיינקײַט פון דער נאַטור. לעבנספרייד, גליק, ליכט, שיינקײַט איז דער קען־צייכן פון זײַן שאַפן. מע רופט אים „דער גריך", דער „העלענער". צוגלײַך דערמיט איז ער א נאָוואַטאָר פון דער העברעיִשער שפּראַך, וועלכע ער האָט באַרײַכערט מיט אָן א שיר אויסדרוקן, וואָרט־שפּילן, באַגריפן.

אין 1929 איז אַרויס זײַנע א צענבענדיקע אויסגאַבע (דערונטער צוויי בענדער דערציילונגען). זײַנע לידער זײַנען איבערגעזעצט אין רוסיש, ייִדיש, דײַטש, ענגליש, איטאַליעניש און אַנדערע שפּראַכן.

ער האָט אויך פיל איבערגעזעצט פון האָמער, סאָפאָקל, פּלאַטאָן, געטע און אַנדערע.

אין 1922 פאַרלאָזט ער אָדעס און פאָרט קיין בערלין. אין 1931 באַזעצט ער זיך אין ייִסראָעל און לעבט דאָרט ביז זײַן טויט, דעם 24 יול 1943.

אין ערעץ־ייִסראָעל האָט טשערניכאָווסקי געליטן גרויס נויט. געוווינט אין א קליין צימערל אין טעלאַוויוו און געלעבט מיט זײַן מישפּאָכע פון א קליינעם געהאַלט אַלס... דאָקטער אין דער גימנאַזיע „הערצליה".

אין זײַן באַרימט ליד „אני לי משלי אין כלום" (איך מײַנס האָב גאָרנישט) שרײַבט ער, אַז אפילע דער טיש אין זײַן צימערל איז נישט זײַנער.

און איצט קומען מיר צו צו דעם, וואָס די ייִסראָעלפּרעסע באַצייכנט אַלס די „טראַגעדיע טשערניכאָווסקי". דעם גרויסן דיכטערס פרוי מילאַנא קאַרלאָוונא איז געווען א העכסט־אינטעליגענטער מענטש פון א פאַרמעגלעכער אַריסטאָקראַטישער רוסיש־ליטווישער פאַמיליע. זיי האָבן זיך באַקענט אין דער שווייץ, ווּ זי האָט זיך פאַרליבט אינעם אָרעמען סטודענט שאָול טשערניכאָווסקי און מיט אים כאַסענע געהאַט. מילאַנא קאַרלאָוונא האָט זיך ניט באַקלאָגט אָף איר גורל, זי האָט אָן קווענקלעניש מיטגעמאַכט דעם שווערן וועג פון איר מאַן, דעם ייִדישן פּאָעט.

אָבער די זעלבע, וואָס האָבן רויִק זיך צוגעקוקט, ווי דער געניִאַלער פּאָעט הונגערט, האָבן נישט געקענט רויִק צוזען און אים מויכל זײַן, וואָס ער האָט אַלס ווײַב א „גויע". נאָך איר מאַנס טויט איז זי געווען אינגאַנצן איזאָלירט. בלויז איר טאָכטער און איידעם (דער אינזשעניער פון כײַפע ווילענסקי) און אירע צוויי אייניקלעך האָבן אַרויסגעוויזן צו איר אינטערעס און צערטלעכקײַט.

כאַראַקטעריסטיש, אַז אפילע באַם פאַרטיילן דעם טשערניכאָווסקי־פּרײַז פאַר ליטעראַטור — יעדע צוויי יאָר — אין ייִסראָעל, פלעגט מען זי קיינמאָל ניט אײַנלאַדן.

ווען זי איז איצט געשטאָרבן, אין עלטער פון 92 יאָר, האָבן זיך, לויט דער ייִסראָעל־פּרעסע, באַטייליקט אין איר לעווײַע נײַן (9) פערזאָן, דערפון דרײַ העברעיִשע שרײַבער. מע האָט זי מעקאַבער געווען אָפן פּראַוואָסלאַוונעם בעסוילעם אין כײַפע.

אַזוי האָט פאַרענדיקט די, וואָס איז געווען די געטרײַסטע לעבנס־באַגלייטערן פון איינעם פון די זײַלן פון דער העברעיִשער פּאָעזיע.

(„נײַע פּרעסע")

דער דיכטער יעהויעש אַלס מענטש

אין שײַכעס מיטן 100־סטן געבורטסטאָג פון גרויסן ייִדישן דיכטער און טאַנאַך־איבערזעצער אין ייִדיש יעהויעש (שלוימע בלומגאַרטן) ברענגען מיר וועגן אים אייניקע זיכרוינעס פון זײַן טאָכטער און איידעם, וואָס כאַראַקטעריזירן אים אַלס מענטש.

יעהויעשעס טאָכטער, כאַווע, דערציילט:

„צומאָרגנס נאָך דער לעווײַע פון מײַן טאַטן (1927) זײַנען אינעם ליטעראַרישן קאַפע־הויז אין ניו־יאָרק געזעסן עטלעכע ייִדישע שרײַבער און דיכטער און גערעדט וועגן דער גרויסער אַווידע. דער איינציקער, וואָס איז טאָמיד געווען דעם טאַטנס אָפענער קעגנער, האָט אויך דאַן ניט אײַנגעהאַלטן זײַן שאַרף צינגל. אַלע באַם טיש זײַנען געבליבן אין פאַרלעגנהײַט. צווישן זיי איז אויך געווען אַווראָם רייזען און ער האָט זיך אופגעשטעלט, אַ ווײַלע געשוויגן, פאַרקוקט אין דער ווײַט. די זיצנדיקע אַרום טיש האָבן באַנומען, אַז ער שטיקט אין זיך אַ געשריי קעגן שלעכטס.

דעצידירט האָט זײַן שטילער, שעמעוודיקער טרוים וועגן עפּעס בעסערס. און ווענדנדיק זיך דירעקט צו יענעם מיסנאַגעד, האָט ער געזאָגט:

„געדענקסט, ווען דו ביסט מיט יאָרן צוריק געקומען קיין אַמעריקע, אַרומגעגאַנגען קרוע־בלוע, אָן אַ סענט אין קעשענע?.. אין אַ געוויסן טאָג האָב איך דיר געבראַכט פינף און צוואַנציק דאָלאַר. דו האָסט עפּעס געמיינט, אַז דאָס גיב איך דיר דאָס געלט. כ׳בין עס ניט געווען בעקויעך. עס איז דאָך געווען אַ פאַרמעגן. דאָס האָט מיר יעהויעש געבראַכט דאָס געלט. צו אים איז דערגאַנגען דײַן שווערער צושטאַנד, און ער האָט גוט געוווּסט, ווי דו באַרעדסט אים, האָט ער מיך דערפאַר געבעטן, אַז דו זאָלסט ניט וויסן, ווער עס גיט דיר דאָס געלט. איך האָב עס אים צוגעזאָגט. אָבער איצט, נאָך זײַן טויט, איז עס איבער מײַנע קויכעס צו הערן, ווי דו רעדסט וועגן אַזאַ גרויסן מענטש, אַזאַ קרישטאָל־ריינע פּערזענלעכקײַט...“

און אָט וואָס עס גיט איבער זײַן איידעם, אַווראָם־בער דוואָרקין:

„גענאָד, גוטסקײַט, גוטהאַרציקײַט, לײַטזעליקײַט, ראַכמאָנעס און אויך ליבשאַפט, די דאָזיקע מידעס זײַנען געווען אין זײַן מעהוס.

אַ סאַך יאָרן נאָך יעהויעשעס טויט האָט צו אונדז טעלעפאָנירט יויעל ענטין, אײַנגעלאַדן צו זיך און אויף זײַן שטייגער, אויף אַ פײַערלעכן אופן דערלאַנגט אונדז עטלעכע צענדליק דאָלאַר.

אויף אונדזער פאַרוווּנדערטער מינע האָט ער אונדז דערציילט אַ מעַסע, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, ווען אין „מאָרגן־זשורנאַל“ איז אויסגעבראָכן אַ שטרײַק און די שטרײַקנדיקע זײַנען געקומען צו יעהויעשן, וועלכער איז ניט געווען קיין אָפיציעלער מיטאַרבעטער, בעטן אים, ער זאָל זיך מיט זיי סאָלידאַריזירן און ניט דערלויבן דרוקן בעמעשעך דעם שטרײַק זײַנע פּאַבלען.

יעהויעש האָט גלײַך אָנגעשריבן אַ בריוו צו דער רעדאַקציע־אָנפירונג, אַז ער סאָלידאַריזירט זיך מיטן שטרײַק.

יויעל ענטין איז געווען איינער פון דער שטרײַקנדיקער דעלעגאַציע צו יעהויעשן, האָט ער אין דער קעשענע פון זײַן מאַנטל געפונען דרײַסיק דאָלאַר און גלײַך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז יעהויעשעס אַרבעט, דאָס איז געווען זײַן אופן פון שטילן אונטערשטיצן די שטרײַקנדיקע שרײַבער.

יויעל ענטין האָט דערציילט:

„יעהויעשעס דרײַסיק דאָלאַר האָבן מיך דעמלט דערהאַלטן באַם לעבן. אַלע יאָרן האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיטן אָל אָפּצוגעבן אים דעם כויוו, אָבער שטענדיק האָט אין שטוב צוגעפעלט אַ וואָך צום כוידעשלעכן געהאַלט... עס איז געווען פאַר מיר אַ שווערע מאַסע; ערשט הײַנט בין איך צוגעגאַנגען צום קופערט און דאָרט געפונען אַן אויצער, אַ קניפּל פון הונדערט דאָלאַר, וואָס מײַן ווײַב האָט אַזויפיל יאָרן געזאַמלט, איז געשטאָרבן און ניט באַוויזן צו דערציילן מיר וועגן דעם... איצט בין איך דאָך רײַך. איז ווי יעהויעשעס יאָרשים נעמט זשע אָפּ בײַ מיר דעם כויוו“.

מיר האָבן זיך געפּרוּווט ווערן, געזאָגט, ער זאָל דאָס געלט געבן נויטבאַדערפטיקע. אָן אופגערעגטער האָט ער זיך אופגעשטעלט און, שפּרײַזנדיק אַהין און צוריק איבער דער שטוב, גערעדט:

„אויב צדאָקע, וועל איך נאָר מיט מײַן געלט, ניט מיט אײַערס... יעהויעש האָט שווער געהאָרעוועט אויף דעם געלט, האָט אופגעטאָן גרויסע זאַכן, האָט אָפּט געליטן, אָבער גענומען אויף זיך אַלץ בעאַהאַווע, אַבי ניט אַראָפּצופאַלן פון די האַסאָגעס, וואָס האָבן אים דערהויבן צום העכערן פאַרשטיין“.

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט און אָפּגעזיפצט:

„עך, ווו זעט מען הײַנט אַזאַ לויטערע פּערזענלעכקײַט?!“

(„אונדזער פרײַנט“)

מיר ענטפערן אף כאַיִם סולערס א פראַגע

די אָנפירער פון דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט" האָבן לעצטנס נאָך מער פאַרפלאָנטערט זייערע אידייִשע פּאָזיציעס, און ס'ווערט, ווײַזט אויס, נאָך אויסקומען צו ריידן וועגן אָט דער טרויעריקער פאַר דער פּראָגרעסיווער ייִדישער אמעריקע דערשײַנונג.

איצט ווילן מיר בלויז ענטפערן אף א פראַגע, מיט וועלכער דער מיטרעדאַקטאָר פון דער צײַטונג כאַיִם סולער ווענדט זיך דירעקט צו אונדז.

אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" פאַרן 16 דעקאַבער פאַריקס יאָר טרעט סולער ארויס מיט פיל פאַריסנקײַט און מיט גאָר ווייניק אכרײַעס אין צוזאמענהאַנג מיט אונדזער קאָמענטאַר „ווען עס לויבט דיך דער סוינע, — טו א גוטן טראַכט..." („סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 10, 1971). ער שרײַבט: „אָט פאַרנעמט דער אמעריקאַנער „בונד" די זעלביקע פּאָזיציע בנוגע דעם קאָנפליקט אין מיטעלן מיזרעך, וואָס די „מאָרגן־פרײַהײַט" פאַרנעמט"... (דאָס איז טאַקע אזוי, אָבער פאַרוואָס שוין ניט אוועקשטעלן דעם וואָגן און די פערד אף זייערע ערטער? — פאַרוואָס זאָל סולער ניט שרײַבן אָפן, אז די „מאָרגן־פרײַהײַט" פאַרנעמט די זעלבע פּאָזיציע ווי דער „בונד"? — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד"). „נו, דער „בונד", — זעצט פאָר סולער, — איז אויך אן אנטיסאָוועטישע פּאָליטישע גרופּירונג. איז וואָס זשע שלאָגט פאָר די רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד", אז מיר זאָלן אטאַקירן דעם „בונד" פאַר זײַן צוגאַנג צו דער ייִסראָעל־פראַגע, אָדער, פאַרקערט, קאָמפּלימענטירן?"

מיר האָבן זיך שוין געקליבן צוטרעטן צו ענטפערן אף דער פראַגע, נאָר כאַיִם סולער לאָזט אונדז ניט, ער נעמט אליין ענטפערן: „מיר דענקען, אז מיר דאַרפן... אָנווײַזן, אז אין דער פראַגע פון שאָלעם אין מיטעלן מיזרעך איז דער „בונד" אונדזערער א מיטקעמפער".

קלאָר ווי דער טאָג. כאַיִם סולער האָט רעכט זיך אויסקלײַבן פאַר מיטקעמפער וועמען ער וויל, האַגאַם, דעם עמעס גערעדט, — ס'איז גאָרניט אזוי אָבליגאַטאָריש, ער זאָל ארײַננעמען אין אָט דעם קאָן די „מאָרגן־פרײַהײַט". איבערוואַרטנדיק, ווען סולער וועט ארויסזאָגן, וואָס ער וויל, גיבן מיר דאָך אונדזער ענטפער אף זײַן פראַגע.

די אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" האָבן מינאַסטאַם „גוט באַטראַכט דעם איניען". מיר פון אונדזער זײַט קאָנען בלויז אויסדריקן אונדזער פאַרדראָס און שטוינונג, וואָס עס ווערט געטאָן איינע פון די שווערסטע פּאָליטישע אוולעס אין דער געשיכטע פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער אמעריקע: די פאָלקס־צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט" ווערט ארײַנגעשלעפּט אין א זומפּ, פון וועלכן סע וועט שוין ניט מעגלעך זײַן זי ארויסשלעפּן.

ציטירנדיק כ. סולערס נאָטיץ, ווילן מיר בעשום־אויפן ניט זאָגן, אז ווען מיר ריידן וועגן זומפּ, מיינען מיר בלויז דעם „בונד". אָט איז, אגעוו, א צווייטער בײַשפּיל, וואָס באַווײַזט, ווו נאָך די אָנפירונג פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" זוכט פאַר זיך פאַרבינדעטע. אין א רעדאַקציאָנעל אַרטיקל (פאַרן 29 דעקאַבער 1971) לייענען מיר:

„א נײַע ייִדישע אָרגאַניזאַציע. אן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „ציִעניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד" איז געגרינדעט געוואָרן אף א צוזאמענפאָר אין ניו־יאָרק פאַריקע סאָף־וואָך. די קערפּערשאַפט איז א פאַראייניקונג פון דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, פּויאַלע־ציִען־פּאַרטיי און „הבונים"... אזא אָרגאַניזאַציע קאָן און דאַרף שפּילן א פּאָזיטיווע ראָל אף אַלע געביטן פונעם אמעריקאַנער ייִדישן לעבן און זיך אָפּרופן ווי געהעריק אף די ברענענדיקע פּראָבלעמען, וואָס שטייען איצט פאַרן לאַנד און איבער דער וועלט... מיט א ברייטער, פּאָזיטיווער פּראָגראַם, וואָס זאָל זיך רעכענען מיט די אַלזײַטיקע פאָדערונגען פונעם מאָמענט דאָ אין לאַנד, קאָן די נײַע אָרגאַניזאַציע ווערן א פאַקטאָר אין אמעריקאַנער ייִדישן לעבן און אזויאַרום מאַכן דעם נייטיקן בײַטראָג צו ייִסראָעל".

פ. נאָוויק, כ. סולער און זייערע קאָלעגן ווערן הײַנט שטאַרק אין קאַס, ווען די רעאַקציאָנער־אַנטיקאָמוניסטישע פּרעסע וואַרפט אויס דער „מאָרגן־פרײַהײַט", אז זי איז א קאָמוניסטישע צײַטונג. לעצטנס, ווען דער ניו־יאָרקער געלער „פאָרווערטס" האָט אזוינס א זאָג געטאָן אין צוזאמענהאַנג מיט דעם, וואָס אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּשאַ איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן אויסשליסן פ. נאָוויקן פון דער פּאַרטיי פאַר זײַן נאַציאָנאַליסטישער שטעלונג בנוגע דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, בנוגע דעם קאָנפליקט אפן נאָענטן מיזרעך, אין דער אָפּשאַצונג פונעם אידייִשן טאָך פון ציִעניזם אדג., — האָט זיך באַוויזן אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" (פאַרן 4 יאַנוואַר ד. י.) אן אַרטיקל פון דער רעדאַקציע, אין וועלכן עס ווערט ווידער שאַרף ארויסגעשטעלט א פאָדערונג, מע זאָל ניט באַנוצן דעם אויסדרוק „קאָמוניסטישע „מאָרגן־פרײַהײַט". זי איז, זאָגט די רעדאַקציע, א „פּראָגרעסיווע, אומאָפּהענגיקע ייִדישע אַרבעטער־ און פאָלקס־צײַטונג". די איינציקע, וואָס קאָנטראָלירן זי, זײַנען „די פאַרשטייער פון די ברייטע ייִדישע מאַסן".

איז שוין צײַט, אז די אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" זאָלן זיך אזוי ניט נעמען צום האַרצן, וואָס עמעצער שרײַבט זיי צו קאָמוניסטישן גײַסט, ס'איז זיי דען ניט קלאָר, אז קעדיי א צײַטונג זאָל האָבן דעם קאָוועד זיך אָנצורופן קאָמוניסטישע, דאַרף זי עס פאַרדינען „בא די ברייטע מאַסן"? און דאָ קומט די צווייטע מיספאַרשטייעניש, וועלכע דרינגט ארויס פון דער נײַער ווערטער־עקוויליבריסטיק פון די אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט". געשיקט זיך, מיינען זיי, אז די ייִדישע מאַסן, די פּראָגרעסיווע ייִדישע מאַסן פון פּשאַ וועלן זיי דערלויבן צו ליקווידירן די „מאָרגן־פרײַהײַט" פון ווינטשעווסקין און אָלגינען און, צורקלעפּנדיק איר א שילדל פון אן „אומאָפּהענגיקער", ארײַנשטופּן זי צווישן „בונד" און ציִעניזם?

ווייניקער מיט א ציִעניסטישן שאַנד־הײַזל

פון ניו־יאָרק איז געקומען די ידיִע, אז ס'איז אונטערגעגאַנגען דער ציִעניסטיש־אָבסקוראַנטישער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל".

מיר דערמאָנען זיך דערבײַ, אז מיט 18 יאָר צוריק, ווען דער „טאָג" האָט אײַנגעשלונגען דעם „מאָרגן־זשורנאַל" (די „יאַרמלקע־צײַטונג"), האָט זיך אַרום דעם „נײַעם" פאַרזעעניש צונויפגעזאַמלט א פילפאַרביקע קאָמפּאַניע פון פּאַרטייִשע ציִעניסטן, ראַבאָנים און ראַבאַיִם, מעווינים אף „סאָוועטיש־ייִדישע אָנגעלעגנהײַטן", געוויסנלאָזע רעפּאָרטיאָרן, ליטעראַטור־

באַנקראָטן אדג., — און פון דער זײַט האָט מען קײן סאַך ניט באַדאַרפט האָבן, קעדײ אײַנזען, ווי גרויס עס איז דער שאָדן פאַרן ייִדישן פאָלקסמענטש פון אַזאַ אָרגאַניזירטער אָפן הויכן שניט פען־באַנדע.

נאָך אין 1933, קימאַט מיט פיר צענדליק יאָר צוריק, האָט מוישע נאַדיר (אין דער פּאָעמע „אַ וועלט מיט אַרבעט") געמאָלט דעם „טאָג":

דער „טאָג" — אַ יאַרידל

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

אַ מיִעסער, אַ וויסטער
ליטעראַרישער סוועט־שאָפּ,
אַ ווײדל זיצט אויבן,
ווו ס'דאַרף זײַן אַ קאָפּ.
ווי קען מען דאָ לעבן,
אין וויסטער רעאַקציע? —
כ'האָב געמיינט, דער שאָפּ איז שלעכט,
נאָר ערגער די רעדאַקציע...

די אַנטיסאָוועטישע ציִעניסטישע רעאַקציע האָט אין די לעצטע יאָרן צעפירט אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" אַזאַ איפּעש־אַטמאָספער, אַז מע האָט געקאָנט דערוואַרטן: דער פּאָשעטער לײענער וועט לאַנג אַזוינס ניט דולדן. אַ ספּעציִעלע קאַטעגאָריע שאַמאַנען פון דער פען, דערצו נאָך אַזעלכע, וואָס האָבן אין זײער פּרעכקײַט שוין ניט געהאַלטן פאַר נייטיק צו מאַסקירן דעם שווינדל (ש.־ל. שנײַדערמאַן, גערשאָן יאַקאָבסאָן, האַראַוו פּופּקאָ און זײער גלײַכן) האָבן מיט וואָלוועלע אַנטיסאָוועטישע שונד־סענסאַציעס סײַ געמאַכט דעם „טאָג" קינסטלעכע טאָג־אײַנשפּריצונגען, אופהאַלטנדיק אים ווי אַ קראַנקן מיט קאַלטע פּריפּאַרקעס, סײַ — מיט די זעלבע אַנטיסאָוועטישע סענסאַציעס — ענדגילטיק קאָמפּראָמעטירט אים אין די אויגן פון די לײענער און אַזויאַרום דערנענטערט זײַן סאָף.

און נאָך איין אַספּעקט פון דעם איניען איז נייטיק אָפּצומערקן. וועגן אים ווערט ריכטיק געזאָגט אין דער נאָטיץ „וועגן שליסן די ניו־יאָרקער ייִדישע צײַטונג „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", וועלכע עס האָט פאַרעפנטלעכט די פּראָגרעסיווע וואָכנבלאַט פון ייִסראָעל „דער וועג":

„פון די הונדערטער טויזנטער לײענער פון ייִדישע צײַטונגען מיט 40 — 50 יאָר צוריק זײַנען אין די פאַרייניקטע שטאַטן פאַרבליבן עטלעכע צענדליק טויזנט... מיט העכער אַ יאָר צוריק האָט זיך אין קאַנאַדע פאַרמאַכט די ייִדישע צײַטונג „דער קאַנאַדער אָדלער", וואָס איז דערשינען מער פון 70 יאָר. אויך אין אַרגענטינע האָט זיך פאַרמאַכט אַ ייִדישע צײַטונג, וואָס איז דערשינען אַ גאַנץ לאַנגע צײַט. דאָס זעלבע איז געשען אין אורוגווײַ... אַרום 90 פּראָצענט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן באַנוצט זיך מיט דער לאַנד־שפּראַך ענגליש, בלויז דער עלטערער דאָר פאַרשטײט נאָך און רעדט נאָך טײל־ווײַז ייִדיש. דער דאָזיקער פּראָצעס קומט פאָר אומעטום — ווו שנעלער און ווו לאַנגזאַמער. קײנער האָט אָבער ניט געהאַלטן פאַר נייטיק אופצוהײבן אַ גוואַלד, אַן אַליאַרעם: סטײַטש, עס גײט אונטער די ייִדישע שפּראַך אין אַמעריקע. עס האָבן זיך אָבער געפונען טוער, וועלכע האָבן זיך אײַנגעשפּאַנט אין אימפּעריִאַליסטישן וואָגן קעגן ראַטנפאַרבאַנד און אופגעהויבן אַ טומל וועגן „אונטערגאַנג פון ייִדיש" דאָרטן. דאָס, וואָס ווערט באַטראַכט פאַר אַ נאַטירלעכן פּראָצעס אין פּשאַ, קענען זײ ניט מוחל זײַן דעם ראַטנפאַרבאַנד און מע נוצט דאָס אויס אין דער אַנטיסאָוועטישער קאַמפּאַניע... דאָס פאַרמאַכן זיך פונעם „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" וועט עפּשער געבן זײ שטאָף צו פאַרטראַכטן זיך..."

כראָניק

אַ קאָנצערט פון ייִדישער ליד אין מאָסקווער ליטעראַטן־הויז

דאָס צענטראַלע ליטעראַטן־הויז אין מאָסקווע, וואָס נעמט אין זיך אַרײַן ביז טויזנט צושויער, איז ניט אימשטאַנד געווען צו באַפרידיקן אַלע די, וואָס האָבן געגאַרט בײַצוזײַן אויף עטל קאָווענסקעס קאָנצערט.

„לידער וועגן לידער" — דער נאָמען אַלײן פון דער קאָנצערט־פּראָגראַם האָט זײַן צוציִונגסקראַפט. יעדע ליד, וואָס קאָווענסקע פּילט אויס, ווערט אַדאַנק איר אײגנאַרטיקער אינטערפּרעטאַציע פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרגאַנצט בילד, וואָס פאַרכאַפּט דעם צושויער מיט דער רײַכקײַט פון פאַרבן, מיט דינע ניואַנסן פון וואָרט און מוזיק.

דער אוילעם האָט אופגענומען מיט באַגײַסטערונג די באַגאַבטע דראַמאַטישע אַקטריסע, וועלכע האָט באַשאַפן אַן עכטע האַרמאָניע פון שפּיל און געזאַנג.

אַרויסטרעטונגען פון איליאַ כאַליף

אין מעשעך פון פיל יאָרן טרעט אַרויס אויף דער סאָוועטישער עסטראַדע דער מײַסטער פון קינסטלערישע פאָרלעזונגען איליאַ כאַליף.

אין זײַן קאָנצערט־פּראָגראַם, וועלכע ער פּילט אויס אין ייִדיש און אין רוסיש, זײַנען אײַנגעשלאָסן שאָלעם־אַלײכעמס און באַבעלס דערציילונגען, מוישע טײַפס באַלאַדעס און איזי כאַריקס פּאָעמע „קײַלעכדיקע וואָכן".

אינעם פאַרגאַנגענעם יאָר זײַנען מיט דערפּאָלג דורכגעגאַנגען אַ סעריע פון אי. כאַליפס גאַסטראָלן איבער די שטעט פון אוקראַיִנע און מאָלדאַוויע און אין די קוראָרט־שטעט פון קרים און קאַווקאַז.

לעצטנס איז דער שוישפּילער אַרויסגעטראָטן מיט קאָנצערטן אין די צושויער־זאַלן פון טשערנאָוויץ, איוואַנאָ־פראַנקאָווסקי, בעלץ, בענדער, סטאָראָזשינעץ, סאַרנע אאַ.

נײַס פון אויסלאַנד

אַ געאָגראַפישער טאַשן־אַטלאַס

אין פּראָגער פאַרלאַג פון קאַרטאָגראַפיע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן אָריגינעלער טאַשן־אַטלאַס אין דער עספּעראַנטאָ־שפּראַך. דער אַטלאַס שליסט אין זיך אײַן צען טויזנט געאָגראַפישע נעמען, אַריבער פערציק קאָלירטע מאַפּעס און צוויי און אַכציק זײַטן אינפאָרמאַטיווע ידיִעס וועגן דער וועלט־געאָגראַפיע.

בילדער וועגן די לײַדן און פרײַדן פונעם פאָלק

אין פּאַריז, אינעם פאָלקס־הויז אויף רי דע פּאַראַדי 14, איז באַוויזן געוואָרן די יערלעכע אויסשטעלונג פון 73 ייִדישע מאָלער, סקולפּטאָרן, גראַפיקער.

די פּאַריזשער „נײַע פּרעסע" באַטאָנט, אַז די דאָזיקע טראַדיציִאָנעלע קאָמפּאָזיציע „איז אַ געלונגענע איניציִאַטיוו, וואָס גיט אַ געלעגנהײַט דעם ייִדישן אוילעם אָנצובינדן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די קינסטלער און זײערע ווערק".

די אויסשטעלונג האָט צוגעצויגן אַ גרויסע צאָל באַזוכער — ליבהאָבער און שעצער פון פּלאַסטישער קונסט.

פאַרשיידנס

דיומא אין גרוזיע

אין גרוזינישן מוזיי אין טביליסי האָט מען געפונען אן אלטע פאָטאָגראפיע, אף וועלכער ס׳איז צו זען א ניט יונגן מענטשן אין א גרוזינישן נאציאָנאלן מונדיר מיט קוילן איןביידע קעשענעס, מיט א קינזשאל און פאפאכע. צו דער פארוואונדערונג פון די מוזיי־מיטארבעטער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס איז א פאָטאָ פונעם בארימטן פראנצויזישן שרײַבער אלעקסאנדער דיומא (דעם עלטערן), וועלכער האָט אין 1858 פארבראַכט אין דער שטאָט טיפליס. אף צו אידענטיפיצירן די פאָטאָגראפיע מיטן אווטאָר פון די „דרײַ מושקעטערן״ האָט געדינט א נאָטיץ פון יענעם יאָר אין דער צײַטונג „פרימאָרגן־שײַן״, אין וועלכער ס׳ווערט באשריבן דיומאס ווײַלן אף קאווקאז, דער פײַערלעכער אופנאם, וואָס מע האָט אים געמאכט אין גרוזיע. דיומא האָט ארומגעשפאצירט אין דער שטאָט אין א גרוזינישן מאלבעש און זיך פאָטאָגראפירט אין אים.

12.000 בריוו פון זשאָרזש סאנד

א פראנצויזישער פארלאג האָט ארויסגעגעבן א פילבענדיקע אויסגאבע פון זשאָרזש סאנדס עפּיסטאָליארישער ירושה, וואָס אין סאכאקל וועט זי אנטהאלטן צוועלף טויזנט בריוו פון דער פראנצויזישער שריפטשטעלערן, פון וועלכע זיבן טויזנט זײַנען ביז איצט לאכלוטן ניט באקאנט. די קאָרעספּאָנדענץ גיט א פולקאָמע פאָרשטעלונג פונעם לעבן פון דער בארימטער פרוי אין קרײַז פון ליטעראטן, אקטיאָרן, מאָלער, פּאָליטישע טוער, דאָקטוירים, פאָרשטייער פון דער פאריזשער באָהעמע. סאנד איז געווען אויסערגעוויינלעך ארבעטזאם. געוויינלעך האָט זי געארבעט דורך די נעכט, געשלאָפן פארטאָג, באטאָג זיך פארנומען מיט העפטערײַ, אופגענומען געסט, אין די אָוונטן געווען אין טעאטער אָדער געפאָרן אף אָוונטברויטן. נאָכן אָפּארבעטן אין די נעכט זיבן־אכט שאָ איבער אירע ווערק פלעגט זי זיך נעמען צום שרײַבן בריוו.

(„פאָלקס־שטימע״, ווארשע)

די דרײַ מאָל אומזיניקע קינאָ־וועלט

מיט נײַן און דרײַסיק יאָר צוריק האָט די האָליוודער קינאָ־אקטריסע מעי אועסט, א שטערן פון דער ערשטער גרייס, דערזעענדיק צווישן א מענגע שטומע סטאטיסטן קערי גראנטן, א זאָג געטאָן:

— אויב ער קען ריידן, נעם איך זיך אונטער מאכן פון אים א מענטש...

זי האָט געהאלטן וואָרט. אין עטלעכע יאָר ארום, נאָך דעם, ווי ער האָט עטלעכע מאָל כאסענע געהאט פאר האָליוודער „שטערן״, האָט קערי גראנט דעראָבערט אלע אויסערלעכע אטריבוטן פון אן „אויבערשטערן״ — א פרעכטיקע ווילע אין לאָס־אנדזשעלעס, עטלעכע אווטאָמאשינעס, א מאסע קאָנטראקטן, וואָס האָבן, דוכט זיך, אים געראנטירט א רויִק און פארמעגלעך לעבן.

— דאָס גאנצע לעבן אָבער האָב איך אָפּגעלעבט אין שרעק, — איז זיך ניט לאנג צוריק מודע געווען פאר די זשורנאליסטן דער זיבן־און־זעכציקיאָריקער קערי גראנט, וואָס האָט באשטימט אף שטענדיק פארלאָזן דעם קינעמאטאָגראף. — ס׳איז געקומען די צײַט אראָפּפליִען פונעם צעלולאָיִד אף דער ערד, פארייניקן זיך סאָפקאָלסאָף מיט עפּעס־וואָס רעאלס, מאמאָשעסדיקס, אוועקגיין פון דער ניט־שטאנדהאפטיקער, אף דורך און דורך איבערגעפוילטער, דרײַ מאָל אומזיניקער קינאָ־וועלט, אין וועלכער דער איבערוועגנדיקער מערהײַט אײַנוווינער איז פרעמד און פײַנטלעך גופע דער באגריף קונסט, — האָט פארגעזעצט זײַן ווידע קערי גראנט. — איך האָב אויסגעצייכנט פארשטאנען, אז די, וואָס האָבן אין מעשעך פון א ריי יאָרן ארײַנגעלייגט געלט אין מײַן רעקלאמע, האָבן געקאָנט פראָסט־פּאָשעט, אָן א שום פארוואָס, איבער א נישטיקן קאפריז צערײַבן מיך אין א פּראָשעק, ארויסוואַרפן אף דער גאס, ווי א ליאדע הונט, אין איין אויגנבליק פארוואנדלען מיך אין א נעבעכדיקן, קיינעם ניט נייטיקן אָרעמאן.

קערי גראנט, ווי מיר זעען, האָט געהאט א גרונט מוירע צו האָבן. פארוואָס זשע, האָבנדיק אין זײַן אקטיוו 70 פילמען און פיל פארשלאָגן צו שפּילן אין נײַע, האָט קערי גראנט ענדלעך זיך אנטשיידט דעמאסקירן די קינאָ־וועלט? אזא פראגע האָט פארגעבן דעם אקטיאָר דער קאָרעספּאָנדענט פונעם לאָנדאָנער זשורנאל „אוִיקענד״ טשארלז מענדזשעל.

ווײַזט זיך ארויס, אז קערי גראנט האָט געשעפּט דרייסטקײַט בא דער מער שטאנדהאפטיקער און עלטערער און, לויט זײַן מיינונג, מער אײַנגעפונדעוועטער וועלט פונעם גרויסן ביזנעס. פון אן „אויבערשטערן״ איז קערי גראנט פארוואנדלט געוואָרן אין אן אויבערקאָמיוואָיאזשאָר. ער פאָרט ארום אין א פראכטפולן „ראָלס־ראָיס״ איבער די גרויסע און קליינע שטעט פון אמעריקע, רעקלאמירנדיק קאָסמעטיק, וואָס עס פּראָדוצירן די אונטערנעמונגען פון דער באוווּסטער פירמע „פאבערזשע״. ווען אין יעדן איינעם פון די הונדערט גרעסטע מאגאזינען באווײַזט זיך קערי גראנט, העכערט זיך דער טעגלעכער פידיען פון די קאָסמעטישע אָפּטיילונגען אף א סומע פון צוויי ביז זעקס מיליאָן דאָלאר. די אָנפירונג פון דער פירמע „פאבערזשע״ האָט באשטימט שענקען גראנטן, אלס צוגאָב צום „ראָלס־ראָיס״, א פערזענלעכן עראָפּלאן. ס׳הייסט, זאָל ער זיך גיכער באוועגן צוליבן רום פון דער פירמע, פארמערנדיק אירע רײַכטימער.

...ס׳איז דרײַ מאָל אומזיניק ניט בלויז די קינאָ־וועלט פון א לאנד, אין וועלכן א פּאָפּולערער קינאָ־אקטיאָר, שוין אין בעקאָוועדיקן עלטער, נעמט זיך רעקלאמירן טואלעט־זייף.

פ. אנדרייעוו („וועטשערניאיא מאָסקווא״)

פושקין האָט ניט אויסגעטראַכט גריניאָוון

יאָ, ניט אויסגעטראַכט, נאָר „פאַרקערפּערט" אינעם העלד פונעם ראָמאַן „דעם קאַפּיטאַנס טאָכ־טער" א פּערזאָן, וואָס האָט רעאַל עקזיסטירט, — און אײַנגעהיט זײַן עמעסן נאָמען און פאַמיליע. וועגן דעם זאָגט איידעס אויף דער געפונענער אין אַרלאָווער געגנטלעכן מעלוכע־אַרכיוו אוקאַז פון יעקאַטערינע II פון 10 יאַנוואַר 1775 וועגן כאַפּן און טייטן פּוגאַטשאָוון און זײַנע מיטקעמפער. אי־בעם צענטן פּונקט פונעם אוקאַז, צווישן די מענטשן, וועלכע זײַנען געווען אַרעסטירט אַלס פאַרדעכ־טיקטע „אין קאָנטאַקטן מיט די באַנדיטן", און לויט „דער אויספאָרשונג האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומשולדיקע", איז פאַראַן דער פּאָדפּאָרוטשיק אין דעמיסיע גריניאָוו. דאָס פאַלט צונויף מיט פּושקינס באַהויפּטונג אין א בריוו צום צענזאָר וועגן דעם, אַז אין דעם ראָמאַן ווערט דערציילט א געשיכטע פון איינעם אַן אָפיצער, וואָס האָט געהאַט א שײַ־כעס צו פּוגאַטשאָווס אופשטאַנד און „איז באַגנע־דיקט געוואָרן מיצאַד דער אימפּעראַטאָרשע לויט דער באַקאָשע פון זײַן אַלטן פאָטער, וואָס איז איר געפאַלן צו די פיס".

איינער פון די פּראָטאָטיפּן פון א צווייטן פּער־סאָנאַזש פון „דעם קאַפּיטאַנס טאָכטער" — שוואַב־רין — איז געווען דער אָפיצער שוואַנוויטש, וואָס איז איבערגעגאַנגען אַף פּוגאַטשאָווס זײַט. פּושקין רעדט וועגן דעם אינעם עסקיז פונעם אורשפּרינג־לעכן פּלאַן פונעם ראָמאַן. אָט די פאַמיליע טרעפט זיך אינעם דערמאָנטן אוקאַז. פונעם ראָמאַן איז באַוווּסט, אַז יעקאַטערינע II האָט באַשטראָפט שוואַברינען. וויאַזוי דאָס איז פאָרגעקומען — איז פאַר די לייענער געבליבן א רעטעניש. אינעם 8־טן פּונקט פונעם אוקאַז ווערט געזאָגט: „דעם פּאָדפּאָרוטשיק מיכאַיל שוואַנוויטש, פאַר דעם באַ־גאַנגענעם דורך אים פאַרברעכן, וואָס ער, זײַענ־דיק אין דער באַנדיטישער שײַקע, האָט פאַרגעסן אינעם כויוו פון דער שוווּע און האָט זיך בלינד אונטערגעוואָרפן די באַפעלן פונעם שאַרלאַטאַן, האַלטנדיק פאַר בעסער צו פירן א פאַרעטעריש לעבן, איידער ערלעך שטאַרבן, — צונעמען דאָס רעכט אַף טשינעס און אַדלטום, שטעלן אים צו שאַנד, צעברעכנדיק איבער אים די שפּאַגע..."

אי. פּאַלושין („וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ")

א „געשעפטלעכער" צוגאַנג צו קונסט

ווייניק ווער פון די מעלבורנער אײַנוווינער ווייסט וועגן אָט דער „בילדער־גאַלערייע". און מ'קאָן עס פאַרשטיין. צי איז א סאַך אַוסטראַליער אויסגעקומען צו זײַן אין קאַבינעט באַם סער אַרטשיבאַלד גלען, דעם פּרעזידענט פון דער אַלמעכטיקער „אימפּעריאַל קעמיקל אינדאַסטריס", דער אָפיס פון וועלכער ס'גע־פינט זיך אַף איינעם פון די שטאָקן פון א וואָלקנקראַצער? און דאַפקע דאָ, אין אָט דעם אָפיס, זײַנען צעהאַנגען די בילדער פון די סאַמע באַרימטע אַוסטראַלישע מאָלער.

אייגנטלעך, פאַרנעמט די גאַלערייע ניט בלויז דעם קאַבינעט פונעם פּרעזידענט. „די קולטור קוקט אַף אײַך פון יעדן ווינקעלע פון אָט דער געבײַדע", — שרײַבט א קאָרעספּאָנדענט, וועמען עס האָט אָפּגע־גליקט דערזען די אוניקאַלע עקספּאָזיציע, און ער טיילט זיך מיט זײַנע אײַנדרוקן מיט די לייענער פון דער צײַטונג „הערald". אינעם זאַל, ווו די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג רוען געוויינלעך אַף נאָכן עסן, הענגט אַן אויסגעצייכנט בילד פון סידניי כאַלאַן; אין דער פאַריקמאַכערסקע געפינט זיך א ווערטפולע אַקוואַרעל פון אַליסטער גרעי; אפילע דער אַזויגערופענער „רעזערוו־קאַבינעט" איז באַצירט מיט אַן אויס־געצייכנטן עסקיז פון ראַסעל דרײַסדיילאַ; עס האָט „אָפּגעגליקט" דער אַקוואַרעל פון אַלפרעד קוק — זי געפינט זיך אין אָפּרו־צימער פונעם הער דירעקטאָר אַליין...

פאַר די לעצטע פופצן יאָר פון הייסער ליבע צו קונסט האָט די קאָמפּאַניע צונויפגעזאַמלט א גרויסע און זייער טײַערע קאָלעקציע פון לײַוונטן פון די בעסטע מאָלער, אײַנשליסנדיק דעם באַרימטן מאָלער־אַבאָריגען אַלבערט נאַמאַדזשירו.

די אָנגערופענע קאָמפּאַניע איז ניט איינזאַם אין איר „ליבע" צו קונסט. עס זשאַלעווען ניט קיין געלט אַף שעדעווערן אויך אַנדערע גיגאַנטן פון דער אינדוסטריעל־פינאַנציעלער וועלט. א גרויסן „דראַנג צו קולטור" האָט אַרומגעכאַפּט, צום בײַשפּיל, דעם „רעזערוו־באַנק פון אַוסטראַליע", דעם „באַנק פון נײַעם דאָרעם־אוועלס", דעם „נאַציאָנאַלן באַנק" אאַוו. ס'איז געוואָרן א מאָדע צו אויסשטעלן אָריגינאַלן פון באַוווּסטע מײַסטערס אין די געשעפט־הײַזער פון פירמעס. זאָל נאָר עמעצער פּרוּוון א זאָג טאָן, אַז די מאַנאַפּאָליעס האַלטן ניט אונטער די קונסט... אויב, פאַרשטייט זיך, זי ברענגט רעווען.

אַגעוו, וועגן רעווען. די פינאַנץ־מאַגנאַטן האָבן שוין פון לאַנג אָנגעשמעקט, אַז קונסט־ווערק ווערן אַלץ טײַערער. דעריבער קאָלעקציאָנירן בילדער און אַנדערע קונסט־ווערק אַזעלכע מענטשן, וואָס וואָלטן באַ אַנדערע אומשטענדן קוים זיך דערמאָנט, אַז קונסט עקזיסטירט אַף דער וועלט.

און אין דער זעלבער צײַט לײַדן די עפנטלעכע גאַלערייעס פון א גרויסן מאַנגל אין געלט־מיטלען. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, קיין מעגלעכקײַט ניט צו קויפן טײַערע ווערק פון מאָלערײַ.

אָ. סקאַלקין („פּראַוודאַ")

כראָניק

צום יובילײ פונעם װאַכטאַנגאָװ-טעאַטער

דעם 13 נאָיאַבער 1971 האָט די טעאַטראַלע געזעלשאַפטלעכקײַט פון מאָסקווע געפײַערט דעם 50־יאָריקן יוביל פונעם מעלוכישן אַקאַדעמישן טעאַטער אַף װאַכטאַנגאָװס נאָמען. יעװגעני באַגראַטיאָנאָװיטש װאַכטאַנגאָװ האָט אײנער פון די ערשטע צװישן דער קינסטלערישער אינטעליגענץ דערפילט דעם נײַעם גײַסט, װאָס די אָקטיאַבער־רעװאָליוציע האָט אַרײַנגעבראַכט אין לעבן פונעם לאַנד. אין 1919, װען עס האָבן נאָך געהילכט די האַרמאַטן אַף פאַרשײדענע פראָנטן פונעם בירגערקריג, האָט װאַכטאַנגאָװ פּראָקלאַמירט: „מע דאַרף אױסשפּילן דעם גײַסט פונעם פאָלק״. ער האָט זיך הײס אָפּגערופן אַף די פאָדערונגען פון דער נײַער רעװאָליוציאָנערער טקופע. פּונקט װי װאַלערי בריוסאָװ און אַלעקסאַנדער בלאָק, האָט װאַכטאַנגאָװ געװידמעט זײַן גרויסן טאַלאַנט דער יונגער סאָװעטישער קונסט.

קײן נײַעם דראַמאַטורגישן רעפּערטואַר האָבן נאָך די טעאַטערן אין די ערשטע יאָרן פון דער רעװאָליוציע ניט פאַרמאָגט. דעריבער איז װאַכטאַנגאָװן אױסגעקומען צו זוכן אַזעלכע סצענישע מיטלען, מיט דער הילף פון װעלכע די אַלטע פּיעסן זאָלן אױפגענומען װערן אַף אַ נײַעם אױפן און זאָלן גײן אין שפּאַן מיט דער װירקלעכקײַט. באַדײַטנדיקע געשעענישן אין דעם זין זײַנען געװען די פאָרשטעלונגען „פּרינצעסע טוראַנדאָט״ פון גאָצצי און „האַדיבוק״ פון ש. אַנסקין (אין מאָסקװער טעאַטער „האַבימאָ״).

דאָס 1922־טע יאָר האָט צוזאַמען מיטן גרויסן דערפאָלג געבראַכט דעם נײַעם טעאַטער דאָס סאַמע טראַגישע. דער שעפער פון דער װוּנדערבאַרער פאָרשטעלונג „פּרינצעסע טוראַנדאָט״ יע. װאַכטאַנגאָװ איז שוין געװען געפערלעך קראַנק און אַפילע ניט געקאָנט בײַזײַן אַף דער פּרעמיערע. דעם 29 מײַ 1922, פּונקט אין אַ כוידעש אַרום נאָך דער פּרעמיערע פון „פּרינצעסע טוראַנדאָט״, איז װאַכטאַנגאָװ געשטאָרבן.

אין די װײַטערדיקע יאָרן האָבן אין דעם װאַכטאַנגאָװ־טעאַטער פאַרנומען דעם אױבנאָן נײַע סאָװעטישע פּיעסן, אַרױסרוקנדיק דעם טאַלאַנטפולן קאָלעקטיװ אַף אײנעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער אין דער הײַנטצײַטיקער טעאַטער־װעלט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די יובילײ־פײַערונגען איז קעדײַ אָפּצומערקן די גרויסע װירקונג פון אָט דעם טעאַטער, און פערזענלעך פון יעװגעני באַגראַטיאָנאָװיטש װאַכטאַנגאָװן, אַף דער אַנטװיקלונג פון דער ייִדישער טעאַטראַלער קונסט. באַזונדערס באַדײַטונגספול איז געװען די פאָרשטעלונג אין „האַבימאָ״ פון „האַדיבוק״. ניט געקוקט אַף דעם, װאָס די הויפּטטעמע אין אַנ־סקיס פּיעסע איז דער כסידישער לעבנשטײגער, האָט װאַכטאַנגאָװ דעם הויפּט־אַקצענט געשטעלט אַף דער גרויסער מענטשלעכער ליבע פון כאַנאַנען און לײען און געשאַפן אַ מין טראַגעדיע פון אַ ייִדישער „ראָמעאָ און דזשוליעטאַ״, אונטערשטרײַכנדיק אײנצײַטיק די סאָציאַלע װידערשפּרוכן, די שאַרפע קאָנפליקטן צװישן דער אָרעמשאַפט און די גווירים.

װאַכטאַנגאָװ האָט געפירט אַן אָנגעשטרענגטע קינסטלערישע אַרבעט אין דער מאָסקװער ייִדישער סטודיע „קולטור־ליגע״, מיט װעלכער עס האָט אָנגעפירט דער רעזשיסער עפראַיִם לויטער.

אַװראָם רובינשטײן

אַ סצענע פון ש. אַנ־סקיס „האַדיבוק״. דעם ספּעקטאַקל האָט געשטעלט יעװגעני װאַכטאַנגאָװ.

אױסבעסערונג. אין יאַנקעװ שטערנבערגס „מאָנאָלאָגן״ דאַרף מען די לעצטע שורע פון דער ערשטער סטראָפע אַף ז. 17 לײענען אַזױ:

„און אין זײַן גרויסער פינצטערניש אַזױ־אַ העל שאַפּט!

ווערק אין „סאָוועטיש היימלאַנד"
פאַרן פעריאָד יול־אויגוסט 1961—יול 1971

יידישע קלאַסיקער (מענדעלע, פערעץ, שאָלעם־אליכעם)

א ו ס ט י מ ע נ ק אָ ב. טעוויע דעם מילכיקערס כאטע. 1968 — 9.

וועגן דעם פראָטאָטיפ פון „טעוויע דעם מילכיקן".

א ו י ס ל ע נ ד ע ר נ. ווענן שאָלעם־אליכעמס ראָמאן „דער מיסטייק". 1961 — 2.

דער ראָמאַן ווערט איבערגעדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאנד", 1961, נומערן 2 און 3.

— מענדעלעס קאמף פאר א נייעם טיפ שרייבער אין די 60־ער און 70־ער יאָרן. מענדעלעס דעמאָקראַטיזם. 1967 — 7. ביידע ארטיקלען ווערן איבערגעדרוקט פון דער ציַיטונג „דער עמעס".

— פערעצעס פאָעמעס. 1965 — 8.

א ל ט מ א ן מ. שאָלעם־אליכעם — דער מיטלזיַיל פון דער יידישער ליטעראטור. 1966 — 5.

— מיַין געכאָלעמטער גאניידן. פון בלאָקנאָט. 1965 — 2.

י.־ל. פערעץ. די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

א ל ע ק ס א נ ד ר אָ ו ה. אווראָם־בער גאָטלאָבער און מענדעלע מויכער־ספאָרים. 1967 — 9, 10.

צו דער פראגע פון א.־ב. גאָטלאָבערס ווירקונג אף מענדעלען. די באַציִונגען צווישן מענדעלען, ע. צווייפעל און או. קאָוונער. מענדעלעס ליטעראריש־קריטישע אָנשויונגען. בריוו פון מענדעלען און גאָטלאָבערן.

— יאָרן פון שוויַיגן — יאָרן פון זעלבסטבאשטימונג. 1968 — 11.

ווענן די סיבעס פון אָן איבעררייס אין מענדעלעס ליטעראַרישער און געזעלשאפטלעכער טעטיקייט אין די יאָרן 1879 — 1884.

— פארגעסענע בלעטלעך. 1966 — 9.

ווענן שאָלעם־אליכעמס בריוו צו י. דינעזאָנען אין 1888 י. און אנדערע מאטעריאלן, וועלכע זיַינען פארבונדן מיטן קאמף פאר דער יידישער שפראך און ליטעראטור אין די אכציקער יאָרן.

— פון י. צינבערגס ארכיוו. 1966 — 12.

ארייַנפיר און באמערקונגען צו י. דינעזאָנס אוטאָביאָגראפישן בריוו צו י. צינבערגן (1910).

— פון י. צינבערגס ארכיוו. 1965 — 3.

בריוו פון מ. ספעקטאָר. י.־ל. פערעץ, שאָלעם־אליכעם.

— שאָלעם־אליכעמס בריוו צו דאָוויד מאגידן. 1966 — 4.

ג א מ ז ו י.־ל. פון מיַינע זיכרוינעס ווענן שאָלעם־אליכעמען. 1970 — 12.

ס'ווערן אויך פובליקירט בריוו פון שאָלעם־אליכעמען צו י.־ל. גאמזו. בריוו פון י. דינעזאָן און א. רייזען.

ג ל א ט ש ט י י ן י. דריַי גרונטאָוונע קאשעס ארום א וויכטיקן איניען. 1966 — 6.

ווענן י.־ד. בערקאָוויטשעס העברעיִשע איבערזעצונגען פון שאָלעם־אליכעמען.

ה אָ ל ד ע ס א. אונדזער פערעץ. 1965 — 4.

— ראיוינעס ווענן אונדזער פאָלקס־שריַיבער [שאָלעם־אליכעם]. 1966 — 5.

— שאָלעם־אליכעמס א בינטל בריוו. 1964 — 2.

ווענן איבערזעצונגען פון שאָלעם־אליכעמס ווערק אף רוסיש. בריוו־אויסטויש צווישן ש.־א. און זיַין איבערזעצער י. פינוס.

י א ק ו ב ז. שאָלעם־אליכעם אין דווינסק. 1969 — 3.

י א ק י ר י. שאָלעם־אליכעם אין מאָלדאווע. 1966 — 2. ס'ווערן פארעפנטלעכט דריַי בריוו פון שאָלעם־אליכעמען.

ל ו י צ ק ע ר כ. אָן ערנסטער צושטייַער צו דער שאָלעם־אליכעם־פאָרשונג. (ווענן ה. רעמעניקס בוך „שאָלעם־אליכעם". [רוסיש]. מאָסקווע, 1963). 1965 — 3.

ל י ו ב אָ מ י ר ס ק י י. מענדעלעס בינע־געשטאלטן און זייער פארקערפערונג. 1967 — 12.

מ א ר ג ו ל י ס אָ. ווענן טעוויע דעם מילכיקן און זיַין ציַיט. 1966 — 11.

מ ײַ ד א נ ס ק י מ. צו וויַיטערדיקער פארפולקומונג. ווענן די רוסישע און אוקראַיִנישע איבערזעצונגען פון שאָלעם־אליכעמס ווערק. 1968 — 11.

נ א ד ע ל כ. צו דער פערעץ־ביבליאָגראפיע. 1965—5. סאָוועטישע שריַיבער ווענן שאָלעם־אליכעמען.

סאָף. אָנהייב — „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 1, 1972.

ארויסטרעטונגען פון די רוסישע שרײַבער ס. בארוזדין, ל. לעגנטש. 1966 — 7.
פון די אוקראַיִנישע שרײַבער מ. באזשאן, יו. סמאָליטש און דעם מאָלדאווישן שרײַבער יאַן טשאַבאַנו. 1966 — 8.

סערעבריאַני י. דאָס וויכטיקסטע אין מענדעלעס שאפן. 1967 — 12.

— א וויכטיקער בײַטראַג אין דער פערעץ־פאָרשונג. 1965 — 5.
וועגן א וויסנשאפטלעכער סעסיע, געווידמעט י.־ל. פערעצעס 30־טן יאָרצײַט (מאָסקווע, יול 1945). דער אינהאלט פון די ארויסטרעטונגען פון ש. מיכאָעלס, נ. אויסלענדער, ד. בערגעלסאָן, י. דאָברושין, ע. פאַלקאָוויטש, א. לעוו, ריווקע רובין.

— וועגן שאָלעם־אלייכעמס בריוו צו יו. פינוסן. 1966 — 10.
ארײַנפיר און קאָמענטארן צו שאָלעם־אלייכעמס בריוו און וועגן דער רוסישער איבערזעצונג פון זײַנע ווערק.

— צו דער געשיכטע פון א קונסט־ווערק (וועגן שאָלעם־אלייכעמס ארבעט איבער „מענאכעם־מענדל"). 1966 — 6.

— שאָלעם־אלייכעם וועגן קינסטלערישע איבערזעצונגען. 1970 — 12.

ספיוואַק ע. מענדעלעס נוסעך. 1967 — 8.
פון דער ליטעראַרישער ירושע.

— שאָלעם־אלייכעם און די יידישע שפּראַך. 1966 — 12.
פון דער ליטעראַרישער ירושע.

פינקעל או. מענדעלע מויכער־ספאָרים. 1967 — 5.
א פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכער עטיוד. פון דער ליטעראַרישער ירושע.

ציִנבערג י. „דאָס קליינע מענטשעלע". 1967—1.
פון דעם 9־טן באנד „די געשיכטע פון ליטעראַטור בא ייִדן".
ארײַנפיר און באמערקונגען פון הילעל אַלעקסאנדראָוו.

קאַהאַן ז. שאָלעם־אלייכעם און די צארישע צענזור. 1969 — 3.
ווי די צארישע צענזור האָט באפוילן פארניכטן שאָלעם־אלייכעמס ווערק „דער פעטער פיניע און די מומע רייזי" און דעם ראָמאַן „דער מאבל".

קויפמאַן ל. מײַן פאָטער. 1966 — 5.
זיכרוינעס פון שאָלעם־אלייכעמס טאָכטער ליאַליע קויפמאַן. איבערזעצונג און פאָרוואָרט פון כ. נאַדעל.

— א בריוו צו ה. רעמעניק [און רעמעניקס ענטפער]. 1964 — 3.
אין צוזאמענהאנג מיטן דערשײַנען פון רעמעניקס בוך „שאָלעם־אלייכעם" אף רוסיש.

ראַסקין א. א בלעטל פערעץ־פובליציסטיק. 1965 — 1.
פערעצעס פעליעטאָנען אין „הצופה" אין 1903 — 1904 י. זײַן באצײַונג צו דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע.

— מענדעלע אין יידיש און העברעיִש. 1967 — 12.

— פערעץ און ביאַליק. 1968 — 9.

— י.־ל. פערעץ: „אונדזער אידעאל איז אינטערנאַציאָנאַל" (וועגן פערעצעס ליטעראַריש־עסטעטישע אַנשויוּנגען). 1969 — 10.

ראָקקינד ס. צו דער טעמע: שאָלעם־אלייכעם אין רוסישער איבערזעצונג. 1968 — 7.
די רעפּליק איז פארבונדן מיט מ. דובינסקיס ארטיקל „שאָלעם־אלייכעמס פראַזעאָלאָגיזמען אין דער רוסישער איבערזעצונג" („ס. ה.", 1968).

רײַזע כ. מענדעלע און זײַנע קריטיקער. 1971 — 3.
ארויסזאָגונגען פון יידישע שרײַבער וועגן מענדעלעס שאפונג.

— שאָלעם־אלייכעמס אפאָריסטיק. 1966 — 1.

רעמעניק ה. פאָלעמישע נאָטיצן. 1966 — 2.
וועגן ראָמאנטיזם און רעאליזם און זייער ראָל אין דער אלוועלטלעכער ליטעראַטור. אַן ענטפער אף מ. מירסקיס ארטיקל אין „יידישע שריפטן", 1965, 10. די פּאָלעמיק איז פארבונדן מיט ה. רעמעניקס ארבעט „י.־ל. פערעץ און שאָלעם־אלייכעם" („ס. ה.", 1965, נומ. 5 און 6).

— י.־ל. פערעץ און שאָלעם־אלייכעם (ליטעראַטור־היסטאָרישער עטיוד). 1965 — 5, 6.

— דער „צווייטער טאָם" „מענאכעם־מענדל". 1969 — 2.
ארײַנפיר צו דער לעצטער סעריע בריוו פון מענאַכעם־מענדלען און שיינע־שיינדלען אין „הײַנט" (ווארשע, 1913), וועלכע זײַנען אין א בוך־פאָרם ניט דערשינען. עס ווערן אויך איבערגעדרוקט אנדערע בריוו פונעם שרײַבער, וואָס זײַנען פארבונדן מיט דעם ווערק (נומ. 2, 3, 4, 5 פאַרן 1969).

שאַק־אַנין מ. באגעגענישן מיט שאָלעם־אלייכעמען. 1966 — 9.
זיכרוינעס פאר די יאָרן 1907 (זשענעווע), 1908 און 1914 (ריגע).

בריוו פון שאָלעם־אלייכעם. 1966 — 1.
בריוו צו א.־ב. גאָטלאָבער, ס. ראַוויטש, וו. טשערטקאָוו, אָ. דימאָוו, א. דערמאַן, מ. מייער, ווס. טשאַגאָוועץ, פובליקאציע און קאָמענטארן פון כ. נאַדעל.

שאָלעם־אלייכעמס געווינעס. 1966 — 5.
צום 50־טן יאָרצײַט. רעדאקציאָנעל ארטיקל.

שאָלעם־אלייכעמס ווערק אין כינעזיש. 1962 — 5.
ס'ווערט ציטירט אַן אויסצוג פון א בריוו פון כינעזישן שרײַבער־פארבאנד צו דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד". ס'ווערן אויך אויסגערעכנט שאָלעם־אלייכעמס ווערק אין כינעזיש און ארטיקלען וועגן אים.

שאָלעם־אלייכעמס צוויי ניט־פארעפנטלעכטע בריוו. 1970 — 11.
די בריוו (1901) זײַנען אדרעסירט דעם אדוואָקאט און זשורנאליסט ב. אָ. גאָלדאָווסקי און זײַנען פארבונדן מיט מ. גאָרקיס א ניט־פארווירקלעכטן פּלאַן ארויסצוגעבן אין רוסיש א זאמלונג ווערק פון יידישע שרײַבער.
ארײַנפיר און באמערקונגען פון א. פריבלודע.

שטערנבערג י. הונדערט יאָר „דאָס קליינע מענטשעלע" — הונדערט יאָר מענדעלע. 1964 — 6.

— ווידעראמאָל: י.־ל. פערעץ (א פּאָפּולערער, נאָר דערפאר ניט ווייניקער נייטיקער שמועס). 1970 — 8.
די שטרײַטן ארום פערעצן. וועגן זײַנע דראמאטישע און פּאָעטישע ווערק, זײַן ווירקונג אף די סאָוועטישע שרײַבער.

— מענדעלע, שאָלעם־אלייכעם, פערעץ. 1968 — 1.
וועגן דער רעוויזיע פון די קלאסיקער און באזונדער פון פערעצן אין דער אויסלענדישער יידישער קריטיק.

— דער פּאַרקישעפּטער שרײַבער. 1969 — 3 און 5. געדאַנקען וועגן שאָלעם־אַלייכעמען.

ייִדישע ליטעראַטור ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע

אלעקסאַנדראָוו ה. פון ייִסראָעל צינבערגס אַרכיוו. אויטאָביאָגראַפישע בריוו פון י. אָפּאַטאָשו, ד. בערגעלסאָן, י.־מ. ווײַסנבערג (1965 — 2), פון ה.־ד. נאָמבערג, י.־ד. בערקאָוויטש, א. רייזען, ד. פרישמאַן, ז. שנייער, ש. אַש (1969 — 6) און פון ב. שטיף, א. ווײַטער, ע. ראָדין, בען אַדיר (1969—9).

אשקענאַזי מ. י.־ל. גאַמזו אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן. 1971 — 6.

קורצע נאָטיץ. וועגן א צופעליקער באַגעגעניש מיטן ייִדיש־העברעיִשן שרײַבער י.־ל. גאַמזו.

גוטקאָוויטש י. אין א נאָווינע שאָלעם אַש (רעפליק). 1965 — 10.

וועגן ראָכל קאָרנס אַן אַרויסטרעטונג קעגן שאָלעם אַשן.

איבערדרוק פון „ייִדישע שריפטן“ (וואַרשע).

גערזינסקי מ. געדאַנקען פון א לייענער. 1968 — 10.

אָפּקלאַנג אַף דעם דיִאַלאָג פון די קריטיקער ש. בעליס און ה. רעמעניק.

אָסיפּ מאַנדעלשטאַם וועגן ש. אַנ־סקי. 1969 — 5. א פראַגמענט פון מאַנדעלשטאַמס זיכרוינעס. איבער־געדרוקט פון „פאָלקס־שטימע“.

נאַדעל כ. שאָלעם אַשס פּאָפּולערקײַט. 1968—2. וועגן ש. אַשס ווערק אין רוסיש און זײַנע פּיעסן, גע־שטעלט אין רוסישן טעאַטער.

קאַהאַן ז. די ייִדישע דראַמאַטורגיע און די צאַרי־שע צענזור. 1968 — 6.

וועגן 2290 ייִדישע פּיעסן, געדרוקטע און ניט־געדרוק־טע, אין די יאָרן 1897 — 1917, וועלכע געפינען זיך אין צענזור־אַרכיוו פון דער צאַרישער רעגירונג.

קאַץ אלעף. וועגן אַווראָם רייזענס ליטעראַרישער ירושע. 1965 — 6. מיט צוגאָבן פון „ס. ה.“ וועגן די סאָוועטישע אויסגאַבעס פון רייזענס ווערק.

„א קלאַפּ אין טיש און א לעק דעם שטיוול“. 1970—9.

די ניט ריכטיקע אינפאָרמאַציע פון דעם אַמעריקאַ־נער ייִדישן זשורנאַליסט באָריס סמאָליאַר מיקויעך דעם אינצידענט מיט שאָלעם אַשן אין מאָסקווע אין 1928 י. קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע.

ראָזענבערג ש. שאָלעם אַש פון דער נאָענט. 1970 — 3.

שטערנבערג י. אַווראָם רייזען (צום 90־טן גע־בורטסטאָג). 1966 — 6.

שרײַבמאַן י. אַלטער קאַציזנע (בלעטערנדיק זײַן ערשטן באַנד „געזאַמלטע שריפטן“ [תל־אביב, 1967]. 1969 — 7.

ייִדישע ליטעראַטור אין אויסלאַנד

באַם פרישן קייווער פון א. לייעלעס. 1967 — 3. קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע.

באָרוכאָוויטש אי. א קעמפערישע מוזע. 1962 — 4.

וועגן דעם דיכטער פון ייִסראָעל פייסעך בינעצקי און זײַן בוך „אויסדויער“.

פייסעך בינעצקי. נעקראָלאָג. 1966 — 2.

בלאָשטיין ה. דער וועג צו זיך (שאָלעם שטערן. „אין קאַנאַדע“. פּאָעמע. מאָנטרעאַל, 1960 — 1963). 1964 — 1.

גלייזער מ. א בוך פון דערקענטעניש־ווערט. (בעלא גאָלדווירט. „איבער גרענעצן“. ניו־יאָרק, 1967). 1968 — 12.

— בען גאָלד. „אין יענע טעג“. ניו־יאָרק, 1970. 1971 — 1.

— ש. שטראַוס־מאַרקאָ. „געווען אמאָל א שטעטל“. (וואַרשע, „ייִדיש בוך“, 1965). 1966 — 4.

גרוביאַן מ. א טאַלאַנטפולער דיכטער. (פ. ציבול־סקי. „דערמאָנונג“. וואַרשע, 1967). 1968 — 8.

— כאַווע סלוצקאַ־קעסטין. „אין אונדזערע טעג“ (טעל־אַוויוו, 1966). 1967 — 6.

— לידער פון פרײַנט. 1966 — 10.

קורצע רעצענזיעס אַף: דאָרע טייטלבוים — „אַפּן וועג צום מענטש“, אַרן קורץ — „לידער“, האָראַצי סאָפּ־רין — „אַפּן בערדיטשעווער מאַרק“, פייסעך בינעצ־קי — „העמשעך“, מאַרקאָס אַנאַ — „דער פלאַם פון מײַן בלוט“.

— פינזאָן. „דער הויף אָן פענצטער“ (רעצענזיע). 1967 — 6.

האַלפּערן ב. דער פּאָעט מיט דער צאַפּלדיקער נעשאָמע. 1968 — 6.

וועגן לייזער וואָלפן.

זשירמאַן ריווע. א דיכטער א רעוואָליוציִאָנער. 1969 — 10.

וועגן דעם ייִדישן פּראָלעטאַרישן שרײַבער פון פּוילן שאָלעם זשירמאַן.

טייטלבוים ד. דאָס זעלטענע קאָל פון עלכאָנאָן וואָגלער (נעקראָלאָג). 1969 — 7.

איבערגעדרוקט פון דער צײַטונג „נײַע פּרעסע“ (פּאַ־ריזש).

יאַקיר י. איציק מאַנגער און זײַן ייִכעס־בריוו. זיכ־רוינעס. 1969 — 11.

יעלין מ. א בוך — א גוויִעס־איידעס (וועגן יעראַכ־מיִעל בריקס בוך „די פּאַפּירענע קרוין“ (ניו־יאָרק — תל־אביב, 1969). 1969 — 7.

ה. לייוויק. 1963 — 1. נעקראָלאָג.

מילער ל. קינסטלערישער באַרוף. 1969 — 4.

זיכרוינעס וועגן לייוויקן. אין טעקסט — א בריוו פון לייוויקן צו ל. מילערן.

נאָכמען מײַזיל. 1966 — 6. נעקראָלאָג.

סורקיס מ. וועגן זעליק באַרדיטשעווער. 1967 — 12.

זעליק באַרדיטשעווער — א ייִדישער פאָלקס־זינגער אין רומעניע.

סערעבריאַני י. מיט די אויגן פון א סאָוועטישן לייענער. מוישע קיש. „די וועלט איז מײַן ליד“ (ניו־יאָרק, 1968). 1970 — 1.

— אָנהייבן און סאַכאַקלען. (יעשועאַ אורבאַס. „דער אָנהייב“. דערציילונג. ניו־יאָרק, 1970). 1970 — 10.

רובין ר. מיט אַן אופגעברויזט געמיט. 1962 — 3. וועגן עפראַיִם קאַגאַנאָווסקיס „א שטאָט אַף דער וואָל־גע“. וואַרשע, 1961.

ש ט ע ר נ ב ע ר ג י. פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט? 1967 — 8.
וועגן דעם ייִדישן דיכטער א. ב. שטענצעל (לאָנדאָן).
— צו די שלושים פון איציק מאַנגער. 1969 — 6.
— צו דער טעמע איציק מאַנגער. 1967 — 6.
זיכרוינעס וועגן איציק מאַנגערן. ס'ווערט אויך פּובליקירט א בריוו צו אים פון מוישע נאַדיר (1942).
— עליעזער שטיינבאַרג (צו זײַן דרײַסיקסטן יאָרצײַט). 1962 — 2.

וועלט־ליטעראַטור

א ז ג ו ר ז. זמיטראָק ביאַדוליאַ. 1969 — 8.
א י ג י ן י. מיכאַיל סוועטלאָווס שמייכל. 1967 — 7.
זיכרוינעס.
א י ס א ק אָ ו ד. פּושקינס וואָרט (צום 125־טן יאָרטאָג פון זײַן טויט). 1962 — 1.
וועגן דעם דיכטערס אינטערעס צו ייִדישער קולטור.
א מ אַ נ אָ ו ו ר. דער מינדלעכער פֿאָלקס־קוואַל אין דער טאַדזשיקישער פּאָעזיע. 1970 — 1.
א ר ע צ ק י כ. גאָרקי און מאַיאַקאָווסקי — מיטגלידער פון „געזערד". 1968 — 12.
קורצע אינפאָרמאַציע.
אַ ג נ י ע ו ו. ארום די פראַגן פון הומאַניזם. 1971 — 3.
— וועגן דער מײַסטערשאַפט פון דער רוסישער פּראָזע. 1971 — 6.
— וועגן וואָס שטרײַטן מיר? (בלעטערנדיק דעם זשורנאַל „וואָפּראָסי ליטעראַטורי"). 1970 — 7.
— וועגן קריטיק, וועגן אירע הייכן, וועגן שעפערישער קינע. 1970 — 10.
וועגן דעם רוסישן שרײַבער און קריטיקער וויקטאָר שקלאָווסקי.
— די זיבן שטעמפּלען. 1970 — 8.
מאָטיוון פון פעלקער־פרײַנטשאַפט אין די לעצטע ווערק פון א ריי סאָוועטישע שרײַבער.
— דער זיקאָרן פון קריג. 1971 — 5.
די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור.
— דאָס נײַע אין דער ליטווישער קונסט. 1970—9.
— א שמועס וועגן אלעקסאַנדער בלאָקן. 1970—11.
עמיליאַן בוקאָוו. 1969 — 12.
קורצע כראָניקאַלע נאָטיץ וועגן מאָלדאַווישן דיכטער (צום 60־יאָריקן יובליי).
ב ו ר ד ה. דער „דאָרעמדיקער גאָרקי". 1968 — 4.
ביאָ־ביבליאָגראַפישע יעדיעס וועגן רוסיש־ייִדישן שרײַבער לייזער קאַרמען (געשטאָרבן אין יאָר 1919).
ב י א ל י ק ב. די גרויסע פרײַנטשאַפט. 1970 — 4.
לענין און גאָרקי.
ב י ק א. נעלי זאַקס, לאַורעאַט פון דער נאָבעל־פּרעמיע פאַרן 1966 יאָר. 1967 — 2.
א בליק אף פויכטוואַנגערס שאַפונג. 1970 — 2.
אינפאָרמאַציע וועגן אַן אויסשטעלונג פון זײַנע מאַנוסקריפּטן אין מײַרעוו־בערלין. איבערדרוק פון דײַטשישן זשורנאַל „וועלט".
בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען (אויסצוגן פון דער אויסלענדישער פּרעסע). 1965 — 2.

קורצע אינפאָרמאַציעס וועגן פאַרשיידענע ליטעראַטור־דערשײַנונגען אין אויסלאַנד.
ב ע ל ק י ן ד. דער גרויסער פּאָעט פון אלע פעלקער און צײַטן. 1969 — 6. וועגן א. ס. פּושקין.
— לערמאָנטאָוו און זײַן דראַמע „די שפּאַניער". 1964 — 5.
וועגן דער וואַרשײַנלעכער פאַרבינדונג פון „די שפּאַניער" מיטן וועליזשער בלוט־בילבל (1823).
— סאָוועטישע שרײַבער אין די מילכאָמע־יאָרן. 1968 — 1.
וועגן צווייבאַנד „סאָוועטישע שרײַבער אף די פראָנטן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע" (רוסיש).
— א קעמפער פאַר פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער. 1968 — 8.
וועגן ב. ג. טשערנישעווסקי.
ג אָ ר ש מ אַ ן ש. לײַענענדיק מעראַסעס „אײביקער שאָך" („ס. ה.", 1964 — 5). 1966 — 4.
— [פאָרוואָרט צו דער דערציילונג פונעם טשעכישן שרײַבער ריטכעו „קאַקאַט און זײַנע ציפּערן"]. 1971 — 2.
וואָס הערט זיך אין די ליטעראַטורן פון אויסלאַנד. 1971 — 5.
די ווערק פון זשאָרזשי אמאַדו, ראַלף האָכהוט, אלבער קאַהען, עריך מאַריאַ רעמאַרק, איוואָר לו־יאָהאַנסען. די פינף נאָטיצן זײַנען איבערגעדרוקט פון דער אלגעמיינער און ייִדישער פּרעסע אין אויסלאַנד.
וואָס לייענט מען איצט אין אמעריקע. 1965 — 10.
וועגן אייניקע ענגלישע ראָמאַנען, דערשינענע אין אמעריקע, צווישן זיי — א ראָמאַן פון שאָלעם־אלייכעמס אייניקל בעל קויפמאַן. איבערדרוק פון „פּראַוודאַ" (25. VII 1965).
ו ײַ נ ב ע ר ג י. 1. דאָס גאָרקי־יאָר, 2. קריטישער רעאַליזם און סאָציאַליסטישער רעאַליזם. 1968 — 10.
איבערזיכט פון מאַטעריאַלן, פּובליקירטע אין דער רוסישער סאָוועטישער פּרעסע.
— דיסקוסיעס, שטרײַטן ארום ליטעראַטור־פּראָבלעמען. 1969 — 11.
— ליטעראַרישע געשעענישן און דיסקוסיעס. 1969 — 6.
— ליטעראַרישע פּראָבלעמען און פאָרשונגען אין דער רוסישער פּעריאָדישער פּרעסע. 1967 — 5.
— ליטעראַרישע שטרײַטן און ארויסטרעטונגען אין דער רוסישער פּעריאָדיק. 1966 — 1.
— ליטעראַרישע סימפּאָזיומס אין יובליי־יאָר. 1967 — 12.
— לעבן מיט די אינטערעסן פונעם פאָלק. 1967—8.
וועגן דעם פערטן אלפאַרבאַנדישן שרײַבער־צוזאַמענפאָר.
— פּראָבלעמען פון פּאָעזיע. וועגן אינטעלעקטואַליזם אין דער קונסט. 1969 — 4.
— ראַיווינעס, מיינונגען, שטרײַטן וועגן און ארום ליטעראַטור. 1966 — 12.
— דער שטורעם־אָנזאָגער. 1968 — 3.
וועגן מאַקסים גאָרקי.
— שעפערישע שטרײַטן. ליטעראַרישע דעבאַטן און דיסקוסיעס. 1966 — 10.
דער וועג צו פּאָפּוליאַריטעט. 1970 — 2.

קורצע כראָניקאַלע נאָטיץ וועגן דעם ענגליש־פראַנצויזישן שרײַבער סעמיועל בעקעט.

זשגענטי ב. א געני פון דער וועלט־פּאָעזיע. 1966 — 9.

וועגן שאָטא רוסטאַוועלי.

— זײַן דיכטונג געהערט דעם פאָלק. 1968 — 11.

צום 150־טן געבורטסטאָג פונעם גרוזינישן דיכטער ניקאָלאָז באַראַטאַשווילי.

טעלניוק ס. צום 80־טן געבורטסטאָג פון פּאַוולאָ טיטשינא. 1971 — 2.

קורצער פאָרוואָרט צו פראַגמענטן פון טיטשינאַס פּאָעמע „די לעווײַע פון א פרײַנט" (אין דאָרע כײַקינעס איבערזעצונג), וועלכע דרוקט זיך אין זעלבן נומער.

טרעמבאָוליא י. פראַנץ קאַפקא און זײַן ראָמאַן „דער פּראָצעס". 1968 — 7.

יאַקאָבסאָן ל. אן אומשטערבלעך געשטאַלט. 1963 — 3.

די טרילאָגיע פון גאַלינא סערעבריאַקאָווא וועגן קאַרל מאַרקסן „דאָס צוגעגאַנוועטע פײַער".

ייִדישע שרײַבער וועגן גאָרקין. 1968 — 3.

בריוו, אַרטיקלען, אַרויסזאָגונגען און זיכרוינעס פון שאָלעם־אַלייכעם, י.־ל. פּערעץ, ה.־ד. נאָמבערג, ש. עפּשטיין, נ. מײַזיל, י. נוסינאָוו, אי. פעפער, אירענא קרוק.

כוזאַנגײַ פּ. דער פּאָעט מיט א פלאַמיק האַרץ. 1970 — 3.

צו 70 יאָר, זינט ס'איז געבוירן געוואָרן דער טשוואַשישער פּאָעט מ. סעספּעל (געשטאָרבן אין 1921 י.).

לוריע נאָטע. צוזאַמען מיט גאָרקין. 1964 — 5.

זיכרוינעס וועגן 1־טן אַלפאַרבאַנדישן שרײַבער־צוזאַמענפאָר (1934).

ליצקער כ. דאָס געשטאַלט פונעם גענאַלן קאָבזאַר אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. 1962 — 2.

וועגן טאַראַס שעווטשענקאָ.

דער ליטעראַרישער אַרכיוו פון ערנעסט העמינגווײ. 1969 — 5.

איבערגעדרוקט פון זש. „זא רובעזשאָם".

לעווין ה. דער גרויסער הומאַניסט און פרײַנט פון די פעלקער. 1968 — 3.

וועגן מ. גאָרקיס באַציִונג צו די פעלקער פון רוסלאַנד און צו ייִדן.

מאַרקאָוו ג. הײַנטצײַטיקײַט און ליטעראַטור. 1963 — 5.

סאַמויִל מאַרשאַק. 1964 — 3. נעקראָלאָג.

מונט א. עס זינגען פעלקער. בלעטערנדיק דעם זשורנאַל «Дружба народов». 1961 — 3.

וועגן לידער פון ייִדישע שרײַבער, פאַרעפנטלעכטע אין נום. 10 פאַר 1961 י.

מיכײַלאָווא א. גאָרקי און דאָס ייִדישע זאַמלבוך. 1962 — 3.

וועגן א זאַמלבוך איבערזעצונגען פון ייִדישע שרײַבער, וואָס גאָרקי האָט פּלאַנירט אַרויסצוגעבן אין 1901 — 1902 י.

מײַער ה. מענטש און אַנטימענטש — די דראַמע פון אונדזער עפּאָכע. (וועגן האָכהוטס „דער שטעלפאַרטרעטער"). 1965 — 7.

איבערגעדרוקט פון „פּאַריזער צײַטשריפט", נום. 33.

עדוואַרדאַס מעזשעלײַטיס. 1969 — 12

קורצע נאָטיץ וועגן ליטווישן דיכטער (צום 50־יאָריקן יובילײ).

נאַדעל כ. א פרײַנט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. 1966 — 7.

וועגן דעם קלאַסיקער פון דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור איוואַן פראַנקאָ. זײַן באַציִונג צו ייִדן, ייִדישער ליטעראַטור און ייִדישן פאָלקלאָר.

סערגײ נאַראָווטשאַטאָוו. 1969 — 12.

צום 50־יאָריקן געבורטסטאָג.

ניורענבערג א. באַגעגענישן מיט באַבעלן. 1969 — 3.

נעקראַסאָוו וו. קליינינקע פּאָרטרעטן. 1970—2.

פאַרצייכענונגען. באַגעגענישן מיט אַנאַטאָלי לונאַטשאַרסקי, וואַסילי גראָסמאַן און זשאַן סטעפאַן אַלעקסיס (פּראָגרעסיווער שרײַבער פון האַיִטי). איבערזעצונגען פון רוסיש.

מיכאַיִל סוועטלאָוו. 1964 — 6. נעקראָלאָג.

סטראָנגין ל. באַגעגענישן מיט מאַיאַקאָווסקין. 1966 — 2.

סערוואַנטעס (צום 350־טן געבורטסטאָג). 1966 — 4.

סערוואַנטעס און זײַן ווירקונג אויף דער ייִדישער ליטעראַטור. קורצע נאָטיץ.

ערענבורג אי. לייענענדיק זאָליא. 1967 — 1.

איבערגעדרוקט פון זש. „ניעדעליא", 1966, נום. 42.

איליא ערענבורגס לעצטער אינטערוויו. 1968 — 2.

איבערגעדרוקט פון „ביראָבידזשאַנער שטערן".

איליא ערענבורג (צום 75־טן געבורטסטאָג). 1966—2.

איליא ערענבורג. 1967 — 10. נעקראָלאָג.

פּאַפּערני ז. דאָרט, ווו די ערד האָט זיך באַגעגנט מיט דעם הימל. 1967 — 7.

וועגן דיכטער מיכאַיִל סוועטלאָוו.

פּאָלעוואָי ב. א וואָרט צו די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". 1967 — 3.

פאָרוואָרט צו דעם אַווטאָרס דערציילונג „דאָקטער ווערא", וואָס דרוקט זיך אין זעלבן נומער.

פּאַרבער ל. ייִדישע בעלעטריסטן אין דער צײַטונג „ניזשעגאָראָדסקי ליסטאָק" (1901 — 1903). 1968—3.

וועגן מ. גאָרקיס אינטערעס צו דער ייִדישער ליטעראַטור.

פון וואָס איז געשטאָרבן דזשעק לאָנדאָן. 1969 — 11.

איבערדרוק פון זש. „ניעדיעליא".

IV צוזאַמענפאָר פון די שרײַבער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. 1967 — 7.

מאַטעריאַלן פונעם צוזאַמענפאָר.

פּרײַ ס. באַם אײביק לעבעדיקן קוואַל. לייענענדיק לענינען. 1963 — 2.

לענין וועגן ליטעראַטור.

צום אָנדענק פון דאָוויד בראָדסקי. 1967 — 1.

קורצע מיטיילונג וועגן טויט פון רוסישן שרײַבער ד. בראָדסקי, וועלכער האָט אויך איבערגעזעצט ווערק פון ייִדישע שרײַבער.

קאַגאַרליצקי י. הערבערט אועלס (צו זײַן 100־טן געבורטסטאָג). 1966 — 9.

קאַטאַניאַן וו. וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי צוגאַסט בא די ייִדישע אַרבעטער אין ניו־יאָרק [אין 1925 י.]. 1968 — 7.

איבערדרוק פונעם רוסישן בוך „מאַיאַקאָווסקי. ליטעראַרישע כראָניק".

קאָוועלמאַן י. פּושקינס פינגערל. 1970 — 2.

וועגן א רינג מיט א יידישן אופשריפט („א קאמייע"), וועלכע פושקין האָט געטראָגן אפן פינגער. מיט רעפּראָדוקציעס.

ר א ס ק י ן א. שעקספּירס הומאניזם (צום 400־טן געבורטסטאָג פונעם גענ׳אלן דראמאטורג). 1964 — 2.

ר אָ ז ע ן ה. מיכאיל שאָלאָכאָוו (צום זעכציקסטן געבורטסטאָג). 1965 — 5.

ר ו ב י נ ש ט ײ ן א. אין זײַן פּערזענלעכער ביבליאָטעק. 1968 — 3.

ביכער פון יידישע שרײַבער און אָף טעמעס וועגן יידן אין מ. גאָרקיס פּערזענלעכער ביבליאָטעק.

— גאָרקי און פּערעץ. 1962 — 3.

מ. גאָרקיס אינטערעס צו יידישער ליטעראַטור און ספּעציעל צו י.־ל. פּערעצעס ווערק, וועלכע ער האָט אין 1901 י. מיטגעהאָלפן צו פּאַרעפנטלעכן אין דער צײַטונג „ניזשעגאָראָדסקי ליסטאָק".

— גאָרקי און שאָלעם אַש. 1962 — 3.

דער פּערי׳אָד 1907 — 1928. ס׳ווערן צום ערשטן מאָל פּובליקירט צוויי אומבאַוווּסטע בריוו פון מ. גאָרקי צו ש. אַשן.

ר ו י ט מ א ן ש. וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקיס טראַדיציעס אין אונדזער דיכטונג [צום 70־טן געבורטסטאָג פונעם דיכטער]. 1963 — 4.

ר ע מ ע נ י ק ה. וו. ג. בעלינסקי (צו זײַן 150־טן געבורטסטאָג). 1961 — 1.

צווישן אנדערע שטעלט זיך דער אווטאָר אינקורצן אָפּ אָף בעלינסקיס ווירקונג אָף די יידישע שרײַבער.

— דער גרויסער דיכטער פון דער רעוואָליוציע. 1968 — 7.

צום 75־טן יאָרטאָג פון וו. מאַיאַקאָווסקי.

— פראַגן פון שעפערישן מעטאָד אין וו. אי. לענינס פּובליציסטיק. 1970 — 3.

וועגן לענינס אָנשויונגען אָף רעאַליזם און ראָמאַנטיזם אין דער וויסנשאַפט און אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

ש א ק־א נ י ן מ. וו. מאַיאַקאָווסקי אין ריגע [1922]. 1965 — 4.

מאַיאַקאָווסקיס באַגעגענישן מיט די יידישע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס אין ריגע.

די שלאַכט פאַר הענריך היינע. 1970 — 1.

איבערדרוק פון „שפּיגעל" (האַמבורג).

ביבליאָגראַפיע

ט ש ע ר נ י א ק ל. די „מאַלקע שאַבעס". 1966 — 7.

אינפאָרמאַציע וועגן דעם ארכיוו, מוזיי און קינסטלערישער גאַלעריי פון דער רוסישער ליטעראַרישער פאַרייניקונג „ניקיטסקיע סובאָטניקי" און וועגן די יידישע ליטעראַרישע מאַטעריאַלן פונעם ארכיוו.

נ א ד ע ל כ. ביאָגראַפישע יעדיעס אין „סאָוועטיש היימלאַנד" וועגן שרײַבער און קולטור־טוער. 1966 — 9.

— דאָס לענין־געשטאַלט אין דער יידישער סאָוועטישער דיכטונג. (נאָטיצן פון א ביבליאָגראַף). 1962 — 2.

איבערזיכט פון דעם, וואָס איז פּובליקירט אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון דער רעוואָליוציע. ס׳ווערן געבראַכט גרעסערע און קלענערע אויסצוגן פון א ריי לידער.

— די לענין־טעמע אין דער יידישער סאָוועטישער פּראָזע. 1964 — 2.

קורצער ביבליאָגראַפישער איבערזיכט.

נ א ד ע ל כ. א ו ן פ י נ ק ע ל ש ט ײ ן א. ליטעראַטור וועגן דאָוויד בערגעלסאָנען. 1969 — 8.

ליטעראַטור אין יידיש, רוסיש און אוקראַיניש, דערשינען אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין די יאָרן 1919 — 1968.

כאַצקל נאַדעל. 1968 — 3. נעקראָלאָג.

ס ע ר ע ב ר י א נ י י. כראָניק פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור [ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן און פאַרשיידענע ספּראַווקעס וועגן ליטעראַרישן לעבן אין די יאָרן 1917 — 1967]. לויט די יאָרן איז די כראָניק פאַרנאָטירט אין פאָלגנדיקן סיידער: 1917 — 1919 (1966, נומ. 11); 1920 — 1922 (1966, נומ. 12); 1923 — 1925 (1967, נומ. 4); 1926 — 1928 (1967, נומ. 5); 1929 — 1931 (1967, נומ. 6); 1931 — 1932 (1967, נומ. 7); 1932 — 1933 (1967, נומ. 8); 1934 (1967, נומ. 9); 1935 — 1937 (1967, נומ. 10); 1938 — 1941 (1967, נומ. 11).

ס ע ר ע ב ר י א נ י י., פ ר י ב ל ו ד ע א. און ר אָ ז ע נ ה ו י ז מ. לענינס ווערק און ליטעראַטור וועגן לענינען אין יידיש [ביבליאָגראַפיע]. 1970 — 4.

צו דער געשיכטע פון ארויסגעבן לענינס ווערק אין יידיש.

פ י נ ק ע ל ש ט ײ ן א. דאָוויד בערגעלסאָן. 1964 — 4.

ביכער אין יידיש, רוסיש און אוקראַיניש (איין בוך אין ענגליש), דערשינען אין רוסלאַנד און שפּעטער אין ס"פ אין די יאָרן 1909 — 1961.

— ביכער פון יידישע שרײַבער, דערשינענע אין די יאָרן 1965 — 1969. 1970 — 11.

ביכער, דערשינענע אין יידיש און אָף שפּראַכן פון סאָוועטישע פעלקער און אָף אנדערע שפּראַכן.

— פּערעץ מאַרקיש. 1970 — 12.

ביכער, דערשינענע אין פּססר אין יידיש און רוסיש אין די יאָרן 1919 — 1969.

— א בריוו אין רעדאַקציע. 1963 — 3.

צוגאָב צו דער ביבליאָגראַפישער רעשימע „נײַע ביכער" אין „ס.ה.", 1962, נומ. 6.

— ווערק פון יידישע סאָוועטישע שרײַבער אין די יאָרן 1955 — 1964. 1966 — 1.

ווערק, ארויסגעגעבן אין יידיש און אין איבערזעצונגען אָף שפּראַכן פון די סאָוועטישע פעלקער.

— ווערק פון יידישע שרײַבער אין די יאָרן 1955 — 1961. 1962 — 3.

סטאַטיסטישער עטיוד. ווערק אין יידיש און אין איבערזעצונגען אָף די שפּראַכן פון די פעלקער פון פּססר (און אויך אָף ענגליש, שפּאַניש, בענגאַליש און הינדי), דערשינענע אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

— ווערק פון יידישע שרײַבער אין די יאָרן 1962 — 1963. 1964 — 3.

סטאַטיסטישער עטיוד. דערהויפּט וועגן די איבערזעצונגען. ס׳ווערן אויך צוגעגעבן ציפערן צום ארטיקל „ווערק פון יידישע שרײַבער אין די יאָרן 1955 — 1961" („ס.ה.", 1962, נומ. 3).

— צום 75־טן געבורטסטאָג פון נאָכעם אויסלענדער (ביִאָ־ביבליִאָגראפישע נאָטיצן). 1968 — 12.

פינקעלשטיין א. און ראָזענהויז מ. דעם ניסטערס ווערק, 1970 — 1.

ביכער און ווערק, געדרוקטע אין זשורנאלן און זאמלביכער.

ראיוינעס ארום א ביבליִאָגראפישער רעשימע. 1967—4.

צום דערשײַנען פון דער ביבליִאָגראפישער רעשימע פון ייִדישע ביכער פארן 1965 י. (ניו־יאָרק). וועגן דער צאָל פראָזע־ווערק, דערשינענע אין אמעריקע און אין סאָוועטנפארבאנד (קאָמענטארן פון רעדאקציע).

ראָזענהויז מ. „אַף אלע טעג פון א גאנץ יאָר“. 1967 — 1.

רעצענזיע אַף א האנטבוך אונטערן זעלבן נאָמען (ווארשע, „ייִדיש בוך“, 1966).

— וועגן די ארבעטן פונעם ייִדישן ביבליִאָגראַף יעפים יעשורין. 1968 — 1.

י. יעשורין — א באוווּסטער ביבליִאָגראַף אין אמע־ריקע.

— ליטעראַרישע ירושע פון די שרײַבער — שלאכטלײַט. 1961 — 2.

קורצע ביבליִאָגראפיע פון די ווערק פון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, אומגעקומענע אין דער פאָטערלענ־דישער מילכאָמע.

— נאָכאמאָל אַף דער זעלבער טעמע. 1967 — 5.

אן ענטפער אַף קריטישע באמערקונגען פון ש. וויטין אין דער צײַטונג „פאָלקס־שטימע“ (ווארשע, 1967, נומ. 26). די באמערקונגען זײַנען נעגייע מ. ראָזענ־הויזס רעצענזיע אין „ס.ה.“, 1967, נומ. 1 אפן בוך „אַף אלע טעג פון א גאנץ יאָר“ (ווארשע, 1966).

— א נײַע ביבליִאָגראפישע אויסגאבע. 1963 — 4.

רעצענזיע אפן בוך „פרסומים יהודיים בברית המוע־צות“, ירושלים, 1961.

— א פאָר באמערקונגען צו אן אינטערעסאנטער אויסשטעלונג. 1966 — 7.

וועגן א פערעץ־אויסשטעלונג, וועלכע איז געווען אײַנגעאָרדנט אין דער נאציִאָנאלער אוניווערסיטעט־ביבליִאָטעק אין ירושאָלאַיִם.

— ש. ראָסינס ווערק (ביבליִאָגראפישע רעשימע). 1970 — 8.

שיידבערג ד. אָשער שווארצמאנס שאפונג — ניט קיין פארוואָרלאָזט פעלד. 1968 — 1.

קריטישע באמערקונגען צו ש. בעליסעס אן ארטיקל אין דער צײַטונג „פאָלקס־שטימע“ (ווארשע). אנאָ־טירטע רעשימע פון ווערק, דערשינענע אין סאָוועטנ־פארבאנד וועגן אָ. שווארצמאנס שאפונג.

„סאָוועטיש היימלאנד“

איטקאָוויטש מ. דער זשורנאל און זײַנע לייע־נער. 1970 — 1. איבערזיכט פון בריוו.

— צען יאָר „סאָוועטיש היימלאנד“ (איבערזיכט פארן פעריִאָד יול־אווגוסט 1961 — יול 1971). 1971 — 7.

פארשיידענע אלגעמיינע און סטאטיסטישע יעדיִעס. רעשימעס פון די שרײַבער, קינסטלער, מוזיקער — אָנטיילנעמער אין זשורנאל.

אין קעשענעוו מיט אונדזערע לייענער. 1968 — 11.

ארויסטרעטונגען אַף א ליטעראַרישן אָוונט פון ייִדישע, רוסישע און מאָלדאווישע שרײַבער (י. ראַ־בין, י. טשיטשעלניצקי, אי. אוליאנאָווע, י. יאקיר, מ. סאקציִער, ש. גאָרדאָן, י. שרײַבמאן, אי. סטאוו־סקאיא). ס׳ווערט אויך פובליקירט א ליד פון אי. סטאווסקאיא (אין כ. מאלטינסקיס איבערזעצונג פון מאָלדאוויש).

אראָנפעלד מ. [א בריוו אין רעדאקציע]. 1966 — 6.

א לייענער שרײַבט וועגן זײַן באציִונג צו די בעלעט־ריסטישע ווערק, געדרוקטע אין „ס. ה.“.

באגריסונגען (צו 10 יאָר „סאָוועטיש היימלאנד“), 1971 — 7.

פון שרײַבער־פארײַן פון פססר; שרײַבער־פארײַנען פון אוקראַיִנע, גרוזיע, מאָלדאוויע, ליטע; „ביראָ־בידזשאנער שטערן“, „ביראָבידזשאנסקאיא זוועזדא“ און ביראָבידזשאנער געגנטלעכער ליטעראַרישער פארייניקונג; „פאָלקס־שטימע“ (ווארשע); „דער וועג“, „זו האדערעך“ (טעל־אוויוו); פון דער גרופּע „היימ־לאנד“ (ארגענטינע), „אונדזער פרײַנט“ (מאָנטעווי־דעאָ); „מאָרגן־פרײַהײַט“ (ניו־יאָרק); פרעזידיום פון „אוניִאָן“, רעדאקציע פון דער „נײַער פרעסע“, „קול־טור־ראט באם „אוניִאָן“, פארלאג „אפּסנײַ“ (פאריזש); ייִדישער קולטור־פארבאנד אין ארגענטינע, „קאנא־דער ייִדישן וואָכנבלאט“, געזעלשאפט „פראנקרײַך — פססר“; „איקוף“־אָרגאניזאציע אין אורוגווײַ; „איקוף“ קאונסיל און לייענקרײַזן אין טאָראָנטאָ; פארייי־ניקטן ייִדישן פאָלקס־אָרדען אין קאנאדע; פון די שרײַבער אלעקסאנדער פּען, מאָרדכע אווי־שאול, רוט לעווין, אריע דעקער (אָמוס לעווין) (טעל־אוויוו); דאָרע טייטלבוים און הערש מײַער (פאריזש).

בלאָשטיין ה. דער שרײַבער און דער לייענער. 1966 — 8. צו 5 יאָר „סאָוועטיש היימלאנד“.

גאָנטאר א. קיראָוו־גאס, 17. 1971 — 7.

געדאנקען וועגן דער פּאָעזיע פון „סאָוועטיש היימ־לאנד“.

גאָרדאָן ש. הײַנטצײַטיקײַט — די וויכטיקסטע פּראָבלעם. 1966 — 8. צו 5 יאָר „סאָוועטיש היימלאנד“.

גאָרשמאן ש. צען יאָר האָרעוואניע. 1971 — 7. צו 10 יאָר „סאָוועטיש היימלאנד“.

גען ט. דאָס וואָרט — דעם לייענער. 1966 — 8. איבערזיכט פון לייענער־בריוו.

— א יובילײַ־דיִאלאָג. 1971 — 7.

א דיִאלאָג צווישן שרײַבער און א לייענער וועגן זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“.

א דאנק! 1970 — 1.

א קאָרעספּאָנדענץ וועגן דער פּאָפּולערקײַט פון „סאָ־וועטיש היימלאנד“ אין אורוגווײַ.

דרוקער אי. פינף זאטע יאָר. 1966 — 8. צו 5 יאָר „סאָוועטיש היימלאנד“.

דאָס וואָרט דעם לייענער. 1971 — 7.

אָפּרופן וועגן „סאָוועטיש היימלאנד“.

וויִאזוי רופן זיך ייִדן אָפּ אפן זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“. 1971 — 7.

איבערדרוק פון א נאָטיץ אין דער צײַטונג „אונדזער פרײַנט“ (מאָנטעווידעאָ).

וועגן דער באגעגעניש פון „סאָוועטיש היימלאנד“ מיט די טשערנאָוויצער לייענער [רעפּאָרטאזש]. 1966 — 2.

אַרײַנפֿיר פֿון כ. מעלאַמוד, רעדעס אפֿן אָוונט פֿון די אוקראַיִנישע, רוסישע און מאָלדאַווישע שרײַבער מ. בורבאַק, וו. דעמטשענקאָ און וו. לעוויצקי.

וועגדראָף ז. א וואָרט צום יובילאַר. 1971 — 7. צום יובילײ פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד".

ווערגעליס א. 10 יאָר. 1971 — 7.

„סאָוועטיש היימלאַנד" אַלס פֿאָרזעצער און באַנײַער פֿון די דוירעסדיקע טראַדיציעס פֿון דער ייִדישער ליטעראַרישער שאַפֿונג. אַלגעמיינער איבערזיכט פֿון די מער וויכטיקע ווערק, געדרוקטע אינעם זשורנאַל. די הײַנטצײַטיקע טעמע. פֿאַרגלײַכן מיט דער איצטי־קער ייִדישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד. וועגן איינצי־קע אויפֿגאַבן פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטע־ראַטור.

טאָביאַש פּ. א נײַע עסטעטישע שול אין דער ייִדישער ליטעראַטור. 1971 — 7.

א רעצענזיע וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד", איבער־געדרוקט פֿון דער אורוגווײַער צײַטונג „אונדזער פֿרײַנט".

טײף מ. מיר מעגן, מיר קאָנען, מיר דאַרפֿן... 1966 — 8, צו 5 יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד".

יאַקיר י. אין קעשענעוו. 1967 — 1.

קורצע נאָטיץ וועגן א באַגעגעניש מיט די „סאָוועט־טיש־היימלאַנד"־לייענער אין קעשענעוו.

א יאָמטעוו פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַ־טור אין מאָלדאַוויע. 1966 — 3.

נאָטיצן פֿון מ. סאַקצײַער, ע. בוקאָוו, י. יאַקיר און י. שרײַבמאַן וועגן די באַגעגענישן מיט לייענער פֿון „ס. ה." אין קעשענעוו און בעלץ.

לויצקער כ. וועגן דער דיכטונג. 1966 — 8. צו 5 יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד".

לייענער וועגן זייער זשורנאַל. 1971 — 5.

ה. געליבטערמאַן רעדט וועגן דעם אינטערעס פֿון די לייענער פֿון כמעלניצקי צו „סאָוועטיש היימלאַנד" און וועגן זייערע פֿאָרשלאָגן.

מינקין ז. לייענער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד". 1971 — 7.

באַגעגענישן אין דאָנעצק. נאָטיצן פֿון א פֿאַרשפּריי־טער פֿונעם זשורנאַל.

מעלאַמוד כ. דער ליכטיקער פּאָדעם. 1971 — 7. די ווערק, פֿאַרעפֿנטלעכטע אין „ס. ה." ווי א קינסט־לערישע ביאָגראַפֿיע פֿונעם סאָוועטישן ייִדישן דאָר.

— אין טשערנאָוויץ. 1967 — 1.

קאָרעספּאָנדענץ וועגן א באַגעגעניש פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט די לייענער.

— מאַמע־לאָשן. 1966 — 8.

צו 5 יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד".

נ[אָוויק], פּ. א שרײַבער אין „טאָג" איז נעבעך אַרײַנגעפֿאַלן. 1966 — 5.

וועגן דעם שרײַבער ע. אויערבאַך, וועלכער האָט זיך שפּעט געכאַפּט, אַז אין „ס. ה." זײַנען אײַנגעפֿירט די ענד־אויסיעס. איבערדרוק פֿון „מאָרגן־פֿרײַהײַט".

נאָך איינער שטעלט זיך אַרויס אַף לײַטיש געלעכ־טער... 1966 — 12.

וועגן בענציען גאָלדבערג, וועלכער ווייסט ניט, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד" איז א כוידעש־זשורנאַל.

סערעבריאַני י. די הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור. 1971 — 7.

איבערזיכט פֿון די וויכטיקסטע ווערק, וועלכע זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט אין 100 נומערן „סאָוועטיש היימ־לאַנד".

פֿלאַסקאָוו ה. דאָס וואָרט פֿון אַן אַלטן סאָלדאַט. 1971 — 7.

וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד".

פֿאַליקמאַן י. ליכטיק איז זײַן יעדער טאָג. 1968 — 8.

צו 5 יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד". ס'ווערט דערציילט פֿון א לייענער, וועלכער איבערזעצט ווערק פֿון „ס. ה." אַף רוסיש פֿאַר באַקאַנטע, וועלכע קענען ניט קיין ייִדיש.

פֿרידמאַן נ. בא אונדזער מיקראָפֿאָן — „סאָוועט־טיש היימלאַנד" (א בריוו פֿון ביראָבידזשאַן). 1969 — 5. וועגן רעגולערע ראַדיאָ־טראַנסלירונגען, געווידמעט „סאָוועטיש היימלאַנד".

— „סאָוועטיש היימלאַנד" אין ביראָבידזשאַן. 1971 — 7.

צוגאַסט בא די לייענער פֿון ווילנע. 1964 — 4. קאָלעקטיווער רעפּאָרטאַזש פֿון א באַגעגעניש פֿון דער רעדקאָלעגיע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט די ווילנער לייענער.

קאָטיק ב. א שמועס מיטן לייענער. 1963 — 4. וועגן דער ערשטער באַגעגעניש מיט די לייענער פֿון „ס. ה." אין מאָסקווער צענטראַלן הויז פֿון די שרײַ־בער דעם 23 מײַ 1964 י.

קאָלעקטיווער רעפּאָרטאַזש פֿון צען טשערנאָוויצער שרײַבער. 1968 — 9.

קיפּניס אי. אייניקע שטריכן צו אונדזער ליבן האָפּשטיינס גיין און שטיין. 1971 — 7.

פֿאַרשיידענע, טיילווײַז שפּאַסיקע, עפּיזאָדן.

ראַבינאָוויטש ש. צוויי עפּיזאָדן (פֿונעם נאָטיק־ביכל). 1971 — 7.

צו דער אַנטשטייונג פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד".

ראַזומני מ. וועגן דעם זשורנאַל און וועגן זײַנע פֿאַרשפּרייטער. 1971 — 7.

ראַסקין א. אונדזער גאָב דער קלאַסישער ליטע־ראַרישער ירושה. 1971 — 7.

איבערזיכט פֿון די ליטעראַריש־קריטישע און ליטע־ראַטור־געשיכטלעכע אַרטיקלען אין „סאָוועטיש היימ־לאַנד" וועגן די קלאַסיקער.

רובינשטיין אַווראָם. פֿאַרצווײַגטע טעמאַטיק [פֿון „סאָוועט. היימלאַנד"]. 1971 — 7.

רויטמאַן ש. ליריק און איר העלד. 1966 — 8. צו 5 יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד".

ריטער ד. אין צענטער פֿון די שלאַכטן. 1971 — 7. רעצענזיע אַף די נומערן 3 און 4 פֿאַר 1971. איבער־דרוק פֿון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן".

שאַך־אַנין מ. צו נײַע הייכן. 1971 — 7.

וועגן די פֿאַרדינסטן פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד".

שרײַבמאַן י. ייִדיש און סאָוועטיש. 1971 — 7. די באַדײַטונג פֿון זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

מ. ראָזענהויז

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

שרייַבער און ווערק

מיט 80 יאָר צוריק, דעם 3 פעברואַל 1892, איז אין א דאָרף הינטער וועליקיע לוקי, פסקאָווער גוב. געבוירן געוואָרן דער ייִדישער שרייַבער לייוויק כאַנוקאָוו.

געענדיקט א רוסישע אָנפאַנגשול, איז ער אוועקגעפאָרן קיין אָדעס, ווו ער האָט זיך געגרייט אלס עקסטערן אין אוניווערסיטעט. איבער דער באַרימטער פּראָצענטנאָרמע האָט ער פון דעם דאָזיקן טרוים זיך געמוזט אָפּזאָגן. גאָר פרי האָט ער אָנגעהויבן שרייַבן לידער און דערציילונגען, אייניקע לידער פאַרעפנטלעכט ער אין די רוסישע צייַטשריפטן „אָדעסקיע נאָוואָסטי", „בירזשעוויִע וועדאָמאָסטי", „סאָלנצע ראָסיִי" און אנד. קעדיי אויסמייַדן די דינסט אין דער צאַרישער אַרמיי, איז ער אנטלאָפן קיין אמעריקע און זיך באַזעצט אין פילאַדעלפיע, ווו ער האָט א צייַט געאַרבעט אין פאַרשיידענע שאַפן (וואַרשטאַטן).

אָנהייבנדיק פון 1915 האָט ל. כאַנוקאָוו פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, עסייען, ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען אין דער פילאַדעלפיער צייַטשריפט „ייִדישע וועלט", אויך אין די אויסגאַבן „אין זיך", „דער צווייַג", „באַם פייַער", „פּשאַ", „טאָג" און אנד. אין א בוכפאָרם זייַנען דערשינען ל. כאַנוקאָווס פאָלגנדיקע ווערק: „שווערע הימלען" (א זאַמלונג נאָוועלן, ניו־יאָרק, 1923), ווו ער שילדערט די שטימונגען און איבערלעבונגען אין דער צייַט פון די שוואַרצמייעדיקע און ווייַסגוואַרדייִשע פּאָגראָמען; „אין פרומע שאָען" (מיניאַטורן, דאָרט, 1925); א ריי זאַמלונגען פון דערציילונגען — „דער מענטש", „אין קלעם פון צייַט" אאַ.; א זאַמלונג „ליטעראַרישע עסייען", די ראָמאַנען „סובמאַרין", „באַנקראָט" און נאָך ווערק.

לייוויק כאַנוקאָוו איז געשטאָרבן דעם 25 סענטיאַבער 1958 אין ניו־יאָרק.

דעם 20 פעברואַל 1877, מיט 95 יאָר צוריק, איז אין לעמבערג (לוואָוו) געבוירן געוואָרן דער ייִדישער היסטאָריקער, פּראָפעסאָר מייער־שמואל באַלאַבאַן.

געשיכטע און פילאָסאָפיע האָט מ.־ש. באַלאַבאַן שטודירט אין לעמבערגער אוניווערסיטעט, ווו ער האָט באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע און פּראָפעסאָר פון אַלגעמיינער געשיכטע און געאָגראַפיע. אין 1926 איז ער געוואָרן פּראָפעסאָר פון געשיכטע אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט.

צו די וויכטיקסטע ווערק פון

מ.־ש. באַלאַבאַן איבער ייִדישער געשיכטע געהערן: „ייִדן אין לעמבערג אָף דער גרענעץ פון XVI און XVII יה." (וואַרשע, 1906), „געשיכטע פון ייִדן אין קראָקע" (2 בענדער), דערשינען אין 1910. אין צוזאַמענהאַנג מיטן ביילים־פּראָצעס האָט ער אָנגעשריבן א גרויס ווערק „צו דער געשיכטע פון די אַליליאַס־דאַם־פּראָצעסן". אין 1921 איז אין וואַרשעווער „אַלמאַנאַך מאָמענט" פאַרעפנטלעכט געוואָרן זייַן ווערק „צו דער געשיכטע פון די ייִדישע דרוקערייַען אין פוילן". ער איז אויך אויטאָר פון די וויסנשאַפטלעכע ווערק „ייִדן אין פוילן" (שטודיומס און שילדערונגען פון פאַרגאַנגענע טקופעס), „די ייִדנשטאָט לובלין".

געשריבן האָט מ.־ש. באַלאַבאַן צוערשט אין פויליש, דייַטש און העברעיִש. אין 1918 האָט ער אָנגעהויבן שרייַבן אין ייִדיש.

מייער־שמואל באַלאַבאַן איז געשטאָרבן דעם 26 דעקאַבער 1942 אין וואַרשעווער געטאָ.

די רעדקאָלעגיע און די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" דריקן אויס זייער דאַנק און אָנערקענונג די כ"כ י. ראַבין, ר. רובין, י. פאַליקמאַן, וועלכע זייַנען איצט איבערן געזונט־צושטאַנד באַפרייַט געוואָרן, לויט זייער באַקאָשע, פון די פליכטן פון מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע.

רעדקאָלעגיע און רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

מוישע איטקאָוויטשן — 70 יאָר

מ. איטקאָוויטש איז איינער פון די עלטסטע און פאַרדינסטפולע טוער אפן געביט פון ייִדישן סאָוועטישן פאַרלאַג־ און פּרעסע־וועזן, ער אַרבעט שטענדיק מיט גרויס אַכרײַעס און איבערגעגעבנקײַט. אויך איצט, אין עלטער פון 70 יאָר, פאַרלאָזט ער ניט דעם רעדאַקציאָנעלן טיש.

ער איז געבוירן געוואָרן אין פעברואַל 1902 אין מינסק. אין די יוגנט־יאָרן איז ער געווען א שוואַרצאַרבעטער אף א טאַבאַקפאַבריק אין קרעמענטשוק. אין 1918 האָט ער זיך אומגעקערט קיין מינסק. געווען א קאָמיוגישער אַקטיוויסט. מע האָט באמערקט זײַן קענען די ליטעראַרישע ייִדישע שפּראַך און אים אײַנגעלאַדן (1922) אף אַרבעט אין דער מינסקער טעגלעכער צײַטונג „אָקטיאַבער". כוץ דער רעדאַקציע־אַרבעט, האָט ער אויך געשריבן אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן.

אין 1925 פּאָרט ער אַריבער קיין מאָסקווע. עטלעכע יאָר האָט ער דאָ געאַרבעט אַלס ביבליאָטעקער אין צענטראַלן ייִדישן אַרבעטער־קלוב „קאָמוניסט", דערנאָך אַריבער אף אַרבעט אין דער ייִדישער סעקציע פונעם צענטראַלן פעלקער־פאַרלאַג. אָנהייבנדיק פון 1931 אַרבעט ער אין „עמעס"־פאַרלאַג, וווּ ער קאָרעגירט די ווערק פון די קלאַסיקער פון מאַרקסיזם־לעניניזם, די ווערק פון מענדעלע, פּערעץ, שאָלעם־עליכעם, פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער.

מ. איטקאָוויטש האָט א סאַך איבערגעזעצט, רעדאַגירט איבערזעצונגען פון אַנדערע. צו זײַנע גרעסערע איבערזעצונגען געהערן דאָס סטאַבילע לערנבוך „געשיכטע פון מיטלאַלטער" פון פּראָפ. יע. קאָסמינסקי, די קאָלעקטיווע אַרבעט פון גראַווע, ניעטשקינא, פּאַנקראַטאָווא און סידאָראָוו — „עטיודן צו דער געשיכטע פונעם פּראָלעטאַריאַט אין פססר" אא. ער איז, צווישן אַנדערס, דער רעדאַקטאָר פון דער ייִדישער איבערזעצונג פון וו. אי. לענינס בוך „צוויי טאַקטיקעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע", שוין אָפּגערעדט פון דער ריזיקער צאָל אַרטיקלען, רעדעס, דאָקומענטן, וועלכע ער פלעגט איבערזעצן פאַר דער טעגלעכער פּרעסע.

מוישע איטקאָוויטש פאַרמאָגט ערנסטע ליטעראַרישע און פּובליציסטישע פייִקייטן, זײַנע אַרטיקלען און פאַרצייכענונגען האָבן זיך געדרוקט אין די צײַטונגען „דער עמעס", „אייניקייט", „ביראָבידזשאַנער שטערן" און אין די ייִדישע פּראָגרעסיווע צײַטונגען אין אויסלאַנד.

פון זינט עס דערשײַנט „סאָוועטיש היימלאַנד", איז מוישע איטקאָוויטש א שטענדיקער מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל, רעדאַקטאָר און איבערזעצער, אוטאָר פון איבערזיכטן און רעצענזיעס.

מ. ראָזענהויז

נײַס פון אויסלאַנד

רעפעראַט פון א ייִסראָעל־געלערנטן

אינעם פרײַנטשאַפט־הויז אין טעל־אוויוו איז אויסגעהערט געוואָרן א רעפעראַט אף דער טעמע „באַגעגענישן מיט סאָוועטישע געלערנטע". געלייענט דעם רעפעראַט האָט אן אָנטיילנעמער פון די וויסנשאַפטלעכע קאָנפערענצן אין מאָסקווע און אין טביליסי דר. קאַלמען אַלטמאַן.

רעסטאַווראַציע־אַרבעטן אפן קייווער פון עסטער האַמאַלקע

אין שײַכעס מיט די פײַערונגען פון 2500 יאָר זינט דער גרינדונג פונעם פּערסישן קיניגרײַך האָט די דאָרטיקע ייִדישע באַפעלקערונג דורכגעפירט רעסטאַווראַציע־ און בוי־אַרבעטן אפן קייווער פון עסטער האַמאַלקע און מאָרדכע, וואָס געפינט זיך אף דער טעריטאָריִע פון עקבאַטאַן. באַם קייווער איז פאַרפלאַנצט געוואָרן א גאָרטן.

די ייִדישע באַפעלקערונג אין פּערסיע (איראַן) ציילט איצט 65 טויזנט מענטשן (אין דער הויפּטשטאָט פון לאַנד, טעהעראַן — 40 טויזנט).

א נײַער קלוב פאַר ייִסראָעל־סאָוועטישער פרײַנטשאַפט

אין טעל־אוויוו איז געעפנט געוואָרן א נײַער קלוב פאַר ייִסראָעל־סאָוועטישער פרײַנטשאַפט.

אף דעם פײַערלעכן כאַנוקאַס־האַבאַיִס האָט זיך פאַרזאַמלט א גרויסער עולם. מיט רעדעס זײַנען אַרויסגעטראָטן דער דיכטער מאָרדכע אווי־שאול, דער זשורנאַליסט י. אַלגאַזי, דער פאָרשטייער פון דער פרײַנטשאַפט־באַוועגונג אין נאַזאַרעט דר. ראַשיד סאַלעם, איינער פון די אָנפירער פונעם לינקן ציִעניסטיש־סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד שאָלעם קעלעוו, דער אָנפירער פון דער פרײַנטשאַפט־באַוועגונג מ. איידעלבערג אא.

כראָניק

שריפטלעכע באַגריסונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער סימכע זײַנען דערהאַלטן געוואָרן פון יאַנקעוו ריפּטין (קיבוץ אין שאַמער) און פון אַווראָם נוימאַן (ייִסראָעל־קאָרעספּאָנדענט אין מאָסקווע).

א קינאָ־לעגנטע פונעם „פידל אפן דאַך"

אין יוגאָסלאַוויע האָט מען לעצטנס געשאַפן א פילם לויט דער מוזיקאַלישער קאָמעדיע „דער פידלער אפן דאַך", וואָס איז א מין באַאַרבעטונג פון „טעוויע דער מילכיקער". די ראָל פון דער שאַדכנטע פּילט אויס די באַרימטע אַקטריסע מאַלי פּיקאָן.

ניט געקוקט אף אירע 72 יאָר, שפּילט נאָך ביז איצט מאַלי פּיקאָן אין די טעאַטערס פון ניו־יאָרק און אַנדערע אַמעריקאַנער שטעט. מע רופט זי „די לעדי פון ייִדישן טעאַטער".

■ ■ ■

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, С. Гордон, Т. Ген, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, Б. Миллер, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректор И. Гегерман

Подписано к печати 18/I 1972 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 951.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
Главполиграфпрома Комитета по печати
при Совете Министров СССР
г. Москва, пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 2

1972

В НОМЕРЕ:

И. Рабин. Мой дорогой чудак (роман. Окончание).

Стихи Я. Штернберга, А. Гонтаря, Д. Бромберга, Ш. Дриза.

Рассказы М. Кобрянского, М. Елина.

Из литературной сокровищницы. Рассказы И. Опатошу.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

Г. Ременик. Менделе Мойхер-сфорим и Шолом-Алейхем.

А. Вергелис. Книга о советской еврейской литературе.

А. Нюренберг. Богатая палитра.

Литературный дневник. В. Огнев. Критика и критики.

Комментарии редакции. Наша реплика. Листая журналы и газеты. Библиография. Разное. Хроника. Заметки на календаре.